STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00876

ALTS IN EYN LEBN

I. B. Bailin

Permanent preservation of this book was made possible by
Capt. Howard Freiberger, USNR (Ret.)
in memory of
Lillian & Moses Freiberger

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים שווארץ
ביבליאטעק

אַלץ
אין
איין לעבן



אויטאָביאָגראַפיע

פון

י ב ביילין

אַרויסגעגעבן פון י. ב. ביילין בוך קאָמיטעט
ניו יאָרק

ALTZ IN EIN LEBN

© Copyright, 1970
Jeanette Bailin Cohen

הילע און שער־בלאַט געצייכנט פֿון יודל קאָהען.

Cover and Title Page
by Julius Cohen

Published by:
I. B. BAILIN BOOK COMMITTEE
J. COHEN, Secretary
13 Margaret Court, Brooklyn, N. Y. 11235

י. ב. ביילין אין 1933

געצייכנט פון מאלער, מאקס ראבאָי, אין ניו יאָרק

דער בוך ווערט געווידמעט

די אייניקלעך און אור־אייניקלעך

פון **י. ב. ביילין**

און דעם נייעם דור יוגנטלעכע,

וועלכע האָבן אויפגעהויבן דעם קאַמף

קעגן מלחמה, קעגן ראַסן־האַס און דיסקרימינאַציע,

פאַר אַ וועלט פון ברידערלעכקייט און שלום —

אָן הונגער און אָן נויט.

אַ פּאָר ווערטער צום לייענער

ווען מיין פֿאָטער, י. ב. ביילין, האָט אָנגעהויבן טראַכטן און רעדן וועגן אָנשרייבן זיין אויטאָביאָגראַפיע, האָבן אַ צאָל פֿון זיינע פריינט און קאָלעגן אים גע'עצה'ט אַז ער זאָל אָנהויבן אינמיטן... ד. ה. פֿון דער צייט ווען ער איז געוואָרן קלאַסן־באַוואוסטזיניק און איז געוואָרן אַ טעטיקער מיטגליד אין די רייען פֿון דער דעמאָלטיגער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין צאַרישן רוסלאַנד.

ער האָט אָבער געפֿילט, און איך גלויב מיט רעכט, אַז נישט דאָס אַליין איז וויכטיק. וויכטיק איז זיין לעבן אַלס קינד און אַלס אינגל, און אַרויסהויבן זיינע אייגענע איבערלעבונגען און די געשעענישן וואָס זיינען פֿאָרגעקומען אין יענער צייט, וועלכע האָבן אים אויסגעפֿורעמט צו גיין אין ד ע ר ריכטונג אין וועלכער ער איז געגאַנגען. איך גלויב, אַז די מאָמענטן ווערן זייער קלאָר אַרויסגעבראַכט אין דעם בוך.

אויב ער וואָלט היינט געלעבט, וואָלט ער געשעפּט פיל, פיל נחת פֿון דער היינט־צייטיקער אַמעריקאַנער יוגנט, ווע‎מעס דערציאונג וואַקסט פֿון טאָג צו טאָג... אַ דערציאונג וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ צען־צוועלף יאָר צוריק, אויף זייער אַ באַשיידענעם אופֿן, ווען די סטודענטן און יוגנט־לעכע האָבן אָנגעהויבן נעמען אַן אַקטיוון אנטייל אין דער דעמאָלטדיקער „סיוויל רייטס" באַוועגונג. עס וואָלט פֿאַר אים געווען ווי אַן איבערלעבונג פֿון זיין אייגענער יוגנט — כאָטש אין אַן אַנדער לאַנד, אונטער אַנדערע באַדינגונגען און אומשטענדן — — אָבער דער קאַמף געגן אַן אומגערעכטע מלחמה, קעגן דער אונטערדריקונג פֿון מינאָריטעטן פֿון דער באַפעלקערונג, און דער קאַמף קעגן הונגער און נויט זיינען זייער ענלעך צו די היינט־צייטיקע קאַמפֿן.

כאָטש דער טויט האָט איבערגעהאַקט זיין שרייבן, און כאָטש דער בוך דערגייט בלויז ביז אַרום 1907, העלפט די אָפּטיילונג פֿון זיינע פּער־זענלעכע בריוו, געשריבן צו פֿאַרשידענע מיטגלידער פֿון זיין משפחה ווען ער איז געווען פֿאַרשיקט אין טשאַרני־יאַר (אסטראכאנער גובערניע, סיביר) דערגאַנצן דעם טייל פֿון זיין לעבן, אידער ער איז געקומען קיין אמעריקע.

* *

ניט לאַנג צוריק האָט קלייוו באַרנס, טעאַטער קריטיקער פֿון דער „ניו יאָרק טיימס" געשריבן וועגן דעם דראַמאַטורג, העראָלד פּינטאָר:
אַז . . . „ער הילכט אָפּ — אין אַ סעריע פֿון כסדר'־ענדערנדיגע אָפּ־

שפיגלונגען — די שרעק פון דעם מאָדערנעם מענטשן צו מאַכן פאַרבינדונגען ניט נאָר מיט זיינע מיט־מענטשן נאָר אויך מיט זיין אייגן לעבן. ער איז אַ פּאָעט פון דעם 20־טן יאָרהונדערט. ער פאַרשטייט אָבער אויך, מיט אַ געוויסער דורכגעציטערקייט, דעם געקלאַנג פון דעם נייעם גלאָק. דאָן (דער פּאָעט) האָט געמאַכט אַ טעות. יעדער מאַן איז אַן אינזל — וועלכער שוועבט אין די ספערן פון זיין פולשטענדיקן באַוואוסטזיין, שטייענדיק פּנים־אל־פּנים מיט די שדים פון זיין אייגענער פאַנטאַזיע...״

איך ברענג דאָ די ציטאַטע, ווייל איך גלויב אַז, אין תוך, סומירט עס דאָס, וואָס מיין פאָטער, י. ב. ביילין, איז באַשטאַנען אַרויסצוברענגען אין דעם בוך. ער האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע (און איך גלויב ער האָט עס קלאָר באַוויזן צו טאָן) — צו באַווייזן וואוהין די איבערלעבונגען און דערפאַרונגען פון אַ מענטשן דערפירן אים. ער האָט זיך זייער גוט צוגעהערט צו דעם נייעם גלאָק פון דעם 20־סטן יאָר־הונדערט און האָט געהאָלפן צעטראָגן די טענער צו אַלע עקן פון דער וועלט, וואו נאָר זיין שטים אָדער זיין פען האָט דערגרייכט.

„...כ׳האָט אַ נייעם גלאָק באַשאַפן,
צו דערוואַכן אַלע שקלאַפן,
ניט אין קירכן, אין דער לופטן
הענג איך אים אַרויף.
„נישט צו שרעקן, נאָר צו וועקן
גאָר די וועלט, אין אַלע עקן —
קלינגט ער מוטיק,
רופט ער פריילעך;
שטייט אויף! שטייט אויף! שטייט צום לעבן אויף!״

אברהם רייזען

צו דער זעלבער צייט וויל איך באַדאַנקען די מיטגלידער פון דעם י. ב. ביילין איקוף קלוב פון קוני איילאַנד און סי־גייט; די מיטגלידער פון דער י. ב. ביילין שטודיר גרופּע און פון י. ב. ביילין בוך קאָמיטעט, ווי אויך די נאָענטע פריינט, ראובן יוקלסאָן, בער גרין, מאָריס יו. שאַפּעס, לעאַ אויערבאך; מיין ברודער משה מיכל ביילין; מיין מאַן, יודל קאָהען; און מיין טייערע קוזינע, סילוויע ביילין סילווער פאַר דערמוטיקן מיר און העלפן מיר, צוזאַמען מיט דער פינאַנציעלער מיטהילף פון אַלע ספּאָנסאָרס, אַרויסצוגעבן דעם בוך. נעמט אַלע צו מיין האַרציקן דאַנק.

דזשאַנעט ביילין קאָהען

אינהאַלט

אַ וואָרט צו די לייענער .... פון דזשאָנעטביילין קאָהען

קאַפּיטל — זייט

אויטאָביאָגראַפיע

1. מיר שטעלן זיך אָפּ אין וואַרשע 1
2. קומען אָן אין לאָדזש 6
3. מיין ערשטער חדר 12
4. אַ נייע דירה 16
   ווען זלמן מייזל׳ס קינד שטאַרבט 20
5. מיין ערשטע באַגעגעניש מיט אַ פּען 22
6. דער גוטער שותף 26
7. איך באַגעגן דעם לאָדזשער רב 33
8. אין טאַטנ׳ס שולע 36
9. מיט דערוואַקסענע אין דער סוכה 39
10. איך פאַרליר מיין טאַטן 44
11. ביים רב אין הויז 49
12. איך ווער אַ פאַרדינער 55
13. ביי אַ נייעם מלמד 60
    ווידער אַ נייע דירה 63
14. גנבים אין מיטן העלן טאָג 65
15. די כאָלערע כאַפּט מיך 70
    דער ערשטער „ערשטער מאַי" אין לאָדזש 72
16. די פאַמיליע פאַרגרעסערט זיך 77
17. אין דער וועלט פון שרעק 83
18. אונזער נייע וואוינונג אין ווילקע 92
19. מיין ברודער ברענגט אַ „גאַסט" 97
20. מיין דרייצענטער יאָר 102
21. נסיונות און דמיונות 109
22. מיינע בלאָנדזשענישן 116
23. אין זוכעניש פאַר דעם אמת 124
24. דער סטראַזשניק כאַפּט אָן אומשולדיגן 130
25. אַ באַפרייטער צוריק אין לאָדזש 140
26. מיין צווייטע פלאַמענדיגע ליבע 149
27. די צווייטע גרויסע שרפה אין בריסק 157

אינהאלט

קאַפּיטל | זייט

28. אין אַקטיווער דינסט 161
29. 1902 169
30. געשעפט און שווינדל 174
31. צעטיילונג פון „אומלעגאלע" צייטונגען 184
32. דער קישינעווער פּאָגראָם — 1903 186
33. אַן אָרגאַניזאַציע פון די פּריקאַזטשיקעס 196
34. אין דער קאַלישער טורמע 207
35. צווישן די הונגער סטרייקערס 214
36. אין אויפשטאַנד 217
37. אַ קורצער פרילינג אין שעראַדז 225
38. נאָכן זיג 228
39. יאַנקל קאַציק — נאָך אמאָל מיין קאַמער־חבר 235
40. צוריק אין דער היים 240
41. די ערשטע באַוואָפנטע דעמאָנסטראַציע אין לאָדזש 247
42. דער פּריזיוו 253
43. די באַוועגונג ברייטערט זיך אויס 261
44. איך פאַר זיך קורירן 269
45. אַ באַהעלטעניש אין די בעלאָוועזשער וועלדער 275
46. מיט משה כצ'ן אין ווינטער פון 1907־1908 285

צווייטער טייל

פּערזענלעכע בריוו געשריבן צו מיטגלידער פון דער משפחה אין אמעריקע

1. לאָדז, דעם 8 טן אַפּריל, 1908 — געשריבן צו נחמיה עפּשטיין 291
2. טשאַרני יאַר, אסטראַכאַנער גובערניע — דעם 7־טן יוני, 1909 געשריבן צו חוה עפּשטיין 293
3. טשאַרני יאַר — דעם 3־טן יולי, 1909 — געשריבן צו חוה (עווא) עפּשטיין 295
4. טשארני־יאַר, דעם 25־טן אווגוסט, 1909 געשריבן צו נחמיה עפשטיין 297
5. טשארני־יאַר, דעם 5־טן סעפּטעמבער, 1909 — געשריבן צו חוה עפשטיין 302
6. טשארני־יאַר. 23־טן אקטאָבער, 1909 — געשריבן צו חוה עפשטיין 306

אינהאַלט

זייט

7. טשארני־יאַר, נאָוועמבער, 1909 — געשריבן צו צינה עפשטיין 308
8. טשארני־יאַר, דעצעמבער 10־טן, 1909 — געשריבן צו חוה עפשטיין 310
9. טשארני־יאַר, 15־טן פעברואַר, 1910 — געשריבן צו חוה עפשטיין 317
10. טשארני־יאַר, 6־טן אַפּריל, 1910 — געשריבן צו חוה עפשטיין 323
11. טשארני־יאַר, 4־טן מאַי, 1910 — געשריבן צו נחמיה עפשטיין 328
12. טשארני־יאַר, יוני, 1910 — געשריבן צו נחמיה עפשטיין 333

דריטער טייל

בילדער פון י. ב.ביילין און מיטגלידער פון זיין משפחה 335
גרופּע בילד אויף וועלכער י. ב. ביילין געפינט זיך מיט אַ סך פון זיינע פּאָליטישע חברים — גענומען אין טורמע אין שעראַדז

פערטער טייל 343

לידער

פון מיין טורמע אלבום — די ערשטע שוואלבן 345
פון מיין טורמע אַלבום 346
פון מיין טורמע אַלבום (סעריע טורמע ראַמאַנסן) 347
פון מיין טורמע אַלבום (טורמע ראַמאַנס) 348
פון מיין טורמע אַלבום 349
פרילינגס ווערק 350
י. ל. פּרץ 351
מיט גאָלדענע אותיות 352
די נייע וועלט 353
ברוך הבא — מאָריס ווינטשעווסקי'ן 355
שלום עליכם 356
מיר שניידער, מיר שניידער 357
פאַרוואָס אַזוי גיך? 358
אין גליקליכע סעקונדן 359
טיף אין טרויער 360
דער פּאָעט 362
יוגנט 363
ברוך הבא — משה אַלגינ'ען 364

אינהאַלט

זייט

פון די חורבות	365
די פאַן	367
זעסט מיין פריינט	368
די נייע פרוי	369
מיר קומען אין רייען (מאַדערנער פרויען מאַרש)	370
נאָך דער אַטאַקע . . .	371
די לעצטע צו גיין	373
בשעת מגפה	374
שניי־לידער	375
לאָמיר זינגען אַ געזאַנג	376
מיר בענטשן . . . (צו קאַרל מאַרק׳ס הונדערט יאָריקן געבורטסטאָג)	377
דעבס	379
שפּילן מיר אין שניי (קינדער־ליד)	380
דייטשלאַנד	381
שלאָף רואיק (אויפן פרישן קבר פון מאָריס ווינטשעווסקי)	382
קאָאָפּעראַציע	383
נאַכט־ליד	384
חנוכה ליכטלעך	385
לעניג׳ס פּעדעסטאַל	386
די נייע מתן־תורה	387
יזכר	389
צו מיין באַליבטן פּאָעט	390
פּסח אין וואַרשעווער געטאָ	391

פינפטער טייל

ווערטער־ביכל	393
ערן־צעטל פון ספּאָנסאָרס	401

* * *

א ו י ט אָ ב י אָ ג ר אַ פ י ע

אַלץ אין איין לעבן

קאַפּיטל איינס

מיר שטעלן זיך אָפּ אין ווארשע

די באַן לויפט ווי אַ טייוול וואָלט זי נאָכגעיאָגט. עס זעט אויס ווי דער טאָג איז אויך אַ געיעג מיט איר. ער, דער טאָג, שטייט שוין אַ טיף־פאַרנייגטער, ווי א פריינט פאַר א דאמע. מיט אַמאָל לאָזט די באַן ארויס אַ פּייף און גיט זיך ראפּטאָם א שטעל אָפּ מיט א שטאַרקן טרייסל. עס וועקן זיך אויף אפילו די וואָס האָבן צוגעדרעמעלט.

„איז דאָס שוין וואַרשע?" פרעגן איבער עטלעכע שטימען. די קינדער אין וואַגאָן, היפּשלעך דערשראָקענע, פילדערן, איניגע וויינען, טוליען זיך צו די עלטערן. איין אינגעלע נעמט פּאַטשן מיט די הענטלעך פון פרייד, פּרוּאווט זיך איינשטילן זיין איבערגעשראָקן שוועסטערל, בעת זייער מוטער כאַפּט זיך צונויפנעמען די פּעקלעך, פאַרפעסטיגן זיי פארן אַראָפּגיין.

„צינע, שטיל איין די קינדער. זעסט דאָך, אז איך בין פאַרנומען," בעט זי ביי דער היבשלעך דערוואַקסן מיידל. „גיב זיי עפּעס אַ שפּילצייג — און הייב אָן אַרויסגיין מיט זיי."

דאָס מיידל, צינע, נעמט אָן דאָס אינגעלע ביי איין האַנט, זיין קליין שוועסטערל ביי דער צווייטער, און הייבט זיך אָן ארויסרוקן פון דעם וואַגאָן.

„מומע," רופט זי אויס, „פאַרגעסט דערווייל נישט צו נעמען אויך מיין טשעמאָדאַן."

„נאַריש מיידל, אוודאי וועל איך נעמען," און הייבט זיך אָן צו רירן מיט די פּעקלעך. „... איך וואָלט שוין וועלן זיין אויפן אָרט, אין לאָדזש. רוקט זיך אונז איין אין מיטן דער שבת. מיר'ן שוין דאַרפן איבערשטיין אַ גאַנצן מעת לעת."

„און מיר געפעלט עס גראָד זייער גוט. איך וועל דערווייל זען וואַרשע," באַמערקט צינע.

„לאָדזש איז אויך נישט קיין קליין שטעטל, וועסט נאָך זען און זען," ענטפערט זי איר ארויסשטופנדיק זיך מיטן גאַנצן געפּעק.

פּאַסאַזשירן שטופן זיך ארויס פון באַן. די קליינע פאַמיליע דינגט אַ דראָשקע. זיי פאָרן פאַרביי זייער שיינע גאַסן מיט הויכע, פּילשטאָקיקע

הייזער און פיינע געשעפטן. דאָס אינגעלע פּרואווט אָנהענגען די אויגן אָן יעדן פון זיי. די דראָשקע פאָרט אָבער צו שנעל, אַז ער זאָל זיך קענען אָננעמען מיט זיי. און אָט קומען זיי אָן אין אַ אידישן געגנט און דערפרעגן זיך אויף אַ הויז פון וועלכן די מוטער האָט אָן אַדרעס.

אין דעם הויז וואוינען קענטיק צענדליגער פאַמיליעס. אינעם טויער זיצן מענטשן, מערסטנס עלטערע פרויען און מענער. זיי פּרואוון ארויפּ־צוגנב'ענען אויף זיך עטלעכע זונשטראַלן. מענטשן גייען אריין און ארויס. אין דער שטופעניש פאַרלירט זיך דאָס אינגעלע. ער זעט זיך פּלוצלונג אויסער דעם טויער און שטייט פאר א שוי־פענסטער. זיינע אויגן ווערן פאַרכאַפּט פון אַן אָנגעשטאָפּטן האָז, וואָס קוקט אויס פּונקט ווי אַ לעבעדיגער. די אויגן זיינע טאַנצן אַרום די פילצאָליגע צוקערוואַרג פיגורן. ער וואָלט וועלן יעדן איינציגן פון זיי פאַרצוקערן. אָבער דאָס איז דאָך נישט דאָס איינציגע געשעפט, וואָס ער האָט פריער געזען. רוקט עס אים פון געשעפט צו געשעפט. יעדער שוי־פענסטער איז פאר אים א נייע וועלט, פול מיט זאַכן, וואָס ער האָט פריער אפילו אין חלום קיין מאָל נישט געזען. ווען די גאַס ענדיגט זיך, ווערט ער אויף אַ רגע אומרואיג, אָבער ער געפינט זיך שוין אויף א צווייטער. און אומעטום פאַרשיכור'ט ער זיך מיט נייע זאַכן וואָס בלענדן מיט איבעראַשנדיגע נייקייטן. עס זעט אויס, אַז זיי וועלן זיך שוין קיין מאָל נישט ענדיגן.

דערווייל, אָבער, ווערט אַלץ טונקעלער. געשעפטן פאַרמאַכן זיך שוין און אַ נאַגנדיגער הונגער נעמט די איבערהאַנט. ער האָט שוין לאַנג צוריק געוואָלט עסן, אָבער די אַלע נייע זאַכן האָבן אים אָנגעפילט מיט אַזאַ מין שפּייז וואָס קיין געשמאַקערעס האָט ער נאָך קיין מאָל נישט פאַרזוכט. איצט, אָבער, איז ער שוין איבערגעזעטיגט. אנשטאָט צו גיין ווייטער האָט ער גענוגג פארשטאַנד אומצודרייען זיך אויף צוריק. ער נעמט פאַרשנעלערן זיינע טריט, כמעט ווי לויפן; אָבער וואוהין, ווי ווייט לויפן? וועט ער דערקענען די גאַס ביי וועלכער זיי האָבן זיך געהאַט אָפּגעשטעלט? דאָס הויז, דעם טויער? ער הייבט אָן צו פארלאַנגזאַמען זיינע טריט — און וואָס וועט זיין אַז ער וועט ניט געפינען דאָס הויז? וואו וועט ער גיין? ווי אַזוי וועט ער געפינען זיין מאַמען? ווי אַזוי וועט ער פאָרן קיין לאָדזש זען דעם טאַטען?

וואָס מער ער קלערט פון אָט די פראַגן, נעמט ער זיך פילן אַלץ מער אַ פאַרלאָרענער, ער פילט ווי ער איז אין אַ גרויס אומגליק. און וואָס טוט זיך דאָרטן אין קאַטלאָווע? ווער שפּייזט דאָרטן די קאַץ? די פעטע קאַץ וואָס פלעגט אים אָנוואַרעמען יעדע נאַכט די קאַלטע פיס? וואו איז אין ערגעץ דעם פריצ'ס מיידעלע, וואָס האָט אים שטענדיג אַזוי גוט אויפגענומען.

ער גייט ווידער אריבער די גאַס. ער וואַרפט זיינע אויגן אזוי ווייט ווי ער קען נאָר, אָבער דאָס הויז דערקענט ער ניט. אַזאַ טויער זעט ער נישט. ער איז א פאַרפּאַלענער. וואָס וועט דאָ זיין? עס ווערט אים פאַרדריקט דאָס האַרץ. ער פילט ווי צו וויינען, ביטער צו וויינען. און וואָס מער ער קלערט וועגן וויינען, אַלץ מער דריקט אים דאָס הארץ. אָבער וויינען העלפט פּאַרט, קלערט ער זיך. ער דערמאָנט זיך ווי, מיט א צייט צוריק, די איינציגע בהמה וואָס זיי האָבן געהאט אין קאַטלאָווע האָט אויסגעצויגן אירע פיס. ווען ער האָט געוואָלט זיין מילך און די מאַמע האָט אים דערמאָנט אַז עס איז שוין מער ניטאָ קיין בהמה, און ער האָט זיך שטאַרק צעוויינט, איז אָנגעקומען ברײנע מיט אַ גרויסער גלאָז מילך.

ער דערמאָנט זיך, אז וויינען האָט אים אויך געהאָלפן ביי דער שריפה, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, כמעט אַ דערשטיקטער פון רויך און האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. ער קען נאָך אפילו יעצט הערן די קוויטשעריי פון די חזירים אין די שטאַלן ווען זיי האָבן זיך שוין געשמאַליעט אין די פלאַמען. און ווידער האָט ברײנע דערהערט זיינע געשרייען און געוויין און גערופן זיין מוטער: „כאשע! זעט וואָס איז דאָס מיט אייער אינגל?" ער געדענקט, ווי די מוטער איז אריינגעלאָפן, נישט טויט נישט לעבעדיג, אַ כאַפּ געטאָן אים אין אירע אַרעמס און ארויסגעאיילט אים פון דעם רויך און פון דער שטיקעניש.

נישט באַמערקנדיק אליין, דערהערט ער זיך וויינען. די טרערן גיסן זיך פון זיינע באַקן און מאַכן אים נאַס דאָס האַלז. דאָס פאַרגרעסערט נאָך זיין געוויין און צום הויז איז נאָך אַלץ ווייט, אַזוי ווייט, אַז ער ווייס שוין נישט צי עס עקזיסטירט אַזאַ הויז. ער איז שוין גוט פארמאטערט פון גיין און פון וויינען. ער שטעלט זיך אָפּ גלאַט אזוי לעבן אַ הויז, אָפּצורוען זיך, אָבער ער הערט נישט אויף צו וויינען. אין דעם מאָמענט, ווען ער הייבט זיך שוין אָן מיאש צו זיין, שטעלט זיך פּלוצלינג לעבן אים אָפּ אַ מיידל, גיט אים אַ גלעט איבערן פּנים: „אינגעלע, וואָס וויינסטו? האָט דיר אימיצער געשלאָגן?" „ניין," ענטפערט ער, „קיינער האָט מיר נישט געשלאָגן. איך האָב זיך פאַרבלאָנדזשעט און קען נישט געפינען מיין מאָמען."

„וואו וואוינט דיין מאַמע, אויף וועלכער גאַס?"

„איך ווייס נישט", ענטפערט ער.

„ווי אַלט ביזטו?

„איך ווער באַלד פיר יאָר."

„ווערסט דערקענען דאָס הויז? קום, לאָמיר גיין; אפשר ווערסטו דערקענען."

זי נעמט אים אויף די הענט. ער פילט ער איז צו שווער פאַר איר. ער פּרוּאווט זיך מאַכן אַזוי לייכט ווי ער קען נאָר. אים געלינגט איר אַ קוק צו טאָן גלייך אין די אויגן. ער וואָלט געשוואָרן, אַז דאָס איז דעם פּריץ׳עס טאָכטער פון קאַטלאָווע, נאָר זי איז פיל עלטער ווי יענע. זי דריקט אים צו שטאַרק צו זיך און ער פילט זיך ווי ער וואָלט געווען אין זיין מאַמע׳ס אָרעמס, אַ באַשיצטער, אַ זיכערער. ווען ער וואָלט זיך געקענט אַ ביסל העכער אויפהייבן אין אירע אָרעמס, וואָלט ער זי אַ קוש געטאָן, אַזוי ליבלעך איז זי.

און אָט גייען די גאַסן שנעל פאַרביי, נישט אַזוי שנעל ווי פריער מיט דער דראָשקע, אָבער נישט אַזוי פּאַמעלעך ווי ווען ער איז אליין געגאַנגען. און ביסלעכווייז ווערט ער אַ באַרואיקטער. ער פילט זיך אין גוטע הענט. עס ווילט זיך אים כמעט גאָרניט וויינען. און אָט ווי עס וואָלט אים אַ בליץ אריין אין קאָפּ, דערזעט ער אַ הויז, און אָט איז עס... „אַהער איז מיין מאַמע אריין", און ער וויזט דעם טויער. איר פּנים לויכט אויף פון פרייד. זי זעט קופּקעלעך מענטשן אויף יענעם זייט טויער. זי גייט גלייך צו צו זיי מיט אַ געשריי, „אָט איז ער!"

ווי פון אונטער דער ערד וואַקסט פּלוצלונג אויס די פאַרווייַנטע מאַמע, מיט אַ געשריי — „גאָט מיינער!" זי טוט אַ כאַפּ דאָס אינגעל אין אירע אָרעמס; קושט אים און דריקט אים לאַנג, לאַנג, ביז עפּעס גיט זיך אין איר דערוועקן און זי ברויזט אויף אין אַ מין טאַנץ מיט איר קינד. אים האָט זיך אַזש דער קאָפּ פאַרדרייט פון גוטסקייט און פון אַ צוריקגעקומענעם געפיל פון אָנגעהעריגקייט. אין דער מאַמע׳ס טופּען מיט די פיס דערהערט ער דאָס טאַנצן אויף חנה איידעלס׳ חתונה, דאָס בריאַנג פון טעלער און גלעזער. פון פרייד טוט אים ווידער אַ צאַפּל דאָס האַרץ און ער נעמט ווידער וויינען און כליפּען. דאָס איז שוין אָבער געווען אַ געוויין פון אַן איבערגעפילט האַרץ און פון אַ גרויסער שמחה. זי נעמט אים באַרואיגען און ארויפטראָגן אויף עטלעכע טרעפּ אין דער וואוינונג וואו זיי האָבן געזאָלט שטיין איבערנאַכט.

אין יענער נאַכט זעט דאָס אינגעלע נייע חלומות. ער פאָרט און פאָרט אויף אַ באַן און עס לויפן אַוועק פעלדער און וועלדער, הייזער און ברונימער. עס קומען אים אַנטקעגן די קלעזמאָרים אין קאטלאָווע ביי דער חתונה. אָט איז דער הויכער פּיזול ווי ער טאַנצט מיט חנה־איידלען, און אָט איז צינע אין איר נייע בלוי קלייד, פּאַטשט צו מיט די הענט און טופּעט מיט די פיס. ער איז אָבער נאָך געגוג וואָך צו הערן וואָס די מאַמע זאָגט.

„עס אָפּ און גיי שלאָפן, מיין קינד. מאָרגן אין אָוונט, גלייך נאָך

הבדלה, וועלן מיר ארויספאָרן קיין לאָדזש. דאָרט וועט שוין אויף אונז דער טאַטע וואַרטן ביי דער באַן.״

דאָס אינגעלע ווערט גלייך איינגעשלאָפן, מיד פון די וואַנדערונגען אַ גאַנצן טאָג, פון׳ם וויינען און פון די אַלע איבערלעבונגען איז ער געשמאַק געשלאָפן. עס איז אַ וואונדער, וואָס איינע פון די חלומות, אַ זייער אויפרייי־צענדיגער, האָט אים נישט אויפגעוועקט. אינ׳ם חלום, וואָס איז פאַקטיש געווען אן אָפשפיגלונג פונ׳ם אמת, ברענגט אים זיין עלטסטער ברודער, יאנקל־ברוך א מתנה, אַ פופע, אַנגעטאָן אין אַזעלכע שיינע, רייך פאַרביגע קליידער, וואָס האָט אים פאַרכאַפּט דעם אָטעם. אָבער נאָך איידער ער זעטיגט זיך אָן מיט איר, לויפט זיין זון, גרשון צו, מיט אויפגעפלאַמטע אויגן, און נעמט רייסן זי פון זיינע הענט. ער פּרואווט אַוועקלויפן פון אים, אָבער גרשון שטעלט זיך נישט אָפּ, ער לויפט און כאַפּט א ווילקע צו דערלאַנגען אים איבער׳ן קאָפּ. זיין עלטערער ברודער, לייבע, פּרוּווט זי ארויסרייסן פון זיין האַנט. זיי ראַנגלען זיך ביידע. דערווייל אנטלויפט דאָס אינגעלע און גיט אַ באַהאַלט די פופע אונטער א קישן. זי איז געראַטעוועט.

גלייך ווי דאָס אינגעלע כאַפּט זיך אויף אין דער פרי, נעמט ער די ערשטע זאַך זוכן די פופע אונטער זיין קישן. זי איז אָבער דאָרט נישטאָ. וויינט ער ווידער אין אַ נאָוועגע און שרייט, „מאַמע, מאַמע! ווער האָט צוגענומען מיין פופע?״

„ש־ש־ש־שא, וועסט נאָך אויפוועקן פייגעלען. זי האָט די פופע באַהאַלטן אונטער א י ר קישן.״

דאָס קען ער נישט אַראָפּשלינגען: ז י י ן פופע אונטער א י ר קישן! און אַ נײַ געוויין הייבט זיך אָן.

דאָס אינגעלע איז ישראל בער.

קאַפּיטל צוויי

קומען אַן קיין לאָדזש

ווידער לויפן פאַרביי פעלדער, טיילווייז נאָך פאַרשנייטע, אָנגעפּעלצטע סלופּעס מיט שניי און אייז, הייזלעך, דאָ און דאָרטן. די באַן לויפט אָבער צו שנעל אַז מען זאָל קענען באַמערקן קלענערע זאַכן, ווי אַן אַדורכלויפנ־דיקן האָז אָדער אַנדערע באַשעפענישן. איך פּרוואו באַקומען צוריק מיין פּופּע. פייגעלע ווייל אָבער בשום אופן נישט אָפּגעבן. איך פּרוואו זי רייסן פון אירע הענטלעך, מאַכט זי קולות און הייבט אָן א געוויין, וואָס האַלט שוין אַן אַ גאַנצן וועג. צינע פּרוואווט איר פאַרשפּילן מיט עפּעס, אָבער זי האַלט אָן דעם פּייער פון שטאַרקסטן געוויין. איך וואָלט איר שוין צוריק אָפּגעגעבן די פּופּע אויב איך וואָלט וויסן אַז זי וועט ארויסגיין פון אירע הענט אַ גאַנצע. זי האָט שוין נישט איין מאָל געפּאַטערט מיר אַ שפּיל־קעצעלע.

אָנקומענדיג אין לאָדזש קומט אונז גלייך, נאָך אויף דער פּלאַטפאָרמע, דער טאַטע אנטקעגן און נעמט איבער די גאַנצע קאָמאַנדע. ער פירט אונז אָפּ אין אַ דראָשקע צו אַ וואוינונג, וואו מיר וועלן קענען שטיין איבער פסח. אזוי זאָגט ער דער מאַמען. צינע׳ן וועט ער מוזן אוועקפירן אין אַן אַנדער פּלאַץ. ער האָט שוין פאַר איר אַ שטעלע. אין אַ פיינער פאַמיליע... אויפ׳ן וועג זע איך אַזעלכע הויכע הייזער, כמעט ווי אין וואַרשע; אנדערע פון זיי, אָבער, מיט פיל העכערע קוימענס, אַזוי הויך, אַז זיי שפּאַרן זיך אַזש אין הימל אריין.

„דאָס זיינען פאַבריקן״, דערקלערט אונז דער טאַטע. „דאָס איז אַ פאַבריק שטאָט, וואו מען אַרבעט אויס סחורות פון וואָל און פון באַוול פון פלוש און פון זייד, פון לייוונט און פון אַלערליי אַנדערע געוואנטן. עס איז וואונדערלעך צו זען ווי אַזוי דאָס ווערט אויסגעאַרבעט.״

„טאַטע, וועל איך אויך קענען זען ווי אזוי מען מאַכט די אַלע זאַכן?״

„אודאי, מיין קינד, וועסטו קענען זען. וועסט דאָ זען אַ סך זאַכן וואָס דו האָסט אין קאַטלאָווע נישט געקענט זען.״

דערוויל קומען מיר אָן אין דער גאַס וואו אונזער וואוינונג איבער פסח דאַרף זיין. די גאַס איז פול מיט הויכע הייזער און אין איינעם פון

זיי שטעלן מיר זיך אריין. ווי איך האָב זיך דערנאָך דערוואוסט, איז די פאַמיליע וואָס האָט דאָ געוואוינט, אָפּגעפּאָרן קיין וואַרשע פאַר די פּסח־טעג צו זייערע קינדער. דערווייל האָבן מיר דאָ שיינע צימערן אָנגעפּילט מיט אַלערליי מעבל וואָס איך זע צום ערשטן מאָל. וואָס עס פאַרוואונדערט מיר אמערסטן איז אַ קאַנאַפּע מיט אַזעלכע שיינע קנעפּלעך אריינגעשטעקט ווי אין ווייכע קעשענעס.

„צו וואָס דאַרף מען עס, מאַמע?"

„דאָס איז אַ קאַנאַפּע, מיין קינד, צוצושפּאָרן זיך ווען עס ווילט זיך אַ ביסל אָפּרוען." אָבער דאָס איז נישט דער איינציגער סוד וואָס איך האָב זיך יענעם טאָג דערוואוסט. ווען די מאַמע נעמט אויסשטעלן אַ שיינעם טיש, באַדעקט מיט אַ שניי־ווייסער טישטעך, מיט אַלערליי פינקלדיגע און פאַרביגע גלעזלעך און טעלער, זאָגט זי מיר, אַז אויב איך וועל זיין גוט און זיך נישט טשעפּען צו פייגעלען, וועל איך אויך קריגן היינט אין אָוונט אַ פּלאַץ ביים סדר; — אויך אַ באַזונדער גלעזעלע ווייַן. זי ווייזט מיר אַ שיין בלוי גלעזעלע וואָס פינקלט מיט אַ מאָדנעם ליכט. פון צווישן די אַנדערע גלעזער וואָס זי רופט אָן כוסות, שיינט אַרויס איינער, דער סאַמע שענסטער. „דאָס וועט זיין פאַר אליהו הנביא."

„וועל איך אים אויך קענען זען?" פרעג איך אַ געפּלעפּטער פון נייגער.

„אים דאַרף מען פריער זוכה זיין צו זען. מען דאַרף זיין זייער פרום, מיין קינד, כדי צו קענען זען ווי ער פאַרזוכט שטילערהייט פונ'ם כוס איידער ער גייט אוועק."

„וואָס דאַרף איך טאָן כדי צו זיין פרום?" ווילט זיך מיר וויסן, ווייל איך בין אַנטשלאָסן צו טאָן אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך אַז איך זאָל קענען זען אליהו הנביא.

„דאָס וועסטו שוין לערנען שפּעטער. דו ביסט נאָך צו קליין צו פאַרשטיין אַזעלכע זאַכן. אויב דו וועסט נישט אַנטשלאָפן ווערן ביים סדר און דו וועסט אים זען, וועסטו דעמאָלט וויסן צו דו ביסט פרום, צו נישט. וועסט זען."

איך באַשליס ביי זיך פעסט וואָס עס זאָל נאָר נישט פּאַסירן, טאָר איך נישט אַנטשלאָפן ווערן. איך מוז אים זען.

איך קען זיך שוין נישט דערוואַרטן ביז'ן סדר. דער טאָג ציט זיך מיר לאַנג און לענגער. איך פּלאָנטער זיך ארום דער מאַמעס פיס. זי שרייט אָן עטלעכע מאָל אַז צוליב מיר וועט זי האָבן אַ פאַרשטערטן סדר, ווייל קיין זאַך וועט ניט זיין פאַרטיג. איך פאַרשעם זיך שטאַרק און זאָג צו — „איך וועל זיך שוין מער נישט פּלאָנטערן אונטער דיינע פיס." איך וואָלט

אַראָפּגעגאַנגען אונטן זיך שפּילן, אָבער איך האָב שוין מורא אַז איך זאָל זיך ווידער נישט פאַרבלאָנדזשען ווי נעכטן אין וואַרשע."

„אויב דו וועסט נישט אַוועקגיין פון הויז און זיך שפּילן אין הויף, וועסטו זיך נישט פאַרבלאָנדזשען. נעם מיט פייגעלען, וועט זיין גאָר גוט."

„אַז זי וועט מיר אָפּגעבן צוריק מיין פופּע וועל איך איר מיטנעמען."

„דו ביזט שוין דאָך א גרויסער בחור, דאַרפסטו נאָך אויך האָבן אַ פופּע! דו וועסט דאָך שוין באַלד פיר יאָר", שטראָפט מיך די מאַמע.

איך ווער שוין אומגעדולדיג. איך וויל שוין זען וואָס טוט זיך דאָ אין הויף, און מיט וואָס איך וועל זיך שפּילן. דערפאַר, אַז איך בין שוין אַראָפּ אין הויף ווערט מיר ליכטיג אין די אויגן. אַ גרויסער באַרג מיט געלן, פרישן זאַמד איז פאַר מיר געגנוג טשיקאַווע צו לאָזן זיך אויף אים. בלויז צוויי קליינע קינדערלעך גראַבלען זיך דאָרט אַרום און איך שווער אז איך קען דאָ טאָן וואָס איך וועל נאָר וועלן. איך זעץ זיך אַוועק און נעם צוזאַמענשאַרן גענוג זאַמד אויף צו מאַכן אַ הויז. ווען דער זאַמד צעפאַלט, הייב איך זיך אָן צו באַנוגענען מיט קלענערע זאַכן. איך פּרואוו אויסמייסטערן אַ גרוב, צוזאַמענעמען שטיינדלעך און אריינלייגן אַהין. איך פאַרשפּיל זיך אזוי ביז עס קומען אָן אַנדערע קינדער, גרעסערע פאַר מיר און שטופּן מיך אַוועק. איך לויף אַרויף א ברוגז׳ער צוריק צו דער מאַמען. „אַנדערע אינגלעך האָבן מיר פאַרטריבן פונ׳ם באַרג זאַמד," פּארקלאָג איך זיך.

„נאַריש קינד דער באַרג האָט דאָך פיל זייטן. פאַרוואָס ביסטו נישט אַוועק אויף אַ צווייטן פּלאַץ, אָדער נאָך בעסער, פאַרוואָס האָסטו זיך נישט געבעטן צו שפּילן זיך צוזאַמען?"

„איך בין צו קליין פאַר זיי. קיינער וויל זיך נישט שפּילן מיט מיר."

„טאָ שפּיל זיך מיט פייגעלען. זי האָט דאָך דאָ אויך נישט מיט וועמען זיך צו שפּילן."

„זי איז צו קליין פאַר מיר. און זי גיט מיר נישט אָפּ מיין פופּע."

די מאַמע דרייט זיך אַוועק אין ערגעץ, ברענגט אַזעלכע לאַנגע ווייסע „מערן", און נעמט זיי צום צערייבן. עס גיט זיך פון דאָרט אַ טראָג אַ זייער ביטערער ריח.

„דאָס איז, מיין קינד, מרור. דאָס וועלן מיר עסן אויך ביים סדר."

„אזא ביטערניש?" פרעג איך פאַרוואונדערט.

„ביטער? דאָס איז דערפאַר ווייל מיר האָבן געהאַט אַ ביטער לעבן און מיר דערמאָנען עס ביים סדר צום גוטן. — און מיר וועלן האָבן זיסע זאַכן אויך", האָט זי צוגעגעבן; — „חרוסת". דאָס איז געמאַכט פון צעריבענע ניס, ראָזשינקעס און וויין. מיר וועלן עס אַלץ האָבן צום סדר."

„און וואָס נאָך?“, פרעג איך.
„מיר וועלן אויך האָבן קניידלעך, פיש און פלייש, מצה און די הגדה.“
„וואָס איז דאָס?“ פרעג איך.
„דאָס, מיין קינד, איז דער עיקר, נישט די קניידלעך. און ווייסט וואָס נאָך? — דו וועסט דאַרפן פרעגן די פיר קשיות.“
„וואָס איז דאָס?“ שטייגט מיין פאַרוואונדערונג.
„דאָס ערשטע מאָל וועט מען דיר דאַרפן צוהעלפן. דאָס פרעגט דאָס אינגעלע דעם טאַטן — פאַרוואָס און פאַרוואָס? פאַרוואָס עסט מען מצה, פאַרוואָס עסט מען ביטערניש און זיסקייטן, און פאַרוואָס מען וואַשט זיך כסדר; און דער תירוץ געפינט זיך אויך אין דער הגדה. היינט ביינאַכט וועסטו שוין זען און הערן.“
אין מיין קאָפּ שווינדלט שוין פון אַזוי פיל גוטע זאַכן און פון אַזוי פיל נייע זאַכן וואָס איך ווער געוואָר. ווי איך נעם עס דעמאָלט וואַרטן אויף דעם סדר! יעדע מינוט קוקט מיר אויס אַ שעה. און אַזוי גייט פּאַמעלעך אַוועק דער טאָג, ציענדיק זיך ווי פּעך, אָבער באַלד הייבט אָן צו ווערן אַלץ טונקעלער און טונקעלער. דער אמת׳ער פּסח קומט אָן. דער טאַטע גייט אַוועק אין שול. ער נעמט מיך נישט מיט. איך בין נאָך צו קליין, זאָגט ער. ער פאַרגעסט, מסתמה, אַז איך בין שוין באַלד אַ בחור פון פיר יאָר. מיר בלייבט גאַרנישט איבער צו טאָן, נאָר וואַרטן אויפן סדר.
דערווייל האָט די מאַמע געהאַט גענוג צייט אָנצוגרייטן אַלץ וואָס מען דאַרף. די פיש איז שוין געווען אָפּגעקאָכט. ס׳האָט פאַרשמעקט די גאַנצע וואוינונג. עס האָבן זיך אויך געקאָכט די קניידלעך. די גרויסע פלאַש ווין איז שוין אויפ׳ן טיש. די כוסות פינקלען שוין, כאָטש זיי זיינען נאָך ליידיג. מיין שפּאַנונג וואַקסט פון מינוט צו מינוט. איך ווער אַ פאַרמאַטערטער פון דער לאַנגער וואַרטעניש. איך זעץ זיך דערווייל צום טיש, אַז אויב וואָס וועט, זאָל קיינער מיר נישט צונעמען מיין פּלאַץ ביים סדר. און אַזוי זיץ איך און זיץ. ווי לאַנג ווייס איך נישט. איך גיב זיך מיט אַ מאָל אַ כאַפּ און מיר דוכט זיך אַז איך בין געשלאָפן. פון דער קירך הער איך ווי מען קלימפּערט מיט געפעס און איך הער ווי די מאַמע רופט אויס צום טאַטן, „משה, משה מיכל, גיב אַ קוק. מיר דוכט זיך אַז ישראל־בערעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט. אין אַ רגע אַרום דערפיל איך ווי צערטלעכע הענט נעמען מיר אַרום און טראָגן מיר אַרויס אין אַ צווייטן צימער. איך פּרוואו זיך רייסן פון די הענט. „איך דאַרף דאָך דאָ זיצן צו דער הגדה! מען דאַרף באַלד אָנהייבן דעם סדר.“
„דעם סדר פון שלאָפן, מיינסטו מסתמה. דעם סדר פון דער הגדה

האָבן מיר שוין אָפּגעפּראַוועט. דו ביסט אויך דערביי געווען, אָבער דו האָסט געחלומט מיט׳ן קאָפּ אויפן טיש.״

„עס קען ניט זיין!״ פּראָטעסטיר איך. „איך בין נישט געשלאָפן. איך האָב אַלץ געוואַרט אויפן סדר... איך האָב נישט געזען אליהו הנביא׳ן!״

דער טאַטע צעלאַכט זיך. „זון מיינער, מאָרגן איז דער צווייטער סדר. איך וועל מיט דיר לערנען די פיר קשיות, ווערסטו שוין ביים סדר זיי קענען פרעגן. זע אָבער נישט צו פאַרשטיפן זיך אַזוי אַז דו זאָלסט זיך נישט אויסמאַטערן און נאָך אַמאָל פאַרשלאָפן ווערן.״

איך גיי יענעם אָוונט שלאָפן ווי איינער וועלכער האָט פאַרשפּילט אַלע זיינע קנעפּלעך.

די צווייטע נאַכט אין לאָדזש קומט אָן ווידער, אָן אדורגעוועבטע מיט חלומות — מלחמות מיט אינגלעך ביים באַרג זאַמד. איינער דערלאַנגט מיר אַ שטורך אין פּנים און איך פאַל אַ צובלוטיגטער... און אָט בין איך שוין צוריק אין וואַרשע — איך בין אַ פאַרבלאָנדזשעטער און איך זוך... וואָס זוך איך? אין געדענק אליין נישט. עס איז נישט וואָס איך זוך וואו אהיים צוגיין. דאָס זוך איך אליהו הנביא׳ן וואָס איז געווען ביי אונז אין שטוב און איז פאַרשוואונדן געוואָרן. שפּעטער הער איך ווי עפּעס דורך אַ חלום, ווי דער טאַטע רעדט מיט דער מאַמען וועגן אַ לייטער. „צו וואָס האָט מען געבראַכט דעם לייטער?״, פרעגט די מאַמע. ״מסתמא דאַרף מען עפּעס אויפבויען״. זיי שטעלן עס אַוועק לעבן באַרג מיט זאַמד. ווער וויס זיי?

אין אַ ווילע אַרום שטיי איך שוין אויפן לייטער. איך האָב זיך ארויפגעדראַפּעט אויף אים, און מיר איז אַזוי גוט וואָס איך שטיי העכער ווי אַלע אַנדערע. דאָס איז אַ באַזונדער פאַרגעניגן... עס הייבט מיר אָן צו שווינדלען אין קאָפּ. איך האָב מורה איך וועל אַראָפּפאַלן פון לייטער... מיט אַמאָל דערפיל איך ווי מען נעמט מיך אַרום. איך זע ווי די מאַמע מיט׳ן טאַטען שטייען לעבן מיר און פרואוון מיר זאָגן אַז איך האָב געמאַכט קולות. „דיר האָט זיך מסתמה עפּעס גע׳חלומ׳ט,״״ זאָגט מיר דער טאַטע, און גלעט מיינע באַקן. „זע טאַקע, מיין זון, אַז דו זאָלסט זיך נישט פאַרשטיפן צו פיל, וועט זיך דיר נישט חלומען אַזעלכע שלעכטע חלומות.״

מען טוט מיר אָן, און ווען איך וואַש זיך אַרום און עס אָפּ, לויף איך גלייך אַראָפּ אויפן הויף צום באַרג זאַמד. גראָד איז נאָך קיינער פון די קינדער ניטאָ. איך וועל זיך קענען שפּילן וויפיל איך וועל נאָר וועלן. מיט אַמאָל, אָבער, דערזע איך דעם לייטער. אָ, וואָס פאַרא לייטער! איך האָב נאָך ביז היינט נישט געוואוסט אַז מען רופט דאָס אָן „לייטער״. עפּעס אַזוינס, נאָך אַ סך, א סך מאָל קלענער פון דאָס האָבן מיר געהאַט אין

קאטלאָווע ווען די גויע פלעגט וועלן ארויפקריכן אויפן אויוון. דאָס איז אויך מיר געווען אַ לייטער. אַט דאָס אָ, איז דער אמת׳ער לייטער. איך לויף צו צו אים ווי צו א צווייטן אליהו הנביא. איך בין שוין ארויף אויפן ערשטן שטאַפּל. עס איז גרינג. איך גיי גלייך ארויף אויף א צווייטן. איך קוק זיך ארום אין אַלע זייטן. איך בין אַ ביסעלע העכער, אָבער נישט גענוג הויך נאָך. איך פּרואוו זיך מאַכן אַ דריטן. איך קוק אַראָפּ. איך בין העכער, אָבער נאָך אַלץ נישט גענוג הויך. עפּעס שטעלט מיר אָפּ. איך דערמאָן זיך אַן מיין אַראָפּפאַלן אין חלום פון אַ לייטער — זאָל איך ווייטער קלעטערן? נאָך איינעם וועל איך פּרואוון. עס קומט מיר אָן שווערלעך, אָבער איך פיל זיך שוין העכער ווי אַלץ וואָס איז אַרום מיר. אפשר נאָך איין שטאַכע? פרעג איך זיך אליין. לאָמיר פּרואוון. איך הייב אָן אַראָפּצוקוקן און מיך שרעקט ווידער אָפּ דער געדאַנק וועגן אַראָפּפאַלן. איך פאַרפעסטיג זיך נאָך מער מיט מיינע פינגער אין די אָנהאַלטן. קיינער ארום מיר איז נישטאָ. קיינער שאָקלט ניט דעם לייטער. איז פאַרוואָס טרייסלט ער זיך אַזוי? איך האָב צו פיל מורא און די מאַמע זאָגט איך בין שוין באַלד פיר יאָר אַלט. ווי פּאַסט עס פאַר אַזאַ בחור מורא צו האָבן! איך נעם זיך אָן מיט מוט און הייב אָן אויפסניי צו קלעטערן ווי עס וואָלט ערשט געווען אַן אָנבייס. ווען איך דערפיל אַז איך הייב זיך ווידער אָן צו שרעקן, פאַרמאַך איך די אויגן און קלעטער ווייטער, און אַזוי כסדר, ביז איך דערפיל אַז מער צו קלעטערן איז שוין נישטאָ. איך בין שוין אויפן לעצטן שטאַפּל. איך פיל זיך א גליקלעכער. איך האָב עפּעס דערגרייכט. אָבער וואָס איז עס מיט מיין קאָפּ? עס דרייט מיר עפּעס ווי אימיצער האָט אים געשלעפּט אַראָפּ, אַראָפּ. אָבער נאָך איידער וואָס־ווען פיל איך אַז איך פאַרליר מיין אָנהאַלט. איך פלי! אָבער נישט ארויף! נאָר אַראָפּ, אַראָפּ. איך לאָז ארויס אַ שטאַרקן געשריי... ווען איך קום צו זיך, דערזע איך אַז איך ליג אין בעט מיט עפּעס אַ קאַלטע זאַך אויפן קאָפּ, און די מאַמע שטייט און ציטערט איבער מיר, און זעענדיג אַז איך האָב געעפנט מיינע אויגן, לאָזט זי אַרויס אַ געשריי, „ער איז אַ געראַטעוועטער!״

קאַפּיטל ·דריי

מיין ערשטער חדר

איך בין שוין ביים צווייטן סדר אויך נישט געזעסן. ווען איך האָב אָנגעהויבן צו וויינען און זיך בעטן אז איך וויל זען אליהו הנביא האָט מיר דער טאַטע גלייך געזאָגט, „איך וועל דיר דערציילן עטלעכע שיינע מעשיות וועגן אליהו הנביא, וועסטו אים שוין זען אין די מעשיות.”

דער טאַטע האָט געהאַלטן וואָרט. די מעשיות וואָס ער האָט מיר דערציילט געדענק איך נאָך ביז איצט. איך וויל נאָר דאָ דערציילן בלויז איינע. „דאָס איז נישט קיין געוויינלעכער מענטש”, האָט דער טאַטע אָנגעהויבן דערציילן די מעשה:

„און אפשר איז ער אין גאַנצן קיין מענטש ניט, נאָר א מלאך. מען דערציילט וועגן אים אַזאַ וואונדער: ווען אַ שלעכטער אידישער קעניג האָט געשיקט סאָלדאַטן אים צו ארעסטירן, און אפשר נאָך צו דער הרג׳ענען, איז אויף זיי ארויפגעפאַלן אַ פארבלענדעניש און דערווייל זיינען אַראָפּגעקומען פון הימל פייערדיגע פערד אין א רייטוואָגן און האָבן אים ארויפגענומען אין הימל אריין.”

„און וואו איז ער יעצט!” פרעג איך, „איז ער אין הימל, אָדער איז ער אויף דער ערד?”

„ער איז אין ביידע ערטער, מיין קינד. אָט איז ער אין הימל, און אָט איז ער אויף דער ערד. דו ווייסט נישט אַז ער איז שוין ביי דיר אויך געוועזן. ער איז געווען אויף דיין ברית. ער האָט דיר אָפּגעהיט אַז קיין שום שלעכטס זאָל דיר דעמאָלט נישט געשען. ער איז אויף יעדן ברית. היינט ביינאַכט וועט ער זיין אין יעדן אידישן הויז וואו מען פראַוועט דעם סדר.”

„טאַטע, דערצייל מיר נאָך א מעשה וועגן אים!”

„הער, מיין קינד, ווען דו וועסט ווערן גרעסער וועסטו אליין קענען לייענען אַלע מעשיות וועגן אים. דערווייל וועל איך דיר דערציילן די מעשה וועגן אַ צווייט אינגעלע וואָס ער האָט געמאַכט פון טויט לעבעדיג.

„דאָס איז געווען אין אַ יאָר ווען א גרויסער הונגער האָט געהערשט אין לאַנד פון ישראל. עס איז געווען אַ גרויסע טריקעניש. נישט געווען קיין טוי און קיין רעגן. אַלע אָרימע מענטשן האָבן געהונגערט. אַרומגייענדיג

פון דאַרף צו דאָרף האָט ער צוגעזען די גרויסע הונגערליידן פון די אָרימע מענטשן, צוליב די זינד פון זייערע הערשער, און ער האָט מיט זיי אויך מיטגעהונגערט. גייט ער אַזוי פאַרביי די הויז פון אַן אָרימער אלמנה, שטעלט זיך אָפּ ביי איר און פרעגט זי צו זי האָט עפּעס פאַר אים צו עסן. זאָגט זי אים אַז עס איז ביי איר געבליבן בלויז אַ ביסעלע בוימל אין אַ קריגעלע, און אַ הייפל מעל, און אַז זי קען דערפון אויסבאַקן איין קיכל פאַר זיך מיט איר אינגל. ווען זיי וועלן דאָס אויפעסן וועלן זיי דאַרפן שטאַרבן פאַר הונגער.

זאָגט איר דער נביא: ברענג דאָס קריגעלע אויל און דאָס ביסעלע מעל און מאַך מיר איין קיכל. זי ווייסט אַז ער איז אַ וואונדערמענטש, טוט זי ווי ער הייסט איר. זי הייבט אָן צו פאַרקנעטן דעם קיכל און זעט אַז וואָס מער זי פאַרקנעט, אַלץ מער ברכה קומט צו צו דעם קריגל אויל און צו דער מעל. זי באַקט און זי באַקט און עס נעמט זיך גאַרנישט אויס. האָבן זיי געגעסן צו דער זאַט אַ לענגערע צייט. איין טאָג מאַכט זיך ווי איר אינגל קריגט אַ שטאַרקע היץ פון אַ גרויסער קרענק און שטאַרבט. די אָרימע אלמנה קומט צו לויפן צום נביא און דערציילט עס אים. איז ער אריין צום טויטן אין צימער, זיך אויסגעשפרייט אויף אים, צוגעלייגט מויל צו מויל, און אריינגע־בלאָזן אין אים אַ נייעם אָטעם פון לעבן. ער האָט אים געמאַכט פון טויט לעבעדיג.״

„אַ דאַנק דיר, טאַטע פאַר דערציילן מיר אַזאַ וואונדערבאַרע מעשה. איצט זע איך אים שוין פאַר די אויגן ווי דו האָסט געזאָגט...״

יענעם אָוונט איז טאַקע פאַרגעקומען דער צווייטער סדר. אָבער איך בין ווידער אויף אים נישט געווען. פון מיין קאָפּשווינדל אויפן לייטער און פון דעם אַראָפּפאַלן האָב איך זיך שוין נישט געקענט אויפהייבן. איך בין געווען קראַנק אין בעט. עטלעכע טעג האָט מען מיר געניאַנטשעט מיט אלערליי „גוטע זאַכן״. איך בין אָבער מקנא געווען מיין שוועסטערל פייגעלע, וואָס איז געווען פריי ארומצולויפן ארויף און אַראָפּ און שטענדיג צוריקגעקומען מיט עפּעס א נייעס וואָס זי האָט געזען אויף דער גאַס. צי זי האָט עס שטענדיג דערציילט ארויסצואווייזן איר פריווילעגירטע לאַגע, כדי צו רייצן זיך מיט מיר, אָדער וואָס זי האָט נישט געקענט איינהאַלטן אין זיך עפּעס נייעס און געמוזט עס גלייך ארויסגעבן, ווייס איך ניט. מיר האָט זיך שוין געוואָלט ארויסכאַפּן פון בעט און זיין גלייך מיט אַלע אינגלעך. איך האָב שוין אויך געוואָלט גיין אין חדר. די מאַמע האָט מיר געהאַלטן אין איין בארואיגן אַז אַזוי גיך ווי איך וועל געזונט ווערן, וועט זי מיר אָוועק־פירן אין חדר און מען וועט מיר דאָרט לערנען גלייך מיט אַלע קינדער.

מיין פאָטער האָט עטלעכע מאָל גע׳מוסר׳ט דער מאַמען פאַרוואָס זי

איילט זיך אזוי מיטן חדר. ער איז נאָך צו יונג דערפאַר. ער וועט עס נישט פאַרשפּעטיגן אין אַ יאָר־צוויי ארום. עס האָט זיך מיר געגלויבט אַז די מאַמע האָט מיר ליבער ווי דער טאַטע. איך האָב שוין זייער שטאַרק געוואָלט ארויסקריכן פון מיינע קינדערישע שיכלעך.

דער פרימאָרגן ווען די מאַמע האָט מיר אויפגעוועקט מיט דער גוטער בשורה אז היינט פירט זי מיר אין חדר, האָט מיר געמאַכט פילן אז איך וואַקס אויס פון דער מינוט. איך האָב זיך נאָך געפּרוּווט שטעלן אויף די שפּיץ פינגער צו באַרעכטיגן מיין געפיל פון אויסגעוואַקסנקייט. און אַט פירט זי מיר שוין ביים הענטל אין חדר אריין. עס געפינט זיך טאַקע אויף דער זעלבער גאַס וואו מיר זיינען יעצט, שטרעגערס גאַס. דער הויף אין וועלכן מיר זיינען אריינגעגאַנגען איז אַ שמאָלער, אָבער אַ לאַנגער — כמעט ווי אַ גאַס פאַר זיך אליין. מיר זיינען אָפּגעגאַנגען אַ שיינע פּאָר טריט ביז מיר האָבן זיך אריינגעדרייט אין אַ טונקעלן קאָרידאָר, אַראָפּגעגאַנגען עטלעכע טרעפּלעך — „אַ קעלער" — האָט די מאַמע געמורמלט. ווען מיר זיינען אריינגעגאַנגען אינעווייניג האָט מיר גענומען שווינדלען פאַר די אויגן. דער צימער איז געווען זייער אַ גרויסער, דער סופיט זייער נידעריג; אָבער די אויסגעזעצטע קינדער אויף לאַנגע ברעטער, אָנגעשפּאַרטע אויף ציגל, זיינען אויסגעקומען נאָך נידעריגער. אויסגעזעצטע איינער אין דעם אַנדערן אריין, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען אריינגעוואַקסענע, האָבן זיי אויס־געקוקט ווי לאַנגע, נידעריגע אָפּצאמונגען. די שורות פון די קינדער זיינען געווען אויסגעשטעלטע ווי א זייער ברייטער חעס (ח). עס האָט געזשומעט אַזוי ווי אין א בין־שטאָק.

עס האָט געדויערט אַ ביסל ביז די מאַמע האָט מיר געלאָזט פאַרשרייבן, איינגעצאָלט פאַר מיר און האָט מיר אריינגעקרעמפּעוועט אין איינע פון די שורות. ביידע שכנים פון ביידע זייטן האָבן מיר געשטופּט און געשטורכעט און איך האָב זיך נישט געקענט געבן קיין עצה. עס איז מיר איינגעפאַלן אַז דער חדר איז גאָרנישט אַזאַ גן־עדן ווי איך האָב געמיינט. דאָס איז אָבער נאָך געווען נישט מיין פולע אנטוישונג. דאָס איז ערשט געקומען ווען דער באַהעלפער האָט מיר ארויסגעשלעפּט, מיך אָנגעכאַפּט ביים אַקסל און צוגע־שלעפּט מיך צו א טיש וואו ער האָט אָנגעהויבן מיר צו „לערנען".

א גרויסער אויסגעשפּרייטער פּאַפּיר, מיט גרויסע אותיות איז געלעגן פאַר מיר און ער האָט מיר פאַראָרדערט אָנצווייזן אים דעם באַרימטן אלף. איך בין נאָך קנאַפּ וואָס געווען באַקאַנט מיט אים. איך האָב גענומען זוכן האָט ער מיר געגעבן אַ שטורך — נו, שנעלער. דאָס האָט מיר נאָך מער צומישט. איך האָב געפּרוּווט טרעפן און אָפּגעטאָעמט א פרייער ווען איך

האָב געטראָפן. איך האָב געמיינט אז מיינע צרות האָבן זיך שוין געענדיגט. איך האָב אָנגעקוקט דעם אלף כדי צו דערקענען אים א צווייטן מאָל, אָבער דער באַהעלפער איז נאָך נישט פאַרטיג מיט מיר. ער רוקט איבער דעם גרויסן פאַפּיר אויף אַן אַנדער פּלאַץ, הייסט מיר דערקענען דעם אַלף, און אַזוי ווי איך דערקען אים און ווייז אים, גיט ער מיר א מורמל „דערינטער". איך האָב געקוקט אויף אים, נישט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט. — „וואָס גלאָצטו אויף מיר מיט דיינע פּאָר אויגן", האָט ער מיר געגעבן אַ שטופּ און חזר'ט איבער נאָכאַמאָל „דערינטער". איך קוק אים אַלץ אָן אַ פאַרוואונ־דערטער. איך פאַרשטיי נישט וואָס ער מיינט. ערשט, ער גיט מיר א שנעל אין נאָז מיט אַזאַ רציחה, אַז עס שטראָמט בלוט האָט זיך אַ גאָס געטאָן פון נאָז. איך האָב א געשריי געטאָן אַזוי ווי מען האָט מיר געקוילעט. איך האָב זיך געגעבן אַ ריס און אַנגעהויבן צו לויפן. ער — נאָך מיר. אָבער איך בין געווען שנעלער. איך בין ארויסגעלאָפן מיט אַ געיאָמער, געבלוטיגט, און באַגעגנט מיין מאַמען גראָד אַרויסגייענדיג פון הויז. זעענדיק ווי איך בלוטיג האָט זי געמאַכט אַ גוואַלד. שכנים זיינען זיך אָנגעלאָפן; אַ גאַנצע סאַמאַטאָכע איז געוואָרן און איך האָב זיך שנעל דערזען צוריק אין בעט פון וועלכער איך בין נישט לאַנג צוריק ארויסגעקראָכן. מיין מאַמע האָט געהאַלטן אין איין שרייען, „איך וועל זיי געבן! וואָס האָבן זיי געהאַט צו מיין קינד!" זי איז אַוועקגעלאָפן אַ צע'כעס'טע און ווען זי איז שפּעטער צוריקגעקומען האָט איר פּנים געפלאַמט מיט צאָרן. זי האָט זיך אַ לענגערע צייט נישט געקענט באַרואיגן. „וואַרט, מיר וועלן זען וואָס דער טאַטע וועט זאָגן."

מיר האָט געוואונדערט פאַרוואָס איך בין אַזוי שטיל און איך הער נישט די מאַמע מאַכן קיין געוואַלדן, כאָטש די נאָז האָט מיר נאָך אַלץ ווייי געטאָן. אָבער יעדע מינוט וואָס איך האָב דערזען אַ ביסל בלוט ארום זיך, האָב איך געפילט, אַז דאָס איז מיין בלוט. יעדעס מאָל ווען איך האָב זיך דערמאָנט אָן דער רציחה מיט וועלכער דער באַהעלפער האָט מיר באַהאַנדלט, האָב איך געפילט ווי עס פאַרטשעפּעט מיר ביים האַרצן. ווען דער טאַטע איז אהיימגעקומען און געהערט די מעשה מיטן חדר, האָט ער טריאומ־פירנדיג איבער דער מאַמען איר געהאַלטן אין איין דערמאָנען, „וואָס האָב איך דיר געזאָגט? ער איז נאָך אַלץ אַ פּיצעלע, און דאָרט... אין די ה'גע אַלטמאָדישע חדרים איז אַ געפאר צו שיקן אַזאַ קינד. דו וועסט אים שוין מער אין אזעלכע חדרים נישט שיקן, דו הערסט, כאַשע."

מיין מאַמע האָט געשוויגן. זי האָט געוואוסט אז ער איז גערעכט, אָבער מיר האָט פאַרדראָסן פאַרוואָס דער טאַטע רופט מיר „פּיצעלע".

קאַפּיטעל פיר

איך בין געווען אַ דערפריייטער ווען די מאַמע איז אין עטלעכע טעג געקומען אַ צעיאַכמערטע מיט דער נייעס — דער טאַטע האָט שוין געפונען פאַר אונדז אַ דירה. ס'איז נישט זייער ווייט פון דאַנען. מיר וועלן זיך נאָך מאָרגן איבערציען.

„אין דער נייער הויז, מיין קינד, וועלן מיר האָבן אייגענע מענטשן, קרובים. דו און פייגעלע וועלן האָבן קינדער מיט וועמען צו שפּילן זיך. דערצו וועט דאָרט זיין וואָס צו זען — פאַבריקלעך, שאַפּעס און וועבערייען. וואָס דאָס זיינען פאַרא זאַכן האָב איך נישט פאַרשטאַנען, אָבער מיין נייגעריג־קייט איז געוואַקסן. דערצו האָב איך נאָך מיט אומגעדולד דערוואַרט צו זען די נייע קינדער מיט וועלכע איך וועל זיך שפּילן.

עטלעכע טעג נאָכן אַריבערציען זיך איז אונדז געווען נישט צו וואויל. מיר האָבן נישט געהאַט קיין בעטן, קיין שטולן, אפילו נישט קיין טיש. מיר זיינען געשלאָפן עטלעכע נעכט אויסגעשפּרייטע אויפן דיל. דערפאַר איז אָבער מיר געווען גוט בייטאָג, ווען איך האָב זיך שוין געקומען שפּילן מיט די אַנדערע קינדער. צוויי זיינען זיי געווען, — ברידערלעך, — די קינדער פון דער מאַמעס אַ שוועסטערקינד מיט דעם נאָמען, מייזל. ראובן, דער עלטערער איז געוואָרן מיין חבר און לייזער, דער צווייטער, איז געוואָרן, שפּילענדיג זיך, מיין שוועסטער פייגעלעס חתן. זיי האָבן אונדז באַקענט מיט קינדער פון צוויי אַנדערע פאַמיליעס אויפן הויף און מיר האָבן אָפּגעלעבט. אַזויפיל נייע שפּילן האָבן פאַרכאַפּט מיין אָטעם. נישט אין אַלע בין איך גוט געווען. אָבער אין „יאָגעלעך" בין איך געווען דער בעסטער, דער פלינקסטער, ווייל דער קלענסטער. גאָר שווער איז מיר נאָך געווען די שפּיל אין קליפּה. איך האָב אַלע מאָל פאַרשפּילט. דערפאַר, אָבער, האָט מיר ראובן גענומען באַזונדער לערנען ווי אַזוי צו וואַרפן די קליפּה. אין עטלעכע וואָכן אַרום בין איך געוואָרן אויך אַ נישקשה־דיגער קליפּה שפּילער. אַן אַנדער שפּיל איז געווען, וואָס איך האָב פיינט געהאַט, — אָבער ראובן האָט דווקא געוואָלט די שפּיל. דאָס איז געווען די שפּיל אין מלוכה. ער האָט שטענדיג געוואָלט זיין דער קיסר. ער האָט זיך אָנגעהאַנגען אַ פּולער ברוסט מיט מעשענע קנעפּלעך און געזאָגט אַז דאָס זיינען זיינע מעדאַלן, און מיך האָט ער געמאַכט פאַר אַ פּראָסטן סאָלדאַט. ווען איך האָב אים געפרעגט פאַרוואָס מיר בייטן זיך נישט,

— זאָל ער איין מאָל זיין אַ סאָלדאַט און איך אַ קיסר, האָט ער נישט געוואָלט דערפון הערן. „דו ביסט צו קליין צו זיין אַ קיסר. איך האָב זיך דערפאר מיט אים עטלעכע מאָל צעקריגט, איבערגעבעטן זיך און ווידער צעקריגט. דערפאר האָט פייגל בעסער הארמאָנירט מיט לייזערן. ער איז געווען דער חתן און זי איז געווען די כלה; זיי פלעגן ארומגיין געארעמט, מיט אן אָנשטעל ווי זיי זיינען טאַקע אמת׳ע חתן־כלה.

אָבער איין מאָל האָט זיך טאַקע מיט זיי אָפגעשפילט אן אמתע חתונה. אין זייער שפיל האָט לייזער געבראַכט פלעשלעך וואָס ער האָט אין ערגעץ געפונען; איין פלעשעלע אָנגעגאָסן מיט א ביסעלע וואַסער און „מכבד געווען" זיין „כלה" מיט „וויין". פון דעם דאָזיגן וויין האָט זיך דער כלה פארדרייט דעם קאָפּ, אַז זי איז אוועקגעפאַלן א פאר׳חלש׳טע. עס איז געוואָרן אַ גוואַלד. מען איז געלאָפן נאָך אַ דאָקטאָר און מען האָט זי קוים אָפגעראַטעוועט. לייזער האָט נישט געוואוסט אז אין דעם פלעשעלע וואָס ער האָט אָנגעפילט מיט וואַסער איז געווען יאָדינע. זי איז אָפּגעלעגן דערנאָך עטלעכע וואָכן אַ קראַנקע און לייזערן איז פארבאָטן געוואָרן אָנצורירן וועלכע ס׳איז פלעשל אין הויז, ווייל זיין פאָטער האָט אים געסטראַשעט — „דו וועסט נאָך אמאָל אימעצן פאר׳סמ׳ען". לייזער האָט שוין דערנאָך פארזאָגט א צענטן צו שפילן זיך אין אזעלכע שפּילן.

האָט זיך געמאַכט איינמאָל ווען איך בין געווען צעקריגט מיט ראובנען, האָב איך זיך אָנגעשלאָסן אָן לייזערן מיט פייגעלען און געשפילט זיך צוזאַמען אין „כאַפּערלעך". איך בין געווען פלינק אין מיין כאַפּעריי אַזוי אַז מיין שוועסטערל איז שטענדיג געווען ביי מיר דער קרבן. איך פלעג זי שטענדיג כאַפּן. איין מאָל קומט לייזער מיט א נייעם פלאַן. אויפן הויף זיינען געלעגן אָנגעלייגט ברעטער, פריש געזעגענע. ארויפצוקלעטערן אויף אַזאַ אָנשיט פון ברעטער איז געווען נישט קיין גרינגע זאַך. לייזער׳ס פּלאַן איז געווען ארויפצוגיין אויפן סאַמע שפּיץ פונם בארג ברעטער און פירן אַ מלחמה מיט די וואָס וועלן זיין אויפן צווייטן באַרג. פאר קוילן האָט מען גענוצט קליינע בארעלעך וואָס האָבן אָנגעהויבן צו וואַקסן אויף א דערבייאיג ביימעלע. אין איינער פון אַזעלכע מלחמות האָב איך געכאַפּט א „קויל" אין מיין נאָז און זי האָט ווייטער אָנגעהויבן צו בלוטיגן. דאָס האָט געמאַכט א סוף צו אונזערע מלחמות ווייל די מאַמע האָט אָנגעהויבן צו שרייען אַז „דו וועסט נאָך אמאָל בלייבן אָן אַ נאָז."

מיט דער צייט האָב איך זיך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן אין עטלעכע אַנדערע זאַכן וואָס זיינען געווען אויף דעם הויף. מיר האָבן געוואוינט אויפן ערשטן שטאָק. דאָרט איז געווען איין שאַפּ וואו מען האָט גענייט קנעפּ אויף

טאָוולען — קנעפּ פון אַלע מינים און פאַרבן. איך האָב ליב געהאַט צו זען ווי אַזוי מען שטעפּט ארויף די קנעפּ אויף די טאָוולען. עטלעכע מאָל האָט מען מיר אָפּגעטריבן פונם פּלאַץ וואו איך בין געשטאַנען און האָב צוגעקוקט, אָבער איך פלעג אַלץ קומען צוריק. איבערהויפּט האָבן מיר צוגעצויגן די בלויע קנעפּ, אַזעלכע גרויסע, שימערירנדיגע קנעפּ, וואָס מיר איז איינגעפאַלן אַז מיר וואָלטן מיט זיי געקענט האָבן אַ נייעם שפּיל.

פאַלט מיר איינמאָל איין אַ מאָדנער געדאַנק אַז עס וואָלט געווען גוט ווען איך קען קריגן אַ הויפן אַזעלכע קנעפּ. ערשטנס, וואָלט איך געקענט מאַכן ראובנען אויס קיסר. וואָס וואָלטן זיינע מעשענע קנעפּלעך האָבן אַ ווערדע קעגן אַזעלכע שיינע, בלויע, הערלעכע קנעפּ? צווייטנס וואָלטן זיי געקענט צונוץ קומען אין אַ סך אַנדערע שפּילן, און טאַקע אין דעם קנעפּל־שפּיל גופא. אָבער ווי אַזוי קריג איך זיי? גנב׳ען איז מיר נישט איינגעפאַלן. אַזעלכע געדאַנקען זיינען צו מיר עטלעכע מאָל געקומען אין די עלטערע יאָרן, גראָד ווען איך בין שוין געוואָרן אַ ישיבה בחור. גיין בעטן זיי, אַז זיי זאָלן מיר געבן אַ טוץ אַזעלכע קנעפּ, האָב איך זיך געשעמט. איז ווי אַזוי באַקומט מען טאַקע די דאָזיגע טייערע קנעפּ? בין איך ארומגעגאַנגען עטלעכע טעג און אַלץ געזוכט אַן אופן ווי אַזוי זיי צו באַקומען.

מאַכט זיך, אַז עטלעכע טעג שפּעטער, זע איך ווי עס קומט אָן אַ וואָגן מיט קאַסטנס וואָס מען ליווערט אַראָפּ פאַר דעם קנעפּל שאַפּ. אויב אַזוי, קלער איך זיך, מוז דאָס זיין פון אַ פאַבריק וואָס מאַכט די דאָזיגע קנעפּ. איז מיר איינגעפאַלן אויסצוגעפינען וואו די פאַבריק געפינט זיך. ווען דער וואָגן האָט אָנגעהויבן אָוועקצופאָרן, בין איך אים נאָכגעלאָפן כדי צו זען צו וועלכן פּלאַץ ער קערט זיך צוריק. אָבער צו מיין אומגליק איז ער נישט געפאָרן צוריק, נאָר ער איז געפאָרן ווייטער, וואָס ווייטער אָוועק פון דער פאַבריק. דאָס האָב איך ערשט אויסגעפונען ווען איך האָב געבעטן אַ גרויסן אינגל ער זאָל איבערלייענען די אויפשריפטן אויף דעם וואָגן. ווי ער האָט מיר דערקלערט, איז דאָס געווען אַן אַדרעס פון צענדליגער גאַסן אָוועק. אַזוי בין איך געבליבן ווייטער געפלעפט און נישט געוואוסט, אַז הינטער מיר איז שוין די גאַנצע זאַך דערליידיגט געוואָרן. איבערקלייבנדיג זיך פון איין שאָפּ אין אַ צווייטער, אַ גרעסערער, אויף דעם זעלבן שטאָק, זיינען אַ סך פעקלעך טאָוולען אויף וועלכע קנעפּ זיינען שוין געווען אָנגעניית טיילוויז אָדער אין גאַנצן, געלעגן צעוואָרפענע אויף הפקר. כאָטש גיי און פּאַק זיך אָן פולע קעשענעס. איך האָב בלויז אָנגענומען איין פולע קעשענע פון די דאָזיגע קנעפּ־טאָוולען און דערפילט אַ גאַנצן אוצר ביי זיך.

אַ גאַנצע רייע נייע שפּילן האָב איך אַנטוויקלט ארום און מיט די קנעפּ.

עס איז געווען מיט וואָס צו פרייען זיך. פון דעמאָלט אָן האָב איך אָנגעהויבן צו האַלטן א באזונדער אויג אויך אויף די אַנדערע שאָפּעס וואָס געפינען זיך אין דעם הויף, באַזונדערס אויף די וועבערייען. די זעלבע פיל־פאַרביגקייט וואָס האָט מיר געצויגן צו די קנעפּ האָט מיר אָנגעהויבן צו ציען צו די פיל־פאַרביגע געוואַנטן אין די דאָזיגע פאַבריקלעך. דאָרט האָט מען אויס־געאַרבעט נישט נאָר שטאָפן פאר קליידער, נאָר, ווי איך האָב שפּעטער פאַרשטאַנען, אויך פאר אלערליי טיכער, לייכטע טעפּיכער, שאַלן, קראַוואַטן און נאָך אַזעלכע סחורות.

איך האָב געהאַט דאָס גליק געפעלן צו ווערן איינעם פון די ארבעטער אין דער דאָזיגער טעקסטיל פאַבריק. ער האָט מיר געלאָזט שטיין און אַמאָל אויך זיצן לעבן זיין וועב־שטול, און איך האָב צוגעבונדן מיינע אויגן צו די „שיצן" וואָס פליען דורך די פעדים און פאַרוועבן דעם געוואַנט. צוקוקנדיג זיך אַ סך מאָל, פלעג איך שוין אַ געשריי טאָן צו אים, „שבח, איצט דאַרפסטו שיסן גרין אָדער אָראַנדזש, אָדער וואָס פאַר אַן אַנדער קאָליר איך האָב געדענקט נאָך זיי, און שבח האָט אָנגעקוואָלן וואָס ער דאַרף זיך ניט ברעכן דעם קאָפּ צי ער מאַכט א טעות אין דער רייע פון די פאַרבן. אָבער איינמאָל האָב איך זיך באַטראַכט אַז צופיל שטיקלעך סחורה וואַלגערן זיך אומזיסט און אומנישט אויפן דיל און ווערן צעטראָטן. איך האָב עטלעכע מאָל געזען ווי עס קומט אַן עלטערער איד פאַרנאַכט און קלייבט צוזאַמען די אַלע שטיקלעך אין אַ זאַק אריין. אָבער ביז ער קומט האָב איך געקלערט, קען איך אליין אָנקלייבן א שיין ביסעלע שטיקלעך פון פאַרשידענע פאַרבן און מאַכן דערפון עפּעס. וואָס? — האָב איך אַליין נישט געוואוסט.

אָבער אַז איך האָב ארויפגעבראַכט אַ פּעקל אַזאַ צו דער מאַמען און איר געוויזן „זע וואָס איך האָב", האָט זי זיך דערשראָקן, געמיינט אז איך האָב דאָס גע׳גנב׳עט, און מיר באַפוילען גלייך אָפּצוגעבן צוריק די שטיקלעך געוואַנט דאָרט וואו איך האָב דאָס גע׳גנב׳עט. זי האָט זיך אָבער באַרואיגט ווען איך האָב איר דערציילט וועגן מיין גרויסן פריינט, שבח, און אַז איך האָב דאָס גענומען מיט זיין וויסן, און אַז דאָס וואַלגערט זיך אינגאַנצן אויפן דיל און יעדער איינער קען דאָס נעמען.

אַ סימן אַז זי האָט זיך באַרואיגט איז פאר מיר געווען ווען זי האָט מיר געזאָגט, „אויב אַזוי, טאָ ברענג מיר נאָך אַזעלכע שטיקלעך. איך קען זיי צוזאַמענניייען און מאַכן טישטעכלעך אָדער שאַליקלעך פאר דיר און פאַר פייגלען, אָדער אַ טלית־זעקל פאַרן טאַטן. סיי־ווי־סיי, עס וועט צוניץ קומען."

מער ווי דאָס האָב איך נישט געדאַרפט. די מאַמע אליין הייסט מיר

שוין צוזאַמען נעמען די שטיקלעך. נו, האָב איך שוין געהאַט וואָס צו טאָן. איך פלעג ברענגען יעדן טאָג פולע קעשענעס. ביז איין טאָג, וואָס איך בין אריינגעפאַלן. איך בין שוין געווען אַזוי פאַרנומען מיט צוזאַמען נעמען די שטיקלעך, אַז איך האָב שוין אינגאַנצן פאַרגעסן אין דעם אַלטן אידן וואָס קומט זיי צוינויפנעמען אין גרויסע זעק. ווען איך האָב זיך פאַרשפּעטיגט און ער איז אָנגעקומען און דערזען ווי איך ליג אויסגעצויגן אויפן דיל און קלייב צוזאַמען די שטיקלעך, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן זיין שטעקן, פאַרמאַסטן זיך אויף מיר, און איך האָב געכאַפּט מאַכן פּיס. פונקט ווי איך וואָלט אַנטלאָפן פון אַ שׂרפה. דאָס איז געווען דער סוף פון מיינע טעקסטיל געשעפטן.

ווען זלמן מייזל׳ס קינד שטאַרבט

איין מאָל אין אַ פרימאָרגן, הער איך אַ טומל איבערן לאַנגדער קאָרידאָר. איך הער פאַרשידענע פראַגן — ווען איז ער געשטאָרבן? ווי אַזוי איז ער געשטאָרבן? ווען איך בין ארויסגעלאָפן זען וואָס עס טוט זיך, דערוויס איך זיך אַז דאָס איז געשטאָרבן דאָס עופ׳עלע וואָס איז געבאָרן געוואָרן מיט עטלעכע וואָכן צוריק ביי סיליע, ראובנ׳ס מוטער. ביז דעמאָלט האָב איך בלויז געהערט וועגן אַ טויט ווי אַן עכאָ פון זייער, זייער ווייט. איצט צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן, האָב איך דאָס געהערט פון אַזוי נאָענט, זיך געוואונדערט ווי אַזוי א טויטער זעט אויס און וואָס מען טוט מיט א טויטן. ווען ראובן איז ארויסגעקומען צו שפּילן זיך האָב איך אים געבעטן — דערציילן מיר עפּעס וועגן דעם טויטן ברודערל דיינעם.

„וואָס זאָל איך דערציילן? ער ליגט אויסגעלייגט אויף אַ בענקל, איז צוגעדעקט מיט א טוך, און רירט זיך נישט פון אָרט.״ דערוויילן פאַרטרויט ער מיר אַז מאָרגן וועט קומען דער קברות־מאַן און אים צונעמען.

איך האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט צו וואַרטן און זען ווען דער קברות־מאַן וועט קומען. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט אז דאָס מוז זיין איינער וואָס איז זייער נאָענט מיטן מלאך־המות, און ווי אזוי דער מלאך־המות זעט אויס איז פאַר מיר געווען נאָך א גרעסערער סוד ווי דער קברות־מאַן.

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך שוין נישט געקענט שלאָפן. איך האָב נאָר מורא געהאַט אז איך זאָל אים נישט פאַרשפּעטיגן. מיין מאַמע האָט זיך געוואונדערט פאַרוואָס איך הייב זיך אויף אזוי פרי. „קינדער שלאָפן נאָך און דו קריכסט שוין אַרום.״ איך האָב נישט געוואוסט צי זאָגן איר צי נישט. ווען זי איז צו מיר שטאַרק צוגעשטאַנען, האָב איך איר געזאָגט אז איך וויל זען דעם קברות־מאַן ווי ער קוקט אויס. נו, נו, מער האָט מיר נישט געפעלט. „אַ קינד זאָל האָבן אין זיך אַזעלכע זאַכן! דאָס הער איך ערשט דאָס ערשטע

מאַל״, האָט זי מיר געשטראָפט. „וואָס נאָך ווערסטו באַלד אויפקלערן ?״

איך האָב זיך געקלערט אַז איך האָב דער מאַמען נישט געדאַרפט דערציילן. איצט וועט זי מיר אינגאַנצן נישט ארויסלאָזן פון הויז, — וועל איך שוין דעם קברות־מאַן זיכער נישט זען. און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. זי האָט מיר נישט ארויסגעלאָזט ביז עס איז שוין געווען אינגאַנצן נאָך אַלעמען. ערשט שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט פון לייזער'ן און פון די אַנדערע קינדער, אַז ער איז געווען אַ הויכער איד מיט א שוואַרץ בערדל, מיט א קעסטל אונטער זיין אָרעם אין וועלכער ער האָט ארויסגעטראָגן דאָס טויטע קינד און אַוועק צו באַגראָבן דאָס אויפן בית־עולם. דאָס איז געווען פאר מיר די ערשטע לעקציע אז איך דאַרף נישט דערציילן דער מאַמען יעדע זאַך וואָס עס פּאַרלויפט זיך נאָר מיט מיר.

אַזוי האָב איך פון איר באַהאַלטן אין א קורצער צייט ארום א געשלעג וואָס מיר איז אויסגעקומען צו האָבן מיט א אינגל פון א צווייטער גאַס. ווען איך בין געווען איינער אליין פארן טויער פון זאלמאנאָוויטש'ס הויז, איז ער צוגעגאַנגען און חוצפה'דיג אַ טראָט געטאָן אויף מיין פוס. פאַרוואָס ער האָט עס געטאָן האָב איך נישט פאַרשטאַנען, אָבער דאָס האָט מיר אויף אזוי פיל ווי געטאָן אַז איך בין געוואָרן אויסער זיך און דערלאַנגט אים אַ זעץ אין זיין אָרעם. דאָס האָט ארויסגערופן א געשלעג אין וועלכן איך האָב געקריגן מיט א שטיין אין בויך וואָס האָט מיר פארורזאכט פאר א לענגערע צייט יסורים. די מאַמע האָט מיר געפרעגט עטלעכע מאָל. „וואָס טאַפּסטו זיך אַלע ווײַלע דאָרטן ביים בויך ?״ אָבער איך האָב איר נישט געזאָגט, נישט וועגן דעם טראָט אויפן פוס, און נישט וועגן דעם שטיין אין בויך. אויף אַזאַ אופן האָב איך זיך ארײַנגעלעבט אין אן אומדערלאָזבאַרער און אומגעד־זונטער באציאונג צו מיין מוטער וואָס האָט בלויז געמיינט פאר מיר גוטס מיט אירע האַנדלונגען וועגן מיר.

קאפיטל פינף

ביסלעכווייז האָט זיך אונזער לײדיגער צימער געגומען אָנפּילן מיט עטלעכע מעבל־שטיקער און פאַרשידענע שטובזאַכן. אין קאַטלאָווע האָבן מיר קיינמאָל נישט געזען אַזעלכע זאַכן. יעדע זאַך וואָס דער טאַטע און די מאַמע האָבן אהיימגעבראַכט איז פאַר מיר און פאר מיין שוועסטער פייגל געווען מער אַ שפּילצייג ווי אַ הויזנוצלעכקייט. דאָס האָט אָבער געדויערט אַ קורצע צייט. די גרעסטע נייעס איז פאר אונז געווען דער קליידערשאַנק וואָס מיר האָבן פריער קיין מאָל נישט געזען. דאָס איז אונז צונוץ געקומען אין פאַרשידענע שפּילן, איבערהויפּט אין דעם שפּיל פון די באַהעלטענישן. ווען מען האָט זיך באַהאַלטן אין שאַנק איז דאָס שוין געווען איין מאָל אַ באַהאַל־טעניש, — ווען מ׳פלעגט זיך פאַרשטעקן אין אַ ווינקל, אָדער פאַרנורען דעם קאָפּ אין וועלכן עס איז מאַנטל.

אָבער מער טשיקאווע פון אַלץ בין איך געוואָרן ווען איך האָב דערזען צום ערשטן מאָל אין אונזער וואוינונג ווי דער טאַטע האַלט אין האַנט אַ פאַרקיילעכדיג שטעקעלע, אַ רויטס, מיט אַ גראַבן בייכל אין מיטן, פירט עס אויף אַ פּאַפּיר און גיט עס איבער דעם מענטשן וואָס איז געקומען נאָך דעם, און יענער לייענט עס אויפן קול. איך האָב געגלאָצט מיט די אויגן און זיך געוואונדערט, וואָס פאר אַ שטעקעלע איז עס? און וואָס איז די גלעזערנע כלי אין וועלכער דער טאַטע האָט אָנגעטונקען דאָס שטעקעלע? איך האָב געקוקט און געפּרוווט געדענקען וואו דער טאַטע שטעלט דאָס אוועק. עפּעס האָט מיר געזאָגט מיין הארץ אַז אין דעם ליגט אַ גרויסן סוד. איך בין שוין געוואָרן אומגעדולדיק און געוואַרט אויף אַ צווייטער געלעגנהייט ווען דער טאַטע וועט ארויסנעמען ווידער אַמאָל דאָס שטעקעלע און די גלעזערנע כלי. דאָס מאָל, האָב איך געקלערט, וועל איך זיך גוט צוקוקן און זען ווי אַזוי דער טאַטע מאַכט אַז דאָס פּאַפּיר זאָל רעדן. כ׳האָב לאַנג אויף דעם נישט געדאַרפט וואַרטן. איך הער איינמאָל ווי דער טאַטע זאָגט דער מאַמען, „איך דאַרף זיך זעצן אָנשרייבן אַ פּראָשעניע צו דעם דירעקטאָר פון די בילדונגס ענינים וועגן עפענען אַ מאָדערנער אידישער שולע. אָן אַ דער־לויבעניש פון דער שול־דירעקציע וועט מען מיר אין באַנק קיין געלט נישט אויסבאָרגן אויף אַזאַ אונטערנעמונג״. די מאַמע האָט עטלעכע מאָל אָפּגעזיפצט און געזאָגט, „ס׳איז שוין צייט, רבונו של עולם, אַז מיר זאָלן קענען האָבן אַביסל פרנסה.

דער טאַטע האָט זיך דערנאָך אוועקגעזעצט מיט אַ ריינעם פּאַפּיר, אויסגעגלייכט אים פון אַלע זייטן, אַרויסגענומען פון אַ פּלאַץ איבערן שאַנק דעם שטעקעלע צוזאַמען מיט דער גלעזערנע כלי. איך האָב זיך שוין גוט אריינגענומען אין זכרון וואו ער האַלט זיי. אָבער נאָך מערער האָב איך זיך איינגעגראָבן מיט מיינע אויגן צו זען וואָס ער טוט און ווי אַזוי ער טוט.

„כאשע״, זאָגט ער צו דער מאַמען, „דערמאָן מיר צו קויפן אַ נייע פען; די אַ זשאווערט שוין און אַז מען דאַרף שרייבן צו נאַטשאַלסטווע, דאַרף אַלץ זיין גלאַט און קלאָר.״

דערווייל האָב איך זיך דערוואוסט אַז דאָס רויט שטעקעלע מיטן גראָבן בייכל איז אַ פען און אַז מיט דעם שרייבט מען, און אַז מען שרייבט קען מען דאָס לייענען; און אַז נאַטשאַלסטווע מוז זיין עפּעס אַזוינס פאר וועלכער מען דאַרף האָבן גרויס דרך־ארץ, און אַז אַלץ דאַרף זיין „גלאַט און קלאָר״.

ס׳איז גאַנץ פשוט, מען דאַרף נאָר נעמען די פען אין האַנט אריין און מען שרייבט. וועל איך שוין צוואַרטן אויף אַ צייט ווען נישט די מאַמע און נישט דער טאַטע וועלן זיין אין דער היים. צו מיין מזל גייען אַוועק עטלעכע טעג מיט איינשטעלן די אָרדענונג אין הויז און איך קריג נישט די געלעגנהייט צוצושארן זיך צו דער פען. ערשט אַז עס איז געוואָרן שבת, און אַז ביידע זיינען אַוועק דאַוונען האָב איך געקענט זיך נעמען דאַוונען מיט דער פען. מיינע הענט האָבן געציטערט ווען איך האָב זיך צו איר דערקליבן. איך האָב געפילט ווי איך האַלט דעם טייערסטן אוצר אין מיין האַנט. ווען איך האָב אָנגעהויבן צו פירן מיט דער פען אויף פּאַפּיר און דאָס פּאַפּיר איז געבליבן אַזוי ווי געווען, האָב איך זיך ערשט געכאַפּט אַז איך מוז פריער געפינען דעם צווייטן אוצר — דעם טינטער.

איך האָב אָבער גיך אויסגעפונען, אַז עס פעלט מיר נאָך אַ דריטער אוצר — ווי אַזוי מאַכט מען די פען צו שרייבן. וואָס איך זאָל נישט האָבן געפּרואווט, איז גאָר ארויסגעקומען אַ פלאַנטער פון פלעקלעך און פלעקן. אָבער אַנשטאָט באַהאַלטן דאָס פּאַפּיר אַז מען זאָל נישט אויסגעפינען מיין פאַרברעכן, האָב איך עס געלאָזן אויפן טיש און דאָס ערשטע וואָס דער טאַטע האָט דערזען ווען ער איז אריינגעקומען איז געווען אָט דער דאָזיגער „געהיימער דאָקומענט״. ער האָט מיר שאַרף אָנגעקוקט, געגעבן מיר אַ גלעט איבער׳ן קעפּל און פאַמעלעך מיר גוטמוטיג גע׳מוסר׳ט. „דו ביזט דאָך צו יונג צו האַלטן א פען אין האַנט.״ און אריינגעמענדיג די פען אין זיין האַנט וויזט ער מיר ווי אַזוי ער שרייבט, און מיר דוכט אז איך קען גלייך נעמען און אויך אַזוי שרייבן. דער גוטער טאַטע האָט מיר צוגעזאָגט אין

אַ קורצער צייט ארום צו לערנען מיר ווי אזוי צו שרייבן.

אָבער עפּעס איז פון דער געשיכטע ארויסגעקומען. ער האָט געזאָגט דער מאַמען אַז אזוי שנעל ווי זיין שולע וועט זיך עפענען וועט ער מיר אריינעמען ווי דעם ערשטן תלמיד. מיין מוטער׳ס אויגן האָבן דעמאָלט אויפ־געלויכטן. זי איז צוגעקומען און מיר געגעבן אַ נישט־פאַרדינטן קוש. איך האָב אָבער נישט געקענט פארגעסן דעם טאַטנ׳ס צוזאָג, אַז ער וועט מיר אין גיכן אָנהויבן צו לערנען שרייבן.

אין גיכן, אָבער, איז צו דער דאָזיגער גלוסטונג מיינער צוגעקומען נאָך איינע. אין הויז האָבן זיך אריינגעצויגן אַ פּאָר נייע קוואַרטיראַנטן; צוויי עלטערע פרויען. איך האָב געהערט זאָגן, אַז זייז זיינען גויעס און אַז אַלע וועלן זיך האַלטן ווייט פון זיי. אָבער אין גיכן האָט מיר אָנגעהייבן צו ציען אהין מאָדנע קלאַנגען וואָס זיינען ארויסגעקומען פון זייער צימער. איך האָב דערפילט עפּעס אַ מאָדנעם פאַרגעניגן ווען איך פלעג עס דערהערן. מיין מוטער האָט מיר געזאָגט אַז איך טאָר נישט שטיין הינטערן טיר ביי קיינעם נישט. ביי זיי אודאי נישט. נו, הייבט זיך ביי מיר אָן אַ נייע חתונה. אזוי שנעל ווי זיי הייבן אָן צו שפּילן, צעשפּילט זיך מיין חשק צו הערן. פון ראובנ׳ען דערוויס איך זיך דערנאָך אז דאָס שפּילן זיי פּיאַנאָ, און אַז אידן טאָרן זיך נישט אָפּגעבן מיט אַזעלכע זאַכן. דאָ בין איך שוין ווידער געווען אין אַ צעמישעניש — פארוואָס אידן טאָרן נישט און די גויעס מעגן, פאַרשטיי איך נישט. פרעגן ביים טאַטן האָב איך מורא, ווייל די מאַמע האָט מיר אָנגעזאָגט נישט צו פאַרדרייען דעם קאָפּ דעם טאַטן מיט נאַרישע פראַגעס. וויפל מאָל איך האָב אָפּגעמאַכט ביי זיך נישט צוגיין נאָענט צו יענער טיר, האָב איך אָבער דאָך נישט געקענט אויסהאַלטן ווען איך פלעג דאָרטן הערן די שפּילעוודיגע קלאַנגען. עס גייען אַוועק עטלעכע וואָכן און איך הער זיך שוין צוזינגען, כמעט די זעלבע קלאַנגען וואָס איך נעם איבער פון יענער וואוינונג. דערצו פּאַסירט גראָד נאָך עפּעס.

מיין ברודער, יאָשקע, וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען, קומט צופאָרן. אַזאַ הויכער און שיינער בחור האָט זיך אריינגעשטעלט אין הויז אריין און די מאַמע זאָגט מיר, „דאָס איז יאָשקע, דיין ברודער.״ אזוי גיך ווי ער האָט זיך איינגעקוואַרטירט איז אין שטוב געוואָרן פול מיט געזאַנג. די מאַמע האָט מיר שטילערהייט פארטרויט, אַז יאָשקע איז אַ גרויסער משורר און אַז ער וועט נאָך אַמאָל זיין א חזן. ער וועט גלייך אין מיינע אויגן נאָך גרעסער און נאָך העכער. ווען מען בעט אים אויס ביינאַכט אַ געלעגער אויפן דיל, לויף איך אַראָפּ פון מיין געלעגער צו אים און ווייז אים ארויס גרויס ליבשאַפט. איך הייב אָן צוצוברומען די קלאַנגען מיט וועלכע איך האָב זיך

אַנגענומען ביי די נייע קוואַרטיראַנטקעס. „ווי קומט עס צו דיר?״ פרעגט יאַשקע. „דאָס איז דאָך שאַפּענ׳ס אַ פּאַלקע־מאַזורקע!״ ער האָט זיך פאַר־אינטערעסירט צו וויסן פון וואַנען איך האָב דאָס געגומען. איך האָב אים געזאָגט אַז דאָס איז פון די נייע שכנות. אויף מאָרגן איז שוין יאַשקע ביי זיי געווען, געשפּילט צוזאַמען מיט זיי, און ווען ער איז אַרויסגעקומען פון דאָרט, האָט די מאַמע אויף אים געוואָרפן אַ בייזן בליק.

„ווען דער טאַטע וועט זיך דערוויסן אַז דו שפּילסט זיך דאָרטן מיט די גויעס, וועט דיר מער נישט פעלן. אַ שיינער חזן וועסטו ווערן!״ יאַשקע האָט אַ לייכטן שמייכל געטאָן און באַרואיגט זיך. „מומע, דאַגה׳ט זיך נישט וועגן מיר. די שטאָט וואו איך וועל זיין אַ חזן האָט שוין אָפּגעברענט. איך וועל מסתמא ווערן אַן אָפּערע זינגער.״

„וואָס איז דאָס פאַר אַ מין סחורה?״ וואונדערט זי זיך. „אָפּערע איז אַ מין טעאַטער וואו עס גייען רייכע מענטשן צו הערן און זען אַ שפּיל וואָס ווערט אויסגעזונגען און אויסגעשפּילט.״ די מאַמע האָט געשאָקלט דעם קאָפּ ווי זי וואָלט זאָגן, „דו ביזט שוין אַוועק גאַנץ ווייט. דער טאַטע וועט האָבן אַ סך נחת פון דיר.״ מיר געפעלט נישט וואָס די מאַמע קריגט זיך מיט אים און ער גיט אָנצוהערן אַז ער וועט אין לאָדזש לאַנג נישט שטיין. עס האָט מיר שטאַרק פאַרדראָסן. איך וואָלט זייער וועלן אַז ער זאָל בלייבן מיט אונז די גאַנצע צייט. אָבער מיין פאַרלאַנג איז נישט מקוים געוואָרן. נאָך אין יענער וואָך איז יאַשקע שוין אַוועקגעפאָרן און אין עטלעכע טעג אַרום קריגן מיר שוין אַ בריוו פון אים אַז ער איז ביים שוואַרצן ים אין ניקאָלאַיעוו.

אין די קומענדיגע חדשים איז דער טאַטע געווען זייער פאַרנומען מיט די צוגרייטונגען צו עפענען די שולע. איין מאָל קומט ער אהיים שפּעט אין אָוונט, וועקט אויף דער מאַמען וואָס האָט געדרעמלט אויף אַ שטול, און רופט אויס, „כאַשקע, מיר זיינען שוין געראַטעוועטע. מיר קריגן צו אַ רייכן שותף.״ די מאַמע פרעגט אים אויס אַלערליי זאַכן וואָס איך פאַרשטיי נישט און אין דער צייט ווער איך אַנטשלאָפן מיט זיסע חלומות.

איינע פון די חלומות קען איך נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן. עס איז כמעט ווי אַן איבער׳חזר׳ונג פון די אַלע זאַכן וואָס מיר האָבן דורכגעלעבט אין דער לעצטער צייט. — פייגעלע איז ווידער קראַנק, דער דאָקטאָר קומט יעדן טאָג און פאַרשרייבט עפּעס אַ ניי פלעשל און די מאַמע רייסט זיך אויס איר האָר ווען פייגעלע פאַרשטשעמעט די ציין און וויל נישט נעמען די מעדיצין. אַ צווייטער חלום פּלאָנטערט זיך אַריין גלייך וועגן אליהו הנביא. ער קומט אַן אָנגעפּעלצטער, אַ באַשנייטער, און בעט אַ גלאָז טיי אָנוואַרעמען זיך פון דער קעלט. די מאַמע זאָגט אים צו אַז זי ברענגט אים גלייך אַ גלאָז

טיי, אָבער בעט אים אז ער זאָל דערוויייל בענטשן אירע קינדער. ווי איך זע נאָר אז ער קומט צו צו מיר, ארויפצולייגן די האַנט אויפן קאָפּ, דערשרעק איך זיך און הייב זיך אָן בעטן, „איר וועט מיר בענטשן א צווייטן מאָל, ווען איך וועל שוין קענען האַלטן אַ פּען אין האַנט, אַז איך זאָל שוין קענען שרייבן.״ און אָט ווערט שוין דער נביא פארשוואונדן און איך זע ווי דער קברות־מאַן טראָגט א קעסטעלע אונטערן אָרעם, קוקט זיך ארום אין אַלע זייטן, און איינע פון די אינגעלעך אויפן הויף קלאָגט זיך, אַז ער האָט אויף אים א מאָדנעם קוק געטאָן. „איז דאָס א שלעכטער סימן?״ פרעגט ער זיך. „ניין, עס איז אַ גוטער סימן״, באַמערקט א צווייטער אינגל. „מיין מאַמע זאָגט אז עס איז פונקט פאַרקערט, אַז ווען אַזאַ איינער שילט, מיינט עס פונקט פאַרקערט. עס לאָזט זיך דערפון אויס אַ ברכה.״

ווען איך כאַפּ זיך אויף פונעם שלאָף, פון די אַלע חלומות, בעט איך דער מאַמען אַז זי זאָל מיר זאָגן וואָס וועט זיין ווען דער שותף וועט נישט וועלן אַז איך זאָל גיין אין דער שולע וואָס דער טאַטע האָט צוגעזאָגט — זאָגט זי אַז דער הויפּט באַלאַבאָס בלייבט דער טאַטע. „און דו וועסט אם ירצה השם זיין איינער פון די תלמידים.״

קאַפּיטל זעקס

דער גוטער שותף

נאָך יאָשקע׳ס אַוועקפאָר ווערט דער טאַטע מער פאַרטראַכט און די מאַמע, אַן אָפּט־פאַרזאָרגטע, ווערט עפּעס נאָך מער אומרואיג. איך הער איין מאָל ביינאַכט, ווי דער טאַטע רעדט מיר דער מאַמען, אַז ער וואָלט געדאַרפט מער השגחה געבן אויף יאָשקען. ער איז שוין טאַקע זעלבסטשטענדיג, און איז זיך מפרנס פון זיין מוזיקאַלישער פראָפעסיע, וואָס ער האָט זיך אויס־געקליבן. אָבער דאָך איז ער נאָך צו יונג ארומצוטרייבן זיך אַזוי איבער דער וועלט. ווער ווייס, וואָס עס קען מיט אים אַלץ פּאַסירן!

איך באַמערק אַז די מאַמע האַלט זיך אָפּ פון דערציילן אים וועגן יאָשקע׳ס חבר׳ן זיך מיט די „גויעס״ און דאָס שפּילן מיט זיי פּיאַנאָ. דאָס געפעלט מיר זייער. דער טאַטע וואָלט האָבן אומזיסט עגמת נפש.

אין יענער נאַכט האָט אָבער דער טאַטע אויסגעדריקט זיין זאָרג, וואָס ער קען נישט קריגן פאַר דער נייער שולע קיין פּלאַץ אין אן אנשטענדיגן געגנט.

דער בעסטער פּלאַץ וואָס מען האָט אים אָנגעגעבן איז אויף דרוקער גאַס (אָדער ווי מען רופט עס „סידער׳ס״ גאַס לעבן פּיש־מאַרק). נאָר אפילו דאָרט בעט מען פאַר די זעקס צימערן פינף הונדערט רובל אַ יאָר. ער פאַרענדיגט זיין געשפּרעך מיט בעטן צו גאָט אַז ער זאָל אים צושיקן אַ גוטן שותף און זאָלבא־צווייט זאָל מעגלעך זיין צו פאַרנעמען זיך אויף אַ גרעסערן פאַרמעסט.

סיי ווי זיינען מיר געצוואונגען אריבערצוציען זיך אויף סידער גאַס אין עטלעכע וואָכן אַרום. עס איז מיר געווען אַ שאָד איבערצולאָזן מיינע חברים און מיך וואונדערט וואָס פאַרא חברים איך וועל דאָרט קריגן. אין רעכטן מיטן פון מיינע זאָרגן וועקט מיך אויף דער טאַטע אין אַ שיינעם פרימאָרגן, הייסט מיך זיך אָנטאָן, „דער וואָגן וואַרט שוין אין דרויסן. אויב דו ווילסט זיך נישט צואיילן, וועסטו מוזן גיין צו־פוס.״ איך וויל אָבער בעסער פאָרן. געזעגן איך זיך שנעל אָפּ מיט אַלעמען וואָס איך טרעף פאַרן הויז, און זעץ זיך אַרויף צוזאַמען מיט פייגלען און דער מאַמען אויפן וואָגן. ווען מיר קומען צו אַהין, שטייט שוין פאַר דער טיר אַ ביסל מעבל און זאַכן וואָס דער טאַטע האָט נאָך פריער אריבערגענומען. איצט שטייט ער און וואַרט אויף אונז. ער האָט דערפרייט דער מאַמען מיט דעם וואָס זי האָט דערזען אין קיך אַן אָפּגוס און וואַסער קראַנען אין צימער.

צו ריין איז דער געגנט נישט. עטלעכע הייזלעך זיינען אַלטע און אָפּגעלאָזענע. בלויז איין הייזל אנטקעגן זעט אויס לייטיש. עס איז פיין אויסגעפּאַרבט מיט ריינע ווייסע פאַרהענגלעך אויף די פענסטער. אָבער עס איז גלייך לעבן פּיש־מאַרק. מיר דערוויסן זיך אַז אין דעם ריינעם הייזל וואוינט פאַן פריץ פייפער מיט זיין פאַמיליע. מען זאָגט אונז אַז ער איז אַ דייטש און זיין פרוי איז אַ פּוילישע. זי זעט אויס צו זיין אַן אָנגעבלאָזענע, אַ גרויסהאַלטערקע געגן די „שמוציגע אידן״. אָבער די קינדער זייערע, זאָגן שכנים, זיינען זייער פיינע און באַנעמען זיך שיין צו אנדערע, נישט־קריסטלעכע קינדער. זיי רעדן אמערסטנס אויף זייער מוטער שפּראַך — פּויליש. פייגעלע קריגט גלייך חבר׳טעס, ווייל זי רעדט דאָך אויך א גוטן פּויליש, נישט ערגער פון אידיש.

אויף מאָרגן נאָך דער אריבערציאונג, ברענגט דער טאַטע צוויי בריוו, וואָס זיינען אָנגעקומען אויף דעם אַלטן אַדרעס און וואָס זלמן מייזל האָט דאָס אים איבערגעגעבן. איין בריוו איז פון יאנקל־ברוכ׳ן. איך הער ווי דער טאַטע לייענט פון דעם בריוו, איז ער זייער אומרואיג פון דעם וואָס ער האָט זינט יאָשקע׳ס אָפּפאָרן, נישט געהערט פון טאַטן. ער קלאָגט זיך אויך, וואָס די גערעטעניש אויף די פעלדער איז געווען אַ שלעכטע און זיין שותף מאַכט שוין פּלענער ווי אזוי צו קריגן אַ בעסערע פרנסה אין א שטאָט — אין

נאָוואָרעדאָק, צי אין באַראַנאָוויטש. ער פרעגט ביים טאַטן אַן עצה — אפשר זאָל ער אליין אויך פּרוּוון ארויסרירן זיך פון דאָרף.

דער צווייטער בריוו איז פון זיין ברודער, מענדל, און איז אויך פול מיט דאגות. זיין עלטערער זון, ברוך, וויל נישט זיין קיין סאָלדאַט, און וויל בעסער אַפּפאָרן פון דעם לאַנד; נאָר ער איז זיך מישב (מעיאַשעוו) צי זאָל ער זיך אוועקלאָזן קיין ארגענטינע, וואו אידן האָבן לעצטנס אָנגעהויבן צו פאָרן, צי אין אמעריקע. צי גאָר אין אַפריקע — אין לאָדזש, שרייבט ער, קען מען גיכער אויסגעפינען וואו עס זיינען פאַראַן בעסערע אויסזיכטן צו באַזעצן זיך. מענדל איז אויך באַזאָרגט וואָס זיין עלטסטע טאָכטער, דינקען, מאַכט זיך אַלץ נישט קיין פּאַסענדיגער שידוך... אפשר זאָל ער זי גאָר שיקן קיין לאָדזש?

איך באַמערקט ווי דער טאַטע וויל דורכאויס אַז די מאַמע זאָל מיט אים איינשטימען, אַז לאָדזש איז נישט דער בעסטער פּלאַץ פאַר אידישע דאָרפישע מיידלעך. ער האָט שוין אפילו חרטה פאַרוואָס ער האָט אַהער פאַרשלעפּט די אָרימע צינע וואָס פּלאָגט זיך דאָ אַזוי.

די מאַמע און דער טאַטע הויבן אָן צו רעדן זייער שטיל. עפּעס ווילן זיי נישט אַז איך זאָל הערן די נייעס וועגן צינען. דאָס האָט מיר גראָד געוויצט צו דערוויסן זיך. שפּעטער האָב איך עטלעכע מאָל געמוטשעט דער מאַמען אַז זי זאָל מיר זאָגן מיט וואָס איז צינען אַזוי שלעכט.

„דו וועסט עלטער ווערן, מיין קינד, וועסטו זיך דערוויסן. עס וועט פון דיר גאָרנישט אַנטלויפן, ווען דו וועסט דערוויל זיך שפּילן רואיג ווי אַלע קינדער." די מאַמע גיט דערוויל א טיפן זיפץ, נעם איך אָן, אַז דאָס זיפצט זי אויף דעם וואָס פייגעלע, מיין שוועסטערל, האָט נאָך נישט קיין אידישע חבר'טע. איר ציט דערוויל בלויז צו די פּויליש־רעדנדיגע קינדער. די מאַמע ציטערט, זי זאָל נישט אַמאָל, חס־ושלום ווערן פאַר'גוי'אישט.

אין עטלעכע טעג אַרום איז מיר אויסגעקומען אליין פאַרכאַפּט צו ווערן פון דער פּוילישער מיידעלע, מיט וועלכער פייגעלע שפּילט זיך. זי האָט זי ארייַנגעבראַכט אין שטוב אריין. זי איז אַזאַ שיינע, שענער אפילו פון פייגעלען. אירע העל־בלאָנדע צעפּלעך, פאַרלייגט ווי בייגל ארום איר מילך־ווייס פּנים'ל, רעמען זי איין ווי אין א גאָלדענער ראַם, און פון דער ראַם לייכטן ארויס צוויי אייגעלעך, בלאָ אַזוי ווי אין טאַנצענדיגע פלעמלעך פייער. איר קליין פּיסקעלע קוקט אויס ווי אַ צעעפנט רויט בלימל, אָבער די שיינע ציינדלעך וואָס קוקן פון דאָרט ארויס, זעען מיר אויס ווי קליינע שטיקלעך חנוכה־ליכטלעך. אמת, איך האָב נאָך דעמאָלט קיין מינדסטן באַגריף נישט געהאַט וואָס הייסט פאַרליבט ווערן, אָבער דאָס האָט מסתמא

געמוזט זיין עפּעס אזוינס. איך האָב זי שוין כסדר געוואָלט זען. זי איז מיר שוין מער איינגעבאקן אין האַרצן אפילו ווי מיין געליבטע קאַץ וואָס די מאַמע האָט געבראַכט פון יאטקע מיט דעם צוגעשריבענעם יחוס, אַז זי איז „אַ גוטע כאַפּערטע". די מאַמע האָט דאָך כסדר מורא אז איך זאָל נישט קריגן קיין קעצישן קאָפּ אויב איך וועל זיך נישט אויפהערן צו שפּילן מיט איר.

עס זיינען אוועקגעגאַנגען עטלעכע וואָכן און עס איז שוין ווידער געוועזן פּסח; פיל איך זיך אַ גליקלעכער ווען איך זיץ ביים סדר, פרעג די קשיות און מאַך שוין זיכער אז איך וועל נישט אַנטשלאָפן ווערן ווען אליהו הנביא וועט קומען. מאַכט זיך אויף די טיר און אַ איד מיט א שיינער באָרד קומט אַריין מיט אַ ברייטן „גוט יום טוב!" „גוט יום טוב, גוט יאָר" ענטפערט אים דער טאַטע. זעצט זיך אַוועק ר' לייזער. אַ שאָד, וואָס איר האָט פאַר־שפּעטיגט מיין זונעלעס פיר קשיות."

עפּעס האָב איך אַ נישט גוטן געפיל צו דעם ר' לייזערן. מיר דוכט זיך אַז ער איז אַ שווינדלער. עפּעס דרייט ער מיט זיינע אויגן ווען ער רעדט.

אָבער ווען אליהו הנביא האָט געדאַרפט אריינקומען האָב איך זיך גראָד אַזויפיל פאַרקוקט אויף ר' לייזערן, אַז איך האָב דורכגעלאָזן דעם ריכטיגן מאָמענט. וואָס האָב איך דעמאָלט געזען אין ר' לייזער'ן? עס קומט ביי מיר אויס אַז אזוי גיך ווי אליהו הנביא וועט אויפמאַכן די טיר און וועט דערזען אז ר' לייזער זיצט דערביי, וועט ער צוריק ארויסלויפן. דער סוף איז אַז איך זע אים טאַקע נישט און מיין כעס אויף ר' לייזערן ווערט נאָך מער פאַרשטאַרקט.

נאָך מער דערפיל איך אַ צאָרן אויף ר' לייזערן ווען איך קום צום ערשטן מאָל נאָך פּסח אין דער דערעפנטער שולע און ער גיט אַלע אינגלעך פלעצער צו זיצן און מיר לאָזט ער אויס. ערשט אַז דער טאַטע קומט אריין פון אַ צווייטן פלאַץ, נעמט ער מיר פאַרן הענטל און זעצט מיר אריין אויף אַ פלאַץ וואו איך זאָל קענען זען דעם לערער אויג אויף אויג. איך האָב געזען אַ שטיקל נקמה אין דעם שותף וואָס האָט געוואָרפן אויף מיר אַ שלעכטן בליק, עפּעס ווי איך וואָלט געווען אין גאַנצן אַ ווילד פרעמדער, אַן אומגעבעטענער גאַסט, וואָס איך האָב זיך אליין אריינגעזעצט.

אַז איך בין אהיימגעקומען און געוויזן מיין מאַמען וואָס איך האָב געלערנט, האָט זי פאַרגאָסן טרערן פון פרייד. „אָט אַזוי, ישראל־בערעלע, אַז דו וועסט לערנען וועסטו קענען. ווען דו וואָלסט וויסן וואָס פארא זיידעס דו האָסט געהאַט, וואָס פאַראַ גרויסע מענטשן זיי זיינען געווען, וואָלסטו אויפגעהערט צו שטיין הינטער גוי'אישע טירן און זיך בעסער געלערנט אונזער תורה." ווען זי האָט געהאלטן אין ארויסרעדן דאָס וואָרט „תורה"

קומט גראָד אָן דער טאַטע און נעמט זי שטראָפן. „וואָס דולסטו אים שוין אַ קאָפּ מיט תורה? דערווייל האָט ער בלויז געלערנט דריי פּסוקים פון תהילים.״

„געדענקסטו עס?״ פרעגט ער מיר. „אודאי״, ענטפער איך, און איך הייב אָן איבערצוזאָגן די דריי פּסוקים. איך פאַרפעל נישט צו באַמערקן די צופרידענקייט אויף מיין טאַטנ׳ס פּנים.

די שולע איז פאַר מיר געוואָרן אַ נייע וועלט. עס איז נישט בלויז דאָס וואָס איך לערן דאָרט, נאָר דער עיקר, די נייע חברים וואָס איך קריג דאָרט. איך האָב ליב צו זען ווי שיין זיי זיינען אָנגעטאָן, זייערע נייע גאַרניטערלעך און שיינע פרישע פּנימלעך וואָס זיי האָבן. זיי זעען אויס אַזוי אַנדערש פון די אינגלעך וואָס וואוינען אויף אונזער זאַלמענאָוויטשעס גאַס, ווי זיי וואָלטן געווען גאָר אין גאַנצן אַנדערע מענטשן. איינער פון די אינגלעך וואָס איז מיר געוואָרן אַ גוטער חבר, איז סאַלאַמאָן, אַ זון פון אַ קאָמיסיאָנער ווייס, וואָס ווייזט מיר פאַרשיידענע נייע זאַכן. אָט האָט ער מיר געוויזן אַ שיין מעסערל וואָס זיין פעטער האָט אים געבראַכט פון אויסלאַנד, אַ מתנה. איך האָב אליין געהאַלטן דאָס מעסערל אין מיינע הענט. ער איז אַ גוטער און לאָזט זיך מיר שפּילן מיט אַלע זאַכן וואָס ער האָט. ער האָט מיר צוגעזאָגט צו גיין מיט מיר אין קאָליע־גאָרטן און ער האָט מיר דערציילט אַ סך מעשיות וואָס ער האָט זיך אָנגעזען אין אַנשטאַטס־גאָרטן. ער האָט מיר צוגעזאָגט אַז ווען ער וועט גיין אַהין נאָכאַמאָל ל״ג בעומר, וועט ער מיר מיטנעמען אהין. דערפאַר האָב איך אים צוגעזאָגט אז איך וועל אים ברענגען מיין פּופּע וואָס מיין ברודער האָט מיר געשאָנקען און וועל אים לאָזן שפּילן זיך מיט איר.

איך האָב אים נאָך שטאַרקער ליב געהאַט ווען ער האָט מיר ל״ג בעומר גענומען אין אנשטאטס־גאָרטן. דאָס איז געווען אַ ווייטער מהלך. מיר זיינען געגאַנגען און געגאַנגען ווער וויס וויפל גאַסן. אָבער עס האָט זיך געלוינט. אַזאַ גאָרטן קענען זיך נאָר פאַרגינען רייכע קינדער. וואָס האָב איך דאָרטן נישט געזען! בערן, ברוינע און ווייסע; בערעלעך יונגע און קלוגע וואָס מאַכן אלערליי קונצן, הירשן מיט גרויסע פאַרצווייגטע הערנער, העלפאַנטן אַזוי ווי די בערג, מיט לאַנגע נעזער, וואָס אַרבעטן מיט זיי פּונקט ווי מיט א גרויסער האַנט; היינט די מאַלפּעס די פאַרשיידענע: איינִיגע אַזעלכע וואָס זעען אויס פּונקט ווי מענטשן און מען זאָגט אויף זיי אז זיי זיינען פאַרשאָלטענע מענטשן. און קליינע מאַלפּעלעך מיט אַזעלכע שפּיזיקע אייגעלעך. אָבער מער ווי אַלץ האָב איך זיך פאַרקוקט אויף די לייבן. דאָס האָט מען מיר געזאָגט זיינען די שטאַרקסטע חיות פון אַלע, שטאַרקער אפילו פון די העלפאנטן.

צו די אַלע זאַכן אויף צו זען, איז אויך געווען עפּעס וואָס איך האָב צום ערשטן מאָל געהערט , — אַ מוזיק אָרקעסטער — אַרום דרייסיג מוזיקאַנטן, אַנגעטאָן אין מונדירן, האָבן געשפּילט, אָנגעפירט פון איינעם, אַ מין גענעראַל, וואָס האָט געשריבן אין דער לופטן מיט אַ דיריגיר־שטעקל ווי מיין טאַטע האָט געשריבן אויפן פּאַפּיר. מיין חבר, סאַלאָמאָן, זאָגט מיר אַז די מוזיקאַנטן קוקן אויף די באַוועגונגען פון׳ם שטעקל, לייענען זיי פון אים פּונקט ווי מען וואָלט זיי געזאָגט מיטן מויל, אָדער אָנגעשריבן אויף פּאַפּיר.

ווען איך בין אַהיימגעקומען האָב איך שוין געהאַט וועגן וואָס צו רעדן. פייגעלען האָב איך דער ערשטער דערציילט, און דערנאָך — דער מאַמען. זי האָט מיר עטלעכע מאָל געבעטן, אַז איך זאָל אויפהערן ווייל איך פאַרדול איר דעם קאָפּ, אָבער עפּעס האָט אין מיר נישט געלאָזט רוען. איך בין אַריינגעלאָפן צו אונזער פריינט, מייזל, און דאָרט יעדן איינעם דערציילט וועגן דעם וואונדער. אָבער ראוב׳קע האָט מיר דערציילט אַ מעשה אַז ער אַליין איז שוין אויך געווען אין אַנשטאַטס־גאָרטן נאָך מיט אַ יאָר פריער פאַר מיר.

אין די קומענדיגע עטלעכע וואָכן חולמ׳ט זיך מיר כסדר וועגן מיינע זעאונגען אין דער לעצטער צייט, איבערהויפּט אין דעם וואונדערבאַרן אַנשטאַטס־גאָרטן. עס וואָלט אפשר אַזוי אָנגעגאַנגען אַ לאַנגע צייט אויב עס וואָלט נישט אָנגעקומען צו אונז דער גרויסער גאַסט. דאָס איז מיין חתונה־געהאַטער שוועסטער, חנה־איידלע. זי איז געקומען מיט גוטע נייעס, אַנשטאַט די שלעכטע, וואָס מיר האָבן געהאַט מיט עטלעכע וואָכן פריער. מיר זיינען געווען זייער אָנגעשראָקן. דער טאַטע און די מאַמע האָבן צווישן זיך גערעדט שטילערהייט. איך האָב אָבער אַרויסגענומען פון זייערע שטילע רייד אַז מיין עלטסטע שוועסטער איז ז י י ע ר קראַנק. איך האָב א לאַנגע צייט געמוזט מוטשען מיין מאַמען זי זאָל מיר זאָגן וואָס איז עס. מיט צרות האָב איך פון איר קוים אַרויסגעקריגן אַז חנה־איידלע האָט א ברוסט־ראַק און זי מוז פאָרן קיין ווין צו אָפּערירן עס. יעצט קומט זי דאָ צוריק פון ווין, שוין אַן אָפּערירטע. דער פּראָפעסאָר האָט איר צוגעזאָגט, אַז זי האָט גוטע שאַנסן אויף אַ לאַנג לעבן. דער פאַקט איז אַז זי האָט דערנאָך געהאַט דריי קינדער און דערגרייכט צו אַן עלטער פון פינף־און זיבעציג יאָר. זי איז געשטאָרבן אין 1936 אין ארץ ישראל.

פון פרייד האָב איך נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. דער טאַטע האָט פון שמחה געפּראוועט זי אַ הייב טאָן. אָבער מיינע כוחות האָבן אים שוין נישט דערלויבט. ער האָט זי גלייך אַראָפּגעלאָזט. די מאַמע מאַכט דעמאָלט

אַ זייער גוטן מיטאָג לכבוד דעם גאַסט. איך און פייגעלע פרייען זיך אויך מיט איר. זי צעקושט מיר אַלע מיינע גלידער. פאַר פייגעלען האָט זי אָנגעבראַכט אַ גאַנצן פּאַק מיט שפּילצייג — פייפלעך, צימבלען און אַלערליי קינדערשע „זאַבאַוועס". אויף מאָרגן, שבת, פירט זי די מאַמע אין שול אַריין. איך אָבער, גיי מיט'ן טאַטן. דער טאַטע איז נאָך אַלץ אַ סטאָלינער חסיד, און ער גייט אין סטאָלינער שטיבל. איך האָב זיי אָבער נאָכגעקוקט ווי זיי גייען צוזאַמען, נישט ווי זיי וואָלטן געווען אַ שטיף־מאַמע מיט אַ שטיף־טאָכטער, נאָר ווי זיי וואָלטן געווען צוויי זייער פאַרליבטע שוועסטערס.

אין שטיבל איילט זיך דער טאַטע שטאַרק צו. ער וואַרט נישט אויף דעם לעקעך און בראָנפן וואָס דער שמש טיילט אויס גלייך נאָכן דאַווענען. דער טאַטע וויל אָפּוואַרטן די צוויי „ווייבער" ביים שול, כדי זיי זאָלן נישט פאַרבלאָנדזשעט ווערן גייענדיג צוריק אהיים. דער טאַטע האַלט מיר שטייף ביים הענטל. עס טוט מיר אַביסל וויי, אָבער איך שעם זיך אים צו זאָגן. ווען מען הייבט שוין אָן אַרויסצוגיין פון שול, כאַפּ איך אַרויס מיין הענטל, לויף אַנטקעגן אונזערע ליבע. איך קלעפּ זיך צו צוביידע און שטופּ זיך אַריין צווישן זיי. ערשט איצט דערפיל איך ווי שטאַרק ליב איך האָב זיי. ענדלעך קומען מיר אהיים. חנה־איידלען געפעלט נישט וואָס אונזער וואוינונג איז אַזוי נאָענט צום פיש־מאַרק.

„דאָס איז נאָך גאָרנישט", באַמערקט מיין מאַמע. „האָסט געדאַרפט פילן דעם „גוטן" ריח מיט אַ טאָג־צוויי פריער, ווען דער גאַנצער פּלאַץ האָט אפשר מער פיש ווי דער גאַנצער ים האָט."

אַריינקומענדיק אין הויז, ווערט דער טאַטע זייער גוט אויפגעלייגט. ער דערציילט חנה־איידלען וועגן דער נייער שולע, וועגן די קינדער וואָס ער האָט געקראָגן פאַר תלמידים, אַנדערע פון זייער רייכע הייזער. מיין פרומע שוועסטער געפעלט נישט וואָס מען רופט עס אַ שולע, נישט קיין חדר און נישט קיין ישיבה. דער טאַטע דערקלערט איר אָבער, אַז דאָס איז אַ נייער געזעץ פון דער רעגירונג אין פּעטערבורג.

נאָכ'ן עסן, מיט אַ קליינעם אָפּרו, נעמט אונז דער טאַטע אַרויס פאַר אַ שפּאַציר. מיר גייען אין קאָליע־גאָרטן (אין פּוילן רופט מען די באַן אַ „קאָליע"). דאָס איז אַ היבשער מהלך פון דער סידער גאַס (מ'רופט זי אויך דרוקער גאַס) אויף וועלכער מיר וואוינען יעצט. עס דויערט אַ היבשע צייט איידער מיר דערגייען אַהין. אָבער ווען מיר קומען שוין צו צום אַריינגאַנג פון דעם גאָרטן, האָבן מיר אַ גרויסע ענטוישונג. מען לאָזט דעם טאַטן נישט אַריין. די צוויי פרויען, יע — מען איז זייער העפלעך צו זיי. אָבער דער טאַטע איז נישט געקליידעט לויט דער מאָדע. ער טראָגט נאָך לאַנגע קליידער.

הייסט מען אים גיין פון יענער זייט פּאַרקאַן. איך גיי צוזאַמען מיט דעם טאַטען. איך פאַרשטיי נישט וואָס מען וויל האָבן פון אים. פרעג איך אים, זאָגט ער מיר, „קינד מיינס, מיר זיינען אין גלות. עס איז נישט נאָר ווייל איך טראָג לאַנגע קליידער — גלחים להבדיל, טראָגן אויך לאַנגע קליידער. עס איז דערפאַר וואָס איך בין אַ איד און טראָג לאַנגע קליידער. געגוי פּאַרשטאַנען האָב איך נישט דעם אונטערשייד צווישן לאַנגע קליידער און קורצע. די פרויען טראָגן דאָך נאָך לענגערע קליידער, פון דעסטוועגן לאָזט מען זיי אריין. נו, זיינען מיר געגאַנגען אויף יענעם זייט פּארקאַן און די מאַמע און חנה־איידעלע האָבן שפּאַצירט אינעווייניג. עס ווערט אונז אָבער גיך מיאוס דער דאָזיגער שפּיל. די מאַמע און חנה־איידעלע קומען ארויס צו אונז און מיר זיינען זיי מוחל דעם גאַנצן גאָרטן. דאָ האָב איך די געלע־גענהייט ארויסצופּאַקן פאַר חנה־איידלען מיין גאַנצן אנשטאַטס־גאָרטן. איך דערצייל איר וואָס פאַר אַ וואונדער איך האָב דאָרט געזען, וועגן די מאָדנע ביימער, וועגן די בלומען־בייטן און חיות. איבערהויפּט זעט זי ווי איך קוועל אָן פון די מאַלפּעס. זאָגט זי מיר אַז דאָרט וואו זי פּאָרט זיינען דאָ גאָר אַנדערע מינים חיות. אין ארץ ישראל, זאָגט זי מיר, זיינען אויך דאָ קעמלען מיט גרויסע, הויכע הויקערס אויפן רוקן. עס זיינען דאָרטן דאָ העלפאנטן און פאַרשידענע אַנדערע חיות.

קאַפּיטל זיבן

עס איז שוין מער ווי אַ וואָך אַז חנה־איידלע איז אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל צו איר מאַן. דער טאַטע האָט זיך זייער געזאָרגט וועגן איר ים־רייזע, אַז עס זאָל איר נישט שאַטן ווייל זי איז נאָך אַן אָפּעראַציע. מיר האָבן אָנגעהויבן צו וואַרטן יעדן טאָג אויף אַ טעלעגראַמע אַז זי איז שוין אָנגעקומען.

דערווייל רוקן זיך אָן די ימים־נוראים. אין אידישע הייזער גרייט מען זיך צו מיט אַלערליי מאכלים און די סאַמע ערשטע פון זיי איז פיש. אונזער פיש־מאַרק שמעקט מיט זיי אויף גאַסן ארום. די ענגשאַפט אויפן מאַרק איז נישט צו באַשרייבן. אויסער די גרויסע צאָל פרויען, באַלעבאָסטעס, דינסטן און אַמאָל אויך מענער, שטייען גרויסע באַליעס מיט לעבעדיגע פיש, מערסטנס קאַרפּן, שלייען, ליעשטשעס, סאַנדאקן און פלאָטקעס. די געשרייען פון די מאַרק־שטייער, פון די פיש־הענדלער, דאָס רייסן קונים איינער פון דעם צווייטן, דאָס דינגען זיך וועגן די פּרייזן, די קללות און שבועות פון די הענדלער פאַרהילכן דעם מאַרק. איך פּלעג זיך אריינכאַפּן צווישן די

באַליעס וואו עס האָבן זיך געצאַפּלט די לעבעדיגע פיש און רחמנות געהאַט אויף זיי, וואָס זיי קלאַפּן אָן זייערע קעפּ אין דער באַליע ווען זיי פּרוווען זיך ארויסשפּרינגען. אָבער איך האָב אויך אָן אינטערעס צו זען די טויטע, פאַרפרוירענע פיש. אַנדערע פון זיי זיינען אַזוי גרויס — גרעסער פאַר מיר. אָבער זיי ליגן טויטע, פאַרפרויענע. עס דאַכט זיך אויס אַז די אויגן קוקן אויף מיר מיט פאַרוואורף: „וואָס האָט מען צו מיר!” איך פיל דעמאָלט אַז די פיש וועט שוין אין מיין מויל נישט זיין אַזוי געשמאַק. און אַזוי איז עס טאַקע געווען.

ראש השנה ביינאַכט שטעלט די מאַמע צום טיש א גרויסן טעלער מיט פיש. דער טאַטע קריגט דעם קאָפּ. מיר גיט די מאַמע אַ מיטל־שטיקל, אָבער איך שטעל אָן מיינע אויגן אויפן טאַטן׳ס טעלער. איך וויל זען צי דאָס אויג פון דעם קאָפּ קוקט אויך מיט א פאַרוואורף.

„וואָס דוכנסטו, פאַרוואָס עסטו נישט?” מוסרט די מאַמע, איך כאַפּ זיך עסן, אָבער דאָס אויג פון דעם פיש גייט מיר נישט ארויס פון זינען.

נאָך ערגער שנייד איך אָפּ ווען עס קומט צו די פליש. דאָס קעפּל פון דער הון ליגט אויפן טעלער קעגן מיר. די אויגן זיינען פאַרמאַכט, אָבער מיר דוכט אַז איך זע זיי. די מאַמע גיט מיר אַ פליגעלע. איך בין שוין אָבער אָן אַנגעגעסענער און איך וויל מער נישט עסן. שטייען זיי ביידע צו, דער טאַטע און די מאַמע צו מיר, אַז עס איז אַ מצוה צו עסן עוף אום יום טוב.

„אַז איך וויל שוין מער נישט!” פּראָטעסטיר איך. אָבער די מאַמע מאַכט מיר צו עסן. איך זע אַז דער טאַטע איז נישט צופרידן מיט מיר וואָס איך „פאַרשטער דעם יום טוב”, און איך וויל נישט אַז דער טאַטע זאָל זיין אויף מיר ברוגז. איך וויל דאָך אַז ער זאָל מיר לערנען שרייבן מיט דער פען. דערפאַר וואָס איך האָב זיך נישט גוט אויפגעפירט נעמט ער מיר נישט מיט אויף מאָרגן אין דער פרי אין שטיבל. ער זאָגט אַז איך פיר זיך נישט אויף ווי אַ דערוואַקסן קינד. דאָס פאַרדריסט מיך אָבער עס איז שוין פאַרפאַלן. ער האָט מיר שוין נישט מיטגענומען אין שטיבל אריין און איך האָב דערפון געהאַט ערגערניש.

איך האָב אָבער נאָך האָפענונג אַז ער וועט מיך יאָ נעמען. די מאַמע דאַרף מיר באַלד אוועקפירן צום רב אַז ער זאָל מיר בענטשן.

איך האָב שוין פיל מאָל געהערט דערמאָנען ביי אונז אין שטוב דעם לאָדזשער רב. איך האָב געוואוסט אַז ער איז דער מאַמע׳ס אן עלטער־פעטער. איך האָב אָבער געפילט אַז ער מוז זיין אַ שטרענגער מענטש פאַר וועמען מען דאַרף מורא האָבן. אָבער אַז מיר גייען צו, ראש השנה ביינאַכט, צו אים אהיים — עס איז בלויז אַ צוויי־דריי גאַסן פון אונזער נייער וואוינונג — און

איך זע אים, טאַקע אַ הויכער און אַזאַ גרויסער, אָבער מיט זייער מילדע, גוטע אויגן וואָס קוקן מיט ליבשאַפט, האָב איך אים אויך ליב. און קוק אַרויף צו אים ווי אַ פייגעלע קוקט ארויף צום הויכן באַרג. ער לייגט ארויף זיין האַנט אויף מיין קאָפּ און זאָגט עפּעס, און די מאַמע שטייט מיט גליקלעכע אויגן וואָס איך בין שוין א געבענטשטער.

„האָסט געדאַרפט זען, משה־מיכל, ווי ער איז דאָס געשטאַנען פארן רב אזוי סטאַטעטשנע, ווי ער וואָלט שוין געווען אַ אינגל פון צען, נישט ווי אַ זעקס־יאָריגער. דו דאַרפסט אים מאָרגן יאָ מיטנעמען מיט זיך אין שטיבל״, זאָגט די מאַמע דעם טאַטן אזוי ווי מיר קומען צוריק אין הויז. איך בין שוין יענעם אָוונט געשלאָפן געשמאַק מיט די גוטע האָפענונגען וואָס אַלע „געבענטשטע״ האָבן מסתמא.

אויף מאָרגן אין שטיבל, באמי איך זיך טאַקע אויף צו האַלטן זיך „סטאַטעטשנע.״ איך הער זיך צו צום בעל־תפילה, קוק אַריין אין מחזור, און זאָג אַלע תפילות. אַזוי טו איך אויך דעם צווייטן טאָג ראש השנה. עס קומט מיר אָן גרינגער ווי איך האָב פריער גערעכנט. מיר דוכט, אַז די אַלע תפילות האָב איך שוין געהערט פיל מאָל. און ווען מיר גייען שוין ארויס פון שול, שפּרינג איך פאָראויס און זאָג גאַנצע שטיקער מחזור וואָס איך געדענק. הינטער מיר, גייען פאַמעלעך דער טאַטע מיט נאָך אידן און איינער פון זיי שטעלט זיך מיט אַמאָל אָפּ — „ר׳ משה־מיכל״ — זאָגט ער צום טאַטן, „הערט נאָר ווי אייער אינגל זאָגט אזוי גוט אויסנווייניג ובכן תן פחדך״...

מיין פאָטער שמייכלט, ווי איינער וואָס לאָזט זיך נישט נאַרן... „ער האָט ערשט אָנגעהויבן צו גיין אין חדר...״

פארדריסט עס מיר ווידער אויפן טאַטן פארוואָס ער האַלט מיך נאָך פאַר אַ קליין קינד „נא״, רוף איך אויס. „איך קען דיר זאָגן אפילו אויסנ־ ווייניג דעם „אתה זוכר ברית עולם...״ איך וואַרט שוין נישט אויף קיין ענטפער און בראָק אָפּ כסדר ביזן סוף. איך זע ווי ער שטייט און וואונדערט זיך מיט גרויס הנאה, הייב איך גלייך אָן דאָס ווייטערדיגע „ובכן צדיקים יראו וישמחו...״, און אזוי כסדר. און אַלע שטייען זיי מיט אָפענע מיילער און שטוינען.

„אָבער „אתה נגלית״ קענסטו שוין נישט״, רייצט זיך מיט מיר דער טאַטע. און איינער פון זיי, מיט אַן ערשט־וואַקסנדיג בערדל פּאַטאַקעוועט, „נו, לאָמיר טאַקע זען!״

„אהא!״ זאָג איך, און קלאַפּ דאָס אָפּ נאָך שנעלער ווי פריער. איך האָב דערזען טרערן ביים טאַטן אין די אויגן. „פון וואַנען קענסטו עס?״ „פון וואַנען איך קען עס?״ ענטפער איך שוין אָפּ מיט גאווה — איך

האָב דאָך דאָס שוין געהערט צוויי מאָל און — דו פאַרגעסט אַז דער לאָדזשער רב האָט מיר מיט צוויי טעג צוריק געבענטשט.״

דער טאַטע איז שוין אַוועק שנעלער מיט מיר אהיים און זיך קוים דערוואַרט אויסצושרייען צו דער מאַמען דעם „גוט יום טוב!״ און אַרויס־געכאַפּט זיך — „כאַשקע! מיר האָבן אַן אוצר... ישראל־בערעלע איז נישט קיין געוויינלעך קינד. ער האָט אַן אויסערגעוויינלעכן זכרון. דאָס וואַקסט מיט א גאונישן קאָפּ. זאָל ער נאָר זיין צו לאַנגע יאָר.״

ביידע קושן מיר אַן אַ פולן פּנים. פייגעלע קוקט זייער פאַרוואונדערט און שטעלט אויך אַן דאָס קעפּעלע — אָבער דער טאַטע זאָגט זיך אָפּ צו קושן איר — „דו שפּילסט זיך״, זאָגט ער, „מיט גויאישע קינדער. דו פאַרגעסט אַז דו ביסט אַ אידיש קינד.״

„אָבער ישראל־בער שפּילט זיך דאָך אויך מיט יעדוויג׳ן. און דו האָסט דאָך אים געקושט,״ פּרואווט זיך פייגל ראַטעווען.

דער טאַטע בלייבט שטיין א בלאָסער און אַ צעטומלטער. ער גיט מיר אַ כאַפּ אָן — „דו אויך! דו האָסט שוין אויך צו טאָן מיט גויאישע קינדער? דו זאָגסט שוין דעם אמת׳ן מחזור״...

איך הייב אָן צו וויינען און אין געווין לויף איך צו צו פייגעלען און טו זי אַ ריס ביי די האָר. „וואַרט!״ שריי איך, „וועסט שוין ביי מיר קריגן!״

איך זע אָבער, ווי דער טאַטע קערט זיך אָפּ פון מיר אַ ברוגז׳ער.

קאַפּיטל אַכט

עס איז שוין נאָך ראש השנה. אין דער שולע באַמערק איך אויך ווי דער טאַטע גיט מיר נישט קיין גלעט איבערן קעפּל ווי ער טוט דאָס שטענדיג. איך פאַרשטיי נאָך אַלץ נישט מיט וואָס איך האָב זיך פאַרזינדיגט. דערפאַר פּרואוו איך לערנען מיט מער חשק. איך לערן אויס אַ גאַנצן קאַפּיטל אויסנ־וויינינג. און ווען איך קום אהיים, נעם איך זאָגן דעם קאַפּיטל פאַר דער מאַמען. די מאַמע האָט הנאה פון מיר. זי גיט מיר אַ קוש אין באַק און אזוי גיך ווי דער טאַטע קומט פון דער שולע, זאָגט זי אים אָן. „ישראל־בער האָט א גרויסע פּעולה אין זיין לערנען אין דער שולע. ער האָט מיר יעצט איבערגעזאָגט אויסנווייניג דאָס גאַנצע קאַפּיטל תהילים וואָס ער האָט היינט געלערנט.״

דער טאַטע וויל זיך נישט צוגלויבן. „אַנו״, זאָגט ער מיר, „לאָמיר הערן.״ איך נעם און זאָג אים איבער, שוין אַ ביסל איבערגעשראָקן, דאָס קאַפּיטל. אַזש ער גיט מיר אַ נעם און אַ הייב אויף און זאָגט מיר, „דו ביזט שוין ווערט אַז איך זאָל דיר מיטנעמען אין שטיבל. אם ירצה השם וועל איך

דיר מיטנעמען סוכות, דערוויל דאַרפן מיר נאָך דורכגיין דעם יום כיפור."

„וועסטו מיך לאָזן פאַסטן"? פרעג איך דעם טאַטן.

„אזוי גאָר? דו האָסט שוין אויך עבירות פאַר וועלכע דו דאַרפסט שוין פאַסטן?" שטעלט אָן דער טאַטע אויף מיר אַ פאַרוואונדערט פנים.

„אודאי האָב איך שוין עבירות. דו האָסט דאָך מיר געזאָגט אַז יום טוב מוז מען עסן עוף און איך האָב נישט געוואָלט. איז דאָס נישט געווען קיין עבירה?" דער טאַטע צעשמייכלט זיך און גיט מיר עטלעכע ליבע קלעפּעלעך איבער דער פּלייצע, און איך פיל גוט וואָס מיר זיינען שוין צוריק גוטע פריינט. איך האָב זיך שוין נישט געקענט דערוואַרטן אויף דעם יום כיפור. גיי איך אַרויס בייטאָג נאָכאַמאָל זען דעם פיש־מאַרק און דעם דערבייאיגן מאַרק וואו מען פאַרקויפט אַלערליי פרוכטן און געבעקסן. איך האָב ליב צו שמעקן דעם פרישן ריח פון עפּל און באַרן, פון די קאַוועָנעס און ארבוזן, און נאָך מער, האָב איך ליב צו שמעקן דעם ריח פון די פרישע לעקעכער און טאָרטן. א נייער חבר'ל מיינער האָט מיר דערציילט ווי אַזוי ער קריגט לעקעך־פּאַפּיר פון די מאַרק־שטייערנס. ער וואַרט ביז דער לעקעך ווערט אין גאַנצן אויספאַרקויפט און ער גיט גלייך אַ כאַפּ צו דעם פּאַפּיר. אויב ער קען זיך נישט דערוואַרטן אויפן פאַרקויף פון דעם גאַנצן לעקעך, רייסט ער אָפּ שטיקלעך פּאַפּיר פון די אַנדערע אָנגעהויבענע שטיקער ווען זי זעט עס נישט.

ווער איך אַ גוטער תלמיד און טו ווי ער טוט. רייס איך שטיקער לעקעך־פּאַפּיר פון די אָנגעהויבענע לעקעכער און איך האָב דערנאָך זיסקייטן צו עסן און צו עסן פאַר זיך און פאַר פייגלען.

שטיי איך אזוי און באַטראַכט די פאַרשידענע בוידן, שטעלעכלעך און שטופּ־וועגעלעך אויף וועלכע עס זיינען אויסגעשפרייט די דאָזיגע געבעקסן. מיט איין מאָל ווערט א טומל, אַ הו־הא און אַ געלויף. דאָס טרעפט אָפט. מיין איך, אַז דאָס איז מסתמא ווידער איינע פון די אָפטע פאַסירונגען ווען די טאַשן־גנבים ליידיגן אימיצן אויס. געוויינלעך לויפט מען זיך צוזאַמען צו כאַפּן דעם גנב. אָבער ניין. דאָס מאָל מאַך איך אַ טעות. עס איז נישט קיין גנב וואָס מאַכט אָן דעם גאַנצן טומל. דאָס איז גראָד דער רעוויראָווע, וואָס קומט מאַכן „אָרדענונג" אויפן מאַרק. דאָס צעוואַרפט ער די אַלע בוידן, שטיי־פּלעצער און שטופּוועגעלעך וואָס האָבן נישט קיין געזעצלעכע ערלויבענישן. דער המן ווייסט אויך ווער עס האָט אַזאַ ערלויבעניש און ווער נישט. מיט אַ גוואַלדיגער רציחה וואַרפט ער זיך אויף די דאָזיגע אָרימע „סוחרים". אין איין מינוט ווערט זייער גאַנצער האָב־און־גוטס צעוואָרפן און צעטראַמפּלט ווי בלאָטע. דערצו נאָך, שלעפּט ער זיי אין

פּאָליציי־צירקל. דאָרטן קריגן זיי ערשט אויפ־סניי קלעפּ און א חשבון פון שטראָף וואָס זיי דאַרפן איינצאָלן.

מיין האַרץ ווערט מיר איבערגעלאָפן מיט בלוט ווען איך זע עס איצט מיט מיינע אייגענע אויגן. איבערהויפּט באַנעמט מיך דאָס געוויין פון אַ אידן מיט אַ גרוילעכער באָרד. „גאָטעניו, פאַרוואָס קומט עס אונז? !" ברומט ער און קוקט זיך ארום און אַרום וואו ער קען קריגן יושר...

בלויז אין אַ צוועלף, דרייצן יאָר שפּעטער וואָלט איך אים געקענט געבן אן ענטפער אויף זיין פראַגע. אָבער גראָד ווי פון הימל אַראָפּ דערזעען מיר מיט אַמאָל „בערעלע דעם וועשער". דאָס איז געווען אַ טיפּ פון אַ האַלב משוגע׳נעם, וואָס פלעגט זיך יאָווען אין אַלע געגנטן פון שטאָט, זיך צעטאַנצן און צוגעזונגען מיט אייגענע קופּלעטן. ער איז שטענדיג אן אָפּגעריסענער און אן אָפּגעשליסענער פון אַלע זייטן. קינדער, קונדסים, כאַפּן אים אָן ביי די שטיקער, רייסן און צוקן, און ער איז צו זיי געוויינלעך גוטמוטיג, לאָזט זיך. אָבער ווען זיי כאַפּן שוין איבער די מאָס, קען ער אזוי אָנכאַפּן איינעמען, אָנדרייען אים די אויערן, אַז ער זאָל שוין פאַרזאָגן אַ צענטן צו דערגיין אים די יאָרן. דאָס מאָל זיינען די קינדער אַ ביסל מער איינגעהאַלטן און לאָזן אים צורו. שטייט ער און זינגט:

כ׳בעט אייך, פאַרדרייט מיר נישט דעם קאָפּ,
איך בין בערעלע וועשער — האָפּ, האָפּ!
איך וויל נישט זויפן, איך וויל נישט נאַשן,
איך וויל נישט האָבן פולע טאַשן.
גיט מיר קליידלעך, העמדלעך וואַשן —
א ציך, א ליילעך פון אַ כלה,
וועל איך האָבן גענוג אויף חלה...
בערעלע וועשער, דאַרף נישט קיין פלעשער
פון וויין, בראָנפן, צי ביר —
איינע איז גענוג — אַ פלאַש, צי א קרוג —
אַ גלאָז וואַסער איז אויך גוט פאַר מיר.
איך בין נישט קיין פּאָזנאַנסקי,
אפילו נישט קיין קאָכאַנסקי,
נישט דאָבראָניצקי און נישט קיין ווישניצקי —
אַ קרענק זיי אין די פּיסקעס.
איך גיב א פייף, איך גיב א זונג,
איך גיב אַ טאַנץ, איך גיב א שפּרונג,

איך בין בערעלע וועשער, האָפּ, האָפּ!
און פאַרדרייט מיר נישט דעם קאָפּ.
איך קום נישט פון די וואַקסעס
און נישט פון די זאַקסעס,
נישט קיין סטראַזשניק און נישט קיין זשאַנדאַר —
נישט פון גבאים און נישט פון בעל־טאַקסעס,
איך בין נישט קיין געפאַר...
זאָגט אין דער היים, אַז איר האָט אליין געזען,
ווי בערעלע וועשער מאַכט זיך צו נאַר.
האָפּ, האָפּ!

און דער עולם האָט הנאה. ווער עס גיט אים אַ קאָפּיקע אָדער צוויי, און ווער עס שענקט אים אַ קללה, „אַ כאָלעריע אויף דיר, פאַרוואָס גייסטו נישט אַרבעטען?" און ווער עס פלעגט אים נעמען אהיים אויסצוואַשן די וועש.

וועגן דעם דאָזיגן בערעלע דער וועשער קומט מיר אויס צו טראַכטן פיל מאָל אין די שפּעטערדיגע יאָרן. איך נעם אים דעמאָלט אריין אין דער סכעמע פון דער גאַנצער ווידערשפּרעכלעכער אָרדנונג. אָבער אין דער צייט, אין מיין עלטער פון קוים אַריבער פינף יאָר, נעם איך אים אָן ווי אַ מענטש, וואָס לעבט פון די שטוקעס וואָס ער מאַכט, און וואָס די צעווילדעוועטע קינדער וואָס לויפן אים נאָך, מאַכן אים נאָך מער משוגע ווי ער איז.

ווען איך דערצייל מיין מאַמען וועגן דעם וואָס איז געשען אויפן מאַרק און וועגן בערעלע וועשער, זאָגט זי מיר אָן, אַז איך זאָל זיך מער נישט דערוועגן נאָכצולויפן נאָך אים. ערשטנס, עס איז אַן עבירה אָפּצולאַכן פון אומגליקלעכע מענטשן, און אודאי אַן עבירה צו מאַכן פון זיי חוזק און שאָדן מיט וואַרפן שטיינער ווי עס טוען די לאַבוזעס אויפן גאַס.

קאפיטל ניין

זינט מיר האָבן זיך איבערגעצויגן אויף סידער גאַס (וואָס איז דער אידישער נאָמען פאַר פּאָלנאָצע דרוקער גאַס, אַ נאָמען וואָס האָט זיך געלאָזט הערן אין שטאָט צוליב דער אונטערוועלט חברה וואָס רופט זיך „סידער'ס חברה") האָבן מיר זיך דערוואוסט וועגן אַזעלכע מורא'דיגע זאַכן וואָס קומען פאָר אין שטאָט און וואַרפן אָן אַ פחד. ווען אימיצער פרעגט אייך וואו איר וואוינט און איר זאָגט אַז אין סידער גאַס, דאַכט זיך אייך אַז ער רוקט זיך מעכאַניש אָפּ פון אייך. ערשטנס, ווערט זי איבערגעהאַקט דורך אַ פינסטערער גאַס, דער אָנהייב פון ווסכאָדניע גאַס, וואָס ציט זיך פון דעם שמאָלן שמוציגן

קאַנאַלעכל וואָס מען רופט „סטאָוו". עס גייט נישט אַדורך קיין טאָג וואָס מען זאָל נישט הערן אַז דאָרט האָט מען נעכטן ביינאַכט געפונען אַ געשטאָכענעם מענטשן, אַז אַ מענטש זאָל דאָרטן נישט קריגן מיט אַ שטיין אין קאָפּ, אָדער אַז אימיצער זאָל נישט באַרויבט ווערן אויף אַ מערדערלעכן אופן. איך ווער פאַרציטערט יעדן מאָל ווען איך הער אַזאַ מין זאַך. ווען איך קום צו נאָענט צו דעם ראָג פון סידער גאַס און ווסכאָדניע, דוכט זיך מיר אַלץ אַז אָט־אָט־אָט קריג איך מיט אַ קינזשאַל אין רוקן. איך מייד אויס צו גיין אַליין, ווי עס ווערט נאָר טונקל אויף דער לײדיגער גאַס. פון דעסטוועגן, גיב איך זיך אַן עצה. איך באַשטעל זיך מיט מיין חבר׳ל, „אומיע" (קאָרופּ־טירט פון אברמ׳על), אַז ער זאָל אויף מיר וואַרטן אויף דער זייט וואו עס ענדיגט זיך דער פיש־מאַרק. מיר וועלן צוזאַמען אַ שטיף טאָן. מערסטן טייל באַשטייט דאָס שטיפן אין דעם וואָס מיר צעטיילן זיך מיט דעם לעקעך פּאַפּיר און מיר קלייבן אָן שישקעס וואָס וואַלגערן ביי עטלעכע דערבייאיגע ביימער און וואַרפן זיי אויף די פאַרבייגייענדיגע מיידלעך. דאָס פלעגט זיין כמעט שוין ווי אָן אָפּגערעדטע זאַך. ווען איך קריג איין מאָל גוט אָנגעשלאָגן פון אַ מיידל פאַר טרעפן איר אין רוקן מיט אַ קווערער שישקע, פאַרזיכער איך מיין מאַמען אַז דאָס האָב איך נישט געוואָרפן, נאָר „דער מזיק", אומיע. איך בין דערנאָך אויף זיך אַליין אין כעס; ערשטנס פאַר וואַרפן די שישקעס אין אומשולדיגע מיידלעך, און צווייטנס פאַר זאָגן ליגן, אַז איך האָב דאָס נישט געוואָרפן. איך פאַרענטפער זיך אַליין מיט דעם, וואָס אומיע מאַכט מיר מעגלעך דורכצוגיין די גאַס. פון מורא הייבן מיר אָן צו ציטערן די ציין אין מויל. ווען מיין מאַמע דערוויסט זיך אַז מיר וואַרפן שישקעס אויף פאַר־בייגענדיגע מיידלעך, כאַפּט זי זיך אָן ביים קאָפּ: „איר וועט שוין באַלד אָנהייבן שיסן מענטשן אין די גאַסן! ווי אַזוי קומסטו צו אַזאַ מין זאַך?"

איך האָב נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך פאַר חרפּה. איך האָב גענומען שטאַמלען. די ווערטער האָבן זיך אָנגעקלאַפּט איינע אין די אַנדערע. וואָס האָב איך געקענט זאָגן? מיין ענטפער גיט זיך איבער סוף־כל־סוף אין אַ שטאַרק געוויין, אַ געוויין פון טיפער חרטה. איך בעט נאָר דער מאַמע אַז דער טאַטע זאָל זיך קיין מאָל נישט דערוויסן. ער וואָלט האָבן אַ וויטאָג און אַ חרפּה פון מיר. איך האָב שוין דערנאָך געוואָרנט מיין פריינטל, אומיע, אַז ער זאָל שוין קיין מאָל נישט נעמען קיין שישקע אין האַנט אריין, און קיין שטיין אודאי נישט. צי ער האָט אָנגענומען די וואָרנונג, צי נישט, ווייס איך נישט, אָבער דער ספּאָרט האָט שוין צווישן אונז געפעלט.

דערפאַר האָב איך שטאַרקער געוויינט יום כיפור צום דאַוונען. איך האָב שוין אין מיין געדאַנק געבעטן גאָט פאַרגעבונג פאַר מיינע ווילדע שטיק.

איך האָב זיך פאַרזיכערט אַז איך זאָל נישט ווערן באַשטראָפט. וואָס, וואָס — אַ ווײַנער בין איך געווען,נישט קיין שלעכטער, נישט קיין סך ערגער ווי מיין שוועסטער, פייגעלע.

דאָס איז אָבער פאַר מיר נישט געווען גענוג. איך האָב אָנגעהויבן צו זוכן צו טאָן מצוות; די ערשטע איז געווען יום כיפור נאָכ׳ן עסן אין אָוונט ווען מיין טאַטע און נאָך עטלעכע שכנים האָבן זיך גענומען פאַרען ארום אַ פונדאַמענט פון אַ סוכה, האָב איך געפילט אַז איך טו א מצווה אין מיין צוברענגען ציגל אָנצושפאַרן דעם פונדאמענט. דעם טאַטן איז דאָס געפעלן געוואָרן, וואָס איך ווער אריינגעצויגן אין דעם היגן לאַדזשער לעבן. איך בין געווען שטאָלץ, מיט עטלעכע טעג שפעטער, ווען איך זיץ אין דער סוכה צוזאַמען מיט אַלע „גרויסע". מיין טאַטע האָט אכטונג געגעבן אויף מיר די גאַנצע צייט אין דער סוכה, אַז איך זאָל עסן ווי אַ „מענטש", נישט פאַרגיסן זיך און נישט פרואוון דערלאַנגען מיט מיין האַנט איבער אַן אַנדערנס טעלער אָדער שיסל. איך באַרים זיך דערנאָך פאַר דער מאַמען ווי רואיג איך בין געווען אין דער סוכה און אַז איך פיל איך ווער גרעסער פון דער מינוט. איך האָב געלויבט די מאַמע׳ס יום טוב׳דיגע מאכלים, אַז זיי זיינען אַזוי געשמאַק אַז איך האָב, דוכט זיך, קיין מאָל אין קאַטלאָווע אזוינס נישט געגעסן.

„איך לערן זיך אויס ביסלעכווייז," ענטפערט מיין מאַמע. „דאָ ווייסן זיי בעסער ווי צו קאָכן און ווי צו באַקן. דו וועסט נאָך זען, מיין קינד, ווי עס וועלן ארויסקומען מיינע קרעפּלעך צו הושענה רבה".

דערווייל האָב איך געהאַט אַ ביסל הנאה פון דעם אתרוג בענטשן. איך בעט דעם טאַטן ער זאָל מיר לאָזן כאַטש אָנרירן דעם אתרוג וואָס ליגט אָנגעפּאַקט אין אַזאַ שיינער פושקע. ער שמייכלט און מאַכט מיטן קאָפּ אויף ניין. דאָס איז נישט פאַר קיין קינד צו שפּילן זיך. און אזוי דערפיל איך ביסלעכווייז וויפל גוטע זאַכן איך פאַרליר אַלץ דורך דעם וואָס איך בין אַ קינד.

איך האָב שוין געוואַרט אַז די יום טוב טעג זאָלן זיך שוין ענדיגן און איך זאָל שוין צוריק קענען אָנהייבן לערנען די קאַפּיטלעך תהילים וואָס איך האָב ליב געקראָגן. איך פיל אָבער מאָדנע, ווען מיין פאָטער פירט מיר אריין לערנען אויך אין דעם קלאַס פאַר רוסיש. איך קום אריין אהין מיט האַרץ קלאַפּעניש. דער קלאַס־צימער אליין קוקט אויס אין גאַנצן אַנדערש ווי אין דער קלאַס־צימער וואו דער טאַטע לערנט מיט מיר. כמעט אויף אַ גאַנצער וואַנט הענגט אַ פאָרטרעט פון דעם קיסר, אַלעקסאַנדער דער צווייטער — דאָס דערקלערן מיר די קינדער. זיי ווייסן אויך צו דערציילן אַז ער לעבט

שוין מער נישט, אַז ניהיליסטן האָבן אים דער׳הרג׳עט, — און אַז דער פּאָרטרעט פון דעם איצטיגן קיסר הענגט אין דעם קלאַס־צימער פון היסטאָריע. וואָס דאָס איז ווייס איך נאָך נישט. איך בין אָבער שטאָלץ מיט דעם וואָס איך קען זען אַ קיסר מיט מיינע אייגענע אויגן.

נאָך מער ווער איך פאַראינטערעסירט ווען מען הייבט מיר אָן צו ווייזן ווי צו האַלטן אַ פּען אין האַנט און אויפשרייבן אַן „א״. דאָס איז אַ דערפילונג פון אַ לאַנגן חלום. עטלעכע מאָל פּרואוו איך אָנצופּאַקן דעם האַלטער שטייף, אַז ער זאָל זיך נישט אויסדרייען אין מיינע פינגער. עס קומט מיר אָן שווערלעך, אָבער ביסלעכווייז דערפיל איך אַז עס וועט קומען אַ צייט און איך וועל אויך קענען שרייבן אַזוי גיך און שיין ווי דער טאַטע.

נאָך אַ זאַך וואָס איך לערן אין יענעם ווינטער איז דעם טיטל וואָס מען דאַרף אָפּגעבן דעם קיסר. מיר קומט אויס אַז דאָס איז אַ גרויסע פּריווילעגיע. ווען איך קום אַהיים, חזר איך דאָס איבער פאַר דער מאַמען, און נעם דערביי אַראָפּ דאָס היטל אַזוי ווי מען טוט אין קלאַס. די מאַמע פּרואווט מיר מוסר׳ן, „אַ איד טאָר נישט גיין אָן אַ היטל״. אָבער איך דערקלער איר אַז דער רוסישער לערער זאָגט, אַז מען טאָר נישט טיטולירן דעם קיסר אין אַ היטל. נאָך שטאָלצער ווער איך ווען איך הייב אָן צו לערנען אויך די טיטולן פון דער קסירינע און פון דעם נאַסליענדיק. די איבעריגע טיטולן, זאָגט מען מיר, לערנט מען מיט אַ יאָר שפּעטער. דורכן ווינטער, האָב איך אָבער אַ גרעסערע פּעולה אין לערנען די אידישע זאַכן. איך קען שוין לייענען דעם סידור ווי אַ וואַסער. איך קען שוין אפילו אויסנווייניג לייענען קריאת שמע און אויך זאָגן אין דער פרי „מודה אני״. די מאַמע קוועלט אָן דערפון, אָבער דער טאַטע הערט נישט מיין קריאת שמע ווייל ער קומט שפּעטער אהיים און הערט נישט מיין מודה אני, ווייל ער גייט אַוועק פריער איידער איך הייב זיך אויף. אָבער ער ווייס אַז איך קען עס אויסנווייניג.

די מאַמע פּרואווט זיך שוין מיר מאַכן לייענען שבת נאָכמיטאָג „ברכי נפשי״. איך טענה אָבער, אַז דאָס דאַרפן ערשט טאָן גרעסערע קינדער, אַז איך דאַרף אויך ארויסגיין אויפן הויף שפּילן זיך. אונז קומט אויס צו בעטן דעם טאַטן אויסצוגלייכן צווישן אונז דעם סכסוך. ער האַלט מיט מיר — „ער איז נאָך צו קליין צו פאַרשטיין אַזאַ תפילה ווי „ברכי נפשי״. ער וועט נאָך אין זיין לעבן זאָגן גענוג ברכי נפשי׳ס. זאָרג זיך נישט דערפאַר״. דער טאַטע האָט מיר פּשוט געראַטעוועט. איך האָב געקענט שבת נאָכמיטאָג אַראָפּלויפן אין הויף און שפּילן זיך אין די פאַרשידענע קינד־שפּילן. אויסער דעם, קומען נאָך שבת רוווקע און לייזער פון זאַלמאַנאָוויטש׳עס גאַס צו שפּילן זיך מיט אונז. מיר שפּילן זיך אַזוי לאַנג ביז רוווקע ווערט פאַר עפּעס

ברוגז און לויפט אהיים, פיל מאָל אַפילו אָן לייזערן. ער, לייזער, האַלט נאָך אַלץ אָן אַ שטאַרקע פריינטשאַפט מיט מיין שוועסטער. זיי האָבן זיך נאָך קיין איין מאָל נישט צעקריגט.

איין מאָל אין אָוונט, דוכט זיך אַז דאָס איז געווען פאַר פורים, קומט ר׳ לייזער צו אונז אין אַ שבת׳ענאַכטס זיך אָפּצורעכענען מיט׳ן טאַטן. די מאַמע גרייט צו אַ שיינעם לאַטקע מאָלצייט און דערוויל רעכענען זיי זיך. פּלוצלונג, אָבער, נעמט ר׳ לייזער ארויס פון זיין קעשענע אַ גאַנצן פּאַק מיט חשבונות וואָס מען דאַרף נאָך אויסצאָלן. דער טאַטע הייבט זיי אָן פּאַוואָליע צו לייענען און גיט זיך מיט אַמאָל אַ כאַפּ. „סטייטש, ר׳ לייזער, מיר האָבן דאָך שוין פאַר די בענקלעך באַצאָלט מיט אַ צייט צוריק נאָך „ווי קומט עס וואָס זיי מאָנען נאָכאַמאָל?״ ר׳ לייזער ווערט רויט ווי אַ בוריק, פּרוּווט זיך באַשטרייטן דעם טאַטן. „ניין, מיר האָבן דאָס נאָך נישט באַצאָלט. זיי וועלן דאָך נישט פאָדערן קיין געלט ווען עס קומט נישט. דאָס זיינען דאָך ראיעלע געשעפטסלייט.״ אָבער דער טאַטע באַשטייט אויף זיינס. ער נעמט אַרויס אַ ביכעלע, זוכט, און ער שרייט אויס, „אָט איז ביי מיר אפילו פאַרצייכנט די דאַטע ווען מיר האָבן באַצאָלט. אָט גיט אליין אַ קוק.״ ער ווייזט אים אַז די סומע 85 רובל איז אויסגעצאָלט געוואָרן דעם צווייטן יולי, 1888.״

ווען ר׳ לייזער האָט דאָס דערזען איז ער געוואָרן נאָך מער צעוויל־דערט. „ווער וויס ווען איר האָט דאָס פאַרשריבן? ווער איז דערביי געווען, האָט איר אָן אַנדער באַווייז אַז דער חוב איז באַצאָלט געוואָרן?״

מיין טאַטע איז אויך אַרויס פון די כלים און עס האָט זיך פאַנאַנדער־געפלאַקערט אַ צאָרנדיגער קריג, אַז מיין מאַמע האָט זיך געמוזט אריינמישן. „ס׳איז אַ חרפּה פאַר די שכנים אַז פון אונזער שטוב לאָזן זיך הערן אַזעלכע געשרייען!״ אויסגעלאָזט האָט זיך יענער אָוונט מיט דעם וואָס ר׳ לייזער איז אַוועקגעגאַנגען מיט אַ קלאַפּ אין טיר און אפילו נישט געזאָגט אַ גוטע נאַכט. אַ לאַנגע צייט האָט דער טאַטע זיך נישט געקענט באַרואיגן. ער האָט געהאַלטן אין איין רעדן צו זיך. „דער מענטש איז דאָך אַן אמת׳ער גנב... נישט אַנדערש ווי ער איז אין שותפות מיט דער פירמע אין דער גנבה.״ די מאַמע האָט אים עטלעכע מאָל געפּרואווט באַרואיגן, אָבער ער טענה׳ט, „איך וועל שוין נישט קענען אָנקוקן זיין פּרצוף, מיר מוזן זיך צעשיידן.״

אַ גאַנץ אָוונט שפּעטער האָט דער טאַטע געפּרואווט זיך באַראַטן מיט דער מאַמען פון וואַנען וועלן מיר קענען קריגן די עטלעכע הונדערט רובל וואָס מען וועט אים דאַרפן אויסצאָלן. די מאַמע האָט פון אָנהייב גערעכנט אַז מען וועט אפשר קענען מאַרגן דאָס געלט ביים רב באַרגן. אָבער דער טאַטע האָט

געצווייפלט צי מען דאַרף דעם רב באַלעסטיגן מיט אַ הלוואה פון דעם מין. וואָס זיי האָבן דעמאָלט באַשלאָסן צו טאָן ווייס איך נישט, ווייל איך בין גלייך איינגעשלאָפן.

קאַפּיטל צען

פסח קומט. איך דערוואַרט שוין נישט מער די וואונדער וואָס איך פלעג האָבן דערוואַרט מיט אַ יאָר־צוויי פריער. איך האָב שוין אפילו נישט קיין מורא געהאַט אַז איך וועל איינשלאָפן ביים סדר. איך האָב שוין אליין אָפּגערעדלט די פיר קשיות. מיין מאַמע׳ס פּנים האָט דעמאָלט געגלאַנצט מיט אַזאַ פייערדיגקייט אַז איך האָב זי קיין מאָל נישט געזען אַזוי שיין ווי דעמאָלט. איך האָב שוין אָן אָנטייל גענומען אין דעם סדר גלייך מיט אַלעמען, כמעט ווי אויפגעכאַפּט אין גאַנצן דעם טאַטנ׳ס ניגון צו יעדן טייל פון דער הגדה באַזונדער. עס איז שוין פאַר מיר אַ געוויינלעכע זאַך. ווען מיר האָבן געזאָגט „שפוך חמתך" האָב איך שוין מער נישט דערוואַרט צו זען אליהו הנביא, ווייל איך האָב שוין געוואוסט אַז דאָס איז אוממעגלעך כל זמן איינער לעבט. איך האָב אָבער נאָך מער הנאה געהאַט פון דעם חד גדיה געזאַנג וואָס מיין פאָטער האָט אַזוי שיין געזונגען. עפּעס ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל וואָס איך זע דעם טאַטן אָפּריכטן דעם סדר.

אין דער אמת׳ן איז דער זומער געווען איינער פון די שווערסטע אין מיין טאַטנ׳ס געזונט. איך געדענק נישט קיין איין טאָג אין וועלכן ער זאָל האָבן געווען אַזוי פריש און געזונט ווי ער איז געווען פריער. דער פּנים איז שוין געווען צעאַקערט מיט א היבש ביסל קנייטשן. דער זאָרג איז שוין ווי אַ וואָלקן געלעגן איינגעגעסן אויף זיין שטערן. אָבער די מוטיגע מאַמע האָט אים געפּרואווט ראַטעווען מיט וואָס זי האָט געקענט. זי איז ארומגעלאָפן צו אונזערע קרובים אין שטאָט צו באַרגן די עטלעכע הונדערט רובל וואָס איז נויטיג אויף אויסצוצאָלן דעם אומערלעכן שותף. אין פאַרלויף פון עטלעכע חדשים געלינגט דאָס איר. פון דעם רב׳ס פאַמיליע אַליין איז געשאַפן געוואָרן דער גרעסטער טייל. אָבער דעם טאַטנ״ס קראַנקהייט גייט אָן פון טאָג צו טאָג. אַלע מאָל קומט צו עפּעס אַנדערש.

איך כאַפּ זיך אויף נישט איין מאָל ביינאַכט און איך הער ווי ער זיפצט, ווי ער וואַרפט זיך אויף זיין געלעגער. עפּעס פיל איך אַ רחמנות צו אים, נישט אַזוי ווי צו אַ טאַטן, נאָר גיכער ווי צו אַ ליבן מענטשן. איך געדענקט ווי איין מאָל הויבט ער אויף דעם קאָפּ פון בעט, ווי מיט אַ גבורה און זאָגט מיר — „זונעלע, מאָרגן וועל איך דיך נעמען אין באָד אריין, זען דיך אָפּצושערן און אַרומוואַשן." נו, אָפּוואַשן זיך איז ביי מיר קיין גרויסע אָפּקומעניש נישט. אָבער שערן זיך האָב איך פיינט. דער שערער פלעגט

מיר שטענדיג צע׳מזיק׳ען. אָבער דעם טאַטנ׳ס פריילעכערע מינע און זיין צוזאָג צו נעמען מיך אין באָד, איז פאר מיר געווען אַ סימן, אַז עס ווערט אים בעסער.

אויף מאָרגן נעמט ער מיך אין באָד, ער וואַשט מיך גוט ארום; זיינע הענט זיינען אזוי צערטלעך אַזוי ווי דער מאַמע׳ס. דערנאָך נעמט ער מיך אָנטאָן, דערזעט אויף מיין לייב אַ שטיקל קראַץ, וואָס איך האָב זיך מסתמא אליין געגעבן אין שלאָף, און ווערט צעשראָקן. „ווער האָט דאָס דיר געטאָן?״

ווען מיר גייען ארויס פון דעם מרחץ שטעלט ער זיך מיט מיר אָפּ ביי די זאָדע־וואַסער פאַרקויפערס. הייסט דעם מאַן אריינצוגיסן אין מיין גלאָז אַ סך סאָק, און איך האָב טאַקע דערפון גרויס הנאה. ווי איך קום אין דער היים, דערצייל איך דער מאַמען ווי גוט דער טאַטע איז צו מיר, און איך זע ווי זי מורמלט מיט די ליפּן, „הלוואי, רבונו של עולם, אויף לאַנגע יאָרן...״ שפּעטער פאַרשטיי איך בעסער, וואָס די מאַמע האָט געמיינט מיט איר וואונטש.

דעם טאַטן ווערט טאַקע אַלץ ערגער און ערגער. די שולע מוז פאַרמאַכט ווערן. דאָס גאַנצע געלט ווערט פאַרלאָרן. איך דאַרף ווייטער גיין אין חדר אין דער פרעמד. גראָד מוזן מיר שוין אויך ארויסציען זיך פון דער דירה אין סידער גאַס און די מאַמע געפינט אַן אַנדער דירה, שוין אַ קלענערע, מיט עטלעכע גאַסן אַראָפּצו, אין אַלטשטאָט אַריין. די נייע דירה איז הינטער דער גרויסער שול, וואָס איך זע צום ערשטן מאָל. דער טאַטע זאָגט מיר, אַז דאָס איז איינע פון די גרעסטע שולן אין פוילן. אַזוי, אַז דער חדר אין וועלכן איך קום אָן, איז גראָד אין דעם זעלבן הויז וואו מיר ציען זיך אריין. דער נייער רבי איז אַ פּוילישער איד. איך פאַרשטיי אים נאָך נישט אין גאַנצן, אָבער איך קריג דאָרט איין חבר׳ל, אויך פון דעם זעלבן הויז, וואָס פאַרשטייט מיין אידיש זייער גוט, דערפאר ווייל זיין פאָטער קומט אויך פון ווייס־רוסלאנד. זיין נאָמען איז מייערל, אַ שיינער, מיט אַזעלכע זיס־ברוינע, האָניקדיגע האָר און אויגן. ער קלעפּט זיך צו מיר צו, אַזוי ווי אַ ברודערל. די מאַמע בעט דעם רבי׳ן צו זעצן מיך צוזאַמען מיט אים. זאָגט ער מיר אונטער וואָס איך פאַרשטיי נישט. מיר האַלטן אין לערנען די פרשה „האזינו״ אין וועלכער עס איז פאַראַן אַזויפיל שיינער געזאַנג. דער רבי זאָגט איין פסוק און מיר זאָגן עס אַלע צוזאַמען איבער. איך פיל זיך גאָרניט שלעכט. איך זאָג דער מאַמען אַז דער חדר געפעלט מיר, כאָטש דער רבי איז נישט אזוי גוט ווי דער טאַטע.

„מילא,״ זאָגט די מאַמע, „לאָמיר האָפן אַז דער טאַטע וועט געזונט ווערן, וועט ער ווידער קענען מיט דיר אַליין לערנען.״

דער מאַמע׳ס וואונטש איז שוין קיין מאָל נישט מקוים געוואָרן. דער טאַטע ווערט שוין פון טאָג צו טאָג אַלץ ערגער. ער קען זיך שוין נישט רירן פון אָרט. דער דאָקטאָר קומט, אונטערזוכט אים ווידער אַמאָל און נאָך אַמאָל, און שאָקלט טרויערדיג מיטן קאָפּ. די מאַמע כאַפּט אים אָן ביי דער האַנט און בעט זיך ביי אים, „הער דאָקטאָר, ראַטעוועט אים! ער גייט מיר אויס פאַר די אויגן,״ ער ענטפערט איר, „איך טו אַלץ וואָס איך קען, איך האָב מורא, אַז עס ווערט שפּעט.״

אין צוויי טעג אַרום ווערט דעם טאַטן נאָך ערגער. ער גליט פון היץ. די מאַמע זאָגט, אַז ער ברענט ווי פייער. זי לויפט ווידער מיט אַ געוויין צום דאָקטאָר. דער אַלטער דאָקטאָר קומט באַלד צו פאָרן אויף אַ דראָשקע, באַקוקט אים, און מורמלט אַרויס דאָס שרעקלעך וואָרט — „ס׳איז טיפוס. איך קען דאָ גאָרנישט טאָן. מען דאַרף רופן אַ קאָנסיליום פון עטלעכע דאָקטוירים״. אָבער דער קאָנסיליום וואָס ווערט אָפּגעהאַלטן ליגט בלויז אַ שטעמפּל אויף דעם אורטייל, וואָס דער דאָקטאָר ד אָ נ כ ן האָט שוין פריער אַרויסגעגעבן. די מאַמע איז אַרויסגעלאָפן מיט אַ געוויין און געשריי, אַז איך ווער פאַרציטערט. אין עטלעכע שעה אַרום איז שוין די שטוב אָנגעלאָפן מיט מענטשן, וואָס זעען אים אין גוססן צושטאַנד. דער מלאך המות אליין מוז זיך געבן אַ טרייסל פון דער מאַמע׳ס געשרייען — „אויף וועמען, משה־מיכל, לאָזטו מיך איבער! וואָס וועל איך טאָן מיט די יתומים!״ פון דעמאָלט אָן, האַלט שוין די מאַמע אָן איין קלאָגן־געוואַלד איבער דעם גאַנצן אָוונט און נאַכט. ווען איך שלאָף איין, פיל איך אין שלאָף דעם גרויסן ווייטאָג, אָבער איך וויין נישט. איך שעם זיך צו וויינען. איך, דער זייער אָפטער וויינער, האָב איצט נישט קיין טרערן. שטיקט עס מיך נאָך מער. ווען איך מאַך אויף די אויגן אין מיטן פון דער נאַכט, זע איך ווי דער טאַטע ליגט אויסגעצויגן אויף אַ ברעט, איינגעדעקט מיט אַ טלית מיט אָן אָנגעצונדן ליכט איבערן קאָפּ; און צוויי אידן, טויטן־וועכטער, זיצן און זאָגן שטילערהייט תהילים, בעת די מאַמע האָט שוין נישט קיין כוח צו שרייען, זיצט און ברעכט אירע הענט.

עס איז מיר שוין שווער ווידער איינצושלאָפן; ליג איך און קלער — וואָס וועט איצט זיין? איך האָב דערפילט אַ נאָגעניש אין האַרצן פון הונגער, און אפשר איז דאָס מער פון צער ווי פון הונגער. כ׳האָב אָבער מורא עס צו זאָגן דער מאַמען. איך האָב מורא, אַז זי זאָל ווידער נישט אָנהייבן צו שרייען און אויפוועקן דעם גאַנצן אַרומיגן געגנט. ליג איך און ציטער. אַז איך בין ווידער איינגעשלאָפן, דערזע איך ערשט, אַז איך כאַפּ זיך אויף. עס איז שוין גרויסער טאָג און איך זע ווי די מאַמע האַלט פייגעלען אויף די

הענט, קושט זי און האלזט זי. „שרעק זיך נישט, מאַמעלע מיינס, איך וועל קיינעם נישט לאָזן דיר שלעכטס טאָן!"

איך טו זיך שנעל אָן; מיר ווילט זיך ארויס אויפן הויף, טרעפן זיך מיט מייערלען, אָבער איך האָב מורא איך וועל זיך שעמען אים צו קוקן אין די אויגן אריין. עס קומט מיר אויס, אַז איך בין אפשר שולדיג אין דעם וואָס דער טאַטע איז געשטאָרבן. ווערט מיר ווידער אַ דריקעניש אין האַרצן און איך פיל אַז איך מוז זיך אויסוויינען. וואָלטן די צוויי פרעמדע אידן אַוועקגעגאַנגען, וואָלט איך זיך אפשר נישט געשעמט צו וויינען, אָבער גראָד זיצן זיי ווי זיי וואָלטן שוין אַזוי געדאַרפט בלייבן אַ גאַנצן לעבן. זיי האַלטן אין איין זאָגן און זאָגן.

אָבער עס געשעט אַ נס: עס קומט אריין ר' משה מייזל, זלמן מייזל'ס עלטערער ברודער, דעם טאַטנ'ס קרוב און גוטער פריינט. ווי די מאַמע דערזעט אים, ברעכט זי ווידער אויס מיט גוואַלד־געשרייען: „ר' משה, זעט, וואָס פון מיין גאָלדענער קרוין איז געוואָרן." פייגעלע הייבט אויך אָן צו וויינען, זעענדיק ווי די מאַמע רייסט זיך די האָר. די צוויי זיצנדיגע אידן דערשרעקן זיך פאר דער סצענע, הייבן זיך אויף און גייען ארויס, און ביי מיר עפענען זיך גלייכצייטיג קוואַלן פון טרערן און איך פאַל אריין אין רעכטן געיאָמער. ר' משה נעמט מיך אָן, גלעט מיר די האָר און פרואווט מיך באַרואיגן. „דיין טאַטע איז נישט געשטאָרבן. ער לעבט אין גן עדן." אָבער דאָס איז ביי מיר דעמאָלט אַ קנאַפּע טרייסט. וויין איך ווייטער און יאָמער, „טאַטע! טאַטע!"

אַ הונגעריגער, לויף איך דערנאָך ארויס אויפן הויף. ערשט מייערל שטייט און קוקט אויף מיר, איך וואָלט שווערן, אויך מיט פאַרוויינטע אויגן. ער ווייס שוין, אַז איך בין געוואָרן אַ יתום. באַלד קומט אַראָפּ צו לויפן זיין מאַמע. „מייערל, קום אַרויף וועסטו עפּעס עסן. נעם אַרויף אויך דעם יתום. ער מוז שוין אויך זיין אַ פאַר'חלש'טער." זי דאַרף מיך לאַנג נישט בעטן. איך גיי ארויף צו זיי אין שטוב. זי גיסט אָן צוויי הייסע טעלער מיט זופּ. איך פאַרזוך עס. עס איז זייער געשמאַק.

„עס, עס, אינגעלע", דערמוטיגט זי מיר. „דאָס זיינען פרישע שוועמלעך." איך האָב דאָס קיין מאָל נאָך נישט געגעסן, אָבער דאָס האָט געהאַט טויזנט טעמ'ן. מיר ווערט אַ ביסל גרינגער. מיין פריערדיגער געוויין האָט מסתמא געמוזט אויך זיין אַ געוויין פון הונגער. איך קלער זיך, וואָס טוט מען מיט פייגעלען, ווי אַזוי וועט זי עסן? איך קום אריין אין שטוב און זאָג די מאַמען אַז די שכנ'טע האָט מיר געגעבן צו עסן. פאַלט איר גלייך איין דער געדאַנק, „טאָ נעם שוין אהין אַרויף אויך פייגעלען." איך גיב אַ כאַפּ

פייגעלען פאַר דעם הענטל און פיר זי גלייך אַרויף צו מייערל׳ס מאַמען.
איך וואונדער זיך אויף זיך אַליין וואָס איך שעם זיך נישט צו זאָגן איר,
„אפשר וועט איר פייגעלען אויך געבן אַ טעלערל שוועמלעך.״

„געוויס, געוויס,״ ענטפערט זי. „איין רגע׳לע. דיין אָרעמע מאַמע קען דיר איצט נישט געבן צו עסן. ווי צו מיר „זי איז שוין אָן אַנגעגעסענע. טאָ זיץ און עס.״ די הונגעריגע פייגעלע עסט נישט נאָר שלינגט. אין עטלעכע מינוטן האָט זי צוריק אויפגעבליט. די טרערן אין די אויגן האָבן זיך אויסגעטריקנט. און זי, נישט ווינסדיג ווי גרויס איר בראָך איז, האָט אָנגעהויבן צו זינגען אַ פויליש לידל, וואָס זי האָט זיך אויסגעלערנט פון איר׳ס אַ חבר׳טע. איך האָב זי עטלעכע מאָל גע׳מוסרט, „פייגעלע, הער אויף. אונטן ליגט דער טאַטע, אַ טויטער. מען טאָר ניש זינגען.״ נאָך אַ האָר און זי וואָלט זיך מיט מיר, ווי שטענדיג, אָנגעהייבן צו קריגן. אָבער איך פאַרכאַפּ עס. איך הייב זי אָן צו קושן און זי שטעלט אָן אויף מיר מילדע, כשר׳ע אויגן. מיר גייען אַראָפּ צוריק אויפן הויף. מיר זעען, ווי אונזער שטוב איז שוין איבערגעפילט מיט מענטשן, מיר הערן ווי מען רעדט וועגן דער קומענדיגער לויה און פילן ווי אַ קעלט נעמט אונדז דורך.

די מאַמע כאַפּט זיך מסתמא, אַז מיר מוזן זיין קאַלט. טראָגט זי אונז ארויס אויבערמאנטלען און מיר וואַרעמען זיך אָן.

מענטשן קלייבן זיך אַלץ מער און מער. עטלעכע רעדן צווישן זיך, אַז דער רב אַליין וועט קומען צו דער לויה. עס דויערט אָבער נישט מער ווי אַ מינוט אָדער צוויי, און עס קומען אָן צוויי רבנים — דער אַלטער לאָדזשער רב, ר׳ אליה חיים מייזל, און זיין אידים. דער שניאַדעוווער רב, ר׳ גבריאל סעגאל. די לויה שטעלט זיך ביסלעכווייז אויס און פאַרנעמט אַ היבשן טייל פון דער גאַס. אַ סטראַזשניק קומט צו לויפן. אַ פּאַרסאָפּעטער. און קלייבט זיך אָנצוהייבן מאַכן „אָרדנונג״. אָבער ווען מען זאָגט אים, אַז „דער ראַווין אַליין״ איז דאָ, רוקט ער זיך אַרויס. איינער פון די אידן כאַפּט מיך אָן ביי דער האַנט. איך האָב אים קיין מאָל נישט געזען, אָבער זיין פנים איז פול מיט גוטסקייט און ליבשאַפט. (שפּעטער דערוויס איך זיך, אַז דאָס איז בענטשע, דעם רב׳ס אַ באַליבטער פּלימעניק, און דער מאַמע׳ס אַ שוועסטער־קינד.) אזוי ווי עס הייבט אָן צו רעגענען, האַלט ער אַ שירעם אין דער האַנט און מיין הענטל קוועטשט זיך אָן אויף דעם שירעם. עס טוט מיר זייער וויי, אָבער איך שעם זיך אים צו זאָגן. איך ווייס נישט ווי לאַנג ער וועט מיר אַזוי קוועטשן און איך פּרוּאוו מיטגיין מיט אַלע גרויסע, טריט ביי טריט.

אין פראָנט פון דער לוויה הינטערן טויטן־קאַסטן גייעןביידע פריער־

דערמאָנטע רבנים. איך פּרואוו אָנשטעלן מיין אויג אויף זיי. פון צייט צו צייט, רייסט זיך אַרויס דער מאַמע׳ס א געשריי, וואָס ווערט אָבער איינגע־שטילט אין דעם עולם. ווי לאַנג דער דאָזיגער לויה־מאַרש געדויערט, געדענק איך נישט, אָבער ווי מיר האָט זיך געדוכט אין יענער צייט, איז מיר אויס־געקומען אַז זי וועט זיך שוין קיין מאָל נישט ענדיגן. אָבער צו אַלץ קומט אַ סוף. ווען בענטשע לאָזט שוין אָפּ מיין הענטל, ווערט מיר גרינגער פוןביידע זייטן — וואָס עס הערט מיר אויף ווי צו טאָן, און וואָס מיר זיינען שוין סוף־כל־סוף געקומען אויפן „גוטן אָרט״. באַלד ווי מיר קומען אָן אהין, זוכט מיר אָפּ דער רב און זאָגט מיר, אַז ער וועט זאָגן מיט מיר קדיש — איך זאָל אים נאָכזאָגן וואָרט ביי וואָרט. איך זאָג אים נאָך און פּרואוו זיך עס פאַרגעדענקען. ער איז צופרידן מיט מיין נאָכזאָגן שאַרף יעדן וואָרט. ער זאָגט מיר דערנאָך, „איך וועל דיר מיטנעמען צו זיך אהיים. דו וועסט איינשטיין ביי מיר אין הויז. די רעבעצן וועט אכטונג געבן אויף דיר״. איך געדענק נישט וואו מיין מאַמע האָט זיך דעמאָלט אַהינגעטאָן, אָבער דער רב האָט זיך ארויפגעזעצט אויף אַ דראָשקע וואָס איז צוגעפאָרן, מיך אַוועק־געזעצט לעבן אים, און מיר זיינען געפאָרן זאלבעפערט צו אים אהיים.

קאַפּיטל עלף

#ביים רב אין הויז

דעם רב׳ס וואוינונג געפינט זיך אויף שער אַגראָדאָווע גאַס, אָדער ווי אידן רופן זי, „די טויטע גאַס״. עס איז א וואוינונג מיט אַ גרויסן פאַרנעם, מיט פיל, פיל צימערן וואָס איך קען אפילו נישט איבערציילן. די רעבעצין נעמט מיר אויף צערטלעך מיט ציטערדיקע הענט, און מיט אַ פאַרטרויערטן פּנים. די ערשטע זאַך, וואָשט זי מיך אַרום און פרעגט מיר צי איך לערן שוין גמרא. איך זאָג איר, איך בין נאָך ערשט געוואָרן זעקס יאָר און איך לערן שוין חומש. איך קען אויך אַ ביסל תהילים און איך נעם איר באַלד זאָגן דעם קאַפּיטל, „למה רגשו גוים״. זי גיט מיר אַ גלעט איבער דעם קאָפּ נאָך דעם ווי איך פאַרענדיג עס און פירט מיר צום טיש, אין עס־צימער, און גיט מיר עסן. זי ווייזט מיר אויך אָן דעם צימער וואו איך וועל שלאָפן און זאָגט מיר איך זאָל נישט פאַרגעסן צו דאַוונען מנחה און זאָגן קדיש.

אין אַ קורצער ווילע אַרום זיינען אָנגעקומען צווי הויכע בחורים — די רעבעצין שטעלט מיר פאָר. „דאָס איז דער יתומ׳ל, כאשקע׳ס אינגל.״ זיי האָבן אויף מיר אַ מינוט־צוויי געקוקט, געפרעגט מיך צי איך וויל לערנען, אַ קניפּ געטאָן מיר אין בעקל, און מיר גע׳מוסר׳ט אַז איך זע אויס

צו זיין צו שעמעוודיק. שפּעטער אַביסל דערוויס איך זיך זייערע נעמען. דער, מיט דער לאַנגער באָרד איז לייזער־איטשע, און ער איז גראָד דער אינגסטער פון די צוויי אייניקלעך. דער עלטערער פון זיי איז שמואל־ישראל, מיט אַ קורץ געשאָרן בערדעלע. איך דערוויס זיך דערנאָך פון דעם עלטסטן אייניקל, משה נחום, אָבער קענטיג, אַז מ׳האַלט קנאַפּ פון אים. אַ ווײַלע שפּעטער קומט אויך אָן אַ זייער שיינע מיידל. דאָס, זאָגט מען מיר, איז אַ פּלימעניצע פון רב, זיין שוועסטער׳ס אַ טאָכטער. אויך זי קומט צו צו מיר מיט אַ גוטמוטיגן פּנים און גיט מיר אַ גלעט איבערן קאָפּ. איך דערפיל זיך דאָ זייער היימיש און מיין פריערדיגע פאַרשטעלונג וועגן דעם רב, אַז ער איז עפּעס אַן אומצוטרעטלעכער, אַ שטרענגער, ווערט צונישט. איך איבערצייג זיך אַז עס איז פּונקט פאַרקערט.

נאָך מער זע איך דאָס איין גלייך אין דער ערשטער נאַכט. איך ליג אַזוי אויף מיין געלעגער, האַלב שלאָפעדיג, האַלב וואַכעדיג, מיט אַלערליי אומרואיגע חלומות. עס מוז שוין זיין זייער שפּעט. אַרום און אַרום איז שטאָק פינסטער. פּלוצלונג דערהער איך ווי עס עפנט זיך פּאַמעלעך די טיר. אַ דערשראָקענער, קוק איך און דערזע ווי אימיצער, מיט אַ ליכט אין האַנט, באַוועגט זיך גלייך צו מיין געלעגער. איך שטאַרב שיר פאַר שרעק. איך וויל אָנהייבן שרייען, מאַכן אַ גוואַלד, אָבער איך פיל זיך ווי אַ פאַרשטיקטער. עפּעס קנוילט זיך צוזאַמען אין מיין האַלדז. באַלד דערפיל איך ווי עפּעס ווערט אויף מיר ארויפגעלייגט, וואָס קען עס זיין?

„שאַ, דאָס בין איך״, דערהער איך דעם רב׳ס קול. ער שפּרייט איבער מיר נאָך אַ קאָלדרע און זאָגט צערטלעך: „דו ביסט געווען זייער אומרואיג, זיך געוואָרפן און עפּעס געמורמלט... דיר האָט געמוזט זיין קאַלט. איצט וועסטו שוין קענען בעסער שלאָפן.״ ער האָט מיך אַזוי ליבלעך באַרואיגט, אַז איך האָב זיך דערפילט אַזוי זיכער ווי אין מיין מאַמע׳ס שויס.

אויף מאָרגן אין דער פרי וועקט מיך די רעבעצין אויף. „שטיי אויף, זונעלע, וואַש זיך אָפּ און גיי גלייך אריין צום מנין. וועסט דאַוונען, און זאָגן קדיש.״ איך טו ווי זי זאָגט מיר. אריינקומענדיג צום מנין גיט מיר דער שמש א סידור. איך זאָג זיך אָפּ פון אים. איך קען דאַוונען פון אויסנווייניג. גייט צו מיר צו דער רב, שטעלט זיך לעבן מיר, אַפּנים גרייט מיר צו העלפן ווען איך וועל מאכן אַ טעות. אָבער איך מאַך נישט קיין טעות. דריקט ער גלייך אויס זיין צופרידענקייט מיט דעם וואָס ער זאָגט מיר אַז גלייך נאָכן איבערבייסן וועט ער שיקן מיר מיטן שמש אין חדר אריין. וואָס פאר א חדר דאָס איז, ווייס איך נישט. אָבער אַז דער רב שיקט מיר אַהין, מסתמא איז דאָס אַ גוטער חדר.

אויפן וועג זאָגט מיר דער שמש, אַז דאָס פירט ער מיר אין רב׳ס תלמוד תורה. מען נעמט מיר דאָרט אויף זייער וואַרעם. דער רבי, שטעלט זיך אַרויס, ווייס שוין ווער איך בין און זאָגט דעם שמש, אַז ער וועט געבן איינעם פון די תלמידים צו באַגלייטן מיר צוריק אהיים, צום רב. דאָס לערנען איז כמעט אויפן זעלבן שטייגער ווי אין מיין לעצטן חדר אין דעם הויז וואו מיר האָבן געוואוינט. דאָ לערנט מען שוין די פרשה „חיי שרה״. איך האָב נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס אברהם דאַרף גיין קויפן אַ קבר פאַר זיין געשטאָרבענער פרוי, שרה, און פארוואס האָט מען מיין טאַטן גלייך געפירט אויף אַ פאַרטיגן קבר אויפן בית עולם? איך האָב דאָס געזאָגט דעם רבין. אַלע קינדער האָבן מיך אָנגעקוקט. דערנאָך קומט איינער פון זיי צו מיר און זאָגט, „איך בין הערצקע קוליאס. אַלע לאָבוזעס האָבן מורא פאַר מיר. אַז איך גיב א שוואונג מיט מיין קוליע, צעלויפן זיי זיך אזוי ווי די מייז. קיינער וועט דיר נישט אָנרירן, סיידן אים ווילט זיך ווערן גע׳הרג׳ט.״

איך דערפיל גלייך אַ מאָדנע וואַרעמקייט צו דעם דאָזיגן קאַליעקע; אַזוי, איז ער גאָרנישט אָנציענדיג — זיין פנים איז אַ געשטופלטער און איינגעצויגן ערטערווייז מיט אומהיימלעכקייט, באַצויגן מיט דינעם רויפלייש. די אויגן, וואַסערדיגע, מיט אַ גרינלעכן הויך. דערפאַר, אָבער, האָט ער קרעפטיגע, אייזערנע הענט. ווי ער דערציילט מיר, איז ער געבוירן געוואָרן אַ זייער שיין קינד, אָבער אין ראַטעווענדיג זיך פון אַ שרפה איז ער אַראָפגע־שפרונגען פון אַ צווייטן שטאָק, צעבראָכן זיך אַ פוס און צעקאַליעטשעט זיין פנים.

גלייך נאָכן לערנען הייבט ער מיר אָן צו פירן צוריק צום רב. ער הייסט מיר האַלטן זיין אָרעם זייער שטאַרק. מיר גייען און אַלע אינגלעך לויפן אַוועק פון אים, לאָזן אים פריי דעם וועג — הערצקע, דער קוליאס, גייט!

ער דערמאָנט מיר אַז אויף מאָרגן מוז איך מיטברענגען אין חדר א העפט, און אַ טינטער און פעדער. ווען איך קום צוריק אין רב׳ס וואוינונג, דערוויס איך זיך אַז פון מיין ברודער יאנקל־ברוך, פון קאַטלאָווע, איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע צו דער מאַמען אויפן רב׳ס אַדרעס, אין וועלכן ער דריקט אויס זיין צעבראָכן האַרץ אויפן טויט פון זיין טייערן פאָטער. אַן ענלעכע טעלעגראַמע איז אָנגעקומען פון חנה־איידלען פון ארץ־ישראל. פון יאָשקען איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע אַז ער קומט צו דער לויה, אָבער קיינער פון אונז האָט אים דאָרט נישט געזען. איך דערוויס זיך שפּעטער, אַז די מאַמע האָט גלייך נאָכן טאַטנ׳ס טויט, געבעטן משה־מייזלען אַרויסצושיקן די טעלעגראַמעס צו זיי וועגן דעם טאַטנ׳ס טויט.

אין אָוונט קומט מיין מאַמע מיך באַזוכן. זי באַדאַנקט דעם רב און די רעבעצין פאַר נעמען מיך צו זיך און געבן זייער השגחה אויף מיר. זי דערציילט אויך, אַז זי האָט פייגעלען ארייננגעגעבן אין דער „אכראַנקע". דאָס איז אַ אידיש־פּוילישע שולע פאַר יתומים, און אַז זי קריגט דאָרט עסן, קליידונג, וואוינונג און דערציאונג. אָבער אַלץ ווערט דאָרט געטאָן אויף דער פּוילישער שפּראַך. דער רב צווייפלט צי דאָס איז דער בעסטער פּלאַץ פאַר פייגלען. „מיר וואָלטן געדאַרפט האָבן", זאָגט ער, „אַזא יתומים־הויז פאַר אידישע מיידלעך אין אידיש. אָבער איידער אונזערע גבירים וועלן זיך אַ נעם טאָן צו דעם וועט נאָך מסתמא נישט איין מגפה זיין"... די רעבעצין דרייט זיך אויס און מורמלט: „נישט דאַ געדאַכט זאָל דאָס זיין".

אויף מאָרגן קומט שוין הערצקע צו גיין אַ ביסל פריער און וואַרט מיר אָפּ כדי מיך צו נעמען אין חדר. זיינע קוליעס שטעלט ער אַוועק אין ווינקל ווען ער זעצט זיך צו אויף אַ שטול, אָבער חנה־פייגל איז שיר נישט געפאַלן פאַרטשעפּענדיג זיך איבער זיי. הערצקע ווערט רויט, הייבט זיך אויף און שטעלט אַוועק די קוליעס אין אַ ווייניגער געפערלעכן פּלאַץ.

ענדלעך גייען מיר אַוועק אין חדר. איך בין אַנגעלאָדן נישט נאָר מיט אַ חומש, נאָר אויך מיט די נויטיגע שרייב־געצייג פאַרן רוסישן לערער וואָס דאַרף קומען. איך ווייס שוין מיין פּלאַץ וואו איך דאַרף זיצן. ר' געצל, דער רבי, גיט מיר אָפּ אַ ברייטן גוט־מאָרגן, און פרעגט מיר וואָס הערט זיך ביים רב? אַלע קינדער שטעלן אָן די אויגן אויף מיר, און זייערע אויערן צו הערן דעם ענטפער. איך האָב ביי זיך נישט געקענט אָפּמאַכן צי זאָל איך עפּעס זאָגן וועגן די שלעכטע גבירים אין שטאָט און וועגן אַ „מגפה" וואָס דאַרף אויף זיי קומען. איך האָב אָבער יאָ געזאָגט וואָס דער רב האָט באַמערקט וועגן אַ יתומים־הויז פאַר אידישע טעכטער, אַז מען דאַרף עס אין שטאָט נויטיג האָבן. דאָס איז אַלעמען געפעלן. מערסטע פון די קינדער אין תלמוד תורה זיינען אליין יתומים.

איך זע אָפּצוהיטן די מנינים אויף וועלכע איך דאַרף זאָגן קדיש און איך גלויב מיטן גאַנצן האַרצן, אַז יעדער קדיש מיינער, וואָס איך זאָג, הייבט אויף דעם טאַטן אויף נאָך אַ טרעפּל העכער אין גן־עדן.

פרייטאָג צונאַכט און שבתים זיץ איך ביים רב'ס גרויסן טיש. אויסער פאַמיליע, זיצן שטענדיג דאָרט חשוב'ע געסט: אַנגעפאַרענע מגידים, רבנים פון אַרומיגע שטעטלעך, מחברים וואָס פאָרן אַרום פאַרקויפן זייערע אייגענע ספרים, דיינים, וואָס קומען זיך מישב זיין ווען זיי זיינען אין ספק וועגן געוויסע דינים, און אַנדערע. איין פרייטאָג צונאַכט בין איך זייער איבעראַשט צו זען אַ גרויסן רב פון אַ זייער ווייטער מדינה — אזש פון פּערסיע. ער

איז אָנגעטאָן אין אַ מין ווייסן שטריימל און אין אַ לאַנגן ווייסן מאַנטל פון אטלעס אָדער זייד. ער רעדט נישט ווי מיר רעדן אידיש, ער רעדט לשון־קודש. ער רעדט אַזוי שנעל מיט דער שפּראַך, אַז איך וואונדער זיך ווי אַזוי אונזער רב פאַרשטייט אים, און ענטפערט אים גלייך אויף דער זעלבער שפּראַך. איך באַמי זיך צו פּרואוון פארשטיין עפּעס פון דעם וואָס זיי ריידן, אָבער בלויז איין וואָרט האָב איך פאַרשטאַנען — משיח. און דאָס גייט מיר אריין אין נאָז. פאר מיר מיינט עס אַז אויך אין פּערסיע לאָזט מען נישט אריין אידן אין די קאָליע־גערטנער, אָדער אין אַנדערע געהויבענע פּלעצער.

אין אַ צווייטן פרייטאָג צונאַכט קומט צום טיש נאָך אַ געהויבענער גאַסט, אַ שליח פון דער אַלעקסאַנדערער רבי׳ן. וואָס זיין שליחות איז געווען, ווייס איך נישט, און איך פאַרשטיי אַז איך וואָלט עס נישט פאַרשטאַנען ווען מען וואָלט מיר אַפילו געזאָגט. גלייך נאָכן עסן, זיינען זיי ביידע אריין אין אַ באַזונדער צימער, און דאָרטן פאַרהאַנדלט מסתמא וועגן אַ זייער וויכטיגער זאַך. ווען דער רב קערט זיך אום צוריק און דער שליח געזעגנט זיך מיט אַלעמען, פרעגט אַ זייער אָפטער זיצער ביים רב׳ס טיש, אַ „דייטש״, דר. ווערנער: „גלויבט איר, רבי, אין ראַביים?״ ענטפערט דער רב שטילערהייט, „דער אַלעקסאַנדערער איז אַ גרויסער מענטש.״ איך פאַרגעדענק זיך דאָס און שפּעטער, ווען נאָר מיר קומט אויס צו פירן וויכוחים מיט חסידים, און זייערע ראַביים, זאָג איך נאָך דעם לאָדזשער רב, „אָבער דער אַלעקסאַנדערער איז אַ גרויסער מענטש.״

איין מאָל קומט מיר אויס אין מיטן דער וואָך צו זען אַן אומגעוויינלעכע סצענע אין רב׳ס הויז — צוויי שמשים ברענגען צו פירן אַ גראָבן, געזונטן קצב וואָס איז אָנגעקלאָגט אין פאַרקויפן אידן טריפה׳נע פלייש פאַר כשר׳ע. דער רב פרעגט אים, „איז דאָס אמת? געדענק, מיין זון, אויב דו זאָגסט מיר ליגן, קען נאָך ביי דיר עפּעס פּאַסירן.״ דער קצב, אין אָנהייב אַ דערשראָקענער, פאַלט אריין אין חוצפה און ענטפערט אָפּ גראָב, „און אַז יאָ, איז וואָס? שטאַרבן דען די גויים ווען זיי עסן טריפה פלייש?״ דער רב ווערט אַן אָנגעצונדענער און לאָזט אים אַראָפּ צוויי פייערדיגע פּעטש. „דאָס איז מיין חלק. דער רבונו של עולם וועט שוין אליין זיין חלק אָפּנעמען.״

איך שטיי און וואונדער זיך צי דער דאָזיגער שטאַרקער און גראָבער קצב וועט זיך דערלויבן צוריקצושלאָגן דעם רב . . . ערשט דער איבעראַשטער קצב ווישט אָפּ די ליפּן, שלינגט אַראָפּ די צוויי פּעטש און מורמלט צום רב, „רבי, איך האָב זיי כשר פאַרדינט. איך האָף אַז איר וועט נישט דאַרפן נאָכאַמאָל מיר דערמאַנען אָן זיי.״ דער רב האָט בלויז איין קוק געטאָן אויף אים, און ווען דער קצב איז אַרויס, זאָגט ער, „ער וועט שוין מער קיין

טריפה פלייש נישט פאַרקויפן פאַר כשר'ע.״

עס איז עפּעס ווערט געווען צו זיצן פרייטאָג־צו־נאַכט ביי אַזאַ טיש, באַטראַכטן די געסט און צוהערן זיך צו די קלוגע רייד פון די בייזיצער. צווישן איין מאכל און דעם צווייטן זיינען שטענדיג אָנגעגאַנגען לעבעדיגע שמועסן אין וועלכע עס האָבן זיך אויך באַטייליגט די צוויי אינגערע אייניקלעך, שמואל־ישראל און לייזער־איטשע. אמת, נישט אַלץ האָב איך פאַרשטאַנען וועגן וואָס זיי רעדן, אָבער איך האָב אָנגעשטעלט מיינע אויערן אין אַלע זייטן. עס איז נישט אַדורך קיין איין מאָלצייט אַזאַ, פון וועלכן איך זאָל נישט אוועקגיין מיט אַ גאַנצן פּאַק נייע ווערטער און געדאַנקען. איך האָב מער געלערנט פון איין שבת צונאַכט ביים רב'ס טיש ווי אין אַ גאַנצן טאָג אין חדר.

איין מאָל, באַמערקט דער רב ווי איך בייג זיך איין איבערן טיש בעסער צו הערן, ווייל איך בין נאָך אַזוי קליין און מוז זיך הייבן פון מיין שטול און איבערבייגן זיך איבערן טיש, כדי עפּעס צו הערן. גיט ער עפּעס אַ וואָרף זיין בליק איבערן טיש, הייבט זיך אויף פון זיין שטול, נעמט ארויס דעם קישן אויף וועלכער ער זיצט, און ברענגט מיר אים צו טראָגן, אַז איך זאָל אויף אים זיצן. „דאָס וועט דיר מאַכן,״ זאָגט ער מיר, „וויכער און העכער. וועסט זיך נישט דאַרפן מער בייגן.״

טעלעכע מאָל איז אים אויסגעקומען פאַר נייע געסט צו דערקלערן ווער דאָס „אינגעלע״ איז. טעלעכע האָבן געמיינט אז איך בין אַן אוראייניקל, און פרעגן אים, „איז דאָס דורך אייער זון, אָדער דורך אייער טאָכטער, די שניאדעווער רעבעצן?״ „ניין, אָבער ער איז אַן אוראייניקל פון ר' שמואל באַקסטער, פון ר' בער יוזשאָנער. זיין פאָטער איז ערשט נישט לאַנג געשטאָרבן. אַ טייערע מענטש געווען און אַ גרויסער איד. איך גיב יעצט השגחה אויף זיין אינגל, דעם יתום. ער זעט אויס צו זיין אַ גוטע כלי. זיין מוטער די אלמנה, מוז נעבעך שווער האָרעווען אויף צו דערנערן זיך מיט אירע צוויי קינדער.״ ער ווענדט זיך דערנאָך צו מיר: „ישראל־בערעלע, געדענק, אַז דער טיש איז אויך דיין טיש, אַז אויב איך קען נישט פאַרבייטן דיר דיין טאַטן, וועל איך דיר אָבער העלפן מיט אַלץ וואָס איך קען.״

און אַזוי בין איך אָפּגעווען ביים רב אין הויז לאַנגע חדשים, איבערן גאַנצן ווינטער און אַ שטיק פון די וואַרעמע וואָכן ביז נאָך שבועות.

איין מאָל אין אָוונט, ווען איך בין אַט ערשט צוריקגעקומען פון דער תלמוד תורה, ווען די רעבעצן האָט געהאַלטן אין דערלאַנגען מיר מיין אָוונט ברויט, קומט אריין די מאַמע און פאַלט צו צו מיר מיט אַ שמחה. „מיר האָבן שוין געקריגן אַ שטיקל דירה. אין עטלעכע טעג אַרום וועל איך דיר

שוין קומען נעמען אין דער נייער היים. עס איז נאָר אַ פּאָר טריט פון דאַנען.״

ווען די מאַמע איז מיר געקומען נעמען אין עטלעכע טעג שפּעטער, אין דער נייער דירה איז צוגעלאָפן די רעבעצן צו אונז און זאָגט, „געדענקט, כאשע, אַז אליה־חיים וויל אז ישראל־בער זאָל זיין יעדן שבת ביי אונזער טיש. נישקאָשע, ער וועט נישט ווערן איבערגעפּירט ביי אונז. דער רב וועט אים פאַרהערן יעדע וואָך ווי ער האַלט מיט זיין לערנען.״

די מאַמע האָט געדאַנקט דער רעבעצן פאַר די מאַנאַטן וואָס זי האָט מיר אויסגעהאַלטן די גאַנצע צייט און צוגעזאָגט צו ברענגען מיר יעדן שבת צוריק אהער.

קאַפּיטל צוועלף

איך ווער אַ פאַרדינער

די נייע דירה וואוהין די מאַמע האָט מיר געבראַכט, איז קנאַפּ וואָס ניי און נישט קיין גוואַלדיגע דירה. עס איז אַ צימער אין אַן אַלט הויז און צוזאַמען מיט נאָך אַ פאַמיליע. די אַמת׳ע באַלעבאָסטע פון דעם צימער איז אַ צווייטע פרוי מיט צוויי קינדער, אויך אַ אינגל מיט אַ מיידל. די מאַמע זאָגט מיר אַז זי, רייזל הייסט זי, איז אַן עגונה. „זי ציט איר פרנסה אויך פון צושטעלן געבעקס אין רייכע הייזער אַלע פרימאָרגן פונקט אַזוי ווי איך טו. מיר קויפן דאָס געבעקס ביי דער זעלבן בעקער. איך גלויב אַז איר קינדער, וועט לעבן בשלום, איינע מיט די אַנדערע, פונקט ווי מיר מאַמעס לעבן בשלום״.

אין אַ ווײַלע שפּעטער קומען אָן רייזל׳ס קינדער, דאָס אינגל, מענדעלע, אַזוי אַלט ווי איך בין, און דאָס מיידעלע, ראַכקע, אין פייגעלע׳ס עלטער, קנאַפּע זעקס יאָר. פייגעלע שליסט באַלד מיט איר פריינטשאַפט. גראָד האָבן זיי געהאט אַ סך שפּילצייג, וואָס אפילו אין רייכע הייזער קען מען עס נישט שטענדיג געפינען. רייזל, נאָך דעם, ווי זי צעטראָגט דעם געבעקס אין דער פרי, האַנדלט זי דערנאָך מיט קינדערשע שפּילצייג. זי לאָדנט זיך אָן מיט צוויי גרויסע קערב פול מיט אַלערליי פערדלעך, סאָלדאַטלעך, פייפלעך, באַלעכלעך און וואָס נישט. איך כאַפּ זיך אויך צו צו זיי, אָבער אַז פייגעלע וויל זיך אליין שפּילן מיט ראַכקען, גייען מירביידע, איך און מענדעלע אין אַן אַנדער ווינקל, שפּילן זיך באַזונדער. אין עטלעכע טעג ארום האָב איך א שטיקל איבערראַשונג. מענדעלע זאָגט אַז מיר קענען שפּילן אין בעסערע שפּילן. ער פרעגט מיר צי קען איך שפּילן שאַך. איך זאָג אים איך האָב קיין מאָל נישט געהערט פון אַזאַ שפּיל. „אזוי גאָר?״

וואונדערט ער זיך. „ווייסטו גאָרנישט אַז דאָס איז אַ שפּיל אין וועלכער עס שפּילן אין דעם גענעראַלן און אפילו מלכים?״ איך בין מודה אַז איך ווייס נישט. נעמט מענדעלע און שטעלט אויס אויף אַ ברעט וואָס האָט פיר־און־זעכציג קעסטעלעך, פאַרשידענע פיגורן און לערנט מיר, אַז דער הויכער מיטן קרוין אויפן קאָפּ, איז דער קעניג; די צווייטע פיגור, אַז די דיקלעכע דאַמע, איז די קעניגן. אין ביידע זייטן פון זיי געפינען זיך די בישאָפן, אָדער ווי מען רופט זיי, די לויפער. נאָך זיי קומען די רייטערס. דאָס קען מען לייכט דערקענען פון די פערד, און די צוויי וועלכע שטייען אין סאַמע סוף פון ביידע זייטן ברעט זיינען די פעסטונגען, אָדער ווי מען רופט זיי, ראָכן. אין דער צווייטער שורה שטייען בלויז די פענדלעך, אָדער פּראָסטע סאָלדאַטן. מענדל איז גערולדיג מיט מיר. ער לערנט מיר די צוגן ווי אַזוי יעדער פיגור גייט און שלאָגט. אין אָנהייב פאַרשטיי איך קנאַפּ וואָס עס טוט זיך דאָרטן. זיי שווינדלען מיר פאר די אויגן. אָבער נאָך עטלעכע טעג שפּילן הויב איך אָן אַ ביסעלע צו באַגרייפן ווי אַזוי מענדעלע מאַכט פון מיינע סאָלדאַטן איינס צוויי, פּיף־פּאַף. און אָט אַזוי ווער איך שוין אויך כלומרשט אַ שאַך שפּילער. (ערשט מיט יאָרן שפּעטער, זיצנדיג אין פאַרשידענע טורמעס, האָב איך זיך אויסגעלערנט צו פאַרשטיין אַ ביסל דעם דאָזיגן שפּיל אויף אַ מער ווייסנשאַפטלעכן אופן).

דערווייל גיי איך אַלץ אין דער תלמוד תורה און הערצקע־קוליאס פירט מיך הין און צוריק. ער לאָזט אויף מיר קיין שטויב נישט פאַלן. מיין מאַמע באַפרידיגט אים יעדע וואָך מיט א צוואַנציגער.

שפּעטער, ווען עס ווערט גוט וואַרעם, נעמט מיך איין מאָל הערצקע צוזאַמען מיט מענדעלען אין וואַלד אריין. גראָד זיינען דאָרט פאַראַן אַ סך יאַגעדעס, און איך כאַפּ זיך צו צו זיי, אַז איך ווער דערנאָך קראַנק אויפן מאָגן אַ שיינע עטלעכע טעג.

אין אַ שיינעם טאָג, דאַכט זיך עס איז געווען ערב תשעה באב, קומט אריין צו אונז א יונגער מאַן, כאַפּט זיך ארום מיט מענדעלען און מיט ראָכקען. ערשט דערוויס איך זיך אַז דאָס איז זייער אַן עלטערער ברודער. זיי רופן אים אהרן־דוד. איך ווער געוואָר אַז זיי האָבן נאָך אַ ברודער, אַן עלטערן פאר אים. זיין נאָמען איז דן, אָבער זיי פאַרציען זיין נאָמען אויף דאָניע. דן איז ביי זיי דער גרויסער לערנער. זיי זאָגן אַז ער וויל נישט חתונה האָבן. ער וויל נאָר זיצן און לערנען. אָבער אהרן־דוד האָט גאָר אין זינען צו פאָרן קיין אַמעריקע. די מוטער, רייזל, וויל דווקא, אז ער זאָל פאָרן אין אַמעריקע און געפינען זיין פאַרדאַמטן טאַטן, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ פרוי מיט צוויי קליינע קינדערלעך אין דער גרויסער לאָדזש אָן קיין שום מיטלען. זי זאָגט, אַז

אַהרן־דוד וועט זיין אַ לייט, וועט ער אים צוריקברענגען אַהער אַ געשמידטן אין קייטן. ווי עס ווייזט מיר אויס, איז אהרן־דוד גופא אויך נישט קיין גרויסער צדיק. ער פאַרט אין אַמעריקע, זאָגט ער, צו מאַכן געלט, ווייל דאָס איז אַלץ וואָס זיי טוען אין אמעריקע. און אין עטלעכע מאָנאַטן איז טאַקע אהרן־דוד אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע. רייזל איז געזעסן גאַנצע נעכט און געוויינט, און געבעטן גאָט, אַז די שיף זאָל נישט דערטרונקען ווערן, און אַז זי זאָל אין גיכן הערן די בשורה אַז ער האָט געפונען איר תנא־ברא און ברענגט אים צוריק אין קייטן.

רייזל האָט אָבער געוואַרט טאָג נאָך טאָג און וואָך נאָך וואָך און קיין שום בריוו פון אהרן־דוד׳ן נישט געקריגן. עטלעכע חדשים האָט געדויערט ביז עס איז אָנגעקומען פון אים קוים אַ קאַרטל מיט פיר, פינף שורות. אין דעם קאַרטל שרייבט ער, „מאַמע, איך קען דיר שרייבן אַז איך בין אָנגעקומען אַ געזונטער, אַז איך האָב גלייך אָנגעהויבן צו זוכן דעם טאַטן צווישן די לאַנדסלייט, אָבער ביז יעצט קיין שפור צו אים נישט געפונען. אַזוי שנעל ווי איך וועל געפינען אַרבעט און איינאָרדענען זיך, וועל איך ווייטער זוכן. דיין זון, אהרן דוד.״

רייזל איז שוין יענעם אָוונט ארומגעגאַנגען ווי אַ שיכור׳ע. זי האָט געהאַלטן אין איין איבערחזר׳ן: „אומזיסט זיך שוין געפרייט! ווער ווייסט צי ער וועט אים געפינען?״ די קינדער זיינען אויך געווען ווי אנטוישטע און געווען דעם גאַנצן אָוונט אומרואיג. מיר האָבן זיך שוין נישט געקענט שפּילן.

גראָד האָט זיך אין דער תלמוד תורה אויף מאָרגן אָפּגעטאָן אויף „טיש און אויף בענק״. אין סאמע מיטן לערנען איז מען באַפאַלן די תלמוד תורה מיט פּאָליציי און זשאַנדאַרן. די ערשטע זאַך זיינען אָפּגעשטעלט געוואָרן די לימודים. זיי האָבן צענישטערט און באַזוכט אַלע ווינקעלעך וואו עס זיינען נאָר געלעגן חומשים, גמרות און אַנדערע ספרים. זיי האָבן אונטערגעזוכט בלויז די ערשטע זייטן, דאָרט וואו עס דערשיינט געוויינלעך די צענזור־דערלויבניש. אָן אַ צענזור האָבן זיי קיין איין ספר נישט געפונען. דאָך האָבן זיי פאַרפּאַקט אַ היבש פּעקל ספרים און געהייסן אונזער רבין זיך אָנטאָן און גיין מיט זיי אין דער פּאָליציי. מיר האָבן זיך נישט געקענט צוריקהאַלטן פון ארויספּלאַצן אין אַ געלעכטער ווען דעם אַלט־מאָדישן רבין פּאַלט דעמאָלט איין דער געדאַנק צו פרעגן, „וואָס האָט דער ערל געזאָגט צו מיין האַנטשריפט?״ אָט אזוי האָט ער פאַרשטאַנען זייער קוקן אויף די ערשטע זייטן פון די ספרים.

פאַר אונדז קינדער איז דאָס געווען אַן אמת׳ער יום טוב. די תלמוד תורה איז פאַר׳חתמ׳עט געוואָרן. מילא, איז עס פאַר מיר געווען נישט קיין

גרויסע אָפּקומעניש. איך האָב שוין דעם טאָג ארומגעשמאַיעט איבער די גאַסן, אָבער אָן הערצקען, איבערהויפּט אַרום פּאָזנאַנסקי׳ס פאַבריק. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב געקענט זי באַטראַכטן פון דער נאָענט. איך שטיי אַ פאַרגאַפטער און קוק אויף אַ מאַשין וואָס לויפט מיט אַ גוואַלדיגער שנעלקייט און וואַרפט ארויס גאַנצע שטיקער סחורה. איך האָב נאָך פון פריער געהערט אַז איין מאַשין אַזאַ שפּאָרט איין די אַרבעט פון פינף־און־צוואַנציג וועבער האַנט־אַרבעטער. זייער ווייניג פאַרשטיי איך נאָך דעמאָלט דעם פולן באַדייט פון דעם דאָזיגן פאַקט.

איך גיי אזוי כסדר פאַרביי די אַלע מאַשינען וואָס איך זע דורך די גרויסע פענסטער, ביז איך קום צו צו אַ גרויסן טויער. דאָרט שטייען עטלעכע פּאָליציי־לייט און פייערלעשער, די פייערלעשער רופן ביי מיר אַרויס אויפמערקזאַמקייט. זייערע גרויסע, אייזערנע העלמעטן מיט די שוואַרצע אונטערהאַנגען ביז די אקסלען מסתמא צו באַשיצן די האָר. מען לאָזט מיך אָבער לאַנג נישט שטיין ביי דעם טויער און איך גיי ווייטער אויף מיין שפּאַציר. איך ווייס איינפאַך נישט וואָס צו טאָן מיט זיך אין דעם מאָמענט. אין דער היים איז יעצט קיינער נישטאָ. גיי איך ארום דער פאַבריק ביז איך קום צו צו פּאָזנאַנסקי׳ס פּאַלאַץ. איך באַוואונדער די רייכקייט מיט וועלכער ער איז אויסגעשטאַט. אַרום און אַרום, פאַרשידענע סטאַטועס, פאָנטאַנען און זיילן, אויסגעמאָלענע און באַשריבענע, אויך אייניגע סאַזשעלקעס מיט אַרומשווימענדיגע קאַטשקעס און גענז. ווען איך דערצייל עס דערנאָך מיינע פריינט, רייזל׳ס קינדער, זאָגן זיי מיר, אַז דאָס איז דער אַלטער פּאַלאַץ — דער נייער איז טויזנטער מאָל שענער און גרעסער.

קומענדיג צוריק צו אונזער געסל מיט די אָרעמע הייזלעך און וואוינונגען, און די קינדער אָנגעטאָנענע אין שמאַטעס, פאַלט מיר אפילו נישט איין צו שטעלן זיך די פראַגע פון וואַנען נעמט זיך אַזעלכע אונטער־שיידן פון אָרעם און רייך. איך נעם עס אָן אַז אַזוי דאַרף מסתמא זיין. ווען איך רייד וועגן דעם מיט מענדלען, זאָגט ער מיר, אַז אהרן־דוד האָט אים געזאָגט אַז אין אַמעריקע זיינען אַלע רייך. אין די קומענדיגע עטלעכע טעג פּרוּווט מיין מאַמע זוכן פאַר מיר אַ נייעם חדר ווייל, ווי זי האָט געהערט, וועט נאָך דויערן אַ היבשע צייט ביז מען וועט צוריק עפענען די תלמוד תורה. דער גורל איז ענדלעך געפאַלן אויף מיין שוין באַקאַנטן קרוב, זלמן־מייזל. זיין חדר, אויף פינסטער׳ס גאַס (קאַמענע) איז אויך געווען אַ רעפּאַרמירטער, ווי מיין טאַטנ׳ס. די קינדער דאָרט זיינען געווען פון זייער רייכע עלטערן. מען פלעגט זיי ברענגען אין קאַרעטעס. אין מיטן טאָג פלעגן קומען קאַמער־מיידלעך אָדער דינסטן מיט שיין געפּאַקטע קעסטעלעך

מיט שפּייז. ווען איינער פון מיינע נייע חברים פרעגט מיר, „וואו איז אייער דינסט?״ ווער איך רויט ווי אַ בוריק. איך בין אַזוי צעטומלט, אַז איך ווייס נישט וואָס צו ענטפערן. איך שעם זיך מיט דעם וואָס מיר האָבן נישט קיין דינסט.

ווען אייניגע אינגלעך שטייען צו מיר איין מאָל צו אַז איך זאָל זיי זאָגן מיט וואָס מיין טאַטע באַשעפטיגט זיך, הערנדיג אַזויפיל מאָל פון די קינדער אַז זייערע עלטערן זיינען פאַבריקאַנטן און קאָמיסיאָנערן, ענטפער איך איין מאָל אויך, „מיין טאַטע איז אַ פאַבריקאַנט.״ איך שטיק זיך מיט דעם דאָזיגן ליגן. איך ציטער, טאָמער וועלן זיי זיך אַמאָל דערוויסן אַז מיין מאַמע איז אַן אלמנה און גייט אַרום אין די פרימאָרגנס פאַרקויפן געבעקס, וועל איך זיי שוין מער נישט קענען קוקן אין די אויגן. דאָס ווערט מיט דער צייט איינער פון מיינע גרעסטע מורא׳ס.

באַזונדערס ווערט מיר אַלץ ענגער און ערגער מיט מיין אַדאָפּטירטן ליגן, ווען עס קומט אויס אַז די קינדער לייגן זיך צוזאַמען סומעס געלט כדי צו מאַכן זיך א ל״ג בעומר יום טוב. אם וויניגסטנס האָט יעדער קינד געדאַרפט געבן איין רובל. עס איז אפילו געווען דאָרט איינער, אַ זון פון אַ גרויסן קאָמיסיאָנער, בערענשטיין, וואָס האָט געבראַכט אַ פינף רובלדיגן. איך האָב צוגעזאָגט צו ברענגען אין עטלעכע טעג אַרום איין רובל. אָט דער דאָזיגער רובל איז געוואָרן מיין גרויסער קאָפּ־ווייטאָג. ווען איך בעט מיין מאַמען מיר געבן אַ רובל צו דער קינדער־שמחה קוקט זי מיר אָן אַזוי ווי איך וואָלט געוואָרן משוגע. אַלע מיינע פּלענער וואָס קומען מיר אין געדאַנק ווי אזוי צו קריגן דעם רובל דערפירן מיר בלויז צו א טויבער וואַנט און איך מוז אָנקומען סוף כל סוף צו א נייעם ליגן, אָדער בעסער, צו א מין שווינדל. איך דערקלער זיך צו דעם, אַז אויב איך קען נישט קריגן קיין אמת׳ן רובל, קען איך אָבער קריגן אַלטע בילעטן פון שפּיל־מאַרקעס. דאָס זע איך ביי איינעם פון אונזערע שכנים. ווען דער אינגל, איציקל נאַרט מיך אָפּ און ווייזט מיר אַז ער האָט אַ סך געלט, און פאַרטרויט מיר דערנאָך אַז זיין טאַטע האָט א סך אַזעלכע בילעטן. „פאַרוואָס זאָל איך נישט קריגן עטלעכע אַזעלכע בילעטן און אָפּנאַרן מיינע חברים אין חדר?״ קלער איך זיך. דאָס ווייזט מיר אויס צו זיין דער בעסטער וועג. די גאַנצע זאַך בלייבט איבער ווי אַזוי צו קריגן פון דעם דאָזיגן איציקל די עטלעכע בילעטן.

דערצו האָב איך געמוזט נאָך ווערן אַ שטיקעלע „גנב״. ביינאַכט, ווען אַלע זיינען געשלאָפן, גיי איך שטילערהייט אויף די שפּיץ פינגער, מיט טויט־שרעק אין מיין האַרצן, צו איינעם פון רייזלס פּעק מיט פערדלעך און אַנדערע שפּילצייגן. איך שלעפּ ארויס פון דאָרט אַ רייטער און אַ שיינעם, מעטאלענעם

קראַנץ. איך באהאלט עס גוט און גיב עס איציקלען אַוועק אויף שטענדיג, כדי ער זאָל מיר געבן די בילעטן בלויז אויף עטלעכע טעג. איך גיי ארום אין יענע טעג ווי אַ באַגראַבענער פון חרפה פאַר זיך אליין. אין חדר נעם איך אַרויס איין בילעט און ווייז עס שנעל, אַז איך האָב דעם רובל צו געבן, נאָר איך וויל נאָך אָפּוואַרטן אַ טאָג, צוויי. אָבער ווען די צוויי טעג גייען אַוועק, מוז איך אָנקומען צו אַ נייעם ליגן, אַז גראָד איצט דאַרף דער טאַטע האָבן דאָס געלט, און ער זאָגט מיר צו אומצוקערן עס אין אַ קורצער צייט אַרום. מיין חשבון איז, אַז עס וועלן דורכגיין עטלעכע טעג נאָך ל״ג בעומר וועלן זיי פאַרגעסן אין דער גאַנצער זאַך. און אַזוי איז עס טאַקע געווען.

איך מיין, אַז איך בין שוין אַרויס פון דער גאַנצער צרה, אָבער מיין שלים מזל גייט מיר נאָך. דאַרף זיך מאַכן אַז מיין קוזינע, ציגע, קריגט אַ שטעלע אין פינסטער׳ס גאַס, נישט ווייט פון מיין חדר. ווען זי דערוויסט זיך וועגן דעם, קומט זי איין מאָל צוגיין מיט אַ גרויסער טאַץ מיט צוויי אָנגעפּוטערטע זעמל, אַ שיינע, פינקלדיקע גלאָז טיי, אַ קליין טעצעלע מיט קאָנפעקטן — און דאָס אַלץ פאַר מיר, פונקט ווי ביי די איבעריגע גבירישע קינדער. די זעמל מיט פוטער צעגייען פשוט אין מויל. איך האָב נאָך קיין מאָל נישט געהאַט אַזאַ גוטן געשמאַק פון זעמל מיט פוטער ווי דאָס מאָל. זי גיט מיר נאָך אַ קניפּ אין בעקל דערצו און ווען זי גייט אַוועק, פרעגן מיר די קינדער צי דאָס איז מיין דינסט. שאָקל איך צו מיטן קאָפּ. איך זאָג זיי נישט אַז עס איז מיינע אַ קוזינע, ווייל דאָס וואָלט הייסן אַז מיין קוזינע איז אַ דינסט אין ערגעץ אַנדערש. איך פיל אז איך שטיק זיך מיט דעם דאָזיגן ליגן און מיר ווערט גאַרנישט בעסער ווען זי הייבט אָן צו קומען יעדן טאָג אין דער זעלבער צייט מיט אַזאַ מין טאַץ מיט עסן. מיין סטאַטוס ווערט פאַרפעסטיגט ווי אַ גביריש קינד, אָבער מיר ווערגט עס כסדר ווי אַ שטריק אַרום מיין האַלז.

קאַפּיטל דרייצן

ביי אַ נייעם מלמד

אַ דערפרישענדיגן טאָג, וואָס מאַכט מיר פאַרגעסן מיין שטיקעניש מיט די ליגנס, איז ווען דער רוסישער לערער אין חדר קומט צו גיין, זאָגט אונז אַז דאָס איז אַ גרויסער טאַבעלנער טאָג היינט, דעם קיסר׳ס געבורטסטאָג, און פירט אונז אין קאָר־שול צו פראַוועז דעם יום טוב פאַרן קיסר. דער קאָר־שול ווייט אַוועק אויף דער פראָמענאַדן־גאַס, מאַכט אויף מיר אַ גוואַלדיגן איינדרוק. מיר קומט פאָר, אַז אַזוי האָט געמוזט אויסזען דער

בית המקדש אין ירושלים. די ווענט האָבן געבליצט ווי זיי וואָלטן געווען איינגעפּאַסט מיט דימענטן. איך האָב נאָך אַזעלכע מאָלערייען קיינמאָל נישט געזען. היינט דער כאָר־געזאַנג, אַזאַ זיסער און דערהויבענדיקער, ווי ער זינגט „ואני ברוב חסדך", איבערוועלטיקט מיך אַזוי פיל, אַז מיין ערגעץניש פון מיינע לעצטע ליגנס ווערט פאַרשטומט אין דעם מאָמענט. נאָך מער דערפיל איך אַ דערהויבונג ווען דער כאָר זינגט „קאָל סלאַווען נאַש" און אויף העברייאיש „במהרה ובימנו תושע יהודה": געזאַנגען וואָס האָבן געקלונגען אין מיין אויער אַזוי דערפרישנדיק און דערקרעפטיקנדיק.

איך וואַרט שוין דערנאָך מיט אומגעדולד אויף אַזעלכע טאָבעלנע טעג, כדי צו הערן די דאָזיגע געזאַנגען וואָס פאַרפאָלגן מיך כסדר. ביז די מאַמע פירט מיר איבער אין אַ צווייטן חדר. דאָס איז אויף פּאָליודנאָווע גאַס ביי יאַנקל סטוטשינער, אַן אָרעמער מלמד, וואָס האָט בלויז געהאַט אַרום צען תלמידים. מערסטע פון זיי פון מיטל קלאַס, נישט אַזעלכע רייכע ווי ביי זלמן־מייזל אין שולע, אָבער אויך נישט קיין אָרעמע. די אָרעמקייט אין דעם הויז אָבער איז געווען אַזוי גרויס און די קאַרגשאַפט אַזוי אויגנרייסנדיק, אַז איך, געוואוינט צו לעבן אין איין צימער ווי מיט רייזלען, אין ענגשאַפט, אין דריקעניש און אין אָרעמקייט, זאלבע פיר און זאלבע פינפט אין איין בעט, האָב זיך געפילט אין אַ פיל אָרעמערער הויז ביי דעם רבין. די רעבעצן באַהאַלט איר צוקער ביי זיך אין בוזעם. קיינער פון די קינדער האָט דעריבער נישט געוואָלט טרינקען דאָרט קיין טיי. אָבער איין צוצי קראַפּט אין דאָרט זייער אַ שטאַרקע: די שיינע און האַרציקע מעלאָדיע מיט וועלכער ער לערנט תנ"ך. עס איז אַן אמת געזאַנג וואָס ציט אריין און ציט און ציט, און מען וויל עס נאָך אַמאָל און נאָך אמאָל הערן. נישט איך אליין האָב אַזוי געפילט, נאָר אויך אַנדערע קינדער זאָגן מיר, אַז צוליב דעם ווילן זיי גיין אין דעם חדר.

מיר לערנען גראָד דעמאָלט ישעיה; ער איז מיין באַליבטער נביא. די נביאות גופא זעען מיר אויס צו זיין אַזוי פיל שענער און דערהויבענער מיט דער דאָזיגער נגינה. דער לימוד פון תנ"ך ווערט מיר דעמאָלט דער סאַמע ליבסטער און געשמאַקסטער. אין עטלעכע מאָנאַטן גייען מיר דורך ישעיה, ירמיה און יחזקאל, און אויב איך געדענק נאָך ביי היינטיגן טאָג אין 1960, דאָס וואָס איך האָב דעמאָלט אין 1890 געלערנט איז דאָס דער רעזולטאַט פון דער שטימונג מיט וועלכער יאַנקל סטוטשינער האָט געלערנט.

אינגיכן מאַכט ער מיר פאַר דעם מוסטער־תלמיד אין זיין קלאַס. ווען עס קומט אַ נייער באַלעבאָס פאַרהערן תלמידים, שטעלט ער מיר אַרויס פאַרן מוסטער.

איין מאָל פאַרשאַפּט עס מיר אפילו גרויס האַרצווייטאָג ווען איך פאַל דורך מיט א שטיקעלע גמרא, וואָס מיר הויבן אָן צו לערנען אין יענעם זמן. פון זיין גמרא לערנען ווער איך קנאַפּ וואָס נתפּעל. עס קומט אים אָן שווער איבערצוגעבן אונז די שטאַרקע געפילן, וואָס מיר פלעגן קריגן אין זיין תנ״ך לערנען. די גמרא, געדענק איך, איז געווען די מסכתא „בבא מציעא״ און די משנה איז געווען „המפקיד״. די גאַנצע פּראָגע, האָט מיר נישט אָנגעהויבן צו פאַראינטערעסירן. בין איך טאַקע ביים פאַרהער דורכ־געפאַלן. דאָס האָט מיך פאַרדראָסן, באַזונדערס דערפאַר, וואָס ווען די מאַמע האָט זיך דערוואוסט דערפון, איז זי געווען פול מיט האַרצווייטאָג.

צי צוליב דעם, אָדער צוליב אַן אַנדער אורזאַך, ווערט זי איין מאָל אין מיטן פון דערנאַכט זייער קראַנק. איך פיל אין מיטן שלאָף ווי אַ זייער הייסע האַנט רירט מיך אָן. איך מאַך אויף די אויגן פון שרעק — ערשט עס איז די מאַמע.

„מיין קינד,״ זאָגט זי, „איך בין זייער קראַנק. איך קען זיך קוים רירן. דו און פייגעלע מוזט מיר היינט פאַרבייטן און זען צו צעטראָגן די געבעקסן צו די פאַרשיידענע באַלעבאַטים.״

פייגעלען איז געווען שווער אויפצוועקן. ווער ווייס וועגן וואָס עס האָט זיך איר דעמאָלט גע׳חלום׳ט. אָבער סוף כל סוף האָבן מיר איר אויס־געטשוכעט. די מאַמע לייגט אונז אין אָנהייב אויס דעם גאַנצן פּלאַן. פריער גיין אין דער בעקעריי אָפּקלייבן די פאַרשיידענע געבעקסן, זען אַרומקוקן יעדע זעמעלע, יעדע ראָגאַלקע אַז זי זאָל זיין ריין, אפגערונדיגט, אָן קיין שום סאַזשע אָדער אַש, אין דעם ריכטיגן פאַסאָן און מוסטער. זי רעכנט אויס וויפיל מען דאַרף האָבן יעדן מין און דערנאָך מוטשע איך זיך מיט מיין נאָך אַלץ שלעכטער האַנטשריפט צו פאַרצייכענען די נעמען פון די באַלעבאַטים, זייערע באַשטעלונגען, און די אַדרעסן וואו זיי וואוינען. דאָס האָט געדויערט אַ היבש ביסל. עס איז שוין געוואָרן גרויסער טאָג. אַ מערכה וואָס עס איז שוין אין מיטן זומער און עס איז שוין ליכטיג גענוג אַז מיר קינדער זאָלן נאָך קענען זוכן די אַדרעסן פון יעדן איינציגן, און פריער פון אַלץ, די בעקעריי.

מיר האָבן געמוזט אויסקוקן זייער מאָדנע ווען מיר זיינען אריינ־געקומען אין דער בעקעריי מיט די זעקעלעך, וואָס די מאַמע האָט אונז מיטגעגעבן פאַר די פאַרשיידענע אָרדערס. הער קעלער, דער באַלעבאָס, און זיין פרוי האָבן אונז באַקוקט און באַשמעקט פון אַלע זייטן. פייגעלע איז געווען די פוילישע רעדנערן וואָס דערציילט וועגן דער מאַמע׳ס קראַנקהייט. די באַלעבאַטים פון דער בעקעריי וויזן ארויס מיטגעפיל מיט דעם, וואָס

זיי גיבן אונז פריער פון אַלץ פרישע בולקעלעך אָפּצועסן פרישטיג. דערנאָך זיינען זיי גוט געגוג צו ווייזן אונז ווי אַזוי אָפּצוקלייבן די פאַרשידענע געבעקסן און ווי אַזוי צו פאַנאַנדערטיילן די אָרדערס. ווען מיר זיינען פאַרטיג געוואָרן מיט אַלע זעקלעך און פעקלעך, איז שוין געווען שפּעטלעך. איך לויף מיט אַלע כוחות כדי צו זיין אין צייט נאָך איידער די קינדער גייען אַוועק אין שולע, און איידער דער באַלעבאָס דאַרף פאָרן אין געשעפט אריין.

אין עטלעכע ערטער וואָרט מען אויף מיר שוין מיט אומגעדולד אויף דעם צווייטן טאָג, כאָטש איך בין געקומען פריער ווי נעכטן. אין איין אָרט, געדענק איך, האָט מיר דער באַלעבאָס אליין אריינגענומען אין קיך אריין און מיר געגעבן אַ גלאָז מילך אויסצוטרינקען.

פייגעלע דערציילט מיר, אַז אין איין פּלאַץ האָט מען איר גענומען, אַוועקגעזעצט אויפן טיש, און געמאַכט מיט איר אַ גאַנצן ווען. עלטערע קינדער פרעגן זי אויס צי זי לערנט שוין געאָגראַפיע, וואָס זי ווייס ווי צו טרעפן אַהער פון אַזוי ווייט ווי די „טויטע גאַס". אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג, ווערן מיר היפּשלעך געניט אין אויספילן אַלע אָרדערס. עס דויערט צען טעג ביז די מאַמע קען זיך אויפהויבן פון בעט און גיין מיט אונז צוזאַמען אין בעקעריי. זי נעמט איבער די סאַמע וויכטיגע אָרדערס, אָבער מיר בלייבן שוין אירע ארויסהעלפערס פאַר היפּשע יאָרן. די מאַמע ווערט דעמאָלט גרויסמוטיג און גיט יעדן פון אונז אַ געהאַלט פאַר אונזער אַרבעט. אין אָנהויב איז עס אַ זעקסער אַ טאָג, דערנאָך אַ העכערונג ביז אַ צענער אַ טאָג. אין געדענק ווי גוט איך פיל זיך ווען איך קלייב אָן דעם ערשטן רובל און די מאַמע לייגט עס פאַר מיר אריין אין באַנק. איך דערלויב זיך זייער זעלטן אַראָפּצונעמען אויף צוקערקעס אָדער אויף אַנדערע נאַשערייען.

די איינציגע זאַך, וואָס מיר אַרט זייער שטאַרק איז וואָס איך ציטער אַלץ, טאָמער טרעפט מיר איינער פון מיינע שול־חברים אין גאַס מיט די זעקעלעך, און אַלע מיינע גרויסע ליגנס וועגן אייגענע פאַבריקן ווערן אויפ־געדעקט און עס בלייבט פון זיי בלויז דער רויך פון זייערע קוימענס.

ווידער אַ נייע דירה

די איינציגע זאַך וואָס מיר באַדויערן ארויסצוציען זיך פון דער דירה מיט רייזלען איז נישט אַזוי וואָס מיר פאַרלירן די חבר׳שאַפט מיט מענדלען און ראָכקען, ווי די שפּילצייג, וואָס מיר האָבן דאָרט געהאַט מיט אַ פולער האַנט. צום גליק, אָבער, באַשליסט אויך רייזל אריבערצוציען זיך פון דעם זעלבן הויף וואו מיר ציען זיך אריבער — אויף ווסכאָדניע גאַס, נומער צוויי, ביים סאַמע בריקל איבערן סטואוו. דער הויף פון ווסכאָדניע גאַס, נומער

צווי, איז געווען באוואוסט אַרום און אַרום מיט איר גרויסער מקווה און באַד. מיר וואוינען דאָרט צוזאַמען מיט אַ וועבער פאַמיליע פון זלמן־קלאַיסקע (אָדער ביאַלאָסטאָצקי), שטיקלעך קרובים מיט דעם רב. ער איז אַ לוין־וועבער, וואָס אַרבעט מיט אַרבעטער אויף דריי וועבשטולן. צופעליג, דערזע איך מיט אַמאָל, אַז מיין אַלטער פריינט, שבח, פון זאַלמאַנאָוויטש׳ס גאַס נאָך, איז דאָרטן אַ געזעל. מיר האָבן זיךביידע שטאַרק דערפרייט. ער זעט אָבער איצט אויס אַ סך עלטער. איך האָב ליב זלמנען, דעם וועבער־מייסטער, פאַר זיין פריילעכקייט און גוט־מוטיגקייט. ער לאָזט מיר שטיין לעבן די וועב־שטולן און באַטראַכטן ווי אַזוי עס אַרבעט זיך אויס די סחורה. שבח לאָזט מיר אַפילו זיצן אויף זיין זיץ־באַנק און איך קען נאָכלויפן מיטן אויג דעם שיצן ווי ער לויפט דורך פון איין זייט צו דער צווייטער.

איך בין אויך צופרידן צו געפינען ביי זלמנען אין הויז אַ פיינע, פעטע קאַץ און אַ הינטל. מיט דער קאַץ שליס איך זייער שנעל פריינטשאַפט. איך האַלט זי אויף די הענט, שפיל זיך מיט איר, און זי לייגט נישט צו צו דעם ווען איך זעץ זי לעבן זיך ביים טיש, ווען איך עס. זי קריגט אַ טייל צו פאַרזוכן פון יעדער זאַך וואָס איך עס. די איינציגע מורא איז, אַז זי זאָל נישט ווערן צו פעט און די מאַמע וואָרנט מיר, אַז אַ צו פעטע קאַץ הערט אויף צו זיין אַ כאַפּערקע. דאָס שרעקט מיך אָפּ, ווייל ווי מען דערציילט, פלעגן דאָרטן די מייז אַרומשפּרינגען אויפן טיש און אויף די בעטן, און איין מאָל פּרוּווט זלמן אַרויסציען אַ נאָז־טיכל פון קעשענע, און ער ציט אַרויס אַ גאַנצע מויז.

אויפן הויף באַקען איך זיך מיט אַ גאַנצע רייע קינדער און דער־וואַקסענע. איינער פון זיי געפעלט מיר אַם בעסטן — שמוליקל, אַ אינגל אין מיינע יאָרן, און אַ קינד אין אַ פאַמיליע פון נאָך דריי זין פאַר וועלכע אַלע האָבן מורא, צוליב זייער גבורה און העלדישקייט. איינער פון זיי איז שוין אַפילו געזעסן אין טורמע פאַר גנבֿ׳נען מייערן (מערן) פון אַ דערבייאיגן גרין־גאָרטן. איך און שמוליקל פלעגן צוזאַמען גיין איבערן מאַרק, וואָס איז געווען אויף יענער זייט סטואַוו און איינהאַנדלען זיך אַלץ וואָס מיר האָבן געקענט אויף יענעם מאַרק. דאָס האָט ער מיר אויסגעלערנט אַ שלעפּ צו טאָן אַמאָל אָן עפּעלע אָדער אַ באַר און זיך מאַכן טאַמעוואַטע; און טאַמער האָט די אידענע געכאַפּט ביים האַנט, פלעגט ער זאָגן מיט אַן אומשולדיגער מינע, „אַט לייג איך עס צוריק אַוועק. איך האָב דאָס נישט אָפּגעביסן.״ עס איז מיר אַפילו נישט איינגעפאַלן אַז אַ „שלעפּ טאָן״ מיינט פאַקטיש גנבֿ׳נען. שמוליקל האָט מיר אויך געוויזן צום ערשטן מאָל ווי אַזוי מען פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, און ווי מען פאַרציט דעם רויך. דערפאַר האָב איך

אים אויסגעלערנט ווי אַזוי אָפּצוזינגען אַ קאַפּיטל פון ישעיה אָדער ירמיה אויפן זעלבן אופן ווי אַזוי יאַנקל סטוטשינער האָט מיר געלערנט.

קאַפּיטל פערצן

גנבים אין מיטן העלן טאָג

אויפן זעלבן הויף געפינען זיך עטלעכע גנבים, אמת'ע גנבים אויף וועלכע שמוליקל האָט מיר אָנגעוויזן. איינער פון זיי, „חיאל, דער לאַטכענער". „אַז ער וואַרפט זיין אויג אויף אַ זאַך, איז עס שוין אַ צוגע'גנב'עטע". אויפן הויף האָט ער געהאַט אַ באַזונדער קעמערל, וואו ער פלעגט באַהאַלטן איניגע פון זיינע לאַטכערייען. מער האָט איינעם נישט געפעלט ווען ער פלעגט זיך ארומדרייען אַרום דעם דאָזיגן קעמערל! חיאל פלעגט געבן אַזעלכע קלעפּ, וואָס מען האָט שוין געהאַט צו געדענקן אַ גאַנצן לעבן. וואָס איז דאָרטן נישט געשטאַנען פאַרן קעמערל! אין איינע עטלעכע שעה פלעגן זיך אָנקלייבן אַלערליי חפצים פון אייזערנע בעטלעך ביז מאַטראַצן, שענקעלעך, קיך־זאַכן; איין מאָל אפילו אַ ראָווער (וועליסאָפּעד), און וואָס נישט. אָבער אין איין האַלבער שעה ארום איז דאָס אַלץ פאַרשוואונדען. חיאל האָט שוין געהאַט זיינע אָפּנעמער. דער זעלבער חיאל רופט מיך איין מאָל צו און ווייזט מיר אַ צענער, אַז איך זאָל אים ברענגען פון יענעם פענצטער די זיידענע טוך וואָס הענגט. „גיב בלויז אַ שלעפּ און ברענג עס צו מיר," זאָגט ער מיר פון וואַנען איך האָב געהאַט דעם מוט צו זאָגן אים דעמאָלט „ניין", ווייס איך נישט, ווייל אַלע אינגלעך פון דעם הויף האָבן מורא געהאַט אים אָפּזאָגן אין אַזעלכע פאַלן. דערפאַר, אָבער, האָב איך זיך שוין איינגעשאָפט אַ שונא פאר דער גאַנצער צייט, וואָס מיר האָבן דאָרטן געוואוינט. ער פלעגט מיר שטענדיג געבן אַ שטורך, אַ זעץ, אָפּטרייבן מיר פון דאַנען און פון דאָרטן, אַזוי אַז איך זאָל וויסן ווי אַזוי צו שטעלן זיך קעגן אים און זיין „פרנסה".

מען דערציילט מיר דערנאָך, אַז דער דאָזיגער חיאל האָט נישט בלויז גע'גנב'ט ביי מענטשן, נאָר אויך מענטשן גופא. ער האָט איין מאָל אפילו פאַרשלעפּט אַ מיידל פון צוועלף יאָר אויף אַ בוידים, זי געשלאָגן און פאַר־גוואַלטיגט, און דערנאָך ערשט, געקריגן פינף־און־צוואַנציג רובל פאר אומקערן זי אהיים און מאַכן א שוויג וועגן דער גאַנצער געשיכטע.

נאָך אַ מאָדנער פאַרשוין געפינט זיך אויפן הויף. דאָס איז אַ יונגער בלעכער־אַרבעטער. ער פלעגט קענען מיט זיינע הענט קנעטן נישט בלויז בלעך, נאָר אפילו אייזן. מען דערציילט, אַז ער ברעכט אייזערנע, דיקע

שטאבעס, אין אַ צירק־פאָרשטעלונג, און אַז ער קען קייען דראָט אזוי ווי עס וואָלט געווען אַ צימעס. אָבער חיאל האָט אפילו פאַר אים אויך נישט קיין מורא. ער האָט אים איין מאָל אַ זעץ געטאָן מיטן פויסט און צעבראָכן אים די נאָז, דערפאַר וואָס ער האָט אים גערופן „גנב". „דאָס צווייטע מאָל וועסטו מיך רופן גנב מיט אַ שנויפל אונטער דער נאָז." פון דעמאָלט אָן האָט שוין דער בלעכער אפילו געהאַלטן זיך פון דער ווייטן פון חיאל׳ן.

צוויי אַנדערע שטאַרקע אינגלעך זיינען פאַראַן אויפן הויף, וואָס שטעלן זיך אַמאָל קעגן חיאלן. דאָס זיינען דעםווירט׳ס קינדער; דער עלטערער, יאַנטשע, האָט אים איין מאָל געוואָרפן אַ שווערן שטיין אין קאָפּ; און זיין ברודער, משה׳לע, האָט אויף אים געלאָזן זיין הונט, וואָס האָט אים צעביסן דעם גאַנצן פוס. אָבער חיאל האָט זיך געשוואָרן ביי זיין טויטער מאַמען, אַז ער וועט אים נאָך אונטערהאַקן אַ פוס, אויסדרייען אים אַ האַנט און אויפטרענען אים דעם בויך און צעשניידן אים אַלע קישקעס. איין מאָל האָט טאַקע משה׳לע ארייגעכאַפּט ביינאַכט, אין דער פינסטער, אַ זעץ מיט אַן אייזן אין זיין פוס, אַז ער האָט שיר נישט גע׳חלש׳ט. אין דער פינסטער האָט קיינער נישט געזען און נישט געהערט, אָבער שטילערהייט, האָט מען פאַרזיכערט, אַז דאָס איז געווען חיאל׳ס מלאכה...

אויף דעם זעלבן הויף געפינען זיך נאָך גנבים, נישט פון דעם זעלבן טיפּ וואָס חיאל־גנב, אָבער דאָס זיינען מענטשן, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט פון קינדוויז אָן אין הפקר באַדינגונגען און עס וואָלט געווען אבנאָרמאַל ווען פון זיי וואָלטן אַרויסגעקומען אומפאַרברעכערישע עלעמענטן. איינער פון זיי, למשל, איז חצקעלע, דער „גוט־מאָרגן־ביטער". זיין ספּעציאַליטעט באַשטייט אין באַזוכן הייזער פון פאַרמעגלעכע מענטשן אין די מאָרגן שעה׳ן, ווען עס ווערן געבראַכט געבריך־פּראָדוקטן אין די היימען. אַלץ וואָס ער דאַרף טאָן, איז אויפצומאַכן אַ טיר, און אויב ער זעט אַז אימיצער איז דאָרט דאָ, גיט ער אָפּ „אַ גוט מאָרגן". ער טראָגט מיט זיך געווינלעך אַ קאַן מיט מילך, אָדער מיט נאַפּט, אָדער וועלכן עס איז אַנדער פּראָדוקט. ווען מען ענטפערט זיין „גוט מאָרגן" מיט אַ „גוט יאָר!", זאָגט ער אומשולדיג, „וויפל קוואָרט מילך דאַרפט איר היינט? איז אפשר איין קוואָרט גענוג?" דאָס ווייטערדיגע ווענדט זיך אָן דעם וועלכער האָט זיך געפונען אין יענער צייט ביים טיר. אָן אָרדער פאַר איין קוואָרט אָדער צוויי קוואָרט מילך איז ביי חצקעלע׳ן קיין עסק נישט. אין האַרצן שיקט ער דעם באַלעבאָס אַ הייסע קללה. אָבער אַ פאַרבינדונג האָט ער שוין מיט דעם הויז. ער וועט שוין קומען אַ צווייטן מאָל און אַ דריטן מאָל, און זיין אויפגאַבע וועט זיין פאַרפולט ווען קיינער וועט נישט זיין ביים טיר און זיינע אויגן וועלן שנעל

אויסמעסטן און אויסזוכן דאָס בעסטע און דאָס טייערסטע וואָס מען קען געבן אַ כאַפּ, און אַ וואָרף אריין אין דעם קאַן מיט...

פון איינעם אַזאַ מאָרגן קען חצקעלע אריינוואָרפן אין זיין קאַן אריין נישט נאָר זילבערנע לעפל און גאָפּל, נאָר אויך אַלערליי טייערע געפעסן פון קופּער און פון מעש, אַלערליי גלאָזוואַרגן, אָפטמאָל אפילו פון שטאָל און אַנדערע מעטאַלן אָדער מינעראַלן. אויף חצקעלען זאָגט מען אַז ער איז אַ רייכער מאַן פון די דאָזיגע „גוט מאָרגנס".

אַ צווייטער כאַראַקטעריסטישער גנב איז ליפּע, „דער כישוף׳מאַכער". ער איז באַרימט מיט זיין פלינקער האַנט, וואָס מען זאָגט, אַז זי איז שנעלער ווי דאָס אויג קען כאַפּן. ער ספּעציאַליזירט זיך אויף פאַרמעגלעכע, באַלע־באַטישע פּרויען, וואָס זיינען קאָרטן שפּילערינס, און זיינען פאַראינטערעסירט אין שנעלע מאַכינאַציעס מיט דער האַנט. ליפּע קען אַזאַ איינער ווייזן אַ ליידיגע האַנט און אין איין רגע ווערט די האַנט פול מיט זילבערנע מטבעות. עס פאַרשטייט זיך אַז זיי קומען נישט פון דעם הימל אַראָפּ, נאָר פון זיין אַרבל. אָבער אויב איר דערזעט דאָס ווי אַזוי דאָס קומט פאָר, האָט איר אַ בעסערע גנב׳שע אויג ווי ער. אַזוי דערציילט מען אין הויף. און שטענדיג קומט ליפּע אהיים פון אַ טור איבער די הייזער, מיט היפּשע קעשענעס קליין־געלט. ער קען אויך באַווייזן קונצן ווי אַזוי צו מאַכן פון איין גילדן צוויי. איר מוזט אים געבן דעם גילדן אין האַנט אריין. עס ווערט טאַקע פון אים צוויי, ווייל ער לייגט צו זיין אייגענעם גילדן דערצו, אָבער איידער ער לייגט ביידע גילדנס אריין ביי זיך אין קעשענע, ווייסט איר נישט, אַז ער לייגט אַריין אהין צוויי שטיקלעך בלעך, ווייל די צוויי אמת׳ע גילדן זיינען שוין ביי ליפּען אין ערגעץ באַהאַלטן. איר האָט גרויס מזל אויב דאָס איז בלויז ביי אייך אַ כישוף מיט א גילדן. ליפּע האָט אָבער מערסטנס אין זינען גרעסערע געשעפטן. אויב ער טרעפט אויף דער ריכטיגער „פּערזאָן", מאַכט ער דעם כישוף אויף אַ גאָלדענעם אימפּעריאַל — אַ פינף רובלדיגן, אָדער אַ צען רובלדיגן. דערפאַר קריגט יענע צו זיך אין קעשענע צוויי אימפּעריאַלן נישט פון ווייסן בלעך, נאָר פון אַ געלן.

דאָס שעפּט נישט אויס אין גאַנצן די פאַרשיידענע טיפּן גנבים פון קוויאַט׳ס הויז אין 1890, אויף ווסכאַדיע, נומער צוויי, און פון די דערבייאיגע הייזער. אָבער דעם ריח פון דעם הויז האָבן מיר דאָ שוין.

פונדעסטוועגן זיינען אין דעם הויז פאַראַן אויך מענטשן, וואָס זיינען זייער ווייט פון דער אונטערוועלט. דער באַלעבאָס אליין, שמואל קוויאַט, זיין עלטערער פאָטער, אַ איד וואָס געדענקט נאָך דעם פּוילישן אויפשטאַנד פון 1867, און אַליין באַטייליגט זיך אין אים, עטלעכע קליינע פאַבריקאַנטלעך

פון באוולנע און צעפערנע סחורות. אַנדערע פון זיי מיט צען, צוועלף וועב־שטולן. עס וואוינען דאָרט אויך עטלעכע מלמדים, „טעקסטיל־שערער", קצבים און געוועלב־אייגנטימער. נו, אַזעלכע „אייגנטימער" ווי מיין מאַמע כאשע, און רייזל, זיינען זיכער אויך געווען ווייט פון דער חיאל־ליפע משפחה. עס איז אויך דאָ איין העברייאישער לערער, וואָס האַלט אין איין פאַרריכטן די העברייאישע ווערטער וואָס פאַלן אריין אין אידיש, אין די מיילער פון אמעראַצים (עם הארצים).

עס קומט דאָס יאָר 1891. די נייעס אין דער „הצפירה" און אין דעם „המליץ", וואָס דער העברייאישער לערער פלעגט קריגן פון פעטערבורג און וואַרשע, איז געווען פאַר אידן זייער טרויעריגע. אין פעטערבורג און אין מאָסקווע האָט די רעגירונג אָנגעהויבן דורכצופירן די המנ'שע איגנאַטיעוו־גזירות פון 1882, וואָס פאַרבאָטן אידן צו וואוינען אין די „הייליגע" רוסישע שטעט און אין די דערפער. טויזנטער אידן מוזן נעמען, און אויסוואַרצלען זיך פון די דאָזיגע שטעט, און לויפן אין אַזעלכע ערטער וואו זיי וועלן קענען אַנגיין מיט זייערע געשעפטן. אין זייערע אויגן קוקט עס אויס, אַז די נייע, זיך שנעל אנטוויקלענדיגע שטאָט, לאָדזש, האָט גאָט אליין צוגעגרייט פאַר זייער נייער היים. איבערגעאַכט האָבן זיך לאָדזשער אידן דערוואוסט אַז עס לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער שטאָט א מחנה „פאָניעס". (דעם דאָזיגן זידל־וואָרט האָבן דעמאָלט געקריגן נישט בלויז די רוסן, נאָר אויך אידן אָדער אַנדערע מענטשן וואָס האָבן פריער געוואוינט אין רוסלאַנד. פלוצלונג ווער איך געוואָר אַז איך, ישראל־בער, בין אויך א „פאָניע" און דעריבער בין איך פסול און טריף, און וואָס נישט. אַלע מיינע חברים אויף דעם הויף רוקן זיך אָפּ מיט פאראכטונג צו דעם „פאָניע" וואָס איך האָב מיט זיך פאַרגעשטעלט אין זייערע אויגן.

איך קען דעם גאַנצן ענין נישט באַגרייפן. אין חדר ווער איך אויס־געריסן פון דעם רוסישן לערער, דערפאַר וואָס איך רעד שלעכט ארויס עטלעכע רוסישע ווערטער, און דאָ, אויפן הויף רופט מען מיך „פאָניע" ווייל איך רעד נישט אַרויס די דאָזיגע אידישע ווערטער פונקט ווי עס רעדן זיי אַרויס די היגע פוילישע אידן. איך הער שוין אפילו אַז מען האָט שוין געביטן דעם נאָמען פון „זלמן־קלויסקע" אויף זלמן־פאָניע, און דער דאָזיגער זלמן וואוינט שוין איבער צוויי צענדליג יאָר אין לאָדזש און ער איז נאָך אַלץ אין זייערע אויגן אַ „פאָניע". אין עטלעכע טעג ארום געפין איך אויס אַז איך בין שוין אפילו נישט ראוי צו שפילן מיט אַלעמען אין קליפּה אָדער אין „האָשע־געיעגן", בלויז איין אינגל בלייבט, אפרים־דוד, און דאָס איז זלמן קלויסקע'ס אַ זון מיט וועלכן איך קען זיך שפילן. איז ער אָבער אַזוי פיל

אינגער פאַר מיר. נאָר איך האָב דאָך אָבער איין צד אין דער משפחה, וואָס ראַטעוועט מיין כבוד — מיין שוועסטערל, פייגעלע. זי רעדט שוין אַ גוטן פויליש, איז מער פויליש ווי די אַלע אינגלעך וואָס לויפן מיר נאָך און שרייען „פאָניע". אין גיכן הערן מיר אויך אַ לידל:

„פאָניע גנב,
טשו, טשו, טשו.
לייג זיך אין דרערד אריין
ליו, ליו, ליו."

אין אַזאַ לופט האָב איך שוין געמוזט נעמען זוכן אַנדערע חברים און אַנדערע מיטלען מיט וועלכע איך זאָל קענען דורכגיין אַ גאַס נישט הערנדיג די דאָזיגע „פאָניע־סימפאָניע".

ווי איך ווער געוואָר, איז די לאַגע צווישן די ליטווישע אידן נישט בעסער ווי צווישן די רוסישע אידן. פאַרקערט, אויף די רוסישע אידן האָט מען נאָך דאָ און דאָרטן אַ רחמנות — פאָרט ארויסגעטריבענע אידן. אָבער די דאָזיגע ליטוואַקעס, זיי איז אַ מצווה צו פייניגן. איין אינגל זאָגט מיר, אַז ער קען שווערן ביי אַ ציצה, אַז אין יעדן קאָפּ פון אַ ליטוואַק ליגט אַ צלם. און אַזוי נעמט מען מיך טאַקע רופן: „דו ליטוואַק צלם־קאָפּ." ווען איך הער דאָס, כאַפּ איך אָן דעם קונדס ביי די לאַצן און פרעג אים, „זאָג מיר, האָט דער לאָדזשער רב אויך אַ צלם אין קאָפּ?!" ער ווערט צעטומלט און ווייס נישט וואָס צו ענטפערן. האָב איך שוין איבער זיי אַ בייטש. איך האָב זיי אַלע געבייטשט איבער דער דאָזיגער פראַגע, ווי מיט אַן אייזערנער רוט.

די דאָזיגע קריגעריי צווישן אידן גופא הער איך, פירט צו דעם, אַז די ליטווישע און רוסישע אידן מאַכן שבת פאַר זיך, זיי מאַכן זיך אייגענע ליטווישע שולן, און פירן זיך לויט זייערע היימישע מנהגים. אויף דער ווידזעווער גאַס שטעלט זיך אויף אַ ליטווישע שול. אַזוי אויך, איין שול אויף דער סרעדניע גאַס. אויף איין געביט בלייבן די ליטוואַקעס אין יענער צייט שטאַרק, אַז מען קען זיי נישט באַקעמפן. און דאָס איז אויפן געביט פון מלמדים. דער ליטווישער מלמד ווערט נאָך אַלץ אין פוילן פאַררעכנט פאַר דעם בעסטן, קאָמפּעטענטסטן אין תנ"ך און תלמוד.

קאפיטל פופצן

די כאָלערע כאַפּט מיך

שוין אַ היפּשע עטלעכע חדשים אַז איך הער ביי דעם רב׳ס שבת׳דיגן טיש אַז אַ שרעקלעכע עפּידעמיע הערשט אַרום און אַז לאָדזש איז אויף איר וועג — די אַזיאַטישע כאָלערע. מען דערציילט, אַז צענדליגער, טויזנטער מענטשן פאַלן ווי פליגן. מענטשן שטאַרבן אין פאַרלויף פון אַ מעת לעת, ווי נאָר זיי ווערן אָנגעגריפן. גאַנצע דערפער און שטעטלעך ווערן אַזוי גוט ווי אָפּגעווישט פון דער דאָזיגער מגפה. דער רב האָט געהאַט פאַראָרדנט צו זאָגן תהילים אין אַלע שולן, און בתי מדרשים. עס האָט אויס־געזען, אַז דאָס העלפט, ווייל אין לאָדזש האָט מען שוין עטלעכע וואָכן נישט געהערט דאָס וואָרט כאָלערע אויף אימיצנס ליפּן. אָבער מיט איין מאָל ווערט אָפּגענומען ביי פיל מענטשן דער לשון, הערנדיג, אַז די „מאַדאַם כאָלעריע״ איז דאָ מיט אַלע פּישטשעווקעס. איך האָב זיך ערשט דערוואוסט וועגן דער מגפה, ווען עס איז מיר פּלוצלונג נישט גוט געוואָרן פון שרעקלעכע בויך־קראַמפּן. אינסטינקטיוו האָב איך זיך אַ וואַליע געטאָן אויפן בעט. אימיצער האָט עס מסתמא באַמערקט און געמאַכט אַ גוואַלד. ווען איך מאַך אויף מיינע אויגן, דערזע איך, אַז ארום מיר שטייט שוין אַ גאַנצע רעדל. די מאַמע רייסט זיך די האָר און זלמן־קלויסקע שרייט, אַז ער גייט לויפן צום רב.

„צו וואָס עפּעס צום רב? פאַרוואָס נישט צו אַ דאָקטאָר?״ פרעגט אים דער נייער דריטער שכן אונזערער.

„דער רב וועט מיר שוין זאָגן צו וועלכן דאָקטאָר צו לויפן״, ענטפערט זלמן, ווי ער וואָלט פּראָטעסטירט קעגן דער אומגעבעטענער עצה. דערווייל לייגט מען מיר צו הייסע קאָמפּרעסן צום בויך און צו די פיס וואָס זיינען מיר מיט אַמאָל געוואָרן געפראָרענע. איינציגע בארויאיגן מיין מאַמען, אַז מען האָט נאָך נישט געהערט, אַז קינדער זאָלן שטאַרבן פון כאָלערע. מיין מאַמע איז צו פיל פאַרשטייפּט אין איר ווייטאָג, אַז זי זאָל זיך צוהערן צו אַזעלכע טרייסטן. אַלע ווילע גייט זי צו צו מיר, גיט מיר אַ טאַפּ דעם שטערן, אַ קוק אין די אויגן, באַגלייט מיט טיפע זיפצן. עס דויערט אַ גוטע האַלבע שעה ביז עס לויפט אריין דער באוואוסטער דאָקטאָר דאַנכן. ער גיט מיר גלייך

עפּעס אַ שפּריץ איין און איך דערפּיל גלייך, אַז די ווייטאָגן אין בויך ווערן לייכטער. איך הער ווי דער דאָקטאָר זאָגט דער מאַמען, אַז זי זאָל זיך באַרואיגן, ווייל „דער אָנגריף איז נישט קיין צו שטאַרקער. דער סימן איז וואָס ער ברעכט נישט.״ איך אַליין דערפּיל זיך אויך דערמוטיגט פון דעם דאָקטאָר׳ס ווערטער, און פון דער לעפּעלע מעדיצין וואָס ער גיט מיר איין, ווער איך שנעל איינגעשלאָפן.

איך בין בלויז געווען אין בעט נאָך איין טאָג און אַוועק אויף מאָרגן אין חדר, כאָטש נאָך נישט מיט די זעמל־באַשטעלונגען. פאַרן גיין אין חדר גיט דער דאָקטאָר די דערלויבעניש. איך קלער זיך, אַז מיין גאַנצע כאָלערע איז געווען אַ טעות. דער פאַקט, וואָס מיינע זאַכן זיינען געלעגן נישט פאַרברענטע האָט מיר פאַרזיכערט, אַז איך האָב געהאַט בלויז אַ מילדע אַטאַקע און אפשר איז דאָס גאָר געווען אַ מאָגן־קראַמף, ווייל אין פופצן יאָר אַרום, ווען די ריכטיגע כאָלערע האָט מיר געכאַפּט אין יעקאַטערינאָסלאַוו, אין 1907, איז עס געווען גאָר אין גאַנצן אַן אנדערע „חתונה״. פון דעסטוועגן האָב איך אַ היבש ביסל ערגערניש אין חדר. די קינדער רוקן זיך אַוועק פון מיר מיט מורא, טאָמער וועלן זיי זיך „אָננעמען״ פון מיר. די איינציגע נאָכשלעפּעניש איז, וואָס מיין שוועסטער פייגל האָט פאַר מיר יעצט אַ נייעם זידל־וואָרט — „כאָלערניק״. אָבער איך באַצאָל זי: פאַר איין מאָל כאָלערניק רוף איך זי צוויי מאָל „שנאָב״ אָדער שנעבל.

אין שטאָט טוט זיך טאַקע חושך. וואו מען גייט, זעען זיך די „וואָגנס פון שנעלער הילף״. ערטערווייז קען זיך דוכטן, אַז עס איז ערב פּסח און מען ברענט דעם חמץ. דאָס ברענט מען גאָר יעצט דאָס בעטגעוואַנט פון די אָנגעגריפענע אָדער שוין געשטאָרבענע. און נישט בלויז בעטגעוואַנט. ערטערווייז פאַרברענט מען אפילו די בעטן גופא. אַלע דאָקטוירים זיינען מאָביליזירט און פאַנאַנדערגעשטעלט אין געוויסע פונקטן, וואָס זיינען אַם נאָענטסטן צו די פאַרפּעסטעטע גאַסן. לאָדזש איז קלאָר אין יענע יאָרן אַ זייער פרוכטבאַרער באָדן פאַר יעדע מין עפּידעמיע, איבערהויפּט כאָלערע. ענגע גאַסן, ענגע וואוינונגען, צו פינף, זעקס מענטשן, און מער, אין איין צימערל, אָן אַ סימן פון קאַנאַליזאַציע. אין שרעקלעכער אָרעמקייט, נויט און אָפּטמאָל הונגער, איז זי געווען אַ „יום טוב״ פאַר אַזאַ עפּידעמיע.

וואָס אַ טאָג ווערט פאַרגרעסערט די צאָל אָנגעגריפענע. מען דערציילט, אַז דער רב האָלט אַף זיצונגען כסדר מיט דער סאַניטאַרישער קאָמיסיע און מיט די פירער פון דער אידישער קהילה. מען פאַרזיכערט אַז אין די גויאישע גאַסן איז די עפּידעמיע פיל שוואַכער. פונדעסטוועגן געפינען זיך אין געוויסע חסידישע קרייזן לאָדזשער אידן וואָס „זיינען זיכער״, אַז די כאָלעריע איז

פאַרשלעפּט פון די „פּאַניעס״. פון די רוסישע אידן, וואָס האַלטן אין איין אריינוואַנדערן.

פיל אידן לייגן אַ סך האָפענונגען אויף דעם רב. ער זאָגט צו אָנצור־וועגדן אַן „אויסגעפּרואווטן מיטל״, חתונה צו מאַכן אויפן בית עולם אַן אָרעמען, אַלטן בחור מיט אַ עלנטער, אָרעמער יתומה. מען ציילט שוין די טעג צו דער דאָזיגער חתונה. קענטיג, אָבער, אַז עס זיינען דאָ שוועריגקייטן אין געפינען אַזאַ פּאָר. וואָס זאָל זיין ווילינג. אַזוי דאַכט זיך, איז די שטאָט פול מיט דאַלאָזע, היימלאָזע און הילפלאָזע מענטשן. מיט אַזוי פיל בעטלער, קאַליעקעס און פּאַרוואַרלאָזטע. אָבער ווען מען דאַרף „אויף אַ רפואה״, איז שווער צו געפינען. סוף כל סוף קומט פאַר די חתונה. דער עולם כאַפּט אָפּ דעם אָטעם. מען איז אַזוי זיכער, אַז דאָס מוז אָפּשטעלן די מגפה, אַז זי שטעלט זיך טאַקע אָפּ. וואָס אַ טאָג הערט מען אַלץ ווייניגער פון איר און דער „עולם״ איז זיכער, אַז דער רב האָט „אָפּגעשטעלט די מגפה״. איך האָב דעמאָלט קיין שום ספק נישט געהאַט אין דעם. איך האָב זיך נאָר געוואונדערט פאַרוואָס דער רב ברענגט שוין אויך נישט משיח׳ן...

דער ערשטער „ערשטער מאַי״ אין לאָדזש

קיין סך צייט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם פון דער שרעקלעכער כאָלערע איז לאָדזש נישט באַשערט געווען. אין אַ צוויי, דריי חדשים אַרום רוקט זיך אויף דער שטאָט אַ נייע כמארע, אַ נייער אומגליק פון גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער.

אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן הייבט מען אָן אַרום פּסח צייט צו רעדן וועגן מאָדנע אויפרופן אויף דייטש, און פּויליש, וואָס האָבן זיך באַוויזן אויסגעקלעפּט אין פאַרשידענע פאַבריק געגנטן. פיל מענטשן קוקן זיך אפילו נישט אום אויף זיי. מען שמועסט, אַז געוויסע פאַבריקן וועלן אָפּשטעלן זייער אַרבעט דעם ערשטן מאַי און ארויסשטעלן געוויסע פאָדערונגען פאַר פאַרקלענערן די אַרבעטס שעה׳ן. די וועב־מייסטערס לאַכן זיך אויס פון דעם: „מאַלע, וואָס לצים רעדן — אַכט שעה ארבעטן ווילן זיי! און וואָס וועלן זיי טאָן מיט די איבעריגע שעה׳ן?!״ מען מאַכט עס אין גאַנצן אָוועק מיט דער האַנט.

עס קומט דער ערשטער מאַי — אַ טאָג ווי אַלע טעג. איך גיי אין חדר. איך לערן שוין יעצט אין אַן אָפּטייל פון דעם רב נאאַב׳ס תלמוד תורה, אין „סטאַראָווַיעשׂ״, אַ געגנט אַרום דער גרויסער שול, וואו מיר האָבן געהאַט געוואוינט בעת מיין פּאָטער׳ס טויט. אין חדר איז גאָרנישט קענטיג, אַז עפּעס רודערט זיך אין ערגעץ. ערשט אויף מיין וועג צוריק אהיים צו מיטאָג עסן, דערזע איך אַ גרויסע סומאַטאָכע דורכגייענדיג דעם מאַרק לעבן דעם סטאַוו־

אויפן וועג צו ווסכאָדניע גאַס. מענטשן לויפן ווי אונטערגעשאָסענע. איך פאַרשטיי נישט וואָס דאָ קומט פאָר. איך דערשרעק זיך, אָבער איך גיי ווייטער. ערשט מיט אַמאָל דערזע איך שווינגענדיגע פלאַקנס איבער קעפּ, אייזערנע פּרענטן, לאָמען, און אפילו העק וואָס לאָזן זיך אַראָפּ אין דער מענטשן מאַסע. די גוואַלדן און געשרייען „גרייכן צו די הימלען". עס ווערן איבערגעקערט איין געשטעל סחורה נאָכן צווייטן. עס הערט זיך אַ בראַזג פון צעבראָכענע געפעסן און אַנדערע כלים. עס לויפן שוין מענטשן מיט צעשפּאָלטענע קעפּ, מיט אויפגעלאָפענע פּנים׳ער, מיט יאָמער־געשרייען.

איך ציטער אַז אָט אָט, כאַפּ איך אויך אין קאָפּ. ווי אַזוי איך שווערץ זיך דורך דורך דער סאַמאַטאָבע פון שלעגער און געשלאָגענע, ווייס איך נישט. איך קום ווי עס איז אַהיים אַ גאַנצער, אָבער אָן אַן אָטעם. איך קען נישט רעדן פון שרעק. איך ווייס אפילו נישט ווי אָנצורופן אַזאַ צושטאַנד. אָבער גלייך נאָך מיר, לויפן מענטשן אין הויף אריין מיט באַנומענע קולות. „גוואַלד! מען שלאָגט אידן! מען ראַבעוועט! — ס׳איז אַן אמת׳ע ראַבונעק!"

איך פרעג די מאַמע וואָס מיינט „ראַבונעק". נאָר די מאַמע האָט נאָך אויך קיינמאָל נישט געהערט אַזאַ וואָרט. מיר פילן אָבער, אַז עס איז עפּעס אַ שרעקלעכע זאַך. פון אַלע זייטן קומען אָן צו לויפן אויף טויט־דערשראָקענע אידן מיט אַלערליי שרעקלעכע באַריכטן. אויף דער ווסכאָדניע גאַס ראַבירט מען שוין אפילו פּשוטע אידישע הייזער. מען ברעכט און שטעכט! מען טרענט אויף קישנס און קאָלדרעס, פּערענעס און קליידער, און מען לאָזט דאָס פליען אין די גאַסן. מען שוינט קיינעם נישט — אַלט און יונג, מענער און פרויען. אייניגע באַריכטן, אַז מען שלאָגט נישט בלויז אידן, אַז מען שלאָגט אויך פּאָליאַקן, וואָס זיינען אוועק אַרבעטן אין דער פאַבריק.

ווער שלאָגט? וואָס שלאָגט? — איז נישט פאַרשטענדלעך. אייניגע זאָגן אַז עס זיינען בלויז דייטשן, וואָס האָבן זיך צעבונטעוועט. פאַרוואָס, פאַרוועון — ווייס מען נישט. אין ידיעה איז שוידערלעכער פון דער צווייטער. עס קלינגט אַזוי ווי עס וואָלט געווען אַ נייע מין כאָלערע, נאָר פון אוממענטש־לעכע הענט. יעדערער פרעגט, „וואו איז די פּאָליציי?" מען זעט נישט אַן קיין סטראַזשניק פאַר די אויגן; אַזוי ווי זיי וואָלטן איינגעזונקען אין דר׳ערד. וואו זיינען זיי אַלע אהינגעקומען?

עס קומען עטלעכע אידן צו לויפן צו זלמנ׳ען און זאָגן אים, „זלמן, לויף צום רב. דו ביסט דאָך דאָרט אַ גאַנצער מאַכער". מיר פאַלט איין, וואָס זיי רופן אים שוין נישט מער „זלמן־פּאַניע". אָבער זלמן לויפט נאָך נישט אַזוי שנעל. ער ווייס, אַז איצט ארויסצולויפן אין דרויסן איז אַ גרויסע געפאַר. בעט ער זיך, „איר זעט דאָך אַז דער ראַבונעק האַלט נאָך אין רעכטן

מיטן. ווי עס וועט ווערן שטילער אַביסל אויפן גאַס, וועל איך צולויפן. לאָמיר דערווייל זאָגן תהילים. דאַנילעוויטש, אַ שכן אויף דעם זעלבן שטאָק, מאַכט חוזק פון זלמנ׳ען. „תהילים קען דאָ גאָרנישט העלפן. די רויבער פאַרשטייען נישט קיין תהילים. מיר מוזן זיך אַלע צוזאַמענעמען און מיט אַלע כוחות און געווערן זיך פאַרטיידיגן קעגן די רויבער, אויב זיי וועלן מאַכן אַן אָנפאַל אויף אונזער הויף.״

קענטיג, אַז דאָס האָט אָנגעשלאָגן דעם ריכטיגן טאָן. מען האָט ווי אַ פלאַקער פאַרשפרייט דעם רוף: „נעמט צוזאַמען אַלע אייזנס, פלעקער און שטעקנס, שטיינער און ציגל.״ עס דויערט נישט לאַנג און גרויסע הויפנס פון די אַלע זאַכן ווערן אָנגעשטעלט אויפן הויף. שפּעטער דערוויס איך זיך, אַז אין דעם הויז־ווירט שמואל־קוויאַט׳ס וואוינונג פאַרזאַמלען זיך אַלע איינ־וואוינער און מען טיילט זיך איין מיטן ביסל געווער, און באַשטימט פאַר יעדן איינעם געוויסע פונקטן וואו צו שטיין און וואו צו האַלטן וואַך; מען באַשטימט אַ ראָלע אפילו פאַר די פרויען — אויפצוקאָכן גרויסע טעפּ מיט וואַסער און צו האַלטן זיי גרייט אַרויפצוגיסן אויף די אַטאַקירער; אפילו אַ ראָלע פאַר די קינדער — אינגלעך און מיידלעך — אַלס שטאַפעטן. איך אליין קריג אויך אַזאַ „אַמט״. איך ציטער, אָבער איך פאַרשטיי, אַז איך מוז האָבן מוט.

די ראָלע פון די שטאַפעטן דאַרף זיין איבערצוגעבן אין אַנדערע פונקטן וואָס עס טוט זיך און ווען מען דאַרף האָבן הילף אָדער געווער.

ווי נאָר עס פאַלט צו דער אָוונט ווערט אויסגעשטעלט דער גאַנצער פלאַן. וואַכמענער פאַרנעמען זייערע וואַך־פלעצער. געזונטע, וואוילע יונגען שטייען און איבן זיך מיט אייזערנע שטאַנגען. די קצבים־יונגען מיט זייערע העק און מעסערס, די ליכט־ציער מיט זייערע אייזערנע כלים. די הויפּט קראַפט, אָבער, שטעלן מיט זיך פאַר די פאַקער און די טרעגער. זיי האָבן דיקע, ריזיגע שטריק מיט וועלכע זיי קענען זיך, נישט נאָר שלאָגן, נאָר אויך ענטוואָפענען די רויבער. זיי וואַרפן אַ שטריק אַזוי קונציג, אַז דער רויבער ווערט פאַרצויגן ווי מיט אַ פעטליע. מיט דער גאַנצער פאַרטיידיגונג פירט אָן אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט, וואָס אַרבעט ביי דעם דאָזיגן דאַניליע־וויטש. איך וועל דאָס קיין מאָל נישט פאַרגעסן. אַלץ איז פאַראַנדערגעשטעלט אַזוי, אַז ביי דער ערשטער אַטאַקע, שאָס אָדער אָנגריף, זאָלן אַלע פונקטן גלייך אַלאַרמירט ווערן און דערלאַנגען...

עס איז שוין שפּעט אין אָוונט. ביי אונז אין הויף איז שטיל, אַז מען קען דערהערן יעדן שאָרך. אַ ביל פון אַ הונט אין ערגעץ, אַ הירזשען פון אַ פערד לאָזט גלייך אין גאַנג דעם גאַנצן צוגעגרייטן אַפּאַראַט. די ערשטע אויפן פייער זיינען די וועבער־יונגען מיט די „שיצן״. גלייך לעבן זיי זיינען

די קצבים־יונגען מיט זייערע העק און שאַרף־מעסערס. די צוויי קליינע אָפּטיילן אליין וואָלטן קענען צע׳מזיק׳ן אַ צוואַנציג רויבער. בפרט נאָך, ווען גלייך הינטער זיי קומען די ליכט־ציער און די פּאַקן־טרעגער. אַלע ווילע לויף איך אויף די שטאָקן צו זען וויפל טעפּ מיט הייסע וואַסער איז שוין אָנגעגרייט ביי די פרויען. איך האָב מורא, אָבער דער געפיל אַז איך בין אַ נויטיגער שרייפל אין דעם גאַנצן פּלאַן, גיט מיר מוט און כוחות אויסצו־שטיין לאַנגע שעה׳ן אין דער נאַכט אריין.

עס איז אַלץ שטיל ביז אַרום פיר פאַרטאָג, ווען עס דערהערט זיך אַ געשריי פון דער וואוינונג פון דעם דריטן שכן אונזערן, וואו עס האָט זיך אריינגעצויגן די פאַמיליע, בענדעטאָוויטש. די פרוי פון דער פאַמיליע, מושע, אַן אויסגעדאַרטע, הויכע, מוטער פון צוויי קינדער, הויך, אַז זי דאַרף נישט קיין לייטער צו דעם העכסטן פלאַץ אין וואוינונג, האָט אַ טבע צו חלש׳ן פון דער מינדסטער אויפרעגונג. דאָס געשריי איז איר׳ס. זי שווערט זיך, אַז זי האָט געזען אין דער הויך אויפן פענצטער אַ מגושמ׳דיגע האַנט, אויסגעשטרעקט פון אַ זייער הויכן, געפּאַקטן רויבער. אונזער קאָמאַנדע לאָזט גלייך אַרויס פיר געזונטע יונגען דורכן טויער צו פּרואווען כאַפּן דעם דאָזיגען רויבער. זיי האָבן געזוכט און געזוכט, אָבער קיינעם נישט געפונען. „איר האָט זיך מסתמא גע׳חלומ׳ט אַ בייזער חלום״, באַמערקט דערביי דער „קאָמאַנדיר״. מיר נעמען עס טאַקע אַזוי. עס גייט אָבער נישט דורך קיין פינף מינוט ווען מיר הערן ווידער אַ געשריי פון דער וואוינונג, וואו עס וואוינט דער העברייאישער לערער. ער דערציילט אַז רויבער האָבן געוואָלט אויסרייסן די פענצטער און האָבן איבערגעלאָזט זייער צוזאָג, אַז זיי וועלן נאָך קומען. דאָס האָט געוויזן, אַז מושע׳ן האָט זיך נישט גע׳חלומ׳ט, זי האָט טאַקע געזען דעם רויבער אויף דער וואָר. מען שיקט מיר אַרויף צו מושען זען ווי זי פילט זיך און זאָגן איר, אַז זי זאָל מער נישט קיין מורא האָבן וויל מיר האַלטן וואַך. איך קום אַזוי אַרויף אין אונדזער וואוינונג און לויף אריין צו מושען אין צימער, און זע ווי זי ליגט אַן אויסגעצויגענע אויף דער פּאָדלאָגע, אַ גע׳חלש׳טע. איך מאַך באַלד אַ געוואַלד, מען לויפט זיך צוזאַמען, מען גיסט איר אויפן פּנים וואַסער, און זי ווערט אויפגעטשוכעט. זי קוקט נאָך אָבער אַלץ אין פענצטער — צי עס זעט זיך נאָך די מגושמ׳־דיגע האַנט. „איר האָט שוין גאָרנישט וואָס מורא צו האָבן״, באַרואיגט מען זי. „דער גאַנצער הויף איז גוט באַוואַכט, אַז קיין רויבער זאָל זיך נישט קענען אריינכאַפּן.״

פון אַנדערע אינצידענטן אין יענעם אָוונט ווייס איך נישט. איך פאַל אַוועק אַ מידער פון דעם נישט שלאָפן און פון דעם אַרומלויפן הין און צוריק;

און שלאָף איין אַזוי ווי אַ טויטער. אויף מאָרגן, אַז איך כאַפּ זיך אויף, זע איך, אַז די זון איז שוין הויך אין הימל, און אַז זלמן־קלויסקע רימט מיך ווי גוט איך האָב דערפילט מיין שטאַפּעטן־פּאָזיציע. ער ווינטשט מיר, אַז איך זאָל שוין קיין מאָל נישט דאַרפן זיין קיין שטאַפעט אין אַזאַ לאַגע; אַז איך זאָל שוין נישט דאַרפן דינען אין קיין מיליטער, און נישט דאַרפן גיין אין מלחמה. וואָס דאָס איז אַזוינס, „מלחמה", ווייס איך נישט. איך ווייס נאָר, אַז ער מיינט נישט קיין איבערוואָרף מיט שטיינער צווישן אינגלעך. פרעג איך אים, „וואָס איז מלחמה?" בעט ער זיך אָפּ ביי מיר אויף עטלעכע מינוט, ווייל ער דאַרף עפּעס פאַרריכטן אין איינעם פון די וועב־שטולן. מילא, וואַרט איך. קיין סך געדולד האָב איך נישט, אָבער איך האָב קיין ברירה נישט. עס דויערט מער ווי אַ שעה ביז זלמן קומט צו מיר צו צו דערקלערן וואָס מיינט מלחמה. ער זעצט זיך אַוועק מיט מיר און הייבט מיר אָן צו דערציילן.

„איך אַליין בין נאָך אין מלחמה נישט געווען. איך האָב זיך אָבער פיל אָנגעהערט וועגן איר. מיינער אַ פעטער איז געווען אין דער רוסיש־טערקישער מלחמה, און איך חלום נאָך ביזן היינטיגן טאָג וועגן די בילדער וואָס ער האָט פאַר מיר אויסגעמאָלן. איך זע נאָך פאַר זיך יעצט ווי די סאָלדאַטן, אויף די קני אין בלאָטע, קריכן ווי זיי וואָלטן געווען נישט קיין מענטשן, נאָר חיות, אויף אַלע פיר, און רוקן זיך פאָרויס, פאָרויס. זייערע קני ברעכן שוין צוזאַמען. זייער אָטעם איז פאַרהאַקט פון אימפעט און פון מורא, און מיט אַמאָל — האַרמאַטן־פייער פון אַלע זייטן, נישטאָ וואו צו באַהאַלטן זיך פון זיי — קנאַל נאָך קנאַל, טראַך נאָך טראַך. פון יעדן הילך רייסט זיך אָפּ אַ שטיק האַרץ און עס פרירט דאָס בלוט. אָבער די קאָמאַנדע ווייטער צורוקן זיך, טיפער אין פייער, שלאָגט כסדר ווי אַ באַראַבאַן אין קאָפּ אריין: פאָראויס! פאָראויס! אַרום דיר ליגן שוין אויסגעצויגענע מיט בלוטיגנדיגע וואונדן, צעלעכערטע פון קוילן, צעשאָסענע און גוסס'דיגע. דו פילסט אַז נאָך אין עטלעכע מינוט אַרום וועסטו אויך אַזוי ליגן, און דאָ הילכן דיר אין די אויערן די באַפעלן, „ווייטער, פאָראויס, פאָראויס!". איך בעט זלמנ'ען ער זאָל שוין אויפהערן דערציילן מיר ווייטער. איך פאַרשטיי שוין, אַז מלחמה איז נישט קיין צוקערלעקלעך.

איך שטעל זיך גלייך אַוועק דאַווענען מנחה און צעוויין זיך מיט אַ גרויס געוויין. איך האָב אין זינען מיט דעם צו בעטן גאָט, אַז איך זאָל נישט דאַרפן זיין קיין סאָלדאַט, נישט אריינפאַלן אין קיין מלחמה, נישט דאַרפן קריכן מיט די קני אין בלאָטע און אין פייער. באַלד באַמערק איך ווי אַרום מיר שטייען שוין עטלעכע מענטשן און זעען ווי איך וויין. זיי שטייען צו מיר

צו איך זאָל זיי זאָגן פאַרוואָס. איך שעם זיך אָבער זיי צו זאָגן דעם אמת, זאָג איך זיי, אַז איך האָב זיך דערמאָנט אָן מיין פאָטער׳ס טויט, און זלמן־קלויסקע גייט דערנאָך אַרום און דערציילט אַלעמען אַז דריי יאָר נאָך מיין טאַטנ׳ס טויט, וויין איך נאָך אַלץ. מיר איז זייער קאַלאַמוטנע אויפן האַרצן צו זען, ווי ער פאַרשפּרייט מיין ליגן. וויפל מאָל איך מאַך שוין ביי זיך אָפּ מער נישט צו זאָגן קיין ליגן, געפין איך אַלע מאָל אויס אויפסניי ווי שווער עס איז פאַר מיר אָפּצוגעוואוינען זיך פון דער שלעכטער מידה.

אַז איך דאַוון מעריב, האָב איך שוין אויך אין זינען אויסער מיין געבעט נישט צו זיין אַ סאָלדאַט, אויך נישט צו זיין קיין ליגנער. אָבער נאָך אין דער זעלבער וואָך נאַר איך אָפּ פייגלען און די מאַמען און זאָג זיי, אַז איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזאָגט קיין ליגן...

אין עטלעכע טעג נאָכן פּאָגראָם הער איך שוין שבח׳ן זינגען אַ קלאָג ליד וועגן דעם גרויסן בראַך וואָס האָט געטראָפן די אידן אין לאָדזש. אויף וויפיל איך געדענק גייט דער ערשטער פערז אומגעפער אַזוי:

„הערט איר מענטשן די גרויסע קלאָג וואָס עס האָט מיט אונז אידן פּאַסירט?
ראש חודש אייר, דעם ניינטן טאָג, האָט מען אונזערע אידן צעראַבירט.
אויף דער ניישטאָט זיינען זיי אַרויפגעגאַנגען, דאָרט האָט זיך דער חורבן אָנגעפאַנגען.
צוזינג: אוי דו גאָט, דו קוקסט עס אַלעס צו, דו פאַרלאָזט אונז פון דיין שויס;
דיינע שעפעלעך האָבן נישט קיין רו, זייערע צרות זיינען גרויס.
שטרעק שוין אויס דיין רעכטע האַנט און פיר אונדז צוריק צו אונדזער לאַנד.
שטרעק שוין אויס דיין רעכטע האַנט און פיר אונדז צוריק צו אונדזער לאַנד.

קאַפּיטל זעכצן

די פאַמיליע פאַרגרעסערט זיך

ביז יעצט איז אונזער פאַמיליע געבליבן אַ קליינע, די מאַמע און מיר — צוויי קינדער. אַ קורצע צייט נאָכן ראַבונעק קריגן מיר אַ בריוו פון דוואָרעץ, אַ שטעטעלע, וואו מיין מוטער האָט דאָרטן צוויי אָנקלס און אַ היבש ביסל קוזינען. דער בריוו איז פון דעם אָנקל, בערל, וואָס איז אגב דער „איזבאָרשטשיק״ פון דעם שטעטל. ער שרייבט, אַז זיין אידים, משה־חיים, איז געבליבן אָן פרנסה, און וואָלט וועלן קומען קיין לאָדזש דערשלאָגן זיך צו עפּעס. ער וועט נישט קענען באַוויזן צו שטיין אין אַ האָטעל, וועט ער מוזן שטיין ביי אונז. מיר וועלן זיך שוין מוזן מיטלען. מיין מאַמע איז געוואָרן בלאַס ווי דער טויט — „וואו וועלן מיר זיך אַהינטאָן אין אַזאַ

ענגשאַפט ? זיי, דאָרט אין דוואַרעץ, מוזן מיינען אַז איך וואוין אין אַ פּאַלאַץ, פּונקט ווי ווען מיר האָבן געוואוינט אין קאַטלאָווע, האָב איך געמיינט, אַז דער טאַטע, אין לאָדזש, וואוינט אין אַ פּאַלאַץ. נעם, מיין זון, און שרייב אַ בריוול צום פעטער, אַז מיר שטיקן זיך דאָ און דריקן זיך אין ענגשאַפט אַזוי ווי מיר זיינען. מיר זיינען גרייט צו טיילן זיך מיט משה־חיים׳ן דאָס שטיקל לײדיגע פּלאַץ, וואָס מיר וועלן פאַר אים געפינען.״

אָבער איידער מיר געוואוינען זיך צו צו דעם געדאַנק אַז מיר קריגן באַלד אַ קוזין, וואָס וועט זיין מיט אונז צוזאַמען, קומט אָן אַ צווייטער בריוו, דאָס מאָל פון נאָווערעדאָק, פון דער מאַמעס אינגערער שוועסטער, פריידע־לאה.

די מאַמע האָט מיר זעלטן ווען דערציילט וועגן איר פאַמיליע. אַלץ וואָס איך האָב געוואוסט איז אַ ביסל וועגן טאַטנס פאַמיליע. איך פרעג זי, „וויפל קינדער זיינט איר,״ נעמט זי די פינגער און הייבט אָן צו רעכענען — „מיין עלטסטע שוועסטער, שפרה־הינדע, איצט איז זי אין ערגעץ מיט איר פאַמיליע אין דער שטאָט, יעקאַטערינעסלאוו. זי און איך זיינען פון איין מאַמען. מיין אינגערע שוועסטער, חנה, און פריידע־לאה, און אַ ברודער — (זי רופט אים נישט אָן ביים נאָמען) פון אַ צווייטער פרוי. מיין מוטער איז מיר געשטאָרבן ווען איך בין אַלט געווען אַ האַלב יאָר. איך האָב איר קיין מאָל נישט געקענט. מיין טאַטע האָט געמוזט גלייך ווידער חתונה האָבן און ער האָט מיר אוועקגעשיקט צו מיין זיידן, שמואל־באַקסטער, אין לוביץ.״

יעצט שרייבט פריידע־לאה, אַז זי איז נאָך אַלץ אַ מיידל, שוין אין די יאָרן, און זי וואָלט וועלן זיין אין אַ גרעסערער שטאָט וואו מען קומט זיך צוזאַמען מיט מענטשן און מען קען גיכער געפינען צו זיך אַ שותף אין לעבן. זי פאַרענדיגט דעם בריוו, „ליבע שוועסטער, מען שמועסט, אַז איר זיינט אין לאָדזש גאַנץ פאַרמעגלעך, און אַז איך וועל קענען וואוינען מיט אייך צוזאַמען ביז איך וועל קריגן מיין באַשערטן. פון מיר, דיין ליבע שוועסטער, פריידע־לאה״.

די מאַמע האָט געלאַכט און געוויינט, געוויינט און געלאַכט פון דעם דאָזיגן בריוו. „פון דיין ליבער שוועסטער״, שרייבט זי. זי האָט שוין מסתמא פאַרגעסן ווי מיר פלעגן זיך רייסן ביי די האָר. אַוודאי וואָלט איך איר וועלן זען און העלפן איר, אָבער, גאָט מיינער, ווי אַזוי ?... מיר וועלן זיך שוין מוזן אַן עצה געבן. דו ווייסט וואָס, ישראל־בערעלע ? איך וועל דיר מאַכן אַ געלעגער ביים שאַנק, אויסבעטן דיר גוט מיט אַ פּערענע, און דו וועסט שלאָפן איינער אַליין. און פריידע־לאה וועט שלאָפן מיט אונז. שרייב איר אָן אַ קורצן בריוול, אַז איך וואַרט שוין מיט אומגעדולד אויף איר קומען,

און ווי שווער עס זאָל נישט זיין, וועלן מיר מיט גאָט׳ס הילף איר זען צו העלפן מיט אַלץ וואָס מיר וועלן נאָר קענען. זי דאַרף גאָרנישט מיטנעמען מיט זיך אויסער אונטערוועש און די אויבערשטע קליידער.״

די מאַמע האָט אונטערגעשריבן דעם בריוו מיט אַ ציטערדיקער האַנט. זי האָט זיך אָבער דערפילט דערלייכטערט. מיר האָבן פריער געמיינט, אַז אַט, אָט קומט זי צו פאָרן. זיינען אָבער אַוועק טעג און וואָכן און זי איז אַלץ נישט געקומען. די מאַמע, אַ דערשראָקענע, האָט מיר געבעטן שרייבן נאָך אַ בריוו, אַז מיר ווייסן נישט וואָס איבערצוקלערן פאַרוואָס זי איז נישט געקומען, און דער ענטפער וואָס איז געקומען פון איר איז געווען, אַז זי קען נישט אַוועקפאָרן אָט אַזוי — איינס־צוויי. זי מוז זיך פריער געזעגענען מיט די קברים פון דעם טאַטן און דער מאַמען. ער ליגט אין ערגעץ אַרום שטעטעלע דוואָרעץ און זי ווייט אַוועק, נישט ווייט פון מינסק. זי מוז זיי פריער באַזוכן און זיך גוט אויסוויינען אויף זיי, אויף איר שווערן גורל.

געקומען איז זי ערשט אין אַ קנאַפן יאָר אַרום. איך בין שוין דעמאָלט אין מיין צענטן יאָר, אַ הויך אינגל, אָבער דאַר ווי אַ שטעקן. ווען זי קומט צו פאָרן און איך פיר איר ווייזן די גאַסן פון לאָדזש, דוכט מיר, אַז איך בין אַזוי הויך ווי זי, און איך פיל זיך, אַז איך בין שוין אַ „גרויסער״. נאָך מער ווער איך באַשטעטיקט אין דער איבערצייגונג, ווען מיין מוטער קריגט פאַר מיר די פּריווילעגיע צו באַנוצן זיך מיט די ספרים פון שניאַדעווער רב. גלייכצייטיק וועל איך זיין זייער גאַסט יעדן פרייטאָג אויף מיטאָג. דאָס האָט מיר אויך געמאַכט פילן, אַז איך ווער שוין מער מענטש.

די שניאדעוווער רעבעצן, דעם לאָדזשער רב׳ס איינציגע טאָכטער, איז צו מיר זייער גוט. זי פרעגט מיך אויס וואו איך האַלט אין מיין לערנען און זי פרעגט מיך אָסך מאָל אַזעלכע פראַגעס, וואָס איך וואונדער זיך ווי אַזוי קען אַ פרוי גמרא ווען זי איז קיין מאָל אין אַ ישיבה נישט געגאַנגען, כאָטש זי איז דעם לאָדזשער רב׳ס אַ טאָכטער. זי זעט מיר צו זייער גוט ביים עסן. און ווען עס איז מיר נאָר שווער צו געפינען אַ געוויסן ספר, באַמיט זי זיך צו העלפן און געפינט עס פאַר מיר. זייער סימפּאַטיש צו מיר איז אויך איר איינציגער זון, מנחם. ער איז נישט קיין געזונטער מענטש, אַ בחור פון אַרום זיבעצן יאָר, שוואַך און דאַר, און דערצו נאָך מיט אַן אויסגעקרימטער פּלייצע. זיינע אויגן, אָבער, זיינען אַזעלכע מילדע און וואַרימע, פול מיט גוטסקייט צו יעדן מענטשן. ער באַהאַנדלט מיך ווי איך וואָלט געווען זיין ברודער. ער איז אַן אין איינציגער ביי די עלטערן, וואָס האָבן פאַרזייט דעם בית עולם מיט פריערדיגע פיר קינדער. מען האָט געציטערט איבער אים אויף אַזוי פיל, אַז ווען דער דאָקטאָר האָט פאַרשריבן פאַר אים צו עסן ניט גע׳כשר׳טע

פלייש, כדי צו געניסן די פול־בלוטיגע קראַפט פון דעם פלייש, האָט מען עס דורכגעפירט. פאַר דעם צוועק איז פאַר אים געווען באַזונדערע געפעס, אָפּגעטיילט אין אַ באַזונדער ווינקל. ער איז אַזוי אַנדערש פון דעם רב׳ס פלימעניק, חיים, אַ געזונטער, ריזיגער בחור, וואָס קען ברעכן אייזן. חיים איז אָבער בטבע נישט קיין דימענט. ער באַטראַכט מיך ווי זיינער אַ קאָנקורענט, וואָס ציט אָפּ די רעבעצנ׳ס אויפמערקזאַמקייט ביים טיש. ער האָט מיר עטלעכע מאָל געגעבן עצות, אַז ספרים קען איך אויך קריגן אין בית מדרש. מנחם וואַרפט אויף אים נישט איין מאָל אַ פינסטערן בליק, ווען ער הייבט אָן צו דערגיין די יאָרן. פאַר מיר איז דער פּריוואַטגדיגער מאָלצייט אַ גרויסער פאַרגעניגן. איך בעט עטלעכע מאָל דער מאַמען צו קאָכן אַזאַ קרופּניק און זי ענטפערט מיר, אַז מען מוז צו אַזאַ מאַכל האָבן געגדזן פלייש און אינדיק. ווען איך באַקלאָג זיך נאָך עטלעכע מאָל אויף דער מאַמעס מאָגערע מאָלצייטן, זאָגט זי מיר צו, אַז זי וועט זען פאַר מיר שאַפן פיל בעסערע און געזונטערע מאָלצייטן ווי זי קען עס באַווייזן. דער רעזולטאַט איז, אַז איך הייב אָן צו עסן „טעג״ אין די רייכסטע הייזער פון אונזער פאַמיליע. די מאָלצייטן זיינען מערסטן טייל גוטע און געזונטע. איך הייב אָן צו פילן זיך שטאַרקער און מוטיגער.

אַז איך הייב זיך אָן צו באַקלאָגן אויף מיין געלעגער, וואָס די מאַמע בעט פאַר מיר אויס ביים שאַנק, זאָגט זי מיר צו צו קריגן אַ פּלאַץ פאַר מיר צו שלאָפן אויף אַ בעסערן געלעגער. דער סוף איז אַז איך שלאָף איבער עטלעכע וואָכן ביי מיין רבי׳ן אין צימער און עס איז מיר נישט וואויל דאָרטן. איך האָב שוין נישט קיין שום שפּילצייט, ווייל דאָרט אויפן הויף זיינען נישטאָ קיין קינדער אין מיין עלטער. בעט איך זיך איבער מיט מיין היים און גיי צוריק צום אַלטן געלעגער וואָס די מאַמע מאַכט מיר.

אין דער זעלבער צייט הייב איך אָן צו לערנען, אין דער נייער רב׳ס ישיבה, גמרא מיט תוספות. דעם דאָזיגן שיעור גיט לייזער־איטשע, דער אינגסטער אייניקל פון לאָדזשער רב. ער איז אַ גרויסער למדן און האָט גרויס דערפאָלג מיט זיינע תלמידים. איך בין אין דער כיתה דער סאַמע אינגסטער. דאָרט זיינען פאַראַן בחורים פון פופצן, זעכצן־יאָריגן עלטער. אייניגע קוקן אויף מיר קרומלעך. זיי האַלטן, אַז איך דאַרף נאָך גיין אין חדר. אָבער לייזער־איטשע האַלט אַז איך בין אין ריכטיגן פּלאַץ און אַז איך וועל אין גיכן קענען אָנקומען אין אַ העכערער ישיבה.

דערווייל קומט אויך צו פאָרן דער מאַמעס שוועסטער־קינד, משה־חיים פון דוואָרעץ. ער אַליין איז אויך אַ שטיקל למדן און העלפט מיר פיל מאָל אין פאַרשטיין שווערערע ענינים. ער ווייזט מיר אויך די טיפקייט פון

אַזאַ גאון ווי דער מהרש״א. ער איז אויך אַ גוטער קענער פון העברייאיש. ער האָט מיט זיך עטלעכע העברייאישע ביכער און גיט זיי מיר צו לייענען. פאַר מיר עפנט זיך אַ נייע וועלט. די שפּראַך פון מאַפּו איז אַ דערהויבענע, כמעט די זעלבע ווי ביי די סאַציאַלע נביאים. איך לייען זיין „אהבת ציון״ מיט גרויס חשק. איך לייען עס איבער פיל מאָל און קען עס כמעט ווי אויסנ־ ווייניג. איך היב אויך אָן צו לייענען מעשה־ביכלעך אין אידיש. דאָס לייענט מיין מומע, פריידע־לאה. זי וואוינט נאָך דערוויילע אַלץ מיט אונז און מוטשעט זיך זאלבע־דריט אין איין בעט. איך קען נישט פאַרגעסן די ערשטע נאַכט פון איר זיין מיט אונז, די גרויסע אַנטוישונג אירע, ווען זי האָט געזען ווי די מאַמע הייבט זיך אויף דריי פאַרטאָג, טוט זיך אָן אין לאַסט־קליידער אַוועקצוגיין.

„וואו גייסטו עס איז דער מיטן פון דער נאַכט ?״ פרעגט זי אַ געפּלעפּטע.

די מאַמע ענטפערט זי מיט אַ שעלמישן שמייכל, „איך גיי צו מיינע פאַבריקן און געשעפטן״, און גייט שנעל אַוועק. איך דערקלער זי דעמאָלט וואו די מאַמע גייט און ווי אַזוי זי האָט איר פרנסה. איך וויז איר, אַז איך גיי זיך באַלד אליין אָנטאָן און אזוי אויך פייגעלע, און מיר קומען זי העלפן פאַרנאנדער־טראָגן דאָס געבעקס. זי איז פארוואונדערט, וואָס אַזאַ קינד ווי פייגעלע, וואָס גייט ערשט אין איר ניינטן יאָר, זאָל שוין דאַרפן אויפשטיין אַזוי פרי און שלעפּן זיך מיט פעקלעך געבעקס איבער הויכע שטאָקן. זי האָט אין דעם מאָמענט פאַרשטאַנען ווי מיאוס מען האָט זי אָפּגענאַרט מיט די באָבע־מעשיות וועגן פאַבריקן און געשעפטן. זי האָט זיך פּשוט געשעמט פאר אונז וואָס זי איז נאָך צוגעקומען צו מאַכן נאָך שווערער דעם יאָך, וואָס איר שוועסטער טראָגט. אין גיכן געפינט זי אַ באַזונדערע וואוינונג פאַר זיך און אַ לייכטע באַשעפטיגונג, וואָס זאָל איר אויסהאַלטן. זי פלעגט צוקומען אַ צוויי־דריי מאָל אַ חודש געוואָר ווערן וואָס מיר מאַכן.

דערפאַר קומט ציגע יעצט אָפטער צו גאַסט. זי האָט שטענדיג צו דערציילן דער מאַמען פיל דערקוטשענדיגע דערפאַרונגען אין איר איצטיג לעבן. זי איז שוין אַן עלטערע מיידל און וואָלט שוין אַליין וועלן אָנהויבן צו בויען אַ פאַמיליע און פירן אַן אייגן הויז, אָן כסדר׳דיגע נסיונות. זי דערציילט יעצט די מאַמען אַז זי באַשטעלט זיך ביי אַ פּרויען שניידער אַ נייע טאַליע. זי רעדט וועגן דעם מיט אַזוי פיל ליכט אין אירע אויגן, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען דער איינציגער מיטל ווי צו קריגן אַ חתן. זי ווייסט דאָס האָבן פאַרטיג אין צוויי וואָכן אַרום און זי קען זיך שוין נישט דערוואַרטן. „איך האָב איינע אַנגעמאַסטן און אַלע האָבן געזאָגט, אַז איך זע אויס ווי אַ פּרינצעסן.״ אין דער אמת׳ן איז זי געווען שיין אויפן פּנים און נישט קיין

מיאוס׳ע אין איר קערפּער־געבוי. זי פאַרינטערעסירט אונז אזוי מיט איר נייער טאַליע, אַז מיר אַליין וואָלטן שוין וועלן זען זי אין דער נייער פאָרם.

סוף כל סוף דערוואַרטן מיר זיך. אין איין שיינעם שבת גיט זי אַ שפּרונג אריין צו אונז ווי זי וואָלט געוואָרן אַ פּופּצן יעריגע מיידעלע. זי איז שענער ווי שיין. אירע אויגן בליצן מיט נייער גליאיגקייט. איצט וועט זי זיכער קריגן אַ חתן. זי איז שוין אַזוי גוט ווי אַ „כלה”, אַזוי זאָגט זי אונז. דער יונגער מאַן, וואָס וויל זי איז א בוכהאַלטער אין אַ גרויס געשעפט מיט אַ געהאַלט פון איבער הונדערט רובל אַ וואָך. מיר פרייען זיך אַלע מיט איר פרייד. עס איז שוין צייט, אַז די אָרעמע יתומה זאָל האָבן אַ ביסל פרייד אין איר לעבן.

איר שמחה דויערט אָבער נישט לאַנג. נאָך עטלעכע וואָכן, אין פרייד מיט איר נייער טאַליע, וואָס גיט איר צו אַזוי פיל „שיק” און חן, הענגט זי זי ארויס אויף אַ שעה אויסלופטערן זיך אין הויף. אָבער ווען זי קערט זיך אום צו נעמען זי, האָט זי נישט וואָס צו נעמען. די טאַליע איז נישטאָ. פאַרשוואונדען, צי גע׳גנב׳ט — ווער ווייסט? צינע איז אָבער נישט פון די וואָס גיבן זיך אַזוי שנעל אונטער. זי זאָגט נישט, אַז עס איז פאַרפאַלן. זי זאָגט, „איך מוז געפינען כחות ווי אזוי זי צוריק צו האָבן אויף מיין קערפּער.” מיר אין דער היים האָבן געצווייפלט צי זי וועט נאָך קענען האָבן די זעלבע טאַליע אויף איר קערפּער. מיר האָבן אָנגעהויבן צו ספּעקולירן ווי אַזוי צו שאַפן אַנדערע דרייסיג רובל צו באַשטעלן פאַר איר אַן אַנדער טאַליע.

פאַקטיש איז עס צו דעם נישט געקומען, ווייל אין איין שיינעם טאָג יאַוועט זיך צינע אין דער זעלבער טאַליע צו אונזער אלעמענ׳ס דערשטוינונג. מיר באַפאַלן זי מיט צענדליגער פראַגען: ווער? וואָס? ווי אזוי? ווען? און זי דערציילט אונז די גאַנצע געשיכטע:

„איך בין נישט קיין געלערנטע”, גיט זי צו עפּעס, וואָס מיר ווייסן זייער גוט. „איך האָב פאַרשטאַנען, אַז קיין גרויסער גנב איז עס נישט געווען. גרויסע גנבים האָבן זייער אויג אויף מער ווי איין טאַליע... בין איך געגאַנגען אין ערטער, וואו עס גייען שפּאַצירן אומפאַרמעגלעכע מענטשן. איך האָב געקלערט, אַז די פראָמענאַדן זיינען א זיכערער אָרט וואו א מיידל וועט ארויסגיין שפּאַצירן אין אַזאַ טאַליע. גיי איך זיך אַזוי יעדן מאָל ווען איך האָב א פרייע שעה, און מיינע אויגן נישטערן דורך אלע דורכגייענדיגע יונגע פרויען. גיי איך זיך אַזוי וואָך איין, וואָך אויס, ביז׳ן לעצטן זונטאָג, ווען מיין האַרץ גיט מיר אַ פּאָל ארויס — איך דערזע די טאַליע אויף אַ מיידל עפּעס עלטער ווי מיינע יאָרן — אַ פּויליש מיידל. אָן צערעמאָניעס גיי איך צו צו איר, נעם אָן די טאַליע ביי איינע פון אירע ווייכע אקסלען־

זאָטלען און זאָג איר: דאָס איז מיין טאַליע. איך קען ברענגען דעם שניידער, וואָס האָט עס פאַר מיר געניית. איך קען ברענגען דעם באַלעבאָס פון דעם טוך־געשעפט, וואָס האָט עס מיר פאַרקויפט. ווען דאָס מיידל הייבט זיך אָן אַוועקצושטופּן און מאַכן אַ גוואַלד אַז איך טשעפּע זיך צו איר, מאַך איך נאָך אַ גרעסערן גוואַלד, אַז זי האָט עס ביי מיר גע'גנב'ט. מענטשן לויפן זיך צוזאַמען פון אַלע זייטן, אָבער איך לאָז איר שוין נישט אָפּ. איך האַלט זי פעסט אין מיינע הענט. נאָכדעם, ווי אַ סטראַזשניק קומט צו לויפן מיר אויסצופרעגן וואָס קומט דאָ פאָר, ווערט זי שוין בעסער, און שווערט אַז זי האָט עס נישט גע'גנב'ט, נאָר איר חתן האָט עס איר געבראַכט אַלס אַ מתנה. זי גיט מיר אָפּ די טאַליע און גיט דעם סטראַזשניק דעם אַדרעס פון איר חתן. ווי אַזוי זי איז אַוועק אהיים אין אַ האַלב אנטבלויזטן צושטאַנד, ווייס איך נישט, אָבער איך ווייס איין זאַך — איך האָב די טאַליע צוריק.

מיר באַוואונדערן אַלע צינע'ס מוט און זיכערקייט אין זיך, און פרייען זיך צוזאַמען מיט איר.

דערווייל האָט משה־חיים מיר צוגעזאָגט צו קריגן נייע ביכער אין העברייאיש און אין אידיש. ער זאָגט מיר, אַז אין אידישע ביכער דאַרף מען זיין מער אָפּקלייבעריש ווי אין העברייאישע. אָבער דאָ פאַרדריי איך זיך מיט אַ ספר, „קב הישר".

קאַפּיטל זיבעצן
אין דער וועלט פון שרעק

וואָס ווייטער און טיפער איך לייען דעם קב הישר, דרינג איך אַלץ מער אריין אין אַ וועלט פון פּחד און שוידערלעכקייט. איך בין זיכער, אַז איך וועל שוין קיין מאָל נישט ארויסגיין פון דעם גיהנום. אַזויפיל זינד, וואָס ווערן דערמאָנט אין דעם ספר, האָב איך אויף מיין געוויסן. איך פיל ווי איך בין ארומגערינגלט פון שדים און מזיקים. איך ציטער שוין צו גיין אַליין ביינאַכט אפילו דאָרטן, וואו עס לייכטן לאַמטערנס. איך קוק מיט פאַרדאַכט אויף די פענסטער אין שול ווען איך גיי זיי פאַרביי אין די שפּעטערע אוונט שעה'ן, ווייל איך „ווייס שוין", אַז דאָרט געפינען זיך מתים. איך „ווייס" שוין, אַז דאָרט קומען זיי זיך צוזאַמען. איך פיל שוין אָפטמאָל ווי אַ מת כאַפּט זיך אָן אין מיינע ציציות. דאָס ווילן זיי זיך ראַטעווען ווען זיי ווערן געפייניגט אין גיהנום. איך לעב זיך אזוי אריין אין דער דאָזיגער וועלט, אז איך קען שווערן, אַז איך זע די שדים וואָס גייען מיר נאָך טריט נאָך טריט. איך קלער ביי זיך, אפשר זאָל איך וועגן דעם רעדן מיטן שניאַדעווער רב, אָדער אמווייניגסטנס מיט זיין זון מנחמ'ען. דער קורצזיכטיגער

שניאַדעווער רב, צעעפּנט זיינע אויגן ברייט און גרויס ווען ער הערט, אַז איך רעד וועגן די שדים פון קבֿ־הישר, אַקוראַט ווי זיי וואָלטן טאַקע אַרומגעגאַנגען אין די גאַסן.

„קינד מיינס", זאָגט ער מיר, „מען מוז נישט גלויבן אַלץ וואָס דער קבֿ־הישר דערציילט. אַן ערלעכער איד האָט ער טאַקע געמוזט זיין. ער האָט טאַקע די שדים מסתמא געזען מיט די אויגן פון זיין פאָרשטעלונג, אָבער דאָס מיינט נישט, אַז וואו מיר גייען זיינען פאַראַן שדים. עס איז אַ סברה, אַז זיי זיינען אין ערגעץ ניטאָ. דאָס האָט מיר געקלונגען שיר ניט ווי אַן אפיקורסות. וואָס הייסט עס זיינען ניטאָ קיין שדים! אפילו אין חומש זיינען זיי דערמאָנט. איך הייב אָן צו רעכענען, אַז דער שניאַדעווער רב איז שוין אפשר אליין פאַרכאַפּט געוואָרן פון מזיקים. נישט אומזיסט האָב איך איין מאָל געפונען אין זיין באָד־צימער די רוסישע צייטונג, „בירזשעוויע וויעדאָמאָסטי". איך האָב אים נאָך קיין מאָל נישט געזען לייענען די „הצפירה" אָדער דעם „המליץ". מנחמ'ען, האָב איך יאָ געזען איין מאָל לייענען די פּעטערבורגער צייטונג, „המליץ". בין איך געבליבן אויף אַזאַ אופן מיט די שדים און מיט די אַלע שרעקלעכע זאַכן, וואָס זיי טוען אָפּ.

וואָס אַמאָל, ווער איך מער געשטאַרקט אין דעם גלויבן מיט דעם לייענען פון אַנדערע מוסר ספרים, ווי למשל, דעם „ספר חסידים", אין תלמוד, וואָס איז ביי מיר און מיינע רביים נישט ווייניגער הייליג ווי תורת משה זע איך דאָך אויך מעשיות וועגן שדים און אַנדערע דעמאָנען. די גמרא ווערט דאָך זיכער נישט זאָגן קיין ליגן; און די תנאים וואָס דערציילן די מעשיות, זיינען דאָך אודאי און אודאי נישט קיין ליגנער. איך וויל פרעגן נאָכאַמאָל דעם שניאַדעווער רב וואָס איז וועגן די שדים וואָס ווערן דערמאָנט אין דער גמרא — צי זיי זיינען אויך געזען מיט די אויגן פון דער פאָרשטעלונג? איך האָב אָבער מורא, אים צו פיל צו דערקוטשען. איך ווער איין מאָל אויף אַזוי פיל אָנגעשראָקן, אַז איך קום צולויפן אַהיים צו דער מאַמען און איך רייס אַראָפּ די מזוזה כדי אויסצוגעפינען, צי איז זי נישט אַמאָל אַ פּסול'ע. די מאַמע פרעגט מיר וואָס איך טו. אַז איך זאָג איר, אַז דאָס איז צו מאַכן זיכער אַז די שדים זאָלן צו אונז קיין מאָל נישט אריינקומען, זאָגט זי מיר אַז ביים רב ציטערט מען אויך נישט אַזוי פיל ווי איך ציטער איבער דער מזוזה. פאָלג איך איר נישט דאָס מאָל און גיי אַריבער צו אַ סופר, וואָס האָט געוואוינט נישט ווייט פון דער תלמוד תורה און בעט עס אים איבערקוקן, ווייל איך האָב מורא פאַר די שדים, וואָס האַלטן אין איין נאָכגיין נאָך מיר. ער קוקט דורך די מזוזה און, ווי אַ וואָלקן וואָלט אַרויפגעצויגן זיך אויף זיין שטערן, ווייזט ער מיר אַז גלייך אין דעם וואָרט „שמע ישראל" איז דער

רעכטער קעפּל פון דעם „ע״ אָפּגעפּאַלן, און ער פּאַרריכט עס באַלד אויפן אָרט. איך זאָג אים צו צו ברענגען אַ גילדן פּאַר זיין טירחה. איך גיי אַוועק אַביסל געשטאַרקט אין מיין זיכערקייט אַז די שדים וועלן מיר שוין מער נישט נאָכלויפן.

אין אַ קורצער צייט אַרום קומט מיר אויס צו האָבן מיט דער מאַמען אַ שמועס וועגן מיין מורא צו גיין אין דער פינצטער. זי זאָגט מיר, אַז איך דאַרף נישט מורא האָבן פאַר קיין שדים. „דו ווייסט נישט וואָס פאַר אַ גרויסן צד דו האָסט אויף יענער וועלט! דיינע צוויי גרויסע עלטער זיידעס — ר׳ בער יוזשאָנער און ר׳ שמואל באַקסטער. דו ווייסט גאָרנישט, אַז זיי האָבן דיך געבראַכט אויף דער וועלט צוזאַמען מיטן זיידן ר׳ ישראל דוואָרעצער. דערציילן דיר די מעשה ווי עס דאַרף צו זיין?

„אודאי, אודאי״, ענטפער איך איר.

דערציילט זי מיר, „אַ מיידל, זיבעצן יאָר אַלט בין איך געווען ווען איך האָב חתונה געהאַט מיט דיין טאַטן עליו השלום. אַן אַלמן איז ער געווען. אַלע האָבן מיר צוגעזאָגט אַ קינד אין ניין חדשים, אָבער עס זיינען אַוועק דריי מאָל ניין, און ס׳איז קיין סימן נישט געווען פון פאַרשוואַנגערן. איך האָב דעם טאַטן געמאַכט פאָרן צום רבי׳ן אין סטאָלין, ער זאָל זיך באַמיען פאַר מיר צו האָבן אַ קינד. איז ער געפאָרן. דער רבי האָט צוגעזאָגט, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. דאָקטוירים האָבן מיר אויך צוגעזאָגט און עס איז אויך גאָרנישט געוואָרן. איין דאָקטאָר אין האָראָדישטש האָט געזאָגט, אַז די שולד איז מעגלעך דעם טאַטנ׳ס. אָבער בשום אופן נישט מיינע. ,דו קענסט האָבן אַ האַלבן טוץ קינדער. איך געפין ביי דיר נישט קיין שום אומנאָרמאַלקייט׳. אָבער וואָס קומט ארויס? — איך פאַרשווענגער נישט. און אָט איז שוין איבער פינף יאָר נאָך דער חתונה און עס איז נישטאָ קיין שום סימן.

„אָבער עס גייט אַוועק א שטיקל צייט אין גרויס ערגערניש איבער מיין צרה און איך ווער איינמאָל אנטשלאָפן, און עס קומט מיר צו חלום דעם טאַטנ׳ס זיידע פון יוזשאָן, ר׳ בער. איך האָב אים קיין מאָל נישט געזען, און עס דוכט זיך אַז דער טאַטע האָט אים אויך קיין מאָל נישט געזען, אָבער איצט, אין חלום, זע איך אים זייער קלאָר — אַ הויכער איד, אין טלית, בייגט זיך איבער איבער מיר און זאָגט: שרעק זיך נישט טעכטערל. איך בין דיין מאַנ׳ס זיידע, ר׳ ברוכ׳ס טאַטע. דו וועסט זיכער האָבן אַ קינד און טאָקע א אינגל. איך וויל דו זאָלסט אים אַ נאָמען געבן נאָך מיר. אָבער איך ווייס, אַז דו האָסט נאָך אַ זיידן, דיין אייגענעם, ר׳ ישראל דוואָרעצער, וואָס וואַרט אויף נאָך אַן אייניקל מיט זיין נאָמען. זאָל דיין קומענדיגער זון

הייסן ישראל־בער. איך טרעט דיין זיידן אָפּ דעם ערשטן אָרט״. אַזוי זאָגנדיק, כאַפּ איך זיך גלייך אויף, קוק זיך אַרום, און איך זע מער קיינעם נישט. אָבער איידער וואָס, ווען, שלאָף איך ווידער איין און — אַ נייע געשטאַלט דערשיינט פאַר מיר אין חלום: אַ שיינער איד מיט א ווייסער באָרד בייגט זיך אויך איבער מיר און שטאַרקט מיר — ,שרעק זיך נישט, כאַשקע. איך בין דיין טאַטן קלמנ׳ס טאַטע. איך וויל אַז דו זאָלסט אַ נאָמען געבן נאָך מיר דיין ערשט געבאָרן קינד. דו ביסט שוין שוואַנגער מיט אים. עס וועט דיר קיין שום שלעכטע זאַך נישט געשען, נישט דיר און נישט דיין זון.׳ אָפּגעזאָגט און איז גלייך פאַרשוואונדן. איצט, מיין זון, פאַרשטייסטו פאַרוואָס דו דאַרפסט נישט מורא האָבן. אַ מיליאָן שדים וועלן נישט קענעןביישטיין דעם כוח פון דיינע זיידעס.״

איך האָב נישט געוואוסט אויף וואָס פאַראַ וועלט איך בין, צי זאָל איך גלויבן דאָס וואָס די מאַמע האָט געזען און געהערט אין איר חלום, צי זאָל איך גלויבן מיינע אויגן ווען איך זע די שדים. אָבער די זיכערקייט פון מיין מאַמען, אַז קיין שלעכטע זאַך וועט מיט מיר נישט געשען, גיט מיר אַ ביסל זיכערקייט אויף אַ קורצער צייט. כאָטש פּטור ווערן פון זיי אין גאַנצן קען איך אַלץ נישט. איך האָב נאָך אַלץ צו פיל זינד, אַז איך זאָל זיי קענען איבערציילן. איך זע אויך ווי שווער עס איז ביייצוקומען די נסיונות, וואָס קומען מיר אנטקעגן. איבערהויפּט ווען עס האַנדלט זיך וועגן זאָגן דעם ריינעם אמת, אָדער ווען עס ווילט זיך, אויב נישט זאָגן אַ גאַנצן ליגן, איז מגזם צו זיין.

מיין גורל איז אָבער אין די קומענדיגע מאָנאַטן צו קומען צו נייע נסיונות. אויף אונזער הויף זיינען פאַראַן פיל מיידלעך, אין מיין עלטער; עטוואָס איינגערע און עטוואָס עלטערע. איך בין פאַרינטערעסירט אַ לענגערע צייט אין דעם הויזווירט׳ס טאָכטער, אסתר, אַ זייער שיינע בלאָנדינקע, מיט שאַרף, פּערלמוטערדיגע אויגן. זי כשופּ׳ט פּשוט מיט זיי. ווען קיינער זעט נישט, און זי אודאי נישט, טרינק איך אָן מיינע אויגן מיט איר פּראַכט. זי זעט עס אָבער נישט. דערפאַר האָט עס מסתמא באַמערקט איר איינגערע שוועסטער, דינה, אויך אַ שיינע, אַ שאַטינקע, כאָטש נישט אַזוי שיין ווי איר שוועסטער אסתר. זי האָט מסתמא געזען מיט וואָס פאַראַ אויגן איך שלינג זי. זי קוקט זיך אַרום צי אימיצער זעט און ווינקט מיר צו גיין מיט איר צו אַ טונקעלן ווינקל אין דעם הויף. אָן קיין שום איבערקלערונג לאָז איך זיך אַהין. זי כאַפּט מיך אַרום און גיט מיר אַ שנעלן קוש און לויפט גלייך אַוועק. איך בלייב שטיין אַ געפּלעפּטער. דאָס איז דער ערשטער קוש, וואָס איך קריג פון אַ פרעמד מיידל. עס שווינדלט מיר אין קאָפּ און כ׳וויס נישט

וואָס צו טאָן. איין זאַך בין איך זיכער — עס איז אַ שרעקלעכע עבירה און איך וועל שוין האָבן נייע שדים, אַזעלכע, וואָס אפילו מיינע גרויסע זיידעס וועלן נישט העלפן.

איך דערשרעק זיך נאָך מער, ווען איך באַמערק, אַז נישט קוקנדיג, וואָס איך בין באַוואוסטזיניג וועגן דער עבירה, גיי איך אַראָפּ יעדן טאָג אויפן הויף און מיינע אויגן זוכן שוין דינה׳ן. און אַ חשק נעמט מיך אָן, אַז זי זאָל מיך דערזען און מיך ווידער רופן צו קושן מיך. אָבער ווען זי ווייזט זיך נישט עטלעכע טעג, הייב איך אָן גלויבן, אַז דאָס מיען זיך מיינע עלטער־זיידעס, אַז איך זאָל מער נישט געשטרויכלט ווערן אין זינד.

ווען עס מאַכט זיך שוין איין מאָל און איך דערזע זי, און באַמי זיך אַזוי אויסצומאַרקירן, אַז זי זאָל מיך דערזען, גיט זי אפילו נישט קיין קוק אין מיין זייט און פאַרנעמט זיך אין אַ קריגעריי מיט אַנדערע אינגלעך וואָס רייצן זיך מיט איר. —

„דינה, דינה, פאַרוואָס קענסטו נישט געפינען!"

אָבער מיך זוכט זי נישט, און געפינט מיך אויך נישט. איך באַמערק ווי דאָס פאַרדריסט מיך שטאַרק, און נישט האָבנדיג נאָך דעמאָלט אפילו דעם באַגריף וועגן פאַראַט אין מיין וואָקאַבולאַר, האַלט איך אָבער, אַז זי האַנדלט נישט ריכטיג מיט מיר. זי דאַרף מיר אם ווייניגסטנס נאָך איין מאָל מיך רופן. מיר פאַלט נישט איין, אַז איך זאָל זי רופן. אָ, ניין! אַזאַ זאַך וועל איך זיכער נישט טאָן.

ביי אונז אין הויז רעדט מען יעצט שטאַרק וועגן מנחמ׳ס חתונה. ווען איך זע אין עטלעכע טעג אַרום די כלה, געפעלט זי מיר זייער שטאַרק. זי איז אַ שיינע — די שענסטע וואָס איך האָב ווען עס איז געזען. און זי שטופּט מיר ארויס פון דעם קאָפּ דינה׳ן אזוי ווי זי וואָלט קיין מאָל נישט עקזיסטירט. איך וואַרט שוין מיט אומגעדולד אויף דער חתונה, עפּעס ווי איך אליין וואָלט געוועזן דער חתן. סוף כל סוף דערוואַרט איך זיך. די מאַמע און אירע צוויי קינדער זיינען אויך איינגעלאַדענע געסט. די חתונה איז אויף אַ גוואַלדיגן שטייגער. דאָס גייט אַריבער אַלע מיינע פאַרשטעלונגען ווי אַ חתונה דאַרף אויסזען. שיין אויסגעפּוצטע טישן, פינקלענדיגע פלעשער וויין און ליקערן פון אַלע מינים קומען דיר גלייך אנטקעגן. אָבער נאָך אינטע־רעסאַנטער זיינען פאַר מיר די מחותנים און די הונדערטער געסט. מערסטן טייל מענער אין שטריימלעך אָדער אין רבנישע קאַפּעליושן. די פרויען אין טיפּע שייטלען און הויכע קאָלנערס ביז די סאַמע מאָרדעס. עס איז פּאַקטיש געווען אַ גרויסע אַסיפה פון רבנים, איינינגע פון זיי מיט בערד פון די אבות ווי איך האָב זיך זיי פאַרגעשטעלט. קענטיג אַז פיל פון זיי זיינען חסידישע

רביים. דאָס קען מען זען פון זייער הילוך און פון יעדער באַוועגונג. בלויז אייניגע רבנים האָבן זיך געמישט מיט זיי. צווישן זיי אויך דער לאָדזשער רב גופא. ארום אים זיינען געזעסן אַ היבשע גרופּע און געפירט אַ וויכוח.

ווען מען פירט אריין דעם חתן הערט דער וויכוח אויף און מען לויפט צו צו אים פון אַלע זייטן געבן אים שלום עליכם. דער אָרקעסטער גיט אַ שפּיל אויף אַ שיינעם מאַרש און עס הייבט זיך אָן צו פילן אַ געהויבענע אַטמאָספערע. אָבער דאָס איז נאָך גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט דער התפעלות וואָס עס אנטשטייט ווען מען פירט אריין די כלה. איר שיינקייט איז פאַר־וויקלט אין פיל וואואלן, באַשטעקטע מיט בלומען. דער אָרקעסטער דונערט אויס פאַר איר אַ שיינעם ברוך הבא און גלייך נאָך דעם הייבן זיך אָן די פאַרשיידענע צערעמאָניעס. מיך פאַרדריסט וואָס מען באַזעצט מיך מיט די ווייבער. איך זיץ לעבן מיין מאַמען און אין מיר פּראָטעסטירט מיין באוואוסט־זיין אַז איך וועל אין גיכן ווערן עלף יאָר און איך וואָלט שוין וועלן זיצן צווישן אַלע דערוואַקסענע מענער. וואָס קען איך דאָ הערן צווישן די פרויען?! זאָגט מיר אונטער מיין דעמאָלטדיגער געדאַנק. צווישן די רבנים, זיצנדיג, וואָלט איך דאָך עפּעס געלערנט, געהערט, געפּרוווט פאַרשטיין...

עס איז מיר געוואָרן פיל פריילעכער ווען עס האָט אַריינמאַרשירט דער כאָר פון דער ווילקער שול מיטן חזן, ר׳ משה סטערציוזער בראש, און מיטן בלינדן באַס, סג״ל אַלס כאָר־מייסטער. פאַר מיר איז דאָס געווען די אמת׳ע חתונה. די געזאַנגען פון געוויסע קאַפּיטלעך תהלים האָבן אויפגעפרישט און איך קלער זיך אוי, ווען מיין ברודער יאַשקע וואָלט דאָ געווען, וואָלט ער עס אַ זינג געטאָן!

איך רוק זיך צו נעענטער צום כאָר און איך בין שטאַרק מקנא די קוויטשענדיגע זיסע שטימעלעך וואָס איך דערוויס זיך דערנאָך אַז מען רופט זיי סאָפּראַנאָס. עטלעכע ניגונים פּרואוו איך צו געדענקען און אז איך קום שפּעטער אהיים פון דער חתונה פּרואוו איך זיי איבערזינגען און די מאַמע בעט זיך ביי מיר איך זאָל איר נישט פאַרקלינגען דעם קאָפּ. פייגעלען האָט מען אויסגעפּוצט צוזאַמען מיט אַנדערע מיידעלעך נאָכצוטראָגן די לאַנגע עקן פון דער כלה׳ס חופּה־קלייד. די כלה גופה האָט געשטראַלט מיט אַזאַ שיינקייט, אַז די פרויען האָבן ביי יעדער באַמערקונג וועגן דעם געזאָגט, „קיין עין הרע״. אפילו פיל רבנים, באַמערק איך, קוקן אויף איר מיט אָפענע מיילער.

יענע נאַכט בין איך שוין נישט געשלאָפן אַזוי רואיג. איך האָב נאָך אַלץ געזען אין חלום ווי די רבנים טאַנצן צוזאַמען מיט די רביים, און ווי דער לאָדזשער רב גופא גייט אויף אַ שטיקעלע טאַנץ מיט דער כלה. זי —

גאָלד. ער — זילבער. אינעם טאַנץ מישט זיך עס מונדערלעך אויס. עס חלומ'ט מיר אויך דער כאָר. איך בין שוין דאָרטן איינער פון די קוויטשערלעך. ווען איך כאַפּ זיך אויף, זע איך זיך אין בעט, און קלער זיך — וועל איך נאָך אויך אַמאָל קענען זינגען אין אַזאַ כאָר?

דער דאָזיגער ענין הייבט זיך שוין נישט אָן אַרויסצוגיין פון מיין קאָפּ. איך פיל ווי עפּעס זינגט אין מיר. אָבער איך וואָלט עס וועלן אַרויס־ברענגען: זאָלן אַלע הערן! ווען איך זאָג מיין מאַמען אַז איך וואָלט וועלן ווערן אַ משורר, זאָגט זי מיר, „עס איז גענוג אַז מיר האָבן שוין איינעם אין דער משפּחה".

„איז וואָס וועסטו וועלן אַז איך זאָל ווערן?" פרעג איך דער מאַמען.

„איך וואָלט וועלן אַז דו זאָלסט ווערן אַ רב, נישט וויניגער"".

„און אַ דיין וואָלסטו נישט וועלן איך זאָל זיין?"

„ביי אונז אין דער משפּחה זיינען דיינים נישט קיין גרויסע יחסנים. פאַרוואָס ווילסטו נישט זיין קיין רב?"

איך ווייס נישט וואָס איר צו ענטפערן. איך האָב מורא איר צו זאָגן אַז איך בין אַ זינדיגער און אַז אַ רב מוז זיין אַ הייליגער מענטש. „מיט וואָס האָסטו געזינדיגט", ווערט די מאַמע אַלץ מער נייגעריג.

איך קען אָבער איר דעם ענטפער נישט געבן. מער פעלט מיר נישט, אַז איך זאָל איר זאָגן וועגן אַלע מיינע „שיינע מעשים", און איבערהויפּט וועגן דער קריסטלעכער מיידעלע פון סידער גאַס און פון דינה'ס קוש. אודאי נישט וועגן מיינע ליגנס וואָס איך קען שוין זייער צאָל נישט איבער־ציילן. אָבער וואָס קען איך זיך העלפן? מוז איך שוין איצט זאָגן אַ נייעם ליגן, אַז מיין זינד באַשטייט אין דעם וואָס איך היפּ איבער ביים דאַווענען גרויסע שטיקער, ווייל מיר קומט אויס צו קומען שפּעט אין דער ישיבה. „אודאי קומט דיר אויס צו קומען שפּעט, אַז דו פאַרלירסט אַזויפיל צייט אין שפּילן זיך מיט דער קאַץ. איך וועל זי דאַרפן אַוועקגעבן אין ערגעץ אַז דו זאָלסט צוליב איר נישט פאַרשפּעטיגן דעם שיעור אין דער ישיבה, אָדער איבערהיפּן שטיקער פון דעם דאַווענען."

איך האָב זיך זייער געשראָקן, אַז די מאַמע זאָל טאַקע אַמאָל נישט אויספירן איר סטראַשונאַק. עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. אין עטלעכע טעג אַרום דערפיל איך שוין ביינאַכט, אַז די קאַץ פעלט מיר. איך הויב זי אָן צו רופן, אָבער זי איז נישטאָ. ווען איך הייב זיך אויף אין דער פרי, לויף איך זוכן אין אַלע ווינקעלעך, אָבער זי איז אַלץ נישטאָ. עס ווערט מיר פינצטער אין די אויגן. איך קען שוין נישט עסן, איך קען שוין קיין זאַך נישט טאָן. עס פעלט מיר מיין קאַץ. זיצנדיג אין דער ישיבה, הער איך שוין נישט

דעם שיעור. די אָרעמע קאַץ שטייט מיר פֿאַר די אויגן. דאָס זיינען פֿאַר מיר עטלעכע שווערע וואָכן, אין וועלכע מיין הויפּט אויפֿמערקזאַמקייט באַציט זיך צו געפֿינען די קאַץ. איך לאָז נישט דורך קיין איין גאַס, קיין איין געשעפֿט וואו איך האָב נאָר דעם מינדסטן פֿאַרדאַכט אַז זי קען זיך דאָרט געפֿינען. באַזונדערס, שמעק איך זיך אָן אין אַלע יאַטקעס, ווייל דער פֿאַרדאַכט אַז די מאַמע האָט איר ארײנגעגעבן אין אַ יאטקע איז ביי מיר דער שטאַרקסטער. ווי עס ווייזט זיך ארויס דערנאָך, איז דאָס טאַקע דער פֿאַקט. איך געפֿין זי אין אַ יאטקע אַ פֿעטע און אַ צופֿרידענע, אויב נישט אָן אַנגעפֿרעסענע. די מאַמע אליין איז אויך נישט קיין שונא פֿון קעץ און נישט פֿון קיין אַנדער לעבעדיגער זאַך. זי האָט בכיוון זי ארײנגעגעבן דאָרט כדי זי דערוויל אויך אויסצופֿאַשן. זי באוואונדערט אָבער מיין אַנטשלאָסנהייט צו געפֿינען זי און איז פֿאַראינטערעסירט צו דערוויסן זיך ווי אַזוי איך האָב זי געפֿונען. נאָר וואָס איז דער אונטערשייד; איך האָב צוריק מיין קאַץ און דאָס ברענגט מיר צוריק ארײן אין מיין געוויינלעכער אָרדנונג פֿון לעבן. איך הייב צוריק אָן צו לייענען די העברייאישע ליטעראַטור און איינער פֿון מיינע חברים אין דער ישיבה רעדט מיר צו איך זאָל אָנהייבן צו לייענען דייטשע ראָמאַנען. ער האָלט אַז געטהע און שילער זיינען פֿון די גרעסטע אין דער וועלט ליטעראַטור. צו מיין אומגליק, נעם איך זיך נישט צו די צוויי, נאָר צו די ראָמאַנען פֿון שפּילהאַגן, קערנער און באָרן. אַנדערע פֿון זיי זיינען גאָר פֿון אומבאַוואוסטע אויטאָרן. פֿון דער אידישער ליטעראַטור מאַכן אויף מיר דעם טיפֿסטן איינדרוק מענדעלע און מרדכי ספּעקטאָר. אָבער ווען עס קומט צו פֿאָרן צו אונז דער מאַמע׳ס שוועסטער־קינד, שלמה־טוביה, מאַכט ער אָן אָן איבערקערעניש אין מיין לייענען. ער האָלט אַז נישט די העברייאישע און נישט די אידישע ליטעראַטור, ווי מיר האָבן זי איצט, האָבן וועלכע עס איז ווערט. דער עיקר איז, זאָגט ער מיר, די רבנישע ליטעראַטור. דאָרט געפֿינט מען דעם טיפֿסטן שאַרפֿזין און געזונטן וויסן פֿון אונזער פֿאָלק. ער האָלט אַז מען קען נאָך לייענען אַזאַ שרייבער אין העברייאיש ווי „אחד העם" און אפשר אויך מרדכי בן הלל הכהן. איך לאָז זיך אַראָפּ אויף דעם דאָזיגן וועג. אָבער אין גיכן זע איך איין אַז די דאָזיגע שרייבער אין העברייאיש זיינען צו טרוקן פֿאַר מיר. זיי האָבן צו טאָן מיט ענינים, וואָס אינטערעסירט אין גאַנצן נישט מיין פֿאַנטאַזיע.

לייזן די דאָזיגע פּראָבלעם וועגן מיין לייענען לייזט סוף כל סוף מיין פּשוטע מוטער, נישט דירעקט, נאָר אומדירעקט. זי געפֿינט פֿאַר אונז אַ נייע דירה אין אַ נייעם געגנט פֿון שטאָט, ניי פֿאַר אונז. דאָס איז אויף זאַכאָדניע גאַס, פּונקט אַנטקעגן דער ווילקער שול. דער הויז־ווירט איז אַפילו אַ פּאָליאַק.

אָבער מען זאָגט איר, אַז אידן קומען מיט אים אויס זייער גוט. אגב איז אין זעלבן הויז פאַראַן אַ מאָדערנע בעקעריי, וואו דער מאַמען וועט אָנקומען לייכטער צו קויפן איר סחורה. איך בין שוין יעצט לאַנג אַריין אין מיין צוועלפטן יאָר. פון איין זייט וואָלט איך שוין אליין וועלן ארויס פון דעם געמייזעכטס פון ווסכאָדניע נומער צוויי, פון אירע גנבים און אונטערוועלט מענטשן. פון דער צווייטער זייט האָב איך דאָרט עטלעכע גוטע חברים. דערצו נאָך זיינען דריי נייע פאַרשוינען אָנגעקומען צו זלמן־קלויזקע אויף דער לער. צוויי פון זיי קומען אַזש פון ריגע, ביים באַלטישן ים. זיי זיינען זין פון רייכע סוחרים פון דער ערשטער גילדע. דאָס מיינט אַז זיי האָבן דאָס רעכט צו וואוינען און ארומפאָרן אין אַלע רוסישע הויפט־שטעט, וואו סטאַם אַ־דן איז נישט דערלויבט צו וואוינען. אַ דריטער „לערן־יונג" איז אַ זון פון אַ סוחר אין אָדעס. ער טראָגט נאָך זיין סטודענטיש היטל פון אָדעסער אוניווערסיטעט. זייערע עלטערן האָבן זיי געשיקט צו באַקענען זיך דירעקט מיט דער טעקסטיל אינדוסטריע אין אַלע אירע פאַזעס; איינגעשלאָסן אויך די וועבעריי־קונסט און די מאָדערנע מאַשינעריע וואָס איז לעצטנס איינגעפירט געוואָרן. פון די דריי, געפעלט מיר בעסער דער הויכער אבראם ליפשיץ. ער איז אַ געענדיגטער פון דער קאָנסערוואַטאָריע און אַ פיינער פידל־שפּילער. ער האָט טאַקע די פידל אין זיינע הענט זייער אָפט דורכן טאָג, און אַז זי איז אין זיינע הענט, מוזט איר, צי איר ווילט צי נישט, זיך איינהערן וואָס זי האָט אייך צו דערציילן.

אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג, קען איך שוין נאָכזינגען עטלעכע זאַכן פון די וואָס ער שפּילט, ווי למשל, די „ציגיינערווייזע" און שובערט׳ס „סערענאַדע". ער שפּילט אויך זייער שפּילעוודיג פיל ניגונים פון דעם אידישן טעאַטער. שבת האָט זיי אויך אויפגעכאַפּט זייער שנעל און ווען אבראם שפּילט זיי, זינגען מיר מיט און מיר האָבן גרויס הנאה. דער צווייטער „לערן־יונג", מיימון, איז אויך אַ געענדיגטער פון אַ הויך־שול און איז אַ פיינער מעשה־דערציילער. מיר קאַטשען זיך פון געלעכטער ווען ער ברענגט אַרויס זיינע קאָמישע טיפּן.

פון דעם דריטן „לערן־יונג", אָסיפּאָוו פון אָדעס, האָבן מיר אָבער פיל האַרצווייטאָג. ער איז אַ לעבע־יונג און, ווי די אַנדערע זאָגן, לויפט ער נאָך יעדן קליידל און פאַרטשעפּעט זיך מיט אַלע פרויען וואָס ער באַגעגנט. זלמן, דער מייסטער, ישובט זיך צי זאָל ער אים האַלטן, צי זאָל ער אים אַוועקשיקן צוריק אין אָדעס, ווייל ער קען נאָך אונז אָנטאָן חרפות און ביושים. מען שמועסט שוין אפילו אַז ער פאַרפירט די טעכטער פון דעם אַלטן קוויאַט, דער פאָטער פון דעם הויז־ווירט.

באַגעגן איך דער מאַמעס בשורה מיט געמישטע געפילן. פון איין זייט פטור צו ווערן פון דער פאַרפעסטעטער אַטמאָספערע אין הויף און אָנקומען אין אַ ניי פּלאַץ, וואָס איז אַנטקעגן דער ווילקער שול, מיט איר פיינעם כאַר און חזן וואָס איך האָב אַזוי ליב. און פון דער צווייטער זייט, ווילט זיך אָנהאַלטן די „קאָנצערטן" וואָס אַבראַם ליפשיץ גיט אונז צוזאַמען מיט די קאָמישע מעשיות וואָס מיימון דערציילט.

ערשט, ווען עס ברעכט אויס דער סקאַנדאַל מיטן סטודענט, אָסיפּאָוו, און זיינע פאַרפירונגען, הייבן מיר אָן זיך צו פּאַקן אויף אַרויסציִען זיך. מיך האָט זייער פאַראינטערעסירט אין איינעם פון די לעצטע טעג פון זיין אין דער אַלטער וואוינונג, די אַמפּעריי צווישן זלמן־קלויסקע און אברהם ליפשיץ. זיי קענען נישט איינשטימען צווישן זיך וואָס איז אַ גרעסערע חכמה — די וועבעריי־קונסט צי די קונסט פון מוזיק. זלמן שטייט שטאָל און אייזן פאַר דער וועבעריי־קונסט. „קיין טיפערע זאַך איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ," פּסק'נט ער אָפּ. מען קען דאָס לערנען צענדליגער יאָרן און נישט דערגרונטעווען עס. אָבער אברהם קומט גלייך צוריק און דערקלערט אַז אַזאַ טיפקייט ווי עס האָט אין זיך די מוזיקאַלישע קונסט און ויסנשאַפט, האָט נאָך קיין שום אַנדער קונסט נישט דערגרייכט. איך שטיי און וואונדער זיך צי איז נישט אַמאָל די „ויסנשאַפט" וואָס איך לערן אין דער ישיבה נישט טיפער ווי זייערעביידע „טיפענשן" צוזאַמענגענומען. איך האָב אָבער געשעמט זיך אריינצומישן אין אַזאַ קאָמפּליצירטן וויכוח.

קאַפּיטל אַכצן

אונזער נייע וואוינונג אין ווילקע

די מאַמע איז אַ ביסל באַזאָרגט וועגן דער דירה געלט. זלמנ'ען האָט זי געצאָלט פאַר דעם צימער איין־און־פערציג רובל אַ יאָר. און דאָ, ביי מיכאַרסקי'ן וועט זי דאַרפן צאָלן ניין־און־פערציג רובל אַ יאָר. דערפאַר זיינען דאָ צוויי צימערלעך. אמת, איןביידע צימערן דאַרף מען זיך ערטערווייז דורכשוואַרצן מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ. דאָך, איז עס אַ ריינער הויף און די טרעפּ ווערן יעדן טאָג גערייניגט און יעדע וואָך געוואַשן, און די מאַמע קוועלט אָן פון דעם. איך מאַך זיך אויך זייער שנעל אַ גוטע באַקאַנטשאַפט מיט אַן עלטערן אינגל, גוסטאַוו שוואַרץ. ער איז אַ זינגער אין דער דייטשישער קאַרשול אויף די פּראָמענאַדן. ער שמועסט מיט מיר וועגן כאַר געזאַנג און איך שעם זיך אים צו בעטן אַז ער זאָל מיר העלפן אָנקומען אין דעם דאָזיגן באַרימטן כאַר אַלס זינגער. ער פאַרזיכערט מיר אַז מיין שטימע און געהער זיינען גוטע, אָבער איך האָב נאָך ווייניג דערפאַרונג און קען נישט קיין נאָטן.

דאָס קילט אָפּ מיין ענטוזיאזם אַנצוקומען אין דעם קאָרשול. דערפאַר האָב איך גרויס פארגעניגן, ווען איך הער פרייטאָג צונאַכט דעם פשוט׳ערן כאָר פון דער ווילקער שול. דאָס געזאַנג איז נישט אזוי קאָמפּליצירט ווי אין דער דייטשישער קאָרשול. עס האָט נישט אַזוי פיל פוגעס און שווערע פּאַסאַזשן. דערפאַר, אָבער, זיינען די אַקאָרדן שטאַרקערע און די סאָלאָס מער באַוועג־לעכע. מיר געפעלט זייער די סאָלאָ פון אַ סאָפּראַנאָ זינגער מיטן נאָמען חאמל (חיים׳ל). זיין שטימע איז וואַרעם און העל און דרינגט אריין טיף אין האַרצן. איך פאַרגעדענק גלייך זיין סאָלאָ פון „השכיבנו״ און פאַרקלינג מיט איר דאָס גאַנצע הויז. מיר דוכט זיך אַז איך מאַך עס נישט קיין סך ערגער פאַר חאַמל׳ען.

פונקט אנטקעגן אונזער הויז אויף דער לינקער זייט פון דער שול, געפינט זיך אַ הויז, וואו עס וואוינט דער מאַמע׳ס שוועסטער־קינד, זלמן־מייזל, ביי וועמען איך האָב געהאַט געלערנט נאָך מיין פאָטער׳ס טויט, און וואו איך בין געווען כלומר׳שט א פאַבריקאנט׳ס אַ זון. ווען ער דערזעט מיך, דערציילט ער אַז זיין רוואוקע האָט דאָ נישט קיין חברים. ער האָט זיך שוין מיט אַלע צעקריגט; וועט גוט זיין וואָס ער וועט מיך ווידער האָבן פאַר אַ חבר. „איר וועט אויך קענען לערנען צוזאַמען, נישט נאָר שפּילן זיך. איך וועל שוין רעדן מיט דיין מאַמען.״ דערוויל דערוויס איך זיך אַז אין דעם זעלבן הויז, אין סאַמע פראָנט, געפינט זיך אַ ביבליאָטעק פון אידישע, העברייאישע און דייטשע ביכער. דאָס איז פאַר מיר אַ גרויסע בשורה. איך וועל דאָ קריגן די געלעגנהייט אָנצולייענען זיך וויפל נאָר עס וועט אריין אין מיר.

איך קריג ביי דער מאַמען אַ גאַנצן רובל איינצולייגן עס, ווי אַ זאַלאָג אַז איך וועל צוריק אָפּברענגען די געליענע ביכער אין גוטן צושטאַנד. דאָס ערשטע בוך וואָס איך נעם ארויס אין העברייאיש איז „אוהל תם״ פון העריאָט ביטשער סטאָו, איבערזעצט פונ׳ם ענגלישן פון אברהם זינגער. דאָס בוך מאַכט אויף מיר אַ טיפן איינדרוק. איך פיל מיט תמ׳ן און זיין עליזא, און איך ווער פול מיט רציחה אויף דעם מערדערישן סימאָן לעגרי. איך דערצייל די מעשה מיין מאַמען און זי שוידערט אויף פון לעגרי׳ס הארצלאָזיגקייט צו די שקלאַפן. ווען פייגעלע הערט עס, זאָגט זי מיר אַז זי וועט זען צו קריגן דאָס בוך אין פּויליש. ווען איך דערצייל די מעשה דעם זינגער, שוואַרצן, זאָגט ער אַז מיר אידן דאַרפן האָבן גרעסערע דאגות ווי די וואָס עס פּאַסירט מיט די נעגער. אונז איז אין פיל לענדער ערגער ווי די נעגער, וואָס זיינען טאַקע אויף אַן אמת׳ן אַ נידעריגערע ראַסע. דאָס

הייבט מיר נישט אָן צו געפעלן. ביסלעכווייז שטעלט זיך אויף צווישן אונז אַ קאַלטע וואַנט.

אין אידיש נעם איך אַרויס, לויט דער רעקאָמענדאַציע פון מיין מומע, פריידע־לאה׳ן, דאָס בוך.

אין גיכן ווערן מיר געוואָר אַז פריידע־לאה האָט זיך באַקענט מיט אַ פיינעם מאַן, אַן אַלמן וואָס וואוינט צוזאַמען מיט זיין ברודער אין דעם אנטקעגנדיגן הויז, נומער פיר־און־פופציג. די מאַמע לאַדט איין אים און זיין ברודער צו אונז אין הויז. ווען זיי הערן אַז איך בין פאַראינטערעסירט אין העברייאישע ביכער, פרעגט מיר דער עלטערער צי איך האָב שוין געלייענט „דברי ימי עולם" פון קלמן שולמאַן. איך בעט אים ער זאָל מיר אויסלייען דעם בוך. ער לאָזט מיר וויסן אַז דאָס איז נישט איין בוך, נאָר ניין ביכער, ווייל דאָרט איז איינגעשלאָסן די געשיכטע פון אַלע פעלקער. אויף מאָרגן האָב איך שוין געהאָט דעם ערשטן באַנד. איך וואַרף זיך אַרויף אויף אים ווי אַ הונגעריגער און שלינג אים איין אין פאַרלויף פון איין וואָך. דאָס וואָס איך דערוויס זיך אין איין וואָך פון דעם בוך אליין איז פאר מיר מער ווערט ווי פון אַלע ביכער וואָס איך האָב ביז יעצט געלייענט, צוזאַמענגענומען. איך קען זיך שוין נישט דערוואַרטן אויפן צווייטן באַנד. איך ברענג אים אַרויף דעם ערשטן און ער איז צופרידן מיט דעם אופן ווי ציכטיג איך היט אָפּ די ביכער.

דער צווייטער באַנד איז נישט ווייניגער אינטערעסאַנט. וואָס ווייטער די געשיכטע וויקלט זיך, ווערט זי אַלץ אינטערעסאַנטער. איך גיב דאָס בוך צו לייענען איינעם פון מיינע חברים, וואָס האָט מיט מיר אַמאָל געלערנט ביי יאנקל סטוטשינער. האַלט ער, אַז עס איז אַ צו שווערער בוך פאַר אַזעלכע יוגנטלעכע ווי מיר זיינען. ער פאַרשטייט נישט פיל ווערטער און פיל אַנדייטונגען אויף אַנדערע געגנשטאַנדן וואָס ער האָט נישט געלערנט. איך ענטפער אים אַז פאר מיר איז עס גראָד דערפאַר זייער אינטערעסאַנט, ווייל עס פירט מיר אריין אין אַ פיל גרעסערער וועלט, ווי איך בין געווען ביז איצט. דערצו מאַך איך אין גיכן אַן אָפּמאַך מיט ה׳ פערלע, דעם אייגנטימער פון דער ביבליאָטעק צו געבן מיר טעגלעך די טעגלעכע העברייאישע צייטונגען וואָס ער קריגט פון פעטערבורג און וואַרשע פאר פינף קאָפּעקעס אַ וואָך. דאָס איז אַ גרויסע מציאה פאַר מיר, ווייל ה׳ גאָז, דער געבילדעטער מאַן וואָס האָט מיר געליען זיין „דברי ימי עולם" צאָלט אים צען קאָפּיקעס אַ וואָך. בין איך שוין גוט פאַרנומען מיטן לייענען ביכער און צייטונגען.

אין דער זעלבער צייט רייסט מיך די מאַמע אין גאַנצן אָפּ פון מיין פריערדיגער וועלט אויף אַלטשטאָט. זי באַדינגט זיך מיט איינעם פון די

בעסטע גמרא־מלמדים אין שטאָט, ר׳ גרשון, וואָס האַלט אויך אויס אַ פיינעם שטאָב פון לערער איבער וועלטלעכע געגנשטאַנדן און האָט זיין חדר־שולע אויך פּונקט אַנטקעגן אונזער הויז אויף זאַכאַדניע גאַס. ער נעמט מיך אָן פאַר פינף רובל אַ חודש בלויז דערפאַר וואָס דער רב האָט מיך גוט רעקאָמענדירט צו אים. אַזוי לערנט ער נישט פאַר ווייניגער ווי צען רובל אַ חודש.

אין גאַנצן האָט ער אַרום צוואַנציג תלמידים. אייניגע פון זיי זיינען שוין אין דעם עלטער פון אַרום צוואַנציג יאָר און איך גיי ערשט אין צוועלפטן. די מערסטע פון זיי זיינען קינדער פון פאַרמעגלעכע עלטערן — ווידער אַמאָל, פאַבריקאַנטן, קאָמיסיאָנערן, געשעפט־אייגנטימער, אָדער הויז־ווירטן, אָבער דאָ בין איך נישט געצוואונגען אַנצוהאַלטן מיין פיינלעכן ליגן, אַז איך בין אויך אַ פאַבריקאַנט׳ס אַ זון. איז מיר שוין אביסל לייכטער אויפן האַרצן. מיין רבי מוז זיין אַ גרויסער מענטשן־קענער. גלייך דעם ערשטן טאָג אין קלאַס זאָגט ער אָן אַלע תלמידים, אַז איך בין דער איינציגער יתום אין קלאַס און אַז מיין מוטער מוז שווער האָרעווען אויסצוהאַלטן מיר. אָבער אַז איך וועל זיין אַ גוטער חבר און אַרויסהעלפער אין צייט פון נויט פאַר די עקזאַמענס. ער האָט מיך אַרויסגעשטעלט ווי אַ מוסטער פון אַ גוטן תלמיד דורך בעטן מיך צו רעציטירן אויף אויסנווייניג דעם קאַפּיטל תהילים אָדער יענעם. זיי פאַרשטייען נישט ווי אַזוי איך קען דאָס באַווייזן, נאָר דאָס איז גענוג צו שאַפן פאַר מיר אַ וואָרעמע באַציאונג. באַזונדערס, ווער איך צוגעבונדן צו צוויי פון זיי: איינער איז אַ זון פון אַ סוחר מיט זייגערס און ענלעכע אַרטיקלען. זיין נאָמען איז שמעון־גרשון בערנשטיין. ער האָט שוין אויך געלייענט שולמאַנ׳ס „דברי ימי עולם" און מיר שמועסן וועגן דעם ביי יעדער געלעגנהייט. דער צווייטער איז דער קאָמיקער פונ׳ם קלאַס, ארעלע קאהן. ער איז אַ לייכטער לונג־און־לעבער. ער האָט אַ וויץ פאַר יעדער סיטואַציע און מיר קייכן פון געלעכטער און דאָס באַאומרואיגט זייער דעם רבי׳ן. פון צייט צו צייט וואָרנט ער אַז לצנות אין קלאַס איז אַן אומגעזונטע זאַך. דער לץ, אָבער, קען זיך נישט איינהאַלטן. צי מיר לאַכן, צי נישט, מוז ער אַרויספּלאַצן זיין וויץ; ווען נישט, זאָגט ער, וועט דער וויץ בלייבן ווי אַ שטיין אונטער זיין האַרצן.

איידער איך ווער אַן אַלטגעזעסענער אין דעם קלאַס און אויף דער גאַס, ווילט זיך מיר זייער שטאַרק נאָך אַמאָל אַ קוק טאָן אויף מיין אַלטער וואָסקאַדניע נומער צוויי. מעגלעך אַז אין מיין הינטערגעדאַנק האָב איך נישט אַזוי פיל די נייע טעקסטיל־לערנער ביי זלמן־קלויסקע, ווי דינע׳ן, וואָס האָט זיך אריינגעכאַפּט אין ערגעץ אין מיין מוח און כ׳קען זי מער נישט

אויסמעקן. ווען איך קום אהיין אין אַ שבת נאָך מיטאָג, געפין איך ביי זלמנען אַ שלאָס אויפן טיר, און ווען איך זוך דינע'ן, קען איך זי אַלץ נישט געפינען. דערפאַר טרעף איך זיך מיט איינעם פון דעם הויז־ווירט'ס אינגלעך און מיר צערײדן זיך וועגן „וועלט־פּאָליטיק" — וועגן דער מלחמה פון יאַפּאַן אין כינע און וועגן דעם דרייפוס פּראָצעס וואָס איך הער וועגן דעם דאָס ערשטן מאָל און איך באַשליס ביי זיך צו לייענען אַלץ וואָס איז נאָר פאַראַן וועגן דעם דאָזיגן אומגליקלעכן אידן. איך ווער דערנאָך געוואָר אַז עס איז שוין פאַראַן ביי פּערלע'ן אין ביבליאָטעק אַ גאַנצער בוך וועגן דער מעשה, דרייפוס. איך נעם אַרויס דעם בוך צו לייענען און דערשפּיר דעם שרעקלעכן ריח פון אנטיסעמיטיזם. פון דעמאָלט אָן פאָלג איך שוין נאָך דעם פּראָצעס ביזן סאַמע סוף.

אין הויז ווער איך אין גיכן געוואָר אַז פריידע־לאה האָט חתונה מיט ה' גאָזע'ס אינגערן ברודער און אַז זיי ציען זיך אריין קעגן איבער אונזער הויז אין זאכאַדניע נומער איין־און־צוואַנציג. איך האָב מער געלעגנהייטן צו באַקענען זיך מיט דעם נייעם פעטער מיינעם. ער איז אַן אינטעליגענטער מענטש און קען זייער גוט אויסער העברייאיש, אויך רוסיש, דייטש און פראנצויזיש. ער איז אַן אלמן און האָט צוויי קינדער, אַ צוועלף יאָריגע מיידל, ראָזע, — אַ הויכע פאַר איר עלטער, — און אַ אינגל פון צען יאָר, לייבע. איך חבר זיך מיטביידע און איך הער ווי מען רעדט הינטער מיין פּלייצע אַז איך און ראָזע וואָלטן געמאַכט אַ גוט פּאָר פאָלק. ווען איך הער עס, ווער איך רויט, און מיר דוכט זיך, אַז זי איז נישט קיין גוטע פּאָר פאַר מיר. איך דערמאָן זיך גלייך אָן דינע'ן, עפּעס ווי איך וואָלט געווען פאַרקנאַסט צו איר. פון דעסטוועגן, כאָפּ איך שוין פון צייט צו צייט אַ גוטן קוק אויף ראָזע'ן און פּרואוו זיין צו איר באַזונדערס גוט.

די חתונה איז געווען אַן קלענזמער און אַן גרויסער צערעמאָניע. בלויז אַ מנין אידן זיינען געזעסן אַרום דעם טיש נאָך דער חופּה איבער אַ לעקעך און בראָנפן. ווען מיר קומען צוריק אהיים פון דער חתונה טרעפן מיר אין הויז אונזער ציגנע'ן, אין אַ געשפּרעך מיט דער מאַמע'ס קאָזין, שלמה־טוביה. ציגנע איז אין אַ לאַכעדיגן צושטאַנד און ווען שלמה־טוביה הערט אַז מיר קומען פון פריידע־לאה'ס חתונה, בעט ער די מאַמען אַ ביסל בראָנפן צו ווינטשן מזל־טוב צו דעם נייעם פּאָר פאָלק. אגב דערציילט ער אונז אז זיין שוועגערן, טוליע, וואָס איז אויך אַ קוזינע צו מיין מוטער, קומט אויך צו פאָרן קיין לאָדזש מיט דער האָפענונג צו קריגן דאָ אַ חתן. דערווייל פרעגט ער ציגנע'ן, „פאַרוואָס נעמסטו נישט קיין ביסל בראָנפן און ווינטשסט נישט מזל טוב

דעם נייעם פּאָר פּאָלק? ווען די וועסט עס טאָן, וועסטו אין גיכן אויך ווערן אַ כלה.״

צינע צעלאַכט זיך, נעמט אַ ביסל בראָנפן, צום ערשטן מאָל אין איר לעבן, און צעקייכט זיך פון געלעכטער און פון דעם בראָנפן וואָס איז אריין אין איר קעל. מען מוז איר נעמען גלייך צו אַ דאָקטאָר. זי האָט שוין נישט געקענט גיין צוריק אויף איר שטעלע. זי איז צוריק געפאָרן צו איר אַלטער היים אין נאָווארעדאָק. ווען זי קומט אַהיים געפינט זי אויס אַז איר פאָטער איז געשטאָרבן מיט עטלעכע וואָכן צוריק. ער האָט איבערגעלאָזט זיין דריטע פרוי מיט עטלעכע קינדער, בעת צינע איז געווען איינע פון פינף אַנדערע קינדער וואָס איר פאָטער האָט געהאַט מיט זיין צווייטער פרוי. די איבעריגע קינדער זיינען געווען צעזייט אין פארשידענע שטעט. פון דער ערשטער פרוי זיינען אויך געבליבן פינף קינדער, אָבער זיי זיינען שוין אַלע געווען אין אַמעריקע. צינע באַשליסט אויך צו פאָרן אַהין און אין אַכצן פינף־און־נייציג פאָרט זי אויך אַוועק קיין אַמעריקע און מיר קריגן פון איר אָפטע בריוו.

קאַפּיטל נײַנצן

מיין ברודער ברענגט אַ „גאַסט״

עטלעכע טעג נאָך צינע׳ס אַוועקפאָר קריגן מיר אַן אומדערוואַרטעטן גאַסט. איך זע, עס מאַכט זיך אויף די טיר און אַ יונגער מאַן טראָגט אַ שווערע משא אויפן אַקסל און לאָזט זי אַראָפּ. מיר קוקן זיך אַרום — ווער איז דאָס? ערשט דער יונגער מאַן שרייט אויס. „מומע! איר דערקענט מיך נישט?״ די מאַמע פאַלט גלייך צו מיט אַן אויסגעשריי, „יאנקל־ברוך!״ עס שטעלט זיך ארויס אַז דאָס ברענגט ער יאָשקען אַ טויט קראַנקען, אריינצוגעבן אים אין שפּיטאָל.

„מומע,״ רופט ער אויס, „מיר מוזן אים גלייך ארייגעבן אין שפּיטאָל אריין. ער קען נאָך אַזוי אויסגיין אויב מיר וועלן מאַכן שהיות.״

„איך וועל גלייך לויפן צום רב״ זאָגט די מאַמע. „בלויז ער וועט קענען עפּעס טאָן!״ דערווייל לייגן מיר אויס יאָשקן אויפן בעט אַ לעבלאָזן — נישט ער רירט זיך, נישט ער מאַכט אויף די אויגן — עס קומט מיר אויס אַקוראַט ווי איך האָב געזען דעם טאַטן ליגן אַ טויטן.

עס האָט געדויערט דריי־פיר שעה נאָך דעם ווי די מאַמע מיט יאנקל־ברוכ׳ן זיינען אַוועק צום רב, ביז עס איז געקומען דער וואָגן פון שפּיטאָל אים נעמען אַהין. דער דאָקטאָר וואָס איז מיטגעפאָרן אויפן וואָגן האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג אַז ער איז נישט טויט, נאָר איינגעזונקען אין אַ לעטאַרגישן שלאָף. מיט איין וואָרט, דאָס איז די שלאָף־קראַנקהייט. ער

פאַרזיכערט אונז אַז אין עטלעכע מאָנאַטן אַרום וועט מען קענען וויסן ווי עס האַלט מיט אים. דערוויייל פאַרברענגט מיט אונז יאַנקל־ברוך עטלעכע שעה. ער פאַרהערט מיך און האָט גרויס הנאה פון מיין קענען העברייאיש און אָריענטירן זיך שוין אין וועלט פּאָליטיק. אַזאַ ענין ווי דער דרייפוס פּראָצעס, ווי די מלחמה וואָס האַלט אַן צווישן יאַפּאַן און כינע. און ער זאָגט דער מוטער אַז איך וויים שוין מער ווי ער האָט געוואוסט אין מיין עלטער. ער איז נאָך יענעם אָוונט אָפּגעפאָרן צוריק קיין קאָטלאָווע. איך זאָג אים צו צו שרייבן אָפטער.

גלייך נאָך פסח אין יענעם יאָר, פירט מיר מיין מוטער אַוועק אין דעם רויטן־קרייץ, וואו מען גיט גוטע אונטערזוכונגען שוואַכע מענטשן און קינדער. פאַר מיינע צוועלף יאָר האָב איך אויסגעזען צו זיין צו דין, צו לופטיג אין וואָג, און צו שוואַך. די דאָקטוירים האָבן מיר דאָרטן געגעבן אַ גרונטלעכע אונטערזוכונג, הויפּזעכלעך האָט דער דאָקטאָר דאָרטן געוואָרנט מיין מוטער אַז זי זאָל באַזונדערס אכטונג געבן אויף מיר אַז איך זאָל נישט קראַנק ווערן פון טובערקולאָזיס צוליב מיין שוואַכן צושטאַנד. די דאָקטוירים אין רויטן קרייץ האָבן געמאַכט פאַרשידענע אויספּרואוון און נישט געפונען קיין טובערקולאָזיס. נאָר דער דאָקטאָר האָט אונטערגעשטראָכן פיל מאָל פאַר מיין מוטער, אַז איך בין אַ גוטער קאַנדידאַט צו קריגן עס אויב מען וועט נישט ארויפציען אויף מיר מער פלייש און באַרייכערן מיין בלוט. מיין געוויכט האָט געוויזן אַ סומע פון ניין־און־פערציג פונט, וואָס זיי האָבן באַטראַכט אַז עס איז כמעט דרייסיג פונט ווייניגער ווי דער מינימום פון אַ צוועלף יאָריגן. זיי האָבן איר געראָטן אַז זי זאָל מיר ארויסשיקן אויפן זומער אויפן לאַנד וואו איך קען קריגן גענוג מילך, מילך פּראָדוקטן און גוטע, געזונטע מאַלצייטן. מיין מוטער איז גלייך נאָך דעם אַוועק צום רב צו מישב זיין זיך ווי אַזוי מיך ארויסצופּראָוון פון דער שטאָט.

די אינפאָרמאַציע וואָס דער רב האָט געקראָגן וועגן דעם ענין איז זייער צופרידענשטעלנדיג פאַר מיין מוטער. ער גיט איר אַ בריוו צום פאַרוואַלטער פון פּאָזנאַנסקי׳ס תלמוד תורה אַז ער זאָל מיך אריינרעכענען צווישן די תלמידים, וואָס ווערן אָפּגעשיקט אויפן זומער אויפן לאַנד אין פּאָזנאַנסקי׳ס קאָלאָניע. קענענדיג זיך מיט גוסטאַוו שוואַרצ׳ן וואָס איז געווען אַ סטודענט אין פּאָזנאַנסקי׳ס תלמוד תורה, געפין איך אויס פאַרשידענע פּרטים וועגן דער דאָזיגער זומערדיגער קאָלאָניע. איך שטים צו זיך צוגרייטן צו פאָרן אהין גלייך נאָך שבועות. אָבער צוויי זאַכן שטייען מיר אין וועג פון דער וואַקאַציע. ערשטנס, די פּוילישע שפּראַך מיט וועלכער איך בין נאָך קנאַפּ באַקאַנט, איז דאָרט די אומגאַנגס־שפּראַך; צווייטנס, בין איך נאָך קיין מאָל נישט

געווען מער ווי עטלעכע שעה גאַנג פון מיין מוטער. די קאָלאָניע, הער איך, איז מער ווי אַ טאָג רייזע פון לאָדזש. מען פאָרט אַהין מיט אַלץ אין דער וועלט — מיט דער באַן, מיט א בויד, און דערנאָך ערשט מיט ברישקעס. מיין פריערדיגע מורא פאַר שדים, מזיקים און מתים קומט מיר צוריק און עס קומט מיר אויס אַז עפּעס איז צו גוט דאָרטן, אַז עס זאָל זיין אמת. מיין אומצוטרוי און באַזאָרגונג וועגן דעם, וואַקסט פון טאָג צו טאָג, אָבער איך זאָג קיינעם נישט וועגן דעם. איך שעם זיך אפילו פאַר דער מאַמען.

מיין מורא איז נישט פאַרקלענערט געוואָרן אפילו אין דעם טאָג ווען מען האָט שוין פאַרזאַמלט די אַלע וואַקאַצניקעס אין איין זאַל און גענומען זיי אין באָד אריין. איך האַלט אין איין ציטערן אַז אָט, אָט, וועט עפּעס געשען מיט מיר. נאָך דער באָד זיינען שוין אָנגעגרייט פאַר יעדן איינעם פרישע אונטערוועש, און פרישע קליידער פון קאָפּ ביז די פיס. מען לאָזט אונז שוין ניט אָפּ — מען האַלט אונז אַלע צוזאַמען — אַ גרופּע פון נאָענט צו הונדערט קינדער. מען נעמט אונז שלאָפן אין איין פלאַץ, אין אַ גרויסן זאַל. אָבער איך בין אַלץ פול מיט ציטערניש. איך ליג אויפן בעט און האָב אפילו מורא צו פאַרמאַכן די אויגן, טאָמער וועט מיר אימיצער קומען שטיקן און ווערגן. איך באַוואונדער אַלע די וואָס שלאָפן שוין אָן דער מינדסטער מורא און איך קען אפילו נישט וואגן צוצומאַכן די אויגן. דאָס זיינען פאַר מיר פיינלעכע שעה'ן. וואָס שפּעטער אין דערנאַכט בין איך זיכער אַז אָט, אָט, וועט מען מיר קוילענען. פאַרוואָס? פאַרווען? קלער איך אפילו נישט. און אַזוי ווער איך ערשט אַנטשלאָפן סאַמע פאַרטאָג, ווען מיט איין מאָל דערהער איך אַ שאַרפן פייף און מען הייסט אַלעמען אויפשטיין און אָנטאָן זיך. איך בין אזוי שטאַרק פאַרשלאָפן, אַז איך צי עטלעכע מאָל אָן אויפן פוס דעם נישט ריכטיגן שוך. איינער פון די הילפס-אויפזעער קומט זען פאַרוואָס פּלאָנטער איך זיך אַזוי און קען נישט אריינקריכן אין מיינע הויזן. איך האָב אָפּגעאָטעמט ווען איך דערזע זיך אין שפּיגל אָן אָנגעטאָנענער ווי אַ „דייטש”. איבערהויפּט קוועל איך אָן פון דער פּאָלערינע וואָס מען גיט יעדן פון אונז ווי אן אויבערמאַנטל.

ביסלעכווייז באַרואיג איך זיך. דערווייל זע איך, איך בין נאָך נישט קיין געשאָכטענער. איך פּראָווו אריינפאַלן אין דעם אַלגעמיינעם גייסט פון די יובעלירנדיגע יוגנטלעכע. מיר קריגן אַ גוטן פרישטיג פון פרישן ברויט מיט וואַרעמע מילך, און איך פיל גלייך ווי עפּעס ווערט מיר שטייפער מיין פויסט און נאַקן. אין אַ צוויי שעה שפּעטער זיצן מיר אין דער באַן, וואָס פירט אונז אין קעלצער גובערניע צו דער שטאָט, אָקשע. דאָרטן וואַרטן שוין אויף אונז פורן וואָס פירן אונז אינעם דאָרף, ניעזנאַנאָוויץ. איך ווער געוואר אַז

דאָס גאַנצע דאַרף איז דער אייגנטום פון דער הערץ פאַמיליע. ער, הערץ, איז פאַזנאַנסקי׳ס איידים. דאָס גאַנצע גוט איז אַ מתנה פון פאַזנאַנסקי׳ן צו זיין טאָכטער׳ס חתונה וואָס איז פאַרגעקומען מיט עטלעכע יאָר צוריק.

אַן אויסגעמאַטערטער פון נישט שלאָפן די פאַריגע נאַכט, זע איך אפילו נישט וואו מען פירט מיך אריין און וואו מען לייגט מיך שלאָפן. איך געדענק בלויז אַז פאַרן שלאָף האָט מען מיר געגעבן אַ גרויסע לוסטע פריש ברויט און אַ גרויסע גלאָז וואַרעמע מילך. איך בין גלייך אַוועקגעפאַלן ווי אַ טויטער און אין שלאָף האָט זיך מיר געדאַכט אַז אימיצער שניידט איבער מיינע געדערים מיט אַ מעסער. ווען איך כאַפּ זיך אויף פאַרטאָג, דערזע איך אַז איך האָב א שרעקלעך לויזן מאָגן. איך פאַרשטיי אַז דאָס איז פון דעם פרישן מילך וואָס איך האָב געטרונקען פאַרן שלאָף. עס דויערט מיר דערנאָך אַ היבשע עטלעכע טעג איידער איך רייניק זיך אָפּ פון דעם דאָזיגן אומ־אַנגענעמעם צושטאַנד. קיינער פון די אַנפירער האָט נישט פאַרשטאַנען אַז מיין מאָגן איז נישט געווען צוגעגרייט פאַר אזא שפּייז פאַרן שלאָף. זיי באַשולדיגן מיך דעריבער אין נאַכלעסיגקייט.

קיין גרויסן וואוילטאָג האָב איך די ערשטע טעג דאָרט נישט געהאַט. אַ היבשן טייל פון דער קאָמאַנדע אין דער פּוילישער שפּראַך האָב איך נישט פאַרשטאַנען און דעריבער אויסגעקוקט אין די אויגן פון די אַנפירער, שיר נישט ווי אַ שוואַרץ שעפּסל, וואָס פאַראומרייניגט די גאַנצע סטאַדע. איך קען נישט מיטזינגען די פּוילישע לידער. נישט איך פאַרשטיי זייער אינהאַלט, און נישט מיין צונג האָט אַ גלאַטן שליטוועגס ארויסצוריידן זיי ריכטיג. סוף כל סוף, אָבער, קען איך שוין כמעט אַלע לידער. איך זינג מיט אויף אַלע שפּאַצירן וואָס מען מאַכט מיט אונז; אויף אַלע גערעטעניש געיעגן נאָך שוואָמען, יאַגדעס, פּאַזשימקעס. מיין קול, אַ סאָפּראַנאָ פון גרעסערער קראַפט, מאַכט מיר דערנאָך פאַרן סאָלאָיסט פון פיל געזאַנגען.

איין ביטערע פּיל וואָס איך דאַרף אַראָפּשלינגען איז מיין מורא, אַז איך עס טרפות. ווען איך טרינק מילך ווייניגער ווי זעקס שעה נאָכן פליישעסן, ווייס איך אַז עס איז אַן עבירה. אָבער איך שעם זיך צו זיין אַן אויסנאַם. איך טרינק דאָס מילך און עס ברענט מיר דאָס מויל. איך ווייס נישט וואָס צו טאָן, אָבער איך קלער זיך — איך וועל אויך טאָן עטלעכע מצוות. איך פיל אַז איך טו אַ מצווה ווען איך דערצייל עטלעכע חברים די מעשה ווי אַזוי מען האָט אריינגעוואָרפן דניאל׳ן אינעם לייבן־גרוב, דערפאַר וואָס ער גלויבט אין דעם אידישן גאָט און וויל נישט עסן קיין טרפה זאַכן.

איך האָב אָבער דערנאָך פאַר זיך אַ גרעסערן נסיון. צו איינעם פון די אַנפירער אין דעם וואַקאַציע לאַגער קומען צו פאָרן צוויי שוועסטער,

יונגע, שיינע מיידלעך פון ארום פופצן, זעכצן־יאָריגן עלטער. עטלעכע עלטערע בחורים פאַרטשעפּען די מיידלעך, פּרואוּוען זיי קושן און האַלדזן. אין דער אמת׳ן בין איך זיי מקנא, אָבער איך שפּיל די ראָלע ווי א פרומער בחור וואָס וואָרנט זיינע חברים נישט צו זינדיגן. אָבער שפּעט ביי נאַכט ווען איך ליג אויפן בעט, באַמערק איך אַז די מיידלעך שטייען מיר פאַר די אויגן און איך באַטראַכט דאָס פאַר אַ גרויס זינד. דער דאָזיגער נסיון האַלט שוין אָן דורך דער גאַנצער וואַקאַציע.

מיין צופרידנקייט פון דער וואַקאַציע שטעלט זיך אַרויס צו זיין אַ גרויסע, נאָך דעם ווי מען וועגט מיר דעם לעצטן טאָג און איך רעגיסטריר פינף־און־צוואַנציג און אַ האַלב פונט געווינס, אַזוי אַז איך קום אהיים שוין אַ בחור׳ל פון איבער פיר־און־זיבעציג פונט, מיט רויטע, פרישע בעקלעך. אודאי פרייט זיך מיט מיר מיין מוטער און אפילו מיין שוועסטער פייגעלע וואָס האָט שוין די דריטע וואַקאַציע אין איר לעבן. איך נעם זיך איבער מיט דעם וואָס איך ברענג צו פירן מיט צוועלף פונט מער פאַר איר. כאָטש אין גאַנצן גענומען וועגט זי נאָך אַלץ מיט דריי פונט מער פאַר מיר.

דערפאַר האָב איך מיטגעבראַכט מיט זיך נישט נאָר מער ווי זי אין וואָג, נאָר אויך עטלעכע פּוילישע לידער פון וועלכע זי הייבט נישט אָן צו וויסן.

איינע פון די ערשטע זאַכן וואָס איך טו איז צו באַזוכן מיין קראַנקן ברודער יאָשקע אין פאַזנאַנסקי׳ס שפּיטאָל. דעם ערשטען מאָל קומט מיר אָן שווער צו געפינען אים. אָבער איך בין זייער אנטוישט ווען איך קום שוין צו צו אים און זע ווי ער ליגט אומבאַוועגלעך אין דעם בעט. איך פּרואוו אים וועקן, מיינענדיג אַז דאָס איז אַ נאָרמאַלער שלאָף, אָבער דער פּאַציענט אין דער דערבייאיגער בעט, זאָגט מיר אַז עס איז אומזיסט מיין מי. ער דערציילט אַז פיל דאָקטוירים האָבן אים געפּרואווט ארויספירן פון דעם לעטאַרגישן שלאָף. מען האָט אים געשטאָכן מיט שפּילקעס אין די הענט, אין די פיס און אַנדערע טיילן פון קערפּער, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. ווען דער דאָקטאָר קומט צו צום בעט אין זיין איבערגאַנג, פרעג איך אים ווי לאַנג קען מיין ברודער נאָך אַזוי ליגן באַוועגלאָז. זאָגט ער מיר אַז דאָס איז אַ זייער זעלטענער פאַל פון לעטארגיע; אַז עס טרעפט פיל מאָל אַז ער כאַפּט זיך יאָ אויף, גייט ער אליין אַראָפּ פון בעט און עסט אויף אַלץ וואָס איז ביי אים אין שענקל, און אָפטמאָל אויך וואָס ער געפינט אין אַנדערע, דערבייאיגע שענקלעך. איך גיי אהיים צוריק אָן אנטוישטער און ווען איך דערצייל עס מיין מוטער, שאָקלט זי טרויעריג מיטן קאָפּ און זאָגט, „ווער ווייסט צי מיר וועלן נאָך האָבן דעם זעלבן יאָשקען ווי אַמאָל!" פון דעמאָלט אָן קום איך

יעדע וואָך אויף אַ באַזוך אין שפּיטאָל, ביז איין מאָל, עטלעכע טעג פֿאַר ראש השנה קום איך צוגיין און זע אים זיצן אין בעט. איך וואונדער זיך צי ער דערקענט מיך. ערשט, ער זאָגט מיט אַ שוואַך קול, „ישראל־בער, דאַכט זיך... ביזט שוין אַ גרויסער בחור.” איך גיב אַ שפּרונג צו אים, הייב אים אָן צו קושן און וויינען. „ווען קומסטו שוין אַהיים?” פֿרעג איך אים. ער ענטפֿערט נישט גלייך, אָבער צייִלנדיג די ווערטער, זאָגט ער, „אויב גאָט וועט העלפֿן, וועל איך נאָך קענען דאַווענען פֿאַרן עמוד יום כיפור.”

איך לויף אַוועק אַהיים אַזוי שנעל, אַז איך קען נישט כאַפּן דעם אָטעם. איך לויף אַריין אין שטוב אַריין מיט אַ געשריי, „מאַמע, יאַשקע איז שוין געזונט! ער רעכנט נאָך צו דאַווענען פֿאַרן עמוד יום כיפור.”

אַזוי פֿיל האָט גאָט נישט געהאָלפֿן. יאַשקע איז אַהיים געקומען, אָבער ערשט צוויי וואָכן נאָך יום כיפור. מיר האָבן זיך מיט אים געפֿרייט און געפֿרייט. שטאָטישע און אויסער־שטאָטישע חזנים זיינען אים געקומען באַזוכן און איינלאַדן אַלס כאָר־מייסטער אין זייערע שולן. עס איז אויך געקומען אים באַזוכן דער דירעקטאָר פֿון אידישן טעאַטער, דער אַלטער פֿישזאָן, וואָס האָט אגב אים אויך איינגעלאַדן צו קומען אַלס כאָר־מייסטער אין זיין אָפּערעטן־כאָר. איין חזן, דער טאָמאַשאָווער, האָט פּשוט נישט געוואָלט אָפּטרעטן ביז ער וועט אָפּשרייבן אַ קאָנטראַקט מיט אים אַם וויניקסטן אויף איין יאָר צייט. אָבער יאַשקע האָט געזאָגט, „איך אייל זיך נאָך נישט. איך דאַרף פֿריער אין גאַנצן געזונט ווערן.”

מיר האָבן אים שוין אַ גאַנצן ווינטער אין הויז, ער זיצט און שרייבט נאָטן, קאָמפּאָנירט נייע תפילות, נייע וואַלצן, קאָנצערטן, צו פֿאַרשידענע אינסטרומענטן. פֿאַרקויפֿט עטלעכע און שרייבט נאָך מער.

קאַפּיטל צוואַנציק

מיין דרייצנטער יאָר

אין עטלעכע טעג אַרום נעמט יאַשקע מיך מיט אויף אַ באַזוך אין אידישן טעאַטער, און ער אַראַנזשירט מיט די אַדמיניסטראַטאָרן אַ פֿרייען איינטריט פֿאַר מיר. איך בין אין זיבעטן הימל. איך האָב שוין לאַנג געחלומ׳ט וועגן באַזוכן אַ פּיעסע אין דעם אידישן טעאַטער. איך בין אָבער פֿון איין זייט באַרוישט און פֿון אַ צווייטער זייט אַנטוישט. באַרוישט בין איך פֿון די פֿיל־פֿאַרביגע סצענעס אין דער פּיעסע „אחשורוש”. איך האָב נאָך קיין מאָל נישט געזען ווי אַ קעניג זעט אויס, און אַ מלכה אודאי נישט. איך זע אויך מיניסטאָרן. איך צווייפֿל, אָבער, צי דער ממוכן וואָלט היינט אויך געקענט זיין אַ מיניסטער. איך בין אָבער אַנטוישט אין דעם צדיק, מרדכי. עפּעס קוקט ער

מיר נישט אויס ווי קיין צדיק. און אודאי געפעלט מיר נישט אסתר. זי איז גאָרנישט אַזוי שיין אויף דער סצענע ווי אין מיין פאַנטאַזיע. איך צווייפל אויך צי אין דער צייט פון אחשוורוש'ן האָט מען גערעדט דייטש, ווי די אקטיאָרן אין אידישן טעאַטער רעדן. אָבער אין אַלגעמיין איז דאָס אַן אינטערעסאַנטע איבערלעבונג. בפרט נאָך, אַז איך זע דערנאָך אַ גאַנצע רייע אַנדערע פּיעסן און איך האָב הנאה פון אַזעלכע ווי „שולמית", „בר־כוכבא"...

דער דאָזיגער יום טוב האַלט ביי מיר אָן בלויז אַזוי לאַנג ווי יאַשקע איז אין שטאָט. אין איין שיינעם פרי־מאָרגן סוף ווינטער, כאַפּ איך זיך אויף און זע ווי יאַשקע פּאַקט זיך אין וועג אריין. די מאַמע פרעגט וואוהין ער פאָרט יעצט, זאָגט ער, אַז ער קלייבט זיך שוין לאַנג צו פאָרן אין איטאַליע. ער האָט אַ פריינט וואָס זינגט אין דער לא סקאַלאַ. ער וויל אפילו נישט עסן וואָס די מאַמע גיט אים, נאָר ער פּאַקט עס איין מיט דער באַמערקונג, „שפּעטער". דאָס, ווייזט אויס, ווערט ביי אים שוין אַ נאַטירלעכע געוואוינהייט. ווען ער קומט מיט אַ יאָר שפּעטער ווידער אין לאָדזש, האַלט ער נאָך אַלץ אין אָפּלייגן „גוטע זאַכן" אויף שפּעטער. דערוויַיל רוקט זיך אָן אַלץ נענטער מיין „בר־מצוה". ר' גרשון הייבט מיר שוין אָן צו לערנען די דרשה. איך באַמערק, אַז זי איז די זעלבע, וואָס ער האָט געלערנט מיט מיין חבר, שמעון־גרשון בערענשטיין פון פאַראיאָרן. אָבער עפּעס גיט זיך אַ האַק אריין אַ קלין אין מיין ענטוזיאַזם פאַר דער בר מצווה. ווען דער רוסישער לערער קומט אריין אָפּהאַלטן זיין קלאַס אין אַ נאָכמיטאָג, הייבט ער זיך אָן שטילערהייט צו שושקען מיטן רבי'ן. מיר זעען ווי דער רבי ווערט בלאַס. ער קומט צו צוריק צו זיין פּלאַץ און זאָגט — „קינדער, איך האָב שלעכטע נייעס. אונזער קיסר איז געשטאָרבן." דער לערער חזר'ט דערנאָך איבער דעם קיסר'ס נאָמען, אימפּעראַטאָר אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש דער דריטער. ער דערציילט אונז, אַז דאָס איז געווען איינער פון די מעכטיקסטע קיסרים וואָס האָבן נישט געפירט קיין מלחמה, נאָר געזוכט דורכצוקומען מיט גוטן. ער רעדט וועגן אים מיט גרויס פּיעטעט. (ערשט מיט יאָרן שפּעטער דערוויס איך זיך אַז ער איז געווען איינער פון די גרעסטע טיראַנען אין דער געשיכטע.)

אין חדר רעדט מען אַ סך וועגן איינשווערן דעם נייעם קיסר, ניקאָליי דעם צווייטן. מען שמועסט אַז אין אַלע שולן וועט מען דאַרפן שווערן צו אים טרייהייט. בלויז קינדער אונטער דריי יאָר וועלן נישט דאַרפן שווערן. ביי מיר, אָבער, אַנטשטייט די פראַגע צי וועל איך קענען שווערן. איך באַטראַכט דאָס ווי אַ גרויסער כבוד און איך מאַך ביי זיך אָפּ, אַז איך וועל שוין זען מיט אַלע כוחות אריינצוקומען אין שול אריין און זיין צווישן די שווערער. אַז

איך „גיי שוין דאָך באַלד לייגן תפילין״... איך לערן דאָך שוין מיין דרשה... איך פיל אַ וואַרעמקייט אין מיין גאַנצן קערפּער פון דעם געדאַנק אַליין.

אין דער צייט פאַרענדיק איך לייענען אַ ראָמאַן וועגן איזאַבעלאַ, די שפּאַנישע קעניגן, איבערזעצט פון אַ. טאַנענבוים. אין דעם ראָמאַן שפּילט אַ ראָלע אַ געהיימע געזעלשאַפט, וואָס רופט זיך די „פליענדיגע שלייף״. די געזעלשאַפט קעמפט געגן די יעזואיטן און דער אינקוויזיציע. עפּעס רעגט מיר אָן צו שרייבן אַן ענלעכן ראָמאַן אין העברייאיש. איך זאָג קיינעם גאָרנישט און איך נעם זיך שרייבן. איך אַדאַפּטיר דעם סטיל פון קלמן שולמאַן. זיין „דברי ימי עולם״ ליגט מיר נאָך אַלץ ווי האָניק אונטער מיין צונג. מיין טרייהייט צום רוסישן קיסר קומט אויך פון זיין באַגייסטערונג פאַר דער רוסישער אימפּעריע. איך געדענק נאָך וואָרט ביי וואָרט די ווערטער וואָס שולמאַן האָט אויף זיין פּען נאָך דעם ווי ער דערציילט וועגן די בלוט פאַרגיסונגען און גירושים, די ארויסטרייבונגען פון אידן פון די קריסטלעכע לענדער. ער שרייבט, „כי ידין ה׳ עמים בקץ הימים ודמי היהודים עליהם יטוש, תשא רוסיה ידיה הטהורות אל כס יה ותאמר ידינו לא שפכו את הדם הזה. אשריך ערץ אשר לך חרדה יונה מוריה ותמצא קן לה ואפרוחיה מחסה ומסתור. אשרי העם שהסתיר בסתר כנפיו את ניני אברהם העברי ועדרי משה איש האלוהים.״ *

ווען איך פאַרענדיק מיין דריטן קאַפּיטל, ווייז איך עס מיין נייעם פּעטער, בערל גאָז. ער לויבט מיר שטאַרק, פאַר מיין שיינעם העברייאיש. איך זאָג אים גלייך אַז איך בין שטאַרק באאיינפלוסט פון שולמאַנ׳ס סטיל און ער גיט מיר צו מוט ווייטער צו שרייבן. ווען מיין מוטער פרעגט אים, „רעכנט איר, אַז ער וועט נאָך אַמאָל קענען שרייבן?״ ענטפערט ער גלייך אָפּ, „אַמאָל?.. ער קען שוין!״

איך ווייס נישט צי וועלכע עס איז בשורה וואָלט בעסער באַלעבט מיין מאַמע׳ס באַקן. זי פרעגט מיך צי וועל איך ווייזן דעם רב וואָס איך האָב געשריבן. איך האָב זיך פשוט דערשראָקן פאַר דעם געדאַנק. אָבער זי איילט זיך צו און לאָזט וויסן דער שניאדעוווער רעביצן אַז איך שרייב אַ ספר. זי, מסתמא, האָט אָנגעזאָגט דעם רבי די זעלבע נייעס, אַזוי, אַז פרייטאָג ווען איך קום עסן מיין מיטאָג, גיט מיר די ערשטע זאַך דער רב אַ זאָג — „אַזוי גאָר, דו שרייבסט שוין אַ ספר?״ איך האָב פאַר זיך קיין שפּיגל נישט צו

*„אין סוף פון יאָרן, אַז גאָט וועט משפּטן די פעלקער און דאָס בלוט וועט אויף זיי צייגן אַז זיי האָבן פאַרגאָסן יידיש בלוט, דאַמאָלט וועט רוסלאַנד אויפהויבן אירע ריינע הענט צו גאָט און זאָגן: אונדזערע הענט האָבן דאָס בלוט נישט פאַרגאָסן.״ (אין דער צייט ווען איזאַבעלע האָט אַרויסגעטריבן די יידן פון שפּאַניע האָט נאָך רוסלאַנד קיין יידן ניט געהאַט.)

זען ווי רויט איך ווער... איך ווייס נישט וואָס צו ענטפערן. מיין צונג ווערט מיר פאַרשטייפט.

„שעם זיך נישט, שעם זיך נישט, דיין עלטער, עלטער, עלטער זיידע, דער „שאגת אריה" האָט שוין אָנגעהויבן צו שרייבן אַ ספר ווען ער איז נאָך געווען אינגער פאַר דיר."

איך ווייס נישט ווי אַזוי זיך ארויסצודרייען פון דער געשיכטע. איך האָב מורא אז זי זאָל נישט דערגיין צום לאָדזשער רב... מער פעלט מיר נישט!

דערווייל פאַסירט אַ גרויסע ענדערונג אויף אונזער הויף, זאַכאַדניע פיר־און־פופציג. עס ציט זיך אריין אַ פאַמיליע, וואָס רופט ארויס גרויס אויפמערקזאַמקייט. מען האַלט אין איין רעדן וועגן זיי; פאַרשידענע באַריכטן ווערן אָנגעגעבן וועגן זיי. מען שמועסט, אַז אַט די זלמן רובין פאַמיליע קומט פון אַ רייזע ארום דער וועלט. מען זאָגט, אַז ער אליין, דער אַלטער רובין, רעדט אויך מער ווי פופצן שפּראַכן. איך ווער זייער פאַראינטערעסירט און באַקען זיך מיט זייער אינגסטן אינגל, לייבוש, ער פרייט זיך וואָס ער ווערט שוין איינגעקויפט אין דער אינגלשער געזעלשאַפט פון הויף. נאָך מער פרייט ער זיך וואָס זיין פאָטער גיט אים אָפּ אין חדר צו ר' גרשונ'ען. ער איז מיט אַ פּאָר יאָר אינגער פאַר מיר און ער איז אַ ביסל הינטערשטעליג אין אונזער גמרא־קלאַס. מיין רבי לאָזט עס וויסן דעם אלטן רובין און ראט אים מיך צוצונעמען פאַר אַ העלפער. ווען איך קום אהיים, ווייס שוין מיין מוטער, אַז רובין זוכט מיך און זאָגט מיר אַז איך זאָל גלייך ארויף צו זיי אין וואוינונג. ה' רובין האָט שוין אויף מיר געוואַרט. „דיין רבי האָט דיר רעקאָמענדירט צו זיין לייבוש'ס אַן עלטערער חבר. איך וועל דיר צאָלן צוויי רובל אַ וואָך. און אַז ער וועט האָבן אַ פעולה, וועל איך דיר געבן מער ווי דאָס."

באַלד איז צוגעקומען לייבוש'ס מוטער, אַ הויכע, שיינע, בלאָנדע פרוי, אין די אייגענע האָר, און לאָדט מיר איין צו עסן מיט זיי מיטאָג. דאָס איז פאַר מיר געווען אַ גרויס פאַרגעניגן. די עלטערע זין, רובינ'ס, געפין איך אויס, זיינען זייער געלערנטע מענטשן און עס איז אַ תענוג צוצוהערן זיך צו זייערע געשפּרעכן. איך זע אויך ווי זיי שפּילן שאַך. עס איז גאַר אַן אַנדער מין שאַך ווי די שפּיל וואָס מענדל האָט מיר געלערנט ווען מיר האָבן געוואוינט צוזאַמען אין איין צימער.

דאָ איז שוין לייבוש געוואָרן מיין לערער. ער גיט מיר מאָט אין טעלעכע צוגן און ווייזט מיר די שאַרפקייטן פון דעם שפּיל. מיר ווערן שנעל באַוואוסט אויפן הויף, ווי אויך אין חדר, ווי אומאָפּטיילבאַרע חברים. מיר האָבן זיך שטאַרק ליב איינע די אַנדערע. מיט מיינע צוויי רובל אַ וואָך קריג

איך ביי מיין מאַמען אַ העכערן סטאַזש. זי זאָרגט זיך שוין מער פאַר מיינע מאַלצייטן וואָס איך עס אין הויז און קויפט מיר אין גיכן אַ נייעם גאַרניטער, דער ערשטער נייער גאַרניטער וואָס איך געדענק. און אָט רוקט זיך אָן מיין בר מצווה. די מאַמע לאַדט איין אַלע אונזערע פריינט און משפּחה. ווי אַזוי זיי האָבן זיך אַריינגערוקט אַזוי פיל מענטשן אין אַזאַ ענגער און נידעריגער דירה פון צוויי צימערלעך וואו דער דאַך ליגט איבערן קאָפּ און מען דאַרף זיך כסדר איינבויגן, ווייס איך נישט. אָבער דער עולם האָט נישט געפילט, קענטיק, אַז עס איז זייער אומבאַקוועם. פאַרקערט, נאָך מיין (פּאַקטיש דעם רבי׳נס) דרשה, האָט כמעט יעדער איינער אויסגעדריקט צופרידנקייט. דער שניאַדעווער רב האָט מיר אונטערגעטראָגן אַ פיינעם זילבערנעם זייגער ווי אַ מתנה פאַר מיין גוטער דרשה. מיין רבי, ר׳ גרשון אַליין, האָט געשטראַלט פאַר גליק און צוגעזאָגט מיין מוטער צו לערנען מיט מיר נאָך אַ זמן אויב איך וועל איינשטימען, אין גאַנצן אָן געצאָלט. איך האָב געפילט זייער גוט ווען איך הער פון אומעטום אַז מיין דרשה איז געווען זייער אַ קאָמפּליצירטע און אַז איך האָב זיך נישט פאַרבלאָנדזשעט אין איר. פּאַקטיש, דערוויס איך זיך דערנאָך אַז צוליב דעם וואָס ר׳גרשון האָט זיך דערוואוסט אַז איינער אָדער צוויי רבנים וועלן אויסהערן די דרשה, האָט ער אַריינגע־פלאָכטן אין איר מער מאַטעריאַל ווי ער האָט עס געטאָן מיט די פריערדיגע דרשות פון זיינע עלטערע תלמידים.

אַז איך קריג אַ גוטן נאָמען צוליב מיין לאַנגער דרשה, דערוויס איך זיך ערשט סוכות, ווען מען טיילט מיר צו אַ זייער בכבודיקן פּלאַץ אין דער סוכה וואָס די רובינס האָבן פאַר זיך געמאַכט, אַ סוכה מיט אַלע באַקוועמ־לעכקייטן. איידער איך פאַרלאָז ר׳ גרשונ׳ס חדר, מוז איך אָט דעם רבי׳ן מיינער, ווי אויך די אַנדערע לערער פון זיין שולע, אַ ביסל כאַראַקטעריזירן. ער, ר׳ גרשון אַליין איז נישט נאָר געווען מיין בעסטער רבי, נאָר אויך דער ערלעכסטער מענטש און לערער צו וועלכן איך האָב אַ לאַנגע צייט אַרויפ־געקוקט מיט גרויס דרך־ארץ. עס וואָלט פאַרנומען צו פיל פּלאַץ אויסצו־רעכענען די פאַרשידענע עפּיזאָדן אויף וועלכע איך באַזיר מיין באַהויפּטונג. איך וויל בלויז ברענגען איינעם אָדער צוויי ביישפּילן — ער פלעגט מיר אָפט אַרויסשיקן צו קויפן פאַר אים אויפּשניט. ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, איז דער מאָטיוו געווען נישט בלויז, אַז איך זאָל זיך אויסלערנען ווי אַזוי צו קויפן עפּעס, נאָר אַז איך זאָל האָבן אַ ביסל עקסטרע פרישע לופט. איין מאָל ברענג איך אים אַ האַלב־פערטל פונט אויפּשניט, וואָס ער האָט געאָרדערט, און ווען ער נעמט עס אין האַנט אַריין, שאָקלט ער נעגאַטיוו מיטן קאָפּ. ער גיט עס מיר אָפּ צוריק. איך וואונדער זיך, וואָס פאַר א

שלעכטס האָב איך דאָ געטאָן? ער זעט מיין דערשטוינונג און דערקלערט מיר מיט אַ פראַגע: „וויפיל געלט האָב איך דיר געגעבן? וויפיל האָב איך דיר געבעטן צו קויפן? איך ענטפער אים. אָבער דאָס איז נישט קיין האַלב־פּערטל וואָס דו האָסט מיר געבראַכט. דאָס איז אַ גאַנץ פּערטל. זיי האָבן דאָס פאַרזען. זיי אַזוי גוט און טראָג עס אָפּ צוריק; און אויב דאָס האָט דיר געגעבן ניט דער באַלעבאָס, נאָר איינער פון די אָנגעשטעלטע, זאָג אים שטילערהייט אַז קיינער זאָל נישט הערן, אַז ער אָדער זי, האָט געמאַכט אַ טעות. אויב דער באַלעבאָס אַליין האָט עס דיר געגעבן, אָדער אימיצער פון די באַלעבאַטים, דאַרפסטו זיך אַזוי נישט היטן מיט אַ וואָרט. זאָג זיי אַז זיי זאָלן אַראָפּנעמען אַ העלפט און ברענג מיר דאָס איבעריגע."

דאָס איז פאַר מיר געווען איינער פון די איבערצייגונגדיגסטע לעקציעס אין אָרנטלעכקייט, און אין אָפּגעהיטנקייט פון שטעלן אין אַ שלעכטער לאַגע אַן אַרבעטער אָדער אַן אָנגעשטעלטן פאַרן באַלעבאָס אין די אויגן.

איינער פון די שבחים וואָס איך קען געבן מיט אַ גוטן געוויסן מיין רבי'ן ר' גרשון איז די קוואַליטעט פון דעם שטאַב לערער וואָס ער האָט זיך צוגעקליבן. מיטן אויסנאַם פון דעם רוסישן לערער, ה' באום, אַ צו־גרויסער פּעדאַנט, זיינען זיי אַלע געווען מענטשן מיט הויכער עטיק און מאָראַל. מען האָט זיי געמוזט ליב האָבן. למשל, מיין ערשטער העברייאישער לערער, יאַנקעלעוויטש; — אויסער אַ לערער, אויך אַ דיכטער אין העברייאיש, אַ מייסטער פון אַקראָסטיק און פון צייט־לידער. נאַטירלעך האָט ער געוואָלט אונז אָנשטעקן מיט די דאָזיקע צוויי מעלות. ווען איין אינגל האָט אים צוגעשטעלט אַ ליד און ער האָט גלייך דערזען, אַז דאָס איז נישט זיין אייגנס, נאָר איבערגעשריבן פון אַ באַקאַנטן דיכטער, פאַרשעמט ער אים נישט אין די אויגן פון דעם גאַנצן קלאַס, נאָר ער הייסט אים צו וואַרטן ביז דער קלאַס וועט זיך ענדיקן און דעמאָלט וועט ער מיט אים רעדן וועגן זיין היים־אַרבעט. דאָס אינגל האָט שפּעטער מיט טרערן אין די אויגן זיך מודה געווען פאַרן גאַנצן קלאַס, אַז דאָס האָט ער איבערגעשריבן אַ ליד פון י. ל. גאָרדאָן, אָבער דער לערער האָט אים גאָר געגעבן אַ קאָמפּלימענט און דערציילט אים אַ מעשה וועגן צוויי פאַרשידענע גנבים — איינער וואָס גנב'ט בלויז ביי רייכע, אַ צווייטער וואָס גנב'ט בלויז ביי אָרעמע. דו, האָט ער געזאָגט, האָסט גע'גנב'ט ביי זייער אַ רייכן.

דער צווייטער העברייאישער לערער נאָך אים איז געווען בן־ציון מייזל, זלמן מייזל'ס אַ ברודער. אַ מענטש, אַ דימענט. וועגן אים וועט מיר אויסקומען צו שרייבן ביי אַ צווייטער געלעגנהייט. דער דריטער העברייאישער

לערער, דאַכט זיך דוד שימשעלעוויטש, וואָס איז געקומען נאָך אים, איז געווען גאָר אַן אויסנאַם. נישט בלויז איז ער געווען אַן אויסגעצייכנטער סטיליסט, נאָר אויך אַ וואונדערבאַרער לינגוויסט און פילאָלאָג. איך האָב אים באַזונדערס ליב. ער איז געווען זייער מאָגער, מיט קורצזיכטיגע אויגן און אַן עטוואָס געבויגענע פלייצע, אָבער — אַן אמת׳ע מאַמע און פאָטער פון זיין „פאַמיליע". קיין שלעכטער אויסדרוק אויף אַ תלמיד איז פון זיין מויל נישט ארויס־געקומען. זיינע אויסבעסערונגען אין קאָמפּאָזיציע זיינען געווען שטענדיג איבערראַשנדיגע, און צוגעגעבן אַ גרויסע חשיבות צו דער קאָמפּאָזיציע. זיין דערמוטיגונג האָט פון דעם קלאַס אַרויסגעגעבן עטלעכע העברייאישע שרייבער.

אין אַ באַזונדער קאַטעגאָריע נעם איך דעם דייטשישן לערער, וואָס זיין נאָמען איז טאַקע געווען דויטש. איך קען נאָך עד היום נישט פאַרשטיין דעם סוד פון זיין מעטאָדע. נישט קענענדיג קיין איין אות פון דעם קאָמפּ־ליצירטן דייטשישן אַלפאַבעט, הייב איך אָן צו לייענען פליסיק, גאָר אין אַ קורצער צייט, געטהע׳ן, לעסינג׳ען, שילער׳ן, און קערנער׳ן. זיין מעלאָדישע שטימע וויזלט מיר נאָך יעצט אין מיינע אויערן. אָבער וואָס קומט ארויס, איך מוז אים שנעל איבערלאָזן, ווייל דער רב הייסט מיר גיין צוריק אין דער תלמוד תורה; און אַז ער הייסט, גיי איך.

איינע פון די נאָכווייענישן פון מיין בר מצווה איז אַ פּראָצעסיע פון שדכנים צו מיין מאַמען וועגן חתונה מאַכן מיך. גאָלדענע זייגערס זיינען געהאָנגען אין דער לופטן, און אַלס אַ צוגאָב אויך שיינע כלות. אין איין פאַל אַזעלכן, בין איך כמעט ווי געשטרויכלט געוואָרן. דאָס איז אָבער געווען אַ דאָפּלטע שדכנות — אַ מאַן פאַר מיין מוטער, אַ חזן אין אַ שטעטל אין ראַדימער גובערניע, און אַ כלה פאַר מיר, זיין טאָכטער. דער הויפּט נדן פאַר מיר איז וואָס ער וועט מיר לערנען זיין אַ חזן און אַ שוחט. מיין מוטער איז כמעט געווען פאַרטיג צו זאָגן „יאָ" נאָך איידער זי פרעגט מיך, אָבער איך בין אַרויס מיט אַזאַ „ניין!" אַז דער שדכן איז פאַרציטערט געוואָרן. מער פעלט מיר נישט ווי צו שניידן העלדזער! דער אינצידענט, אָבער, מאַכט מיר צו פאַרקלערן זיך שטאַרק פון דעם גורל פון מיין נאָך זייער יונגער מוטער, אַן אלמנה צו ניין־און־צוואַנציג יאָר, מיט צוויי „שטיקלעך" קינדער אויף אירע הענט און אַרבעטנדיג נעכט און טעג פאַרן שטיקל ברויט, האָב איך געדאַרפט זיין אַ גזלן אויסצושרייען דעם הויכן „ניין" ווען זי האָט פאַר זיך שוין געזען אַ דערלייזונג פון איר פּראָבלעם. דאָס האָב איך אָבער ערשט שפּעטער פאַרשטאַנען, ווען עס איז שוין געווען פאַר איר צו

שפעט און פאר מיר צו פרי צו בויען זיך אַ פאַמיליע, ווען איך בין ערשט געווען אין מיינע ערשטע טריט צו ווערן וואס עס איז.

קאַפּיטל אייז־און־צוואַנציק

נסיונות און דמיונות

מיין ערשטע דערפאַרונג, וואָס איך האָב מיט דעם שדכן איז נישט די לעצטע. עס איז שוין געוואָרן פאַר שדכנים אן אויסגעטראָטענער וועג — אַ בחור׳ל אַ לערנער, אַ מוטער — אַ יונגע אלמנה, די פאַמיליע — אַ שיינע — רבנים פון ביידע זייטן — אַזאַ „אוצר״ קענען שדכנים נישט אַזוי לייכט אויפגעבן. נו, האָב איך עס יעצט: איין שדכן שטייגט איבער דעם צווייטן מיט אלערליי גוטע הבטחות. עס פאַרגייט אַזש אין נאַז. די ישיבה־בחורים מיט וועלכע איך לערן זיינען מיר מקנא. דערפאַר, אָבער, נעם איך זיך געשמאַק צום לערנען. מיין מוטער וויל דורכאויס איך זאָל ווערן אַ רב. איך מוז זען, אַז זי זאָל נישט אַנטוישט ווערן. איך לערן שוין אָפט אליין ביינאַכט כדי אין גיכן צו קענען אַנקומען אין אַ גרעסערער ישיבה.

מעשי־שטן, אָבער, פירן מיר עטלעכע חברים אַראָפּ פון וועג. זיי שפּילן אין קוויטלעך, אין קאָרטן, אין דאָמינאָ און אין אַנדערע אזארטנע שפּילן. זיי שלעפּן מיך כמעט אריין מיט גוואַלד אין די לייכטזיניגע עסקים. אַזוי ווי איך בין שוין אַ „גביר״, — די מאַמע גיט מיר וואָכן־געלט פאַר העלפן איר אין די מאָרגן שעה׳ען מיטן געבעקס. זי גיט מיר שוין יעצט אַ רובל אַ וואָך, צוזאַמען מיט די צוויי רובל פון זלמן־רוביז, האָב איך שוין גאַנצע דריי רובל — פאַל איך אַריין ווי אַ שיכורער אין די פאַרשידענע שפּילן און — נאָך דעם ווי איך האָב איין מאָל געוואונען עטלעכע קאָפּעקעס, פאַרשפּיל איך שוין כסדר. איך האַלט אין איין שפּילן כדי צוריקצוגעווינען דאָס פאַרלאָרענע. דער רעזולטאַט, אָבער, איז אַז איך פאַרליר נאָך מער.

איך פאַרליר אָבער נישט בלויז געלט, נאָר נאָך מער, די טייערע צײַט וואָס איך דאַרף אָפּגעבן אויף לערנען צו ווערן אַ רב. פיר איך אָן מיט זיך אַ קאַמף און איך זוך אַ וועג ווי אַזוי ארויסצורייסן זיך פון דער כאַפּטע קאָרטן־שפּילער. איך האָב זיך אפילו נישט מיט וועמען צו באַראַטן וועגן דעם. די מאַמע טאָר זיך וועגן דעם נישט דערוויסן. פאַלט מיר איין, אַז איך קען עס טאָן אָן איר דערוויסן זיך. בעטן איר, אַז זי זאָל מיר אויפהערן צו צאָלן דעם רובל אַ וואָך און אַז זי זאָל פון מיר נעמען די צוויי רובל איך קריג פאַרן לערנען מיט לייבוש׳ן, כדי צו האָבן גענוג געלט אויף צו קויפן זיך אַ וואַרעמע פאַר שטיוול אויף ווינטער. קום איך איין טאָג אין דער ישיבה מיט דער נייעס, אַז איך האָב שוין מער קיין געלט נישט. איך קען שוין מער נישט

שפּילן. סיידן אימיצער וועט מיר אויסבאַרגן. דאָס איז אָבער איין זאַך וואָס קאָרטן־שפּילער ווייסן, אַז מען דאַרף נישט לייען קיין געלט אויף קאָרטן־שפּילן. בין איך אויף אַזאַ אופן ניצל געוואָרן. אָבער ווי זאָגט זיך אין פּסוק, „ארויסגעקראָכן פון אַ גריבעלע און אריינגעפאַלן אין אַ גרוב." קענטיק אַז דער „שטן" האָט זיך שוין אָן מיר אָנגעכאַפּט אויף נישט אָפּצולאָזן.

מאַכט זיך איין פרימאָרגן, ווען איך גיי מיט מיינע געבעקס־אָרדערס אויף עטלעכע שטעלעס, וואָס די מאַמע האָט מיר נאָך איבערגעלאָזט, און קום אַריין אַ דערפראָרענער אין אַ רייכער הויז אויף דער פראָמענאַדן גאַס, צו די גינצבערגס. די מאַמע פלעגט מיר שטענדיג זאָגן אַז דאָס איז די רייכסטע הויז וואָס גיט איר צו לייזן. איך קלינג אָן אין גלעקל ווי שטענדיג, אָבער אַנשטאָט די דינסט זאָל מיר עפענען, עפנט מיר גאָר דער מאַן, קענטיק ה' גינצבערג אליין. איך ווער זייער צעמישט באַכפּאַלגנדיג אים אין קיך אריין. איך הייב אָן ארויסצולייגן מיין סחורה, אָבער איך באַמערק, אז איך געדענק נישט געענוי וואָס צו געבן זיי און וויפל פון יעדן סאָרט. ער זעט מיין פארלעגנהייט, און ווען איך זאָג אים אַז איך געדענק נישט וואָס איך דאַרף אים געבן, זאָגט ער מיר זייער אײדל, „וואַרט אַ ווײלע, איך וועל אריינשיקן די פּאָקאָיאָווע". ער גייט צוריק אריין צו זיך און אין אַ מינוט, צוויי אַרום, קומט אַרויס אַ יונגע פרוי, כמעט אין גאַנצן אָן קליידער, מער ווי אַ האַלב נאַקעטע. מיינע אויגן ווערן פאַרבלענדט פון דער ווייסקייט און געטאָקטקייט פון אירע גלידער. איך הייב אָן צו שטאַמלען און איך הער אליין אַז עס קומט נישט ארויס קיין איין גלייך וואָרט פון מיין מויל. איך זע זי שמייכלען און איך ווער נאָך מער צעמישט. איך האָב געפילט אַז אָט, אָט וועל איך זיך צעוויינען. זי העלפט מיר אָבער אַרויסגיין פון מיין פאַרלעגנהייט. זי דעקט זיך צו אַ ביסל מער און קומט צו נעענטער, לייגט אַרויף די האַנט אויף מיין קאָפּ און זאָגט, „דו מוזט זיין אַ פאַרפראָרענער. איך וועל דיר געבן אַ גלאָז טיי וועסטו זיך אָנוואַרעמען."

מיין צונג ווערט מיר פארגליווערט אַז איך קען קיין וואָרט נישט אַרויסרעדן. אָבער די אויגן זיינען שוין נישט פארגליווערט. פאַרקערט, זיי עסן זיך איין אין דער וואונדער־שיינקייט פון דער פרוי און קענען זיך נישט אָפּרייסן פון אירע צעבליטע ברוסט. די גלאָז טיי וואָס זי מאַכט מיר, גיט מיך נאָך מער צייט צו יאָנטעווען מיט די אויגן. ווען די טיי צעוואַרעמט מיר נאָך מער, און איך דערמאָן זיך אַלץ וואָס איך דאַרף איר געבן פון די געבעקסן, גיי איך אַרויס אַ פאַר׳שיכור׳טער, און קען שוין אַ לאַנגע צייט נישט אויסניכטערן זיך.

די געשטאלט פון דער דאָזיגער שיינער פרוי קומט מיר שוין אַלע ווײַלע פאַר די אויגן און אַז איך זיץ שפּעטער ביי דער גמרא, שפּרינגט זי מיט מיט יעדער שורה. איך קען זיך נישט פון איר באַפרייען. אויף מאָרגן, ווען איך גיי ווידער מיט די געבעקס, קלאַפּט שוין מיין האַרץ טרעוואָגע ווען איך קלינג ווידער אָן אין יענעם גלעקל. איך בין גוואַלדיג אנטוישט ווען די פריערדיגע דינסט עפנט מיר די טיר. איך פאַרלאַנגזאַם זיך בכיוון, אפשר וועט נאָך יענע אריינקומען. אָבער, ווי עס ווייזט אויס, איז שוין דער שטן געווען צופרידן מיט דעם וואָס ער האָט מיר שוין אָפּגעטאָן. אַ צווייטער נסיון איז שוין נישט נויטיג געווען.

אין משך פון דעם ווינטער, ציט זיך אריין צו אונז אין דער דירה אַ יונגער־מאַן מיט אַ היפּשער באָרד. ער קוקט אויס צו זיין מער אָדער ווייניגער, אַ געבילדעטער מענטש, און ציט מיין אויפמערקזאַמקייט מיט דעם, וואָס ער דערזעט די ערשטע זאַך אין הויז דאָס העברייאישע בוך וואָס איך לייען אין יענער צייט — א. ש. פרידבערג׳ס איבערזעצונג פון אגילאַר׳ס ווערק וועגן דער שפּאַנישער אינקוויזיציע — „עמק הארזים”. ער פרעגט מיך צי קען ער געבן אַ קוק. „געוויס” ענטפער איך אים, און גיב אים דאָס בוך. ער נעמט עס אין האַנט אריין, זעצט זיך אַוועק ביים טיש, און הייבט אָן צו לייענען. איך אייל זיך אוועקצוגיין, אָבער אַז איך קום צוריק אין דריי שעה ארום פון דער ישיבה, זיצט ער נאָך אַלץ און לייענט.

„איך קען זיך שוין נישט אָפּרייסן”, זאָגט ער מיר. „איך האָב שוין אַ לאַנגע צייט געהערט פון דעם בוך און אַלץ נישט געקענט עס קריגן צו לייענען”. איך זעץ זיך אַוועק און מיר פאַרפירן אַ שמועס וועגן ליטעראַטור בכלל. ער איז אַנגעלייענט מער אין דער רוסישער ליטעראַטור, וואָס איך האָב נאָך אפילו נישט איבערגעלייענט די הויפּט קלאַסיקער. ער רעדט מיט באַגייסטערונג וועגן טאָלסטאָי׳ען און זאָגט מיר, אַז אים דאַרף מען לייענען צום סאַמע ערשטן. ווען ער הערט, אַז איך לערן אין דער לאָדזשער ישיבה, ווערט ער פאַראינטערעסירט און דריקט אויס זיין מיינונג, אַז ווען מען וויל דורכמאַכן דעם ציקל פון מפרשים און פוסקים און פאַרטיפן זיך אין זיי, איז „די בעסטע זאַך צו לערנען אין אַ פרעמדע שטאָט, וואו איר זיינט נישט צוגעבונדן טראַדיציאָנעל צו געוויסע מענטשן און איר קענט זיך אָפּגעבן אין גאַנצן מיט אייער לערנען”. ער ראָט מיין מאַמען, אַז זי זאָל מיך שיקן קיין בריסק. דאָרט, אין די בתי־מדרשים, לערנען זייער פיל פרושים. זיי האָבן דאָרטן גענוג „טעג” און אויטאָריטעטן מיט וועמען זיך מישב צו זיין.

מיין מוטער געפעלט זייער דער פּראָיעקט און איז זיך שפּעטער מישב מיטן רב. ער שטימט צו, צוזאָגנדיג, אַז ער וועט מיר געבן בריוו צו די

דאַרטיגע גרויסע גייסטער אַז זיי זאָלן מיר העלפן אין מיין אויפגאַבע. „גאָוועי", דאָס איז דער נאָמען פון דעם יונגן מאַן, האָט אויך צוגעזאָגט צו געבן מיר אַלערליי נויטיגע הילפס־מיטלען ווען איך וועל זיין אין בריסק.

דערווייל האָט זיך אָנגעהויבן צו קאָכן און ברויזן אין דעם אידישן לעבן. די נייעס וועגן דעם ווינער באוואוסטן שריפט־שטעלער און פּעליטאַ־ניסט, דר. הערצל, און זיין פּלאַן וועגן אָפּקויפן פּאַלעסטינע און מאַכן זי פאַר אַ אידישער היים, רודערט אויף אַ גרויסן טייל פון דער אידישער באַפעל־קערונג. עס הייבט זיך אָן פאַנאַנדערצעשפּרייטן די ציוניסטישע באַוועגונג אין די בירגערלעכע קרייזן. איך ווייס נישט ווי דער רב באַציט זיך צו דער דאָזיגער באַוועגונג. אָבער ווען איך קום צו דעם פרייטאָג־צו־נאַכטיגן טיש צום רב, דערזע איך דאָרטן ווידער אַמאָל דעם מיר־שוין־באַקאַנטן דר. ווערנער. אין גיכן ווערט דער געשפּרעך אַ דיסקוסיע־טיש ארום דעם ציוניזם און דר. הערצל׳ס שליחות. דער רב גופא, איז נישט געניִיגט אַרויסצוגעבן זיין פּסק (אורטייל). ער דאַרף נאָך קלאָר ווערן וואָס פאַראַ מיטלען דר. הערצל גייט אָננעמען כדי צו מאַכן פון פּאַלעסטינע אַן „ארץ ישראל". עס הערן זיך שוין אָבער אויך צעטיילטע מיינונגען וועגן דעם ענין צו וועלכן איך הער זיך צו מיט ביידע אויערן. דר. ווערנער, למשל, א דייטשער אָרטאָדאָקסישער ראבאי, איז מיט דער מיינונג אַז דאָס אומקערן זיך פון אידן אין ארץ ישראל קען נישט זיין אָפּהענגיק אָן אַ פּעלעטאָניסט פון אַ דייטשישער צייטונג. דער רבונו של עולם האָט אַנדערע און בעסערע זין דורך וועלכע צו טאָן זיינע וואונדער ווי דורך אַ אידן וואָס האָט אפילו ביז לעצטנס נישט געוואוסט וואָס אַ איד מיינט. מיר געפעלט אָבער דער ענטפער וואָס ער קריגט פון איינעם פון דעם רב׳ס איניקלעך, אַז משה רבינו אליין איז דערצויגן געוואָרן אין גאַנצן אין אַ נישט־אידישער סביבה און דאָך האָט אים גאָט אויסגעקליבן צו זיין דער דערלייזער פון אידישן פאָלק. מען רעדט נאָך דאָרטן ביים רב׳ס טיש אַ לענגערע צייט וועגן דעם גאַנצן ענין. וואָס עס זאָל נישט זיין, ווער עס זאָל נישט גערעכט זיין, איז עס דאָך אַ גרויסע געשעעניש אין דער אידישער וועלט, אַז אַן אַסימילירטער דייטשער איד, ווי עס איז דר. הערצל, זאָל זיך אָפּוועקלאָזן אין אַ געדאַנק צו ענדיקן דעם אידישן גלות. עס שמעקט מיט אַ נייעם פרילינג פאַר אונטערדריקטע, צעטראָטענע פעלקער.

ווען איך שרייב אַ בריוו צו מיין שוועסטער, חנה־אידלע, אין פּאַלעס־טינע און דערצייל איר, וואָס עס טוט זיך דאָ אָפּ מיט דר. הערצל׳ס פּלאַן, לאָזט איך אויך פאַלן אַ וואָרט אַז דער לאָדזשער רב, זעט אויס צו זיין אַ געגנער פון דעם גאַנצן פּלאַן. אין זיינע ווערטער — אידן וואַרטן די גאַנצע צייט אויסגעלייזט צו ווערן פון משיח׳ן, און דאָ קומט אַ דייטשער איד און ער

ווייל זיי אויסלייזן — מיט געלט, מיט אָפּקויפן דאָס לאַנד.

מיך האָט זייער אינטערעסירט צו וויסן וואָס ה׳ זלמן רובין דענקט וועגן דר. הערצל און זיינע פּלענער. ער אַליין אָבער איז נישט געווען אין גאַנצן קלאָר וועגן דעם ענין. מיר איז אָבער געפעלן זיין באַמערקונג, אַז וואָס, וואָס — אידן וועלן זיך אונטער דער אַגיטאַציע פאַרקלערן וועגן נעמען זייער גורל אין זייערע אייגענע הענט. בכלל מאַכט אַן דר. הערצל׳ס אַגיטאַציע אַ היבשן אויפרודער אין דעם אידישן לעבן. מען רעדט וועגן משיח׳ן, וועגן דר. הערצל, וועגן דערלייזונג פון גלות און וועגן אידישע צרות. דאָס אַליין האַלט איך, איז שוין גוט. ווען מען רעדט וועגן אַ זאַך, דעררעדט מען זיך צו עפּעס. ווען מיין רבי, ר׳ גרשון, ווען איך זע פון צייט צו צייט, זאָגט מיר אויך, אַז מען קען דר. הערצל׳ן נישט אָוועקמאַכן אין גאַנצן מיט דער האַנט, נאָר עס זעט אויס אַז ער איז טאַקע אַליין גאָט׳ס אַ שליח, מאַך איך ביי זיך אָפּ דערווייל צוצוואַרטן און זען וואָס עס וועט ארויסקומען פון זיין פּלאַן.

ביי זלמן רובינ׳ען אין הויז רעדט מען אויך ביים טיש וועגן דר. הערצל און זיין פּלאַן. ער אַליין, דער אַלטער רובין, ווייזט אָן, אַז מיט אַ קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר צוריק, אין דער צייט ווען בר כוכבא האָט געפירט זיין אויפשטאַנד קעגן די רוימער, האָט ר׳ עקיבא אים געהאַלטן פאַר משיח בעת אַנדערע תנאים האָבן אים, בר כוכבא׳ן, נישט געוואָלט אַנערקענען און אים גערופן בר כוזיבא.

מיט איין וואָך שפּעטער, פרייטאָג צו נאַכטס, ווען איך זיץ ווידער ביים אַלטן רב׳ס טיש און מען רעדט ווידער וועגן דר. הערצל׳ן מיט זיין פּלאַן, כאַפּט זיך דער רב אָן ביים קאָפּ — „ווי האָב איך פאַרגעסן? דער נביא רעדט דאָך שוין וועגן דעם פּלאַן און ער זאָגט דאָרט: חינם נמכרתם ולא בכסף תגאלו.״* איינער פון די אָנוועזנדיגע מאַכט גלייך אַ באַמערקונג „אָבער ר׳ שמואל מאַליווער זאָגט דאָך, אַז אפילו דער פּערסישער קעניג כורש (סיירוס) קען אָנגערופן ווערן משיח. ער איז דאָך זיכער אַ גוי; קען דאָך דר. הערצל וואָס איז קיין מאָל קיין גוי נישט געווען אודאי זיין משיח. ווען אַלע ביים טיש ווערן אומרואיג, גיט דער רב אַ מאַך מיט דער האַנט און זאָגט אַז מיר ווייסן איין זאַך — איידער משיח קומט וועט גאָט שיקן אָנזאָגן עס דורך אליהו הנביא׳ן. דאָס דאַרף שוין זיין גענוג פאַר אונז, אַז מיר זאָלן מעגן אַ ביסל צווואַרטן ביז וואַנען מיר וועלן זען זיינע וואונדער.״

צווישן די תלמידים אין דער ישיבה גייט אויך אָן אַן אומאויפהערלעכע דיסקוסיע וועגן דר. הערצל׳ן און זיינע ציון־פּלענער. איינער פון די תלמידים

*„איר זייט פאַרקויפט געוואָרן פאַר אומזיסט, און איר קענט פאַר קיין שום געלט ניט אויסגעלייזט ווערן.״

אמפערט זיך: „ווי אַזוי פאַרגעסט איר זיך די גמרא וואָס זאָגט „אין בן דוד בא אלא בדור שכולו זכאי או בדור שכולו חיב׳, וואָס דאָס מיינט, אַז משיח וועט נישט קומען סיידן אין אַ דור וואָס איז אין גאַנצן אַ ריינע פון זינד, אָדער אין אַ דור וואָס איז אין גאַנצן אַ זינדיגער.״

ענטפערט אַ צווייטער, „ווי אַזוי קען מען פעסטשטעלן אַזאַ זאַך? לאָמיר זיך פאַרשטעלן אַז דער גאַנצער דור איז שוין אַ זינדיגער. משיח דאַרף שוין זיכער קומען, פאַרווילט זיך אימיצן, אַן איינגעשפאַרטן אידן, צו טאָן איין מצווה, און משיח קען שוין מער נישט קומען.״

וואו מען איז געגאַנגען און וואו מען איז געשטאַנען האָט מען גערעדט וועגן דר. הערצלס פּלענער און וועגן משיח׳ן. עס איז מיר שוין נישט געווען קיין וואונדער וואָס אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך מיר גע׳חלומ׳ט נישט אַזוי דר. הערצל, ווי משיח אליין. איך האָב די גאַנצע צייט געזוכט אין אַלע ווינקעלעך וואו איז משיח און אימיצער קומט אַרויס ווי פון דער ערד אַרויס, און ווייזט אַן אויף מיר, דו ביזט משיח. עטלעכע מאָל אַזוי ביינאַכט. ווען איך כאַפּ זיך אויף, לויף איך די ערשטע זאַך צו צום שפּיגל צו זען ווי משיח זעט אויס. אַ משוגענער געדאַנק פאַלט מיר איין — און אפשר טאַקע? אפשר בין איך טאַקע משיח? פון וואַנען ווייס איך אַז נישט? דערפאַר וואָס איך בין אַ זינדיגער? איז דאָך דוד המלך אויך געווען אַ זינדיגער! און וואו איז פאַראַן אַ מענטש וואָס איז נישט קיין זינדיגער?!

אין די בריוו וואָס איך קריג אין יענעם יאָר, 1897, סיי פון מיין ברודער, יאַנקל־ברוך, און סיי פון מיין שוועסטער, חנה־איידלען, דערמאָנען זיי וועגן דר. הערצל׳ס פּלאַן. אין מיינע ענטפערס ווייז איך זיי אָן אַז דער לאָדזשער רב גלויבט נישט אין דער ציוניסטישער גאולה, אָבער איך שעם זיך צו שרייבן זיי אַז עס איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט, אַז איך זאָל זיין משיח. איך שעם זיך דאָס צו זאָגן אפילו דער מאַמען, אָבער איך קען זיך נישט צוריקהאַלטן פון זאָגן עס מיין פריינט אין דער ישיבה דוד׳ל פּינקוס׳ן. ער קוקט אויף מיר מיט צעשראָקענע אויגן און פרעגט מיך פון וואַנען ווייס איך עס? „צי איז אליהו הנביא דיר געקומען צו חלום?״ איך האָב אים נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן.

דערווייל דערוויסן מיר זיך אַז מיין נייער פעטער, גאָז, קריגט א שטעלע אין סעוועסטאָפּל, קרים, אַלס בוך־האַלטער אין אַ גרויס געשעפט און אַז ער מיט דער מומען, וועלן אין גיכן אָפּפאָרן אַהין. איך גיב זיך אַ קלער אַז איך וואָלט פונדעסטוועגן וועלן זיי בעטן, אַז זיי זאָלן נישט מיטנעמען ראָזע׳ן מיט זיך. זאָל זי דאָ בלייבן. מיר פאַלט איין, אַז איך

האָב זי ליב, אָבער גינצבערג׳ס פּאָקאַיאָווע גייט מיר אַלץ נישט אַרויס פון קאָפּ...

איך ווייס נישט ווי עס צו דערקלערן — יעדעס מאָל ווען איך קלער וועגן ראָזען ווילט זיך מיר פאַררויכערן אַ פּאַפּיראָס און נאָכפאָלגן די ריכטונג פון דעם רויך, ווי ער קייקלט זיך און שלייפט זיך ארויף. דערווייל באַמערק איך אַז איך האָב נאָך נישט דערקלערט אין די שורות ווי אַזוי איך בין בכלל געקומען צום רויכערן. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט עטלעכע מאָנאַטן צוריק. איך האָב זיך דערוואָרבן אָט די שלעכטע, אומגעזונטע ליידנשאַפט אין פּראָצעס פון די אזארטנע שפּילן אין קוויטלעך, אין קאָרטן, אין דאָמינאָ, וואָס איז אָנגעגאַנגען האַלב־געהיים אין דער ישיבה נאָכן שיעור. איבער־הויפּט איז עס געוואָרן פאַר מיר כמעט אַ נויטווענדיגקייט ווען נאָר איך פלעג פאַרלירן אין די שפּילן אַ פּאָר קאָפּעקעס. און ווען פלעג איך נישט פאַרלירן?

איין מאָל ווען אַ חבר האָט דערזען ווי נערוועז איך בין פון מיין פאַרשפּילן, דערלאַנגט ער מיר אַ פּאַפּיראָס און זאָגט מיר, „פּאַרזוך נאָר אַ ביסל, וועסטו זען ווי דו וועסט זיך באַרואיגן", און ער פאַרטרויט מיר גלייך אַ סוד, אַז מען שפּילט מוז מען אויך רויכערן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און איך האָב אָנגעהויבן צו ווערן צוגעבונדן צו דעם טאַבאַק רויך און האַלטנדיג דעם פּאַפּיראָס אין מויל, האָב איך געפילט ווי איך האַלט אַ שליסל צו צופרידנקייט און צו רו.

אודאי האָט זיך אָפּגעטאָן ווען מיין מאַמע דערזעט צום ערשטן מאָל אַז איך רויכער... „דו טוסט מיר אָן חרפּה און בושה מיט אַזאַ אויפפירונג... וואָס וועט מען זאָגן ביים רב ווען ער וועט זיך דערוויסן! וועסט נאָך חס ושלום האָבן אַן אומגליק. ווייסט גאָרנישט, אַז דיין ברודער, יאַשקע, איז איין מאָל שיר נישט פאַרברענט געוואָרן צוליב זיין רויכערן?"

„איך ווייס טאַקע נישט", ענטפער איך. „ווי, ווען, וואָס?"

„דאָס איז געווען נאָך מיט אַ יאָר פריער איידער דיין טאַטע איז געשטאָרבן. יאַשקע איז דענסטמאָל געקומען צו פירן דעם כאָר פון אַ חזן צו ימים נוראים. דער חזן איז אויך געווען אַ שוחט און אַנשטאָט צו שלאָפן ביים חזן מיט די אַנדערע משוררים, איז ער געשלאָפן אין אַ שטיבל לעבן דער שעכט־הויז, אויף אַ פּאַק פעדערן, פון די געשאָכטענע עופות. יאַשקע האָט זיך א צופרידענער געלייגט שלאָפן מיט א פּאַפּיראָס אין מויל און געכראָפּעט דאָרט אונטער אַלערליי חלומות, אָבער דערווייל האָט דער פּאַפּיראָס אָנגעצונדען דעם פּאַק פעדערן און עס איז בלויז געווען אַ נס

וואָס ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, נישט טויט און נישט לעבעדיק, געמאַכט אַ גוואַלד, און מען האָט אים אָפּגעראַטעוועט פון פאַרברענט ווערן.״

איך זאָג צו די מאַמען אַז איך וועל זיך נישט לייגן שלאָפן אין אַ בעט מיט אַן אָנגעצונדענעם פּאַפּיראָס. זי מאַכט מיר שווערן דערצו. איך שווער כדי צו מאַכן איר לייכטער, אָבער איך בין שוין אַ רויכערער, און רויכער שוין אַרום פינף, זעקס פּאַפּיראָסן אַ טאָג און יעדעס מאָל ווען איך נעם אַ פּאַפּיראָס אין מויל, דערפיל איך אַ מין דערוואַרבענע זעלבסט־שטענדיקייט. איבערהויפּט פלעג איך פילן אַ נויטווענדיקייט צו פאַררויכערן ווען איך בין געווען אין אַ פאַרלעגנהייט. איך האָב נישט געקענט אָפּמאַכן ביי זיך צי האָב איך טאַקע ליב ראָזען, אָדער איך האָב זיך גלאַט איינגערעדט. מיין פאַררויכערן איז געווען אַ מין צייכן פון וואַקלעניש, פון נישט קענען באַשטיין אויף איין געדאַנק.

קאַפּיטל צוויי־און־צוואַנציק

מיינע בלאָנדזשענישן

סוף יאָר בין איך צופרידן מיט מיין לערנען לייבוש׳ן. זלמן רובין פאַרהערט אים און ער איז נאָך מער צופרידן פאַר מיר. אין דער זעלבער צייט קאָמפּלימענטירט מיר פרוי רובין פאַר מיין לערנען לייבוש׳ן אויך זינגען. איך האָב דורך דער צייט צוזאַמענגעשטעלט אַ היימישן כאָרל וואָס באַשטייט פון לייזער׳ן (מייזל), לייבוש׳ן, זיין פלימעניקל, זיין ברודער, מאיר׳ס אינגל, און איך אַליין. איך בין דער דיריגענט און זינג מיט זיי איין אַלע נגונים וואָס איך הער אין ווילקער שול, אין אידישן טעאַטער און צייטנווייז אין קאָר־שול. מיין שוועסטער, פייגעלע, איז ברוגז אויף מיר פאַרוואָס איך נעם זי נישט אַריין אין כאָר. איך טו עס דערפאַר ווייל איר אויער כאַפּט נישט אויף נישט דעם טאָן און נישט די מעלאָדיע און זי פירט אַראָפּ פון וועג. איר אַרגומענט איז, אָבער, אַז אין דעם פּוילישן קינדער־כאָר פון איר שולע זינגט זי סאָפּראַנאָ און קיינער זאָגט איר נישט קיין שלעכטס. אין גיכן קומט מיר צו אין פרילינג, אַכצן־ניין־און־ניינציק, נאָך אַ קוואַל פון מוזיק. אויפן ראָג זאַכאַדניע און צעגעלניאַנע עפנט זיך אַ קאַפע אין אַ קליינעם פּאַרקל, וואו מען עסט אונטערן הימל אין די הייסע זומער מאָנאַטן. דאָרט שפּילט אַן אָרקעסטער וואָס איז געבראַכט געוואָרן פון איטאַליע און איך בין זיך מחיה מיט די זיסע מעלאָדיעס פון פיל איטאַליענישע לייכטע אָפּערעס. אויך זיי זינג איך איין מיט מיין „כאָר״.

פרוי רובין זאָגט מיר, אַז כאָטש זי איז אַ רב׳ס אַ טאָכטער, האָט זי אויך געלערנט אַ ביסל מוזיק אין דער שולע וואו זי איז געגאַנגען. דאָס

איז געווען אַ פוילישע שול, זאָגט זי מיר. איר פאָטער, דער רב איז געווען אַ ביסל ברוגז׳לעך אויף איר צוליב אירע „גויאישע״ לידלעך. זי האָפט נאָר אַז איר זלמן זאָל נישט זיין געגן לייבוש׳ס זינגען אין „כאָר״. גראָד זיינען די איבעריגע זין, רובינ׳ס, אַלע געווען מוזיק־ליבהאָבער, באַזוכט די אָפּערע, אָדער אם וויניקסטנס, דעם דייטשן אָפּערעטן טעאַטער, אין שטאָט. דער אינגסטער פון זיי, מענדל, אַ יונגער־מאַן פון אַ יאָר פינף־און־צוואַנציק, נעמט מיך איין מאָל מיט צו זען די דייטשע אָפּערעטע „דאָס מאָדעל״. ווען איך זע די האַלב נאַקעטע מאָדעל אויף דער סצענע, דערמאָן איך זיך גלייך אין גינצבערג׳ס „פּאָקאָיאָווע״, און דאָס טוט מיר נישט קיין גוטס...

ביי אונדז איז שוין געווען אָפּגעמאַכט, אַז אין אָנהייב זמן פאָר איך קיין בריסק, ווי ה׳ גאַווע האָט פאָרגעשלאָגן. אָבער דער דאָזיקער פּלאַן איז אין גיכן צוריקגערופן געוואָרן. דער לאָדזשער רב שיקט רופן מיין מוטער און מיך און זאָגט אונז, אַז ער האָט זיך מישב געווען, אַז עס וועט זיין בעסער פאַר מיר צו לערנען אין דער גרויסער לאָמזער ישיבה, ווייל דאָרט פילט זיך מער דער גייסט צו לערנען. ווען אַזאַ אינגל ווי איך זעט הונדערטער בחורים אַרום זיך פאַרטיפט אין לערנען, האָט דאָס אליין שוין אַ גרויסע ווירקונג אויף מיין צוקונפט. פון זלמן קלויסקע ווער איך געוואָר, אַז דער לאָדזשער רב איז פריער געווען צוואַנציק יאָר רב אין לאָמזע און אַז ער איז טאַקע דער גרינדער פון דער דאָרטיקער ישיבה.

איך נעם זיך לערנען מיט נאָך מער פלייס. איך וואָלט שוין וועלן אָנקומען אין אַ העכערן קלאַס, אַז איך זאָל קענען פאַרענדיקן מיין ישיבה־לערנען אויף מיין אכצנטן יאָר. איך שנייד אָפּ אַ סך צייט פון מיין לייענען וועלטלעכע ליטעראַטור. אָבער איך קען זיך דאָך נישט אָפּרייסן פון סו״ס „מיסתרי פאריז״ אין קלמן שולמאַן׳ס העברייאישער איבערזעצונג. איך בין נאָך אַלץ פאַר׳שיכור׳ט פון זיין וואונדערלעכער, קאָלירפולער שפּראַך.

אין רעכטן מיטן פון גרייטן זיך צו פאָרן אין לאָמזע, ווער איך ווידער פאַרכאַפּט פון אַ ניי מיידלשער געשטאַלט אין דער חסידישער פאַמיליע, וואָס האָט זיך אַריינגעקליבן אויפן הויף; אַ פאַמיליע פון עטלעכע זין מיט אַן איין איינציקער טאָכטער, אַן אומגעווינלעכע שיינהייט. לייבוש און איך פאַרליבן זיך גלייכצייטיק אין דער מיידל. מיר שרייבן איר בריוולעך. זי ענטפערט זייער לאַקאָניש. זי זאָגט נישט צו קיינעם קיין זאַך, אָבער זי גיט אויך נישט קיין אָפּשניט, און דאָס איז דער עיקר. איך קען צוגיין צו איר און ריידן מיט איר, אָבער איך טו עס נישט. איך שעם זיך. מיר איז שווער אפילו צו קוקן אויף איר ווען זי זעט. לייבוש׳ן אָבער, קומט עס אָן אַלץ לייכטער. ער נעמט זי איין מאָל אפילו אַרויס אויף אַ שפּאַציר און איך ווער

שטילערהייט שיר אויפגעגעסן פון אייפערזיכט. איין געלעגנהייט קריג איך בלויז אַנצוזעטיקן זיך מיט איר פראַכט. דאָס פּאַסירט אויף אַ חתונה, וואָס עס קומט פֿאַר ביי אַ פֿאַמיליע אין דעם הויף. איך געדענק נישט וואָס פֿאַר אַ מחותן איך בין דאָרט, אָבער איך האָב אַ געלעגנהייט צו שטיין לעבן אַ גרויסן שפּיגל און נאָכפּאָלגן חומטשען (דאָס איז איר נאָמען), ווי זי רירט זיך, ווי זי טאַנצט, ווי זי שמייכלט און ווי זי בליצט ווי טויזנטער דימענטן. אין אירע העלע באַל־קלײדער קוקט זי אויס נאָך הערלעכער. איך ציטער בלויז אַז זי זאָל נישט דערזען און אַז קיינער זאָל נישט באַמערקן, אַז איך קוק אויף איר די גאַנצע צייט. צוגעגאַנגען צו איר בין איך אָבער נישט. מיין שעמעוודיגקייט איז אין יענע יאָרן שטענדיק געווען מיין גרעסטער שונא.

לייבוש, אָבער, איז געווען מער דערפּאָלגרייך. פּאַקטיש מיין איך אַ לענגערע צייט, אַז ער האָט מיט איר חתונה. איך פרײ זיך ווען איך דערהער אַז די רובין פֿאַמיליע קלייבט זיך צו פֿאַרלאָזן לאָדזש נאָך איידער איך וועל פֿאַרן קיין לאָמזע. דאָס וועט פֿאַר מיר אָפּראַמען דעם וועג, קלער איך זיך. אָבער קיין גרעסערן טעות האָב איך קיין מאָל נישט געמאַכט. אויף מיין לעצטן בריוול צו מיר ענטפֿערט זי, אַז לייבוש איז איר געליבטער און איך האָב גאָרנישט וואָס צו דערוואַרטן. אַזאַ ביטערע פּיל פֿון אַזאַ זיס מיידל איז מיר געווען שווער אַראָפּצושלינגען. איך דאַנק שוין גאָט וואָס איך פֿאָר קיין לאָמזע און איך וועל קענען אָן חומטשען אינגאַנצן פֿאַרגעסן.

אָט פֿאָר איך שוין קיין לאָמזע. די מאַמע וויינט זיך גוט אויס וואָס איר זון פֿאָרט אַוועק אין דער וועלט אריין און וועט בלייבן אָן איר השגחה. אפילו פייגל וויינט זיך אָן אויף מיין האַלז און זאָגט צו צו שרייבן יעדע וואָך אַ קאַרטל. איך פֿאָר אָבער מיט אַ לייכטן האַרצן. איך וועל זען דערווייל אַ וועלט; איבערהויפּט וועל איך זיך קענען אָנזען מיט טייכן, אָפּעס וואָס לאָדזש ווייס נישט דערפֿון, אויסער דעם שמוציקן ,סטואַווו'. די ערשטע זאַך וועל איך זען דעם ווייסל דורכפֿאָרנדיק וואַרשע. דערנאָך וועל איך זען דעם נאַרעוו, דעם טייך אין לאָמזע. שווימען קען איך נישט, אָבער איך וועל זיך שוין אויסלערנען. די גאַנצע זאַך וואָס איז מיר אַ ביסל קאַלעמוטנע אויפֿן האַרצן איז, וואו וועל איך וואוינען? אין וואָס פֿאַר אַ הויז וועל איך אריינ־פֿאַלן? מיט מיר זיינען געפֿאָרן נאָך דריי לאָדזשער. איינער פֿון זיי, אַ געוויסער משה גאָלדבערג, איז סך הכל דעם מיליאָנער, פּאָזנאַנסקי׳ס, אַן עלטער־פּלימעניק. זיינער אַ חבר, אַ הויכער, ברייט־פּלייציקער בחור, אַ גוטער שאַך־שפּילער, אָבער אַ שלעכטער שכן; און אַ דריטער, מיין אַלט־באַקאַנטער מענדל, רייזל, דער עגונה׳ס זון. מיר אַלע בלייבן שטיין

אויף דער סטאַנציע, טשערוואָני־באָר, און וואַרטן אויף אַ פורמאַן, וואָס זאָל אונז נעמען קיין לאָמזע.

וואַרטענדיק אַזוי, קומט צו צו אונז אַן עלטערער איד, באַפריינטלט זיך מיט אונז, פרעגט אונז אויס ווער, וואָס, ווען, און זאָגט, אַז ער האָט פאַר אונז אַ גוטע וואוינונג ביי אַ באַוואוסטער פרוי פון אַ ראש ישיבה. עס וועט אונז דאָרטן זיין גוט ווי די וועלט. זי איז בלויז מיט איין טאָכטער אין איין צימער און אַ גרויסן צימער, האָט זי פאַרדינגט ישיבה־בחורים. מיר דערפרייען זיך וואָס קומענדיק אין לאָמזע וועלן מיר נישט דאַרפן אַרומגיין און זוכן אַ וואוינונג. „זאָגט איר בלויז אַז יקותיאל האָט אייך געשיקט, וועט זי שוין וויסן.״

אַז יקותיאל איז אַ וויכטיקער נאָמען, דערוויסן מיר זיך אַזוי שנעל ווי מיר קומען אַהין אָן. צירל, אַ מיטליעריקע פרוי, נעמט אונז אויף זייער וואַרים, איבערהויפּט, אַז זי דערהערט אַז דאָ געפינען זיך צוויי יחסנים צווישן די פיר בחורים: איינער, פּאָניאַנסקי׳ס אַ פּלימעניק, און דער צווייטער פון דער משפחה פון לאָדזשער רב. זי האָט נאָך קיין מאָל נישט געהאַט אַזעלכע געהויבענע געסט, זאָגט זי. מיר זיינען אַריין אין פרישע בעטן, צו צוויי אין אַ בעט, און זיך גוט אויסגערוט פון דער לענגערער רייזע.

אין דער פרי באַקענט אונז צירל מיט איר טאָכטער, אסתר, אַ הויכע, גוט־געבויטע מיידל, מיט פרישע אויגן און בליענדיגע באַקן פון זעכצן, זיבעצן יאָריקן עלטער. צי דורך אינסטינקט, צי דורך איר מוטער׳ס חכמה, קלעפּט זי זיך באַלד צו צו גאָלדבערגן און גיט אים מער פּריווילעגיעס פון אונז. אָבער ווען מיר קומען אין דער ישיבה, גיט מען מיר מער אָנזען. איך פיר מיט זיך אַ בריוו פון דעם לאָדזשער רב אליין צו ר׳ לייזער׳ן דער מנהל פון דער ישיבה. ער נעמט מיך אויף מיט גרויס אויפזען. ווען ער דערוויסט זיך, אַז איך בין אַזאַ נאָענטער קרוב פון דעם רב זאָגט ער מיר צו, אַז איך וועל קריגן אַלץ וואָס איך דאַרף, און אויב איך וועל אין עפּעס געקריוודעט ווערן, זאָל איך קומען גלייך צו אים.

ביי די פאַרהערן זעצט מען מיך אַריין אין דער צווייטער כיתה (קלאַס). די אַנדערע דריי לאָדזשער גייען אַריין אין א־א. דאָס איז די ערשטע כיתה. פּאַקטיש זיינען זיי נישט געווען צוגעגרייט אפילו צו דעם. לאָדזש, אָבער, איינער פון די בעסטע געלט־קוואַלן פאַר דער ישיבה, האָט די פּריווילעגיע אַריינצונעמען תלמידים וואָס זיינען נאָך אונטער דער נאָרמע. איבערהויפּט איז גאָלדבערג געווען, ווי עס זעט אויס אין דער ישיבה, בלויז צו קריגן פאַר זיך דעם גוטן נאָמען אַז ער האָט געלערנט אין דער לאָמזער ישיבה. ער קען קיין מאָל נישט איבערלייענען קיין בלאַט גמרא פאַר זיך. עס דויערט

נישט לאַנג און דער ראש פון זיין כּיתה דערפילט אַז דער לאַדזשער גאָלדבערג פאַרנעמט אומזיסט אַ פּלאַץ, די אַנדערע צוויי, פון אַ ביסל בעסערן סאָרט, האָבן אויך קיין גרויסן אויפטו אין דעם ערשטן זמן נישט געמאַכט. איך האָב מער געאַרבעט ווי זיי דריי און דערגרייכט בעסערע רעזולטאַטן. צום סוף זמן, ווער איך איבערגעזעצט אין דער העכערער כּיתה פון ב״א. דאָרט איז דער ראש ר׳ ישראל-לייב. דאָס איז אַ געבערענטער ליטוואַק פון קאָוונע, וואָס דערוואָרט אליין צו ווערן אין לאָמזע דער העכסטער ראש ישיבה. צו מיין גרויסן פאַרדרוס, זעץ איך אים אריין עטלעכע מאָל אין א טעמפּן ווינקל מיט מיינע קשיות. ער שענקט מיר אָבער פיל אויפמערקזאַמקייט, ווייל ער זעט אַז איך בין פאַראינטערעסירט אין דעם לערנען. ער ווייס אָבער נישט וואָס איך טו נאָך דעם לערנען. איך אָרגאַניזיר אַ קלאַס אין העברייאיש. איך האָב שוין דאָרט אַכט שילער. איך לערן מיט זיי דקדוק און געשיכטע. צווישן די שילער האָב איך אַן אַסטראָוער בחור פון צירל׳ס וואוינונג. ער שלאָפט מיט מיר אין איין בעט, אָבער מיר זיינען פון צוויי באַזונדערע וועלטן. פאַר אים איז לייענען אַ בוך פון סמאָליענסקי׳ן, אָדער פון י. ל. גאָרדאָן, שיר נישט אַפּיקורסות. ער פרעגט אָבער קיין קשיות נישט, און איך האַלט אַז ער ווייס מער ווי ער מאַכט דעם איינדרוק. ער באַצאָלט מיר פאַרן לערנען מיט דעם, וואָס ער גיט מיר איבער איינעם פון זיינע „טעג״.

אין דער ישיבה איז אָנגעגאַנגען אַ היבשער קו-האַנדל מיט די טעג. עס זיינען דאָ ישיבה-בחורים, וואָס האָבן צען און אפילו פופצן „טעג״, און עס זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן איין טאָג אָדער צוויי, אָדער גאָר גאָרנישט. זיי מוזן אָנקומען צו די „טעג-שלינגער״ צו קויפן ביי זיי אַ טאָג אָדער צוויי. דער פּרייז פאַר אַ טאָג האָט זיך געקענט אָנהייבן פון צוויי-דריי רובל ביז פינף און צען, און אפילו מער. עס איז געווען איין פּעטריקאָווער בחור וואָס איז אָוועקגעפאָרן פון דער ישיבה מסתמא מיט עטלעכע הונדערט בלאָט גמרא אויסנווייניק, אָבער מיט מער ווי עטלעכע הונדערט רובל אינע-ווייניק, אין זיין טייסטער. דאָס געלט האָט ער איינקאַסירט פון פאַרקויפטע טעג.

צווישן די „טעג״ געבער זיינען געווען מערסטנס ערלעכע, האָרע-פּאַשנע מענטשן, וואָס ווילן אַרויסהעלפן דעם ניט-פאַרמעגלעכן בחור אַז ער זאָל נישט דאַרפן הונגערן אין צייט וואָס ער לערנט. אָרעמע באַלמעלאָכעס, קליינע געשעפטס-לייט, פישער-לייט, קצבים, אייגנטימער פון געוועלבער און מאַרק-שטייער זיינען די מערסטע טעג-געבער. אָבער די „טעג״ אליין זיינען מאָגערע, אָפּט מאָל אפילו אָן אַ שטיקל פליישׁ אָדער פיש. די בעסערע טעג זיינען ביי פאַרמעגלעכערע מענטשן, גרעסערע געשעפטסלייט, פּראָפעסיאָנאַלן,

פאַבריקאַנטן, און אַזוי ווייטער. אין קאַטעגאָריע טעג־געבער איז פאַראַן אַזאַ וואָס דאַרף מיט דעם ליכט פון דעם „טאָג״ פאַרשטעלן וואָס עס טוט זיך ביי זיי ביי „נאַכט״. עס איז אַ טרויעריקער פאַקט, אַז די גאַר בעסטע „טעג״ ווערן געגעבן פון מענטשן וואָס האָבן נישט אַזעלכע כשר׳ע פּרנסות.

סך הכל האָב איך אין דער בעסטער צייט דריי „טעג״. די איבעריקע פיר טעג עס איך פאַר זיך. טייל טעג קאָסטן מיר נישט מער ווי צען קאָפּעקעס. איך קויף אַ הערינג פאַר דריי קאָפּעקעס, אַ פונט ברויט — דריי קאָפּעקעס, דריי ציגאַרעטן — איין קאָפּעקע און איין אָדער צוויי גלאָז קוואַס — דריי קאָפּעקעס. אָפטמאָל פלעגט צירל פאַר מיר איינקויפן אין מאַרק אַ האַלבן פונט קאַלב׳ס לעבער און מיר אָפּבראָטן עס אויף אויל. זי רעכנט דאָס פאַר זעקס קאָפּעקעס שוין מיט איר אויל און פייער. עס זיינען אויך דאָ טעג ווען מען גיט אייך דריי אָדער פינף קאָפּעקעס פאַר נאַכט עסן. דאָס איז אָבער בלויז אַ מנהג ביי די בעסערע טעג.

אין מיין לייענען די לעצטע צייט שטויס איך זיך אָן אויף דזשאָרדזש עליאָט׳ס בוך, דניאל דעראָנדאָ, אין וועלכן עס ווערט אַרויסגעבראַכט דער שטאַרקער קאָנפליקט אין דער נשמה פון איינעם, וואָס געפינט אויס אַז ער קומט ארויס פון אידישן פאָלק. מיר קומט גלייך אין געדאַנק דר. הערצל און פיל אַנדערע וואָס כאַפּן זיך פלוצלונג אַז זיי זיינען אידן און מאַכן ווי זיי מיינען, אַ „גרויסן קער״ אין זייער לעבן. דאָס בוך, נאָכן לייענען לאָרד ביקאָנספילד׳ס „דוד אלראי״ אין דער איבערזעצונג פון אבא ראַקאָווסקי, אַ זעמבראָווער אָדער לאָמזער איד, האָט אויף מיר געמאַכט היבשע נאַציאָנאַליסטישע און נאָסטאַלגישע איינדרוקן. מיך פאַרדריסט וואָס אין דער ישיבה גופא, הערט מען ווייניק וואָס פון הערצל׳ן און פון זיין ציוניזם. אָבער איך באַמערק ווי עס צירקולירט דאָרט אין די הענט פון אייניקע ישיבה בחורים דער רבניש־אָרטאָדאָקסישער זשורנאַל, „הפסגה״. דאָס איז אַ זשורנאַל וואָס באַקעמפט שטאַרק דעם ציוניזם מערסטנס אויפן גרונט פון רעליגיע.

אין מיין פאַרדרוס האָב איך אָנגעהויבן צו שרייבן שטילערהייט לידער געגן די דאָזיקע ציון־האָסער, וואָס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אין דער ישיבה. איך האָב זיך אונטערגעשריבן מיט דעם פּסעוודאָנים, „יבן״ (יאָוואָן).

אין גיכן זיינען די צייטונגען געווען פול מיט דער נייעס, אַז דער נייער קאָמעט, האַלי, דערנעענטערט זיך אַלץ מער צו דער ערד, און עס איז מעגלעך אַ קאַטאַסטראָפע פאַר דער גאַנצער ערד מיט איר מענטשהייט. אויף אַ סך מענטשן האָט עס אָנגעוואָרפן אַ שרעק. בפרט נאָך, אַז גרויסע אַסטראָנאָמען זיינען געווען הינטער דער טעאָריע. איך, דער זעכצן יאָריקער

אינגל, פרואוו זיך „שטעלן געגן זיי״ און איך שרייב אַן אַ ליד אין העברייאיש אין וועלכן איך דריק זיך אויס —

„אבל הם רואים ואינם יודעים מה רואים —
הכוכב מה הוא?
דרך כוכב מיעקב...״
ואין עוד „למה יאמרו הגוים?״...

איך גיב דאָרט ווייטער איבער אַז דאָס מוזן זיין די טעג פון משיח׳ן, די טעג וועגן וועלכע דער נביא זאָגט אין נאָמען פון גאָט, „ונתתי מופתים בשמים ובארץ — דם, אש ותמרות עשן״.

דאָס מיינט אַז איך פאַרזיכער די אידן, אַז משיח דאַרף קומען אין די נאָענטע צייטן.

עטלעכע ישיבה בחורים שרייבן איבער דאָס ליד וואָס איך געדענק שוין איצט אַפילו נישט געננוי די ווערטער, און פאַרשפרייטן עס איבער דער גאַנצער ישיבה. בלויז איניקע ווייסן ווער עס האָט דאָס געשריבן. אויף מאָרגן, אָבער, איז די גאַנצע ישיבה געגאַנגען אויף רעדלעך. די ראשי־הישיבה זיינען אַרומגעלאָפן, געזוכט און געפאָרשט ווער דאָס האָט געקענט שרייבן... ביז איינער אַ פאנאטיקער, איז געקומען און אויסגעזאָגט זיי דעם סוד. דאָס איז דער לאָדזשער פון ב״א. עס האָט זיך אַ ביסל אָפּגעטאָן. אויף מאָרגן שיקט מען נאָך מיר און מען פרעגט מיך צי דאָס איז מיין אַרבעט — צי בין איך געקומען אַהער לערנען, אָדער צו מאַכן היי פאַר די ציוניסטן. ווען איך האָב אים פאַרזיכערט אַז איך בין געקומען טאַקע לערנען און אַז שרייבן אַ ליד איז ביי מיר אַ בייזאַך, האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ ווי אַ פאַרטראַכטער אין עפּעס, און דערנאָך פאַרגעשלאָגן: „איך רעכן אַז די בעסטע זאַך וועט זיין פאַר דיר צו לערנען אַ ביסל מוסר. מיר האָבן דאָס אין סלאָבאָדקע שוין לאַנג איינגעשטעלט און פיל ישיבה בחורים זיינען געהאָלפן געוואָרן.״

אָפּגעזאָגט און אַוועקגעגאַנגען. אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער אָנגעהויבן צו געבן יעדן דאָנערשטאָג אַ מוסר־אָוונט. מען האָט געלערנט דעם ספר חסידים פון ר׳ יהודה החסיד, וואָס איך האָב שוין אַליין פאַר זיך געהאָט געלערנט ביים שניאַדעווער רב אין הויז. אָבער דער אונטערשייד איז געווען זייער גרויס. דאָ האָט מען עס נישט געלערנט, נאָר מיטגעווייטאָגט. יעדער צוהערער האָט בעת מעשה געמוזט מכוון זיין אויף די אייגענע עבירות. איך האָב זיך צעוויינט און געיאָמערט אַזוי, ווי אימיצער וואָלט מיך געשאָכטן. איך האָב זיך אַזוי אויפגעבייטשט צו אַ היסטעריע, אַז איך בין געוואָרן נאַס פון שרעק און פון חרטה. אַלע מיינע פריערדיקע עבירות זיינען מיר אַנטקעגן

געקומען און געפּאַטשט מיר אין פּנים. טעלעכע האָבן זיך אומגעקוקט אויף מיר און איך האָב זיך געקלערט — גוט אַזוי. ווער פאַרשעמט, וועסטו אפשר אָפּקומען פאַר דיינע זינד. דער ערשטער אָוונט אליין האָט מיך שיר אַוועק־גע׳הרג׳ט. יעדער איינער האָט מיך אויף מאָרגן געפרעגט פאַרוואָס איך זע אויס אַזוי שלעכט? גיי דערצייל זיי! אָבער צום צווייטן דאַנערשטיגן מוסר־אָוונט האָט שוין ר׳ אברהם גופא מיט אונז שפּאַצירט אין גיהנום. ער האָט אונז געמאָלן די פייערן אין וועלכע די זינדיקע לייטערן זיך, און די צאָל זייערע איז געווען אַזאַ גרויסע, אַז איך האָב זיך געקלערט, זיינען נאָך אין ערגעץ פאַראַנען אַזעלכע וואָס וועלן זיך אין גאַנצן אַרויסדרייען פון גיהנום שטראָפן? וואָס ווייטער איז דער צעטל פון מיינע זינד געוואָרן אַלץ לענגער.

איך וואונדער זיך — וועל איך שוין אַמאָל אַרויסקריכן פון די דאָזיקע זינדיקע ציילן? אָבער וואָס ווייטער איך זוך, געפין איך אַלץ מער, שאַר איך אַרויס פון אונטער טיפער פאַרגעסנקייט אַלץ נאָך און נאָך עבירות. עס זעט אויס עס איז א מעשה אָן אַ סוף. איך האָב זייער שטאַרק דערפילט, אז איך דאַרף האָבן אימיצן פאַר וועמען זיך אויסצואַוויינען. די מאַמע איז צו ווייט פון דאַנען. די ברידער נאָך ווייטער. אפילו די חברים וואָס איך האָב דאָ אַרום זיך אין לאָמזע, זיינען אויך ווייט פון מיר און פון מיינע עבירות. טעלעכע מאָל מאַך איך ביי זיך אָפּ אָנצושרייבן אַ בריוו צום לאָדזשער רב — מודה זיין זיך פאַר אים אויף אַלע מיינע זינד, אפשר וועט ער געפינען אַ בעסערע עצה ווי אַזוי איך קען זיך באַפרייען פון מיין שווערן האַרצן. איך האָב אָבער מורא געהאַט, אַז איך וועל אים צו פיל ווייטאָן. אויסגעהאָדעוועט זיך ביי אים אין הויז, און צום סוף זאָל איך האָבן געווען אַזאַ זינדיקער! האָב איך נישט געשריבן און עס איז מיר נישט לייכטער געוואָרן. גיי איך אַרום אַ פאַר׳חושכ׳טער און קיינער פרעגט מיר נישט קיין שאלות.

אָבער איין חבר מיינער אין דער ישיבה געפעלט נישט מיין אויסזען און מיין פאַרקלערטער הילוך — משה טשעכאַנאָוויצער. איך האָב פאַר אים טעלעכע מאָל געשריבן העברייאישע בריוו. איך האָב אויסגעקוקט אויף דעם אַז ער זאָל מיר פרעגן וואָס און ווען. ביז איך האָב זיך דערוואַרט. איין מאָל, גייענדיק פון דער ישיבה אויף אַ שטיקל שפּאַציר צום פאַרק צוזאַמען מיט אים, זאָג איך אין שפּאַס, „דער טייך מוז האָבן מער זינד פאַר מיר, און ער איז שטיל, רואיג, לויפט זיך כסדר זיין וועג, און קיינער זאָגט אים נישט קיין מוסר. און איך? און דו, משה? האָסט עס גאָר קיין עבירות נישט?״ ער גיט אויף מיר אַ שאַרפן קוק, אַזוי ווי איך וואָלט אים אין ערגעץ אָפּגעדעקט — „וועלכער מענטש האָט עס נישט קיין עבירות? אפילו משה רבינו האָט

דאַך געזינדיקט. און איך בין אַ פּראָסטער משה, אַ זינדיקער מענטש, איז צו וואָס פרעגסטו עס מיר?"

„פאַרשטייסטו נישט אַז ווען איינער דערפילט זיך פון איין זייט אַ דערהויבענער און פון דער צווייטער זייט אַ דערנידעריגטער, מוז ער זיין אין ערגיץ צעריסן, צעפליקט? ווייל איך וויסן ווי דו, אַן עלטערער פון מיר, פילסט וועגן דעם. איך זע אַז דו ביסט רואיג, בין איך דיר מקנא."

„דאָס איז אַ צו ברייטער ענין, מיין פריינט, — מיר'ן דאָס לאָזן אויף אַ צווייטן מאָל. דער גאַנצער פּלאָנטער אין אונזער לעבן נעמט זיך פון דער צעריסנקייט וועגן וועלכער דו האָסט גערעדט. אונזער ישיבה לעבן — וואָס איז דאָס פאַר אַ לעבן? און אַז מען קען שוין גאַנץ ש"ס אויסנווייניק, איז וואָס איז? וואָס האָב איך אויפגעטאָן פאַר דער וועלט? מיר וואָלטן געדאַרפט אַ קלער טאָן וועגן דעם."

איך האָב אים אָנגעקוקט און זיך דערשראָקן. איך האָב קיין מאָל דעם טשעכענאָווצער נישט געזען אין אַזאַ צעטומלטן צושטאַנד. „אוודאי וועלן מיר נאָך דאַרפן רעדן," ענטפער איך, און קלער זיך בעת מעשה ווי ווייניג איך ווייס נאָך וועגן דער וועלט און אַלץ וואָס עס טוט זיך אַרום אונז.

קאַפּיטל דריי־און־צוואַנציק

אין זוכעניש פאַר דעם אמת

מיין לעצטער געשפּרעך מיט משה טשעכענאָווצער איז בלויז געווען אַן אָנהייב פון אַ גאַנצע רייע געשפּרעכן מיט אַנדערע חשובע ישיבה בחורים. איך האָב שוין לאַנג געזוכט אַ געלעגנהייט נעענטער צו באַקענען זיך מיטן ביאַלאָסטאָקער עילוי. אין וואוקס איז ער געווען אַ קליינער, אפשר דער קלענסטער אין דער גאַנצער ישיבה. אָבער זיינע גייסטיגע פיאיגקייטן זיינען געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן פיל פון אונז אָפּגעשראָקן. דער ביאַלאָס־טאָקער איז שוין געווען אין דעם „דלד", דער העכסטער קלאַס וואָס קען נאָר זיין. דאָרט זיינען בלויז געווען אַ צען, צוועלף בחורים, צווי פון זיי פרושים.

פון דעם „דלד" פלעגן ארויסקומען מוסמכים, גרייטע אָנצוקומען אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך אַלס גייסטיקע פירער, רבנים, דיינים, מגידים און משולחים. איניגע פון זיי פלעגן קיין מאָל נישט ארויסקריכן פון דער ישיבה.

ווי געזאָגט, איז דער ביאַלאָסטאָקער געווען אין „דלד", אָבער ווייט נישט קיין „דלדניק". ער איז געווען אַ וואַכזאַמער און נייגעריגער סטודענט, וואָס זוכט אַלץ מער טיפקייטן אין לעבן. ער איז, אגב, אויך געווען איינער פון די בעסטע שווימער, אַ טיף־שווימער. איך האָב געפונען אַ גוטן אויסרייד

צוצוקומען צו אים מיט אַ פֿאָרשלאַג אַז ער זאָל מיר אויסלערנען שווימען און איך וועל אים דערפֿאַר באַצאָלן. ער האָט מיר גוטמוטיג אָנגעקוקט און געפֿרעגט, „און ווי שווימט זיך עס דיר אין ים התלמוד?״ „איך בין נישט פֿון די טיפֿע,״ הייב איך אים אָן צו זאָגן, און האָב גלייך חרטה. דער עיקר האָב איך דאָך מיט אים געוואָלט אַ שמועס טאָן טאַקע וועגן טיפֿע זאַכן — וועגן ביאת המשיח, וועגן תחית המתים, און וועגן גן עדן און גיהנום. אַ קוים באַמערקבאַרער שמייכל באַווייזט זיך ביי אים אויפֿן פּנים. פֿאַרקלערנדיג זיך אַ ביסל, ענטפֿערט ער, „דאָס זיינען נישט קיין ענינים צו פֿאַרהאַנדלען אויף איין פֿוס. אונזערע חכמים האָבן אָפּגעגעבן צענדליגער יאָרן אויף צו דער־גרונטעוועןן זיך צו די דאָזיגע טיפֿקייטן פֿון אונזער אמונה. ווי קענען מיר וועגן דעם כאַפּן אַ שמועס אויף איין פֿוס? לאָמיר זיך אַוועקזעצן אין ערגעץ אין אַ רואיגן אָרט. און זיך דורכשמועסן אַ ביסל.״

ער נעמט מיך אונטערן אָרעם און שפּאַצירט מיט מיר אַוועק אין אַ ווינקל־פּלאַץ פֿון ישיבה הויף. מיר זעצן זיך אויף אַן אַלטער באַנק און ער גיט זיך אַ רייב די הענט ווי ער וואָלט זיך געגרייט מיט אימיצן צו ראַנגלען זיך.

„אין תורת משה איז נישטאָ קיין איין קלאָר וואָרט וועגן די אַלע זאַכן וואָס דו האָסט מיר פֿאָרגעבן. נישט וועגן משיח׳ן, נישט וועגן תחית המתים, און נישט וועגן גן עדן און גיהנום. דאָס זיינען באַגריפֿן וואָס אונזערע חכמים האָבן ארויסגעקראָגן דורך אינטואַציע און שאַרפֿזין פֿון דער תורה. דער רמב״ם, למשל, האָט געגלויבט אין משיח׳ן, אויפֿן זעלבן אופֿן כמעט ווי עס גלויבן אידן איבער דער גאַנצער וועלט. אָבער אין גן עדן און גיהנום האָט ער שוין נישט געגלויבט אויף דעם זעלבן אופֿן. פּונקט פֿאַרקערט. ער האָט געזאָגט אַז פּונקט ווי אַ בלינדער קען נישט משיג זיין דעם אונטערשייד צווישן איין קאָליר און דעם צווייטן, אַזוי קענען מיר מענטשן נישט משיג זיין וואָס עס מיינט גן עדן. ער זאָגט אַז דאָס איז פּונקט ווי מיר דערמוטיגן אַ קינד צום לערנען מיט אַ קאָפּעקע וואָס מיר וואַרפֿן אַראָפּ און זאָגן אים אַז דאָס האָט אַ מלאך אים אַראָפּגעוואָרפֿן כדי ער זאָל גוט לערנען. עס מיינט נישט אַז ער לייקנט אָפּ גן עדן און גיהנום. אָבער ער זעט פֿאַר זיך אַז דער שכר און עונש פֿאַר גוטס און פֿאַר שלעכטס וועט זיין אין אַזעלכע פֿאָרמען וואָס מיר האָבן נאָך נישט אויף דער ערד קיין אַנונג וועגן דעם. אָבער דער רמב״ם, פֿאַרזיכערט מיר דער ביאַלאָסטאָ־קער, איז נאָך נישט דער פּרייסטער צווישן די אַלטע חכמים אין די דאָזיגע נייע באַגריפֿן. דער אבן עזרא האָט געוואָגט צו דענקען אַ סך פֿרייער. ער איז פֿול מיט ספֿקות וועגן פֿיל אמונה ענינים. ער איז כמעט נאָענט צו ברוך

שפינאָזע׳ן, וואָס איז בכלל אין דעם גדר פון אַפּיקורסות.

„וואו קען איך קריגן שפינאָזע׳ס ספר?" — רייסט זיך ארויס פון מיר אַן אויסגעשריי.

„כאַפּ נישט. יונגע מענטשן דאַרפן נישט פאַרקערן אין געפערלעכע ערטער. אַפילו דעם אבן עזרא קען נאָך אויך אַ יונגער מענטש דורכלאָזן און נישט פארלירן קיין סך. אויב דו ווילסט ווייטער לערנען און אויסהערן אַלע צדדים איז עס אפשר גוט פאר אייגענער באַרואיגונג. אָבער עס איז שלעכט פאר דער אמונה וואָס נויטיגט זיך אין גאַנצקייט אין אַ פּאָזיטיוון צוגאַנג. און אויב דו ווילסט נאָך אַלץ אויף איין פוס זיך אויך אויסלערנען שווימען אין אמת׳ן ים, דאַרפסטו אויך האָבן אַ פּאָזיטיוון צוגאַנג, אַן מורא און אַן וואַקלענישן. צייכן זיך אָן אַ פּלאַץ ביז וואַנען עס איז מער אָדער ווייניגער זיכער צו שווימען און גיי ווי אַ חיה אויף די הענט און פיס אין וואַסער, ווען שוין שווימען. און קיין געלט פאר דער עצה וויל איך פון דיר נישט. דו זעסט מיר אויס צו זיין אַן אינטערעסאַנט בחור׳ל. האָסטו דאָס אָנגעשריבן דאָס ליד וועגן דעם סטראַשנדיגן קאָמעט?"

איך ענטפער אים מיט אַן אפירמאטיוון שאָקל. מיר צעגייען זיך אין גוטער פריינשאַפט. פון אַנדערע ישיבה־חברים הער איך אָבער אַז דער ביאַלאָסטאָקער איז טאַקע זייער גרויס אין תלמוד און אין פוסקים, אָבער ער האָט קנאַפּ וואָס געבראָדיעט אין אלוועלטלעכער פילאָסאָפיע. וועגן אַזעלכע זאַכן, הער איך, דאַרף איך גאָר קלאַפּן אין טיר פון דעם לערער וואָס איז היימיש אפילו אין אַזאַ שפּראַך ווי אלט־גריכיש. איך בין געווען זייער דאַנקבאַר פאר דער עצה. מיין אומרו אין יענעם מאָמענט וואָלט מיר געקענט דערפירן אפילו צום אשמדאי. איך בין גלייך געגאַנגען צו מיין נייעם קוואל אזוי ווי אַ פאַראורטיילטער גייט צום עשאַפאָט. איך האָב טאַקע אָנגעקלאַפּט אין טיר און פאַר מיר איז גלייך געשטאַנען אַ באַבערדלטער, פאות־לאַנגער, נידעריגער מאַן אין אויסזען פון אַ פערציג יאָריגן. ווען איך זאָג אים דעם ציל פון מיין קומען צו אים, פרעגט ער מיר צי ווייס איך שוין אַלץ וואָס די אידישע חכמים האָבן דערגרונטעוועט. ווען איך גיב אים אַ מיש מסיכתות וואָס איך האָב שוין געלערנט, פרעגט ער מיר מיט אַ שעלמישן בליק צי האָב איך שוין אויך געלערנט מסיכתה יומא. „איך האָב אריינגעקוקט אין יומא", ענטפער איך.

איך גיב זיך אָפּ אַ סך אין יענער צייט מיט שטודירן דעם רמב״ם אין דער ישיבה גופא. עטלעכע מאָל איז צו מיר צוגעקומען ר׳ אברהם, דער נייער משגיח, אַ קוק געטאָן וואָס פאר אַ ספר איך האַלט און אויסגעדריקט אַן אומצופרידענע מינע. אָבער איך מאַך זיך נישט ווּיסנדיג און שווים אין

דעם רמב״ם און האָב הנאה פון זיין קלאָרקייט און פשוטקייט. איך לערן אויך די „עיקרים״ פונ׳ם רלב״ג. פיל פונדאַמענטן פון מיינע פריערדיגע אמונה־זיילן ווערן אונטערגעגראָבן ביסלעכוויז, ווי דער טייך־וואַסער גראָבט אונטער די שפּילהייזלעך וואָס קינדער שטעלן אויף אין דעם זאַמד. צווישן די בחורים גייען ארום קלאַנגען וועגן מיר, אַז דער „לאַדזשער פּאָעט״ איז שוין אַ האַלבער אַפּיקורוס. מיך האָט עס נישט קיין סך אינטערעסירט ביז איין מאָל ווען דער שמש קומט מיך רופן צו ר׳ לייזערן, דעם מנהל, אין שטוב. ער גיט אויף מיר דאָס מאָל אַ פינסטערן קוק — „איך וואָלט עס נישט געגלויבט״, זאָגט ער, „אַז א בחור פון דעם לאָדזשער רב׳ס משפּחה זאָל זיך אויסגליטשן אויף דעם פאַרדאַרבענעם וועג פון די ציציליסטן. ווען ער וועט זיך דערוויסן, וועט זיך טאָן חושך״.

„ציציליסטן?״ פרעג איך. „ווער זיינען זיי?״

„הער, בחור׳ל, מאַך זיך נישט תמ׳אוואטע. ווערסט מאָרגן מוזן קומען צו משפּט פון די ראשי ישיבות פון דער ישיבה און אָפּגעבן אַ דין וחשבון אויף אַלע דיינע מעשים.״

איך בין געווען געפּלעפט. וואָס פאַר אַ ציציליסטן? וואָס פאַר א מעשים? איך הייב נישט אָן צו וויסן וועגן קיין שום שלעכטער זאַך, אויסער מיינע מחשבות וואָס בלייבן ביי מיר. איך האָב שוין יענע נאַכט נישט געקענט שלאָפן. איך האָב נישט געקענט פאַרשטיין אַז דאָ שטעקט די האַנט פון אַ שונא. ווען איך האָב עפּעס שלעכטס געטאָן וואָס זאָל מיר זיין אַ שונא? אויף אַ מינוט האָב איך חושד געווען דעם ביאַלאַסטאָקער עילוי. אָבער איך האָב עס גלייך אויסגעמעקט פון מיין באַוואוסטזיין. ערשט אויף מאָרגן אויף דעם „משפּט״ האָב איך אויסגעפונען אַז דאָ שטעקט די האַנט פון דעם אַסטראָווער, פון דעם דראַגון, ווי אונזער צירל, די באַלעבאָסטע, האָט אים גערופן.

זיין באַשולדיגונג איז געווען, אַז איך לערן נאָך אַלץ מיט אַ גרופּע ישיבה בחורים קלמן־שולמאַנ׳ס „דברי ימי עולם״ און אַז איך האָב דאָרט אויסגעטייטשט אַז גאָט האָט נישט באַשאַפן אָדמ׳ען און חווה׳ן, נאָר אַז ער איז געווען אַן אַנטלאָפענער סאָלדאַט פון כינע, און האָט זיך באַזעצט אין בבל. איך האָב געשטוינט, סיי פון דעם גאַנצן משפּט איבער מיר, און סיי איבער דער מעשה מיט אָדמ׳ען. איך דערקלער זיי אַז לערנען אַ געשיכטע בוך מיט חברים ישיבה־בחורים איז נישט קיין פאַרברעכן, נאָר פאַרקערט, עס איז אַ זאַך פון כבוד אָבער אַ זאַך פון אומכבוד איז צו הערן און גלויבן וואָס עס זאָגט אַ מלשין וואָס איז אפילו קיין איין מאָל נישט געווען אין דעם דאָזיגן קלאַס. אויב איר ווילט וויסן איז קלמן שולמאַן גראָד געווען אַ פרומער

איד און ער לאָזט נישט פאַלן קיין שטויבעלע אויף דער אמונה. און וואָס איר זאָגט, ציציליסטן, איז ביי שולמאַן אפילו נישטאָ אַזאַ באַגריף. ער רעדט בלויז אין איין פלאַץ וועגן קאָמוניסטן, וועגן די מענטשן וואָס זאָגן „כיס אחד לכולנו". איך האָב אויך געפּרואווט באווייזן אַז דער אַסטראָוועער איז אַ פּסול'ער עדות. „ווען עס וועט זיין נויטיג וועל איך זאָגן פאַרוואָס."

אָבער קיין זאַך האָט נישט געהאָלפן. ר' יעקב לייב, מיין פריערדיגער ראש פון „אב" און פון „בא" האָט געוואָרפן אַ באַנד פון דעם „דברי ימי עולם" אויף דער ערד, געטראָטן עס מיט די פיס, און אויף אַ העכערן קול געשריען: „שולמאַן איז נישט קיין אויסנאַם, אַלע אַפּיקורסים באַהאַלטן זיך איצט אונטער דעם מאנטל פון לשון קודש. זיי זיינען די זעלבע זאַך ווי די מיסיאָנערן מיט דער „ברית חדשה" וואָס באַהאַלטן זיך, ימח שמם אונטער אונזער הייליגן לשון".

נאָך אַלע זיינע געשרייען זאָגט ער אַז בלויז צוליב דעם כבוד פון דעם לאָדזשער רב, וועט די ישיבה נישט לייגן קיין חרם אויף מיר. אָבער איך ווער גלייך באַזייטיגט פון דער ישיבה און אַז מיין פוס זאָל מער נישט טרעטן אין אירע „ד' אמות".

דאָס איז געווען אַ ביטערע פּיל אַראָפּצושלינגען. אָבער וואָס זאָל איך טאָן? פאַרן אין מיטן זמן צוריק אַהיים, וועט דער רב זיך גלייך דערוויסן און וועט פאָדערן פון מיר אַ דין וחשבון. איך האָב אָבער געקלערט אַז לאַנג שטיין אין שטאָט וועל איך שוין סיי ווי נישט קענען. עס וועט זיך טומלען וועגן מיר. וועל איך בעסער סוף וואָך פאַרלאָזן די שטאָט.

דער טומל איבער מיר האָט זיך גלייך איינגעשטילט. אַ שטאַרקער טומל האָט זיך געמאַכט אַרום אברהם גאָלדבערג'ן. מען האָט זיך דערוואוסט אין דער ישיבה, אַז צירל'ס טאָכטער, אסתר, איז פאַרגאַנגען אין טראָגן און געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט, און אַז דער שיינער בחור, גאָלדבערג, פון פאָזנאַנסקי'ס משפחה, טענה'ט אַז ער הייבט נישט אָן צו וויסן פון וואָס און פון ווען. אין דעם דאָזיגן טומל איז מיר געוועזן גרינגער צו פאַרלאָזן די שטאָט און צו פאָרן שטילערהייט אהיים. די זוכעניש פאַרן אמת האָב איך אָבער נישט אויפגעגעבן. איך האָב זיך גלייך אין לאָדזש אָנגעשלאָסן אין אַ גרופּע משכילים. אין דער גרופּע האָט מען דיסקוטירט אַלערליי קולטור פּראָגן, אָבער די הויפּט פירער זיינען געווען ציוניסטן און עס זיינען דיסקו־טירט געוואָרן שטרייטיגקייטן צווישן די הערצליאַנער און די אחד־העמיסטן. מיר איז אָבער אין יענעם מאָמענט געגאַנגען אין די פראָגן פון אמונה און וויסנשאַפט. איך האָב אָבער לאַנג דאָרטן נישט געפונען פאַר זיך קיין פלאַץ. דער פאַקט וואָס זייער פרומע אידן פון דער צייטשריפט „הפסגה" אטאקירן

די ציוניסטן האָט מיר אויף דעם מאָמענט געמאַכט צו פאַראינטערעסירן זיך מער מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג. אָבער דאָס איז נאָר געווען אויף אַ קורצער ווײַלע פון אַ צוויי וואָכן.

פאַר מיר ווערט אָבער אין גיכן אָנגעצייכנט אַ גאַנץ נייער וועג וועגן וועלכן איך האָב פריער אפילו נישט געקלערט. אויף אונזער הויף, אויף זאַכאַדניע 54, האָט אויסגעבראָכן אַ סטרייק ביי דעם פּאַקער באַלעבאָס, יצחק־הערש. ביי אים האָבן געאַרבעט זעקס פּאַקער יונגען, און אַז זיי זיינען אַרויס אין סטרייק, האָט זיך דער „הויף" צעטיילט אויף צוויי לאַגערן, — איינער וואָס האַלט מיטן באַלעבאָס, און דער צווייטער מיט די פּאַקער־יונגען. די פאָדערונגען פון די יונגען זיינען געווען צוויי רובל אַ וואָך העכערע שכירות און אַ צען־שעה׳איגער אַרבעט׳ס טאָג. די פאָדערונגען זיינען געווען אָפּגעדרוקט אויף קורצע בלעטלעך פּאַפּיר מיט רויטן טינט. זיי זיינען געווען אויפגעהאָנגען אויף אַלע טירן פון דעם הויף. מיט עטלעכע טעג שפּעטער זיינען נאָך דערשינען פּראָקלאַמאַציעס וועגן דעם סטרייק ווייל דאָס איז געווען אַן אַלגעמיינער סטרייק פון אַלע פּאַקן־אַרבעטער אין שטאָט. אין אָנהייב בין איך אומוויסנדיגערהייט געשטאַנען אויפן זייט פון באַלעבאָס. איך האָב געהאַלטן אַז דער באַלעבאָס וואָס האָט אַ ווייב מיט קינדער, איז באַרעכטיגט צו פאַרדינען מער ווי די יונגען וואָס האָבן אין גאַנצן נישט קיין פאַמיליע און זיי אַרבעטן בלויז פאַר זיך. איך האָב געפּרואווט פאַרטיידיגן דעם שטאַנדפּונקט מיט אַלע כחות, אָבער ווען מען האָט מיר אויסגעפּייפט און דערנאָך דערקלערט מיר ווי וועל איך קוקן ווען אַלע זעקס פּאַקער האָבן חתונה איבער נאַכט און וועלן שוין אליין האָבן פאַמיליעס? און אַ צווייטער האָט גלייך מיר דערלאַנגט ווי מיט אַ בולאווע איבערן קאָפּ מיט דער פראַגע, „פאַרוואָס קלערסטו נישט אַז די פּאַקער יונגען האָבן נישט חתונה דערפאַר ווייל זיי האָבן נישט גענוג איינקונפט." דאָס האָט מיר געפּלעפט.

איך האָב גלייך איינגעזען מיין טעות און דערנאָך שוין אין גאַנצן געשטעלט זיך אויף דער פּאָזיציע אַז די סטרייקער דאַרפן געווינען זייערע פאָדערונגען, וועלן זיי דעמאָלט אויך קענען זיך פירן ווי ביי לייטן, חתונה האָבן, האָבן קינדער, און זיי קענען שפּייזן מיט זייערע פאַרדינסטן. דאָס האָט מיר שוין געפירט צו אַ מאַסן פאַרזאַמלונג פון סטרייקער און צוצוהערן זיך צו די רייד פון זייערע פירער. איך האָב דעמאָלט צום ערשטן מאָל געהערט דעם באַגריף וועגן קלאַסן־קאַמף און אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז איך געהער גיכער צו דעם קלאַס וואָס ווערט געקריוודעט, ווי צו דעם קלאַס וואָס קריוודעט. מען האָט מיר צוגעשטעלט אַ קליין ביכעלע אין אידיש, „וואָס יעדער אַרבעטער דאַרף וויסן און געדענקען". געשריבן פּשוט און קלאָר, און

איך האָב פאַר מיינע אויגן דערזען וואָס עס מיינט קלאַסן־קאַמף. עס איז געווען פונקט ווי אַן אומזעבאַרע האַנט ווייזט מיר אָן, „דאָס איז דיין פּלאַץ״. הער אויף צו זוכן משיח׳ן, דעם גן עדן, און גיב אָפּ דיינע אַלע געדאַנקען צו באַפרייען די גאַנצע מענטשהייט פון יאָך און פון עקספּלואַטאַציע.

פון יענעם טאָג אָן, אין אַפּריל, 1900, רעכן איך זיך פאַר אַ סאָלדאַט אין דער פרייהייטס ארמיי.

קאַפּיטל פיר און־צוואַנציק

דערווייל, אָבער, פיל איך נאָך אַלץ אויף זיך דעם הויקער פון אַ ישיבה בחור. עס איז געווען פאַר מיין מאַמען אַ שלעכטער טאָג צו הערן אַז מען האָט מיר אויסגעשלאָסן פון דער לאָמזער ישיבה פאַר אַן אַפּיקורסות. זי איז געווען פאַרצווייפלט. וואָס טוט מען איצט, זיצט זי און ברעכט מיט די הענט: „אויס ישיבה, אויס רב, אויס אַלץ״, האָט זי געמאַכט דעם סך הכל. זי איז אָבער באַשטאַנען אויף דעם אַז איך זאָל נישט אויפהערן לערנען. זי וועט פּועלן, זאָגט זי, ביים שניאַדעוװער רב אַז איך זאָל דאָרטן זיצן לערנען. איך האָב אָבער געדענקט די מעשה מיט חיים׳ן, דער פלימעניק פון שניאַדעוװער רב וואָס איז מיר דערגאַנגען די יאָרן. אָבער ווען די מאַמע איז געקומען צום שניאַדעוװער מיט איר בקשה, האָט ער איר געראָטן צו גייך צום לאָדזשער רב און אים פרעגן אַן עצה. זי האָט עס געטאָן, האָט דער רב דערקלערט אַז ער וועט מיר געבן אַ בריוו צום ראש ישיבה אין דער מיר, צו ר׳ אליה ברוך. דאָס איז געווען זיין לעצט וואָרט. ער האָט מיר נאָכאַמאָל געבענטשט, אריינגעלייגט מיר פינף־און־צוואַנציג רובל אין קעשענע, און געהייסן מיר פאָרן אין דער מיר גלייך נאָך פּסח.

דורך דער פּסח וואָך האָב איך בלויז באַוויזן צו קריגן אין פּערלאָ׳ס בוך־געשעפט קאַרל מאַרקס׳ס בוך, „אַ קיצור פון קאַפּיטאַל״ אין העברייאיש. איך בין זיך מודה אַז פיל אויסדרוקן האָב איך אין דעם בוך נישט פאַרשטאַנען. דער העברייאיש בכלל אין דעם בוך איז געווען אַ נייער, אַ קינסטלעכער. איך האָב נישט געוואוסט אַז דאָס בין איך שולדיג, אַז דאָס בין איך הינ־טערשטעליג.

און אָט איז שוין סוף פּסח. איך פאָר שוין מיט דער מאָסקווע־בריסקער באַן קיין גאָראָדיעי. איידער וואָס ווען בין איך שנעלער ווי עס האָט זיך מיר געדאַכט אָנגעקומען קיין וואַרשע. ווען איך פרעג זיך נאָך ווי אַזוי גיי איך אַריין אין דער מאָסקווער בריסקער באַן קוקט מען מיך אָן מיט שטוינונג. ערשט דערוויס איך זיך, אַז דער וואָקזאַל פון דער מאָסקווער־בריסקער באַן איז אין פּראַגע. מען זאָגט מיר אָבער נישט אַז עס איז פאַראַן אַ

ספּעציעלער פאַרבינד־צוג אַן עקסטרא קאָסטן. כאַפּ איך אַ דראָשקע און הייס אים פאָרן צום וואָקזאַל אין פּראַגע. דער וועג איז אַ לאַנגער. איך פאָר דורך די אײַזערנע בריק אין פּראַגע איבערן ווייסל. דאָס אַליין איז שוין פאַר מיר ווידער געווען אַ גרויסע איבערלעבונג. אַרום דעם טייך זײַנען פאָרגעקומען גרויסע שלאַכטן אין דער געשיכטע און איך וואַרף איבער אין מײַן זכרון פאַרשידענע עפּיזאָדן וועגן זיי. ווען די דראָשקע דערפירט מיר אָבער צום וואָקזאַל און איך צאָל דערפאַר אָפּ כמעט אַ העלפט וויפל עס קאָסט מיר אָפּ דער גאַנצער באַן־בילעט קיין גאַראַדיעי, די סטאַנציע וואָס פאַרבינדט מיר מיט „דער מיר". דערוויס איך זיך אַז דער צוג איז נאָר־וואָס אַוועק און אַז איך וועל דאַרפן וואַרטן אויף אַ צווייטן צוג ביז אויף מאָרגן, נײַן אין דער פרי. איך שטיי אַ פאַרצווייפלטער און ווייס נישט וואָס צו טאָן. איך ווייס אפילו נישט צי מײַן בילעט וועט גוט זײַן אויף מאָרגן. איך זע ווי אויף די בענק אין וואָקזאַל ליגן שוין אויסגעצויגן דרעמלענדיגע מענטשן וואָס דענקען, אפּנים, שוין איבערצונעכטיגן די מער ווי צען שעה אויף דער האַרטקייט פון דער באַנק. איך בין געווײנלעך אַ שלעכטער שלאָפער און שוידער אויף אַזאַ אויסזיכט. אָבער וואָס קען איך טאָן? נאָך א היבשן שלאָגן זיך מיט דער דעה באַשליס איך אַוועקצושפּאַצירן צוריק אין וואַרשע מיט מײַן האַק און פּאַק וואָס איך טראָג. עס איז מיר נישט קלאָר וואָס איך וועל טאָן אין דער גרויסער שטאָט, נאָר געוויס וועט מיר זײַן הײמלעכער אין וואַרשע ווי דאָ אויפן וויסטן וואָקזאַל.

דער שפּאַציר איז מיר אין אָנהייב זייער אָנגעלייגט. איך כאַפּ אַרײַן פרישע לופט און אַ ביסל געזונטע איבונג, און ווען איך גיי נאָך אַריבער די אײַזערנע בריק צו פוס, איז עס גאָר אַ פאַרגעניגן. ביסלעכווײַז, אָבער, ווער איך וואָס ווײַטער אַלץ מער פאַרמאַטערט. ווען איך קום שוין אין די געדיכטערע גאַסן פון שטאָט און יעדער פּאָליציי־מאַן אויף די ראָגן באַשמעקט מיך, הייב איך זיך אָן שרעקן, אפשר שטעלט מען מיר אָפּ מיטן פּעקל און מען וויל זען מײַן פּאַספּאָרט. אויף אַזוי פיל ווער איך אָנגעשפּיצט, אַז איך באַשליס ביי זיך נישט צו ווײַזן מײַן פּאַספּאָרט בלאַנק וואָס ווײַזט, אַז איך בין אַ געבאָרענער צוגעשריבן צו דוואָרעץ, דאָס שטעטל וואו מײַן פּעטער, בערל פּיקעלניע, איז דער איזבאָרשטשיק. דערווײַל רוק איך זיך אַלץ ווײַטער אין די טיפענישן פון וואַרשע פון וואַנען עס זעען זיך פיל עלעקטרישע באַלײַכטונגען און עס הערט זיך דער גרויס־שטאָטישער, פיל־קלאַנגיקער רויש. ווען איך קום צו נעענטער צו דער מאַרשאַלקאָווסקא גאַס, באַמערק איך שנעלערע באַוועגונגען פון מענטשן, עפּעס ווי זיי וואָלטן געלאָפן פון אַ פײַער. עס טראָגן זיך דורך קאָזאַקנרײַטערס אויף פערד מיט בליציגער שנעלקייט.

איך האַלט אין גיין און אין עטלעכע מינוטן אַרום, געפֿין איך זיך כמעט ווי אין סאַמע מיטן פֿון אַ גרויסן, רוישיקן געזעמל. מענטשן שרייען „הוראַ״ נאָך געוויסע אויסרופֿן וואָס איך קען קוים אויפֿכאַפּן. ביי דער ערשטער פֿראַגע וואָס איך שטעל אַ יונגן בחור וואָס איז היפּשלעך צעשמייעט, דער־וויס איך זיך אַז דאָס איז אַן ערשטער מאַי דעמאָנסטראַציע וואָס די פּאָליציי האַלט אין צעטרייבן, און אַז די הויפּט דעמאָנסטראַציע איז שוין פֿאַרגעקומען, נאָר דאָס זיינען די לעצטע רעשטלעך אירע.

דאָס איז פֿאַר מיר אַן אומפֿאָראויסגעזעענע סיטואַציע. מיין האַרץ נעמט קלאַפּן טרעוואָגע. פֿון איין זייט ווילט זיך מיר דורכפֿילן דעם גאַנצן איבערלעבעניש פֿון אַ דעמאָנסטראַציע, און פֿון דער צווייטער זייט ציטער איך, טאָמער וועט מען מיך דאָ דער׳הרג׳ענען, צעקלאַפּן די קאָפּ, אָדער כ׳וועל אַרעסטירט ווערן. איידער איך קוק זיך אום, ווער איך מיטגעשלעפּט אין אַ געלויף. עס הערן זיך איבערן קאָפּ עטלעכע שאָסן וואָס רייסן איבער אַן אויסרוף, „פּרעטש ז׳ צאַראַפּען!״ דער „הוראַ״ וואָס ענטפֿערט אָפּ אויף דעם אויסרוף, צעטראָגט זיך אפֿשר נאָך שנעלער ווי עס טראָגן זיך די קאָזאַצקע פֿערד. איך ווער מיטגעשוועבט מיט אַ שטראָם מענטשן וואָס לויפֿן אַראָפּ צום טראָטואַר און פֿאַלן אריין אין די אויסגעשפּרייטע הענט פֿון א סטראַזשניק. איך פֿיל זיך אַן אָפּגעגאָסענער מיט שווייס און פֿאַרליר דעם לשון ווען ער הייבט מיר אָן צו שטעלן אַ רייע פֿראַגן — ווער ביסטו? וואו וואָוינסטו? וואָס טוסטו דאָ? אָבער איך שטאַמל. איך קען קוים אַרויסרעדן אַ פּאָר ווערטער. ענדלעך גיט ער מיר איבער צו איינעם פֿון די סטרוזשעס, וואָס זיינען געווען מאָביליזירט צוזאַמען מיט דער פּאָליציי. דער פּוילישער סטרוזש גיט מיר די ערשטע אַ פֿרעג „זשידעק?״ איך שאָקל מיטן קאָפּ. הייבט ער פּלוצלונג אָן צו רעדן אידיש — „משה, אַז די וועסט מיר געיבן א ריבל, וועל איך דיר אויסלאָזן״. ווידער זאָל מיר קאָסטן אַ רובל, ישוב איך זיך. ער שלעפּט מיר אָבער און טוט מיר אָן אַ קייטל אויף די הענט. ענדלעך באַשליס איך צו ברענ־גען דעם גרויסן קרבן. איך נעם אַרויס אַ זילבערנעם רובל פֿון קעשענע און גיב אים. „אהא!״ זאָגט ער, „דו ביסט טאַקע דער רעכטיגער ציציליסט. געב מיר נאָך א ריבל, וועל איך דיר אָפּלאָזן.״ איך זע שוין מיין אימגליק און איך קען זיך נישט העלפֿן. ער נעמט אויך צו דעם צווייטן רובל און גלייך פֿאַר־פֿעסטיגט ער אויף מיר נאָך מער דאָס קייטל. ער שליסט מיר באַלד אָן אין אַ גאַנצע גרופּע אַרעסטירטע און איך מאַרשיר מיט אַלע צוזאַמען צו אַ פּאָליציי־צענטער.

איך מיין אַז אַזוי שנעל ווי מען וועט מיר ברענגען אין דער פּאָליציי און וועל ווייזן מיין באַן־בילעט קיין גאָראָדיעי, וועט מען מיך אָפּלאָזן. אַזוי,

אַז מיין שרעק איז ביסלעכווייז אָפּגעגאַנגען. אָבער, ווען מען רופט אויס מיין נאָמען און די אויספאָרשונג הייבט זיך אָן, הער איך ווי מיין „פירער" דער סטרוזש, לייגט אַוועק אַ גאַנצן פּזמון וועגן מיין אַרעסט.

„ער האָט זיך בשום אופן נישט געלאָזט כאַפּן", דערציילט ער אַ ליגן מיט אַ וואָרט צייכן. „און אַז איך האָב אים שוין פעסט געהאַלטן, האָט ער מיר אָנגעהויבן אונטערצוקויפן מיט געלט. צוויי רובל האָט ער מיר שוין געגעבן. ער האָט אָבער נישט געטראָפן דעם אָרט. איך האָב אים דערקענט אַז ער איז אַ ציציליסט. און אפשר האָט ער נאָך געטראָגן די פאָן. איך הייב גלייך אָן צו פּראָטעסטירן, איך דערקלער די געשיכטע אַז איך בין גאָר אַ ישיבה־בחור וואָס פאָרט אין דער ישיבה און ווייז מיין באַן־בילעט וואָס מען נעמט עס גלייך צו פון מיר. מיינע פּראָטעסטן אַז איך מוז מאָרגן אין דער פרי זיין אויף דער באַן, העלפט נישט. „דו וועסט שוין מסתמא זיין אויף אַן אַנדערע באַן!" טרייסט מען מיך. איך וויל זיך אינפאָרמירן וואָס מען גייט טאָן מיט מיר. טרעף איך אָן אויף אַ טויבער וואַנט. מען פירט אונז אריין אין אַן אַרעסט־צימער וואו עס ליגן אויסגעלייגט עטלעכע שעניקעס און אויף זיי אויסגעשמירטע שיכורים. איך ווייס נישט וואָס צו טאָן. ווער ווייס וווער עס איז געלעגן אויף דעם שעניק וואָס מען רוקט מיר אונטער. איך שטיי אַ לענגערע צייט אין געברענטע יסורים און ווייס נישט וואָס צו טאָן. צום סוף, אָבער, נעמט מיין מידקייט די אויבערהאַנט און איך פאַל ווי אַ סנאָפּ אויפן שעניק.

איך כאַפּ זיך אויף אַן אויסגעווייקטער אין שווייס פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט, אַ דורכגעקילטער מיט קאַלטע פיס. איך בין אויך היבשלעך הונגעריק. אין מיין פּאַק וואָס מען האָט פון מיר צוגענומען האָב איך געהאַט א שטיק חלה מיט פיש. אָבער ווען איך הייב אָן צו קלאַפּן אין פענסטער און בעטן מיין פּעקל ווייל איך בין הונגעריג, מאַכט מען פון מיר אַ גרויס געלעכטער. ערשט אין עטלעכע שעה ארום, ווען אַ העכערער פּאָליציי־באַאַמטער האָט מיר געגומען אויף אַ דאָפּראָס, ווער איך געוואָר אַז מען שיקט מיך אין אַ טורמע וואָס עס רופט זיך אָן „ראַטוש" און אַז דאָרטן וועט מען מיר שוין געבן עסן. ס'איז מיר גוט, קלער איך זיך, און פּרוּוו מאַכן פּלענער ווי אַזוי זיך באַפרייען פון דער טורמע.

די דאָזיגע געלעגנהייט האָט זיך מיר געמאַכט שוין זייענדיג אין „ראַטוש". די פאַרשידענע ארעסטירטע האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַן אמת'ע מאַזייאיק... פון איין זייט, שכורים, קעשענע־גנבים, גלזַט לאָבוזעס, און פון דער צווייטער זייט, עטלעכע דעמאָנסטראַנטן, מענטשן וואָס מען האָט געכאַפּט ביים אריבערגיין די גרעניץ, און אַנדערע מינדערוויכטיגע פאַר־לעצונגען פון געזעץ. צו מיר האָט זיך איין אָנהייב צוגעשפּאַרט אַ אידישער

קעשענע־גנב. ער פרעגט מיך וואָס איך האָב גע׳גנב׳ט און ווי אזוי מען האָט מיך געכאַפּט. ווען איך זאָג אים אַז בין נישט קיין גנב, באַמערק איך אַז איך פאַל גלייך אַראָפּ ביי אים אין די אויגן. ער דערציילט מיר אַז ער איז נישט קיין ביַיגל־כאַפּער, נאָר ער גייט אויף גרויסע געווינסן. דערווייל טאַפּט ער אויס אַלע עקן פון מיין פּאַק און געפינט אויס אַז איך האָב דאָרט חלה מיט פיש, און איבער אַלץ, אַ פּעקל טאַבאַק מיט גילזן. איידער וואָס ווען ווער איך באַפאַלן פון אַלע זייטן, און פון מיין גאַנצן פּעקל בלייבט מיר איבער דאָס ביסל אונטערוועש. עס וואונדערט מיר בלויז וואָס זיי האָבן מיר איבער־געלאָזט דאָס, און אויף מיין זיידן טיכל וואָס איך פלעג טראָגן שבת און יום טוב. אָבער מיך וואונדערט דויערט נישט לאַנג. באַלד שאַרט זיך צו צו מיר אַ הויכער חברה־מאַן און ווי אַ קאַלטער גזלן, זאָגט ער מיט פאַרביסענע ליפּן, „גיב מיר דאָס זיידענע טיכל.״ איך שטיי אַ פאַרלאָרענער, אָבער ער באַנוצט זיך מיט איין רגע וואָס ער גיט אַ פּאָר אריין מיט דער האַנט, און דאָס טיכל איז מער נישט מיינע. ווען איך באַקלאָג זיך דערנאָך פאַר דעם ווילנער גנב וואָס האָט מיך פאַרראַטן, גיט ער מיר אַן עצה צו מאַכן א שוויג און דאַנקען גאָט וואָס מען האָט מיר נאָך פריער נישט צעבראָכן די ביינער. „אַז דו ביזט אַן אַרעסטאַנט, האַנדל ווי אַן אַרעסטאַנט. אַז מען וועט ברענגען דאָ אַ נייעם און ער וועט האָבן אַ פּעקל, וועסטו אויך קענען נעמען דיין חלק.״ טרייסט ער מיך. איך בעט אים אָבער, צו טאָן מיר די טובה צו זען אַז איך זאָל אָפּקריגן דאָס זיידענע טיכל. איך האָב נאָך אַלץ געהאָפט צו קענען באַלד אָפּפאָרן אין דער ישיבה און איך פיל אַז די זיידענע טיכל וואָלט מיך צוגעגעבן אַ ביסל חשיבות וואָס זאָל פאַרגיטיגן פאַר מיין קליין געוויקסיגקייט.

נאָך אין דעם זעלבן טאָג, צו אָוונט צו, טרעף איך זיך מיט צוויי נייע אַרעסטאַנטן, גוט געקליידעטע, גוט מאַנירטע, מיטל־יאָריגע מענטשן. איך האָב געשטוינט וואָס פאַר אַ מינים טרעפענישן עס קענען פאַרקומען אין אַזאַ פּלאַץ. איינער פון זיי האָט ארויסגענומען פון אַ פּעקל אַ „בוטער־בראָדט״ און געגעבן איינעם דעם צווייטן. זיי האָבן עס געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט און איך באַאָבאַכט זיי מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. אָפערן זיי מיר אויך אַ „בוטער־בראָדט״. איך הויב אויף אויף זיי מיינע דאַנקבאַרע אויגן, אָבער איך זאָג זיך אָפּ פון נעמען עס. „ס׳איז זייער געשמאַק און אויך געזונטע שפּייז,״ באַמערקט מיר איינער פון זיי. איך, אָבער, זאָג זיך אַלץ אָפּ און פרעג, „איז עס כשר?״

איינער קוקט אויפן צווייטן און זאָגט, „זע נאָר וואו מען קען נאָך טרעפן אַ כשר׳ן אידן!״

איך דערקלער זיי אַז איך בין נאָך אַלץ אַ ישיבה־בחור און דערצייל זיי מיין מעשה.

„אך! וואו די צאַרישע רעגירונג האָלט שוין אַז זי האָט שוין מורא אפילו פאַר ישיבה־בחורים און וואַרפט זיי אריין אין טורמע.״ „עס איז טאַקע נישט כשר,״ זאָגט מיר איינער. „אָבער איר זעט אויס צו זיין אן אינטעלי־גענטער מענטש״, זאָגט מיר איינער, „אַ מענטש וואָס דאַרף וויסן אַז כשר מיינט נישט שטענדיג פריש, און טרפה מיינט נישט שטענדיג אומפריש.״

„אפשר זענט איר גערעכט,״ ענטפער איך. „אָבער איך בין זיכער אַז עס וועט מיר פאַרשאַטן אויב איך וועל עס עסן, ווייל מיין דערציאונג האָט אַוועקגעשטעלט אַ וואַנט צווישן מיר און אַזעלכע מאכלים.״

„איך וועל נעמען די עברה אויף זיך״, שפּאַסט איינער. אָבער איך שאָקל אָלץ מיטן קאָפּ אויף ניין.

דער אינצידענט דויערט בלויז עטלעכע מינוטן, אָבער עס פירט מיר אריין אין אַ נייער געדאַנקען וועלט. זיי שמועסן מיט מיר דערנאָך וועגן די מנהגים און טאבוס ביי פאַרשידענע פעלקער, און זיי ווייזן מיר אַז וואָס עס איז הייליג ביי איין גרופּע מענטשן איז אומהייליג ביי דער צווייטער — וואָס דאָס מיינט אַז ביידע זיינען נאַריש. אָט ווייזט ער מיר — „פּרואוו אריינגיין אין אַ קריסטלעכן קלויסטער און נעם נישט אַראָפּ דאָס היטל. וועט עס הייסן אַ גרויסע באַליידיגונג פאַרן קלויסטער. אָבער ווען מען גייט אריין אין אַ אידישער שול אָן אַ היטל, וועט עס דאָרט הייסן אַ באַליידיגונג פאַר דער שול. גייט אריין אין אַ מאָכמעדאַנישן מעטשעט אין שטיוול אָדער אין קאַמאַשן, וועט מען אייך דורכשטעכן מיט די אויגן פאַר באַליידיגן דעם מעטשעט, און פאַרקערט — גייט אריין אַ באָרוויסער אין אַ אידישער שול, וועט מען אויף אייך קוקן, אין בעסטן פאַלן, ווי אויף אַ משוגע׳נעם. אימיצער פון זיי מוז זיין אומגערעכט. ביידע קענען נישט זיין גערעכט אין דער זעלבער צייט. נישט אמת?״

אָבער דער צווייטער האָלט אָן די אָנגעהויבענע אַטאַקע פון זיין חבר, און זעצט ווייטער פאָר: „שטעלט זיך פאָר, עס קומט איצט פאַר די מלחמה צווישן די בורן און די ענגלענדער אין טראַנסוואַל, אפריקע. די ענגלענדער, די פרומע, די פוריטאַנער, קניען פאַר יעזוסן און בעטן, אַז ער זאָל ברענגען אַ מפלה אויף די צעבונטעוועטע בורן, און אין דער זעלבער צייט ליגן טויזנטער בורן אויף די קני פאַרן זעלביגן יעזוס און בעטן אים אַז ער זאָל ברענגען אַ מפלה אויף די ענגלענדער וואָס פאַרשקלאַפן זיי און וואָס ווילן נישט ארויס פון זייער לאַנד — צו וועמען זאָל זיך דער ה׳ יעזוס צוהערן? ווער פון זיי בעט דעם ריכטיגן גאָט, און ווער דעם ריכטיגן געבעט?... גיט אַ קלער וועגן דעם!״

איך האָב זיך אָפּגערוקט פון זיי אַ פּאַרקלערטער אויף פּאַרשידענע ריכטונגען, געפּרואווט מעסטן און וועגן די מיר־געגעבענע אַרגומענטן, און דערנאָך זיך מיט זיי געראַנגלט אַ גאַנצע נאַכט. איך האָב געפילט ווי אַ האַק האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף מיינע פאַרוואָרצלטע טראַדיציעס און אמונה.

אויף מאָרגן אין דער פרי בין איך שוין געווען אַ צוגעקלעפּטער צו די צוויי מענער. עס ווערט מיר וואָס אַמאָל קלאָרער אַז זיי מוזן האָבן עפּעס צו טאָן מיט די „ציציליסטן" וועגן וועלכע איך האָב געהערט אַזוי פיל אין די לעצטע צייט, און געוואוסט וועגן זיי אַזוי ווייניג. מיר איז אפילו אריינ־געפאַלן אַ פאַרדאַכט אז זיי האָבן געהאט א האנט אין דער פירערשאַפט פון נעכטיגער דעמאָנסטראַציע. אין אַ רייע וויטערדיגע געשפּרעכן האָט זיך עס כמעט ווי באַשטעטיגט. איך באַנוץ זיך מיט דער געלעגנהייט און איך שטעל זיי א רייע פראַגן: אויב עס איז פאַראַן ביי אייך א צווייפל אין דעם אמת פון אונזער אמונה, פאַרוואָס האָט אונזער משה רבינו אונז אָנגעזאָגט אַז מיר זאָלן נישט גלויבן אין אַנדערע געטער אויסער אין יהוה'ן? פאַרוואָס איז ער געווען אַזוי זיכער? און איר אַזוי אומזיכער?"

„אומזיכער, זאָגט איר? אָ, ניין, מיר זיינען זיכער אַז דאָס זיינען אַלץ איבערבלייבענישן פון אַמאָליגע פינצטערע צייטן, ווען דער מענטש איז געווען אין איין מורא, אין איין פורכט פאַר מעכטיגערע כוחות, ווען דער רעגן און דער שניי, דער ווינט און דער שטורעם, דער דונער און דער בליץ, האָבן אים כסדר געמוטשעט, אים פאַרפאַלגט און געסטראַשעט: ווען אויף טריט און שריט האָבן זיך אים פאָרגעשטעלט אַלערליי שלעכטע גייסטער, וואָס האָבן אים געשראָקן אין חלום און אין וואָר."

„יאָ, מיין פריינט," ווענדט זיך צו מיר דער צווייטער וואָס האַלט אָן וויטער די אַרגומענטאַציע געגן מיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען; „יעדער איינער פון אונז איז געווען אַזוי פעסט איינגעוואָרצלט אין דער אַלטער טראַדיציע און געדאַנקען־גאַנג, ווי איר זעט אויס צו זיין. מיין זיידע איז אליין געווען אַ רב אין אַ פאַלטאַווער שטעטל און איז דערנאָך אַרויס אַ באַפרייטער פון זיינע פריערדיגע איינבילדונגען אַזוי שנעל ווי ער האָט זיך באַקענט מיט די מאָדערנע פילאָזאָפישע סיסטעמען. ער האָט זיך בלויז געוואונדערט פאַרוואָס אַזאַ גאון ווי דער רמב"ם, (מאימאָנידעס) האָט זיך נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן אין דעם גלויבן פון אַ גאָט, פון מלאכים, פון געבאָטן וואָס זיינען אומפאַרענדערלעך, ווען אַלץ אַרום און אַרום איז פול מיט ענדערונגען אין אַלע הינזיכטן. אָבער זאָגט מיר", ווענדעט ער זיך דירעקט צו מיר מיט אַ פראַגע, „ווי אַזוי קומט איר צו אַזאַ דעמאָנסטראַציע וואו מען האָט אייך אַרעסטירט?"

איך דערציי̈ל אים די גאַנצע געשיכטע ווי אַזוי איך האָב ערשט לעצטנס אָנגעהויבן צו הערן וועגן פּאָליטישע, רעליגיעזע און פילאָזאָפּישע פּראָבלעמען, און ווי אַזוי איך בין ארייַנגעפאַלן צו דער דעמאָנסטראַציע. איך האָב אים געבעטן אַן עצה ווי אַזוי ארויסצוגיין פון דער לאַגע. ווען איך האָב אים געזאָגט אַז דער לאַדזשער רב, ר׳ אליה חיים מייזל, איז מיין מוטער׳ס אַ פעטער, האָט ער געגעבן אַ פּאַטש מיט די הענט און דערקלערט, „אייער גאַנצע פּראָבלעם קען געלייזט ווערן איינס, צוויי. וואָרשע האָט פיל גרויסע, איינפלוסרייכע אידן, וואָס אַ וואָרט פון לאַדזשער רב, שפּילט ביי זיי אַ גרויסע ראָלע. שרייבט אַן אַ בריוול צום רב וועגן אייער איצטיגן אומגליק און ער וועט זיך שוין פאַרשטענדיגן מיט אַן איינפלוסרייכן אידן אין וואַרשע, וואָס וועט אייך קענען ארויסנעמען אויף זיין פאַראַנטוואָרט־לעכקייט.”

מיר ווערט ליכטיג אין די אויגן אויפן מאָמענט, אָבער גלייך כאַפּ איך זיך, ווי אַזוי וועל איך ארויסשיקן דעם בריוו צום רב? מען זאָגט דאָך מיר אַז יעדער בריוו וואָס גייט ארויס פון טורמע מוז ווערן צענזורירט און מוז דורכגיין אַ גאַנצע רייע הענט. „מיר וועלן דאָס שוין אַרויסשיקן. לאָזט דאָס איבער צו אונז. איר שרייבט נאָר אַן דעם בריוו.”

און אַזוי איז טאַקע געוועזן. איך האָב אָנגעשריבן דעם בריוו צום רב און געבעטן אַז ער זאָל זיך פאַרשטענדיגן מיט דעם רב פון וואַרשע אַז מען זאָל מיר אַרויסלאָזן. דער דאָזיגער בריוו איז נאָך אַרויסגעשיקט געוואָרן פון טורמע דעם זעלבן טאָג. דער אַרעסטאַנט פאַר אריבערגיין די גרעניץ איז יענעם אָוונט באַפרייט געוואָרן און ער האָט באַלייגט דעם בריוו. אויף מאָרגן, אָבער, רופט מען מיך פלוצלונג אריין אין דער קאַנצעלאַריע און מען גיט מיך איבער צו אַ קאָנוואָי איבערצופירן אין דער טורמע אויף גענשע גאַס פון וואַנען מען וועט מיר שיקן ווייטער דורך פעטריקאָוו קיין לאַדזש.

איך האָב זיך אָפּגעזעגנט מיט די צוויי אויפקלערער מיינע, זיך כמעט ווי צעוויינט ביי די לעצטע האַנט־דרוקן, און אַוועק מיט אַ שווערער האַרץ און מיט נייע שרעקנס־געפילן, אין דער טורמע אויף גענשע גאַס דאָרט איז שוין אַ נייע חתונה. מען באַזוכט מיר פון קאָפּ ביז די פיס. די קאַמער אין וועלכער מען וואַרפט מיר אריין איז שוין פול אויף אַזוי פיל, אַז פאַר מיר בלייבט אפילו נישט קיין אָרט וואו אוועקצוזעצן זיך. איך האָב שוין דאָרט אויך קיינעם נישט וועמען עס זאָל זיך פאַר מיר אָננעמען. אָבער דער טייל טאַבאַק וואָס איז ביי מיר געבליבן איז געוועזן מיין גוטער מזל. אַזוי שנעל ווי איינער פון די עלטערע אַרעסטאַנטן האָט עס באַקומען, איז ער געוואָרן מיין באַשיצער.

ער האָט מיר אויך געוויזן די פאַרשידענע קלוגע שפּיצלעך וואָס מען דאַרף אָנווענדן בנוגע שלעכטע אַרעסטאַנטן און דער טורמע־פּאָליציי. ער האָט אויך געפּרוואווט מאַכן פּלאַץ פאַר מיר אויף דער נאַכט אין ערגעץ אוועק־צולייגן מיין שעניק. ווען איינער פון די אַרעסטאַנטן האָט מיר אָנגעהויבן צו דערגיין די יאָרן, האָט ער מיט איין קלאַפּ איבערן קאָפּ איבערגעמאַכט זיין נאַטור וואָס שייך צו מיר. אין דער דאָזיגער טורמע בין איך אָפּגעווען נאָך פינף טעג. אין אַ שיינעם מאָנטאָג אין דער פרי, נעמט מען מיך פון דאָרט אַרויס צו אַן עטאַפּ וואָס גייט אוועק אין דער פּראַגער פּערעסילנער טורמע. דאָרט איז מיר נישט געווען אַזוי שלעכט, ווייל גראַד איז דאָרט געווען אַ גרעסערע צאָל פּאָליטישע אַרעסטאַנטן ווי אין די פריערדיגע צוויי פּלעצער. קיינער האָט מיר דאָרט געטאָן קיין שום שלעכטס, בין איך געזעסן גאַנצע טעג אויף דער נאַרע און געזאָגט תהלים אויסנווייניג. און נאָך יעדן קאַפּיטל האָב איך זיך דערמאָנט אָן די געשפּרעכן מיט די צוויי אויפקלערער מיינע אין דער ראַטוש טורמע.

צי מיין תהלים האָט מיר געהאָלפן, צי נישט, אָבער אין צוויי טעג שפּעטער בין איך שוין געווען אַ געשמידטער אין קייטן אויפן וועג קיין פּעטריקאָוו, די גובערניקע שטאָט פון לאָדזש. די דאָרטיגע טורמע איז געווען אַ טרויעריג באַרימטע, נישט בלויז מיט אירע גראָבע ווענט און הויכע בלעכענע בעלמעס וואָס פאַרשטעלן די פענצטער, נאָר אויך מיט אירע געפערלעכע אוממענטשלעכע אַרעסטאַנטן. מערסטנס מערדער און גזלנים. איך האָב עס זייער שנעל אויסגעפונען. ווי נאָר מען האָט מיך אריינגעזעצט אין אַ קאַמער, האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרשטיין דעם אונטערשייד צווישן איין טורמע און אַ צווייטער. עס איז גלייך צו מיר צוגעקומען איינער, אַ זעץ געטאָן מיר אין מאָרדע אַז די ציינער אין מויל האָבן זיך צוזאַמענגערוקט איינע צו די אַנדערע פאַר שרעק און מיך געוואָרנט אַז איך זאָל זיין „אנשטענדיג״. איך האָב אים געקוקט גלייך אין די אויגן און נישט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט — „וואָס האָסטו אויף מיר אָנגעשטעלט אַ פּאָר קובערס ?״ פרעגט ער מיך מיט זיינע גזלנ׳ישע אויגן. „זיין ,אנשטענדיג׳ מיינט אַוועקגעבן די אַלטע אַרעסטאַנטן אַלץ וואָס דו האָסט, האַלטן ריין זייערע געלעגערס, זייערע זאַכן, אַרומריינינגן זיי, אויסלויזן זיי, און פאָלגן וואָס מען זאָגט.״

אָפּגעזאָגט זיך און אַוועקגעגאַנגען עטלעכע טריט. די איינציגע זאַך וואָס ער האָט פאַר מיר געטאָן איז געווען וואָס מען האָט מיר אריינגענומען אין דעם שפּיל. דאָס איז באַשטאַנען אין דעם וואָס מען נעמט דעם קרבן, פאַרבינדט אים די אויגן און מען לייגט אים אַוועק מיטן הינטן אַרויף און מען גיט אים אַ פּאַטש אַז פונקן פליען. ערשט דעמאָלט הייבט ער זיך

אויף און דאַרף דערקענען דעם וואָס האָט אים געגעבן דעם פּאַטש. אויב ער דערקענט נישט און דאָס טרעפט אפשר איין מאָל אין צוואַנציק אַז ער זאָל דערקענען, מוז ער זיך נאָך אַמאָל לייגן און נאָך אַמאָל דורכגיין די זעלבע פּראָצעדורע. ווען ער דערקענט שוין יאָ, ווערט ער ערשט דעמאָלט אויס־געלייזט, און דער דערקענטער לייגט זיך אַוועק אויף זיין אָרט. און אַזוי חזרט עס זיך איבער כסדר. די ברוטאַלקייט דערגייט אָפּטמאָל צו דעם אַז מען פּאַטשט שוין נישט מיט די בלויזע הענט, נאָר מען נעמט פון זיך אַראָפּ דעם שוך אָדער דעם שטיוול, און מען זעצט מיט דעם, אָדער מיט אַ פּשוט'ער בולאַווע. אָפטמאָל באַרואיגט מען זיך ערשט דעמאָלט ווען מען זעט שוין בלוט אַרויסשפּריצן פון דעם קרבן.

איך אַליין בין געווען צופרידן נישט נאָר דערפאַר וואָס איך בין נישט דער קרבן פון אַזאַ עקסעקוציע, נאָר אויך וואָס איך ווער נישט געצוואונגען אַליין צו באַטייליקן זיך אין אַזאַ ברוטאַליטעט. אָבער ביינאַכט האָט זיך מיר געחלום'ט אַז איך בין אויך אַן אויסגעקליבענער צו ליגן און אַריינצוקלאַפּן פייערדיקע דונערן. אויפכאַפּנדיק זיך אין דער פרי האָב איך זיך אַ טאַפּ געטאָן צי בין איך אַרויס אַ גאַנצער.

אָבער אויב איך בין אַרויס אַ גאַנצער פון דעם שלעכטן חלום, בין איך נישט אַרויס קיין גאַנצער פון אונטער די הענט פון אַ צווייטן בויאַנישן אַרעסטאַנט. ער איז צו מיר צוגעקומען און געפאָדערט די זיידענע טיכל וואָס איך האָב, ווייל ער דאַרף אָפּגעבן אַ חוב וואָס ער האָט זיך באַשולדיגט אין אַ קאָרטן־שפּיל. „איך בין אַ מענטש מיט האָנאָר, וואָס באַצאָלט חובות וואָס איך קום", זאָגט ער מיר. „קיין געלט האָסטו דאָך נישט, האָסט דען יאָ," און וואָרט נישט אויף מיין ענטפער. „טאָ גיב מיר דיין זיידענע טיכל, אָבער גיב! גלייך! די מינוט!" גיט ער אַ וואָרף מיט זיינע גזלנ'ישע אויגן.

איך ענטפער, „דאָס טיכל קען איך דיר נישט געבן. דאָס איז אַ מתנה פון מיין מוטער צו מיין געבורטסטאָג". פּרואוו איך אויך צו זיין שאַרף. אָבער איידער איך פאַרענדיק דאָס לעצטע וואָרט, כאַפּ איך אַריין אַזאַ פייערדיקן זעץ אין דעם הינטערקאָפּ אונטער דעם אויער. דאָס איז געווען גענוג אַז איך זאָל אַרויס אין גאַנצן אין אַ חלשות'דיקן צושטאַנד. ער האָט די טיכל פון מיר אַרויסגעריסן. מיין כעס איז אָבער צוגעשוואומען צו מיין באַוואוסטזיין אין אַזאַ קראַפט, אַז עס האָט מיר דערמאָנט אין דעם ווערטל אַז מען קען לעשן פייער מיט פייער. פאַרוואָס זאָל איך נישט אַוועקגיין צום ערשטן באַיאַן און באַקלאָגן זיך אויפן צווייטן, וואָס מען האָט גערופן יאַהאַן. דער פּוילישער גזלן איז געווען צופרידן וואָס איך האָב צו אים צוטרוי: „דאָס טאָקע האָב

איך געמיינט מיט מיין זאָגן דיר אַז דו זאָלסט זיין אנשטענדיק. איך וועל אים שוין אויסדרייען אַ פוס ווען איך וועל אים נאָך אַ פּאַק טאָן."

עס האָט געדויערט ווייניגער ווי אַ שעה ווי עס האָט זיך געהערט אין אַ ווינקל אַ ריטשען ווי פון אַ חזיר ווען מען טרעט אים אָן אויפן ריכטיגן פלאָץ. אין עטלעכע מינוטן אַרום האָב איך שוין געהאַט מיין טיכל צוריק. דער פרעדיגער פון אַנשטענדיגקייט איז דערנאָך אפילו נישט צוגעגאַנגען אַ קוק צו טאָן וואָס זיין צע׳מזיק׳טער קרבן מאַכט. דאָס האָב איך געטאָן. ווען איך בין צו אים צוגעקומען, האָט ער אויף מיר געקוקט מיט אַזעלכע רחמנות׳דיגע אויגן, אַז איך האָב שוין געגעבן אַ קלער צי מיין זיידענע טיכל האָט געהאַט אזא ווערט. איך האָב אים צוגעלייגט צו זיין צעהאַקטער נאָז אַ טיכל מיט וואַסער און ער האָט מיר געדאַנקט שטום אָבער רירנדיג. "דו ביזט נישט קיין איד", זאָגט ער מיר. "דו ביזט אַן אמת׳ער קריסט, ווי יעזוס האָט געבאָטן".

איך האָב אים קורץ אָפּגעענטפערט: "יעזוס אליין איז אויך געווען אַ איד, אַ פאַרפירטער איד, אָבער אַ איד". איך האָב זיך דערנאָך אליין געוואונדערט צי בין איך אין גאַנצן גערעכט ווען איך האָב אים אָנגערופן אַ פאַרפירטער איד. אַזוי האָבן דאָך אַנדערע אויך גערופן דעם רמב״ם, אויך שפינאָזאַ׳ן!?

קאַפּיטל פינף־און־צוואַנציק

אַ באַפרייטער צוריק אין לאָדזש

אין דריי טעג אַרום, אומגעפער אַרום דעם 22־סטן מאַי, 1900 געפין איך זיך שוין אַ געשמידטער אין אַ פוס־קאַנוואַי. דאָס שיקט מען מיך אָפּ מיט עטלעכע צענדליג אַנדערע אַרעסטאַנטן קיין לאָדזש. דער מהלך פון פעטריקאָוו איז אַרום פופציג וויאָרסט. צווישן די אַרעסטאַנטן האָט מען געשמועסט, אַז מיר וועלן גיין צו פוס בלויז אַ שטיקל וועג און דערנאָך וועט מען, הייסט עס, אונז אוועקזעצן אויף פורן און מיר וועלן פאָרן קיין לאָדזש. שפּעטער ערשט, האָב איך אויסגעפונען אַז דעם קלאַנג האָבן בכיוון ארויס־געלאָזט די קאַנוואַי באַאַמטע, כדי די אַרעסטאַנטן זאָלן זיך נישט בונטעווען אויפן וועג. דאָס איז אויך געווען די אורזאַך פאַרוואָס זיי האָבן אַלעמען, אָן אונטערשייד, איינגעשלאָסן אין קייטן. אגב זיינען אַלע געווען אויסגע־הונגערט נאָך דעם וואָסערדיגן באַרשט פרישטיג, וואָס מיר האָבן געגעסן אין פעטריקאָוו. עס איז שווער צו זאָגן ווער פון די קערפּער־טיילן עס זיינען געווען מער רעוואָלטירנדיג — די אויסגעמאַטערטע פיס, טרעטנדיג

אויף די שטיינער פון שאָסיי, צי די הונגעריגע געדערים אין בויך וואָס האָבן געקרעכצט און געמאָנט.

מיר זיינען געווען איינגעשלאָסן זאלבע־צוויט, איין פּאָר קייטן פאר צוויי ארעסטאַנטן צוזאַמען. מיר איז אויסגעקומען צו זיין איינגעשלאָסן מיט איינעם וואָס איז אָפּגעווען אין סיביר אַ לאַנגע צייט אין קאַטאָרגע, פאר מאַכן פאַלש געלט. דער אַרעסטאַנט איז געווען אַ פּאָלאַק, וואָס האָט שוין אָבער גערעדט מער רוסיש ווי פּויליש. ער איז געווען צו מיר זייער פריינטלעך, דערציילט מיר זיין לעבנס געשיכטע ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַ פאַלש־מינצער.

„איך בין נאָך געווען זייער יונג״, דערציילט ער מיר. „אין גאַנצן אַרום זיבעצן, אַכצן יאָר. איך האָב געוואָלט שטודירן מאָלעריי, האָט מיר מיין גורל געפירט צו אַ שניצער און מעטאַל־גיסער. איך האָב געלערנט ווי אַזוי אויסצושניצן בוכשטאַבן, פיגורן און מאָלן זיי. איינע פון מיינע איבונגען איז געווען איבערצומאָלן קלאַסישע בילדער און שניצונגען. איך האָב זיך אויסגעצייכנט מיט מיין פּינקטלעכער נאָכמאַכונג. ערשט איין מאָל, פרעגט מיר מיין באַלעבאָס צי וועל איך קענען נאָכמאַכן דעם קיסר׳ס קאָפּ, וואָס געפינט זיך אויף אַ רובל. איך האָב עס געפּרואווט טאָן און עס איז ארויס־געקומען גוט. צו מיין באַדויערן האָב איך ערשט שפּעטער אויסגעפונען, אַז דאָס בין איך אריינגעפאַלן אין די הענט פון פאַלש־מינצער. ווען די פּאָליציי איז איין מאָל באַפאַלן אונזער ווארשטאַט, האָט מען מיך אויך ארעסטירט. דער אָפּיציעלער באַלעבאָס, אָבער, האָט אַלץ אַרויפגעלייגט אויף מיר, און אַז ער אליין האָט פון גאָרנישט געוואוסט. ער האָט אָבער געהאַט אַ גוטן אדוואָקאַט און איך האָב זיך געדרייט ווי אַ וואָרים, דערציילט דעם אמת, אָבער מיין אַדוואָקאַט, וואָלט איך געשוואָרן, איז געווען אונטערגעקויפט פון מיין באַלעבאָס. מען האָט מיך אַזוי „פאַרטיידיגט״, אַז איך האָב געקריגן דרייסיג יאָר קאַטאָרגע. עס האָט מיך קיין זאַך נישט געהאָלפן. מען האָט מיר אַריינגעזעצט אין אַ טורמע־צעל, וואו עס איז אויך געווען אַ שפּיאָן, אָדער גיכער אַ פּראָוואָקאַטאָר, וואָס האָט דערנאָך עדות געזאָגט פאַר מיין באַלעבאָס אַז איך האָב זיך פאַר אים מודה געווען אין דעם פאַרברעכן. סיי ווי, האָב איך אָפּגעפינצטערט אויף קאַטאָרגע צוואַנציג יאָר נאָכדעם איידער מען האָט מיך אביסל פאַרלייכטערט מיין שווערע אַרבעט פון שנידן שטיינער. יעצט שיקט מען מיך צוריק אַ באַפרייטן אין מיין היים־שטאָט, לאָדזש, אָבער איך הייב נישט אָן צו געדענקען קיין איינציגע גאַס, קיין איינציק הויז, קיין איינציקן פריינט. איך בין געווען אַ דערצויגענער אין אַ הויז פון פאַרלאָזטע קינדער. איך האָב קיין מאָל נישט געוואוסט פון קיין טאַטן און מאַמען. איך ווייס

דערפֿאַר נישט אין וועלכער טיר פֿריער אָנצוקלאַפּן. איך וועל שוין מסתמא אַזוי אָפּפֿינצטערן מיין גאַנצן לעבן, נישט האָבנדיג קיין היים."

„האָט איר קיין מאָל נישט חתונה געהאַט"? פרעג איך אים, און דערשרעק זיך אליין פאר מיין פראַגע.

„חתונה געהאַט", פרעגט ער מיר, „דו האָסט ווידער אָנגערירט אַ ווייטאַגדיקן פונקט אין מיין האַרץ. איך בין געווען פֿאַרליבט אין אַ יאַקוטיש מיידל, איז זי מיר געשטאָרבן פון אַ זייער שלעכטער קראַנקהייט. ווען איך דערמאָן זיך אָן איר, רייסט אָן אין מיר די וואונד מיט פרישער שאַרפקייט."

ער איז שטיל געוואָרן און האָט שוין אַ לענגערע צייט נישט גערעדט קיין וואָרט. איך האָב אים געפּרואווט טרייסטן, אַז איך וועל בעטן מיינע קרובים אין לאָדזש צו זען קריגן פֿאַר אים אַרבעט. ער האָט אַ שווייגנדיגער מיר געוויזן אַ פּאָר דאַנקבאַרע אויגן. איך קען זיך נאָך ביז יעצט נישט פֿאַרגעבן פֿאַרוואָס איך האָב מיין צוזאָג נישט געהאַלטן.

שפּעט אין אָוונט זיינען מיר אָנגעקומען מידע, צעקאַלעטשעטע אין דעם דרום-טייל פון לאָדזש, אויף גאַיער׳ס מאַרק. מען האָט אונז אָפּגעפירט אין דעם פערטן פּאָליצײ-צירקל און אַ טייל פון אונז ארײנגעפּאַקט אין איין קאַמער. מיר האָבן נאָך אַלץ נישט געהאַט קיין ביסן ברויט אין מויל און ווען מיר האָבן געבעטן דעם פּאָליצײ-וועכטער, אַז מען זאָל אונז עפּעס געבן, כאָטש אַ שטיקל טרוקן ברויט, האָט ער אונז געזאָגט, אַז ער קען דאָס נישט טאָן. מיר וועלן עסן ערשט ווען מען וועט אונז אָוועקפירן אין טורמע, אָדער אין די אייגענע היימען.

מיר איז קיין זאַך נישט געבליבן צו טאָן ווי ווידער אַמאָל אָנהייבן „זאָגן תהילים". איך האָב עס איבערגעזאָגט און איבערגעזאָגט, ביז די ווערטער זיינען שוין געוואָרן אָפּגעריבן פון זייער פּאַטעטישן גלאַנץ. דאָס זיינען געווען שעה׳ן פון אויסערגעוויינלעכער לענג און אומענדלעכן דויער. ווען דער הונגער וואָלט כאָטש אויף אַזוי פיל נישט געמאַטערט! אָבער דאָס איז געווען דער אויבערטאָן אין דער גאַנצער שווידערלעכער לאַגע אין דעם פערטן פּאָליצײ-צירקל אין לאָדזש. ערשט אויפן דריטן טאָג, אין מיטן פון אַ קאַפּיטל תהילים, וואָס איך האָב ווידער אָנגעהויבן צו זאָגן, דערהער איך דורכן טיר אַ גערודער, וואָס האָט מיר אויפגעשפּיצט און אָנגעשטאָלט. איך וואָלט געשוואָרן אַז דאָס איז די שטימע פון דעם לאָדזשער רב, וואָס איך הער. „מיין הילף קומט!" גיט מיר אַ בליץ אין קאָפּ, ווען די טיר הייבט זיך אָן צו עפענען. אין איין רגע בין איך שוין אין דער קאַנצעלאַריע. דער רב קוקט אויף מיר ווי מיט געשוואָלענע אויגן. „שרעק זיך נישט, מיין קינד. אָט נעמט מען דיך באַלד אהיים."

אַ פּאַפּיר װעלכער איז געלעגן פאַר אים, האָט צו מיר געװאָונקען מיט גוטע בשורות. איך זע װי דער רב שרײַבט אים אונטער און דער פּריסטאַװ פון דעם צירקל דאַנקט אים און גיט אים די האַנט. אין איין רגע זע איך װי מײַן מוטער שפּאַרט זיך אַרײַן און דער רב זאָגט איר, „כאשע, נא דיר דײַן זון!"

דאָס איז געװען אַ מאָמענט װאָס, װען איך פלעג זיך נאָר אָן אים שפּעטער דערמאָנען, פלעגן מיר צושטראָמען קװאַלן פון טרערן. די ערשטע זאַך האָט דער רב אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל אים אויף מאָרגן קומען זען, און גלײַך דערבײַ צוגעגעבן — „איצט װאַש זיך די הענט און נעם עפּעס עסן."
די מאַמע האָט שוין געהאַט אָנגעגרייט אַ חלה'לע, געשפּאָלטן אין צװייען, און אָנגעשמירט מיט פּוטער. איך האָב געבעטן די מאַמען צו געבן אויך װאָס זי האָט נאָר פון עסן צו די איבעריגע, אויסגעהונגערטע אַרעסטאַנטן. מײַן מוטער איז גלײַך געלאָפן און געבראַכט אַ גאַנצע שירץ מיט זעמל און אַלערלײַ געבעקסן און צעטײלט עס צװישן די איבעריגע. איך בין באַלד אַרויס אַ באַפרײַטער און אַװעק מיט דער מאַמען אַהיים. מיר זײַנען געפאָרן אויף אַ דראָזשקע און אויפן גאַנצן װעג האָט זיך מײַן מויל נישט פאַרמאַכט צו דערצײלן איר די איבערלעבונגען פון די לעצטע עטלעכע װאָכן. ערשט, װען איך קום אהיים, קומט די מאַמע צום װאָרט און דערצײלט מיר װאָס פאַרא טעג זײ האָבן דאָ געהאַט זינט מײַן בריװ איז אָנגעקומען צום רב.
עס זײַנען גלײַך געפלױגן טעלעגראַמעס קיין װאַרשע צו פאַרשידענע אָנגעזעענע פּערזאָנען אַז זײ זאָלן מיך זען באַפרײַען אויף זײער װאָרט. אַז אין װאַרשע גופא האָט זיך גלײַך אָנגעהױבן אַ זוכעניש. מען האָט מיך געזוכט אין אַלע טורמעס און צום סוף האָבן זײ זיך דערװאוסט, אַז מען האָט מיך אָפּגעשיקט אין פּעטריקאָװער טורמע. האָבן אָנגעהױבן פליען טעלעגראַמעס קיין פּעטריקאָװ צום פּאָליצײַ־מײַסטער, אָבער ער אַלײן האָט מיך שוין אויך נישט געקענט געפינען. איך בין געװען אויפן װעג מיטן קאָנװאָי. און ערשט שפּעטער, האָבן מיר זיך געקענט פאַרשטעלן פאַרװאָס דער קאָנװאָי האָט מיר פאַרשלעפּט אין פערטן פּאָליצײַ־צירקל װען אונזער װאױנונג איז אין צװײטן.
די מאַמע האָט דערצײלט, אַז די פאַמיליע פון דעם רב איז געװען אַזױ אַרײַנגעטאָן אין דעם ענין פון געפינען מיך, אַז אַלע דרײַ אײניקלעך זײַנען אַרומגעלאָפן מיך זוכן אין די פאַרשידענע „אוטשאַסטקעס", ביז זײ האָבן מיך געפונען אין דעם פערטן צירקל.

װאָס פאַרא גן עדן עס איז פאַר מיר געװען די ערשטע נאַכט צו ליגן אין אַן אמת'ער בעט, אַ זאַטער און אָן אַרומיגע קרימינעלע אַרעסטאַנטן. מיר האָט זיך געדוכט אַז די מענטשן װאָס גײען אַרום אין די גאַסן פרײַע,

זאָטע, ווייסן גאַרנישט אין וואָס פֿאַר אַ גן עדן זיי לעבן. איך האָב זיך אויפֿגע־כאַפּט פֿון אַ שלעכטן חלום. עס איז נאָך געווען היפּשלעך פֿרי. איך האָב זיך אָבער שנעל אָפּגעפּאַרטיגט מיטן אָנטאָן, דאַוונען און כאַפּן אַ ביס פֿרישטיג, און בין גלייך געלאָפֿן צום רב ווי ער האָט מיר פֿאַראָרדערט. איך האָב אים געטראָפֿן אין אַ פֿריילעכערע שטימונג.

„וואָס האָבן זיי דאָרט אין וואַרשע זיך געקלערט? אַז זיי האָבן געכאַפּט דעם גרעסטן פּאָליטישן פֿאַרברעכער?" וואָס האָבן זיי געהאַט צו דיר? וואָס פֿאַר אַ פֿאַרברעכן האָסטו אָפּגעטאָן וואָס זיי האָבען דיר אַרעסטירט?"

ווען איך האָב אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע, האָט ער מיך פֿאָטערלעך געוואָרנט, „די דעמאָנסטראַנטן, וואָס האָבן געליאַרעמט אין די גאַסן קעגן קיסר און זיין רעגירונג, האָבן ווילנדיג, צי נישט ווילנדיג, אריינ־געשלעפּט אומשולדיקע מענטשן אין זייער סומאַטאָכע. איך האָף אַז דו וועסט זיך שוין היטן אַ צווייטן מאָל פֿון אריינצופֿאַלן אין אַזאַ צרה. איך האָב פֿאַר דיר זיך אונטערגעשריבן און געגעבן אַ גאַראַנטיע אַז דו ביזט ריין פֿון אַזעלכע זאַכן. זע זשע, מיין קינד, אַז איך זאָל נישט בלייבן קיין ליגנער. וואָס שייך דיין ווייטערדיגן לערנען, רו זיך פֿריער אויס פֿון דיין שרעקלעכער בהלה און מיר וועלן דערנאָך זען".

נאָך דעם זעלבן טאָג איז אונזער וואוינונג אויף זאַכאַדניע פֿיר־און־פֿופֿציג, געוואָרן דער פּלאַץ פֿון אַ צוזאַמענלויף פֿון פֿאַרשידענע עלעמענטן — פֿיל פֿון מיינע יוגנט פֿריינט זיינען געקומען מיך זען, פֿיל פֿון די קרובים, און כמעט די אַלע שכנים פֿון דעם הויף. יעדער איינער האָט געוואָלט וויסן וואָס, ווען, ווי אַזוי? ווי אַ טורמע זעט אויס, ווי אַרעסטאַנטן זעען אויס, ווי אַזוי איך האָב דאָס געקענט אַדורכטראָגן? צווישן די געקומענע איז אויך געווען אַ פֿאַמיליע פֿון שכנים וואָס האָבן ערשט־אַ זיך אריינגעצויגן אין דעם הויז. דאָס איז געווען אויפֿן פּלאַץ פֿון דעם שניידער, פּיעקאַרטשיק, אין וועמענס טאָכטער, ריווקע, איך האָב זיך פֿאַרקוקט עטלעכע מאָל און געמיינט אַז איך בין פֿאַרליבט אין איר. די דאָזיגע פֿאַמיליע איז באַשטאַנען פֿון פֿיר פּערזאָן — דער פֿאָטער, שמואל, אַ מלמד; זיין פֿרוי, אַ הויכע, שטאַלטנע אידענע; זיין זון, אַ בלינדער אויף ביידע אויגן; און אַ אינגערע טאָכטער פֿון וואַסערע פּערצן, פֿופֿצן יאָר, יוטע, (ייטע), אַ מיידל נאָך צו יונג אַז איך זאָל אויף איר ווערלן אַ קוק טאָן. זי נעמט אָבער אַ גרעסערן אָנטייל אין די פֿראַגעס — וואָס, ווען און ווי אַזוי. איך ווער געוואָר אַז דאָס אינגל, דער בלינדער, פֿאַרט אין גיכן אָפּ מיט זיין מוטער אַלס באַגלייטערין, קיין ווין, צו לערנען אין אַ ספּעציעלער קאָנסערוואַטאָריע פֿאַר אידישע בלינדע קינדער. ער לאָדט מיך טאָקע גלייך איין צו זיך אין הויז צו הערן ווי ער שפּילט, און פֿרעגט

מיך וואָס איך וואָלט וועלן הערן, וועט ער עס שפּילן לכבוד מיר. איך זע ווי זיין שוועסטערל שאָקלט צו גוטהייסנדיג מיטן קאָפּ, און טאַקע גלייך נאָכדעם וואָס איך האָב זיך אָפּגעפּאַרטיגט מיט די באַזוכער, בין איך אריין מיט מיין שוועסטערל, פייגל, צו זיי אין הויז, יוטע דערלאַנג מיר אַ שטול און איך וואַרף שוין אַ בליק אויף איר. זי האָט אינטערעסאַנטע אויגן, קלער איך זיך, פון וועלכע עס איז שווער זיך אָפּצורייסן. אָבער איר ברודער׳ס שפּילן סאַראַסאַטעס „צוגיינערוויזן״ האָט מיך יאָ אָפּגעריסן און איך האָב זיך איינגעגעסן אין זיינע שנעל פליענדיגע פינגער איבער די סטרונעס און אין דער מאַנענדיגער מעלאָדיע. כ׳האָב פאַר זיך געזען שוין אַ פאַרטיגן קינסט־לער און געוואונדערט זיך, צו וואָס דאַרף נאָך אַזאַ איינער פאָרן ערשט קיין ווין ווען ער קען שוין געבן אַזוי פיל מוזיקאַלישע פאַרגעניגן? ער שפּילט דערנאָך פאַר אונז לישט׳ס אונגאַרישן טאַנץ נומער צוויי און באַצויבערט מיך פּשוט. דער מלמד, זיין פאָטער, איז קענטיג גערירט פון דעם, וואָס איך באַצי זיך אַזוי ברייטהאַציג צו זיין זונ׳ס קונסט, און זאָגט מיך דערנאָך, „דו וועסט מיר טאָן אַ גרויסן כבוד ווען דו וועסט מאָרגן מיט אונז צוזאַמען באַגלייטן אים צום באַן״. איך האָב צוגעזאָגט, עפּעס ווי איך וואָלט אים געטאָן א גרויסע טובה. פאַקטיש, אָבער, האָב איך געפילט אין זיך אַז ער האָט מיר געטאָן אַ גרויסע געפעליגקייט.

און אַזוי איז עס טאַקע געווען. אויף מאָרגן אין דער פרי בין איך שוין געווען אויף די פּיס און געווען צווישן דער קליינער גרופּע, וואָס האָט באַגלייט דעם בלינדן, יונגן מוזיקער. מיר איז אויסגעקומען עטלעכע מאָל שפּאַצירנדיג אין אַ ברייטער רייע, אָנצושלאָגן זיך אָן ייטע׳ן, און איך האָב דערפילט אַ מאָדנעם שטראָם פון ליבשאַפט אין מיין גאַנצן קערפּער. מיר האָבן שפּאַצירט אויף דער זוניגער זייט, און איר גאַנצער פּנים איז פאַר מיר באַלויכטן געוואָרן מיט אַלע פאַרשידענע צויבערשטריכן. איך האָב איר ערשט דערזען צום ערשטן מאָל ווי זי איז, און איך האָב ביי זיך געקלערט — הלואי זאָל איך זי שטענדיג אַזוי זען.

דער געוויינלעכער לאַנגער גאַנג צום ווינער וואָקזאַל האָט מיר דעמאָלט אויסגעזען צו זיין צו קורץ. איך וואָלט וועלן אַזוי גיין און גיין, און טרינקען דעם פרישן טוי פון איר פּנים און די שטראַלן פון אירע אויגן. איך האָב פאַרשטאַנען — איך בין אַ פאַרליבטער! פון יענעם טאָג אָן איז שוין ייטע מיר נישט אַרויס פון זינען. ביי דעם ערשטן קלער, טאָמער דאַרף איך אָוועקפאָרן, אויב דער רב וועט מיך שיקן אין ערגעץ, האָב איך אויפגעציטערט — ווי וועל איך דאָס קענען אויסהאַלטן? אויף אַזאַ אופן בין איך געשטויסן

געוואָרן צו קלערן וועגן אַזאַ וואַנדלונג אין מיין לעבן, וואו איך וועל נישט דאַרפן אַוועקפאָרן אין ערגעץ, נאָר וועל קענען בלייבן אין שטאָט.

די ערשטע געלעגנהייט, וואָס האָט זיך מיר געמאַכט, איז געווען ווען אַ גרופּע עלטערע קינדער פון דער ווסכאָדניע גאַס וואו מיר האָבן אַמאָל געוואוינט, ווענדעט זיך צו מיר אַז איך זאָל ווערן זייער לערער אין העברייאיש. זיי זיינען גרייט מיר צו צאָלן פינף רובל אַ חודש פאַר איין לעקציע אַ וואָך. פאַר יענער צייט מיינט עס אַ גינסטיגער פאָרשלאַג און איך קלער זיך — אויב איך קען קריגן נאָך אַזאַ גרופּע, אָדער צוויי, וועל איך קענען האָבן גענוג אויף צו לעבן אַ חודש און האָבן גענוג פרייע צייט פאַר מיינע אייגענע למודים וואָס איך וויל נאָך דורכמאַכן. איך נעם אָן דעם פאָרשלאָג און איידער איך קוק זיך אום קריג איך אָן אָנבאָט פון עטלעכע מאלער־אַרבעטער אַז איך זאָל מיט זיי לערנען אידיש, רוסיש און אריפמעטיק. דער אָנפירער פון דער גרופּע איז געווען נפתלי מאַליאַרזש און זיין חבר, ישראל־לייב מילכטייך, אויך אַ שטוב־מאָלער. דער דאָזיגער קלאַס קומט פאַר אין דער וואוינונג פון אַ אידישן שמיד מיטן נאָמען זשופאַן, דער פאָטער פון אברהם און פון יאַנקל, וואָס איז נישט לאַנג צוריק געשטאָרבן אין ניו יאָרק. צוזאַמען מיט זיי זיינען נאָך געווען אַ רייע יוגנטלעכע שוועסטער און ברידער.

גראָד האָט כמעט דער גאַנצער קלאַס שוין דעמאָלט באַלאַנגט צו דער גרופּע וואָס איז געווען באַקאַנט אין לאָדזש אונטערן נאָמען „אחדות”. פאַקטיש זיינען דאָס געווען מיטגלידער, אָדער סימפּאַטיזירער פון דעם „בונד”, וועגן וועלכן איך הייב אָן צו הערן אַלץ מער און מער. פון צייט צו צייט, שטעלן מיר מיינע תלמידים מאָדנע פראַגעס — פאַרוואָס קום איך נישט צו די מיטינגען? „צו וועלכע מיטינגען?” פרעג איך. מען ענטפערט מיר, „צו די מיטינגען פון אונזערע ברידער און שוועסטער, צו די „אחדות”.

איך באַשליס ביי זיך פעסט צו דערגיין וואָס איז אַזוינס דער „בונד”. וואו קומען פאַר די מיטינגען? ישראל־לייב, דער זון פון אונזער שכן, זאָגט מיר צו מיטצונעמען צו אַזאַ מיטינג, אויב איך וועל דאָס האַלטן קאָנספּיראַטיוו, דאָס הייסט, „קיינעם נישט אויסזאָגן וועגן דעם.” ער האַלט וואָרט. ווייזט מיר אָן אויפן קומענדיגן זונטאָג נאָך מיטאָג, וועט ער מיר מיטנעמען צו אַזאַ מיטינג און וועט מיך באַקענען מיט עטלעכע פירער פון דער באַוועגונג.

איך קען זיך שוין נישט דערוואַרטן אויף דעם טאָג. איך ברען פשוט פאַר נייגער צו דערוויסן זיך מער, און פון דער ערשטער האַנט, מיט דער דאָזיגער באַוועגונג פאַר וועלכער „די גאַנצע שטאָט האָט מורא”. אפילו ייטע גייט מיר אויף אַ מאָמענט אַרויס פון קאָפּ און פרעגט מיר שוין איין מאָל, וואָס איז די מעשה וואָס זי זעט מיך מער נישט? אין דער זעלבער צייט,

דרייט מיר נאָך אַלץ מיין מוטער דעם קאָפּ צו גיין צוריק לערנען אין בית מדרש, אָדער אַם וויינגסטנס, צום רב אין הויז, וואו איך וועל זיך צוהערן צו שאלות און צו דין תורה׳ס. איך, אָבער, כ׳האָב נאָך אַלץ אַ האָפענונג אַז דער רב האָט מסתמא פאַרגעסן אַז איך בין נאָך נישט קיין באַזאָרגטער, און ער וועט מיר מער נישט טשעפּען. נאָר דער לאָדזשער רב האָט מיך נישט פאַרגעסן. אין עטלעכע טעג אַרום רופט ער מיך און ווען איך קום צו אים בעט ער מיך מיט טרערן אין די אויגן איך זאָל אָנהאַלטן די טראַדיציע פון מיינע גרויסע זיידעס און לערנען. „דער שאגת אריה״ האָט דאָך קיין מאָל נישט אויפגעהערט צו לערנען און ער האָט דאָך געקענט גאַנץ תורה אויסנווייניג. אויב מען האָט אַזאַ זיידן, טאָר מען אים נישט פאַרשעמען. איך וויל דיר נישט שטויסן מיט גוואַלד וואו צו פאָרן און ווען צו פאָרן. עס איז אָבער וויכטיג איבערצולאָזן די אייגענע שטאָט, כדי נישט צו האָבן קיין שום זאַך וואָס זאָל דיר צונעמען די מחשבות.״ ער גיט אויף מיר אַ שאַרפן קוק און מיר דוכט אַז ער זעט אין מיר ווי איך בין שוין פאַרנומען מיט אַן אַנדער פנים אויסער פון דער תורה. איך גיי אַוועק פון אים מיט נאָך גרעסערע פּלאַנטערס אין מיין מוח. איך באַשליס ביי זיך, אָבער, אַז אַן ייטע׳ן וועל איך נישט קענען אָנגיין — וואָס עס זאָל נישט זיין. וואָס מער איך פאַרדעכטיג צו האָבן אין וועג גרעסערע שטיינער צו איר, אַלץ מער וואַקסט ביי מיר אַ משוגע׳נע ליבשאַפט וואָס פאַרגרעסערט זיך אַן אַן אָפּשטעל. איך פאַל צו צו איר מיט אַזאַ שטורמישן קושן און האַלזן, אַז זי קען נישט אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

„נו, גענוג שוין, גענוג שוין! וויפל איז דער שיעור?״ פרעגט זי מיך מיט אַ גרויס פאַרוואונדער אין די אויגן.

„נישטאָ קיין שיעור״, ענטפער איך, „און עס קען נישט זיין קיין שיעור צו מיין ליבשאַפט! איך מוז דיך האָבן און איך וועל דיך האָבן!״ פון וואַנען צו מיר האָט זיך גענומען אַזאַ עמפּאַטישע זיכערקייט, ווייס איך נישט. מיין נאַאיוויטעט איז פאַר מיר נאָך דעמאָלט פאַראויסגעגאַנגען ווי אַ פאָן. איך בין געווען זיכער אַז יעדער געפיל און יעדער געדאַנק וואָס איך האָב ווען עפּעס, איז אומפאַרענדערלעך, מוז שוין אַזוי בלייבן. און אַזוי ווי איך גיי אַרום אין יענע טעג, אַזוי ווי איינער וואָס האָט שוין געטרונקען פון דעם יין המשומר און טרעט אויף די טאַפּעטן פון גן עדן, מיין איך, אַז אַזוי וועל איך שוין שטענדיג פילן. פאַקטיש, פיל איך זיך טאַקע ווי אַן אַנדער מענטש. אונטער מיין צונג זוכן זיך אָפּ אַזעלכע בלומיגע, רייצנדיגע ווערטער מיט וועלכע איך באַמאַל ייטען אין מיין באַוואוסטזיין; אין מיין פאַנטאַזיע זע איך זי איינגעהילט אין די טייערסטע זיידנס און אַטלעסן פון וועלכע זי שיינט

אַרויס נאָך העלער ווי איך האָב זי ווען עס איז געזען. „אַזוי וועט זי שוין בלייבן ביי מיר״, קלער איך זיך ווי אויסגעמאָלן, אויסגעקריצט און אויס־סקולפּירט אַ גאַנצן לעבן״.

אָבער ווען איך קום צו דעם אַזוי פיל געגאַרטן מיטינג אין קאָנסטאַנ־טינער וואַלד, און הער זיך צו צו דעם פּלאַמענדיגן רעדנער און צו זיין אויס־געדריקטער פילאָזאָפיע פון מאַרקסיזם, אַז אַלץ ענדערט זיך, קריגט נייע פאָרמען, נייע געשטאַלטן, — אַז אומשטענדן קענען אַלץ איבערמאַכן, איבערבויען און איבערשאַפן, פאַלט אויף מיר אַן אַ ציטערניש, און וואָס וועט זיין ווען ייטע וועט זיך ענדערן? ווען אַלץ וואָס איך זע אין איר יעצט וועט אננעמען אַנדערע פאָרמען?! אויב איך זאָל אננעמען די הנחה אַז אַלץ מוז זיך ענדערן, בין איך דאָך אַן אומגליקלעכער! איך וואָלט דאָך נישט דערלויבן קיינעם אין דער וועלט צו ענדערן דעם מינדסטן פינקל פון אירע אויגן, די שוואַכסטע שאַטירונג פון איר הויט, פון אירע האָר, פון אירע ברעמען.

אַ מערכה וואָס דער אָראַטאָר פירט מיך גלייך אַרויף אויף אַנדערע מחשבות. „די גאַנצע אָרדנונג פאַר׳משפּט זיך אליין, שרייבט אונטער איר אייגענעם טויט־אורטייל. אויב אירע יסודות זיינען פאַרפוילטע, אירע זיילן אונטערגעזעצטע, און איר באַדן פאַרפּעסטעט און פאַראומווירדיגט, דאַרפן מיר, וואָס קומען זי אָפּראַמען פון וועג, באַגריסט ווערן ווי רעטער פון דער מענטשהייט, און נישט געוואָרפן ווערן אין טורמעס, אין סיבירישע קעלטן, און אין קאַטאָרגעס. אויב מיר שאַפן טאַקע אַלץ אויף דער ערד. הייזער און ברייזער, דאַרפן מיר נישט וואוינען אין קעלערן און אין לעכער; אויב מיר שאַפן אלערליי שטאָפן און קליידער, דאַרפן מיר נישט האָבן אַז אונזערע שוועסטער און כלות זאָלן אַרומגיין אין האַלבע שמאַטעס. מיר מעגן זיך פאַרגינען צו געניסן פון אַלץ וואָס די נאַטור גיט מיט איר פולער האַנט, מיט ברויט, וויין, ליבע און מוזיק...״

די ווערטער און געדאַנקען פאַלן אויף מיר און אויף די הונדערטער פאַרזאַמלטע אַזוי ווי אַ טרוקענע, דורשטיגע ערד נעמט אויף דעם רעגן. עס באַהערשט מיך גלייך אַ געדאַנק — ייטע? סטייטש, ערשט אין אַזאַ מין ענדערונג פון דער אָרדענונג וועט דאָך מעגלעך זיין, אַז מיר זאָלן קענען געניסן פון אַ ווירדיגן אינהאַלטספולן לעבן. ערשט דעמאָלט וועלן מיר נאָך קענען זיין זיכער אַז קיין זאַך וועט אונז נישט פאַנאַנדערנעמען און קיין זאַך וועט נישט צערייסן אונזער בונד פון ליבשאַפט אויף לעבן און טויט.

נישט וואָס מיר האָבן שוין ביי זיך אָפּגעמאַכט חתונה צו האָבן. מיר האָבן קיין מאָל נאָך וועגן דעם נישט גערעדט. נישט וואָס מיר האָבן זיך געשוואָרן טרייהייט און גאַנצקייט אויף שטענדיג. מיר האָבן דאָס אפילו אויף

די ליפּן נישט ארויסגעבראַכט. אָבער עפּעס שטאַרק און מעכטיג, זיכער און אומאָפּפרעגבאַר האָט זיך אויסגעוועבט און אויסגעפלאָכטן פון אונזער יעדן באַריר, פון אונזער יעדן אומאַרמונג, געזיגלט מיט דער הייסקייט פון אונזער קוש און באַפליגלט מיט דער ווארימקייט פון אונזער נשמה... מיין ערשטע אמת'ע ליבע!

קאַפּיטל זעקס־און־צוואַנציק

מיין צווייטע פלאַמענדיגע ליבע

מיין צווייטע פלאַמענדיגע ליבע איז געווען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, די טרייהייט צום ארבעטער־קלאַס, די שנאה צו די באַהערשער און עקספּלואטירער פון דער וועלט און איר מענטשהייט, אַ ליבשאַפט וואָס קען זיך בלויז מעסטן מיט דעם מאַגנעטיזם פון איין אַטאָם צום צווייטן, פון דער זון, די ערד, און אַנדערע פּלאַנעטן. איך הייב זיך אָן ארייננצולעבן אין געדאַנק, אַז דער זעלבער צובונד, דער זעלבער מאַגנעטיזם דאַרף און מוז באַהערשן די מענטשהייט אויב זי וויל בלייבן אַ מענטשהייט, און נישט קיין מערדער־גרופּע וואָס לעבט אויף שחיטה און נישט ווי קיין מאַסקיטאָס וואָס לעבן אויף זויגן די בלוט פון לעבעדיגע זאַכן. אַ ליבע פון מענטש צו מענטש, פון מענטש צו באַשעפעניש, צו וועלט און איר פאַרשטייאונג. מיט אַנדערע ווערטער; די וואַקסנדיגע ליבע צו דער אָרגאַניזאַציע און דער אַרבעטער־שאַפט, האָט אויך מיט זיך מיטגעבראַכט אַ ליבשאַפט צו די וואונדערבאַרע דערשיינונגען פון דער וועלט, פון דער נאַטור און פון אירע אנטוויקלונגען אין דער צוקונפט. אנטוויקלונג איז ביי מיר געוואָרן איין גרויסע ראָד וואָס שווינגט זיך אריין אין אַלץ: אין לעבן, צווישן מענטש און מענטש, צווישן געזעלשאַפט און געזעלשאַפט, צווישן פאָלק און פאָלק, און צווישן די אַלע זאַכן אין האַרמאָניע מיט דער גאַנצער נאַטור.

אויב מיין ערשטע ליבע איז שוין איצט לאַנג אונטער אַש, איז אָבער די צווייטע ליבע, נאָך אפילו אין די איצטיגע יאָרן, פון קילערן בלוט און איינגעשטילטערע ליידנשאַפטן, נאָך אַלץ אין צושטאַנד פון גלי און ברי, פון וואוקס און פּאַטענץ. און וואָס אַ טאָג ווייטער, ווערט אַ טאָג נעענטער צו דער פאַרווירקלעכונג... געוויס האָב איך נישט געזען די אַלע שטיינער וואָס ליגן און שטעלן זיך אין וועג, נישט געהאַט קיין אנונג נאָך וועגן די רעסורסן פון דער רעאַקציע, אירע הילף־אַגענטורן און אַלע אירע שמד־שטיק, ווי למשל, פאַנאַטיזם, אַבערגלויבן, נאַציאָנאַליזם, שאָוויניזם. מיר האָט זיך געדוכט אַז די דאָזיגע אַלע כחות וועלן צעגיין ווי וואַקס קעגן דעם פייער פון אונזער נייעם גלויבן און דעם כח פון אונזער אידייע.

און אַזוי האָב איך אויסגעקוואַרשירט אין מיין אכצנטן יאָר אין אַן אומבאַוואוסטן וועג פון פיל געגנזאַצן און ווידערשפּרוכן: — דער דרוק אויף מיר ווייטער צו לערנען די אַלטע אידישע חכמה פון איין זייט, און דער דרוק פון דעם אַרומיגן לעבן גופא, פון דער נייער ליטעראַטור וואָס איך זאַפּ איין, און מיין דורשט צו דערלערנען די וועלטלעכע חכמות און געזעצן. שפּריי איך צוזאַמען מיט מיינע פרומע זיידעס, גיי אין זייערע פאַנטאָפל, און פון דער צווייטער זייט, הער איך אין די אויערן די שווערע טריט פון אַ מאַרשירנדיגער מענטשהייט צו איר באַפרייאונג. דאָס איז געווען פאַר מיר אַ פאַרשווערטער וועג, פון אָפּשטעלן זיך אַלע ווילע און באַטראַכטן זיך וואו איך געפין זיך. איך האָב אומבאַוואוסטזיניג נאָך געשפּירט אַז איך דאַרף האָבן אַ ליניע אַן וועלכער זיך אָנצוהאַלטן — אַ גייסטיגן כח, וואָס זאָל מיך אין גאַנצן איבער־נעמען. ביז וואַנען אָבער איך האָב אים געגנומען דערפילן אין זיך, האָט געמוזט פאַרבייגיין אַ שטיקל צייט... מיין אכצנטער יאָר פון אנטשיידונג.

מיין שווערסטער דרוק איז געקומען פון דער זייט פון מיין מוטער און פון דעם לאָדזשער רב און זיין פאַמיליע. איך האָב קעגן זיי אפשר געהאַט די שטאַרקסטע אַרגומענטן, אָבער אויך מיין שוואַכקייט נישט צו אנטווישן זיי און נישט פאַראורזאַכן זיי קיין שווערע ליידן. מיין מוטער׳ס שטאַרקסטער וואָפן קעגן מיר איז געווען איר געוויין און יאָמער. איך האָב געוואוסט ווי שטאַרק זי האָט שוין געליטן אין איר לעבן, איר גאַנצע פאַרגאַנגענהייט פון בלייבן אַ יתומה צו דריי־פערטל יאָר, און צו וואַלגערן זיך אַלע אירע יונגע יאָרן אין אַן אָרעמער פאַמיליע. איך בין געוואָרן אויף אַ געוויסער צייט איר איינציגע טרייסט, איר האָפענונג אויף אַ לעבן מיט א ביסעלע פרייד, און דער געדאַנק, אַז אויך די האָפענונג לעשט זיך, איז פאַר איר געווען דער סאַמע שווערסטער. זי האָט בשום אופן נישט געוואָלט אויפגעבען דעם געדאַנק, אַז איך וועל זיין עפּעס אַנדערש ווי אַ רב, דערצו נאָך, אַ גרויסער רב, נישט ווייניגער. האָט זי דווקא געוואָלט, אַז איך זאָל איצט זיך ווייטער זעצן אויף דער ישיבה באַנק און ווייטער לערנען. זי האָט געהאַט צו זיך די הילף פון דעם לאָדזשער רב און פון איר אייגענער גוואַלדיגער עקשנות.

זי איז איין מאָל אַזוי אָפּגעלעגן דעם גאַנצן טאָג און געוויינט. זי איז נישט געגאַנגען עסן, נישט געוואָלט טרינקען... איר איינציקער פאַרלאַנג איז געווען איך זאָל איר צוזאָגן אַז איך וועל ווייטער גיין לערנען. נו, איז זי דעמאָלט נאָך געווען שטאַרקער פאַר מיר. איך האָב איר צוגעזאָגט! „וואו דער רב וועט מיך שיקן וועל איך פאָרן. איך וועל וואַרטן אויף זיין אויסקלייב.״ דערצו האָט איר נאָך כסדר אונזער קוואַרטיראַנט, גאַווע, געהאַלטן אין איין מאָלן פאַר איר די גרויסע ווירקונג וואָס עס וועט אויף מיר קענען מאַכן דער

בריסקער רב, ר׳ חיים׳קע, און דער גרויסער צדיק, ר׳ שלום מנשה. זי האָט זיך באַרעכנט, אויב שוין זיין אַ רב, זאָל איך שוין אויך זיין אַ צדיק.

זי איז אַוועק צום לאָדזשער רב אין אַן ערב יום כיפור און אים געבעטן אַז ער זאָל מיך שיקן קיין בריסק. „גלייך נאָך די יום טובים וועלן מיר דאָס טאָן", האָט ער איר פאַרזיכערט. און אזוי איז עס געווען. איך נעם זיך גרייטן ווידער אַמאָל צו דער ישיבה. איך לויף אַוועק אין בית מדרש, לאָז זיך צו אַ רייע מסכתות איבערצוחזרן זיי. איך פיל אַז איך געדענק זיי און קען ציטירן פון זיי גאַנצע שטיקער אויסנווייניג. אין דער זעלבער צייט, אָבער, קלאַפּט מיר מיין האַרץ יעדעס מאָל ווען איך דערמאָן זיך אָן דער אַרבעטער באַוועגונג אין וועלכער איך האָב זיך שוין געהאַט אָנגעשלאָסן און יעצט זי איבערגעלאָזט. איך שעם זיך צו קוקן עטלעכע פון מיינע חברים וואָס איך באַגעגן אָפּט, גלייך אין פּנים. איך זאָג ישראל־לייב׳ן, מיין נאָענטסטן שכנ׳ס זון, אַז איך וועל אפשר קענען מער אויפטאָן ווען איך וועל ווערן אַ רב, אידער איך קען יעצט עפּעס טאָן. האָב איך זיך אָפּגענאַרט? אָדער איז עס געווען בלויז אָפּצונאַרן דעם חבר מיינעם? איך האָב זיך נישט געקענט העלפן. איך האָב שוין צום לעצטן מאָל געפּראוווט נאָכגעבן מיין מוטער.

בין איך טאַקע גלייך נאָך די יום טובים אַוועקגעפאָרן קיין בריסק און געפירט מיט זיך צוויי בריוו — איינעם צו ר׳ חיים׳קען, דעם בריסקער רב, און איינעם צו ר׳ שלום מנשה׳ן. וואוינען האָב איך געדאַרפט ביי גאַוועע׳ן אין הויז. זיין פאַמיליע, אַ זייער אָרעמע, איז באַשטאַנען פון אַ פרוי מיט דריי קינדערלעך. ווען גאַווע איז געפאָרן אהיים אויף סוכות, האָט ער מיר באַזאָרגט מיט עטלעכע „טעג". איינע פון זיי איז געווען ביי זיין שוועגערין, אַן אייגנטימערין פון אַ באַק־אליינעם געשעפט. זי איז געווען פאַרמעגלעך גענוג צו קענען לעבן גאַנץ שיין און פראווען רייכע שבתים. איך האָב ביי זיי געהאַט אַ גוטן שבת אין דער גאַנצער צייט פון מיין זיין אין בריסק. נאָך אַ טאָג האָב איך געהאַט ביי גאַווע׳ס אַ שכן, אַן אייגענטימער פון אַ הויז און אַ בעקעריי. די געשמאַקע בעבלעך וואָס איך האָב ביי זיי געגעסן, געדענק איך נאָך עד היום.

ווען איך בין געקומען מיט דעם בריוו פון לאָדזשער רב צו ר׳ חיים׳קען, איז ער גראָד געווען זייער פאַרנומען. ער האָט מיר אָבער מיט וואַרעמער העפלעכקייט געזאָגט, אַז איך זאָל לערנען אין דער גרויסער שול, וואָס איז לעבן זיין הויז און אָנגעגעבן מיר עטלעכע נעמען פון וויכטיגע באַלעבאַטים אין דער שול, וואָס וועלן מיר העלפן זיך איינאָרדענען. צו מיין גרויסער פרייד, דערזע איך דאָרט אַן אַלטן באַקאַנטן פון דער לאָמזער ישיבה, דעם נאָוואָמינסקער. ער האָט מיך גלייך דערקענט און עס האָט מיך זייער דער־

פרייט. ער האָט מיך געוויזן אַז ער האָט געדענקט מיין ליד וואָס איך האָב פאַראַיאָרן געשריבן אין דער ישיבה אויף אויסנווייניג, מיך באַקענט מיט פילע אַנדערע ישיבה בחורים און מיך געהאָלפן קריגן אַ גוטן פּלאַץ פאַרן לערנען. און אַזוי זע איך זיך שוין ווידער ביי דער גמרא; פּרוּאוו זיך פאַרטיפן, אָבער עס זעט אויס אַז מיין קאָפּ ליגט שוין נישט אין דעם. איך פיל עס, אָבער איך ווייס נישט צי אימיצער פון דעם אַרום פילט עס אויך אויף מיר. מיט דער צייט קריג איך נאָך צוויי טעג, נישט קיין שלעכטע, אויף טיאָפּאָליאָווער גאַס. אויף איינעם פון זיי פאַרקוק איך זיך אויף אַ שיין מיידל, וואָס דערמאָנט מיר אָן ייטע אין דער היים. איך קען ביי זיך נישט אָפּמאַכן צי זאָל איך ייטען שרייבן אַ בריוו, אָדער צי זאָל איך אָפּוואַרטן ביז זי וועט מיר פריער שרייבן.

ביסלעכווייז באַקען איך זיך מיט דער שטאָט, מיט אירע גאַסן און געסלעך, מיט אירע אינסטיטוציעס. איך געפין ענדלעך אויס אויך וואו עס געפינט זיך אַ היבשע אידישע ביבליאָטעק פון העברייאיש, אידישע, רוסישע און דייטשישע ביכער. אין די אָוונטן לייען איך האַלב באהאלטענערהייט פון די ארויסגעגעבענע ביכער. איך היט זיך אפילו פאַר דעם נאָוואָמינסקער. אָבער נישט ווילנדיג, רעדט ער זיך פאַר מיר ארויס וועגן איינעם, אַן אפיקורות, פאַר וועלכן פרומע אידן היטן זיך. דאָס איז אַ געוויסער אַפּטעקער מיטן נאָמען, שטיינבערג. דער נאָוואָמינסקער האָט נישט געוואוסט אַז ער האָט מיר געגעבן אַ גוטן אַדרעס. איך האָב נאָך דעם זעלבן טאָג געכאַפּט אַ שמועס מיטן ה׳ שטיינבערג. איך געפין אויס, אַז ער איז אַ זייער פריינט־לעכער מענטש. ער נעמט מיך אויף זייער גוט. ער ראט מיך צו לייענען טאָלסטאָי׳ס ווערק. „דאָס איז דער גרעסטער אוצר,״ זאָגט ער מיר, „וואָס די רוסישע ליטעראַטור האָט. אים מוז מען לייענען אויב מען וויל זיין אַ היינטצייטיגער מענטש.״ פון די העברייאישע ביכער ראט ער מיר צו לייענען אחד העם׳ן. ער האַלט אַז ער איז דער אמת׳ער אידישער ציוניסט. ביי אים איז מער, און דער עיקר, די אידישע קולטור, — אַז ער, אחד העם, קוקט אַפילו קרום אויף דר. הערצל׳ן, ווייל ער האָט אַזאַ קנאַפּן באַגריף וועגן דעם ווערט פאַר די אידן פון זייער אַלטער אידישער קולטור, וואָס זי, די קולטור, האָט זיי אויפגעהאַלטן די גאַנצע צייט אַלס אַ פאָלק.

פון מיין געשפרעך מיט שטיינבערג׳ן, האָב איך ארויסגענומען אַז אים איז אין גאַנצן פרעמד די אַרבעטער באַוועגונג. און דאָס האָט דאָך מיר אינטערעסירט אם מערסטן. אָבער ווען ער האָט מיר רעקאָמענדירט צו טרעפן זיך מיט אַ פריינט זיינעם, אַ געוויסער האָפּמאַן, האָט ער מיך געגעבן אַ האָפנונג צו טרעפן זיך גראַד מיט אַזאַ מענטשן וואָס איך וואָלט וועלן זיך

טרעפן. פאַר מיר איז שטיינבערג בלויז געווען אויף אַזוי פיל וויכטיג אויף וויפל ער האָט מיר געגעבן אַ ברענעדיגן חשק צו לייענען איינעם פון די גרעסטע ריזן אין דער וועלט ליטעראַטור, לעאָ טאָלסטאָי׳ן, און אויף וויפל איך האָב זיך דורך אים באַקענט מיט האָפמאַנען.

האָפמאַנ׳ען האָב איך געטראָפן מיט עטלעכע טעג שפּעטער אין זיין וואוינונג נישט ווייט פון דעם גרויסן „ריאַד קראַמען״. ער האָט מיר אויסגעזען צו זיין נאָך אין די צוואַנציגער, אָבער גלאַט ראַזירט און ניי מאָדיש אָנגעטאָן. ווי יונג ער איז, איז ער שוין אויסגעווען אַ וועלט — ווין, וואַרשע, לאָדזש, בערלין זיינען אים געווען היימיש. ער האָט מיט מיר פיל גערעדט וועגן דער דייטשישער ליטעראַטור און וועגן איר הויפּט קרוין, געטהע. לויט אים, איז געטהע געווען דער גרעסטער שרייבער, וואָס די וועלט האָט ווען עס איז געזען, גרעסער אפילו פון שעקספּירן.

„אפילו פון טאָלסטאָי׳ן אויך?״ פרעג איך מיט פאַרוואונדערונג. ער קלערט אַ רגע איבער און ענטפערט, „יאָ, אפילו פון טאָלסטאָי׳ן.״ דאָס האָב איך נישט געקענט פאַרטראָגן נישט וואָס איך האָב געלייענטביידן און פאַרגליכן איינעם מיטן אַנדערן. איך האָב גראָד קיינעם נישט געלייענט פון זיי. אָבער שטיינבערג׳ס מיינונג וועגן דעם רוסישן מייסטער איז געווען אַזוי עמפאַטיש, אַזוי אומאָפּפרעגבאַר, אַז איך האָב נישט געקענט הערן קיין מיינונג וואָס זאָל אים מאַכן נידעריגער פון ווען עס איז וואָס האָט געוועלטיגט מיט אַ פען אין האַנט. דערצו האָט נאָך האָפמאַן צוגעלייגט אַטוואָס — געטהע איז טאַקע געווען זייער גרויס, אָבער נישט דערגרייכט צו דער מדרגה וואָס טאָלסטאָי.. ער האָט קיין מאָל נישט פאַרדאַמט פּריוואַט אייגנטום און דעם גוואַלד פון טיראַנישע הערשער, אַזוי ווי טאָלסטאָי האָט עס געטאָן. מיט דעם אַליין איז ער שוין, לויט האָפמאַנ׳ס מיינונג, מיט צען קעפּ העכער אפילו פאַר געטהע׳ן. איך האָב זיך צו דעם צוגעהערט מיט ביידע אויערן. ביי האָפמאַנ׳ען איז קענטיג, אַז דאָס אָפּלייקענען דעם ווערט פון פּריוואַט אייגענטום פאַר דער מענטשלעכער קולטור איז אַזוי וויכטיג און דערהויבן, אַז עס הייבט אים אויף הויך און העכער איבער זיין גאַנצן דור.

„און וואָס איז וועגן קאַרל מאַרקס?״ פרעג איך. איך שטעל אָן אויף אים די אויגן, ווי איך וואָלט וועלן ארויסלייענען פון איר אין רגע דעם ענטפער.

האָפמאַן קוקט אויף מיר ווי ער וואָלט מיר ערשט דערזען. „קאַרל מאַרקס?״ פרעגט ער איבער נאָך אַמאָל. „דאָס איז דאָך דער גרעסטער וואונדער פון דעם ערשט פאַרגאַנגענעם יאָהרהונדערט. ער האָט דאָך דערהויבן די דאָזיגע מענטשלעכע וויזיע פאַר פולער באַפרייאונג צו אַ גרויסער,

מעכטיגער וויסנשאַפט. עס וועט נאָך קומען אַ טאָג ווען אַפילו דאָ אין בריסק, אין אַזאַ קאָנסערוואַטיווער שטאָט, וועט מען פייערן זיין געבוירן־טאָג מיט פרייד און כבוד. איך וויים נישט אויב איך רעד צו איך ווי צו אַן אייגענעם מענטשן, אָבער איך באַלאַנג צו אַ גרופּע וואָס שטודירט יעצט מאַרקס׳ן, און טאַקע אין דייטש. עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז ווען מיר וועלן זיך נעענטער באַקענען, וועל איך איך איינלאַדן צו די לעזונגען פון דער גרופּע.״

איך האָב זיך שטאַרק דערפרייט מיט אַזאַ מעגלעכקייט. איך האָב אים געדאַנקט פיל מאָל פאַר אונזער קורצן געשפּרעך, און פאַר דעם גרויסן צוזאָג. גלייכצייטיג האָב איך אים געבעטן ער זאָל מיר אויסלייען, אויב ער האָט, עפּעס פון דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור. אַ בליץ פון פרייד האָב איך באַמערקט אויפלייכטן אין זיינע אויגן. ער איז גלייך אריינגעלאָפן אין אַן אַנדער צימער און מיט עטלעכע מינוטן אַרום מיר געבראַכט אַ דין ביכעלע אין דייטש — מאַניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, פון קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס, 1897, לייפּציג. איך האָב אים פיל מאָל באַדאַנקט פאַר דער דאָזיגער טובה, און דריי טעג נאָכאַנאַנד בין איך געלעגן און געלייענט און איבערגעלייענט דעם דאָזיגן קאָמוניסטישן מאַניפעסט וואָס איך האָב געוואָלט מיט אַלע כחות זיך אויסלערנען אויף אויסנווייניג.

אָט דאָס דאָזיגע ביכעלע האָט אויפגעעפנט מיינע אויגן און מיר געענטפערט אויף אַזוי פיל פראַגן וואָס האָבן מיר געמוטשעט. די ענטפערס זיינען געווען פאַר מיר אַזוי קלאָר, אַזוי פּאָזיטיוו זיכער, אַז איך האָב זיך דערפילט ווי אַ שטאַרקער פּאַנצער נעמט אַרום מיינע פּלייצעס און מאַכט מיר שטאַרקער, פעסטער און אומבאַזיגבאַר.

ווי האָט זיך דערנאָך געלערנט אין בית מדרש די גמרא? עס איז מיר אויסגעקומען אַזוי מאָדנע ווי ווען איך בין אַרויס פון דער מאַרשאַלקאָווסקער גאַס אין וואַרשע, און אריין אין אַ געסל מיט קליינע הייזלעך. די גמרא און די דינגענישן און צוויסטיגקייטן דאָרטן פון יענע חכמים איבער אַן איי וואָס איז געבאָרן געוואָרן אום יום טוב, איז מיר אויסגעקומען ווי אַ פאַרלאָרן זעמדעלע אויפן ברעג ים אין פאַרגלייך מיט אַ וועלט פון הונדערטער מיליאָנען מענטשן, וואָס איז אויפן ראַנד פון הונגער, נויט, קראַנקהייטן, און טויט . . . ווי האָב איך געקענט גאַנץ מאַכן די ליידיגקייט צווישן די צוויי געגנשטאַנדן? ווי האָב איך געקענט געפינען אַ פאַרגלייך־שטריך צווישן דעם אייער־אייער־אייערנעכטן פון עטלעכע טויזנט יאָר צוריק און דעם פרישן ווינט וואָס טראָגט זיך פון דעם היינט מיט זיינע באַפרישונגען פאַר דער גאַנצער מענטשלעכער ראַסע?

אמת, איך האָב ווייטער געלערנט, געפּרואווט אריינגיין נאָך טיפער אין די אַלטע טוכלעוואַטע קעלערן פון דעם אַלטן אידישן געדאַנק, אָבער איך האָב שוין נישט געקענט טרינקען פון יענע וואַסערן מיט דעם געשמאַק פון דעם דורשטיגן. מיין צעריסנקייט האָט זיך געלאָזט פילן אויף טריט און אויף שריט. ווען איך האָב געדאַרפט ענטפערן אויף אַ פראַגע פון אַ לערנער אין דעם זעלבן בית מדרש, וואָס איז מיר געשטעלט געוואָרן, האָט זיך שוין אריינגע׳גנב׳ט אין מיין ענטפער אַ געדאַנק פון קארל מארקס׳ן, אַז אַלטע אידייען שטאַרבן פּאַמעלעך...

אין מיטן ווינטער האָט זיך עפּעס געמאַכט אין גאַווע׳ס הויז וואָס האָט מיך צעקריגט מיט זיין פאַמיליע. איך בין די גאַנצע צייט, באַזונדערס ווינטער צייט, געשלאָפן דאָרט אונטער זייער שווערע אומשטענדן. איך האָב געמוזט בייטן מיין געלעגער לעבן אויוון פאַר דעם קאַלטן פּלאַץ אין דעם געשעפט וואו עס איז געווען ביטערלעך קאַלט. איך האָב געבעטן גאַווע׳ן ער זאָל מיר געפינען אַן אַנדער פּלאַץ און דאָ האָבן מיר זיך פּלוצלינג דערמאָנט וועגן ר׳ שלום מנשה׳ן. ער איז אַוועק צו אים, דערציילט אים וועגן מיין שלאָף־פּראָבלעם און גלייך אויפן אָרט איינגעוויליגט אָפּצוטרעטן מיר אַ פּלאַץ אויף שלאָפן אין זיין היים.

ווען איך בין צו אים געקומען אין אַן אָוונט מיט אַ פּעקל מיט מיינע זאַכן, און האָב אים געבראַכט דעם בריוו וואָס איך האָב געהאט צו אים פון לאַדזשער רב, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ און זיך געבעטן ביי מיר צו זעצן זיך. ער האָט שטייענדיג איבערגעלייענט דעם בריוו און איז גלייך צוגעגאַנגען צו מיר, אַ קוש געטאָן מיר אין שטערן, און מיר געזאָגט, „מיין היים איז דיין היים.״ דו זאָלסט זיך אַזוי פילן טאַקע בפועל ממש.״ און אַזוי האָב איך טאַקע געפילט.

דאָס איז געווען אַ מענטש מיט אַזאַ באַזונדער אינדיווידואַליטעט, מיט אַזאַ טיפער מענטשלעכקייט, וואָס האָט מיך באַוואונדערט און באַוואונ־דערט — הייסט עס, אַז אפילו אין דער אָרדענונג קענען זיך געפינען אַזעלכע זויבערע מענטשן, מיט ריינע הערצער און ברידערלעכן געפיל, ווי אָט דער קליין אידעלע אין וואוקס, און גרויסער מענטש אין גייסט, איז אין דער אמת׳ן. אין איין מינוט איז מיין שנאה צו דער איצטיגער אָרדענונג אויף אַ העלפט אָפּגעווישט געוואָרן. אויב איין מענטש אַזאַ, קען זיך געפינען אין דעם שויס פון אַ שלעכטער אָרדענונג, טאָ פאַרוואָס קענען זיך נישט געפינען אַזעלכע טויזנטער, וואָס זאָלן מיט זייערע טאַטן זיין מוסטערן פון אַ פיינערער מענטשהייט.

עס איז נישט קיין איבערטרייבונג ווען איך זאָג דאָ, אַז ר׳ שלום

מנשה מיט זיין סופערמענטשלעכקייט, האָט מיך א שלעפּ געטאָן אויף צוריק פון מיינע רעוואָלוציאָנערע אידייען. עטלעכע עפּיזאָדן וועלן זיין גענוג צו באַלייכטן דעם דאָזיגן הייליגנס פּנים.

אין דעם זעלבן הויז האָט ער געוואוינט מיט זיין טאָכטער, אַן עלטערע פרוי, אַן אלמנה, אָדער גרושה. זי האָט אים אַלץ צוגעגרייט, איינגעקויפט, געקאָכט, געבאַקן. דאָס זעלבע האָט זי געטאָן אויף זיין בקשה מיט מיר אויך. איין מאָל, גרייט זי צום טיש ווען ער האָט נאָך געהאַלטן אין אריינקוקן אין אַ ספר. זי זעצט מיך אַוועק אויף אַ פּלאַץ וואו עס איז געשטאַנען אַ גלאָז מילך. זעץ איך זיך אַוועק מיט דער מיינונג, אַז דאָס האָט זי פאַר מיר אָנגעגרייט — אַ גלאָז מילך. ווען איך הייב אָן צו טרינקען, קומט ער אריין, גייט צו צו מיר און גיט מיר אַ גלעט איבערן פּלייצע און זאָגט מיר, „טרינק, מיין קינד, טרינק.” און בעת ער טוט עס, קומט זי אריין און מאַכט אַ גרויס גוואַלד, „סטייטש! די גלאָז מילך איז דאָך געווען פאַרן טאַטן!”

איך בין געוואָרן צעמישט, שיר דערוואָרגן זיך מיט דעם ביסן אין מויל, און זיך אַ הייב געטאָן פון פּלאַץ.

„בלייב זיצן, מיין קינד, באַרואיגט מיך דאָס קליין־געוויקסיג מענטשעלע. בעת די קו האָט געגעבן דאָס מילך, האָט זי נישט געקענט רעדן פאַר ווער זי גיט עס. דו דאַרפסט עס גיכער פאַר מיר. טרינקזשע אויס געזונטערהייט.”

אָבער זי, די טאָכטער, קען זיך נישט באַרואיגן. „וואָס וועל איך זאָגן דעם דאָקטאָר ווען ער וועט מיר פרעגן צו האָסטו געהאַט די מילך וואָס ער האָט פאַראָרדנט?”

„וואָס וועסטו אים זאָגן? — זאָג אים דאָס זעלבע וואָס דו האָסט געזאָגט ווען איך האָב נישט גענומען די מעדיצין, וואָס איז געקויפט געוואָרן אום שבת. געדענקסט?”

איך בין געזעסן דערשטוינט און דערשלאָגן. וואָס איך האָב דאָ אָנגעמאַכט מיט מיין אומפאַרזיכטיגקייט! וואָלט איך געקענט אַזוי האַנדלען ווי ער, ווען די גאַנצע מעשה וואָלט געווען פּונקט פאַרקערט? וויפל מענטשן וואָלטן אַזוי געהאַנדלט?

וואָס אַ טאָג האָב איך אַלץ געזען מער גרויסקייטן פון דעם דאָזיגן אידעלע וואָס האָט אין גאַנצן געוואויגן מסתמא ארום זיבעציג־אַכציג פונט. עס איז געווען איבעראַשנדיג צו זען ווי אַזוי ער נעמט אויף אַן אָרימאַן וואָס קומט זיך קלאָגן אויף פּרנסה. „גאָט האָט באַשאַפן די וועלט”, דערקלערט ר׳ שלום מנשה דעם אָרעמאַן, „מיט גענוג שפּייז נישט נאָר פאַר אים אליין, נאָר אויך פאַר אַלע באַשעפענישן, פאַר אַלע פערד און קעמלען, בהמות און אָקסן, אַפילו פאַר אַלע ווערים און קריכנדיגע באַשעפענישן, און קיין איינער פון

זיי קומט זיך נישט קלאָגן פאַר אים אויף הונגער, ווייל איין פערד לאָזט געננוג איבער פאַר אַ צווייטן. עס איז בלויז דער מענטש וואָס איז אַזוי נידעריג, וואָס לאָזט נישט איבער פאַר אַ צווייטן די מעגלעכקייט אַז ער זאָל אויך קענען לעבן. איז שוין ממילא נישט די פראַגע וואָס עס איז דאָ אַזוי ווייניג עסן אויף דער וועלט, נאָר פאַרוואָס איינער זעט נישט אַז דער צווייטער זאָל אויך עפּעס האָבן. איך נעם פון מיין חברה מיט וועלכער איך לערן אַרום פּופּצן גילדן אַ וואָך. וויל איך אַז איר זאָלט נעמען פון מיר די פּופּצן גילדן און זיך ארויסשלאָגן פון קאָפּ אַז אייך קומט עפּעס מער. „אָבער פאַרוואָס האָט גאָט באַשאַפן אין בריסק בלויז איין ר׳ שלום מנשה? — פאַרשטיי איך נישט." איז דער אָרימאַן נאָך אַלץ געבליבן אומצופרידן און איז אַזוי אַוועק.

ווען די טאָכטער האָט אים געגומען שטראָפן — „טאַטע, דו האַנדלסט דאָך ווי אַ קינד. פון וואַנען וועלן מיר נעמען צו לעבן ביז דיינע צווייטע שכירות?"

„פריער דאַרפן מיר עס דערלעבן"... האָט ער קורץ געענטפערט.

קאַפּיטל זיבן־און־צוואַנציק

די צווייטע גרויסע שרפה אין בריסק

אין משך פון דעם גאַנצן ווינטער האָב איך געלערנט, געלייענט און זיך פאַרפולקאָמט היבשלעך סיי אין תלמוד, סיי אין וועלטלעכע ענינים. האָפמאַן האָט זיך מיט מיר געטיילט זיין מאַרקסיסטישע ביבליאָטעקל און מיר אויך אָנגעוויזן אויף ביכער אין דער שטאָט ביבליאָטעק, וואָס איך האָב אויסגעבאָרגט אונטער זאַלאָג. די ביכער פלעג איך האַלטן אין דער וויבערשער שול אויפן צווייטן שטאָק. מיר פלעגן אַהין קומען לייענען אַפּיקורסישע ליטעראַטור. אָבער איין מאָל, אין אַ שבת אין דער פרי, דערהערן זיך סיגנאַלן פון דער פייער קאָמאַנדע, אַז אַ גרויסער פייער האָט אויסגעבראָכן אין סאַמע צענטער פון שטאָט.

מיט אַמאָל זיינען אַלע גאַסן דערפילט געוואָרן מיט מענטשן מיט גוואַלד געשרייען, און וועגענער אָנגעפילט מיט זאַכן וואָס מען ראַטעוועט אַרויס פון דער שרפה. דאָס איז געווען אַ שרעקלעך בילד פון צעטומלעניש, אויפרודער און פאַרלאָרנקייט.

צוליב דעם שבת איז די צערודערונג געווען נאָך גרעסער. פרומע אידן זיינען אַרומגעלאָפן צווישן דעם עולם און געוואָרנט: „אידן, פאַרגעסט נישט אַז היינט איז שבת. לויטן דין טאָר מען נישט ראַטעווען מער ווי שפּייז פאַר איין סעודה!" אָבער ווער האָט זיי געהערט?... דער עולם האָט

געשלעפּט גרויסע שטיקער מעבל, בעטגעוואַנט, כלים פון קיך, קליידער פון געשאַנקן, וועש און וואָס נישט. וואו מען האָט געוואָרפן אַן אויג איז עס געפאַלן אויף וועגענער, געשטופּט מערסטנס ביי האַנט, אויף טאַטשקעס, אָדער אויף אָנגעפּעלצטע מענטשן וואָס האָבען זיך אליין פאַרוואַנדלט אין שלעפּ־חיות אָדער לאַסט־וועגענער.

דער טומל ווערט גרעסער פון מינוט. פּאַטשטן קומען פון אַלע זייטן... „עס ברענט שוין אויפן ראַד." ..."דריי שולן האָבן שוין אָפּגעברענט! „די רוסישע צערקווע ברענט שוין אויך".. „מ'זאָגט אַז מען פירט שוין אַרויס פון דעם קרעפּאַסט אַלע קאַנאָנען און דעם גאַנצן פּולווער..."

„עס וועט באַלד אָנהויבן צו רעגענען," שרייט איינער מיט זיכערקייט. „דאָס וועט אָפּהאַלטן די שרפה פון אויפעסן די גאַנצע שטאָט"... „ווער רעגן, וואָס רעגן, ס'איז אַפילו נישטאָ קיין סימן דערפון." איינער קומט איצט פון אויסערן שטאָט, זאָגט ער אַז דער הימל איז בלאָ אַזוי ווי אין פּסח. די וואָלקנס וואָס מיר זעען איבערן שטאָט זיינען דער רויך, סאַזשע, פייער־פלאַמען און שטויב...

אונזער גאַס הייבט אויך אָן צו ברענען. הערן זיך קולות. „לאָמיר זיך ראַטעווען מיטן לעבן!" שרייען איניגע, און הייבן אָן אַ נייעם געלאַף. איך קוק זיך אום אויף צוריק און זע טאַקע ווי עס וואַלט געלאָפן פייערדיגע בערג אויף אונז, מיט שטורעם. איך ווייס נישט וואָס צו טאָן. אין וועלכער זייט צו לויפן? איך דערמאָן זיך אַז אין דער ווייבערשער שול, אויף פּאָליציים־קער גאַס, האָב איך דאָרטן דריי ביבליאָטעק ביכער, וואָס זיינען אונטער זאַלאָג. מיר פאַלט גאָרנישט איין צו קלערן וועגן מיינע ביסל בעביכעס וואָס איך האָב נאָך ביי ר' שלום מנשה'ן אין הויז. איך באַרואיג זיך עפּעס צו שנעל מיטן געדאַנק: ביי אַזאַ צדיק וועט מסתמא נישט ברענען. עס דויערט אָבער נישט לאַנג ווי צווישן די געשרייען הער איך קלאָר: דער גרינער בית המדרש ברענט שוין. אָבער דאָרט אין געגנט וואוינט דאָך ר' שלום מנשה, — ווייס איך שוין ווידער נישט וואָס צו טאָן. פון דעם רויך זע איך אַפילו נישט אין וועלכער ריכטונג צו לויפן כדי צו ראַטעווען עטלעכע פון מיינע זאַכן. ביי ווענען צו פרעגן איז נישטאָ. גיי פרעג ביי צוראַספּאַלאָשעטער סטאַדע..*

דער פּלאַץ ווערט וואָס אַמאָל ענגער. אידן און אידענעס קומען אָן צו לויפן אין נייע שנירלעך, אַלע פון זיי מיט הויז־זאַכן. עס ווערט שיר דער־שטיקט צו ווערן. ערטערווייז פליען שטיקער גלאָוונעס איבערן קאָפּ. דאָ און דאָרט כאַפּט זיך אָן מיט פייער אַ קלייד ביי דעם, ביי יענעם פון פליענדיגע פונקען. אָבער ווער קוקט זיך אום אויף דעם? די גאַנצע שטאָט ברענט!

*איבערגעשראָקענער סטאַדע.

מענטשן הייבן זיך אָן צו דערמאָנען די ערשטע גרויסע בריסקער שרפה. זיי זאָגן אַז דעמאָלט איז ערגער געווען. אַנדערע אמפּערן זיך אַז אַזאַ שרפה ווי איצט האָט נאָך די וועלט נישט געזען. „ס'טייטש, דעמאָלט געדענק איך נאָך ווי טויבן האָבן געטראָגן פייער פון איין הויז צום צווייטן!"

„טויבן?! שיינע טויבן זיינען דאָס געווען... עס האָבן דאָך „קלוגע" אידן געגאָסן מיט קאַנען נאַפט אויף זייערע הייזער קלוימערשט ווי עס וואָלט געווען וואַסער אַפּצוראַטעווען פון דער שרפה."

„און וואָס איז היינט? האָב איך אַליין נישט געזען אויף אַ געסל ווי אַ איד גיסט נאַפט אויף זיין, איך בעט אייך צו פאַרצייען, כאַלופּע, און טוט עס מיט אַ מינע פון איינעם וואָס האַלט אין ווערן רייך. א „נס", זאָגט ער זיין פרוי, „וואָס איך האָב באַנייט ערשט לעצטע וואָך די אַסעקוראַנץ. געלויבט איז דער אייבערשטער וואָס מיר וועלן זיך קענען נאָך דער שרפה אויפ־בויען." אין דער זעלבער צייט ברעכן זיך אַנדערע די הענט וואָס זייער אַסעקוראַנץ איז אויסגעגאַנגען נישט לאַנג צוריק, און האָבן נאָך נישט באַוויזן צו באַנייען.

דער ווינט פאַרשטאַרקט זיך. אייניגע זאָגן אַז דער ווינט קומט פון דעם פּ(?)ער גופא. עס פליען גאַנצע וואָלקנס מיט פונקען. דער עולם צעלויפט זיך. ווידער אַ סומאַטאָכע, געשרייען, גוואַלדן! ווידער וואָרנונגען פון פרומע אידן אַז אַפילו פערד מוזן רוען אום שבת. איינער ווייזט אָן וואו עס איז נעענטער צו אַ פעלד און הייבט אָן אַן עקספּעדיציע אַהין. איך ווער אויך פאַרכאַפּט אין דער סומאַטאָכע, און לאָז זיך צוזאַמען מיט די לויפנדיגע. דאָס איז געווען אַ געלאָף שוין צו ראַטעווען די אייגענע לעבנס. ווי עס האָט שוין דעמאָלט אויסגעזען, רינגלט דער פייער אַרום די גאַנצע געגנט ווי מיט אַ רייף. עס איז קלאָר אַז יעדער איינציגער מוז זיך ראַטעווען און אַרויסלויפן פון שטאָט אין פעלד אריין. אַפלויפנדיג אַזוי עטלעכע גאַסן זעסטו ווי עס ציט זיך אַ לאַנגע פּאַסמע מענטשן מיט זאַכן אין איין ריכטונג, וואָס ווייטער אַוועק פון שטאָט צו די פעלדער צו. איך שטעל זיך אויף די שפּיץ פינגער צו קוקן און זען וואָס עס טוט זיך דאָרטן אויף די פעלדער. אַלץ וואָס איך זע איז מאַסן צעווילדעוועטע מענטשן, לויפן איינע אויף די אַנדערע, ווי זיי וואָלטן געווען צעפלאָשעטע שאָף. איך זע זיך שנעל אַרום אַז איך, פערזענלעך, האָב שוין נישט קיין אורזאַך פאַרוואָס ווייטער צו לויפן. איך שטעל זיך אָפּ אם ווייניגסטנס צו כאַפּן דעם אָטעם. איך דערקען אַ אידן, א שכן פון ר' שלום מנשה'ן, און זאָג אים, „ווער ווייס וואָס דער אַלטער צדיק מאַכט, און ווי ער וועט זיך דערשלעפּן אַזוי ווייט." זאָגט ער מיר, אַז ער האָט אַליין געזען ווי די טאָכטער האָט אים געפירט אַהערצו מיט אַ שטיקל

צייט צוריק און אַז איך וועל אים זיכער אָנטרעפן ווען איך וועל גיין כסדר אַ ביסעלע ווייטער.

נישט האָבנדיג קיין שום אָנהאַלט אין ערגעץ, קלער איך זיך אַז איך מוז זיך האַלטן אַרום ר׳ שלום מנשה׳ן, און געפינען אים ווערט פאַר מיר איצט אַ פראַגע פון לעבן און טויט. גיי איך ווייטער, זוך איך ווייטער, פרעג זיך נאָך, ביז איך פאַל, אָן כחות, אויף אַ גרופּע אידן וואָס פרעגן מיר אויף וועלכער גאַס איך האָב געוואוינט. ווען זיי הערן אַז איך בין כון ר׳ שלום מנשה׳ס הויז, ווייזט מיר אַ אינגל אָן אויף אַ גרופּע מענטשן פון דער ווייטנס, אַז דאָרט זיצט ער מיט זיין טאָכטער. איך האָב דערפילט אַ מאָדנע פרייד אין דעם דאָזיגן גיהנום׳דיגן צושטאַנד. איך וועל שוין איצט נישט פאַרפאַלן ווערן.

די ערשטע האָט מיר דערזען די טאָכטער. אירע אויגן זיינען געווען פול מיט טרערן. זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ ווי איינע וואָס האָט אַלץ פאַרלאָרן און זאָגט מיר, „ווייסט, ישראל בערעלע, אַז דער טאַטע האָט נישט געלאָזט ראַטעווען קיין שום זאַך, נאָר בלויז אַ שטיקעלע חלה."

איך זע ווי דער אַלטיטשקער זיצט אַ צוזאַמען־געקאָרטשעטער, און ציטערט פאַר קעלט אין דער דאָזיגער העלישער היץ. לעבן אים שטייען צוויי גבאים פון זיין בית מדרש און טרייסטן אים: „רבי, מיר וועלן אייך אַלץ גוטמאַכן. דאגה׳ט זיך נישט. מיר וועלן אין עטלעכע טעג צייט זען אַז איר זאָלט אַלץ האָבן.

„ווער דאגה׳ט זיך וועגן זאַכן? וואָס פאַרא זאַכן דאַרף איך האָבן? איך דאגה זיך אין גאַנצן פון אַן אַנדער זאַך." ער בייגט זיך צו אַ ביסל צו די גבאים און פאַרטרויערט זיי, „איך האָב געמאַכט אַ ברכה להבדלה. ווען איך האָב געהערט מיט אַ שעה פריער דעם גרויסן געדונער, האָב איך, ווי אַלע אידן, געמאַכט די ברכה אויפן דונער — שכוחו וגבורתו מלא עולם. דער סוף האָט זיך אויסגעלאָזט אַז דאָס זיינען געווען אויפרייסנדיגע קוילן אין קרעפּאָסט." איך בין געשטאַנען און געהערט און געשטוינט ווי אַזאַ גרויסער מענטש זעט די טראַגעדיע פון טויזנטער מענטשן אין דעם ליכט פון מאַכן אַ ברכה להבדלה! איך האָב נאָכגעקלערט דעם גאַנצן ענין און צום סוף דערזען ווי אַזוי דער ענין פון מענטשלעכקייט און פרומקייט צו גאָט ווערן ביי אים איינס — איין ענין וואָס קען נישט פאַנאַנדערגעטיילט ווערן. זיין גרויסער הומאַניזם איז פּאַקטיש אַ טייל פון זיי גוואַלדיגער פרומקייט. און איך קום צוריק צום באַוואוסטזיין אַז אונזער רעליגיע, ווי אַלע אַנדערע רעליגיעס, איז אַן איבערבלייבעניש פון די אַלטע גראָע צייטן, ווען דער מענטש איז נאָך געגאַנגען אין פולער פינצטערניש, געציטערט פאַר יעדן שאָרך, פאַר

יעדן גערודער. איך האָב זיך אויך געקלערט אַז די געשרייען פון די פרומע אידן, אַז מען טאָר אום שבת נישט ראַטעווען קיין שום נויטיגע זאַכן, איז אפשר געווען לייכט אויפצונעמען ביי אַזעלכע וואָס קענען גיין אויף מאָרגן און איינקויפן זיך נייע נויטיגע זאַכן. פאַר די אָרעמע מענטשן, אָבער, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אָן דער קישן און אָן דער קאָלדרע מיט זייערע גאַנצע כחות, און זיי געפּרואווט צו ראַטעווען, זיינען די רופן אויפצוגעבן זיי געווען היפּאָקריטישע און נישט ערלעכע. ווי אַזוי זיינען געשלאָפן אין די קומענדיגע נעכט די וואָס זיינען אַרויס פון פייער אָן אַ „פּאָדים?" שבת, צי נישט שבת, זיינען די גרויסע מאַסן אידן געבליבן אָן דעם שבת און אָן דער וואָך. ווען מען האָט אָנגעהויבן צו צעטיילן ברויט מיט טיי אין אָוונט צו די מאַסע אויסגעוואָרצלטע און אָנדאַכיגע מענטשן, איז עס געווען איינע פון די גרעסטע טראַגעדיעס וואָס איך האָב ווען עס איז געזען אין מיין לעבן. וויפל מענטשן האָבן זיך געשטיקט מיט די שטיקלעך בעטל־ברויט וואָס זיי האָבן געגעסן!

און וואָס איז געווען אויף מאָרגן, אמת, עס זיינען אָנגעקומען פורן מיט עסן און קליידער פון די אָרומיגע שטעט און שטעטלעך. מען האָט אָנגעהויבן פאַנאַנדערצעטיילן ברויט און גרויפּנס צו אָרעמע מענטשן. די רייכערע, אָבער, האָבן געהאַט גענוג מיטלען צו עסן גוטע שפּייז, וועלכע זיי האָבן געוואָלט און ווי אַזוי זיי האָבן געוואָלט. דאָס דאָזיגע פייער האָט מיר אויך געגעבן ליכט צו דערזען בעסער די אונטערשיידן צווישן אָרעם און רייך, צווישן הילפלאָזע און באַזאָרגטע.

מיין סאָציאַליזם איז שטאַרק באַלויכטן געוואָרן פון דעם דאָזיגן שרעק־לעכן אומגליק וואָס האָט געטראָפן אַ גרויסע שטאָט מיט מענטשן. איך האָב אַלץ פאַרלאָרן — מיינע אַלע קליידער און אונטערוועש, מיינע ביכער וואָס איך האָב אליין געהאַט, און די וואָס איך האָב גענומען צו לייענען. איך בין אהיימגעפאָרן בלויז מיט דעם וואָס איך האָב געהאַט אויף זיך.

קאַפּיטל אַכט־און־צוואַנציק

אין אַקטיווער דינסט

מיין קומען צוריק אין לאָדזש איז שטילערהייט באַגריסט געוואָרן פון מיינע ערשטע חברים אין „בונד". עטלעכע האָבן שנעל צוריק אָרגאַניזירט דעם קלאַס וואָס איך האָב געפירט מיט אַ צוגאָב פון עטלעכע נייע תלמידים, און די בונדישע אָרגאַניזאַציע האָט מיר איבערגעגעבן אין האַנט אַ קרייז פון אַרבעטער וואָס איך האָב געדאַרפט פירן.

מיך האָט אויך זייער גוט אויפגענומען יוטע. זי איז היפּשלעך אויס־

געוואַקסן אין דער צייט, און זיך נאָך שענער אַנטוויקלט. איך האָב אין איר געזען אַלע צויבערס וואָס אַ בחור וויל זען אין אַ מיידל וואָס ער האָט ליב. דערצו איז נאָך יוטע געוואָרן אַ ביסל מער באַוואוסטזיניג אין דער צייט אין וועלכער מיר לעבן, אַזוי, אַז זי איז מיר געוואָרן נאָך ליבער. אַז מיין מאַמע האָט מיר אויפגענומען מיט גרויס ליבשאַפט, פאַרשטאַר איך צו זאָגן. זי האָט מיך געקושט און געקושט ווי זי וואָלט מיר ערשט געזען אַן אַרויס־געקומענעם פון זיך. זי האָט מיר באַלד קלאָר געמאַכט אַז איר פאַרלאַנג איז אַז איך זאָל פאַרזעצן צו לערנען דאָ אין לאָדזש. אויב מעגלעך, ביי דעם שניאַדעווער רבי׳ן אין הויז. זי האָט שוין גערעדט מיט דער רעבעצן און די רעבעצן מיטן רב, אַז עס וואָלט געווען די גלייכסטע זאַך פאַר מיר ביי צו זיין ביי דין־תורות און ביי שאלות, אַזוי, אַז איך זאָל אויך אָננעמען זיך מיט אַ סך פראַקטיק אין רבנישע זאַכן. איך האָב צוגעהערט וואָס די מאַמע רעדט צו מיר. איך האָב איר אָבער אויפן מאָמענט גאָרנישט געענטפערט. ווען זי האָט אויף מאָרגן נאָך אַמאָל אויפגעהויבן די זעלבע פראַגע, האָב איך איר קורץ געענטפערט, „איך וועל טאָן וואָס דער רב וועט מיר זאָגן. איך אַליין פיל זיך, אַז איך דאַרף מער נישט זיצן און קוועטשן די באַנק.״

אין דער אָרגאַניזאַציע, אָבער, האָט מען מיך אָנגעהויבן צוצוגרייטן צו אַ נייער אויפגאַבע. מען האָט מיר אָנגעוויזן אַז פון אַלע פאַכן אין לאָדזש איז דער סאַמע אומאָרגאַניזירטסטער פאַך דער האַנדלס־פאַך. די האַנדלס אָנגעשטעלטע האַלטן זיך פאַר גרויסע מיוחסים, אָבער זייערע פאַר־דינסטן זיינען צווישן די סאַמע קלענסטע פון אַלע אַנדערע אָנגעשטעלטע. מען גיט זיי געוויינליך אַן אין נדן אַז אין פּראַצעס פון זייער אַרבעט, לערנען זיי זיך אויס געשעפט, און ווען זיי וועלן חתונה האָבן, וועלן זיי קענען אַליין ווערן געשעפטס־לייט, נישט אַזוי ווי פּראָסטע אַרבעטער וואָס בלייבן שוין אַרבעטער אויף שטענדיג. אַלע פאַרזוכן וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט געמאַכט צו אָרגאַניזירן זיי, זיינען ביז איצט אין לאָדזש נישט געראָטן. אויב מען האָט דאָ און דאָרטן געפּרוּווט פירן אַ סטרייק, איז ער מיאוס דורכגעפאַלן. די פּאַרטיי האָט געפונען פאַר נויטיג צו אָנהויבן די אַרבעט פון אָרגאַניזירן די האַנדלס־אָנגעשטעלטע אין לאָדזש, פון אָנהייב אָן, אויף אַ גרינדלעכן שטייגער. איך ווייס נישט פאַרוואָס זי האָט מיך אויסגעקליבן פאַר דעם וואָס זאָל עס טאָן. איך האָב עס נישט צוריקגעוויזן בלויז דערפאַר וואָס מען האָט מיר געזאָגט אַז די אַרבעט איז פון אויסערגעוויינלעכער וויכטיגקייט, נישט בלויז פאַר דער לאָדזשער אָרגאַניזאַציע, נאָר פאַר פיל, פיל שטעט אין דעם בונדישן ראַיאָן. מען האָט מיר געגעבן צוויי וואָכן צייט צו באַטראַכטן דעם פּראָיעקט.

מיין מאַמע׳ס צושטיין צו מיר וועגן ווייטער לערנען רבנות האָט מיך געהאַלטן געבונדן נישט צו קענען ענטפערן דירעקט אויף דעם פאָרשלאַג. ווען זי איז צוגעשטאַנען צו מיר ווידער אַמאָל מיטן פּלאַן פון גיין לערנען צום שניאַדעווער רב, האָב איך איר געזאָגט וואָס אַמאָל אַלץ פעסטער אָפּזאָגן. „איך האָב שוין גאָר אַנדערע געדאַנקען״ האָב איך איר דערקלערט, „און איך קען נישט פאַרפירן קיין מענטשן צוליב דעם וואָס דיר ווילט זיך האָבן אַ זון, אַ רב.״

איך האָב איין מאָל איר געזאָגט מיט אַזאַ „ניין״, אַז זי האָט זיך פּשוט דערשראָקן. אַ צווייטן מאָל האָב איך איר געזאָגט, אַז אויב מען וועט מיר צווינגען צו טאָן זאַכן וואָס איך וויל נישט, וועל איך זיך נעמען דאָס לעבן. איך האָב זיך אַליין דערשראָקן פאַר דעם געדאַנק און נאָך מער דערשראָקן דער מאַמען.

עס זיינען אָבער אַוועק עטלעכע טעג און זי האָט ווייטער אָנגעהויבן די זעלבע אטאקע — ווערן אַ רב, אָנהאַלטן דאָס לערנען, איך טאָר נישט פאַרשעמען מיינע גרויסע זיידעס״. האָב איך באַשלאָסן איבערצושרעקן זי אַזוי, אַז זי זאָל מיך מער נישט מוטשען. איך האָב געקראָגן אין ערגעץ אַ פלעשעלע מיט אַ רויטן מאַטעריאַל, אָנגעשריבן אַ בריוול אַז איך באַגיי זעלבסט־מאָרד נאָר דערפאַר ווייל איך קען שוין נישט לעבן מער מיט די געדאַנקען וואָס מיין מוטער וויל איך זאָל האָבן. אין אַ שיינעם נאָך מיטאָג, ווען זי איז אויף אַ ווײַלע אַרויס פון הויז, האָב איך זיך אַ ביסעלע פאַרגאָסן מיט דעם רויטן מאַטעריאַל, אַוועקגעשטעלט צוריק דאָס ליידיגע פלעשל אויפן טיש, און אליין פאַרוואָרפן מיטן קאָפּ אַזוי ווי איך וואָלט גע׳חלש׳ט. מיין שוועסטערל איז דעמאָלט נאָרוואָס געקומען אַהיים פון דער זומער קאָלאָניע און זי האָט קנאַפּ־וואָס געוואוסט וועגן דער מאַמע׳ס מלחמות מיט מיר. איך האָב אויסמאַרקירט אַז אויך זי זאָל נישט זיין אין דער היים ווען איך וועל שפּילן די ראָלע פון אַ זעלבסט־מערדער. ווען די מאַמע קומט צוריק און זי געפינט מיך אין אַזאַ צושטאַנד מיט אַ פאַרלייגטן קאָפּ און זי זעט דאָס פלעשל מיט „סם״, האָט זי געמאַכט אַ גרויס גוואַלד. שכנים זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן. איינער האָט שנעל געבראַכט אַ דאָקטאָר און ער האָט פאַראָרדנט צו פאַרגיסן מיין „סאַ״ מיט מילך, מאַכן מיר טרינקען וויפל עס וועט נאָר אריין אין מיר. פון די ערשטע עטלעכע טרינק פון מילך וואָס מען האָט מיך פּשוט אריינגעגאָסן אין האַלז האָב איך זיך קלוימערשט אויפגעכאַפּט און גענומען קומען צו זיך.

„זון, מיינער, וואָס האָסטו געטאָן! וואָס ווילסטו האָבן פון מיין לעבן? איך שווער דיר אַז איך וועל דיר מער נישט מוטשען מיט קיין זאַך. טו וואָס

דו ווילסט אליין. אויב דו האָסט אַ גוטן פּלאַן וואָס צו טאָן אין די קומענדיגע יאָרן, זאָג מיר, וועל איך דיר העלפן מיט אַלץ וואָס איך וועל קענען." זי האָט זיך אויף מיר ארויפגעוואָרפן מיט קושן און האלדזן. זי האָט גענומען ארומגיין אַרום מיר מיט אַזאַ צערטלעכקייט, וואָס איך האָב עס נאָך אין איר קיינמאָל נישט געזען. זי האָט מיך אפילו אויפגעהערט צו יאָגן דאַוונען, צום בענטשן, צו לייענען קריאת שמע, אָדער זאָגן שבת פּרק, אָדער תהלים. איך האָב זיך אָנגעהויבן צו פילן ווי אַ נייער, פרייער מענטש. נאָר דאָס האָרץ האָט מיר געוויינט — פאַרוואָס האָב איך איר געדאַרפט אונטערוואַרפן צו אַזעלכע שרעק און יסורים?

דעמאָלט האָב איך ערשט געקענט קומען צו דער אָרגאַניזאַציע און זאָגן אַז איך נעם אָן די אויפגאַבע וואָס מען שטעלט מיר. עס איז אָבער נויטיג פאַר מיר אַ געוויסע צייט צו דערלערנען די פּראָפעסיע פון און אַרום האַנדל, אַזוי, אַז איך זאָל וויסן ווי אַן „אינוויינינגסטער" וואָס און ווען.

איך בין ווידער אַוועק צו דער מאַמען און געבעטן זי גיין צום רב און פועלן ביי אים, אַז ער זאָל מיר געבן אַ בריוו צו איינעם פון די אידישע פאַבריקאַנטן מיט אַ בקשה צוצונעמען מיך אויף אַ שטעלע וואו איך קען ווערן שנעל נוצבאַר, מיט אַ זייער קליינעם געהאַלט. צו מיין גרויסן וואונדער, האָט מיין מוטער מיר גלייך געבראַכט אַ בריוו פון דעם לאָדזשער רב צום פאַבריקאַנט, ס. ס. קאַכאַנסקי. און אויף מאָרגן בין איך שוין געווען דאָרטן איינס צוויי, אַן אָנגעשטעלטער אין דעם געשעפט. מען האָט מיר גלייך אָנגעוויזן ווי אַזוי מען וויקלט אַ שטיקל סחורה, ווי אַזוי מען פלאָמבירט זי, און ווי אַזוי אָנצוקלעפּן אַ פּלעטל אויף וועלכער עס איז אָפּגעדרוקט דער נאָמען פון דער פירמע, וואו עס געפינט זיך אַ בילד פון דער פאַבריק מיטן הויכן קוימען און רויך, וואָס פאַרשפרייט זיך אויפן הימל. די דאָזיגע תורה האָב איך זיך שנעל אויסגעלערנט.

די הויפּט־זאַך איז געווען פאַר מיר שווער צו באַקענען זיך מיטן פּערסאָנאַל פון די אָנגעשטעלטע. איך האָב דאָרט געהאַט בלויז איין מענטשן, וואָס איך האָב געקענט, דעם בוכהאַלטער פון דער פירמע מיטן נאָמען כאַבאַנסקי, וואָס האָט געקלונגען אין פילע אויערן ווי קאַכאַנסקי. און פאַקטיש האָבן איינינגע געמיינט, אַז ער איז איינער פון די באַלעבאַטים פון דעם געשעפט. פאַקטיש האָב איך ביסלעכוויז אויסגעפונען אַז דאָס איז איינער פון די גרעסטע נעסטן פון עקספּלואַטאַציע. דער בוכהאַלטער גופא האָט געקריגן צוואַנציג רובל אַ מאָנאַט. פון די אַנדערע אָנגעשטעלטע, האָט איינער פון די הויפּט אַריענטירטע אין דער עקספּעדיציע פון די סחורות און אין דעם פאַרקויף, פאַרדינט צוועלף רובל אַ מאָנאַט. אונטער אים, אַן אָנגעש־

שטעלטער, האָט פאַרדינט זעקס רובל אַ מאָנאַט, און נאָך איינער וואָס האָט שוין דאָרט געדינט דעם דריטן יאָר, האָט נאָך אַלץ געקריגן פיר רובל אַ מאָנאַט. די דאָליע פון דעם לעצטן איז געווען צו צעטראָגן אויף די פּלייצעס שטיקער סחורה אין די אַלט־שטאָטישע אידישע געשעפטן, אנשטאָט פירן דאָס אויף אַ וואָגן.

וואָס שייך מיר, האָט מען מיר מכבד געווען אויפן פערטן טאָג מיט אַ שטיק סחורה צו טראָגן עס פון דעם געשעפט וואָס האָט זיך געפונען אויף פּאָלודניאָווע גאַס ביז אַ געשעפטל אויף זגערזשער גאַס, אין באַלוט. איך האָב געבעטן מען זאָל מיר געבן פינף קאָפּעקעס פאַרן טראַמוויי און דער קאַסירער האָט מיר אָפּגעזאָגט — „ביי אונז דאַרף מען טראָגן איינציקע שטיקער סחורה אָן אַ טראַמוויי, אויב עס איז נאָר אין שטאָט." דאָס ערשטע מאָל טראָגן האָט מיר אַזוי פאַרשמעקט, אַז איך האָב געזאָגט מיין מוטער אַז די צען פעקלעך זעמל וואָס איך פלעג פאַנאַנדערטראָגן אין מיינע יונגע יאָרן, זיינען געווען אַ קינדער־שפּיל.

ווען די ערשטע וואָך האָט זיך געענדיגט, האָב איך דערוואַרט אַם ווייניגסטנס עטלעכע רובל פאַר דער אַרבעט. האָט אויף מיר דער קאַסירער אויסגעשטעלט אַ גרויסע פּאָר אויגן און זאָגט מיר, „אַז דו וועסט אָפּאַרבעטן זעקס מאָנאַטן און דו וועסט שוין אַלץ טאָן פלינק און געשיקט, וועסטו קריגן דריי רובל אַ חודש. איך האָב זיך אָפּגעווישט די ליפּן און געקלערט זיך: איך דערוויס זיך אַלץ מער און מער וועגן דעם גורל פון די האַנדלס־אַנגעשטעלטע, ווי איך דאַרף.

„אוי, ה' קאַכאַנסקי וואָלט זיך אויפגעהאַנגען אויב מיר וואָלטן גערעדט וועגן אַן אַרבעטער סטרייק, האָב איך אונטערגעהערט פיינע געשפּרעכן פון די פּאַרוואַלטער מיט קאַכאַנסקי'ס געשעפט. „דאָס ווילן זיי מאַכן אַ רעוואָלוציע קעגן דער מאַכט... דאָס ווילן זיי אומברענגען די קאַפּיטאַליסטן... זאָלן זיי נאָר פּרואוון!"

איך האָב זיך געקלערט — מיר וועלן פּרואוון, און נאָך ווי!

איך פּרואוו רעדן מיט די איבעריגע אַנגעשטעלטע — צוזאַמען מיט די לאַגער אַרבעטער זיינען מיר געווען פערצן פערזאָן. איך, ווי דער אינגסטער פון זיי אַלע, האָב געפּרואווט זיי אַגיטירן אויף אַן אומדירעקטן אופן, כמעט ווי מיט אַ געלעכטער — „און וואָס וואָלט געווען ווען מיר זאָלן אַרויס אין סטרייק? און אַרויסגעשטעלט געוויסע פּאָדערונגען אַז מיר זאָלן קריגן אַם ווייניקסטנס עטלעכע רובל אַ וואָך אויף צו לעבן, אַם ווייניגסטנס טראַמוויי געלט, אנשטאָט שלעפּן אליין די סחורות? צו אַרבעטן בלויז אַכט שעה אנשטאָט די צוועלף וואָס מיר אַרבעטן איצט?"

אזוי. „ה׳ קאַכאַנסקי וואָלט זיך אויפגעהאַנגען אויב מיר וואָלטן אַרויסגעשטעלט אַזעלכע פאָדערונגען," רופט זיך אָפּ דער בוכהאַלטער, כאַבאַנסקי, דער העכסטע באַצאָלטער מענטש. „בעסער זיך נישט אָנצוהייבן".

„איך האָב דאָך געשפּאַסט," האָב איך זיך פאַרענטפערט.

פון דענסטמאָל אָן האָב איך געמוזט זיין פאַרזיכטיגער, ווייל עטלעכע מאָל האָט איינער פון זיי מיך „דערשטאָכן" מיט אַ פראַזע, „נו, מיר וועלן אַרויסגיין אין סטרייק, הא," האָט ער פון מיר גע׳חוזק׳ט.

איך האָב שוין גענומען מאַכן פּלענער ווי אַזוי אָנצוקומען אין אַן אַנדער געשעפט, וואו די אָנגעשטעלטע זאָלן זיין אַ ביסעלע מער פילבאַר און אינטעליגענטער. איך האָב זיך דערוויַיל מער דערוואוסט וועגן דער געשיכטע פון אָט דעם געשעפט, קאַכאַנסקי׳ס. ער אַליין, האָט מען מיר געזאָגט, האָט געאַרבעט ווי אַ טייוול, שווער און ביטער, ביז ער האָט געקריגן אַ בעסערע שטעלע. אויף דער דאָזיגער שטעלע האָט ער דערלערנט דעם געשעפט, דערוואוסט זיך פיל פון די אַרבעטער וועגן דעם גאַנצן גאַנג פון פּראָדוצירן טעקסטיל סחורות, ביז ער האָט עס גרינטלעך דערלערנט. ער האָט זיך אַליין געקויפט אַ וועב־שטול און אַ געוויסע צייט זיך אַליין געוועבט באַוואָלנע סחורות. ווען ער האָט אָנגעקליבן עטלעכע הונדערט רובל, האָט ער זיך פאַרבונדן מיט אַן אָנגעשטעלטן וואָס האָט אַמאָל געאַרבעט ביי פּאָזנאַנסקי׳ן אין פאַבריק. זיי האָבן אָנגעהויבן צו „מאַכן געלט" נאָך אין דעם סוף פון די אַכציקער יאָרן. מען האָט געשמועסט, אַז דער שותף האָט נאָך אַלץ געהאַט אַ שליסל צו איינעם פון פּאָזנאַנסקי׳ס לאַגערן, און ער האָט זיך מיט דעם גאַנץ ברייטלעך באַנוצט. צום סוף פון דעם יאָרהונדערט זיינען זיי שוין ביידע געווען היבשלעך רייכע פאַבריקאַנטן און זיך צעטיילט. קאַכאַנסקי׳ס זין זיינען שוין אין דער צייט געווען אויסגעוואַקסן, האָבן געלאָזט דעם פאָטער זיך צוריקציען פון דער פאַראַנטוואָרטלעכער זייט פון דער אַרבעט פון פאַרקויפן רוסלאַנדער קאָמיסיאָנערן באַוואָלנעם טעקסטיל און אַליין זיך גענומען מער האַנדלען מיט גאָט ווי מיט מענטשן.

ווען זיינער אַן אַמאָליגער גוטער פריינט, אויך אַ פאַבריקאַנט האָט אים געפרעגט, „וואָס טוט איר יעצט, שמואל שמחה?" האָט אים קאָכאַנסקי געענטפערט, „איך האַנדל איצט בלויז מיט גאָט אַליין. איך דאַרף אים בלויז בעטן, גיט ער מיר."

איידער איך האָב פאַרלאָזן קאָכאַנסקי׳ס געשעפט, האָב איך נאָך געפּרוּווט אַריינגיין צו אים אין קאַנטאָר און זען אפשר וועט ער מיר געבן

אַ שטיקל פּריווילעגיע — „איך האָב נאָך ביי אייך קיין איין קאָפּעקע נישט פאַרדינט. אפשר וועט איר מיר אָנהייבן צו צאָלן כאָטש איין רובל אַ וואָך?" האָט ער פאַרמאַכט אויף אַ רגע די אויגן און נאָכאַמאָל געפרעגט, „וואָס האָט דיר מיין בוכהאַלטער געזאָגט?" איך האָב אים געענטפערט אַז איך דאַרף נאָך וואַרטן צוויי מאָנאַטן ביז איך וועל דערזען דעם פּאָרטרעט פון רוסישן קיסר אויף דעם ערשטן רובל וואָס איך וועל קריגן. קאָכאַנסקי האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט, „זעסט דאָך!"

עס איז פאַר מיר געבליבן בלויז איין זאַך — איבערצולאָזן קאָכאַנסקי'ן מיט זיינע פּאָרטרעטן פון קיסר, און אליין זוכן אנדערע מטבעות.

אַ וואָך צייט האָט מיר גענומען צוזאַמענצושטעלן מיין באַריכט וועגן דער דערפאַרונג וואָס איך האָב געהאַט אַלס אַ האַנדלס־אָנגעשטעלטער. מען האָט מיך געלויבט פאַר מיין פּינקטלעכער אָפּשאַצונג פון די אידישע פרומע פאַבריקאַנטן און דערמוטיגט מיך אויסצופּרואוון נאָך אַזאַ מין שטעלע. איך האָב זיך אָנגעהויבן אָנצופרעגן וועגן אַ שטעלע און מען האָט מיר געענט־פערט, — אויב עס איז אָן געלט, קען איך קריגן עטלעכע טוץ. אין איין וואָך אַרום בין איך שוין געווען אויף אַ נייער שטעלע. דאָס איז געווען אַ קלענערער געשעפט, אָבער מען האָט מיך פאַרזיכערט, אַז עס וועט זיין פאַר מיר אַן אוצר. מיין נייער באַלעבאָס איז איטשע פישער, זיין געשעפט איז אין הויז פון איין־און־דרייסיג פּעטערקאָווער גאַס, איין געשעפט פון צענד־ליגער אַנדערע אין יענעם הויף. מען זאָגט מיר, אַז ער אליין האָט נישט קיין פאַבריק, נאָר זיין פאָטער און זיינע ברידער האָבן פאַבריקלעך אין קאָנסטאַנטין, אַ שטעטל אין מערב פון שטאָט.

ר' איטשע זאָגט מיר צו, אַז דערפאַר וואָס ער קען נישט צאָלן קיין סך געלט, וועל איך אָבער קריגן פיר רובל אַ חודש אויב איך קען אויך שרייבן רוסישע בריוו און ענטפערן אויף זיי. איך האָב אים פאַרזיכערט אַז אויף אזוי פיל קען איך רוסיש און אויך דייטש. דערפרייט ער זיך — „דייטש אויך? מיין ווייב וועט זיך פילן גליקלעך וואָס זי וועט האָבן אימיצן מיט וועמען צו רעדן דייטש." איך קוק אָן דעם אידן מיט דעם צעפּאַטליעטן בערדל וואָס וויל באַזאָרגן זיין פרוי מיט אַ דייטשן קאָנווערסאַנט. עס האָט אויסגעקוקט אַז ער שפּאַסט, אָבער בלויז אין משך פון עטלעכע טעג געפין איך אויס אַז דער שפּאַס איז אַ בלוטיגער. אויפן דריטן טאָג פירט ער מיר אַרויף צו זיך אַהיים און אַז איך באַגעגן זיין פרוי, פאַל איך שיר פון פאַר־וואונדערונג. זי — אַ הויכע, שלאַנקע, בלאָנדינקע, מיט אַ פּנים בלוט און מילך. ער — אַ פאַרדראָטעוועטער חסידיש אידל, וואָס דרייט זיך שטענדיג ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַר אַ פריץ.

זי איז אַן אמתע שיינהייט. איך רעד צו איר עטלעכע ווערטער אין דייטש און אירע אויגן ווערן לעבעדיג. זי זאָגט מיר אַז זי איז געגאַנגען אין אַ דייטשישער שולע און אַז זי וועט קיין מאָל נישט פאַרגעסן די דייטשישע ליטעראַטור וואָס זי האָט געלייענט. איך האָב באַלד דערזען אין דעם געשפּרעך אַז איר לייענען איז געווען בלויז קאָנצענטרירט אויף „העלדן" און „העלדינס". מערסטנס האָט זי קענטיק געלעזן בולוואַר ראָמאַנען. פון שפּילהאגענ'ן ווייס זי נישט. פון היינע'ן און בערנע'ן האָט זי בלויז געהערט. יאָ, פון געטהע'ן האָט זי יאָ געלייענט און פון שילער'ן געדענקט זי אַ סצענע פון די „רויבער". ווען איך האָב זי געפרעגט צי האָט זי געלייענט טאָלסטאָי'ן, וויקטאָר הוגאָ'ן, צי אפילו דעם דייטש, קעלערמאַן, האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף „ניין".

איך האָב שנעל איינגעזען, אַז פון איר לערנען בעסערע ליטעראַטור וועל איך שוין נישט, האָב איך אויף שנעל אָפּגעשניטן, אָבער ווי פאַרוואונדערט בין איך געוואָרן אַז גלייך נאָכן געשפּרעך זאָגט זי מיר, אַז איך זאָל גיין מיט איר אין געוועלב איינצוקויפן געוויסע זאַכן, „צו טראָגן אליין קערב מיט זאַכן אהיים פּאַסט מיר נישט. מען וועט מיך פרעגן, וואו איז מיין דינסט? איך דריי אים שוין עטלעכע מאָנאַטן דעם קאָפּ אַז ער זאָל דינגען פאַר מיר אַ דינסט. מיין איטשעלע איז אַ גוטער. ער זאָגט צו. אָבער ביז איצט האָב איך נאָך קיינעם נישט. ווען איך האָב אים דערמאָנט אין דער פרי אַז עס איז שוין צייט ער זאָל שוין האַלטן וואָרט, זאָגט ער מיר: גוט, איך וועל דיר שיקן מיין נייעם מענטשן — אַ שיין בחור'ל, אַ געבילדעטער. דו וועסט פון אים הנאה האָבן. ער וועט טאָן אַלץ וואָס דו וועסט אים בעטן. נו, בעט איך דיר איצט".

איך האָב איר נישט אַרויסגעוויזן קיין צו פריילעכן פּנים. איך האָב זיך געקלערט, נו, לערן איך דאָך ווייטער דעם „אמת'ן" געשעפט. בין איך מיט איר מיטגעגאַנגען. זי האָט געקויפט פון עסיק און פון האָניק, צוויי פיינע קערבלעך מיט עסנוואַרג, און איך, דער אַלטער טרעגער וואָס איך בין, האָב זיי געטראָגן. אָבער וואָס זאָל איך זאָגן ליגן? איך האָב הנאה געהאָט פון דעם פאַקט וואָס איך שפּאַציר מיט אַזאַ שיינהייט. איך האָב באַמערקט אַז מענטשן פאַרגינען מיר נישט. זי האָט מיר שפּעטער פאַרלויבט פאַר איר מאַן אַז איך האָב אַלץ געטאָן ווי זי האָט געוואָלט — קיין זאַך נישט צעבראָכן, קיין זאַך נישט איבערגעלאָזט. און ער — מיט טייוואָלימלעך אין די ברוינ־לעכע אויגן, האָט כלומרש'ט אָנגעקוואָלן פון מיר און דערנאָך מיר דערציילט וועגן דעם.

קאַפּיטל נײַן־און־צוואַנציק

1902

דערווייל איז די באַוועגונג בילסלעכווייז געוואַקסן, צעשפּרייט זיך אַרום און אַרום. אין לאָדזש האָט מען געשמועסט וועגן פּייערן דעם ערשטן מאַי, 1902, מיט אַ גאַסן דעמאָנסטראַציע. דער לאָדזשער קאָמיטעט פון בונד האָט ארויסגעלאָזט אַ פּייערדיגע פּראָקלאַמאַציע מיט רויטן טינט. איך האָב מורא זי צו צעטיילן אין קאַכאַנסקי׳ס קאַנטאָר, ווייל מען וואָלט באַלד זיך דערוויסן אַז דאָס איז מיין מלאכה. אָבער אין גיכן דערוויסן מיר זיך די שרעקלעכע געשיכטע וואָס עס האָט פּאַסירט אין ווילנע. די צייטונגען האָבן עס געפּרוואווט פאַרטיקן און פאַרדרייען. עס האָט זיך דערציילט: אין ווילנע האָבן די אידישע אַרבעטער אונטער די פאָנען פון בונד געמאַכט אַ דעמאָנ־סטראַציע איבער די גאַסן, וואָס די פּאָליציי האָט צעטריבן און אַרעסטירט פיל פון די דעמאָנסטראַנטן. די אַרעסטירטע האָט מען שטאַרק געשלאָגן אין די פּאָליציי צירקלען און דערנאָך איז געקומען דער גובערנאַטאָר, פאָן וואַל, און געהייסן שמייסן די דעמאָנסטראַנטן. דאָס האָט ארויסגערופן אין ווילנע אַ גרויסן אויפרודער. מען האָט געשמועסט אַז די רעגירונג איז אנטשלאָסן אַז מער זאָלן אין ווילנע קיין דעמאָנסטראַציעס נישט פאָרקומען.

אָבער וואָס אַ טאָג ווייטער האָט מען זיך אַלץ מער דערוואוסט וועגן די געשעענישן אין ווילנע דורך די אונטערערדישע וועגן. אומעטום האָט עס אַרויסגערופן גרויסע דיסקוסיעס צווישן די אַרבעטער. מען האָט זיך געהיצט און געפאָדערט רעוואָלוציאָנערע ארויסטרעטונגען געגן אַזעלכע טעראָריסטישע אַקטן פון דער רעגירונג ווי שמייסן דעמאָנסטראַנטן. אייגנטלעך איז דאָס שוין אין דער צאַרישער רוסלאַנד קיין נייעס נישט געווען. מען האָט געשמיסן פּויערים אין פאַרשיידענע גובערניעס ווי טאַמבאָוו, כּראַקאָוו, וויטעבסק און אַנדערע. דאָס האָט טאַקע איינגעפירט דער דאָזיגער פאָן וואַל, וואָס איז געשיקט געוואָרן אַלס שטאַרקער אדמיניסטראַטאָר אין די דאָזיגע גובערניעס. אָבער דאָס האָט מען צום ערשטן מאָל געשמיסן אידישע אַרבעטער. דאָס איז געווען אַ נייעס, איבערהויפּט אין דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג, וואָס די רעגירונג האָט זיך באַמיט צו באַקעמפן מיט אַזוי־גערופענע „פריד־לעכע מיטלען". דאָס איז געווען די זובאַטאָווסטשינע, וואָס זאָל האָבן אָרגאַ־ניזירט אַרבעטער צו סטרייקן ביי שלעכטע באַלעבאַטים פאַר אַ מינימום שכירות און מינימאַלע באַדינגונגען. אין מערסטע טייל פאַלן האָבן זיך די

אַרבעטער נישט געלאָזט אַריינגאַרן אין דער פּאַסטקע, מיט דעם אויסנאַם פון מינסק, וואו זיי האָבן פּאַרפירט אַ היפּשע אַנטי־רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. די דאָזיגע נייע ווענדונג פון שמיץ האָט דעריבער אַרויסגערופן דעם גרויסן אויפרודער. עס האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן צו הערן שטימען, אַז מען מוז ענטפערן אויף טעראָר מיט טעראָר. אַז דאָס טאָר נישט פאַרשוויגן ווערן.

ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוואוסט, זיינען אין פיל שטעט פאָרגעקומען די דאָזיגע הייסע דיסקוסיעס, אָבער אין ווילנע, די וויגעלע פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג, האָט עס אָנגענומען אַ ממשות׳דיגן כאַראַקטער. אין בונד האָט מען געוויינלעך פאַרבאָטן דעם עקאָנאָמישן טעראָר. די אָרגאַניזאַציע פלעגט געוויינלעך אַרויסטרעטן געגן שלאָגן סקעבס, אָדער שלעכטע באַלעבאַטים און זייערע משרתים. מען האָט אפילו אויסגעשלאָסן אַרבעטער פון דעם בונד פאַר אַזעלכע מעשים. כאָטש בכלל האָט מען געזען צו פאַרקוקן אַזעלכע זאַכן.

דאָ איז אָבער שוין געווען אַ פראַגע פון פּאָליטישן טעראָר וואָס איז אָפיציעל פאַרבאָטן געוואָרן אויף די פאַרטיי קאָנגרעסן און צוזאַמענפאָרן, ווי איינע פון די שעדלעכסטע זאַכן פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אָבער צווישן די היציקערע אַרבעטער האָט גענומען שטאַרק וואַקסן אַ געגנערישער שטימונג צו דער פאַרטיי. אַזוי, אַז אין דער פאַרטיי גופא איז געוואָרן אַ שטאַרקע שטימונג, אַז מען זאָל נישט דורכלאָזן די געלעגנהייט ווען אַרבעטער ווילן נעמען נקמה פאַר די עקסעקוציעס געגן דעמאָנסטראַנטן. אין ווילנע האָבן די דאָזיקע דיסקוסיעס אָנגענומען אַ דירעקטן כאַראַקטער פון באַצאָלן זייער שנעל די דאָזיגע צאַרישע דינער, וואָס האָבן דורכגעפירט די בלוטיקע מעשים נאָך דער דעמאָנסטראַציע. מען האָט דערציילט אַז נאָך פאַרן שמייסן, האָט מען דורכגעפירט די אַרעסטירטע אַרבעטער דורך „בראַנדן". דאָס הייסט דורך שורות קאָזאַקן און פּאָליציי, וואו מען האָט גע׳ממית׳ט אויף רעכטס און אויף לינקס. דאָס שמייסן איז ערשט געקומען דערנאָכדעם. געוויינלעך האָט מען געגעבן צו צוואַנציק שמיץ מיט ריטער וואָס זיינען געווייקט געוואָרן אַ לענגערע צייט אין וואַסער. עס זיינען אויך געווען פאַלן ווען מען האָט אין מיטן שמייסן אַוועקגעוואָרפן די ריטער, און גענומען נייע. ווען די דאָזיקע אַלע פאַקטן זיינען געוואָרען באַקאַנט, איז די שטימונג פאַר נקמה אויסגעוואַקסן אין אַ היפּשער באַוועגונג. עס האָבן זיך אָרגאַניזירט נקמה גרופּעס וואָס האָבן זיך רעגולער טרענירט מיט קינזשאַלן און רעוואָלווערן.

צווישן די דאָזיקע היציקע אַרבעטער האָט זיך אָנגעזען דער נישט לאַנג צוריקגעקומענער יונגערמאַנטשיק, הירש לעקערט, — אַ שוסטער,

וואָס האָט שוין פאַרזוכט דעם טעם פון טורמע און קלעפּ. ער איז נישט לאַנג צוריקגעקומען פון אַ פאַרשיקונג אין יעקאַטערינעסלאַוו. ער האָט שוין געהאַט אַ פּרוּוו וואָס איז דעמאָלט געווען שוואַנגער. עס איז אַ סברא, אַז ער איז געווען איינער פון די פאָנען־טרעגער, כאָטש אין אייניקע ערטער ווערן אָנגעגעבן די נעמען פון אַנדערע.

אין בונד האָט מען לעקערט׳ן געפּוּאוּוט אָפּרעדן פון נקמה. ער האָט זיך אָבער נישט געלאָזט. ער איז געווען אַנטשלאָסן דורכצופירן אַן אַטענטאַט אויפן הויפּט שולדיקן, אויפן גובערנאַטאָר, פאָן וואַל.

פון די אַלע גרופּירונגען, איז לעקערט׳ס געווען די ענערגישסטע, און די וואָס האָט געהאַט די שטיצע פון עטלעכע בונדישע פירער. אַ קורצע צייט פאַרן אַטענטאַט, איז דערשינען אַ פּראָקלאַמאַציע פון צענטראַלן קאָמיטעט פון בונד און פון די פּוילישע און ליטווישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואו עס זיינען אויסגערעכנט געוואָרן די הויפּט שולדיקע אין די עקסעקוציעס און שמיץ. אויפן צעטל איז דער ערשטער געווען דער גובערנאַטאָר, פאָן וואַל; דער צווייטער דר. מיכיילאָוו, דער פּאָליציימייסטער, פאַזאַמאָוו, די פּריסטאַוועס, סניטקאַ, און קענשעניק, און צוויי פּשוט׳ע פּאָליציילייט. די פּראָקלאַמאַציע האָט אויסגעלאָזט מיט פאָלגנדיגע וואָרנונג: „יעדערן פון אייך וועט טרעפן די נקמה״ און „אייערע נעמען פאַרשאָלטן אויף אייביק״ (ציטירט לויט י. ש. הערץ׳ס „הירש לעקערט״).

דער טאָג איז ענדלעך געקומען. נאָך אַ לענגערע צייט האָט געדויערט פון אויספאָרשן, אויסגעפינען אַ פּאַסנדיקן טאָג, צייט און פּלאַץ וואו אים היינצוריכטן. הירשקע און זיין גרופּע האָבן געטשאַטעוועט ביז עס איז געקומען זייער טאָג. דאָס איז געווען, ווען דער גובערנאַטאָר האָט אויסגעקליבן צו גיין אין צירק און דאָרט זיך וויזן פאַרן עולם אין זיין גאַנצער פּראַכט. ער איז, פאַרשטייט זיך, געקומען נישט אַליין. ער איז געפאָרן אין אַ רייכן פּעיטאָן אין באַגלייטונג און אַרומרינגלונג פון פּאָליציי און קאָזאַקן. אָבער הירש איז געווען אַזוי פלינק און אַזוי שנעל, ווי נאָר ער האָט אים געזען, האָט ער אָפּגעפייערט זיין רעוואָלווער און אים געטראָפן אין אַ האַנט און אין אַ פוס. הירש האָט אָבער נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט אין דער האַלבער סעקונדע צו אַנטלויפן. די גרופּע האָט זיך געריכט אַז אויב עס וועט זיין וועלכער עס איז מעגלעכקייט, וועט זי פאַרפירן אַ שלאַכט פון אָפּשלאָגן הירשקען. אָבער פאַר דעם איז קיין צייט נישט פאַרבליבן. ווי נאָר די קנאַלן האָבן זיך געהערט, האָבן אים שוין געכאַפּט צענדליגער לאַפּעס און אים פעסט געהאַלטן. לוקישקעס גאַס האָט זיך ווי אָנגעצונדן. פון מויל צו מויל איז ווי אַן עלעקטרישער שטראָם געלאָפן, די אידיע וועגן די שאָסן אין פאָן וואַל׳ן. אָבער

אויך האָט באַגלייט די ידיעה אַז דער שיסער איז אַ אידישער אַרבעטער, אַ שוסטער, און מען האָט אים געכאַפּט... און ער וועט שוין האָבן... אין די אידישע קרייזן איז געוואָרן אַ צעטיילונג. פיל האָבן זיך געפרייט וואָס אַ אידישער נקמה־נעמער האָט דערפילט די דערוואַרטונג פון גערעכטער נקמה. אָבער אַנדערע, איבערהויפּט פון די קלעריקאַלע קרייזן, האָבן געשיפּעט פון צאָרן: „סטייטש, אַ איד זאָל דאָס האָבן געטאָן! ביי אידן איז שטענדיג געווען דער פאַרבאָט „לא תרצח״ פאַר די אויגן. ביי אידן זיינען נישט געווען קיין מערדער. און איצט האָט דער דאָזיגער שוסטעראַק געבראַכן דאָס אין די אויגן פון דער גאַנצער וועלט. די דאָזיקע צעטיילונג איז פאָרגעקומען נישט בלויז אין ווילנע, נאָר אין אַלע שטעט; אויך ביי אונז אין לאָדזש זיינען געווען געגנוג פרומע אידן וואָס האָבן פאַר׳משפט הירש לעקערט׳ן פאַר אייביקן גיהנום. אָבער דערפאַר איז כמעט אין יעדער שטאָט וואו דער בונד האָט געהאַט אַ נעסט, אויפגעפרישט געוואָרן מיט אַ נייעם גייסט, אַ גייסט וואָס האָט דערמאָנט אָן די העלדישע מאַקאַבייער. נאָך נישט וויסנדיג דעם גורל פון הירש לעקערט, וואָס מען וועט טאָן מיט אים, האָט מען אים שוין פאַרהייליגט און פאַראכפּערט. און וואָס אַ טאָג עס איז געקומען נעענטער צו דעם משפט איבער אים, איז אַלץ דער נייער מוט אַנגעוואַקסן ביי די אידישע אַרבעטער.

מען האָט געוואוסט אַז דער קריגסגעריכט אין וועמענס הענט עס איז געלעגן דער גורל פון דעם נייעם אידישן העלד, האָט אויסגעקליבן אַ פאַר־טיידיגער, אויך אַ מיליטער־מאַן, מיטן נאָמען, פּעטראָוו. דער אמת, אָבער, איז אַז ער איז געווען אַ קנאַפּער פאַרטיידיגער. ער האָט אים געפּרוּאווט ראַטעווען פון טויט דורך זיין בעטן באַגנאַדיגונג און אויסדריקן חרטה אויף זיין טאַט. אָבער לעקערט האָט נישט געהערט צו די וואָס בעטן באַגנאַדיגונג. מען האָט דערנאָך פאַרלאַנגט פון אים, אַז ער זאָל ארויסגעבן די נעמען פון די וואָס האָבן מיט אים צוזאַמען קאָנספּירירט, אָבער ווידער האָבן זיי זיך אַנגעטראָפן אויף אַ פאַרשלאָסענעם מויל.

לעקערטס קרובים האָבן אים געפּרוּאווט ראַטעווען דורך מאַכן זיין פרוי אַנשרייבן אַ „פּראָשעניע״ צו דער קיסר׳ינע, ווי אַ פרוי צו אַ פרוי. אָבער אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן און עס איז אַ צווייפל, צי לעקערט וואָלט אַנגענומען אַזאַ סאָרט באגנאדיגונג, וואָס עס קומט דורך א קיסר׳ינע.

דורך דער צייט ביז דעם משפט איז לעקערט׳ס פרוי געלעגן געוואָרן. האָט הירש לעקערט אַנגעזאָגט, אַז דאָס קינד זאָל קריגן זיין נאָמען און אַז מען זאָל אים וואַשן מיט זיין שטיקל זייף. עס האָט נישט געקענט זיין קיין שום צווייפל וועגן דעם אויסגאַנג פון דעם משפט. פּעטראָוו האָט נאָך געפּרוּאווט

מאַכן אַ פאַרזוך צו העלפן לעקערט'ן דורך דער בקשה צום געריכט, אַז דער פאַראורטיילטער זאָל נישט ווערן געהאָנגען, נאָר געשאָסן, אָבער אפילו דאָס האָט דער געריכט נישט נאָכגעגעבן.

לעקערט האָט אויך ארויסגעוויזן זיין מוט און אומגעבראָכענעם גלויבן אין דער זאַך פון דער רעוואָלוציע ווען עס איז צו אים געקומען דער ראַבינער אַז ער זאָל זאָגן מיט אים וידוי.

„גיב צו אַז דו ביזט פאַרגאַנגען אַ גרויס פאַרברעכן דורך אויפהייבן אַ האַנט אויף אַ געטרייען דינער פון קיסר. דו האָסט פאַרגעסן דעם געבאָט פון לא תרצח.״

„נו, איז דערפאַר ווילט איר פאַרפראַווען מיט אַן אַנדערן „לא תרצח״?

האָט לעקערט אים ביטער געענטפערט, און זיך אָוועקגעדרייט פון אים. אָבער דער ראַבינער האָט זיך געטאָן זיינס. ער האָט אָגפּעמורמלט אַ תפילה און געהאַלטן אין איין זאָגן פסוקים, ווען מען האָט געפירט לעקערט'ן צו דער תליה. לעקערט איז געגאַנגען מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, שטאָלץ, און געקוקט פאַראויס. ער האָט זיך אַליין אָנגעטאָן די פעטליע אויפן האַלדז, — נישט געלאָזט דעם הענקער זיך צורירן צו אים.

עס האָט געמוזט זיין אַ גרוילעכער מאָמענט ווען פון דעם העלד איז געוואָרן אַ שטיק לעבלאָזע מאַסע, וואָס די סאָלדאַטן האָבן אויף שנעל צוגעדעקט מיטן ערד און אויפן באַפעל פון גוברנאַטאָר, לויזגעלאָזן אַ גרופּע קאַוואַלעריע איבער דער ערד, אייינצעטאָפּטשען עס אַזוי, אַז קיינער זאָל נישט קענען דערקענען אַז דאָס איז לעקערט'ס קבר.

אין דער צייט וואָס פיל הונדערטער און טויזנטער אידישע אַרבעטער, און אין פיל פּלעצער, נישט נאָר אידישע, האָבן אים באַוויינט און באַקלאָגט, האָבן אים מערערע טויזענטער אַרבעטער באַזונגען און באַוואונדערט, און פּראָקלאַמירט אים אַלס אַ העלד פון דעם רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער קלאַס.

דער טויט פון הירש לעקערט, ווי זיין קורץ, אָבער פאַרביק לעבן, האָט, ווי אַ פרישער ווינטל, אויפגעלעבט די אנטמוטיגטע און הינטער־שטעליקע אַרבעטער וואָס איז געווען שווער צו באַנעמען און צו באַטרעטן דעם וועג פון דער רעוואָלוציע. לידער, שטאַרקע און מעכטיקע, זיינען געזונגען געוואָרן אין די ווערקשטאַטן און פאַבריקן, וואָס האָבן אריינגעשריבן דעם נאָמען פון דעם דאָזיגן העלד אין דער געשיכטע פון דעם אידישן אַרבעטער, און מאָנאַטן שפּעטער, ווען עס איז מיר אויסגעקומען צו רעדן אויף אַרבעטער פאַרזאַמלונגען, האָט זיך פון מיר ארויסגעריסן, ווי אַן אויבערטאָן, הירש לעקערט און זיין העלדישער לעבן און טויט. און יעדעס מאָל, ווען איך האָב שפּעטער דערפילט שוואַכקייט און אומזיכערקייט, האָב איך בלויז געדאַרפט

ארויספירן אויף מיינע ליפן, אָדער אין געדאַנק, דעם דאָזיגן, פּשוט'ן, אָבער צויבערהאַפטן נאָמען וואָס האָט מיר געגעבן קראַפט און זיכערקייט.

די לעקערט־געשיכטע האָט אין משך פון דעם גאַנצן יאָר און שפּעטער ארויסגערופן לאַנגע און הייסע דיסקוסיעס אין בונד און אין אַנדערע פּאַרטייען, ווי צו באַציען זיך צו פּאָליטישע טעראָר אקציעס. די טעטיגקייטן פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, מיט זייערע פּאָליטישע אַקטן דורך טעראָר, האָבן זייער פיל געשעדיקט די נאָרמאַלע סאָציאַליסטישע אַרבעט צווישן די אַרבעטער מאַסן. פיל פון זיי האָבן געקוקט אויף די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן ווען זיי האָבן הינגעריכטעט דעם מיניסטער, באַגאָליעפּאָוו, סופּיאַנגע'ען, און שפּעטער פאָן פּליעווען און אַנדערע, ווי אויף די דערלייזער פון דעם אַרבעטער קלאַס. זיי האָבן געמאַכט אויסזען דעם געווײנלעכן קעמפערישן אַרבעטער ווי אַ צענטע ראָד פון וואָגן. זיי האָבן ביי אים אָפּגענומען זיין גאַנצע חשיבות, און ממילא אָפּגעשוואַכט די אַרבעטער באַוועגונג און אין דער זעלבער צייט געגעבן וואָפן אין די הענט פון דער צאַרישער רעגירונג. מיר, אין בונד, און אין אַנדערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, האָבן געמוזט אַנגעמען מיטלען אָפּצושוואַכן דעם דאָזיגן איינפלוס און נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל זיך ארויסזאָגן געגן פּאָליטישן טעראָר, ווי אַ מיטל צו באַפרייען דעם אַרבעטער קלאַס.

קאַפּיטל דרייסיק

דער ווינטער פון 1902 איז אַ שנייאיגער און אַ יקרות אויף דער זון. זי האָט זיך כסדר געוויקלט אין טונקעלע וואָלקנס און ס'איז קאַלט און נודנע.

מאַדאַם פישער איז פאַר מיר געווען אַ שטיקל דערפרישונג פון מיין טרוקענעם און זייער פּראַקטישן באַלעבאָס. מיינע שעה'ן זיינען געווען לאַנגע. ער פלעגט זיך שטענדיג אויסקלייבן שוין שפּעט אין אָוונט מיר געבן צו שרייבן בריוו און איך האָב פריער ווי צען, עלף נישט געקענט אהיים־קומען. וועגן יוטען האָב איך קיין סך שוין נישט געקענט קלערן. זי האָט געוואוסט, אַז איך בין שטאַרק פאַרנומען און אַז איך וועל איר פון אַלץ דערציילן. בלויז שבתים האָב איך איר געקענט זען. זי איז אַזוי ליבלעך ווי אַלע מאָל, אָבער זי וואַקסט צו שנעל. זי איז שוין באַלד העכער פון מיר און מעסטנדיג זיך אין הויך, האָבן מיר זיך געקושט ווי אין די ערשטע צייטן. איך האָב געקענט לייענען די פרייד אין אירע אויגן, אָבער עפּעס מאָדנע איז מיר געווען וואָס זי האָט מיר קיין מאָל נישט איינגעלאַדן צו זיך אהיים. צי איז דאָס דערפאַר וואָס איך וואוין אין זעלבן הויז?

איין מאָל אום שבת, נעם איך איר אַרויס אויף אַ שפּאַציר אין דעם

קאָנסטאַנטינער וואַלדל אין דרום פון דער שטאָט. איך לייען פאַר איר אַ ליד וואָס איך האָב אָנגעשריבן. איך פּרואוו עס לייענען מיט פּאַטאָס, מיט שטאַרקע געפילן, אָבער זי שמייכלט ווי אין זיך, נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט.

„האָסטו גאָרנישט קיין מיינונג וועגן דעם," פרעג איך זי. „טוט עס דיר גאָרנישט?"

„אודאי טוט עס. אָבער די זון הענגט נאָך אַלץ אויף דעם זעלבן פּלאַץ."

„ניין," ענטפער איך. „זי איז נישט אויפן זעלבן פּלאַץ. אין דער צייט וואָס מיר שמועסן איז זי שוין אָפּגעלאָפן אַ היפּשן מהלך."

„און ווי לאַנג מיינסטו, קענען מיר אַזוי אַרומגיין? דער טאַטע פרעגט וואָס פאַר אַ תכלית וועט עס זיין מיט אַזאַ בחור, וואָס האָט אַזוי לאַנג געלערנט און איז נישט קיין רב, נישט קיין דיין, נישט קיין שוחט און נישט קיין חזן — אפילו נישט קיין מלמד. איך ווייס נישט וואָס אים צו ענטפערן", זאָגט יוטע, און קוקט מיר גלייך אין די אויגן.

„פאַרוואָס זאָגסטו אים נישט אַז איך לערן איצט געשעפט? ער מעג אויך וויסן.

„גיי שוין, גיי," זאָגט זי. וואָס לערנסטו, צו טראָגן פון דעם געוועלבל הערינג מיט אוגערקעס?"

פאַרדריסט עס מיר שוין פאַרוואָס איך האָב איר געדאַרפט דערציילן וועגן מיינע עקסקורסיעס מיט מיין באַלעבאָס'ס פרוי. „זי איז דאָך אָבער אַזאַ שיינהייט!" כאַפּט זיך אַרויס פון מיר אַן אומגליקלעכע פראַזע פאַר דעם מאָמענט. זי איז זייער שנעל אָנצוכאַפּן זיך אָן מיר. „אזא שיינהייט איז זי? זאָג מיר דעם אמת, איז זי שענער פאַר מיר?"

זאָג איך איר, „עס איז נישט צו פאַרגלייכן. זי איז אַ בלאָנדינקע און דו אַ ברונעטקע. ווי קען מען פרעגן, וואָס איז בעסער, האָניק צו פעפער?"

„בין איך דער פעפער?" פרעגט זי מיך מיט אַ פאַרוואָרף.

„ניין, נישט דו ביסט דער פעפער און נישט זי איז דער האָניק. אָבער איר זייט ביידע שיינהייטן און עס איז מיר שווער צו זאָגן ווער איז גרעסער און ווער קלענער."

דאָס האָט איר זייער אויפגערעגט. איך זע זי דעם ערשטן מאָל אין אַזאַ צעפלאַמטן כעס. מיר צעגייען זיך אָן אַ קוש און אָן קיין שום צערטלעכקייט. איך האָב זיך אָבער נישט איינגעהאַלטן ביינאַכט ווען איך בין אהיימגעקומען צו שרייבן איר אַ קורצן בריוול —

„טייערע יוטע,

מיר האָבן זיך נעכטן כמעט ווי צעקריגט. דאָס איז אַ פלעק אויף אונזערביידנס כבוד. איך האָב דאָך דיר אַזוי ליב. איז ווי אַזוי האָט דאָס

געקענט פאַסירן. איך וועל נאָך אַמאָל זיך אָפּבייסן מיינע ליפּן איידער זיי וועלן זיך דערדערעדן צו אַזעלכע שאַרפע, שניידנדיגע ווערטער. זיי ווייסן, דו ביזט מיין שענסטע ווירקלעכקייט, מיין בליענדיגסטער חלום. זי איז אַ פרוי, אַ מוטער פון זעקס קינדער, און קלייבט זיך צום זיבעטן. דו ביזט נאָך אליין אַ שטיק קינד מיט דער מאַמע׳ס טוי אויף די ברעמען. עס איז קיין פאַרגלייך נישט, עס איז קיין פאַרגלייך נישט! עס איז קיין, קיין, קיין פאַרגלייך נישט!!

דייןֿ, ישראל בער.״

צו מאַכן זיך נאָך פעסטער, בין איך עטלעכע טעג צו מיין באַלעבאָס׳ס פרוי נישט געגאַנגען. זי האָט געשיקט רופן נאָך מיר, זי דאַרף מיך נויטיג האָבן. אָבער איך האָב זי געענטפערט, „עס טוט מיר זייער לייד. היינט קען איך נישט״.

עטלעכע וואָכן נאָך תשעה באב געפין איך זיך שוין ווייטער ביי איר אין הויז. זי וויל איך זאָל גיין מיט איר צום שניידער נעמען אַ מאָס אויף אַ ניי קלייד. זי האָט געקריגן דעם מוסטער צוגעשיקט פון פּאַריז. זי וויל אַז איך זאָל איר זאָגן מבינות, צי עס קליידט איר, צי נישט. איך האָב שוין געוואוסט אַז גיין מיט דער מאַדאַם אין געוועלב איינקויפן איז איינע פון די פונקציעס וואָס חסידישע באַלעבאַטים טרייבן צו צו זייערע אָנגעשטעלטע. איך האָב אָבער נישט געוואוסט וועגן דער פונקציע פון זיין א מבין אויף איר קליידונג. איך בין אָבער געגאַנגען און דעם אמת געזאָגט, האָב איך נישט חרטה געהאַט. אין מיין צעפלאַמטער יוגנט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך האָב נאָך קיין מאָל נישט געגעבן מיינע אויגן אַזאַ פאַרגעניגן ווי צו זען איר ביוסט, אַ פולקאָמענער, צעבליטער בוזעם פון אַ שיינער, בלאָנדער פרוי. איך האָב זי דערנאָך עטלעכע מאָל געזען אין חלום און האָב זיך נישט געקענט באַפרייען פון דעם בילד.

וואָס שייך אָבער מיין באַלעבאָס, איז מיר דער ר׳ איטשע פון טאָג צו טאָג געוואָרן אַלץ העסלעכער. איך האָב אין אים געזען אַזאַ דורכגעטריבענעם, ביטערן עקספּלואַטאַטאָר, וואָס איך האָב נאָך אפילו ביי קאַכאַנסקי׳ן נישט געזען. עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז איך בין איין מאָל געקומען אַ ביסל שפּעטער אין געשעפט, אפשר מיט אַ פופצן, צוואַנציג מינוט. נעמט ער מיר אַראָפּ צום סוף חודש פון די פיר רובל, גאַנצע פינף־און צוואַנציג קאָפּיקעס. איך בין געוואָרן גוואַלדיג אויפגעבראַכט. „שאַצט איר אָפּ אויף אַזאַ הויכן ווערט מיינע פופצן מינוטן? אויב אַזוי דאַרף מען באַרעכענען וויפל אַזעלכע פופצן מינוטן האָב איך יאָ געאַרבעט אין דעם חודש. וועט איר מיר דאָך

דאַרפן געבן צוועלף רובל אַ טאָג. וואָס עס וועט אויסמאַכן פאַרן חודש, אַם וויניגסטן אכט־און־פערציג רובל...״

„אַזוי גאָר? הייסט עס אַז איך דאַרף לויט דיין חשבון געבן דיר נאָך אַ גאַנצן מאַינאַטיק?!״

„דאָס איז לויט אייער חשבון, ה׳ פישער,״ ענטפער איך אים אין כעס. „איר זענט דאָך דער וואָס באַרעכנט מיינע פופצן מינוטן אין דעם ווערט פון פינף־און־צוואַנציג קאָפּעקעס.״

„זעט נאָר, זעט, ווי ער כאַפּט עס מיר ביים ארבל. איך האָב זיך אַרויסגערעדט פינף־און־צוואַנציג קאָפּעקעס, לאָזט ער מיר שוין נישט אָפּ, פונקט ווי מען וואָלט אים באַראַבעוועט.״

„אויב ביי אייך שפּילט פינף־און־צוואַנציג קאָפּעקעס קיין ראָלע נישט, טאָ פאַרוואָס פּרואווט איר זיי פון מיר אַרויסרייסן?״ פאַרענדיק איך דעם געשפּרעך. אין אַ חודש אַרום בעט איך אים ער זאָל דערלייגן נאָך אַ רובל אַ חודש. ער זאָגט מיר צו צו באַטראַכטן עס און צום סוף חודש וועט ער מיר געבן אַן ענטפער. בין איך ווייטער געגאַנגען אין שפּאַן, ווייטער אים געדינט געטריי, אָבער ווען דער חודש איז געקומען, האָלט ער נאָך אַלץ אין איין קלערן.

„ווייסט דאָך״, זאָגט ער מיר. „איך בין שטענדיג פאַרנומען מיט אַ סך קאָפּ פאַרדרייעניש. פיל וועקסלען זיינען פּראָטעסטירט געוואָרן. ווייס איך טאַקע נישט ווי אַזוי איך וועל דיך קענען צאָלן פינף רובל אַ חודש. דו וואָלסט געדאַרפט האָבן מיט מיר איינזעעניש און מיר זאָגן, ה׳ פישער, נעמט אַראָפּ פון מיר אַ צוויי רובל, ביז וואַנען עס וועט אייך ווערן גרינגער.״ איך האָב געשמייכלט און אים גאָרנישט געזאָגט, אָבער אין עטלעכע טעג אַרום, ווען ער טראָגט מיר אונטער אַ בלאַנקען וועקסל און בעט מיך אים אונטער־שרייבן אַז איך קום אים צוויי הונדערט רובל פאַר סחורה וואָס איך האָב פון אים באַקומען. איך אייל זיך נישט אונטערצושרייבן און פרעג אים, „וואָלט איר דאָס געטאָן פאַר מיר? אויב איר וועט זאָגן אויף אייער אידיש וואָרט אַז יאָ, וועל איך אייך עס אונטערשרייבן.״ „אודאי וועל איך דיר געבן מיין וואָרט,״ פאַרזיכערט ער מיר, און איך, נאַר, נעם און שרייב אונטער דעם וועקסל.

שטיי איך ווייטער מיט אים. און דורך דער וואָך, הער איך פון דעם פּאַקער אַז איטשע פישער קלייבט זיך שוין נאָך אַמאָל צו באַנקראָטירן.

„נאָך אמאָל״, פרעג איך פאַרוואונדערט? „ווען האָט ער שוין איין מאָל באַנקראָטירט?״

„איין מאָל״, לאַכט דער פּאַקער. „פאַר מיין צייט וואָס איך פּאַק ביי אים האָט ער שוין דריי מאָל באַנקראָטירט.״

„איז וואָס מאַכט אייך ווידער צו דענקען, אַז ער וועט באַנקראָטירן אַ פּערטן מאָל?"

„דער פאַקט וואָס ער האָלט איצט ארויסשיקן פּעק מיט סחורה צו אַזעלכע וואָס ער האָט אַ לאַנגע צייט נישט געשיקט. ווייל זיי זיינען נישט זיכער. ווען ער שיקט אַרויס די פּעק איז ער זיכער, אַז די סחורה וועט נישט אריינפאַלן אין די הענט פון זיינע בעלי־חובות".

איך קלער איבער צי דאָס איז שוין אַ באַוויז, אַז ער גייט באַנקראָטירן. איך שטעל אים אָבער אַ צווייטע פראַגע — „און אַז ער באַנקראָטירט שוין, דאַרף ער די אַנגעשטעלטע נישט באַצאָלן פאַר זייער אַרבעט?"

דאָס ווענדט זיך שוין אָן זיין גוטן מוט. וויל ער, באַצאָלט ער. וויל ער נישט, קען מען אים רופן קנאַק־ניסל..."

„אַזוי גאָר, קען ער מיר נאָך אַמאָל די צוגעזאָגטע פינף רובל אויך נישט באַצאָלן?" און איך קלער זיך, אַזאַ חזיר וועט ער דאָך נישט זיין!

באַזונדערס ווער איך פעסטער ביי זיך אַז ער וועט באַצאָלן, ווען אין אַ שיינעם פרי מאָרגן קומט צו מיר אהיים די פּאָליציי און פרעגט מיר, פאַרוואָס באַצאָל איך נישט דעם וועקסל וואָס איך האָב אויסגעמאַכט פאַר צוויי הונדערט רובל. בעת מעשה האָב איך אינגאַנצן פאַרגעסן אָן דעם וועקסל און אויפן מאָמענט לייקן איך אָפּ אַז איך האָב אַזאַ וועקסל ארויסגעגעבן. דעם פּאָליציאַנט וואָס איז געקומען מיט דער פּראָוויעסטקע האָב איך געגעבן צען קאָפּעקעס און בין גלייך אַוועק צום באַלעבאָס אהיים. פון דער מעשה מיטן וועקסל האָב איך שוין איצט פאַרשטאַנען, אַז ער גייט באַנקראָטירן. איך מאַך זיך אָבער גאָרנישט וויסן און פרעג אים, „ה' פישער, מען שלעפּט דאָך מיך צום געריכט פאַר די צוויי הונדערט רובל. וואָס וועל איך טאָן?"

„פאַר די צוויי הונדערט רובל? וואָס פאַר אַ צוויי הונדערט רובל? — ה' פישער, געדענקט איר גאָרנישט אַז איר זייט צו מיר געקומען אונטער־צושרייבן דעם וועקסל?" ער מאַכט זיך גע'פגר'ט פאַר א פּאָר מינוטן און איך פאַל אריין אין אַ היסטערישן אויסגעשריי, „און איר זייט נאָך צו דעם אַ חסיד?! איר נאַרט אָפּ און דערנאָך פּאַפּראָוועט איר דאָס מיט אַ ליגן אַז איר האָט עס נישט געטאָן! מיינט איר מקיים צו זיין וואָס די גמרא זאָגט ,אין איסור חל על איסור'?"

„אהא, דו געדענקסט אויך די גמרא? ביסטו דאָך איינער פון אונזערע".

„איך האָב געלערנט תלמוד ביז נישט לאַנג צוריק. אָבער וואָס פאַר אַ תירוץ איז דאָס אויף מיין פראַגע?"

„איך וועל דיר באַצאָלן, איך וועל דיר באַצאָלן, האָב נישט מורא", פאַרזיכערט ער מיר ווי איינער וואָס איז באַוואוסט אין דער גאַנצער וועלט

ווי אַ בעל בטוח. ער גיט מיר די האַנט און דריקט זי מיר פעסט און זאָגט, „ישראל, דיר וועל איך זיכער באַצאָלן.״ דאָס האָט מיר שוין געמאַכט זיכער אַז ער גייט באַנקראָטירן. איך האָב אים דערנאָך עטלעכע מאָל דערמאָנט, אַז ער דאַרף מיר באַצאָלן פאַרן חודש פינף רובל ווי ער האָט פייערלעך צוגעזאָגט. יעדן מאָל, אָבער, האָט ער געפונען אַן אַנדער תירוץ פאַרוואָס ער קען נישט באַצאָלן, און — ער האָט נישט באַצאָלט.

איך האָב אין דער צייט פון עגמת נפש גענומען מער רויכערן. אין דער צייט ווען איך בין שוין געווען נאָענט צו צוואַנציק יאָר, בין איך נאָך אַלץ געווען אַ לייכטער רויכערער — פון פינף ביז זיבן אַ טאָג. אָבער אַז איך האָב שוין אָנגעהויבן מער צו רויכערן בין איך שוין צוגעקומען נאָענט צו טאָפּלען די צאָל. איך האָב געוואוסט אַז איך טאָר נישט רויכערן. דער דאָקטאָר האָט מיר אָנגעזאָגט. אָבער די קריזאָטע האָט מיר געטריבן דערצו. איך האָב אויך אָנגעהויבן צו באַזוכן אַלטע פריינט און זען וואָס זיי מאַכן. צווישן זיי איז געווען דער ערשטער, משה גאָטליב. איך האָב אים שוין לאַנג נישט געזען. מיר האָט געוואָלט דורכויס אים אריינגעמען אין בונד. ווען איך דערצייל אים די געשיכטע מיט מיין באַלעבאָס אַז ער וויל מיר נישט באַצאָלן פאר דעם אַרבעט, ראָט ער מיר אַז איך זאָל אים אָנקלאָגן אין געריכט. אָבער די צארישע געריכטן זיינען מיר שוין געווען אַזוי נישט צום האַרצן, אַז איך האָב זיך אָפּגעטרייסלט פון דעם געדאַנק.

בין איך געקומען פאַר אַן עצה צום פאַרטרעטער פון בונד. האָט ער מיר באַרואיגט. „עס וועט קומען אַ צייט און ער וועט באַצאָלן ווי אַ טאַטע...״ מיר וועלן אים אַ קאַפּעטשקע דאַרפן נויטן, אָבער ער וועט שוין צאָלן... עס איז גוט וואָס דו האָסט געהאַט די דערפאַרונג, איידער מען נעמט זיך אָרגאַניזירן די פּריקאַזטשיקעס.״

איך האָב זיך פיל מאָל געשלאָגן מיט דער דעה — צי זאָל איך דער־ציילן מיין מוטער וועגן פישער׳ס פאַרשידענע שאַנדיקע, אָפטמאָל העסלעכע פירונגען מיט מיר און מיט אַנדערע. איך האָב איר אפילו נישט דערציילט וועגן די שליחותן וואָס ער שיקט מיר מיט זיין פרוי, און וועגן אַנדערע זאַכן. אַט האָט ער מיר אויך געמאַכט פאַלש שווערן, כאָטש איך האָב זיך שאַרף אָפּגעזאָגט.

אָנגעהויבן האָט זיך עס ווען אַ רוסישער סוחר פון סאַמאַרע איז געקומען איינקויפן שעוויאָט־סחורות. ער האָט אָפּגעקליבן אַ דרייסיק שטיק סחורה און פאַרלאַנגט אַ ביליגן פּרייז. ווען כ׳האָב אים געזאָגט די געוויינלעכע פּרייז וואָס מיר קריגן פאַר דעם, האָט ער זיך צעלאַכט, און געזאָגט אַז אין סאַמאַרע גופא, קען ער אין אַ טעקסטיל געשעפט קריגן די סחורה פאַר נאָך

וויניקער. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט ווי איינער וואָס וויל שוין אָוועקגיין. דאָ איז ה׳ פּישער צוגעשפּרונגען צו מיר אַזוי ווי אַ קאַץ צו אַ טעלער סמעטענע — „ישׂראל!“ האָט ער אויסגערופן, „שווער זיך אַז עס קאָסט אונז אַליין טייערער.“ פּישער האָט גוט געוואוסט אַז איך ווייס דעם פּרייז וואָס עס קאָסט אים די סחורה, זאָג איך אים עס, אָבער ער גיט אַ מאַך מיט דעם קאָפּ, ניין. „שווער זיך“, זאָגט ער, „אַז עס קאָסט מיר אַליין טייערער ווי ער וויל באַצאָלן.“ איך האָב זיך קוים מיט צרות איינגעהאַלטן נישט אַרויסצופּלאַצן און אים רופן דער ליגנער וואָס ער איז.

פאַר מיין מוטער האָב איך שפּעטער דערציילט אַז נישט נאָר וויל ער אַז איך זאָל פאַר אים אַרבעטן, נאָר אַז איך זאָל פאַר אים אויך אָפּזאָגן אַלע ליגנס. מיין מוטער, האָב איך געוואוסט, איז זייער אויגעבראַכט געגן אַזאַ היפּאָקריט, אָבער מיר האָט זי געפּרואווט באַרואיגן מיט זאָגן מיר אַז אין געשעפט זאָגן שמועסט מען, איז אַלץ דערלויבט. וואָס מער זיי זאָגן ליגן, האָט מיין מוטער מיר געפּרואווט דערקלערן, גיבן זיי מער צדקה. אויף אַזאַ אופן ווערן אויסגעהאַלטן שולן און בתי מדרשים. און דאָס מוז מען דאָך האָבן אונטער אַלע אומשטענדן.

פון דעסטוועגן האָט אים מיין מוטער עטלעכע מאָל אַנגעשאָלטן ווען איך האָב איר דערציילט עטלעכע פיינע פאַקטן פון אים, ווי אַזוי ער פירט זיך אויף מיט אָרעמע לייט, און ווי אַזוי ער אַליין האָט אַרויסגעטריבן אַן אָרעמע פּוילישע פרוי אויף דער גאַס ווען זי האָט געפאָדערט מיט אַ האַלבן רובל מער פאַר איר אַרבעט אויסצורייניגן די הויז.

מיט מיין מוטער, אָבער, האָב איך אָנגעהויבן צו טרעפן זיך מער אין פאַרשידענע צוזאַמענשטויסן. עטלעכע מאָל האָט זי אָנגעהויבן צוריק צו פאָדערן פון מיר „זאָגאכצן“. זאָגן נאָך אַ פּרק, נאָך אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים, און אַנדערע זאַכן. ווען זי איז געגאַנגען אויף קבר־אבות, האָט זי פון מיר פאַרלאַנגט אַז איך זאָל מיט איר מיטזאָגן אַלערליי תפילות אין שייכות מיט די טויטע.

איין מאָל, אָבער, ווען זי האָט מיר זייער דערקוטשעט, האָב איך אויס־געשריען אַז איך וועל מוזן אַנטלויפן פון הויז און קיין מאָל נישט מער צוריקקומען. זי איז מיר נישט געבליבן שולדיק, און האָט מיר באַגלייט מיט פאַרשידענע עפּיטעטן. בין איך טאַקע באַלד אַרויסגעלאָפן פון הויז און אַוועק אויף געגעליאַנע גאַס צו אַ יונגן חבר, אויך אַ מאַליאַרזש, יאַנקעלע, און אָפּגעמאַכט צו שטיין ביי אים. ס׳איז טאַקע דאָרט געווען נישט אַזוי גראַם, אָבער אין מיין היים ביי מיין מוטער בין איך אויך נישט געלעגן ווי אַ פּריץ. איך האָב געהערט אַז מיין מוטער קערט וועלטן, אַז אַלע מיינע פריינט וואָס

זי האָט געקענט, ווערן אַלע פון איר באַזוכט און אויסגעפרעגט וואו איך קען זיין. מען האָט מיר דערציילט אַז זי וויינט און רייסט זיך די האָר פאַרוואָס זי האָט מיר אינגאַנצן אַרויסגעלאָזט פון הויז. ווען מען האָט עס מיר דערציילט, האָט מיר שטאַרק וויי געטאָן. אין מיין פאַנטאַזיע האָב איך זי געזען ווי זי לויפט אַרום פאַרצווייפלט צו געפינען אַ שפור פון מיר. מען האָט מיר געזאָגט אַז זי עסט נישט און טרינקט נישט, און קען זיך קיין אָרט געפינען, סיידן זי וועט מיר צוריק אהיימברענגען.

איך האָב אָבער געפּרוּווט זיין אַזוי אויסגעהאַלטן ווי נאָר מעגלעך, אָבער אין מיר האָב איך געפילט אַז איך טו אַן עולה קעגן מיין אָרעמער, אויסגעמוטשעטער און פאַרצווייפלטער מוטער. איך האָב זיך געוואונטשן אַז זי זאָל מיך שנעל געפינען, און איין מאָל האָב איך אפילו געקלערט צוצושיקן צו איר אַ חבר, וואָס זאָל איר „אויסזאָגן" וואו איך געפין זיך און ווען איך גיי אַרויס פון דאָרטן, אַז זי זאָל מיר אָפּוואַרטן אויפן גאַס. וועגן דעם האָב איך געקלערט, אָבער קיין מאָל נישט דורכגעפירט, ווייל ווען איך בין שוין געווען פאַרטיק אויף דעם, האָט זי מיך טאַקע אליין אויסגעפונען. אַזוי, אַז איין מאָל אין דער פרי, ווען איך מאַך אויף די טיר און וויל אַראָפּגיין די טרעפּן, דערזע איך זי און זי גיט מיר אַ פאַל צו מיינע פיס.

„מיין זון, וואָס ווילסטו האָבן פון מיין לעבן!"

אויף אַ רגע האָב איך איר גאָרנישט געקענט ענטפערן. מיין צונג איז מיר פאַרטריקנט געוואָרן. און ווען איך האָב יאָ געקענט אָנהייבן צו באַוועגן זי, האָב איך אַרויסגעשטאַמלט, „וואָס ווילסטו האָבן פון מיין לעבן?" דו פאַרגעסט אַז איך בין שוין איבער צוואַנציק יאָר אַלט, און אַז איך האָב שוין אויסגעקליבן מיין וועג אין לעבן. ווען דו וועסט מיר צורו לאָזן, פאַרזיכער איך דיר, מאַמע, אַז איך וועל דיר קיין מאָל נישט פאַרלאָזן"... און איך האָב זיך צעוויינט, שטאַרק צעוויינט. איך האָב זי גענומען אונטערן אָרעם און געפירט זי אַ וויינענדיקער צוריק אהיים אויף זאַכאָדניע גאַס.

די ערשטע טעג האָט זי גאָרנישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט מיר. אפילו מיין שוועסטער, פייגעלע, איז אויך צו מיר צוגעפאַלן, און געקושט מיר לאַנג, לאַנג. זי האָט מיר אויך צוגעזאָגט אַז זי וועט מיך צורו לאָזן, און אַז אויב איך וועל שטאַרק וועלן, וועט זי אליין מיט מיר גיין צו אַלע מיינע מיטינגען. איך האָב זי אָבער נישט געוואָלט געטרויען, ווייל זי איז געווען אַ ביסל לייכטזיניק. איין קריג מיט מיר, און זי וואָלט געגאַנגען צום זשאַנדאַרמסקער פּאָלקאָווניק... אָבער איך האָב געזען אויסמיידן אַלערליי צוזאַמענשטויסן מיט איר און פיל מאָל זי פאַרטיידיקט קעגן די טענות וואָס מיין מוטער האָט געהאַט קעגן איר.

איך האָב געוואוסט אַז זי איז שטאַרק פאַרליבט אין מיין פריינט משה גאָטליב, אָבער זינט איך האָב מיט אים איבערגעריסן, האָב איך איר קיין גרוסן פון אים נישט געבראַכט, און דאָס האָט אויך נישט געדינט ווי אַ שלום׳דיקע בריק צווישן אים און איר. זי איז דערפאַר אויך געווען נישט אין קיין גוטע באַציאונגען מיט מיין יוטע׳ן, מיט וועלכער זי האָט זיך איין מאָל שטאַרק צעקריגט. בכלל זיינען זיי געווען ווי צוויי הענער, — ביידע זיינען זיי געווען שיינהייטן — זי, פייגעלע, אַ בלאָנדינקע, און יוטע, אַ ווייס־הויטיקע ברונעטקע. זיי האָבן איינע געגן דער אַנדערער גאָרנישט געהאַט, אָבער איך בין געווען באַרעכטיקט צו קלערן אַז אין זייער פיינטלעכער שטימונג בין איך אַ היפשער שולדיקער.

איך האָב אויך אין דער צייט נאָך אָנגעהאַלטן מיינע לעקציעס מיט אַ גרופּע אַרבעטער. איך האָב מיט זיי געלערנט אידיש, רוסיש, אריפמעטיק און געשיכטע. אויב איך האָב געהאט עטלעכע רובל פון דעם, האָב איך זיי געווייינלעך אָפּגעגעבן מיין מוטער. קיין גרויסע גליקן האָב איך פון לערערײ קיין מאָל נישט געמאַכט.

איך גיי פון דעסטוועגן יעדן טאָג צו איטשע פישער און דערמאָן אים וועגן דעם חוב וואָס ער קומט מיר. דעם לעצטן מאָל זאָגט ער מיר, „וואָס קומסטו צו מיר? דו ווייסט דאָך אַז איך בין באַנקראָט. אַז דאָס געריכט וועט צו׳פסק׳ענען וועל איך דיר באַצאָלן. דערווייל, קום היינט אין אָוונט צו מיר אַהיים. מיר וועלן אין קאָמפּאַניע שפּילן אין „אָקע״. וועסטו אונז דאָרט ארויסהעלפן מיט באַדינונג. דו וועסט מאַכן דאָרטן אַ שיינע פּאָר קאָפּעקעס״.

איך האָב געפילט פאַרביטערט פון דער דערנידעריגונג אין וועלכער ער שטעלט מיר. אָבער איך האָב פאַרביסן די ליפּן און יענעם אָוונט צוגעקומען צו זיין הויז. אָבער איך האָב געהאַט אין זינען צו געבן דעם לעצטן קוק אויף זיין שיינער פרוי. אין דער קאָמפּאַניע זיינען געווען זיין פאָטער, זיינע צוויי ברידער און אַ צוויי שכנים, אויך פאַבריקאַנטן. דערווייל האָב איך געהאַט הנאה פון מיין קומען. איך האָב צוגעזען אַז אפילו צווישן זיך, און אין שפּיל, זיינען זיי אויך זשוליקעס. זיי נאַרן אָפּ איינע דעם אַנדערן מיט פעלשעווען נישט נאָר אין ציילן, נאָר אויך מיט פאַלשע קאָרטן. עטלעכע מאָל קומט עס צו אַ קריג. זיי בעטן זיך אָבער גלייך איבער און מען שווינדלט ווייטער. דורך דער גאַנצער צייט פון דעם שפּיל בין איך געשטאַנען אויף די פיס, געלאָפן אַלע ווײַלע דאָ נאָך וואַסער, דאָרטן נאָך פּאַפּיראָסן, ציגאַרן און צוקערוואַרג. צום סוף פון דעם שפּיל וואָס האָט זיך פאַרענדיגט שפּעט

נאָך האַלבע נאַכט, האָב איך געקריגן אַ האַרטן פּערציגער (צוואַנציג קאָפּעקעס). די היפּאָקריטישקייט פון די לייט איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן מיר געפּרוּווט אָנווייזן אַז איך האָב געטאָן אַ גרויסע מצווה. עס איז „ניטל" און איך וואָלט סיי ווי סיי נישט געקענט לערנען אין דער צייט.

איך האָב אָבער יאָ געלערנט ווי געמיין עס קענען פּאַלן אַזעלכע אידישע פרומע פאַבריקאַנטן, וואָס זיינען הייסע חסידים און פאָרן נאָך צום רבי'ן. און נאָך אַ זאַך האָב איך געלערנט. — אַז ביי די חסידים טאָרן זייערע פרויען נישט באַטייליגן זיך צוזאַמען מיט זייערע מענער פריינט אפילו אין קאָרטן שפּיל. די פרויען, די מאַדאַם פישערס און די אַנדערע פרויען, האָבן בלויז פון צייט צו צייט אריינגעוואָרפן אַ שטאָך־ווערטל פאַר נישט גוט שפּילן. זיי האָבן אויך צו ביסלעך קאָקעטירט מיט זייערע קליידער. אָבער מיין מאַדאַם פישער איז געווען די שענסטע פון זיי אַלע. זי האָט עטלעכע מאָל געשטעלט צום טיש דערפרישונגען. ווען זי האָט מיר איין מאָל צוגעטראָגן אַ ביסל ווישניאַק, האָב איך זיך געפילט זייער גוט. ווייל נאָך מער פון דעם ווישניאַק האָבן געפינקלט אירע בלאָע אויגן. איך האָב בלויז געקלערט און געוויגט זיך אין דער פראַגע — צי זאָל איך איר זאָגן אַז איר איטשע וויל מיר נישט באַצאָלן פאַר מיין אַרבעט, צי נישט. איך האָב אָבער באַשלאָסן אַז דאָס וועל איך קיין מאָל נישט פאַרשפּעטיגן.

אויף מאָרגן איז שוין געהאָנגען אַ שלאָס אויף איטשע פישער'ס געשעפט מיט אַ זיגל פון געריכט.

אין אַ באַראַטונג וואָס איך האָב געהאַט מיטן פאַקער, האָבן מיר באַשלאָסן צו נעמען סחורה פאַר געלט, אויב ער וועט נישט געבן. האָט ער דערנאָך אָפּגעשניטן פאַר זיך אַ שטיק סחורה און פאַר מיר, וואָס איך האָב דערנאָך צוגעטראָגן אַ מתנה פאַר מיין מוטער און שוועסטער אויף פּאַלערינעם. זיי האָבן זיך אויסגעפּוצט אין זיי און איך האָב געפילט אַ שטיקל באַפרידיגונג.

אָבער מער ווי אַ שטיקל באַפרידיגונג האָב איך אין דער אַרבעטער באַוועגונג. עטלעכע פּאַר'עקשנ'טע סטרייקס ביי די זאָקן־מאַכער און מאַדיסט־קעס זיינען געבונדן געוואָרן און עטלעכע צענדליג פון זיי זיינען אריינגעצויגן געוואָרן אין אונזער באַוועגונג. איין טעאָרעטישער קרייז וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן צווישן די מאַדיסטקעס, איז אַוועק זייער גוט.

דורכן זומער זיינען פאָרגעקומען עטלעכע גרויסע וואַלד פאַרזאַמלונגען פון בונד אויף וועלכע עס האָבן געהאַלטן רעדעס שמאי קרומקאָפּ און פנחס שוסטער. איך געדענק נאָך איצט אויך זייערע רעדעס, מער פראַזע ווי אינהאַלט, אָבער צווישן די אַרבעטער זיינען זיי דעמאָלט געווען די אַנגע־זעענסטע און באַרעדזאַמסטע. אָבער איידער די האַרבסט שנייען האָבן

אַנגעהויבן צו פאַלן, האָבן מיר אָפּגעהאַלטן אין וואַלד נאָך אַ רייע קלענערע מיטינגען פון פּאָליטישן כאַראַקטער.

קאַפּיטל איין־און־דרייסיק

עטלעכע וואָכן האָב איך פאַרבראַכט אין זוכן אַ נייע שטעלע. איך בין געגאַנגען פון געשעפט צו געשעפט, אָבער אומעטום האָט מען מיר געזאָגט, האַלטן זיי אין אָפּזאָגן עטלעכע אָנגעשטעלטע. און איך האָב זיך אָנגעהויבן אָפּגעבן מער מיט די אינטערעסן פון דער אָרגאַניזאַציע. מ׳האָט מיר צוגעצויגן צו אַ רייע אומלעגאַלע טעטיקייטן, ווי פאַנאַנדערצעטיילן פּראָקלאַמאַציעס צו פאַרשטייער פון פאַרשידענע פאַכן, און אויך די זשורנאַלן וואָס פלעגן אָנקומען פון אויסלאַנד. אין דעם פּראָצעס האָב איך געזען דעם גוואַלדיגן קאָנטראַסט צווישן דער בירגערלעכער, פאַרדאַרבענער אַטמאָספערע פון זאַטקייט, הפקר־דיגקייט און אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט, און פון דער צווייטער זייט, די ריינ־קייט, ציכטיגקייט און גאַנצקייט פון די אַרבעטער פירער.

איבערהויפּט האָט אין יענער צייט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אַ פאַרשטייער פון בונד, אַ צוגעשיקטער פון צענטראַל קאָמיטעט, און זיין פרוי. מיר האָבן אים גערופן מיטן נאָמען, עליע. ווען ער שיקט מיר אַרויס דעם ערשטן מאָל מיט דער „אַרבעטער שטימע״, איז ער אַזוי באַזאָרגט אַז איך זאָל נישט דורכפאַלן, אַז ער האַלט מיר אָפּ אין הויז אַ לענגערע צייט מיט אַלערליי נויטיגע וואָרנונגען ווי צו האַלטן זיך, ווי צו האַנדלען אויב מען וועט מיך כאַפּן ביים האַנט. איך געדענק נאָך איצט ווי ער האָט פאַר מיר אויספאַרמירט דעם געדאַנק פון מוט. איך בין דעמאָלט געווען אַ שרעקעוודיגער האָז און געציטערט ערשט נישט לאַנג צוריק אפילו פאַר שדים און רוחות. ווי אַ טרייער טאַטע האָט ער ביי מיר אויסגעיעט אַלע וואָרצלען פון שרעקעוודיגקייט און מורא. „ווען דו האָסט פאַר עפּעס מורא״, האָט ער מיר געלערנט, „אַנטלויף נישט. נאָר פאַרקערט, קוק עס גוט אָן און זע ווי אַזוי צו ליקווידירן די מורא, וואָס שנעלער און וואָס בעסער. וואָס רואיגער דו וועסט דעמאָלט זיין, אַלץ ווייניגער וועט עס דיר שאַטן.״

אַ געדיכטער שניי האָט זיך געדרייט אין דער לופטן ווען איך בין אַרויס צום ערשטן מאָל, אָנגעפּעלצט מיט עטלעכע צענדליג „אַרבעטער שטימעס״. מיין האַרץ האָט געציטערט, מיינע קני האָבן זיך געבויגן. אָבער עליע׳ס שטימע האָט מיך ווי אַן עלעקטרישער שטראָם דורכגענומען, געוואַ־רעמט און געשטאַלט. איך האָב דעם ערשטן מאָל אויסגעפילט מיין אויפגאַבע ווי עס דאַרף צו זיין. אומעטום האָב איך געפונען אַלץ אָרגאַניזירט אויפן בעסטן אופן.

„אויפֿן ראָג שרעדניע און ווידזעווער גאַס וועט שטיין אַ בחור אין אַ ברוינלעכן מאַנטל, אַ פֿאָרשטייער פֿון די זאָקנמאַכער. גיב אים פֿינף „שטימעס". צוויי גאַסן העכער, צו ווילקע צו, וועסטו באַגעגענען אַ יונגע פֿרוי מיט אַ גרינעם שאַל אויפֿן האַלדז. דאָס איז די פֿאָרשטייערין פֿון די שניידערינס. און אַזוי כסדר האָב איך איינגעטיילט נאָענט צו צען פֿאַך־פֿאָרשטייערס מיט די „שטימעס". ווען איך בין פֿאַרטיק געוואָרן, האָב איך זיך געפֿילט ווי איך וואָלט שוין אויפֿגעטאָן אַ גרויסע זאַך פֿאַר דער רעוואָלוציע. דאָס געפֿיל איז געווען פֿון אַזאַ געהויבענעם כאַראַקטער, וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל ביז דעמאָלט נישט געפֿילט. עס איז אַלץ אָפּגעגאַנגען גלאַט. קיין שפּיאָן האָט מיך נישט נאָכגעצויגן, אויף ווי ווייט איך האָב געקענט זען. דער שנײ פֿאַרהאַנג האָט מיך גוט באַשטעלט און באַשיצט.

ווען אין אַ וואָך אַרום האָט מיך עליע ווידער אויסגעפּרוּווט מיט אַ פֿאַנאַנדערטיילונג פֿון אַרטיגע פּראָקלאַמאַציעס, בין איך שוין געווען האָפּער־דיגער, זיך ווייניגער געשראָקן, און זיך שנעל אָפּגעפֿאַרטיגט. אָבער גייענדיג אַהיים, באַמערק איך עפּעס ווי איינער גייט מיר נאָך, מאַכט זיך ווי ער איז קיין זאַך נישט אויסן, און גייט מיר נאָך כסדר טריט ביי טריט. ער וויל זען, קענטיג, וואו איך וואוין, גיט מיר אַ בליץ דורכן קאָפּ. איך בין אָבער נישט זיכער צי האָט ער מיר געזען איבערגעבענדיג דעם לעצטן פּעקל וואָס איך האָב געבראַכט צום פֿאָרשטייער פֿון די זייגער־מאַכער. איך הייב זיך אָן צו טרייסטן אַז ער האָט מיר נישט געזען געבנדיג עפּעס אַ צווייטן. אָבער דער חברה׳מאַן גייט וואָס אַמאָל אַלץ נעענטער צו מיר, ער באַשמעקט מיר ווי אַ שפּיר־הונט. וואָס טו איך? ווי אַזוי ווער איך פֿון אים פּטור? איך האָב נאָך אַ היבשן וועג אהיים אויף זאכאַדניע פּיר־און־פֿופֿציג. איך מוז אים אָפּשטעלן פֿריער, קלער איך זיך. מיין שכל זאָגט מיר, אַז איך זאָל נישט גיין גלייך אהיים, נאָר פֿאַרפֿירן אים אין ערגעץ ווייט. טו איך טאַקע אַזוי. אָבער ער גייט נאָך, ווי מיין שאָטן. אָט בין איך שוין אויף ניקאָלאַיעווסקער גאַס און איך רעכן זיך צו האַלטן ביי דער גאַס אַ לענגערע צייט. אָבער פּלוצ־לונג פֿאַלט מיר איין אַ געדאַנק אַז איך זאָל זיך אָפּשטעלן אויפֿן ראָג, צוגיין צו אַ סטראַזשניק, און פֿרעגן אים אַ קלאָץ־קשיא. און זאָל ער זען ווי איך שטיי און רעד מיט אַ פּאָליציי־מאַן. דער סטראַזשניק ווייזט מיר אָן מיט זשעסטיקולאַציע ווי צו גיין אויף נאָוואָראַד גאַס. דאָס האָט געהאָלפֿן. דער בחור האָט זיך גלייך אָפּגעטשעפּעט פֿון מיר און איך בין אַ קורצע צייט געגאַנגען אין דער ריכטונג, וואָס דער סטראַזשניק האָט מיר אָנגעוויזן. ערשט דעמאָלט ווען איך האָב זיך שוין גרינטלעך איבערגעצייגט אַז איך

בין פון דעם שפיאַן פטור געוואָרן, האָב איך זיך פאַרנומען, אַ פריילעכער, אַהיים.

ווען איך האָב אין עטלעכע טעג אַרום זיך געטראָפן מיט עליע'ן און אים דערציילט וועגן דער געשיכטע מיטן שפיאָן, האָט ער מיר געגעבן קרעדיט פאַר מיינע שנעלע האַנדלונגען. ער טרייסט מיך אַז איך האַנדל אין גייסט פון אַלע רעוואָלוציאָנערן ווען זיי האָבן אַזאַ צוטשעפעניש. אין ווינטער, 1902, פיר איך שוין צוריק אַן מיט מיין קלאַס אויף זגערזשער גאַס און איך פיר שוין אַן מיט צוויי קרייזלעך — איינער פון די זייגערמאַכער און איינער פון די מאַליארעס. פון די דאָרטיגע דיסקוסיעס אליין לייטער איך אויס פיל פון די פאָזיציעס, וואָס דער בונד פאַרנעמט אין פאָליטישע און קולטורעלע פראַגן.

צום סוף פון דעם ווינטער סעזאָן, זאָגט מיר אַן אונזער קרוב, זלמן מייזל, אַז ער קריגט פאַר מיר אַ גוטע לערער שטעלע בײַ אַ פאַרמעגלעכן קולטור מענטשן אין טאָמאַשאָוו. דאָס איז ביי ה' ספיוואַק, אַ פלימעניק פון דעם באַנקיר, ספיוואַק. ער האָט מיר אָנגעגעבן אַלס גוטן קענער פון העברייִיש, דייטש און רוסיש, און דאָס זיינען גראָד געווען די שפראַכן אין וועלכע ה' ספיוואַק איז געווען פאַראינטערעסירט.

קאַפּיטל צוויי־און־דרייסיק
דער קישינעווער פאָגראָם — 1903

פסח צייט קלייב איך זיך שוין צו דער רייזע. פון לאָדזש קיין טאָמאַשאָוו איז בלויז זיבן מייל, אָבער איידער וואָס ווען, טראָגט זיך דורך אַ גוואַלדיגער שטורעם איבער גאַנץ רוסלאַנד און פוילן, די ידיעה וועגן אַ שרעקלעכן פאָגראָם אין קישענעוו אין וועלכן צענדליגער אידן זיינען דערמאָרדעט געוואָרן, הונדערטער פאַרוואונדעט, און טויזנטער צעראַבירט געוואָרן. אין אַלע שטעט מיט גרעסערע אידישע באַפעלקערונגען קומען פאָר גרויסע פאָלקס פאַרזאַמלונגען פון צער און צאָרן, וואו עס ווערט אויך גערעדט וועגן פאַרטיידיגן זיך געגן די דאָזיגע ווילדע פאָגראָם־אויסברוכן.

אין אָנהייב, האָבן די בירגערלעכע עלעמענטן געפּרואווט באַשולדיגן דעם „בונד“ און די אַנדערע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס. אָבער פון שעה צו שעה איז אַלץ קלאָרער געוואָרן, אַז דאָס לייגן דעם שולד אויפן בונד העלפט נאָר אַרויס דער בלוטיגער צאַרישער רעגירונג צו באַהאַלטן אירע נעגל, דאָס איז געווען אין קישינעוו גופא, און אַזוי האָט מען עס פאַרשטאַנען כמעט אומעטום. אין לאָדזש, דאָס זעלבע. די אַרבעטער האָבן אין אַלץ געזען די ווילדע האַנט פון דעם צאר און נאָך מער געזען אין דעם דאָזיגן בלוט־באָד

אַ סטראַשונאַק אויף ווייטער, אַז דאָס וועט פאַרגעזעצט ווערן אויך אין אַנדערע שטעט, אויב מען וועט נישט אָפּשטעלן די רעוואָלוציאָנערע טעטיג־קייט פון די אַרבעטער און פון דער אינטעליגענץ.

אין לאָדזש האָבן זיך אָנגעהויבן אַ רייע באַנקראָטן. די פאַבריקאַנטן וואָס האָבן אפילו נישט געהאַט צו טאָן מיט קישינעווער געשעפטן, האָבן אויך זיך באַנוצט מיטן אויסרייד פון פּאָגראָם. אפילו „מיין" איטשע פישער, האָט אויפגעלעבט נאָכן פּאָגראָם, ווייל ער וועט האָבן איצט נאָך אַ גוטן אויסרייד פאַר זיין באַנקראָט. איך האָב אים אליין געהערט זאָגן אַז גאָט שיקט צו די רפואה פאַר דער מכה. וואָס דאָס האָט געמיינט, אַז נישט ווייניגער ווי גאָט אליין איז פאַרמישט אין דעם פּאָגראָם. צו באַשטעטיגן עס, האָבן נאָך דאָ און דאָרטן אָפּאָרטוניסטישע מגידים׳לעך געהאַלטן וועגן דעם דרשות אין וועלכע עס זיינען אין גאַנצן פאַרטושט געוואָרן די מעשים פון דער צאַרישער רעגירונג און פון אירע משרתים. מיר, אין בונד, האָבן נישט פאַרלאָרן אונזערע קעפּ, אָבער אייניגע אין אונזער פּעריפעריע, האָבן פאַרלאָרן זייער גלויבן אַז אין רוסלאַנד וועט ווען עס איז פאַרקומען אַ רעוואָלוציע געגן צאַר. „אָט זעט איר דאָך", האָבן זיי טריאומפירט, „וואָס דער צאַר קען נאָך אָפּטאָן בלויז מיט זיין ביסל כוליגאַנעס. איר וועט נאָך זען אַז מיר וועלן דאָס האָבן אין יעדער שטאָט, אַז קישינעוו איז בלויז אַ פּראָטאָטיפּ וואָס דאַרף נאָך ערשט איבערגע׳חזר׳ט ווערן אומעטום."

וואָס האָבן מיר געקענט זאָגן וועגן דעם? דער בונד אין לאָדזש האָט ארויסגעגעבן אַ פּראָקלאַמאַציע אין וועלכער עס זיינען אָנגעוויזן געוואָרן די אמת׳ע שולדיגע, דער צאַר און זיינע משרתים, וואָס ווילן מיט אַלע כחות איינהאַלטן די כוואַליעס פון דער רעוואָלוציע, מיט די געגנכוואַליעס פון אידיש בלוט און פון אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

מיר פּערזענלעך איז געווען זייער אָנגעווייטיגט דאָס האַרץ ווען מענטשן פון דעם בירגערלעכן לאַגער האָבן מיר אָנגעוויזן — „איר זעט ווען מען איר גייט ראַטעווען, ווען מען איר גייט באַפרייען, — די כאַמעס, וואָס קענען קיינמאָל נישט זיך אויסלערנען אפילו זיך אונטערצושרייבן זייער נאָמען? אָט פאַר די אַ, גייט איר פאַרגיסן אייער בלוט און ברענגען אַן אומגליק אויף אונזער גאַנצן פאָלק?!"

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב געהאַט וואָס צו ענטפערן אויף דעם. אָבער אין מויל איז געבליבן אַ ביטערניש פון דעם, וואָס די מענטשן וואָס רופן אָן אַנדערע „כאַמעס" זיינען פאַקטיש אליין די כאַמעס, כאָטש זיי קענען שרייבן און לייענען. איך רייס איבער דעמאָלט מיט א רייע פון מיינע פריער־דיגע פריינט, ווי למשל, מיט משה גאָטליב מיט ראובן זעליגמאַן, דעם זון

פון דער שמש אין דער ליטווישער שול, און מיט פיל אַנדערע פריינט — שכנים און תלמידים פון מיינע חדרים. עס איז עפעס אַראָפּגעלאָזט געוואָרן צווישן אונז אַ הויכע וואַנט, וואָס האָט כמעט געשטעלט אונז אין צוויי פיינטלעכע לאַגערן. בלויז איין בחור, יאַנקל קאַשע, וואָס האָט מיט מיר אַמאָל געלערנט אין דער תלמוד תורה אויף סטראַוויעשע, איז מיר געבליבן פון מיינע אַמאָליגע אַלע פריינט. אָבער ער איז שוין געווען אין בונד מיט עטלעכע יאָר פריער פאַר מיר, און איז געווען באַקאַנט צווישן די מאַליאַר־זשעס, ווי אַ גוטער בונדיסט.

אויף עטלעכע קלענערע מיטינגען וועגן דעם קישענעוו פּאָגראָם איז מיר אויסגעקומען צו האַלטן קורצע, אָבער אויפרודערנדיגע רעדעס. איך האָב געפילט אַז איך בין מחויב צו שטיין מיט מיין אָרגאַניזאַציע אין דעם קריטישן מאָמענט. איך האָב אָבער אויך גענומען מער לייענען די געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, און מיט דער צייט דערזען, אַז שוין מיט צענדליגער יאָרן צוריק האָט די צאַרישע רעגירונג געמאַכט די זעלבע קונצן מיט אַרומרייסענישן צווישן די גרוזינער און אַרמעניער, צווישן אַרמעניער און טאַטאַרן, צווישן סטודענטן און פּויערים. דאָס האָט מיר געגעבן אַ ברייטערן פעלד צו פאַרשטיין די מאַכינאַציעס פון די מאַכטהאָבער אין צעטיילן אנשטאָט צו צעמענטירן פריינטשאַפט צווישן פעלקער.

אין יענער צייט איז מיר אויסגעקומען איין מאָל צו זיין ביים שניא־דעוווער רב, וואו עס איז אויך גערעדט געוואָרן וועגן דעם קישענעוו פּאָגראָם. איך האָב געהערט די שלעכטע און נאַרישע אויסטייטשונגען פון די רבנישע קרייזן, און איך בין געווען געצוואונגען ארויסצוקומען מיט די פאַקטן ווי מיר האָבן זיי פאַרשטאַנען. פאַרשטייט זיך אַז איך בין דערפאַר געשטעמפּלט געוואָרן ווי אַן „אחדותניק" און אַן אפיקורוס.

איך קום אָן גלייך נאָך פּסח קיין טאָמאַשאָוו צו פאַרנעמען מיין שטעלע, און גלייכצייטיג אויסצופירן דעם באַשלוס פון די בונדישע פאַרשטייער אין לאָדזש צו אָרגאַניזירן אין טאָמאַשאָוו אַ בונדישע גרופּע, און אויב מעגלעך, אַ צאָל גרופּעס אין אַ פאַרמירטער אָרגאַניזאַציע. איך דערוויס זיך, אַזוי ווי איך קום צו פאָרן, אַז אין דער טאָמאַשעווער הויפּט־שול וועט נאָך אין יענעם אָוונט פאָרקומען אַ גרויסע פאָלקס־פאַרזאַמלונג וועגן קישינעווער פּאָגראָם, און אַז עס וועלן זיין ספּעציעלע רעדנער פון וואַרשע און פּעטריקאָוו. מיר ווילט זיך זייער רעדן אויף אַזאַ גרויסע פאַרזאַמלונג. איך האָב שוין מיין מיינונג, אייגנטלעך די מיינונג פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע, וועגן די אָרגאַניזירער פון דעם שרעקלעכן פּאָגראָם, און איך וואָלט וועלן דאָס איבערגעבן צו דעם ברייטסטן עולם. איך האָב זיך געפּרוּווט שטעלן אין

פאַרבינדונג מיט די רעדל־פירער פון דער פאַרזאַמלונג. אָבער זיי זאָגן מיר אַז זיי האָבן שוין צו פיל רעדנער אַזוי אויך.

די רעדנער זיינען מערסטן טייל געווען ציוניסטן, וואָס האָבן כסדר געצילט צו דערוויזן ווי נויטיק עס איז צו האָבן אַן אייגן אידיש לאַנד וואָס זאָל זיין געזיכערט מיט אידישער רעכט און מיטן לעבן און וואוילזיין פון דער אידישער באַפעלקערונג. אויף אַזוי פיל האָט אַ געווינלעכער איד נישט געקענט אויסזעצן אין אַזעלכע רעדעס. אָבער ווען איינער נאָכן אַנדערן האָבן אַלץ גערעדט וועגן אנטיסעמיטיזם און נישט אָנגעוויזן דעם פאַר־שטונקענעם קוואַל זיינעם, און נישט דערמאָנט קיין וואָרט וועגן דעם אומגליק וואָס עס איז נישט בלויז פאַר אידן, נאָר פאַר דעם גאַנצן רוסלענדישן פאָלק, פון דער זעלבסט־הערשנדיגער רעגירונג פון צאַר, האָב איך געפילט ווי דאָס בלוט זעצט מיר אין קאָפּ.

נישט קריגנדיג קיין וואָרט, האָב איך באַשלאָסן צו לאָזן הערן מיין פראָטעסט דורך אַ פראַגע — צי דענקען די רעדנער נישט אַז די אַרבעט פון אָרגאַניזירן דעם פאָגראָם איז געטאָן געוואָרן דורך אַגענטן פון צאַריזם? צי ווייסן זיי נישט אַז דאָס פּראָסטע פאָלק איז נישט פאַראינטערעסירט אין הרג׳ענען אידן און אין פּאָגראָמען בכלל, נאָר אַז דאָס דריקן זיי אויס זייער צאָרן געגן דער רעכטלאָזיגקייט פון אַלע פעלקער אין רוסלאַנד, און דער אויסרייד אַז דאָס זיינען שולדיג די אידן אין אַלע זייערע צרות, איז בלויז אַן אויסרייד וואָס עס לייגן זיי אריין אין מויל די אַגענטן פון דעם צאַריזם...

ווען איך רעד אַרויס שאַרף די דאָזיגע ווערטער ווערט אַ גרויסער טומל אין שול. איניגע שרייען ביז הייזעריגקייט, אַז אַזעלכע אידן ווי דער דאָזיגער פּרעגער, ברענגען אַן אומגליק פאַרן גאַנצן אידישן פאָלק מיט דעם וואָס זיי מישן אריין די רעגירונג פון לאַנד. דער טומל ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער און איך מוז זיך ביסלעכווייז ארויסרוקן פון דער שול. אָבער ווען איך בין שוין אויף דער אַנדערער זייט, גייען צו צו מיר צוויי אידן, גיבן אַ קוק אויף מיר, און זאָגן, קלאַפּנדיג מיר אין די פּלייצע, „לאַנגע יאָר זאָלט איר האָבן פאַר ארויסברענגען פאַר דעם גרויסן עולם אידן, ווער עס זיינען די אמת׳ע שולדיגע אין דעם פּאָגראָם.״

„איר האָט נאָך געדאַרפט ארויסברענגען דעם געדאַנק אַז די וואָס רופן אידן פאַרן אין אַן אַנדער לאַנד, זיינען גיכער שולדיג אין דעם פאַר־וואורף אַז אידן זיינען אויסלענדער, ווי די וואָס ווייזן אָן אויף די פאַר־ברעכנס פון דער צאַרישער זעלבסט־הערשאַפט...״

איך גיב צו, אַז דאָס איז אויך געווען נויטיג ארויסצוברענגען, אָבער דער אנטשטאַנענער טומל האָט עס מיר שוין נישט דערלויבט דאָס צו טאָן.

מיר רעדן זיך פאַנאַנדער און עס שטעלט זיך אַרויס אַז איינער פון זיי איז שוין אַ מיטגליד פון בונד אין די לעצטע צוויי, דריי יאָר, און אַז ער באַלאַנגט צו דער בונדישער אָרגאַניזאַציע פון וואַרשע. איך פאַרטרוי זיי אויך אַז איך בין אין סימפּאַטיע מיטן בונד, און אַז איך וועל באַמיען צו זען, אויב זיי וועלן מיר העלפן, אויפצושטעלן דאָ, אין טאַמאַשאָוו אויך, אַ בונדישע אָרגאַניזאַציע. איך בעט זיי, אַז זיי זאָלן מיר אויך פאַרבינדן מיט די אַנדערע אַרבעטער אין טאָמאַשאָוו וואָס זיינען סימפּאַטיש צום בונד.

בכלל בין איך זייער צופרידן וואָס איך בין געגאַנגען צו דער פאָלקס פאַרזאַמלונג אין שול און דערוויל שוין געהאַט אַ געלעגנהייט צו מאַכן די ערשטע פאַרבינדונגען וואָס זיינען נויטיג פאַר דער ארבעט. איך בין דערנאָך גלייך אַוועק צו ה' ספּיוואַק, ביי וועמען איך האָב אויך געדאַרפט וואוינען אין הויז, און זיין אויף אַלעם פאַרטיגן. איך האָב גלייך אויפן אָרט אים צוגעזאָגט צו לערנען מיט די קינדער זעקס שעה אין טאָג און זעקס טאָג אַ וואָך. איך האָב אים אָנגעוויזן אַז באַזונדערס איצט, נאָכן קישענעווער פּאָגראָם, דאַרפן קינדער האָבן אַ גרעסערע ידיעה פון אידישער געשיכטע, און איך וויל מאַכן דעם דאָזיגן געגנשטאַנד פאַרן עיקר פון דעם קוריקולום. ער האָט מיט מיר איינגעשטימט, און מיר האָבן געשלאָסן אַ קאָנטראַקט פאַרן גאַנצן יאָר.

די באַדינגונגען זיינען פאַר מיר געווען זייער גינסטיגע אין פאַרגלייך מיט מיין פריערדיקע שטעלע ביי איטשע פישער'ן. איך דאַרף קריגן אַ באַזונדערן צימער פאַר מיר אויף צו שלאָפן און אויף שטודירן; דריי מאָלצייטן אַ טאָג; פרייע וועש און קליידער; דריי רובל אַ וואָך אין קעשענע; צוטריט צו דער ביבליאָטעק צו יעדער צייט.

ה. ספּיוואַק אַליין איז אַ כעמיקער, דער שעף־כעמיקער פון דער פירסטנוואַלד פירמע. ער אליין איז געווען אַ סאָלדאַט אין דער צארישער אַרמיי און האָט געהאַט א דינסטשיק פאַן זיין פּריוואַטן געברויך. ער וואלט אַליין געקענט האָבן אַן אייגענעם געשעפט, אָבער ער וויל נישט האָבן צו פיל אַ פאַרדרייטן קאָפּ, אויף זיין שטעלע קריגט ער אַ שיינעם געהאַלט. אויב איך וועל מאַכן גוט דורך דעם יאָר מיט זיינע קינדער, וועט ער זען אַז צום קומענדיגן יאָר זאָל איך ווערן אָנגעשטעלט פון זיין אָנקל, דעם באַנקיר, פאַר זיינע דערוואַקסענע קינדער און אייניקלעך. און דאָס וועט מיינען פאַר מיר אַ גוטן געזיכערטן לעבן.

מיין באַלעבאָס, האָט פינף קינדער וואָס דאַרפן לערנען. דער עלטסטער, אַ אינגל פון פופצן יאָר, דער אינגסטער אַ אינגל פון ניין יאָר. צווישן זיי זיינען די אַנדערע דריי קינדער — אַלע אינגלעך, נישט שלעכט דערצויגענע,

אָבער זייער פריערדיג לערנען איז כמעט גאָרנישט ווערט געווען. אַ קנאַפּ באוואוסטזיניגער באַהעלפער האָט מיט זיי געלערנט חומש און רש״י אויף אַ ריין רעליגיעזן אופן. פון זיין לערנען האָט מען געקענט זען אַז ער איז אליין געווען שטומפּיק אויף עברי. קיין שפּראַכן האָט ער אינגאנצן מיט זיי נישט געלערנט. אויך נישט קיין אריפמעטיק. אין אָנהייב האָב איך געהאַט פאר זיך אַ שווערע אויפגאַבע. איך האָב געמוזט אָוועקלייגן אַ סך ענערגיע אויף גרונט־אַרבעט. איך האָב געדאַרפט איבערבייטן פאר זיי אפילו דעם אלף בית וואָס זיי האָבן אויסגעלערנט אויפן אַלטן שטייגער. איך האָב אָבער באוויזן אין צוויי מאָנאַטן אַז יעדער איינער פון זיי זאָל לייכט און ריכטיג לייענען דעם העברייאישן טעקסט, זאָלן אים קענען שרייבן אָן טעות׳ן. איך האָב זיי אויך געלערנט דעם היימישן און ליטעראַרישן אידיש, כאָטש ה׳ ספּיוואַק גופא האָט נישט געוואוסט צו וואָס עס איז נויטיג. דערפאַר איז ער געווען צופרידן מיט מיין לערנען אריפמעטיק, געאָגראַפיע און געשיכטע. זיין צופרידנקייט האָט ער אויסגעדריקט מיט דעם וואָס ער האָט מיר געלאָזט מאַכן אַן אנצוג, היטלען, שיך און וועש. איך האָב אויסגעזען ווי אַ חתן. מיין מוטער איז געווען זייער צופרידן פון מיין שטעלע. איך האָב איר אָפּגעשיקט כמעט דאָס גאַנצע געלט און ווען ה׳ ספּיוואַק האָט זיך אין ערגעץ דערוואוסט אַז איך בין פון לאַדזשער רב׳ס משפחה, האָט ער מיר צוגעלייגט נאָך אַ רובל צו מיין וועכנטלעכן געהאַלט. ער האָט אויך געשריבן אַ בריוו צו מיין מוטער, ווי צופרידן ער איז מיט מיר. מיין פרייע צייט גיב איך אָפּ אויף לייענען, שרייבן און אויף אָרגאַניזירן די בונדישע גרופּע. איך דרינג אריין אין עטלעכע פאַבריקן און באַקען זיך זייער נאָענט מיט די אָנגעשטעלטע פון ספּיוואַק׳ס באַנק. אין בוכהאַלטער פון דער באַנק צי איך אפילו צו צו דער בונדישער גרופּע. די מעגלעכקייט פון האָבן געהיימע מיטינגען אין וואַלד איז באַלד געקומען. עס איז געוואָרן וואַרעם און די וועלדער אַרום טאמאשאָוו זיינען געווען ווי צוגעפּאַסט צו דער קליין־אַרבעט פון גרופּן־פאַרזאַמלונגען. צו איינע פון אַזעלכע פאַרזאַמלונגען האָב איך שוין געהאַט עטלעכע פערציג מענטשן. איך האָב געפּרואווט אקטיוויזירן אַ היפשן טייל פון זיי. מיט אַנדערע האָב איך זיך באַנוגנט ווען זיי זיינען געוואָרן לייענער פון אונזער אומלעגאַלער ליטעראַטור. איך האָב אויך געפּרואווט צוצוציען צו אונזער גרופּע צוויי העברייאישע לערער און עטלעכע פון דער אָרטיגער אינטעליגענץ. אונזער גרופּקע אין געוואַקסן פון טאָג צו טאָג אין מיטן זומער.

מאַכט זיך אַזאַ מעשה — דער באַנקיר, ספּיוואַק, מיט זיין פאַמיליע, פאָרן אָוועק אין אויסלאַנד, און לאָזן איבער זייער גאַנצע רייכע וואוינונג אין דעם רשות פון צוויי הויפּט אָנגעשטעלטע אין דער באַנק. דאָס זיינען

געווען צוויי פיינע יונגע לייט, געבילדעטע, אָבער איבערגעפּירטע פון דער רייכער אטמאָספּערע אין וועלכער זיי האָבן געלעבט. זייער פרייער צייט האָבן זיי אָפּגעגעבן אויף זוכן אָדער כאַפּן מיידלעך און זיי פאַרפירן. ווען זיי האָבן געקריגן פאַר זיך אַזאַ גאָלדענע געלעגנהייט ווי אַ גרויסע, רייכע הויז, מיט פיל צימערן, האָבן זיי געהאַט די געלעגנהייט ארויפצוברענגען די מיידלעך צו זיך און לעבן מיט זיי.

איין מאָל קריג איך אויך אַן איינלאַדונג צו קומען צו זיי און פריילעך פאַרברענגען אַן אָונט. גענוי ווי אַזוי מיר וועלן פאַרברענגען האָב איך נישט געוואוסט, אָבער אַז איך האָב דערזען ביים ארויפקומען אויסגעפּוצטע, האַלב נאַקעטע מיידלעך, מיט פיל באַדייטנדיגע בליקן, האָב איך שוין גענומען פאַרשטיין וואָס דאָס באַטייט. נישט וואָס איך בין געווען אַזוי פרום און דער־שראָקן פאַרן גיהנום, נאָר איך האָב שטענדיג געציטערט פאַר פרויען וואָס פאַרקויפן זיך און מאַכן פון זיך אָביעקטן פון אויסגעלאַסנקייט. איך האָב געציטערט פאַר די פאַרשידענע געשלעכט קראַנקהייטן, וואָס זיי פאַרשפּרייטן. איך האָב זיך גענוג אָנגעהערט וועגן זיי אין די וואַרשעווער טורמעס. האָב איך צוגערופן איינעם פון די אָרגאַניזאַטאָרן און אים געזאָגט, „אויב דו ווילסט אַז איך זאָל דאָ בלייבן נעכטיגן, גיב מיר אַ באַזונדערן צימער. עס איז שוין צו שפּעט פאַר מיר צו גיין אַהיים צו מיין באַלעבאָס.״ גיט ער אויף מיר אַ קוק מיט אַ היבש ביסל פאַראַכטונג און ביליגקייט. „דו קענסט גיין אהיים אויב דו ווילסט און אויב דיר שטייט נישט אָן אונזער קאַמפּאַניע.״ איך האָב אים פאַרזיכערט אַז דאָ האַנדלט זיך נישט אַזוי פיל וועגן קאָמפּאַניע נאָר ווי וועגן בלוטס־קאָמפּאַניע.

ער איז אַוועק זיך מישב צו זיין מיט זיינע חברים און מיר דערוויל געלאָזן אין דעם צימער. איך האָב פאַרשלאָסן די טיר אויף אַ ריגל און זיך געלייגט אין בעט אריין. איך האָב געמיינט אַז איך בין שוין פּטור. איך האָב נאָר געקלערט וועגן דער יונגער חברה וואָס הוליעט אין די אַנדערע צימערן מיט די מיידלעך און ווייסן נישט אין וואָס פאַר אַ געפאַר זיי קריכן אריין. באַלד האָט זיך אויך געהערט אַן אויסגעלאַסענע געזאַנג, ווילד, הפקר׳דיג און אויפרייצנדיג, מאָמענטנווייז האָט מיך דעם געזאַנג אַריינגעבראַכט אין אַ שטימונג פון האַלב צעלאָזנקייט. אין מוח זיינען דורכגעפלויגן אַלערליי הפקר־בילדער וואָס עס טוען דאָרט אָפּ די רייצנדיגע יונגע חברה. ווען איך האָב דערהערט אַ לייכטן קלאַפּ אין טיר, האָב איך זיך געמאַכט ווי איך שלאָף און הער גאָרנישט. געמיינט אַז דער וואָס קלאַפּט וועט אוועקגיין. אָבער באַלד האָט זיך געהערט די שטים פון אַ יונגער מיידל. „העי, בחור, וואָס האָסטו זיך פאַרשלאָסן? האָסט מורא פאַר פאַרגוואַלדיגונג?״ איך רוף זיך אָלץ

נישט אָפּ. און זי זעצט פאָר, „האָב נישט קיין מורא! איך וועל נישט אָפּבייסן קיין שטיקל פון דיר. איך וויל דיר נאָר האַלטן אַ ביסעלע קאָמפּאַניע.“ איך האָב אַלץ נישט געענטפערט. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז אין גאַנצן שטיל געוואָרן. איך האָב דערפילט אַן אינעווייניגסטן קאַמף. עס איז ווי איך וואָלט געהערט אין מיין אויער אימיצן אריינשרייען — „וואָס פאַר אַ נאַר דו ביסט. אַזאַ גוטע געלעגנהייט געהאַט צו באַקענען זיך מיטן גרעסטן פאַרגעניגן וואָס אַ מענטש קען האָבן, און עס דורכגעלאָזט.“ אָבער פון דער צווייטער זייט הער איך אַ פעסט, געזונט קול, וואָס זאָגט מיר: „גוט געטאָן, ברודערקע, עס איז זיכער אַז דו האָסט זיך איצט פאַרהיט פון אַ שרעקלעכער צרה. האָסט דאָך שוין געהערט וואָס זיי טיילן איין מיט זייער גוטער צייט — אַ שטראָף וואָס קומט נישט פון הימל, נאָר טאַקע פון דער פאַרגעניגן גופא.“ גוט וואָס איך האָב איר נישט אריינגעלאָזט. איך האָב פאַרצאַמט דעם וועג פאַר עטלעכע געפערלעכע ווענערישע קראַנקהייטן.

איך פּרואוו אַנטשלאָפן ווערן, אָבער איך קען נישט. ווידער ראַנגל איך זיך מיטן געדאַנק אַז איך בין געווען אַ שוטה דורכצולאָזן אַזאַ גינסטיגן מאָמענט. זיי וועלן דאָך לאַכן פון מיר אין די פויסטן — „אָט א מאַן! אַ רעוואָלוציאָנער דערצו!“ איך וועל זיך שעמען צו ווייזן די אויגן פאַר זיי. און אַזוי ווי איך קלער פון די דאָזיגע מחשבות, הער איך ווי עס דרייט זיך אַ שליסל אין טיר. און טאַקע באַלד עפנט זיך די טיר מיט א גרויס, פאַרשייט געלעכטער. איך פיל ווי אַ גאַנצע חברה לאָזט זיך צו מיר אריין אין צימער מיט חוזק און ציניזם. איניגע הייבן אָן צו דערמוטיגן דאָס מיידל אָנצוגיין ווייטער: „אוגאָסטאַ, פּרואוו אים איצט, נאָכאַמאָל! ער האָט שוין ביז איצט געמוזט מישב זיין. שעם זיך נישט, גיי אריין צו אים.“ מיט איין שפּרונג איז זי שוין ביי מיר אין בעט. איך דערפיל ווי אַ הייסער שטראָם וויקלט מיך איין און פאַרשטיקט מיין פאַרשטאַנד. איך פּרואוו זיך ווערן, אָבער מאַכטלאָז. איך פאַל צוריק ווי אַ שפּאָן. די חברה לאָזן זיך אַרויס פון צימער מיט טריאומף. איך בין אַ באַזיגטער.

די שפּעטערדיגע מינוטן זיינען מיר ניט קלאָר. איך געדענק בלויז אַז זי האָט אַראָפּגעריסן מיין העמד, געפּרואווט מיר ברענען מיט איר לייב און אירע הענט זיינען געווען אומעטום. איך געדענק בלויז אַז איך האָב איר געגעבן איין קלאַפּ, מיר דוכט אין בויך אריין, פון וועלכן זי האָט זיך געפּרואווט צוריקציען און אויפגעבן די אַטאַקע. זי איז ארויסגעלאָפן פון דעם צימער מיט קללות און זלזולים, אָבער איך האָב זיך געפילט אַ געראַ־טעוועטער, כאָטש ווידער נישט אין גאַנצן צופרידן מיט זיך. ווידער האָט

אן אָפּקלאַנג מיר געבויערט און געטאַטשעט. „ביסט אַ נאַר. מער אַזעלכע געלעגנהייטן וועסטו נישט האָבן.“

מורא האָבנדיג אַז זי זאָל נאָך אַמאָל נישט אַריינקומען און ווידער פאַרפירן אַן אַטאַקע, האָב איך געכאַפּט זיך שנעל אָנטאָן און ארויסלויפן אין גאַס. די פרישע לופט האָט מיך גלייך אויסגעניכטערט. איך האָב געקענט אָפּכאַפּן דעם אָטעם. אָבער וואו גיי איך אַזוי שפּעט? עס איז בלויז אַ פּאָר מינוט פון מיין באַלעבאָס. אָבער ווי קען איך איצט אריין אַזוי שפּעט? איך וויל קיינעם נישט אויפוועקן. איך דערמאָן זיך אַז די דינסט שלאָפט אין אַ באַזונדער צימער און איר פענסטער גייט אַרויס אויף דער צווייטער זייט גאַס. פאַלט מיר איין אַז איך זאָל איר אויפוועקן מיט אַ פּאָר קלעפּ אין פענסטער און זי וועט מיר שוין שטילערהייט אויפמאַכן די טיר. דאָס האָט מיך געראַטעוועט אין יענעם מאָמענט. דאָס דינסט מיידל מיט וועלכער איך בין געווען זייער פריינטלעך, האָט מיר געעפנט די טיר און איך האָב שטילערהייט אריינגעשלייכט זיך צו זיך אין צימער. איך בין אריינגעפאַלן צו זיך אין בעט און עס האָט זיך מיר געוואָלט זאָגן אַ תפילה — „אַ דאַנק דיר גאָט, וואָס דו האָסט מיך געראַטעוועט פון אַזאַ צרה און זינד.“

אָבער ווען איך כאַפּ זיך אויף אין דער פרי, און מיר דוכט אַז איך וועל זיין זייער גוט אויפגעריכט, רייסט זיך אריין צו מיר דער באַלעבאָס מיט אַ פּנים פון אַ שטורעם — „וואו זיינט איר געווען כמעט אַ האַלבע נאַכט?“

איך בין גלייך דערשראָקן געוואָרן, אָנגעהויבן צו שטאַמלען, און ער זעענדיג אַ געלעגנהייט, לאָזט מיר אָפּ אַ ווײַלע און זאָגט מיר, „קלערט בעסער אויס אַ גוטע מעשה, וועלן מיר דערנאָך עסן פרישטיג.“

איך האָב נישט געוואוסט ווי צו נעמען דאָס, צי ווי אַ שטאָך־וואָרט, צי טאַקע אין ערנסט. „אַ גוטע מעשה.“ וואָס קען זיין בעסער ווי די מעשה ווי זי האָט פּאַסירט? איך בין אָבער נישט זייער זיכער ביי זיך, צי זאָל איך אַלץ דערציילן, צי בלויז עפּעס וואָס זאָל באַרעכטיגן מיין קומען אַזוי שפּעט. ענדלעך הייב איך אָן: ... „די בוכהאַלטערס האָבן געוואָלט אַ לעב טאָן. מען האָט געבראַכט אַ ביסל משקה און געטרונקען. געפרעדט, געזונגען און געליאַרמט, עס האָט זיך נישט געוואָלט אַוועקגיין —“

„אַ נייעס דאָס איז, אַז מען נעמט אַ ביסל משקה, דאַרף מען אַ גאַנצע נאַכט נישט שלאָפן?“

„עס איז נישט אַזוי גרינג פאַנאַנדערצעגיין זיך ווען דערביי זיינען אוי פאַראַן מיטגלידער פון צווייטן געשלעכט,“ ענטפער איך.

„דעם צווייטן געשלעכט!“ גייט ער אַרויס פון די כלים.

„בלויז צוויי... יונגע מיידלעך נאָך. האָבן זיי געלאַכט, געשטיפט...

„אזוי גאָר? געטאַנצט אויך, און אפשר נאָך —" און ווינקט צו מיט אַן אויגל. „דאָס איז אינטערעסאַנט".

„און נאָך ווי אינטערעסאַנט!"

„מיין אַנקל זיצט זיך דאָרט אין קאַרלסבאַד און ווייס נישט וואָס אין זיין הויז טוט זיך אָפּ. אין שטאָט וועט מען זיך מסתמא אַלץ דערוויסן. און וואָס פאַר א סקאַנדאַל וועט דאָס זיין!... און בעשולדיגן וועט מען מסתמא מיך — פארוואָס האָב איך עס צוגעלאָזט?"

אינעווייניג ביי מיר האָט זיך עפּעס געריסן — צי זאָל איך דערציילן נאָך עטלעכע שיינע זאַכן. אויב איך וועל אין גאַנצן שווייגן וועט ער מיר ערשט דערנאָך קענען געבן אַ גאָב. וועל איך שוין בעסער עפּעס זאָגן. „זיי האָבן מיט די מיידלעך נישט געזאָגט קיין תהילים."

„אזוי גאָר! דאָס איז שוין אַן אַנדער מעשה... ווער איז דאָרט אַלץ געווען?" איך בין נישט צו שנעל צו ענטפערן אויף דער פראַגע. אָבער ער שטייט שוין פול מיט כעס צו — „זאָג, ווער איז דאָרט געווען?"

איך באַנאַריש זיך און הייב אָן אָנצורופן נעמען פון די הויפּט בוכ־האַלטערס און באַנק אָנגעשטעלטע. אין דעם שליס איך אויך איין דעם נאָמען פון דעם פלימעניק, מיין פריינט וואָס פלעגט מיר זאָגן אַז ער איז קוים אַ דעמאָקראַט, נישט קיין סאָציאַליסט.

„זשאַכלינסקי אויך!" רייסט זיך אַרויס פון זיין מויל. „איך וועל אים שוין געבן." דאָס איז געווען גענוג. ער איז אַרויסגעלאָפן און איך האָב אים שוין אַ גאַנצן טאָג מער נישט אָנגעזען. איך בין אַנגעגאַנגען מיט די למודים מיט די קינדער אַזוי ווי עס האָט גאָרנישט פּאַסירט. איך האָב זיך ביסלעכווייז באַרואיגט און געדאַנקט גאָט וואָס איך האָב בשלום איבערגעקומען דעם שטורעם. אָבער „גאָט'ס שטראָף" האָט ערשט דערגרייכט אויף מאָרגן אין דער פרי. נאָך איידער איך האָב באַוויזן זיך אָנצוטאָן און כלומר'שט אָפּצו־דאַווענען, איז ה׳ ספּיוואַק שוין ווידער דאָ ביי מיר און איך זע שוין באַשיימ־פערלעך ווי די שטראָף קומט אָן.

„דאָס איז דאָ דיין לעצטער טאָג, יונגער מאַן. דאָ האָסטו דיין געלט וואָס קומט דיר און אַ בילעט קיין לאָדזש, און ביז צוועלף אזייגער זאָל שוין דאָ דיין פוס נישט זיין."

„וואָס איז", האָב איך אָנגעהויבן צו פּראָטעסטירן. „וואָס פאַר אַ פאַרברעכן האָב איך דאָ באַגאַנגען?"

ער ווערט וואָס אַמאָל מער אין כעס, אָבער ער פּרואווט זיך קאָנטראָ־לירן. „אויב איר ווילט מיט מיר דעבאַטירן, וועט איר דאָס בעסער טאָן מיט

דעם פּאָליציי־מייסטער. אויב איר גייט נישט גלייך אַוועק, וועל איך אים גלייך רופן.״

„פּאָליציי־מייסטער!״ האָב איך געשטוינט. „וואָס האָב איך צו טאָן מיטן פּאָליציי־מייסטער?״

„ער וועט דיר שוין זאָגן וואָס ער האָט צו טאָן מיט דיר. ער וועט דיר שוין אַלץ דערציילן ווען ער וועט דיר שליסן אין קייטן.״

„פאַרוואָס קומט עס מיך?״ פרעג איך אומשולדיג.

„יונגער מאַן, איך ווייס שוין אַלץ. איך ווייס שוין אַז איר זיינט דאָ געקומען אָרגאַניזירן אַ בונד אָרגאַניזאַציע. איך ווייס שוין פון די פאַרזאַמלונגען וואָס איר האָט דאָ געהאַלטן. און אויב איר ווילט אַז דער פּאָליציי־מייסטער זאָל דאָס שוין אויך וויסן, אַז ער זאָל האָבן אַ גאַנצן צעטל פון וועבער־אַרבעטער און פון זייערע פאַבריקאַנטן, בלייבט דאָ נאָך אַ פּאָר מינוטן, וועט איר דאָס האָבן. יונגער מאַן, איר האָט דאָס גרויסע גליק צו זיין אַ קרוב פון לאָדזשער רב. ווען נישט דאָס, וואָלט איר שוין איצט געלעגן אין טורמע. נעמט און טראָגט זיך אָפּ. איר האָט שוין מסתמא פאַר׳סמ׳ט מיינע קינדער אויך.״

געזען אַז איך קען שוין גאָרנישט טאָן, כאַפּ איך מיינע פּעקלעך, און לאָז זיך אַרויס בלויז מיט אַ „גוטן טאָג״. ווען איך קום אין עטלעכע שעה אַרום צוריק אין לאָדזש און די מאַמע זעט מיך מיטן פּעקל, ווערט זי דערשטוינט. אַלץ האָב איך איר נישט געקענט דערציילן, נישט געטאָרט דערציילן. איך האָב איר בלויז געזאָגט אַז דער באַלעבאָס האָט אויסגעפונען אַז איך האָב צו טאָן מיט אַרבעטער. ער האָט זיך דערשראָקן און מיך געהייסן גיין. עס האָט געדויערט אַ היפּשע צייט ביז וואַנען איך האָב זי באַרואיגט.

„איך וועל מוזן געפינען אַן אַנדער שטעלע,״ זאָג איך איר. „אין בית מדרש וויל איך מער נישט גיין. צום רב לערנען, אויך נישט, זע, אפשר וועסטו קענען קריגן פאַר מיר אַ שטעלע ביי איינעם פון דיינע פאַבריקאַנטן צו וועלכער דו שטעלסט צו געבעקס.״

קאַפּיטל דריי־און־דרייסיק

איך לאָז זיך אויף מאָרגן גלייך צו די פאַרשטייער פון דער אָרגאַניזאַציע איבערצוגעבן זיי — ערשטנס, אַ באַריכט פון דעם וואָס איך האָב געטאָן אין טאָמאַשאָוו און צו זען צו שיקן גלייך אַהין אַ צווייטן מענטשן אויף מיין פלאַץ וואָס זאָל קענען ווייטער פירן די אַרבעט. צווייטנס, אַ נייע פאַרבינדונג מיט די פּריקאַסטשיקעס צו זען ווי עס האַלט מיט זייער אָרגאַ־

ניזירונג. דערווייל ווער איך שוין אויך געוואָר פון די לעצטע נייעס אין שטאָט.

מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט דער בונד געהאַט אָרגאַניזירט אַ דעמאָנסטראַציע אויף דער פּסכאַדניע גאַס אויף וועלכער עס זיינען אַרעס־טירט געוואָרן אַ רייע טוער. צווישן זיי, שמשון מאַליארזש און חילקע פּאַניע אַלס פאָנען־טרעגער. ווי איך האָב שפּעטער דערוואוסט, זיינען זיי געווען אומשולדיג. נישט זיי האָבן געטראָגן די פאָנען. באַשטימט געווען צו טראָגן די פאָן איז געווען יאַנקל קאַציק. אָבער ער האָט זיך פאַרשפּעטיגט אין זיין קומען און די פאָן האָט געטראָגן דער הויכער יאָס. ער איז אויך געווען דער רעדנער אויף דעם דעמאָלטדיגן גאַסן מיטינג. די דעמאָנסטראַציע האָט זיך נישט גוט איינגעגעבן. זי איז געווען צו שנעל און צו ווייניג אָרגאַניזירט. עס איז דערנאָך געווען אַ קריגעריי אין וואָרפן די שולד. מען האָט זיך איינע דער אַנדערער באַשולדיגט אין שלאַבערדיגקייט. אָבער מיט די ווייטערדיגע טעטיגקייטן איז אַלץ פאַרגלעט געוואָרן און די אָרגאַניזאַציע האָט ווידער אָנגעהויבן צו וואַקסן. מיר האָט מען איבערגעגעבן ווידער אַמאָל צו אָרגאַני־זירן די פּריקאַזשטשיקעס, און איך האַלט אָפּ דעם ערשטן מיטינג מיט עטלעכע פון זיי אין קאָנסטאַנטיוער וואַלד. איך באַקען זיך דעמאָלט מיט יודא סאָפּערשטיין, אַן אַלטער בונדיסטישער טוער, וואָס האָט שוין געפּרוּווט עטלעכע מאָל צו אָרגאַניזירן דעם דאָזיגן עלעמענט. אַ טייערער בחור מיט אַ הייסן טעמפּעראַמענט און קלאָרער לאָגיק. ער האָט געפירט די דעבאַטעס מיט די ציוניסטישע פירער צווישן די פּריקאַזשטשיקעס. מיר האָבן זיך שטאַרק באַפריינדעט און איך האָב דורך אים געקריגן אַ נייעם צוטריט צו גוטע מאַרקסיסטישע ביכער. דורך אים האָב איך זיך אויך באַקענט מיט אַ רייע אַנדערע פּריקאַזשטיקעס און האַלב־אינטעליגענטן, וואָס זיינען געווען אין דער רייע צו ווערן פּריקאַזשטשיקעס, אָדער אפילו אליין באַלעבאַטים.

דורכן זומער זיינען פאָרגעקומען אויך עטלעכע גרויסע וואַלד פאַרזאַמ־לונגען פון בונד אויף וועלכע עס האָבן געהאַלטן רעדעס: שמאי קרומקאָפּ און פנחס שוסטער. איך געדענק נאָך איצט אויך זייערע רעדעס — מער פּראָזע ווי אינהאַלט, אָבער צווישן די אַרבעטער זיינען זיי דעמאָלט געווען די אָנגעזעענסטע און באַרעדזאַמסטע. איך האָב איינגעזען, אַז איך מוז מער לייענען און באַקאַנט ווערן מיט אַלץ וואָס גרויסע מאַרקסיסטן האָבן געשריבן אין די לעצטע צענדליגער יאָר. ווען עס אָרגאַניזירט זיך דעמאָלט אין בונד די פּראָפּאַגאַנדיסטן סכאָדקע, ווער איך דאָרט צוגעצויגן אַלס מיטגליד און לערן זייער אַ סך. איך ווער אויך אַן אָנפירער פון עטלעכע טעאָרעטישע קרייזן אין וועלכע איך קריג אַ נעענטערע באַקאַנטשאַפט מיט די ארבעטער און זייער שטרעבונג צו וויסן. איך בין צופרידן מיט דעם וואוקס פון מיינע

ערשטע אָנרעגער צו אָרגאַניזאַציע, ישראל לייב מילכטייך און נפתלי מאַליאַרזש. זיי וואַקסן אין זייער באַוואוסטזיין און פּראַקטישער דערפאַרונג.

עס איז שוין ווינטער. שנייען פאַרלייגן שוין די גאַסן. די קאָמוניקאַציעס זיינען נישט פון די בעסטע. עס איז שווער אָנצוגיין פערזענלעך, ווי אויך אין דער באַוועגונג.

פּלוצלונג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אונזער אָרגאַניזאַציע אין לאָדזש אַ גרויס אומגליק. אין איינע פון די קאַלטע נעכט אין פעברואַר איז פאָרגעקומען אַ גרויסער פּראָוואָל. די בעסטע פירער פון די פאַכן, אָרגאַני־זאַטאָרן און פּראָפּאַגאַנדיסטן זיינען מיט אַמאָל נישט געוואָרן. איבער נאַכט זיינען זיי שטילערהייט אַרעסטירט געוואָרן און מיר, די איבערגעבליבענע, האָבן נישט געוואוסט אַ לענגערע צייט וואו מען האַלט זיי און אין וואָס מען באַשולדיגט זיי. מיר האָבן געערעדט צווישן זיך שטיל און באַזאָרגט. אַזוי פיל אַרבעטער קרייזן זיינען געבליבן אָן פירערשאַפט. מיר האָבן זיי געדאַרפט באַזעצן מיט נייע כחות, אָבער קיין סך זיינען נישט געווען. מיר האָבן געהאַלטן אין איין באַדויערן איינציגע פירנדיגע כחות וואָס זיינען איינגע־שלונגען געוואָרן אָן קיין שום שפור.

ערשט אין מערץ און אַפּריל האָבן מיר זיך ווי עס איז רעקאָנסטרואירט; אוועקגעשטעלט מענטשן אויף מערסטע פּאָסטנס וואָס זיינען געבליבן ליידיק, און ערב דעם קומענדיקן פסח האָבן מיר שוין כמעט אַלץ פאַרריכט. מיר האָבן שוין אויך אָנגעהויבן צו קריגן ידיעות פון די פאַרשידענע טורמעס וואו אונזערע חברים זיינען פאַרזעצט געוואָרן. אָבער נישט אַלע ידיעות זיינען געווען גוטע. מיר זיינען פאַרציטערט געוואָרן ווען מיר האָבן זיך דערוואוסט אַז אייניקע גוטע חברים האָבן צעזאַמענגעבראָכן ביי די זשאַנדאַרמסקע פאַרהערן, און אַרויסגעגעבן די נעמען פון אַ רייע אָנפירנדיקע מיטגלידער. מיר זיינען געוואָרן שטאַרק שאָקירט ווען מיר האָבן געהערט אַז פנחס שוסטער איז געווען איינער פון זיי. איך פערזענלעך, האָב נישט דערלאָזט צו זיך אַזאַ געדאַנק אַז דאָס איז מעגלעך: — פנחס שוסטער, דעם וועלכן איך האָב געהערט נישט לאַנג צוריק אין וואַלד, רעדן אַזוי פייערלעך וועגן אונזערע דערפאָלגן. ער איז אָבער נישט געווען דער איינציקער. און דאָס אַליין האָט אָנגעמאַכט אַ היפּשע צערודערונג אין אונזערע רייען. אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט מען אָנגעהויבן אַרויסצולאָזן אייניקע פון די אַרעסטירטע. מיר האָבן אויסגעפונען אַז די גרעסטע מערהייט האָט זיך געהאַלטן אייזן פעסט, קיין זאַך נישט אַרויסגעגעבן, און מיר זיינען געווען שטאַלץ וואָס מיר זיינען אָפּגעקומען בלויז מיט עטלעכע אָפּגעשוואַכטע און צערודערטע מענטשן.

דערווייל הייב איך ווידער אָן מיין קלאַס סוף זומער מיט דער פריערדיקע גרופּע אַרבעטער. זיי מאַכן אַ היבשן דערפאָלג. נאָך יעדן קלאַס קומען פאַר אַ רייע פראַגן וואָס איך דאַרף קלאָר מאַכן, אָבער נישט אַלע מאָל בין איך גרייט פאַר דער אויפגאַבע. דאָס טוט מיר אָבער אַ גרויסע טובה. איך געפין אויס וואָס מיר פעלט און איך פּרוּוו זיך פאַרפולקאָמענען מיט די נייע ביכער וואָס איך קריג. צו מיין גרויסן גליק, ווער איך דעמאָלט באַקענט מיט איינעם פון די אינטעליגענצטע פּריקאַזשטשיקעס וואָס מיר איז ביז דעמאָלט אויסגעקומען צו טרעפן. דאָס איז געווען יאַקוב לעווקאָוויטש (בענעדיקט). מיר האָבן זיך שטאַרק באַפריינדעט און פאַר מיר האָט זיך געעפנט נאָך אַ קוואַל פון גוטע מאַרקסיסטישע ביכער אין עטלעכע שפּראַכן.

גלייכצייטיק האָב איך זיך באַקענט מיט איינעם פון די אינטעלי־גענטערע אַרבעטער. מיר האָבן אים גערופן „קויפּקע". ביי אים אויפן קוואַטיר האָב איך זיך באַקענט מיט אַ רייע נייע אויסגעוואַקסענע אַרבעטער־פירער. ביי אים פלעגן פאַרקערן אויך עטלעכע בית מדרש בחורים וואָס האָבן געהאַלטן אין ארויסרייסן זיך פון זייער סביבה, און אין אַנשליסן זיך אין דעם בונד. איניגע פון זיי זיינען געווען פיל צוזאָגנדיגע.

איינער פון זיי איז געווען נישט קיין צוזאָגנדיקער, נאָר אַזאַ וואָס האָט זיך שוין געקויפט אַ פּלאַץ אין אַ העכערער שטעלע אין דער אָרגאַני־זאַציע. דאָס איז געווען אַ וועבער־אַרבעטער וואָס ביי אונז האָט ער געהייסן קאַציק. אַ גלייכער, אַ הויכער, מיט אַ פולער קוטשמע האָר, און אויגן טיף אריינגעזעצטע, ווי זיי וואָלטן געווען פאַרזונקען אין דעם קאָפּ. דער טיפּ איז געווען פון אַ עכטן פּראָלעטאַריער. זיין רעדן איז געווען זייער איינגעהאַלטן, ווי ער וואָלט געוואויגן יעדן וואָרט אויף אַן אַפּטעקער׳ס וואָג־שאָל. דאָס וואָס ער האָט געלייענט און געוואוסט האָט ער געקענט צעלייגן אויף אַלע זייטן, אויף זיבן טעלערלעך. זיין קלאָר מאַכן אַ צעשוואומענעם באַגריף אָדער אַן אַנגעהויכטע אידייע איז געווען פון די בעסטע צווישן די וועבער־אַרבעטער.

אין די העכערע פּאַרטיי קרייזן איז מען מיט אים געווען נישט שטענדיק צופרידן. ער האָט געקלונגען ווי אַ מין רעבעל. נישט שטענדיק האָט ער איינגעשטימט מיט נייע פאַראָרדענונגען, וואָס זיינען אַראָפּגעקומען פון ווילנע, אָדער פון זשענעווע. ער האָט געוואָלט זיך פירן לויט זיין אייגענעם שכל, אָבער זיין אייגענער שכל איז בכלל געווען אַ געזונטער, אַזאַ וואָס איז דורכגענומען מיטן קלאַסן קאַמף. מיט אים בין איך נאָך נישט פּאַרטיג. נישט איין מאָל וועל איך זיך מיט אים טרעפן אין די קומענדיקע יאָרן, אין ביטערע קאַמפן און אויף פרידלעכע קאָנפערענצן.

סוף יאָר איז מיר אויסגעקומען אריינצוציען אין דעם בונד מיין אַלטן חבר, פון יאנקל סטוטשינער׳ס חדר, אשר הערשקאָוויטש. ער איז געוואָרן אַ פריקאזטשיק און איך האָב אים אריינגעצויגן אויפן באָדן פון זיינע שמאָלע אינטערעסן. נאָר מיט דער צייט האָט ער געגומען וואקסן, און איז געוואָרן דאָס אַ, וואָס מיר פלעגן אָנרופן, „אַ באַוואוסטזיניגער חבר״. איך האָב אויך געפּרוּווט אריינציען אין דער באַוועגונג מיינעם אַ געוועזענעם שכן פון זאַכאַדניע גאַס, חיים וואָלף קאָהן, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן מיין שוואָגער. ביי אים האָב איך קיין שום ווידערשטאַנד נישט געקראָגן. ער האָט מיך נאָכגעקוקט ווי אַ „קאַטינקע״.

די ערשטע אָרגאַניזירטע גרופּע פון די פריקאזשטשיקעס זיינען נישט געווען דורכאויס רעפּרעזענטאַטיווע. אין די גרופּעס זיינען אויך אריינגעגאַנגען אַזעלכע האַלב אינטעליגענטן וואָס האָבן געזאָלט ווערן פריקאזשטשיקעס. דאָס האָט היבשלעך געשטערט די אַרבעט אין פאַרבינדן זיך מיט אמת׳ע פריקאזשטשיקעס. ביסלעכוויז האָבן מיר געפּרוּווט די דאָזיקע אומבאַשטימטע עלעמענטן נישט צו פאַרטרייבן, נאָר צוצופּעסטיקן זיי דאָ און דאָרטן צו געוויסע, נאָענטע גרופּירונגען, ווי למשל, די זייגערמאַכער צו שמוק־אַרבעטער, א. אַ. וו. די באַוועגונג, אָבער, צו אָרגאַניזירן די פריקאזשטשיקעס, איז אָנגעגאַנגען פּאַמעלעך. מיר האָבן אָנגעהויבן צו זוכן פאַרבינדונגען מיט די גרויסע קאָנטאָרן, וואו עס אַרבעטן צענדליקער בוכהאַלטער, קאָרעספּאָנדענטן, קאָפּירער און אַנדערע קלערק אַרבעטער. צו די גאָר גרויסע פירמעס, ווי שייבלער, פּאָזנאַנסקי, היינסל און קוניצער, האָבן מיר נישט געקענט צוקומען. האָבן מיר זיך זייער געפרייט ווען מיר האָבן געמאַכט אַ פאַרבינדונג מיט איינעם פון די קלערקן ביי שייע ראָזענבלאַט. פון גרויס פרייד צו מאַכן אַזאַ פאַרבינדונג, בין איך אָפּגעזעסן עטלעכע שעה אין אַ קאַוויארניע ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אין שטאָט האָט זיך דערווייל אָנגעהויבן צו טומלען מיט מלחמה אָרדערס. וואָס אַ טאָג איז אַלץ געוואָרן מער אַלאַרמירנדיק די דיפּלאָמאַטישע נייעס צווישן רוסלאַנד און יאַפּאַן. אין אָנהייב האָט דאָס אויסגעקוקט אַז עס וועט צו מלחמה נישט קומען.ביידע צדדים האָבן פאַרזיכערט אַז זיי רעדן וועגן שלום, נישט וועגן מלחמה; אַז אַזעלכע „קליי‏ניגקייטן״ ווי מאַנטשוריע, קאָרייע און עטלעכע קליינע אינזלען וועלן נישט צעשטערן די גוטע באַציאונגען צווישן די צוויי מלוכות. אָבער דאָס זיינען בלויז געווען רייד. פון די אייליקע אָרדערס וואָס פירמעס האָבן געקריגן אין לאָדזש, איז געווען קענטיק אַז אַ מלחמה שטייט הינטערן טיר. די דאָזיקע קענטיקייט איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג שטאַרקער. מיר אין בונד, האָבן עס אָנגעהויבן צו פילן אויף

פאַרשידענע אופנים: יונגע אַרבעטער וואָס האָבן געדאַרפט שטיין צום פּריזיוו, זיינען מיטאַמאָל פאַרשוואונדן געוואָרן. מען איז געלאָפן קיין דייטשלאַנד, קיין דענמאַרק, קיין פראַנקרייך און קיין אַמעריקע. אפילו עלטערע אַרבעטער, די וואָס זיינען געווען „זאַפּאַסנע", האָבן זיך אויך געלאָזט אין וועג. אַזוי איז דער פיבער פון מלחמה אַנגעוואַקסן פון מינוט צו מינוט.

דער בונד האָט ארויסגעגעבן אַ ספּעציעלע פּראָקלאַמאַציע וואו עס האָט זיך גערעדט וועגן די אימפּעריאַליסטישע שטרעבונגען און פאַרכאַפּ־פּלענער פון די צוויי שטאַרקע מלוכות. די צייטונגען האָבן גענומען געבן חשבונות וועגן די קרעפטן און געווערן, שיפן און האַרמאַטן פון די צוויי צדדים. אָבער אין רעכטן מיטן טומל האָט פּלוצלונג אַ קראַך געטאָן די ידיעה, אַז יאַפּאַן איז פּלוצלונג אַנגעפאַלן אויף דער רוסישער פלאָט־עסקאַדרע, און געזונקען דריי גרויסע רוסישע קריג־שיפן, אָן אַ פריערדיקער דערקלערונג פון מלחמה. דאָס האָט געגעבן שפּייז פאַר די רוסישע פּאַטריאָטישע צייטונגען ארויסצוקומען מיט „געפילן פון גערעכטן צאָרן" און דערקלערן די מלחמה פון דעם רוסישן צד ווי אַ זאַך פון גערעכטיגקייט און הייליגער פליכט.

מיר האָבן געהאַט אַ שווערערן וועג אין אונזער אַנטי־מלחמה אַגיטאַציע און געדאַרפט כסדר רעדן אין אַ פאַרטיידיגונגס טאָן. אָבער אונזער געגנער־שאַפט צו דער מלחמה האָט אונז געצוואונגען צו דערקלערנען אַלץ מער וואָס איז נויטיק צו וויסן וועגן אימפּעריאַליזם און מערק. לאָדזש איז צו פיל געווען אַנגעוויזן אויף די גרויסע באַשטעלונגען פון דער רעגירונג און וואָס גרעסער עס איז געווען דער פאַרמעסט פון דעם רוסישן אימפּעריאַליזם, איז עס אַלץ געווען ווי אויל אויף די רעדער פון דער לאָדזשער טעקסטיל אינדוסטריע. אַ נייע מאָביליזאַציע פון עטלעכע מיליאָן סאָלדאַטן האָט געמיינט צענדליקער מיליאָנען ארשינען טעקסטיל סחורות. די פאַבריקאַנטן האָבן געפילט אַז אַ גאָלדענער רעגן באַגעגנט זייער וועג. זיי האָבן אויך געוואוסט אַז קיין שום סטרייקן וועט די רעגירונג נישט דולדן, אַז דאָס וועט הייסן סאַבאָטאַזש געגן דער מלחמה.

אונזערע אַנטי־מלחמה פּראָקלאַמאַציעס האָבן זיך אַנגעהויבן צו ווייזן אויף אַלערליי פּאַרקאַנעס, טויערן, טירן, און אומעטום וואו מען האָט געקענט עפּעס אַנקלעפּן. אונזערע פּראָקלאַמאַציעס אויף אידיש זיינען ענערגיש געטיילט געוואָרן אויף די שול־הויפן און פיל מאָל, אפילו אין שול גופא. די פּאָליציי האָט געזוכט און געשנאָרעט צו וויסן פון וואַנען די פּראָקלאַמאַציעס קומען, אָבער זיי זיינען געקומען, „ווי פון הימל אַראָפּ". מיר האָבן אויך פאַרשפּרייט די פּראָקלאַמאַציעס פון די אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, ווי פון דער פּ. ס. ד. און פון פּ. פּ. ס. אין פּויליש און אין דייטש.

אין אונזער פראָפּאַגאַנדיסטן סכאָדקע זיינען פאָרגעקומען פאָרטראָגן און דיסקוסיעס וועגן אימפּעריאַליזם און אימפּעריאַליסטישע מלחמות. מיר זיינען געווען אַ ביסל צערודערט צוליב די מיינונגס־פאַרשידענהייטן אין דער פראַגע פון פּלעכאַנאָוו׳ן און לענינ׳עז, און נאָך מער, פון דער שטעלונג וואָס די רוסישע ליבעראַלן האָבן גענומען אין דער מלחמה, — אַ שטעלונג וואָס איז געווען אַ ריין בורזשואזע.

עס האָבן זיך אויך אָנגעהויבן צו ווייזן אין יענער צייט די ערשטע אַנטריינונגען פון אונזערע רייען; מערסטן טייל פון די וואָס האָבן געהאַט קאָנטאַקטן מיט די האַלב־אינטעליגענטן. איך האָב אין יענער צייט איבערזעצט אין העברייאיש אַנסקי׳ס הימן צום בונד, „אין זאַלציקן ים פון מענטשלעכע טרערן”. וואָס האָט מיר געמאַכט דעמאָלט צו פאַרנעמען זיך מיט אַזאַ איבער־זעצונג געדענק איך איצט נישט, אָבער מיר דוכט אַז איך האָב געוואָלט באַווירקן די האַלב ציוניסטישע און האַלב נאַציאָנאַלע עלעמענטן וואָס האָבן זיך געפּלאָנטערט אַרום אונזערע פיס. אַנסקי׳ס באַהויפּטונג אַז די „גבירישע קינדער, משכילים, רבנים, רופן קיין ציון דעם איד — אַ לידעלע אַן אַלטן פון אונזערע שונאים — אַ געטאָ דעם אייביקן זשיד”, איז גראָד געווען צוגעפּאַסט צו דער גרופּע וואָס איך האָב געהאַט אין זינען. מען האָט זי מיר געמאַכט זינגען ביי פיל געלעגנהייטן — פאַרוואָס? איך אַליין האָב נישט געקענט פעסטשטעלן די אורזאַך. מעגלעך אַז עס האָט זיי געריצט דער געדאַנק וואָס אַ בונדיסט זעצט איבער אַזאַ ליד אין העברייאיש. יעדנפאַלס, האָב איך אַליין נישט געגלויבט אין דעם, אַז אידישע אַרבעטער וועלן דורך דעם ליד אין העברייאיש, ווערן בעסערע בונדיסטן. איך האָב אין גיכן געקראָגן אַ געלעגנהייט צו איבערצייגן זיך אין דעם.

אין דער אַרבעטער באַוועגונג איז דעמאָלט פאָרגעקומען אַ שמחה: אַ טוער אין יענער צייט וואָס מען האָט גערופן „דער שוואַרצער מאיר”, האָט חתונה געהאַט מיט אַ מיידל, אויך פון דער באַוועגונג, און ביידע ארויס־געקומענע פון טיפן אָפּגרונד. ביידע האָבן באַלאַנגט צו דער וועבער־סכאָדקע און זיינען געוואָרן באַליבט אין זייער סביבה. אויף דער דאָזיקער שמחה וואָס איז פאָרגעקומען אין אַ קעלער אין מיטן האַרץ פון דער אידישער אָרעמקייט, זיינען געווען פאַרזאַמלט איבער 250 מענטשן. איך האָב דעמאָלט געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט אַ נייע שיכטע אַרבעטער. איך האָב באַמערקט אַז מען קוקט אויף מיר מיט דערשטוינונג. עס האָט גיך גענומען צירקולירן אַ באָבע־מעשה אַז איך בין דעם לאָדזשער רב׳ס אַן אייניקל. פּאַקטיש איז דאָס געווען אימיצנס אַ פאַנטאַזיע, אַרויסגעצויגן פון דעם, וואָס אַנדערע האָבן געוואוסט אַז איך בין פון רב׳ס משפּחה. נאָך די קורצע רעדעס

און וואונטשן צו חתן־כלה, האָבן איניקע גוטע זינגער אָנגעהויבן אַ רייע רעוואָלוציאָנערע לידער. דער עולם האָט אָפּגעלעבט מיט דעם געזאַנג פון דוד עדלשטאַט, ווינטשעווסקי, מאָריס ראָזענפעלד, יהואש און אברהם רייזין.

גלייך נאָך דעם, קומט צו מיר צו איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן און פרעגט מיך צי וועל איך זינגען אנסקי׳ס „אין זאַלצענעם ים״ אין מיין העב־רייאישער איבערזעצונג. איך בין געווען קינדעריש געניט — אַ בחור פון איבער צוואַנציק יאָר — אָנצוּנעמען, און אַזוי ווי מיין שטימע איז נאָך געווען גע׳חתמ׳ט מיט אלערליי סאָפּראַנאָ נואַנסן, האָב איך עס געזונגען און זיך באַמיט אריינצוגעבן אין דעם געזאַנג אנסקי׳ס טיפן אָטעם. איך בין געווען זיכער אַז דער עולם פאַרשטייט נישט קיין איינציק וואָרט, אָבער די מעלאָדיע איז געווען באַקאַנט און דער זייער יונגער געפיל וואָס האָט מיך דעמאָלט באַהערשט, האָט זיך איבערגעגעבן דעם עולם פונקט ווי עס וואָלט געווען מיינס אָן אייגענעם ליד.

דערוויל האָט מען געמאַכט אויף דער שמחה אַ שיינע פּאָר רובל פאַר דער קאַסע פון פּאָליטישן קאַמף.

פון דעמאָלט אָן בין איך אויך מער באַקאַנט געוואָרן אין די רייען פון די אידישע וועבער אַרבעטער. איניקע פון זיי זיינען געוואָרן גוטע פריינט מיינע און אַזוי פאַרבליבן לאַנגע יאָרן. אין זכרון האַלטן זיך נאָך פעסט די געשטאַלטן פון אַזעלכע, ווי ברוך לייב, כאמל פראָפעסאָר, לאָזער ביק, אברהם ביק, דער ווייסער הענעך, העמיע בלאָזשן, און אַנדערע.

אוועקגייענדיק פון דער חתונה האָב איך נישט געהאַט קיין שום אנונג אַז אין גיכן וועט זיך פאַר מיר אָנהייבן אַ ניי חתונה. עס איז געוואָרן שפּעט און איך בין געקומען אהיים ווען דער מאָרגן האָט שוין אָנגעקלאַפּט אין פענצטער. אויף מאָרגן אַז איך האָב זיך געזען מיט עליע׳ן אין זיין הויז האָב איך מיט זיך ארויסגעפירט אַ היבש ביסל אומלעגאַלער ליטעראַטור — עטלעכע נומערן „צוקונפט״ פון ניו יאָרק, דעם לעצטן נומער „אַרבעטער שטימע״, צען עקזעמפּלאַרן, אַ פּאַק פון 200 אנטי־מלחמה פּראָקלאַמאַציעס, אַ בוך אין רוסיש, „זאַסטאָליעט״, אַ געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, עטלעכע נומערן, „דער וואַרשעווער אַרבעטער״, אַ פרישער נומער פון דער לאָדזשער, „פרייהייט גלאָק״, עטלעכע אידישע אויסגאַבן פון פ.פ.ס. און עטלעכע עקזעמפּלאַרן פון „פּאָלסקי ראַבאָטניק״ אין פּויליש. דאָס אַלץ האָב איך אהיימגעבראַכט און געבעטן דער מאַמען אַז זי זאָל דאָס גוט באַהאַלטן אויפן בוידים. דאָס איינציקע בוך, „זאַסטאָלעט״, האָב איך איבערגעלאָזט פאַר זיך צו לייענען אין אָוונט. איך בין טאַקע אין יענעם טאָג פרי אהיימ־

געקומען כדי איך זאָל קענען לייענען די פאַרכאַפּנדיקער געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

דאָס איז געווען דאָנערשטאָג, דעם צוועלפטן פעברואַר, 1904. די מאַמע האָט זיך באַשעפטיקט מיט די פיש וואָס זי האָט געגרייט אָפּצוקאָכן אויף פרייטאָג צונאַכטס. איך בין געזעסן און געלייענט, נישט באַמערקט ווי די צייט גייט. עס איז געוואָרן שפּעטער און שפּעטער. איך בין געווען פאַר־זונקען אין לייענען. פּלוצלונג, ווי פון אַ חלום, דערהערט זיך אַ מאָדנער אומבאַקאַנטער קלאַפּ אין טיר. אַ געדאַנק ווי אַ בליץ איז מיר דורכגעלאָפן דורכן קאָפּ — מסתמא די פּאָליציי! ביי מיין מוטער איז מסתמא אויך דורכ־געלאָפן אַזאַ געדאַנק. איך האָב עס דערקענט אין אירע אויגן.

„קטאָ טאם?” האָב איך אַ פרעג געטאָן.

„אָט וואַרי”, איז געווען דער ענטפער.

פינף פוילישע אַנטי־מלחמה פּראָקלאַמאַציעס האָב איך נאָך געהאַט אין קעשענע. מיין האַנט האָט זיך גלייך אַ צי געטאָן אַהין, צוזאַמענגעקנייטשט עס אין איין פּאַק און גיך אריינגעוואָרפן עס אין פּאַמעשאַף און גלייך געעפנט די טיר. איך האָב באַגעגנט די „מחותנים” זייער גלייכגילטיק ווי איינער וואָס האָט גאָרנישט וואָס מורא צו האָבן. עס זיינען אריינגעקומען אַ האַלבער טוץ זשאַנדאַרן, צוויי פּאָליציילייט, דער סטרוזש און דער רעווירשאָווע פון אונזער צירקל.

דער עלטסטער האָט די ערשטע זאַך מיך געפרעגט מיין נאָמען. איך האָב גלייך אים געזאָגט.

„דאָס ווייס איך”, האָט ער געענטפערט. „ווי רופט מען דיך אין דער פּאַרטיי?”

„אין וואָס פאַראַ פּאַרטיי?” מאַך איך זיך תמ׳עוואַטע.

„וואָס, דו ווייסט נישט אין וועלכער פּאַרטיי דו באַלאַנגסט?”

„איך בין נישט קיין ציוניסט”, ענטפער איך.

„ווער רעדט דאָ וועגן ציוניסטן?” זאָגט ער מיר, און דערווייל גיט ער אַ כאַפּ פון טיש דאָס בוך, „זאַסטאַלעט”.

„וואָס? דו לייענסט דעם בוך און דו פרעגסט מיך וואָס פאַר אַ פּאַרטיי, דו מיינסט צו זאָגן אַז דו ווייסט נישט ווער דער בונד איז?”

„איך הייב נישט אָן צו וויסן”, ענטפער איך. „דאָס בוך וואָס איר האַלט אין האַנט האָב איך נישט לאַנג צוריק געפונען. איך האָב נאָך נישט באַוויזן אים צו לייענען.”

„אַ שאַד, אַ שאַד”, זאָגט ער מיט איראָניע, און ווייזט אַ שורה אין

דעם בוך דעם געהילף זיינעם. „דו זעסט”, זאָגט ער אים אין רוסיש, „ווי אַזוי די חברה שרייבט וועגן אונזער גרויסן קיסר?”

דער געהילף רייסט אויף ווי פון אַ חלום זיינע אויגן. זיי דריקן אויס אַ גוואַלדיקע אומצופרידנקייט און שרעק, ווי מען וואָלט באַליידיקט גאָט אַליין.

זיי האָבן זיך גענומען מאַכן אַ גרינטלעכע אונטערזוכונג. דערווייל איז איינער פון זיי אַראָפּגעקראָכן פון אונזער בוידים מיט דעם גאַנצן פּאַק ליטעראַטור וואָס איך האָב געבראַכט מיט אַ טאָג צוריק.

„אַ גאַנצער סקלאַד, ווי איר זעט — אַלץ אָן אַ צענזור.”

דער זשאַנדאַרמסקער אָפיצער דערפרייט זיך מיט דעם געפינס און הייסט ווייטער זוכן. „איך וועל נישט זיין איבערראַשט”, זאָג ער, „ווען מיר וועלן נאָך דאָ געפינען עטלעכע באָמבעס, אַ רויטע פאָן אָדער צוויי”.

די זוכונגען האָבן זיך פאַרשטאַרקט. מען האָט געקלאַפּט אין די ווענט, מען האָט געזוכט אין די שעניקעס, אויפגעריסן ברעטער פון דער פּאָדלאָגע, געמאַכט פון דעם גאַנצן הויז אַ טעל מיטן זוכן, און דערשראָקן מיין מאַמען אַז זי איז געבליבן אָן לשון. איך האָב געוואָלט ווייזן אַ ביישפּיל מיין מוטער ווי צו האַלטן זיך, אָבער אַלץ אין מיר ציטערט. איך דערפיל אַז איך בין נאָך אַלץ דער זעלבער טרוס וואָס געווען. אָבער פון מיר דערהערט זיך אַ מין באַפעלעריש קול, „וואָס נאָך זוכט איר? איר קענט דאָ גאָרנישט געפינען”.

נעמט זיך מיין מוטער אויף אָן מיט מוט און זאָגט, „מיר האַנדלען נישט מיט קיין טרייפן בראָנפן. איר קענט זוכן וויפל איר ווילט.”

האָבן זיי טאַקע געזוכט וויפל זיי האָבן געוואָלט. ווען זיי זיינען פאַרטיק געוואָרן איז שוין געווען 3:30 בייטאָג. זיי האָבן אַלץ איינגעפּאַקט, פאַר׳חתמ׳ט, מיך באַזוכט פון קאָפּ ביז די פיס, מיין שוועסטער אויפגעוועקט פון שלאָף און געזוכט אין איר בעט, און דערנאָך האָט מען מיך באַפוילן אָנצוטאָן זיך וואַרעם ווייל אין דרויסן איז אַ פראָסט, און אָנגעזאָגט מיין מוטער אַז אויב זי וועט מיך וועלן זען, זאָל זי גיין אין דער טורמע אויף דער דלוגע גאַס, וואו מען וועט מיך האַלטן עטלעכע טעג. איך האָב שוין פאַרשטאַנען מיין גורל — געוואוסט אַז דאָס מיינט אַז מען וועט מיך אָוועקשיקן ערגעץ אין אַ ווייטער טורמע. אויפן האַרצן איז מיר געווען נישט צו גוט, אָבער איך האָב זיך געשטאַרקט — געזאָגט צו זיך, ביזטו אַ רעוואָלוציאָנער — האַנדל ווי אַ רעוואָלוציאָנער, מיט מוט און ווירדע.

איך בין אָבער געווען דורכגעדרונגען מיט גוואַלדיקער מורא; איבער־הויפּט האָב איך געציטערט אַז מען זאָל מיך נישט משפּט׳ן לויט די קריגס־געזעצן. צום גליק איז דער וועג צו דער טורמע געווען נישט ווייט — בלויז

אַ צוויי, דריי גאַסן. איך האָב צום ערשטן מאָל אין לעבן גוט אָנגעקוקט די טורמע. ווי איך האָב געזען אין עטלעכע ליכטיקע פענצטער, זיינען שוין דאָרט געווען געסט פאַר מיר. עס האָט זיך שוין גערודערט. מען האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ צימער וואו מען האָט מיר גענומען אונטערזוכן פון קאָפּ ביז פיס. מען האָט מיר אויסגעטאָן אין גאַנצן נאַקעט. מען האָט געזוכט אפילו אין מיינע האָר. זיי האָבן אויך געזוכט אין מיין מויל און צווישן די פּאַכוועס. ווען מען איז פאַרטיק געוואָרן מיט מיר, האָט מען מיר געהייסן שנעל זיך אָנטאָן — וואָס די בהלה איז געווען אויף זיי, ווייס איך נישט — און מען האָט מיר גענומען און געפירט אין אַ זייער גרויסער צעל וואָס האָט געשטורעמט מיט רעוואָלוציאָנערע לידער. ווען איך בין אַריינגעקומען אינעווייניק האָב איך דערזען כמעט אַלע פירענדיקע חברים מיט וועלכער איך בין געווען אויף דער לעצטער פּראָפּאַגאַנדיסטן־סכאָדקע. אַלע זיינען געווען פריילעך און מוטיק. איך האָב זיך שטאַרק פאַרשעמט פאַר זיך אליין. איך בין אָבער גלייך אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַלגעמיינער שטימונג. מען האָט געזונגען ראָזענפעלד׳ס, „מיר זיינען סאָלדאַטן אין דער פרייהייטס אַרמיי״ און מיין שטימע האָט זיך אויך אַריינגעוועבט אין דעם אַלגעמיינעם כאָר. ווען עס איז געקומען צו דעם פערז, „מיר קומען מיט פעסטע כלי־זיין פאַרזען, און רופן זיך מער נישט די ,שוואַכע׳, פאַראויס גייט אונז מאַרקס מיט זיין מעכטיקער פען, לאַסאַל מיט זיין גוואַלדיקער שפּראַכע.״ האָב איך מיטגעזונגען עפּעס מיט אַזאַ אַפּעטיט, ווי אַ קראַנקער נעמט איין אַ לעפל מעדיצין און פילט אַז דאָס וועט אים ראַטעווען...

(ווען איך האָב מיט פיל, פיל יאָרן שפּעטער דערציילט מאָריס ראָזענפעלד׳ן אין ניו יאָרק, ווי מיר האָבן מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק געזונגען זיינע „פרייהייט סאָלדאַטן״ אין דער לאָדזשער טורמע פיר פאַרטאָג מיט אַזאַ אויפברויז, זיינען אים געקומען טרערן אין די אויגן. ער האָט מיך צוגעדריקט צו זיין ברוסט אויפן מיטן גאַס, עטלעכע הייזער לעבן דעם פאָרווערטס בילדינג.)

עטלעכע מאָל איז אַריינגעקומען אין דעם קאַמער דער נאַטשאַלניק אליין, געבעטן זיך — „קינדער, עס איז פאַרטאָג — מענטשן שלאָפן נאָך. צווישן זיי אויך אייערע אַרבעטער וואָס דאַרפן אַ גאַנצן טאָג אַרבעטן.״ האָבן זיך עטלעכע פון אונז צעלאַכט און מיר האָבן פאַרגעזעצט דאָס זינגען מיט מער פרישקייט. מיר האָבן אַזוי געזונגען נאָך אַ היפּשע צייט. ענדלעך זיינען מיר אַלע פאַרמאַטערט געוואָרן און אויפגעהערט. דעמאָלט, ערשט, איז דער נאַטשאַלניק אַריין נאָכאַמאָל און אונז איבערגעגעבן אין וואָס פאַראַ לאַגע מיר זיינען. „דאָס איז נישט אייער טורמע. מיר וועלן אייך דאָ האַלטן בלויז אַ

טאָג, צווײ. פאַר אײַך זײַנען צוגעגרייט אַנדערע פּלעצער אין אַנדערע שטעט. מיר האָבן דעריבער פאַר אײַך קיין עסן נישט אויף מאָרגן, אָבער מיר זײַנען וויליג אײַנצוקויפן פאַר אײַך פאַר אײַער געלט, וואָס איר ווילט נאָר אַליין."
ער האָט ארויסגענומען אַ בלאָק פּאַפּיר און אָנגעהויבן צו פאַרשרייבן לויט דעם אלף־בית, די נעמען פון די וואָס אָרדערן. ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין טיש אויף וועלכן צו שרייבן. האָט ער געבעטן אַ שטאַרקן רוקן אײַנצובויגן זיך. קיינער האָט זיך אָבער נישט גערירט פון אָרט. דער נאַטשאַלניק איז געשטאַנען אַ הילפלאָזער. ערשט עס רוקט זיך אַרויס יאַנקל קאַציק, ער שטעלט אויס דעם רוקן, מאַכנדיק פון זיך אַ טיש, און דער נאַטשאַלניק מאַכט די „וויביסקע". יעדער אײַנציקער וואָס האָט נאָר געהאַט געלט מיט זיך וואָס דער טורמע נאַטשאַלניק האָט פאַרהאַלטן בײַ זיך אין קאַנצעלאַריע, האָט אויסגעשריבן פאַר זיך און פאַר אַ חבר וואָס האָט נישט געהאַט קיין געלט מיט זיך, עפּעס צו עסן.

אין אַ שעה אַרום, האָבן מיר אַלע געגעסן, געטרונקען און גענומען ספּעקולירן ווי לאַנג מען וועט אונז האַלטן, און ווי מיר זאָלן זיך האַלטן בײַ די דאָפּראָסן (אויספרעגונגען).

ערשט אַז עס איז שוין געווען גרויסער טאָג, האָבן מיר זיך צעלייגט אויף די נאַרעס (ברעטער צו שלאָפן), און גע'חלומ'ט וועגן אַ בעסערער וועלט ווי אין דער ענגער, פאַרשטיקטער, צאַרישער טורמע אויף דער דלוגע גאַס אין לאָדזש.

קאַפּיטל פיר־און־דרײַסיק

אין דער קאַלישער טורמע

אין דער פרי ווען מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָבן מיר געקענט זען וואו מיר געפינען זיך ערגעץ אין דער וועלט. דער קאַמער אין וועלכער מיר זײַנען געווען זאַלבעפערט, איז געווען צו ענג אפילו פאַר דרײַ מענטשן. אויסער אַ צוגעשמידטע בעטל, וואָס איז געווען אָן איבערגעצויגן האַרטע שטיק לײַוונט איבער צווײ באַלקעס פון אײַזן, איז אויך געווען אַ שטיק אײַזן ארײַנגעמויערט פון וואַנט וואָס האָט געדינט ווי אַ טיש; און די דריטע זאַך, איינע פון די וויכטיקסטע אין דער גאַנצער קאַמער, איז געווען אַן אײַזערנער מין צעבער, אויך אײַנגעמויערט אין דעם אונטערשטן דיל פון קאַמער, מיט אַ צודעק. דאָס זײַנען געווען די מעבל. דעם ערשטן פרישטיק וואָס מיר האָבן געקראָגן איז געווען אַ מין באָרשט: — באָרשט, דערפאַר וואָס ער איז געווען זויער, אין וועלכן עס איז ארומגעשוואומען אַ צווײ

שטיקלעך קאַרטאָפל מיט אַ גריבענע אָדער צוויי פון חזיר, און אַ שטיק ברויט. דער דאָזיקער מאַלצייט איז איינגעטיילט געוואָרן אין יעדן קאַמער פון ארעסטאַנטן, וואָס האָבן זיך שוין דערדינט צו אַזאַ „אמט״, וואָס זאָל זיי דערלויבן צו גיין פון קאַמער צו קאַמער. זיי האָבן געטראָגן אַ גרויסן צעבער מיטן באָרשט און אין אַ צווייטן קאָרב האָבן זיי געטראָגן דאָס ברויט. אַלץ איז געווען אָפּגעדעקט. פליגן זיינען אַרום דעם נישט געווען בלויז דערפאַר וואָס די קעלט אין דער טורמע אין מיטן פעברואר, איז געווען אַן אומדערטרעגלעכע. דאָס ביסל הייסע באָרשטש איז געווען די איינציקע מעג־לעכקייט וואָס מיר האָבן געהאַט אונז דערוואַרעמען, צוזאַמען מיטן „קיפּיאַטאָק״ וואָס איז גענוצט געוואָרן פאַר טיי. קיין שום באַהייצונג איז דאָרטן נישט געווען, נישט אין דעם קאַמער און נישט אין קיין שום אַנדער קאַמער אין דער טורמע. די קעלט איז געווען אַזוי גרויס, אַז אין די פינגער איז נישט געבליבן קיים שום קראַפט צו פאַרקנעפּלען זיך אָדער טאָן וועלכע עס איז אַנדער זאַך מיט זיי. די קליינע פענסטערלעך אין דער סאַמע הויך, לעבן דער סטעליע, זיינען נאָך געווען פאַרשטעלט מיט בלעכענע שירמעס אויסצו־שליסן די מעגלעכקייט ארויסצוקוקן אין דרויסן. דאָס איז חוץ די דראַטעס פון אייזן אין וועלכע דאָס פענסטערל איז געווען איינגעשמירט.

פון דעסטוועגן האָבן מיר איך גיכן אויסגעפונען אַז פיר פערזאָן קענען זיך אַן עצה געבן און יאָ ארויסקוקן. מיר האָבן זיך געשטעלט איינער אויף דעם אנדערן. דער סאַמע אונטערשטער האָט אויסגעשטעלט דעם רוקן און דער סאַמע העכסטער האָט שוין געקענט ארויסקוקן און דערציילן די איבעריקע וואָס ער זעט אויף דער ליכטיקער וועלט. פאַקטיש האָט ער גאָרנישט געזען. די טורמע איז געשטאַנען ווי אַנגעשפּאַרט אָן אַ פּאַרק, אָבער די מענטשן וואָס האָבן שפּאַצירט אין פּאַרק האָבן בלויז געקענט זען אַ גרויסן קאַסטן, פאַרקלאַפּט פון אַלע זייטן מיט בלעכענע אויגן, און נישט מער. אונדז האָט מען אָנגעזאָגט אַז מיר זאָלן נישט מאַכן קיין שום פאַרזוכן ארויסצוקוקן אין דרויסן, כדי נישט צו קריגן קיין קאַרצער אויף עטלעכע טעג. (קאַרצער האָט געמיינט אַ טורמע אין אַ טורמע. עס איז געווען אַ שוידערלעכע שטראָף). בכלל האָט אין טורמע געהערשט אַ שווערער אומבאַ׳רחמנות׳דיקער רעזשים, זינט עס איז געמאַכט געוואָרן איין מאָל אַן איבערפאַל איבערן טורמע נאַטשאַלניק.

ביינאַכט האָט געמוזט זיין אינגאַנצן פינסטער. אפילו קיין לעמפּעלע האָט נישט געטאָרט ברענען. קיין פּאַפּיראָסן האָט מען נישט געטאָרט רויכערן אין קאַמער און שוועבעלעך זיינען געווען אויסדריקלעך פאַרבאָטן. אפילו פּאַפּיר אָדער אַ בליי־פעדער האָבן מיר געמוזט באַהאַלטן. די ערשטע זאַך

וואָס מיר האָבן באַשלאָסן דורכאויס צו האָבן אין קאַמער איז געווען אַ קאַלענדאַר, אַז מיר זאָלן וויסן וואו מיר האַלטן אין דער וועלט, ווי לאַנג מיר זיצן שוין, א. אַ. וו. צוליב וועלכע עס איז אורזאַכן, האָט מען מיר געגעבן דעם כבוד צו מאַכן דעם קאַלענדער — אויפן וואַנט.

מיר האָבן אויך אויסגעמייסטרעוועט אַ שאַך־ברעט, אויסגעאַרבעט מיט 64 קוואַדראַטנע קעסטלעך וואָס מיר האָבן אויסגעשניצט אויף דער נאַרע. די שאַך־פיגורן האָבן מיר אויסגעאַרבעט פון דעם ווייכן ברויט וואָס מיר האָבן געקריגן. אין עטלעכע טעג זיינען זיי אַזוי פאַרהאַרטעוועט געוואָרן אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען פון שטיין.

פיר זיינען מיר אין דעם דאָזיקער קאַמער געווען. דער סאַמע אַנגע־זעענער איז געווען אַ וועבער־אַרבעטער מיט דעם נאָמען, ברוך לייב. מען האָט אים אפילו גערופן פאַניע, ווייל ער איז געווען אַ געבאָרענער אין לאָמזער גובערניע. דער צווייטער איז געווען אַ היטל־מאַכער, הערש. דער דריטער, כעמיע בלאזשין, אַ גוט־מוטיקער חבר. איך בין געווען דער אינגסטער פון זיי, אָבער צוליב מיין שוואַכלעכן אויסזען האָט מען מיר געגעבן די קויקע אויף צו שלאָפן. די איבעריקע דריי זיינען געשלאָפן אויף שטרויענע שעניקעס אויפן דיל. איך האָב אָבער צו זיך אריינגענומען ברוך לייב'ן אויף דער קויקע. עס איז געווען ענגלעך, אָבער דערפאַר עטוואָס וואַרעמער. ביינאַכט איז די קעלט געווען נאָך גרעסער ווי ביי טאָג.

איין מאָל אין טאָג האָט מען אונז געגעבן די מעגלעכקייט צו האָבן אַ שפּאַציר אויפן הויף פון דער טורמע. מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט ווי סאָלדאַטן אין אַ ריי, און מאַרשירט אַרום פופצן מינוטן, הין און צוריק. רעדן צווישן זיך האָט מען נישט געטאָרט, אָבער מיר האָבן גערעדט, און יעדער וואָרט איז געווען זיסער ווי ער וואָלט געווען אַ דערלויבטער. מיר פלעגן זיך אויף אַזאַ אופן דערוויסן וואָס עס טוט זיך אין די אַנדערע קאַמערן. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, האָבן מיר זיך צוגעוואוינט צו די פירונגען און געזעצן פון דער דאָזיקער אַלטער פּוילישער טורמע.

מיר האָבן זיך, למשל, דערוואוסט, אַז די דאָזיקע טורמע, מיט אירע אויסערגעוויינלעכע דיקע ווענט, איז געבויט געוואָרן פון אַן אַרכיטעקט מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק, וואָס איז דערנאָך אליין געשטאָרבן אין דער טורמע. די גאַנצע טורמע איז געווען געבויט אַזוי ווי א שול אָדער אַ קלויסטער פון פינף שטאָק. אינעווייניק זיינען געלאָפן אויף יעדן שטאָק לאַנגע, לאַנגע גאַלעריען. די פּלאַטפאָרמען אין די גאַלערייען זיינען געווען אייזערנע, דורכגעלעכערטע פון אַ ריי אוזאָרן. טורמע וועכטער פלעגן זיך ארומדרייען אויף יעדן שטאָק, סיי ביי טאָג און סיי ביינאַכט. אין די טירן פון

יעדן קאַמער איז געווען אויסגעהאַקט אַ שטיקל פענסטערל, כדי דער וועכטער זאָל קענען זען וואָס מען טוט אינעווייניק אין קאַמער.

צוויי מאָל אין טאָג פלעגן פאַרקומען „פּאָוויערקעס” און ציילונגען פון די אַרעסטאַנטן. אויב עס פלעגט פעלן אימיצער אין קאַמער, האָבן די וואָס האָבן געמאַכט די פּאָוויערקע, געמוזט אויסגעפינען ווער און פאַרוואָס. נישט אַלע מאָל זיינען אַלע פון דער פּאָוויערקע מאַנשאַפט געווען טורמע וועכטער. עלטערע אַרעסטאַנטן פלעגן אויך דורכפירן די זעלביקע מיסיע אונטערן אויפזיכט פון דער טורמע אדמיניסטראַציע. (מיר אליין איז אויסגעקומען עטלעכע מאָל צו זיין איינער פון די ציילער). איינגעלעבט האָבן מיר זיך נשקשה אין יעדן קאַמער. מיר האָבן אַ גאַנצן טאָג דעבאַטירט, געפירט שמועסן צווישן זיך, און דורך דער וואַנט, מיט דעם קלאַפּ סיסטעם, אויך מיט חברים פון אַנדער שכנ׳שע קאַמערן. אין די דאָזיקע געשפּרעכן האָבן מיר זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן. דאָס וואָס מיר וואָלטן געזאָגט מיט שאַרפע פּראָטעסטן צו דער נאַטשאַלסטוואָ, האָבן מיר זיך געזאָגט איינע די אַנדערע. די הויפּט טעמע איז געווען די קעלט, די אויסערגעוויינלעכע, פּאַרגליווערנדיקע קעלט וואָס נעמט אָפּ הענט און פיס, און אפילו אָטעם. מיר האָבן נישט אַזוי פיל גערעדט וועגן די עסנס וואָס זיינען געווען וואַסערדיק, אָן סובסטאַנציעלער נאַרונג. אָבער די קעלט האָט איבערגעבויגן אַלץ. ביינאַכט, אויב מיר זיינען געשלאָפן, זיינען די חלומות געווען בלויז וועגן אַ ביסל וואַרעמקייט, וועגן הייסער זופּ, טיי אָדער קאַווע; און ווען עס האָט זיך גע׳חלום׳ט, איז טאַקע געווען וואַרעמער.

מיר האָבן גענומען ציילן די מאַנאַטן. וואָכן און טעג. ווי לאַנג מיר קענען נאָך דערוואַרטן אַז די קעלט זאָל אָנהאַלטן. וואָלטן מיר כאָטש געהאַט לאָמפּן אויף ביינאַכט עס זאָל זיין אַ ביסל ליכטיקער, וואָלטן שוין אויך די לאָמפּן גופא אַנגעהויכט אַ ביסל וואַרעמקייט. ליכט און וואַרעמקייט זיינען ביי אונז געוואָרן סינאָנים.

נאָך איין זאַך האָט אונז געפעלט, רויך; — פּאַפּיראָסן, פון וועלכן עס איז סאָרט, איך אליין בין נישט געווען קיין שווערער רויכער, אָבער אין טורמע זיצן איז געווען אומדענקבאַר אָן די באַרואיגנדיקע קרייזלעך רויך. מיר האָבן עטלעכע מאָל געפּרואווט בעטן אונזערע וועכטער אַז זיי זאָלן אונז ברענגען פון דרויסן פּעקלעך מאַכאָרקע. האָבן מיר אַ לענגערע צייט נישט געקענט קריגן, ביז מען האָט אונז אריינגעשיקט אַ נייעם קליוטשניק, אַ פּאָליאַק. מיר האָבן זיך גוט צענויפגערעדט מיט אים און ער האָט באַשלאָסן פאַר אַ גוטן פּרייז אונז געבן אַ פּעקל מאַכאָרקע. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אונזער קאַמער נישט געקענט דערקענען. עס איז געווען אַרומגערינגלט

און איינגעהילט אין אַ געדיכטן, ביטערן רויך. אייניקע האָבן געזאָגט אַז עס איז טאַקע וואַרעמער געוואָרן. אָבער ווי וואַרעם עס איז געווען, האָט מען געקענט זען פון דעם וואָס איינער פון מיינע מיטזיצער בעט מיך צו פאַר־דרייען אים אַ פּאַפּיראָסל ווייל די פינגער זיינען ביי אים אָפּגענומען פון קעלט.

דאָס האָט שוין געמוזט זיין אין אָנהייב מערץ. די זון האָט שוין דורך אַ שפּעלטעלע אריינגעוואָרפן אַ לענגערן שטראַל אין אַ שפּעטערדיקע שעה. דאָס איז געווען אַ מין אָנזאָגער אַז עס וועט שוין ווערן וואַרעמער און וואַרעמער. אָבער יעדן טאָג האָבן מיר געמוזט איבעררעדן און זאָגן אַז עס איז נאָך אַלץ קאַלט. עטלעכע טעג שפּעטער, ווערן מיר געוואָר אַז אין קאַנצילאַריע פון דער טורמע זיינען געווען עטלעכע ווירדיקע באַלעבאַטים פון שטאָט, צוזאַמען מיטן רב, און געבעטן דעם נאַטשאַלניק דערלויבעניש צו קענען אָרגאַניזירן פאַר די אידישע אַרעסטאַנטן אַ קומענדיקן, כשר׳ן פּסח. אפילו אונזערע אַפּיקורסים האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין דעם געדאַנק צו פּראַווען אַ אידישן פּסח. איך האָב אין אָנהויב זיך געשראָקן פאַר דער דאָזיקער רענע־גאַנץ און אָנגעהויבן צו אַרגומענטירן, אַז אונטער די באַדינגונגען אין וועלכע מיר לעבן, ספּעציעל אונטער דער קעלט, וועט אונז קנאַפּ העלפן צוצודעקן זיך מיט אַזאַ דינעם מאַנטל און זיין וואַרעם. אָבער מיינע איבעריקע קאָלעגן אין קאַמער האָבן זיך אויסגעלאַכט פון מיר און האָבן מיר שפּעטער דערקלערט, אַז דער עצם פון האָבן אַ באַזונדערן יום טוב פאַר אונז אידישע אַרעסטאַנטן וועט אונז געבן מער געלעגנהייטן צו זיין צוזאַמען און צו קענען קאָנפערירן וועגן אונזערע אַלגעמיינע נויטן.

אַז דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט און אויסזיכט איז געווען אַ ריכטיקער, האָב איך באַלד געקענט זען. מען האָט אין דער קאַנצעלאַריע גערופן איינעם פון אונז וואָס איז מער אָדער ווייניקער באַקאַנט ווי אַ „געלערנטער”. מישב געווען זיך ווי אַזוי צו מאַכן די מאָלצייטן, אַז זיי זאָלן זיין פון אַלע שטאַנד־פּונקטן כשר פאַר די אידישע אַרעסטאַנטן. דעם ערשטן וואָס מען האָט גערופן איז געווען קאַקאַטשינסקי, אָדער, ווי מיר האָבן אים גערופן אין דער באַוועגונג, פּריער „סטעפאַן”, דערנאָך, „פּאַוועל”. אָבער ער האָט זיך גלייך אָפּגעזאָגט — „וואָס פאַר אַ געלערנטער אין אידיש בין איך, אַז איך ווייס קיין איין וואָרט ניט,” און האָט אָנגעוויזן אויף מיר אַז איך האָב שטודירט צו זיין אַ רב. אָבער איך האָב נישט איינגעשטימט אַז איך בין אַן אויטאָריטעט און פאָרגעשלאָגן אַז מען זאָל מיר געבן נאָך צוויי. די צוויי האָב איך קיין מאָל נישט געקריגן, אָבער אַלץ וואָס איך האָב געקענט „פּסק׳נען איז געווען אַז די אַלע עסנס זאָלן צוגעגרייט ווערן פון די אידישע אַרעסטאַנטן גופא. די ערשטע זאַך איז געווען די פראַגע וועגן מצה. אָבער דאָס האָבן מיר

געקריגן פּאַרטיק צוגעשיקט פון שטאָט קאַליש און פון לאָדזש. ערשט ווען עס איז געקומען צו דער פראַגע וועגן קאַרטאָפל, האָבן מיר געבעטן אַז שיילן די קאַרטאָפל זאָלן בלויז אידישע הענט און מען זאָל אונז געבן אַ באַזונדער פּלאַץ דערפאַר.

ווען איך האָב איבערגעגעבן וועגן דעם אין מיין קאַמער האָט ברוך לייב אויסגעשריען, ׳אָט דאָס וועט זיין דער עיקר פון אונזער פּסח — די אליין־געשאָבענע קאַרטאָפל. דאָרט וועלן מיר זיך קענען אָדורכרעדן וועגן די פּלענער וואָס מיר האָבן צו ענדערן דעם גאַנצן קלימאַט אין דער טורמע.

ברוך לייב האָט אינגיכן אָנגעהויבן צו ארבעטן אויף אַ פּראָקלאַמאַציע פאַר די אידישע אַרעסטאַנטן, אין וועלכער עס זיינען באַהאַנדלט געוואָרן די פּלענער פון אַ הונגער סטרייק, צו צווינגען די אַדמיניסטראַציע אַז זי זאָל איינפירן אין דער טורמע באַהייצונג און באַלייכטונג און נאָך אַנדערע רעפאָרמען וואָס מיר געפינען פאַר נויטיק. פאַר דעם צוועק האָבן מיר טאָקע אָפּגעהאַלטן אַ ספּעציעלע באַראַטונג, וואָס פאַרן פאָדערונגען ארויסצושטעלן. מיר האָבן די פאָדערונגען דיסקוטירט אין יעדן קאַמער באַזונדער און די סומע פון אַלע ארויסגעשטעלטע פאָדערונגען איז דערנאָך באַהאַנדלט געוואָרן פון אונזער ספּעציעלן סטרייק קאָמיטעט.

די פאָדערונגען, ווי זיי האָבן זיך אויסקריסטאליזירט, זיינען געווען:

1) איינצושטעלן אַ באַהייצונגס־סיסטעם דורך וועלכער עס זאָלן זיין אָנגעוואַרעמט אַלע טורמע קאַמערן וואו עס געפינען זיך אַרעסטאַנטן.

2) איינפירן לאָמפּן פאַר די אָוונטן אין די קאַמערן.

3) באַדעקן מיט קאַרפּעטן אַלע פלאטפאָרמעס דורך וועלכע עס ווערן געפירט די צעבערס עסן כדי עס זאָל נישט אריינפאַלן אהין קיין שטויב אָדער שמוץ.

4) דערלויבן צו רויכערן אין די קאַמערן.

5) צו זען אַז די סווידאניעס זאָלן זיין אָפטער און ליבעראַלער.

6) צו קענען קריגן אין די קאַמערן אויסער די אַלגעמיינע ביבליאָטעק ביכער, אויך פרישע טעגלעכע צייטונגען.

7) צו זען צוצואיילן די פּראָצעסן אַז מיר זאָלן נישט דאַרפן פוילן אַ לענגערע צייט אין טורמע.

8) צו באַזאָרגן די וואָס דאַרפן פארשיקט ווערן אין קאַלטע געגנטן מיט גענוג וואַרעמע אונטערוועש און קליידער.

9) צו פאַרלענגערן די פּראָגולקעס פון די אַרעסטאַנטן ביז אם ווייניקסטנס איין שעה אין טאָג.

10) נישט צו האַלטן קיין פאַרקילטע, אָדער אַזוי קראַנקע אַרעס־טאַנטן, אין קאַמער, נאָר זיי גלייך צונעמען אין טורמע־שפּיטאָל.

11) צו פאַרגרעסערן די צאָל בעטן אין דעם טורמע־שפּיטאָל.

12) נישט צו האַלטן קיין ערנסט קראַנקע אַרעסטאַנטן אין דעם טורמע־שפּיטאָל, נאָר איבערשיקן זיי אין באַוואוסטע אויטאָריטעטע שפּיטאָלן אין שטאָט.

13) צו באַזורגן אַם ווייניקסטנס איין מאָל אין חודש אַ מאָדערנע באָד וואו די אַרעסטאַנטן וועלן זיך קענען האַלטן אין ריינקייט און געזונט.

14) צו פאַרבעסערן די נאַרהאַפטיגקייט פון די שפּייזן.

15) צו זען אַז מיר זאָלן קריגן אַם ווייניקסטנס פינף מאָל פלייש אַ וואָך, אַנשטאָט די איצטיקע דריי מאָל.

16) צוצודעקן אַלע צעבערס אין וועלכע מען טראָגט שפּייז אין די קאַמערן.

17) נישט צו באַשטראָפן מיט קאַרצער פאַר יעדן קליינעם פאַרברעכן.

18) אָפּצושאַפן דאָס שלאָגן אַרעסטאַנטן פאַר פאַרלעצן די טורמע געזעצן.

19) צו דערלויבן יעדן אַרעסטאַנט וואָס וויל שרייבן, — פאַפּיר און טינט אין קאַמער.

20) צו דערלויבן פאַרשיידענע לעגיטימע שפּילן, ווי שאַך, דאַמקע, און דאָמינאָ.

21) צו דערלויבן וויזיטן פון איין קאַמער צו דער צווייטער אין דער טורמע.

די אַלע פאָדערונגען האָבן געדאַרפט גוטגעהייסן ווערן פון אַ מאַיאָרי־טעט פון אונזערע אַרעסטאַנטן. דאָס האָבן מיר ערשט געקענט טאָן ווען מיר האָבן געהאַט די ערשטע סעסיע פון קאַרטאָפל שאָבן. דאָרט האָבן מיר מער אָדער ווייניקער פריי געקענט דיסקוטירן די אַלע פונקטן. אויב די פונקטן וועלן נישט גלייך נאָכגעגעבן ווערן, האָבן מיר באַשלאָסן צו דערקלערן אַ הונגער־סטרייק און סטרייקן אַזוי לאַנג ווי מיר וועלן קענען, ביז מיר וועלן קריגן אַ פאַרלייכטערונג אין אונזער לאַגע.

דער נאַטשאַלניק, גלייך ווי ער האָט געקריגן די פאָדערונגען, האָט איבערגעבליקט זיי זייער שנעל, אַ וואָרף געטאָן עס אויפן טיש, און דערקלערט, „דאָס איז פאַרן גובערנאַטאָר צו באַשטימען, נישט פאַר מיר.“

אונזער אַגיטאַציע פאַר אַ הונגער־סטרייק האָט אָנגעמאַכט אין טורמע אַ גרויסן רושם. די, וועלכע זיינען געווען געגן הונגער סטרייק, האָבן אָנגע־וויזן צווישן אַלע אַנדערע אַרגומענטן, דעם פאַקט אַז זייערע פּראָצעסן וועלן

ווערן פאַרערגערט אויב זיי וועלן זיך אַנשליסן אין אַזאַ אַקציע. אַנדערע האָבן זיך פאַרגעשטעלט אַז אויב זיי וועלן נישט עסן אַ טאָג, צוויי, וועלן זיי שטאַרבן. אָבער דער גרעסטער טייל פון אונזערע אַקטיוויסטן האָבן פשוט געפיבערט מיט דעם געדאַנק. ווי לייבן אין אַ שטייג, האָבן זיי געוואָלט אויסדריקן זייער פראָטעסט און רעוואָלטירנדיקער גייסט אויף יעדן מין אופן. אַנדערע זיינען גרייט געווען אפילו צו פאַרבאַראַקאַדירן זיך אין קאַמער און פון דאָרט קעמפן געגן דער טורמע אַדמיניסטראַציע. אָבער אַלע זיינען געווען פול מיט דערוואַרטונג אויפן פסח ווען די דאָזיקע אַקציע האָט געדאַרפט פאַרקומען. עס איז געווען מאָדנע — פון איין זייט, שאָבן קאַרטאָפל — גאַנצע בערג אָנגעשאָבן; פון דער צווייטער זייט, זיך גרייטן צום סטרייק. די לאַגע איז געוואָרן נאָך מער קאָמיש, ווען פאַר פסח האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען פאַסילקעס פון קרובים פון פסח־דיקע עסנס. עטלעכע טעג פאַרן סטרייק האָט ברוך לייב אָנגעשריבן אַ באָמבאַסטישע פראָקלאַמאַציע אין וועלכער ער האָט געפעסטיקט דעם גלויבן אין אַ גרויסן זיג. „מיר מוזן וויזן", האָט ער געשריבן, „אַז די טורמע, די גראַטעס, די קייטן, קענען אונז נישט אָפּשוואַכן; נישט אונזער מוט און נישט אונזערע פאַרלאַנגען אָראָפּצושמייסן די רעגירונג פון געוואַלד און אומרעכט." און ווי געווינלעך האָט זיך די פראָקלאַמאַציע פאַרענדיקט מיט „נידער מיט דער זעלבסטהערשאַפט", „נידער מיט דעם צאַריזם און אירע טורמעס", און „זאָל לעבן די דעמאָקראַטישע רעפובליק". די דאָזיקע פראָקלאַמאַציע איז נישט ווערטערלעך איבערגעגעבן, אָבער דאָס איז געווען דער הויפּט אינהאַלט. איר פאַר־שפּרייטונג איז געווען די גרעסטע רעטעניש פאַר דער אדמיניסטראַציע. אַן ענלעכע פראָקלאַמאַציע איז ארויסגעלאָזט געוואָרן אין פויליש און אין דייטש פון דער פּ.פּ.ס. און פון דער פּ.ס.ד.

קאַפּיטל פינף־און־דרייסיק

צווישן די הונגער סטרייקערס

צוקוקנדיק זיך צו דער אויפפירונג פון די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן אין דעם ערשטן טאָג פון סטרייק, וואָלט אַן אויסנווייניקסטער געקענט מיינען אַז דאָס גרייט מען זיך צו צו אַ זייער וויכטיקן, פעסטיוואלן מאָלצייט. אויף אַלע פּנימער האָט געשיינט פונקט ווי זיי וואָלטן שוין געהאַט פאַר זיך אַ גרויסן, ענדגילטיקן זיג. אין אונזער קאַמער, וואָס איז געוואָרן דורך דער צייט א מין הויפּט צענטער, האָט געזשומט ווי אין אַ בינען שטאָק. דורך די וועכטער וואָס זיינען געווען מער סימפּאַטיש צו אונז, האָבן מיר אַלע ווײַלע

געקריגן מער בריוולעך פון קאַמערן פון פאַרשידענע עטאַזשן. דער פרעגט זיך אָן וועגן אַזעלכע וואָס זיי האַלטן ביי חלשות, אַ צווייטער פרעגט זיך אָן וועגן אַ קראַנקן וואָס האָט שוין עטלעכע טעג פריער נישט געגעסן, אַ דריטער וועגן אַ בלוט־אָרעמען וואָס איז אין געפאַר שוין עטלעכע וואָכן, וואָס צו טאָן מיט אים. צי זאָל מען אים דערלויבן צו עסן, צי אויף קיין פאַל נישט.

איך האָב געפילט אין יענער צייט אַז אַ גאַר לאַנגע צייט וועל איך נישט קענען אויסהאַלטן. איך בין געווען כסדר, אויב נישט קיין קראַנקער, אַ מין אָפּגעשוואַכטער, וואָס וואָלט קיין סך נישט געקענט אַריבערטראָגן. איך האָב זיך אָבער געמאַכט האַרט. איך מוז ווייזן אַ ביישפּיל פון רואיקער אונטערוואַרפונג. יעדע ווײַלע, ווען איך האָב דערפילט קראַמפּן פון הונגער, האָב איך זיך געזאָגט — לאָז זיך מיך דאַכטן אַז עס איז יום כפור אָדער תשעה באב און איך בין קיין מאָל נישט געשטאָרבן פון נישט עסן אַ טאָג. און דער אַרגומענט האָט מיך אַ סך געהאָלפן. ביינאַכט, נאָך דעם ערשטן טאָג פאַסטן, האָב איך אין חלום געגעסן און געטרונקען, און נאָך ווי! עס איז נאָך קיין מאָל נישט געווען אַזוי געשמאַק דאָס עסן ווי אין חלום; אָבער ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָבן זיך די הונגער קראַמפּן פאַרשטאַרקט. עס איז מיר פאַרגעקומען ווי איך בין אין גאַנצן אַ ליידיקער. איך האָב געמוזט טרייבן פון זיך דעם געדאַנק וועגן אָנהייבן צו עסן, מיט אײַזערנע ריטער, אָבער איך האָב זיך געראַטעוועט פון דעם נסיון. ווען זיי האָבן געבראַכט אַ צוואָלנדיקן קעסל מיט הייסער זופּ אין קאַמער, און די פּאַרע האָט זיך צעטראָגן ־און אָנגעטרונקען אויך מיינע נאָז־לעכער, האָט מיין יצר הרע שוין שיר נישט איינגערעדט זיך אַז ער האַלט דאָ אָפּ אַ זיג. און גראָד אין דעם מאָמענט האָב איך זיך געזאָגט, „ניין, ניין און ניין! איך וועל זיך נישט אונטערגעבן. איך האָב פאַרמאַכט די אויגן און געפּרוּווט איינשלאָפן. עס איז אָבער נישט געגאַנגען. גראָד האָט זיך געהערט פון אַן אַנדער קאַמער דאָס קרעכצן פון איינעם פון די סטרייקערס. עס איז באַלד געקומען אַ סאַניטאַרישע קאָמיסיע און אים ארויסגענומען אין שפּיטאָל. צי ער האָט דאַרטן געגעסן, צי נישט, ווייס איך נישט. איך ווייס נאָר אַז פאַר מיר איז דער דאָזיקער ביישפּיל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּונקט אַ פאַרקערטער ריכטונג. איך האָב צו זיך אַ געשריי געטאָן אַזאַ „ניין", אַז איך האָב זיך אַליין דערשראָקן. ווען עטלעכע פון די סאַניטאַרן זיינען צוגעקומען אויך צו מיר און געוואָלט מיך „ראַטעווען", האָב איך געזאָגט, „ווער האָט אייך געגעבן דעם אַדרעס? איך וועל עסן דעמאָלט ווען אונזערע פאָדערונגען וועלן אויסגעפירט ווערן." און אַזוי האָב איך אָפּגעצויגן דעם צווייטן טאָג און אָוונט.

ביינאַכט, ווידער חלומות וועגן גרויסע מאָלצייטן וואָס איך עס. די דאָזיקע מאָלצייטן זיינען געווען אויך מיט וויין, און אַנדערע גוטע, שטאַרקע־דיקע געטראַנקען, וואָס אפילו איצט פיל איך זייער טעם.

דער דריטער טאָג האָט מיר אויסגעקוקט צו זיין רואיקער ווי די ערשטע צוויי. איך האָב זיך געטראַכט. אָט אַ וואונדער — עס הייבט מיך נישט אָן צו ארן. צו מיטאָג צו, ווען דער קאָנצערט פון קראַמפּן אין מיין מאַגן האָט ווידער אָנגעהויבן, איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז אין מיין זעקעלע, וואו איך האָב געהאַלטן די מצה, זיינען געבליבן גענוג קליינע קרישעלעך, וואָס קענען שטילן אויף עטלעכע שעה מיין הונגער. איך האָב זיי אריינגענומען אין מיין מויל אַזוי קינסטלעך ווי אַ גנב. איך האָב אָבער געטראַכט אז אויב איך וועל אַזוי טאָן כסדר, וועט דער גאַנצער זין פון סטרייק פאַרלירן זיין כאַראַקטער. און כדי איך זאָל דאָס מער נישט טאָן, האָב איך גוט אויסגעטרייסלט דעם זעקל אַז עס זאָל קיין זכר דאָרט נישט בלייבן.

אין אָוונט, גראָד אין דעם מאָמענט ווען צו מיר איז אריין קאַקאַ־טשינסקי און געפרעגט מיך ווי איך פיל, האָט זיך ביי מיר צעפּלאָמט אַזאַ קראַמף אין בויך, אַז איך האָב אים קוים געקענט ענטפערן. כ'האָב קוים אַרויס־געזאָגט די באַנאַלע ווערטער, „אויסגעצייכענטער צושטאַנד”. די אויסגע־צייכנטקייט איז אָבער באַשטאַנען בלויז אין דעם וואָס איך האָב געפילט ווי איך חלש, און געפּרוּווט פילאָסאָפירן אַז הונגער איז דער בעסטער מיטל פאַר זען בעסער און פאַרשטיין בעסער. ווי אַזוי האָט מען מיר דעמאָלט איינגעשלעפּערט ווייס איך נישט. איך ווייס נאָר אַז איך בין ווידער אנטשלאָפן געוואָרן און געדרעמלט לאַנג, לאַנג, ביז איך האָב דערזען פאַר מיינע אויגן גרויסן טאָג. עס האָט זיך מיר געדוכט אַז אימיצער נעמט ארויס די קישן פון אונטער מיין קאָפּ. האָב איך זיך אָנגעהויבן צו בעטן, „לאָזט מיך צו. און אַזוי איבער'חזרנדיק מעכאַניש, דערפיל איך ווי איך שווים אַוועק. דאָס בין איך ווידער געפאַלן אין חלשות. איך האָב בלויז געהערט עטלעכע געשרייען און רופן דעם דאָקטאָר. איך האָב אויך געפילט ווי מען פּרוּווט מיך אויפ־זעצן און אריינגיסן מיר עפּעס אין מויל. איך געדענק אויך ווי איך האָב מאָביליזירט אַלע מיינע כחות צו פאַרשטעמען מיינע ציין און נישט לאָזן זיך מיט גוואַלד שפּייזן. ווי איך האָב זיך נישט לאַנג צוריק דערוואוסט, איז גראָד דעמאָלט אריינגעבראַכט געוואָרן אין דעם טורמע שפּיטאָל אַ צע'ממית'־טער חבר, שעלי און מיר דערציילט ווי בראַוו איך האָב דענסטמאָל אויסגעזען אין זיינע אויגן. אָבער דאָס געדענק איך שוין נישט.

אַרום דריי, פיר פאַרנאַכט, האָבן זיך גוואַלדן צעהילכט אין דער גאַנצער טורמע — „מיר האָבן געוואונען! אַלץ געוואונען! דער גובערנאַטאָר האָט אונז נאָכגעגעבן אַלע אונזערע פאָדערונגען. עס איז שווער איבערצוגעבן דעם ראַש און פרייד געשרייען וואָס האָבן זיך אויסגעלאָזן אין דעם מאָמענט. איך האָב פּלוצלונג דערפילט אין זיך נייע כחות, זיך געגעבן אַ זעץ אויף, און זיך אויך גענומען שרייען וועגן דעם זיג. ערשט דעמאָלט האָב איך דערפילט וואָס דאָס מיינט, אין זיין פולן באַנעם. ווי זיס דער געפיל איז! ווי איבער־וועלטנדיג! אַט אַזוי האָב איך געקלערט. וועלן מיר פילן אין דעם טאָג פון דעם גרויסן נצחון וואָס מיר וועלן אַמאָל האָבן.

דער הו־האַ און פרייד געשרייען האָבן נאָך אָנגעהאַלטן אַ שטיקל צייט, ביז ער איז אויסגעמישט געוואָרן מיטן טומל פון גרייטן אין אָוונט אַ נייע סעודה פאַר די אַרעסטאַנטן. מען האָט סערווירט פרישע זעמלעך מיט הייסע מילך, און דער דאָקטאָר וואָס איז דערביי געווען האָט אָנגעזאָגט אַז מען זאָל נישט כאַפּן, מען זאָל עסן זייער פּאַמעלעך, וועט מען אויסמיידן נייע קראַמפּן. די זעמלעך האָבן געשמעקט ווי די גרויסע, געפלאָכטענע חלה וועט שמעקן אין די נאָז־לעכער פון די פרומע אידן אויף דער גרויסער משיח־סעודה. מען האָט געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער, מען האָט זיך געהאַלזט און געקושט, און געפילט אין אַלע אברים די זיסקייטן פון געווינען אַן אנטשלאָסענעם קאַמף.

קאַפּיטל זעקס־און־דרייסיק

אין אויפשטאַנד

די נאַכט איז אויך געווען אַ זיסע, אַ געשמאַקע. נישט קוקנדיק אויף דער האַרטקייט, אונטערן רוקן און קאָפּ, איז עס אויסגעקומען ווי מען וואָלט געשוואומען אויפ׳ן פלאַך פון אַ זייער גרינגער זאַך. אַ זיג איז אַ זיג אפילו ווען ער האָט זיך שוין געענדיקט; ווען מען קומט צו זיך פון די שווערקייטן פון קאַמף, פילט זיך נאָך שטאַרקער די דערלייכטערונג, ווי שטיינער וואָלטן אַראָפּגענומען געוואָרן נישט נאָר פון אייער וועג, נאָר אויך פון אייך גופא. עס איז געווען ביי אונז אַ סעסיע פון ספּעקולאַציע, פון האָפנונגען, פון גרויסע פאַרויסשטייענדיקע זיגן. מיר האָבן שוין גערעדט וועגן אַ פולשטענדיקן זיג איבערן צאַריזם און באַטראַכט אונזער קליינעם זיג אין טורמע, ווי אַ פאָר־פּאָסטן פון אומבאַדינגטע, נאָכפאָלגנדיקע זיגן. מיר האָבן געקוקט אויף זיך ווי אויף סאָלדאַטן וואָס זיינען אַהיימגעקומען נאָך הייסע שלאַכטן.

אָבער די אדמיניסטראַציע האָט זיך, קענטיק, נישט באַטראַכט ווי אַ באַזיגטע. זי האָט זייער שנעל אויפגעגעבן איר מילדקייט און אַנערקענונג פון אונזער מאַכט. ווען מען האָט אָנגעהייבן צוציאָגן אונז מיט אַ שנעלערן טעמפּאָ, אפילו ביי פאַרמאַכן די טיר פון דער צעל, האָט דער שליסער זיך געיאָגט — נו, גיכער שוין, גיכער! שטייט נישט אין מיטן ווי איר וואָלט דאָ געווען אַ „טשאסאוואַי." אָבער מיר האָבן נאָך אַלץ אויף זיך געטראָגן די קרוינען פון זיג. מיר האָבן זיך גראָד נישט געאײַלט פאַרשלאָסן צו ווערן: מיר האָבן גערעכנט אויפצומאַנען אַלע אונזערע זיגן נאָך מיט אַ ביסעלע איבערוואָג. מיט איין וואָרט עס איז נאָך אַלץ געווען גוט.

נאָכן פרישטאָג עסן האָבן מיר גענומען מאַכן פלענער פאַר אַ גרויסער „וויפּיסקע". מיר האָבן צוזאַמענגענומען דאָס געלט וואָס מיר פאַרמאָגן, און אָנגעהויבן אויסצורעכענען וואָס פאַר אַ פּראָדוקטן מיר דאַרפן נאָך האָבן, כדי נישט צו בלייבן קיין הונגעריקע און פאַרפראָרענע. מען האָט, נאַטירלעך, דערוואָרט די באַזוכן פון עלטערן, פון פרויען, פון שוועסטער און ברידער, און פון נאָענטע פריינט. און מיר האָבן געוואויגן די מעגלעכקייטן פון יעדן איינעם צו ברענגען זיי וואָס עס איז. איך בין געווען נישט פון די זייער פאַרמעגלעכע, אָבער צוגעזאָגט אַז מיין מוטער אָדער שוועסטער וועלן ברענגען קענדלעך מיט קאַקאָ אָדער שאָקאָלאַד. אַנדערע האָבן אויף זיך גענומען אַז זיי זאָלן קריגן פלייש אָדער פיש פּראָדוקטן. גאָר אַן אַנדערער האָט זיך באַנוגנט מיט פעקלעך מאַכאָרקע. עס איז ביי אונז געבליבן בלויז איינער, דער קליינער בערישל וואָס האָט צוגעזאָגט אַז זיין מומע וועט מסתמא ברענגען אַ הערינג. עס איז אונז אָנגעקומען די סלונע אין מויל ווען מיר האָבן דערהערט דאָס וואָרט הערינג. בקיצור, מיר האָבן זיך צוגעגרייט צו האָבן אמת׳ע באַנקעטן לכבוד אונזער זיג. אָבער אין סאַמע מיטן פון אונזער שמחה, הערן מיר עפּעס אַ מין גערודער אין דרויסן, קומענדיק פון אַנדערע קאַמערן. מיר ווערן אָנגעשפּיצט. מיר ווילן וויסן וועגן וואָס האַנדלט זיך דאָרט. ערשט, מיר דערוויסן זיך אַז עטלעכע פון אַ קאַמער אויפן אונטערשטן שטאָק האָבן זיך געקליבן באַזוכן דעם קאַמער וואו עס געפינען זיך די עלטערע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן אויפן פערטן שטאָק. דער שליסער האָט זיך אָפּגעזאָגט זיי אַריינצולאָזן, איז עס געוואָרן אַ טומל — סטייטש מיר האָבן דאָך געוואונען אַלע פּונקטן!

אין איין שעה אַרום איז דער טומל אין די קאַמערן געוואָרן נאָך גרעסער. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז די אדמיניסטראַציע קלייבט זיך טיילן פון אונז איבערצושיקן אין אַ אַנדערע טורמע. מען האָט שוין געקליבן נעמען פאַר דעם צוועק. ווען איך האָב דערהערט, האָב איך באַשלאָסן זיך

גלייך אריבערצוכאַפּן אין דעם קאַמער וואו עס געפינט זיך קאַקאַטשינסקי, אָדער אַם וויניקסטנס, דאָרט וואו עס געפינען זיך הערש לייב און יאַנקל קאַציק. צו קאַקאַטשינסקי׳ן האָב איך נישט געקענט צוקומען. האָב איך זיך קוים מיט צרות דערשלאָגן צום צווייטן וויזיט. איך האָב געפונען הערש לייב׳ן און קאַציק׳ן אין אַ זייער גוטער שטימונג. דער זיג איז זיי נאָך געלעגן אויפן צונג. אָבער איך האָב אַ ביסל קאַליע געמאַכט זייער שטימונג מיט דער ידיעה אַז מען גייט צערייסן אונזער אייניגקייט דורך אַוועקשיקן אַ טייל פון אונז אין אַן אַנדער טורמע. מיר האָבן זיך מישב געווען וואָס צו טאָן. מיר האָבן באַשלאָסן זיך צענויפרעדן מיט די אַנדערע עלטערע חברים און אויס־הערן זייער מיינונג. עס איז געווען פאַר אונז קלאָר, אַז נישט נאָר ווילן זיי זיך אָרויסוואַרפן פון דערפּילן אונזערע פאָדערונגען, נאָר זיי ווילן אויך צעברעכן אונזער אייניגקייט, אַזוי אַז מיר זאָלן שוין נישט קענען אָרגאַניזירן אַ צווייטן סטרייק. איבער צוויי שעה בין איך אָפּגעזעסן מיט זיי און פאַר־בראַכט. מען האָט מיר ווידער אַמאָל געבעטן זינגען מיין העברייאישע איבער־זעצונג פון אַנסקי׳ס „אין געזאַלצענעם ים״, און איך האָב עס געזונגען מיט דעם פיבערטאָן וואָס אונזער זיג האָט אונז אָנגעשטעלט. איין חבר, אַ פריקאַזטשיק מיטן נאָמען אַבראַמסאָן, האָט אונז איינגעטיילט שטיקער וואורשט פון זיינעם אַ פּעקל וואָס ער האָט געקריגן צוגעשיקט, און מיר האָבן גע־כראַמשקעט ברויט מיט וואורשט און זיך מיט דעם משמח געווען.

דער טעם פון דעם וויזיט איז מיר דערנאָך געלעגן אַ היבשע צייט אין די ביינער. ער איז אָבער אָפּגעווישט געוואָרן צו אָוונט צו, ווען אַ פאָרשטייער פון דער קאַנצעלאַריע האָט מיך אַרויסגערופן צום נאַטשאַלניק, און געמאָלדן מיר אַז איך ווער אַרויסגעשיקט צו זיין אויפן אונטערשטן שטאָק אין קאַמער זיבן. דאָס האָבן מיר פאַרשטאַנען, הייבט זיך שוין אָן די דורכפירונג פון אַ ליניע צו צעברעכן אונזער אייניגקייט וואָס איז שוין איינגעשטעלט געוואָרן דורך די קאַמערן.

מען האָט מיר געשיקט אין אַ קאַמער וואו עס זיינען געזעסן צוויי דייטשע אַרבעטער, יאָהאַן האָפּמאַן און נאָך איינער, וואָס איך האָב פאַרגעסן זיין נאָמען. מיר האָבן זיך גלייך אַלע באַפריינדעט, דערציילט זיך מעשיות וועגן אונזערע לעבנס, געזונגען לידער און האָפּמאַן איז צו מיר צוגע־שטאַנען אַז איך זאָל אים אויסלערנען דאָס ליד פון דוד עדלשטאַט, „סאָפיאַ פּעראָווסקאַיאַ״. איך האָב דאָס ליד בכיוון פאַרגרייזט מאַכנדיק עס נאָך מער פאַרדייטשט ווי עדלשטאַט האָט עס געטאָן. האָפּמאַן איז געווען אויפן זיבעטן הימל. ער האָט עס געזונגען און געזונגען.

אויף מאָרגן האָב איך געפּראַווט נעמען פון דער ביבליאָטעק אַ געבונ־

דענעם גאַנג פון דעם מאַנאַטלעכן וויסנשאַפטלעכן זשורנאַל „מיר באַזשי".
איך האָב דאָרט געפונען אַ גאַנצן אוצר פון ביאָלאָגישע אַרטיקלען. די צווי
דייטשן האָבן מיר געבעטן איבערצוזעצן עס אין דייטש. איך האָב דאָס
געטאָן, און ארויסגערופן מיט דעם אַ ריי דעבאַטן דורכן גאַנצן טאָג. דער
טאָג איז דורכגעגאַנגען פאַרהעלטעניסמעסיק שטיל, אָבער אויף מאָרגן אין
דער פרי האָט די טורמע אָנגענומען אַ כאַראַקטער וואָס איך האָב זיך קיין
מאָל נישט געקענט פאָרשטעלן, — אַן אָנבליק פון מלחמה — עס האָט זיך
געהערט ווי אַ מין שטורעם פון דעם וויטנס, אָבער וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער
און דראָענדיקער. אין אָנהייב ווייסן מיר נישט אין וואָס עס האַנדלט זיך,
אָבער מיר הייבן אָן אָנצוקלייבן ביסלעכווייז פון די אויסגעשרייען וואָס טראָגן
זיך אין דער לופטן, אַז עס איז צרות. אַרעסטאַנטן שטעלן זיך קעגן באַנייען
די אַלטע פירונגען און די אדמיניסטראַציע פּרוּוט זיי איינשרעקן און
איינצאמען. וואָס אַמאָל, קומען די געשרייען נעענטער, ווי זיי וואָלטן אונז
מיט דעם מאָבילזירט צו אַ נייעם קאַמף. „מיר וועלן נישט לאָזן זיך איבער־
שרעקן! מיר וועלן נישט צוריק אָנטאָן די קייטן פון פריער! מיר האָבן
מיט אונזער בלוט און פלייש פריער געקעמפט און מיר וועלן עס טאָן אַ
צווייטן מאָל!" די דאָזיקע ווערטער האָבן געצונדן אונזער בלוט און מיר
האָבן אויך גענומען ביסלעכווייז קלאַפּן אין טיר.

ערשט, מיר באַמערקן אַז מיר האָבן אַרום זיך אָנגעהויבן אָן אמת׳ע
קלאַפּעריי ווייל אַלע קאַמערן אַרום אונז האָבן אָנגעהויבן צו שטורעמען
די טירן און די פענסטער. מיר האָבן אָפּגעריסן די צודעקן פון די נאַכט
קוּבלען און מיר האָבן אָנגעהויבן צו קנאַלן מיט זיי וואו נאָר עס האָט זיך
געלאָזט. בלויז עטלעכע מינוטן האָבן אָפּגעקלונגען אונזערע כלים סאָלאָ.
אָבער באַלד האָט אַ גאַנצער אָרקעסטער פון לויז־געלאָזענע אייזנס און בלעכן
זיך אַ לאָז געטאָן אין אַ שטורעמישער קלאַפּעריי און געהילך, אַז די ווענט
האָבן געציטערט. פון די וואָלקנס אויפגעהויבענעם שטויב האָט מיר אָנגעג־
הויבן צו שטיקן אין האַלז, און אַזוי אויך ביי מיינע חברים, אַז מיר האָבן
אָנגעהויבן צו זוכן וואַסער, און מיט דעם ביסל וואָס איז געווען האָבן מיר
זיך איינגעטיילט און ווייטער אריינגעפאַלן אין דעם שטויביקן שטורעם פון
בראַזגען, געהילכן און קראַכן. (איצט, באַלד זיבן־און־פופציג יאָר נאָך דעם
ווילדן, שטורעמדיקן אויסברוך, ווען איך שרייב וועגן דעם, פיל איך דעם
שטויב אין מיין האַלז און אין די אויגן.)

נייין, קאַלט איז אונז שוין דעמאָלט נישט געווען. די גאַנצע טורמע
האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ברויזנדיקן אויפשטאַנד. מען האָט געריסן
שטיקער פון די ווענט, פון די טירן און פענסטער. דער בראַזג פון צעבראָ־

כענעם גלאָז און פון די געריסענע ווענט, האָט געקענט אָנגענומען ווערן ווי אַן אַרטילערישער שטורעם אויף אַ פעסטונג. אין גיכן האָבן זיך באַוויזן סאָלדאַטן מיט ביקסן, ארום און אַרום דער טורמע. עס האָבן זיך געהערט וואָרנונגען אַז מען וועט טויט שיסן יעדן איינעם וואָס וועט פּרוּוון אַנטלויפן. דער גובערנאַטאָר אליין איז געקומען אָפּגעבן די קאָמאַנדעס צום מיליטער. מיר זיינען אַלע געווען אויסער זיך. מיר האָבן שוין נישט געוואוסט וואָס מיר טוען. ווען מיר וואָלטן האָבן אויפרייס מאַטעריאַלן, וואָלטן מיר מסתמא אין דער דאָזיקער היציקער שטימונג אויפגעריסן די גאַנצע פעסטונג וואָס די טורמע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט. שעה'ן לאַנג האָבן מיר אַזוי געקעמפט, ביז סאָלדאַטן זיינען אַריין אינווייניק מיט געווער, און אַנגעשטעלט אויף יעדן קאַמער די אויגן פון טויט. ביסלעכווייז זיינען מיר אַזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אַז מיר זיינען געפאַלן ווי פליגן פון אונזער אייגענער אויסשעפּונג. מיר האָבן נישט געקענט כאַפּן די אָטעמס. מיר זיינען געבליבן ליגן ווי געבונדענע שעפסן, און אָפּגעמאַכט ביי זיך — זאָל זיין וואָס וועט זיין. מיר האָבן געמוזט רעאַגירן מיט עפּעס אויף אָפּנעמען צוריק אונזערע שווער געוואונענע פּאָזיציעס.

ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוואוסט, האָבן זיך אין דעם דאָזיקן שטורעמען פון די ווענט און טירן, אויך באַטייליקט דער גרעסטער טייל פון די קרימינאַלע ארעסטאַנטן, און די אדמיניסטראַציע האָט זיך צום טויט דערשראָקן פאַר אירע פאַרזוכן. „אנשטאָט צו צעברעכן די איינהייט פון די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן האָבן מיר סוף כל סוף געשאַפן אַ נייע איינהייט צווישן די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן און קרימינעלע", האָט מען געשמועסט צווישן די שליסער און אַנדערע נידעריקע באַאַמטע.

דער לעצטער קאַמף האָט זיך לענגער געלאָזט פילן צווישן אונז ווי דער קאַמף פון הונגער סטרייק. מיר זיינען אַלע געווען אָפּגעשוואַכט קערפּערלעך, אָבער גייסטיק האָבן מיר זיך געפילט אַז מיר זיינען שטאַרק. מיר האָבן דורך די לעצטע צוויי אַקציעס באַוויזן אַז מיר זיינען ווערט דעם נאָמען רעוואָלוציאָנערן, אויב די זשאַנדאַרמעריע וועט אונז באַשולדיקן אַלס אַזעלכע. מיר האָבן זיך געוואונדערט ווי אַזוי די אדמיניסטראַציע וועט דורכפירן די שפּאַלטונג אין אונזערע רייען — וועמען זי וועט איבערלאָזן אין קאַליש, און וועמען זי וועט איבערפירן אין אַן אַנדערע טורמע. אין גיכן האָט מען מיר געלאָזט וויסן אַז איך זאָל זיך צוגרייטן צו אַ נייער טורמע, אַז מען וועט מיר שיקן אין דער שעראַדזער טורמע אין דער זעלבער קאַלישער גובערניע. איך האָב זיך דערוואוסט אַז אויך מיין פריינט, יאנקל קאציק, וועט אויך גיין אַהין. איך האָב גלייך געשריבן אהיים אַז אויב מען קלייבט זיך מיר צו באַזוכן,

זאָל מען שוין אָפּוואַרטן ביז וואַנען איך וועל זיין אין דער שעראַדזער טורמע. עס איז נעענטער צו לאָדזש.

מיין חשבון איז אָבער געווען אַ פאַלשער. איידער די שפּאַלטונג איז דורכגעפירט געוואָרן האָבן שוין אָנגעהויבן דורכגעפירט ווערן „סווידאַניעס". מען האָט אונזער „קאָמונע" אָנגעבראַכט פון אַלעם גוטן — פּעק מיט מצה, געררויכערטע פלייש און פישן. איינער האָט געקריגן אַ גאַנץ לאַנגן וואורשט, אַנדערע — גריוון, שמאַלץ, פּוטער, פאַרשיידענע קעזן, און אפילו געבראָטענע גענדז. דער איינער וואָס האָט גאָרנישט געקריגן, איז געווען דער קליינער בערישל. אַלס יתום האָט ער געוואַרט אויף זיין מומען, געוואַרט, געוואַרט, און זיך נישט געקענט דערוואַרטן. מיר האָבן אַלע געדענקט אַז זי דאַרף ברענגען אַ הערינג, אָבער זי איז אַלץ נישט געקומען. ווען מיר האָבן זיך דערוואוסט אַז אָט, אָט קומט זי שוין, האָבן מיר אַלע דערפילט דעם טעם פון הערינג אויף אונזער צונג. און אָט, איז זי שוין טאַקע געקומען: מיט וואָס פאַר אַ גדלות דער קליינער בערישל איז זי אַרויסגעקומען באַגעגענען. זייער „סווידאַניע" האָט נישט לאַנג געדויערט. ער איז באַלד צוריקגעקומען. מיר אַלע האָבן געקוקט אויף זיינע הענט צי ברענגט ער עפּעס מיט זיך. זיי זיינען אָבער געווען ליידיק. די ערשטע פראַגע וואָס מיר האָבן אים געפרעגט איז געווען, „בערישל, וואו איז דער הערינג וואָס די מומע האָט דיר געדאַרפט ברענגען?" בערישלן האָט אָפּגעגאָסן אַ לייכטער שווייס. „מיין מומע האָט געזאָגט אַז זי האַנדלט מער נישט מיט הערינג". דער געלעכטער וואָס האָט אַרויסגעפּלאַצט פון זיין ענטפער איז געווען ווי אַ מין קאַמפּאַט.

מיין מוטער איז געקומען בלויז מיט עטלעכע טעג שפּעטער נאָך בעריש׳ס סווידאַניע. זי האָט געבראַכט זעקס קענדלעך מיט קאַקאָ און צוויי קענדלעך טשאָקאָלאַד. „אַ צווייטן מאָל וועט זי ברענגען, אויב זי וועט קענען, עטלעכע קענדלעך ביר". דאָס האָבן עטלעכע מיר געבעטן. אָרעמע מאַמע, ווען זי זאָל וויסן אַז זי וועט שוין נישט קענען ברענגען די דאָזיקע אַרעס־טאַנטן קיין ביר אין קאַליש, אַז מען פאַרשיקט מיך אין שעראַדזער טורמע...

ווען דער טאָג איז געקומען צו פאַרשיקן אַ גרופּע פון עטלעכע צוואַנציק מאַן אין דער שעראַדזער טורמע, האָט איינער פון אונז שוין געקריגן אַ בריוו טאַקע פון שעראַדזער טורמע. דאָס איז געווען פון דעם רוסישן אַרעסטאַנט, ניקאָליי וואָלינסקי, אַ שלאָסער אַרבעטער וואָס האָט שוין דורכגעמאַכט פיל, פיל טורמעס און מיטגעמאַכט מיט אונז דעם הונגער סטרייק אין קאַליש. פאַר אים האָט די טורמע אדמיניסטראַציע געציטערט מער ווי פאַר אַלעמען. ער איז געווען פון די ערשטע וואָס מען האָט פאַרשיקט קיין שעראַדז, נאָך בעת דער סטרייק איז אָנגעגאַנגען. איצט האָבן מיר שוין פון אים אַ בריוו.

דער סאַמע עיקר פון דעם איז אַז שעראַדז איז נישט קיין ערגערע טורמע ווי קאַליש. פאַרקערט, זי האָט פיל מער „מעגלעכקייטן". מיר האָבן אפילו גע׳פּועלט צו פייערן דעם ערשטן מאַי אין די קאַמערן אָן שום שטערונג. ער האָט אונז בלויז געבעטן נישט צו מאַכן קיין גערודער אַז מען זאָל אין דרויסן פון דער טורמע זיך נישט דערוויסן אַז זיי פייערן דעם ערשטן מאַי. דער דאָזיקער בריוו האָט אונז דערפרייט, ספּעציעל מיך, וואָס איך האָב נאָך אַלץ געציטערט אַז מען וועט אונז אָנמאַכן גרויסע צרות.

אין עטלעכע טעג ארום האָט מען אונז אָפיציעל געלאָזט וויסן אַז דעם 30־סטן אַפּריל וועט מען אונדז אַפּשיקן מיט דער באַן קיין שעראַדז — אַז מיר זאָלן אַלץ האָבן גרייט און נישט פאַרגעסן קיין זאַכן אין קאַליש. אזייגער אַכט אין דער פרי האָט מען אויפגעוועקט די אַלע וואָס דאַרפן גיין מיט דער דאָזיקער גרופּע „פאַרשיקטע". מיר האָבן געפילט אַ געוויסן צי אין האַרצן וואָס מיר דאַרפן דאָ איבערלאָזן די אַלע איבעריקע חברים אין די הענט פון דער פאַלשער, גרויזאַמער אַדמיניסטראַציע. מיר האָבן זיך געזעגנט מיט קושן און שטאַרקע האַנט־גריפן. ווען אונזערע פורן האָבן אַ צי געטאָן, האָבן אונז אין די אויערן געקלינגען די לעצטע שורות פון דער מאַרסעלעזע, „שטייט אויף איר אַרבעטס־לייטע!" און אַזוי זיינען מיר געפאָרן, זינגענדיק די איבעריקע פּערזן פון דער מאַרסעלעזע.

די קאַנוואָינע סאָלדאַטן האָבן אונז עטלעכע מאָל געבעטן נישט צו זינגען און נישט אויסצושרייען קיין לאָזונגען ווען מיר וועלן אָנקומען קיין שעראַדז. מיר האָבן זיי צוגעזאָגט אַז מיר וועלן זיין שטיל ווי די קאָטינקעס. אָבער מיר האָבן דאָס מאָל נישט געהאַלטן קיין וואָרט. ווי מיר האָבן זיך דערנענטערט צו שעראַדז, האָבן די הערצער ביי אונז געקלאַפּט אַזוי ווי בייע זייגערס. אַנדערע האָבן געמיינט אַז מיר וועלן דאַרפן דורכגיין אַ „פייער־בראַנד", וואו מען שלאָגט פוןביידע זייטן. אָט קומען מיר שוין אריין אין שעראַדז. דאָס טיילוויז טעקסטיל שטעטל איז שטיל און רואיק. ווי עס וויזט אויס האָט מען אונז קיינער נישט דערוואַרט. אָבער אַז מיר האָבן צוגעמאַרשירט נעענטער צו דער טורמע, האָבן מיר דערהערט עפּעס זייער באַקאַנטע קלאַנגען און טענער. „דאַכט זיך אַז דאָס איז די מאַרסעלעזע? ניין?" און אַן אַנדערער, „וואָס פאַר אַ מאַרסעלעזע? דאָס איז דאָך דער אינטערנאַציאָנאַל." מיר שטעלן אָן מויל און אויערן — עס איז טאַקע דער אינטערנאַציאָנאַל, און באַלד דערנאָך, „הורא" געשרייען. און אָט מאַרשירן מיר אריין אין דעם טורמע הויף און אונזערע אויגן גלויבן נישט דאָס וואָס מיר זעען — אַ פּולע, פונקציאָנירנדיקע מאַי דעמאָנסטראַציע — דעמאָנסטראַנטן מאַרשירן אין געגוי געמאָסטענע רייען, גייען בראַוו און אַנטשלאָסן.

דער אַנפירער מיט אַ רויטער פאַן אין האַנט, קוקט זיך אַלע ווײַלע אונטער זיך, און מאַרשירט מיט אַ מאָדנער עקשנות. ערשט, — צי דאַכט זיך עס, צי וואָס? איז דאָס נישט ניקאָליי וואָלינסקי, דער נײַער איבערגעשיקטער, אָדער וואָס? אַלע דערקענען אים, דאָס איז טאַקע ער. ער גייט מיט אַזאַ שטאָלץ און וואגונג, אַז די ערד ציטערט אונטער אים. מיר ברעכן גלײַך אַלע אויס אין אַ גוואַלדיקן „הורא“ געשריי, „נעך זשיע פיערשי מאַי! נעך זשיא ספּראווא ראַבאָטניטשע!“ וואָס איז נאָכגעפּאָלגט געוואָרן פון אַ נאָך שטאַרקערן הורא פון די מאַרשירנדיקע דעמאָנסטראַנטן.

די פרייד ביי אונז איז געווען אַ פאַר־שיכור׳נדיקע און איבער־וועלטנדיקע — אַט קומען מיר מיט מורא ארײַן אין אַ נײַער טורמע, און אַט האָבן מיר גאַר געמאַכט אויפצושטורעמען איר מיט רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען. עס העלפן נישט די אַפּעלירונגען פון דעם טורמע נאַטשאַלניק, אַן עלטערער מיליטעריש־געבויטער מאַן וואָס איז שוין היפּשלעך איבער־געבויגן — „טייבעלעך“, זאָגט ער אונז. איך האָף אַז איר קומט אַהער מיט פרידלעכע צוועקן. וואָס שטילער מיר וועלן זיך, אַלץ בעסער וועט אונז ווערן. מיר האָבן פאַר איך צוגעגרייט אַ גוטן מיטאָג פון אַרבעס זופּ. מיר האָבן אַלע אַפּלאָדירט זײַנע רייד און זײַנען ביסלעכווייז פאַרשוואונדן געוואָרן אין די פאַרשיידענע קאַמערן. (אפשר האָב איך דאָ פאַרגעסן צוצוגעבן אַז וואָלינסקי האָט גלײַך איבערגעגעבן די רויטע פאַן אין די הענט פון יאַנקל קאַציק. עס איז געווען אַ רירנדיקן מאָמענט צו זען ווי די צוויי פּראָלעטאַריער פאַרשטייען זיך איינער דעם אַנדערן).

אונזער קאַמער איז געווען אַ גרויסע. אפשר דריי מאָל אַזוי גרויס ווי די וואָס מיר האָבן געהאַט אין קאַליש. די פענסטער, פיל ליכטיקער און גרעסער ווי אין קאַליש; די קויקעס אויף וועלכע צו שלאָפן — פיל גרעסערע און פיל ריינערע ווי אין קאַליש. פאַר יעדן איינעם, אַ פּלאַץ צו שלאָפן. די שליסער — גוט־מוטיקע פּאָליאַקן, וואָס ווייסן וואָס „פּאָליטישע“ זײַנען. מיט איינער פון זיי האָבן מיר גלייך געשלאָסן אַ גוטע באַקאַנטשאַפט. פון זײַנע אַנוואונקען האָבן מיר פאַרשטאַנען אַז ער איז מער ווי סימפּאַטיש צו אונז. ער האָט אונז גלייך געגעבן צוקער און טאַבאַק און געזאָגט דערביי אַז ער וויל דערפאַר קיין געלט נישט. מיר האָבן דאָס זייער טיף אָפּגעשאַצט און אים נישט אָנגעמאַכט קיין שום צרות.

אויף דער פּראָגולקע האָבן מיר אויסגעפונען אַז דער טורמע־הויף האָט פיל ארבעט־שעפער וואָס ווערן געהאַלטן זייער ריין. אַרום די אַרבעט שעפער — ביימער און גראָזן. די אַרבעטער זאָגן אַז אין אַזעלכע פּלעצער וואָלטן זיי אליין געוואָלט אַרבעטן. דאָ און דאָרטן, קוסטעס מיט בלומען.

אין איין פלאַץ איז געווען אַ גאַנצער גאָרטן פון אַזעלכע בלומען. מיר האָבן אַלע געזאָגט אַז דאָס איז אַן אויסנאָם פון אַ טורמע, און געקלערט וועגן שיקן אַ בריוו צום נאַטשאַלניק פון דער קאַלישער טורמע, דאַנקנדיק אים פאַר די שטראָף וואָס ער האָט אונז געגעבן. מיר האָבן אָבער קיין מאָל אַזאַ בריוו נישט געשיקט.

די פּראָגולקעס זיינען דאָ אויך געווען לענגערע ווי אין קאַליש; — עפּעס מער ווי אַ האַלבע שעה. פלעגן מיר זיך אָנשעפּן מיט פרישער לופט און בלומען ריחות. דאָס עסן — אויך בעסער... אין איניקע פּרטים, פיל בעסער. די פליישׂ, — גרעסערע פּאָרציעס. שפּילן אין שאָך און דאַמקע האָט אונז קיינער נישט געשטערט. האָבן מיר, הייסט עס, געהאַט אַ שטיקעלע גן־עדן. מיר האָבן אָבער נישט געוואוסט וואָס עס שטייט פאַר אונדז נאָך פאָר. דערוויל האָבן מיר זיך צוגעוואוינט צום נייעם פּלאַץ, געזעסן, געשפּילט, געלייענט און געוואָרט אויף די פּראָצעסן.

קאַפּיטל זיבן־און־דרייסיק

אַ קורצער פרילינג אין שעראַדז

אונזער קאַמער איז געווען אין סאַמע עק פון דעם טורמע הויף, אָנגעשפּאַרט אויפן שטאָט גאָרטן, וואָס האָט אריינגעשיקט צווייגן אפילו אין אונזער פענצטער אריין. דער אָנהייב איז געווען מיט בליאונג און פיינע פרילינג ריחות. עס האָט זיך נישט געגלויבט אַז דאָס זיצן מיר אין אַ טורמע. עס איז געווען מער ענלעך צו אַ פּאַרק. פייגל האָבן אריינגעזונגען יעדן פרי־מאָרגן לידער פון זון און אויפלעבונג. מיר פלעגן מיט זיי אויפשטיין און אין אָוונט, פאַרשליסן אונזערע אויגן אין שלאָף. אונזערע פּראָגולקעס אויפן הויף פלעגן שוין ווערן פון אונז אָפּגעהיט ווי אַ מין ריטואַל, צו זען ווי די בלומען „שעפּשען תפילות״. מיר האָבן געהאַט אַזוי פיל נחת פון די דאָזיקע בלומען וואָס האָבן זיך געצויגן אין בייטן אויף שטרעקעס פון צענדליקער פיס. ביי איניקע פלעגן מיר זיך אָפּשטעלן און קוקן אויף זיי מיט נחת, ווי אויף וואַקסנדיקע קינדער.

אָבער איין מאָל האָט געטראָפן אַטוואָס. איינער פון די וועכטער, וואָס האָט אונז מאַרשירט אויף דער פּראָגולקע, אַ פּאַר׳עקשנ׳טער מיסאַנטראָפּ, וואָס האָט נישט געקענט צוזען אונזערע אויפגעבליטע געמיטער ווען מיר דערזעען די בלומען, האָט מוטוויליק ארויסגעגעבן אַ באַפעל, „שטעלט זיך נישט אָפּ ביי קיין בלומען! איך פיר אייך דאָ נישט אויף קיין אויסשטעלונג! פאַרגעסט נישט! דאָ איז אַ טורמע, און אפילו די בלומען זיצן דאָ אויך אין טורמע!״

מיר האָבן אַלע אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער — „אַנו, זאָל ער אויך געבן מאַרש באַפעלן צו די בלומען.“ מיר האָבן דאָס ארויסגעשריען אין פּויליש; אויב ער האָט נישט פאַרשטאַנען די ווערטער, האָט ער אָבער באַנומען דעם אויסלאַכערישן טאָן פון דעם אויסרוף. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ווי עס שטעלט זיך אָפּ אַן אויפגערעגטער אָקס, ווען ער באַשליסט זיך אויף אַן אַטאַקע. פון די אויגן זיינע האָבן געשפּריצט פונקען פון צאָרן. ער האָט אַרויסגעכאַפּט זיין שווערד פון דער שייד און זיך געלאָזט ווי אַ שניטער צו שטעקעווען די בלומען מיט אַזאַ כעס און הינטישקייט, אַז מיר זיינען אַלע פאַרציטערט געוואָרן. רייע נאָך רייע האָט ער געשניטן און געהאַקט ווי קרויט. אויסגעהאַכט איין ריי, גענומען זיך צו אַ צווייטער. און אין איין אָטעם, געקאַטעוועט און געשניטן, און מיר האָבן געפילט ווי ער וואָלט אונז איבערגעשניטן די העלדזער. זיין יעדע אַטאַקע איז דאָך געווען מער אויף אונדז ווי אויף די בלומען. דאָס האָט ער באַשלאָסן צוצונעמען פון אונז די פרייד פון קאָליר און לופט. און אַלע האָבן מיר געפילט כמעט דעם זעלבן געפיל, ווי אַנצופאַלן אויף אים און אַרויסרייסן די שווערד פון זיין לאַפּע.

ווען וואַלינסקי וואָלט דאָ געווען אין דער גרופּע אויף דער פּראָגולקע, וואָלט ער דאָ אַנדערש געהאַנדלט, האָב איך זיך געטראַכט. ער וואָלט אים שוין אַנגעלערנט. אָבער פאַרוואָס זאָלן מיר, עטלעכע און צוואַנציק אַזעלכע אַרעסטאַנטן ווי ער, נישט רעאַגירן אויף אַזאַ ווילדן טאַט? מיר האָבן גלייך זיך פאַנאַנדערגעלאָזט פון דער גרופּע, אַוועק אליין מיט פּראָטעסט צוריק אין די קאַמערן, און צווישן זיך באַשלאָסן באַקאַנט מאַכן די גאַנצע טורמע מיט דעם דאָזיקן ווילדן אָנפאַל פון דעם שיכור און צוזאַמען פאָדערן פון דעם נאַטשאַלניק אַז זיין פּוס, דעם בלומען־מערדער׳ס זאָל שוין נישט טרעטן אין דעם טורמע הויף. דאָס איז געווען אונזער באַשלוס. די פאָדערונג האָבן מיר פאַרפעסטיקט מיט דער וואָרנונג, אַז פאַר קלענערע אורזאַכן האָבן מיר געסטרייקט אין קאַלישער טורמע. אונזער פאָדערונג איז גלייך פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַלע קאַמערן וואו עס זיינען נאָר געזעסן פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. אַלע האָבן אָנגענומען די פאָדערונג, זיך אונטערגעשריבן מיט די נומערן פון יעדן קאַמער, און דאָס דערלאַנגט דעם נאַטשאַלניק. ווען וואַלינסקי האָט געהערט פון דער דאָזיקער אַקציע, איז ער אַראָפּגעלאָפן אין דער קאַנצעלאַריע און האָט דאָרט דעם נאַטשאַלניק געגעבן אַ לעקציע ווי אַזוי צו האַלטן דעם טורמע שטאַב אין דער געהעריקער פּראָפּאָרציע פון אויפזעער און היטער. ווען אַ טורמע וועכטער האָט פאַר זיך אַזאַ שיינעם, בליענדיקן גאָרטן פון בלומען צו האַלטן אין אָרדנונג און אין גאַנצקייט, דערוואַגט זיך צו פאַר־ניכטן אַן אינסטיטוציע וואָס איז געווען אַ נחת פאַר הונדערטער אַרעס־

טאַנטן, דאַרף ער קריגן די אמת׳ע לעקציע... — אויב איך וועל אים נישט אויספּאַטשן, זאָל דאָס דער נאַטשאַלניק טאָן מיט זיינע אייגענע הענט.

דער נאַטשאַלניק האָט דאָס נישט געטאָן. ער האָט אים בלויז אָראָפּ־גענומען פון יענעם אַמט אויף פּראָגולקעס, אָבער מיר האָבן אים אויף מאָרגן צוריק געזען אין טורמע הויף. מיר האָבן אָבער דעם ענין נישט אויפגעגעבן. מיר האָבן נאָכאַמאָל געשיקט אַ פּראָטעסט בריוו צום נאַטשאַלניק און אָנגע־זאָגט אַז דעם קומענדיקן מאָנטאָג וועלן מיר דערקלערן אַ הונגער סטרייק אויב ער וועט נישט נאָכפאָלגן אונזער פאָדערונג. פאַרוואָס דער נאַטשאַלניק האָט אזוי פאַרצויגן דעם ענין, ווייסן מיר נישט. ער האָט בלויז צוזאַמען מיט זיין געהילף באַזוכט יעדער קאַמער און געפרעגט צי האָט מען עפּעס אויף דעם וועכטער עפּעס צו באַקלאָגן. ער האָט זיך, ווי עס ווייזט אויס, איינגערעדט אַז דאָס האָבן בלויז די פירער באַשלאָסן צו באַשטראָפן אַזאַ טרייען טורמע וועכטער. אָבער דער כלל ארעסטאַנטן האָט גאָרנישט צו טאָן מיט אַזאַ פאָדערונג. וואָס מען האָט אים געענטפערט אין יעדן קאַמער באַזונדער, ווייס איך נישט; אָבער אונזער קאַמער האָט אים געענטפערט אַז מיר ווילן אַזאַ „ראַזבוינניק" נישט אָנפאַרטרויען דעם לעבן אַפילו פון אַ בידנער קאַץ, שוין נישט רעדנדיק וועגן דעם לעבן פון בלומען, אָדער מענטשן וואָס זיינען מער ווי בלומען. דער נאַטשאַלניק האָט צוגעזאָגט אַז ער וועט בעסער באַטראַכטן דעם ענין. מיר האָבן אָבער נישט געוואַרט. מיר האָבן באַשלאָסן צו דערפילן וואָס מיר האָבן געזאָגט. מאָנטאָג אין דער פרי האָבן מיר אָנגעהויבן דעם סטרייק. — צוריק אָפּגעשיקט אַלע צעבערס מיט עסן פון אונזערע קאַמערן. דער נאַטשאַלניק האָט גיך אָנגעהויבן אַרומצולויפן איבער אַלע צעלן און זיך געבעטן, „טייבעלעך, וואָס האָט איר צו מיר? וואָס האָב איך אייך געטאָן פאַר אַ שלעכטס?" מיר האָבן אים בלויז געזאָגט, „דו ווייסט שוין פון פריער."

דער סטרייק האָט אַרומגעכאַפּט אַלע פּאָליטישע קאַמערן, דעם ערשטן טאָג, און אַזוי דעם צווייטן. עס זיינען כמעט קיין שום סטרייק־ברעכער נישט געווען. מיר האָבן געזונגען גאַנצע טעג רעוואָלוציאָנערע לידער. מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז דעם סטרייק וועלן מיר מוזן געווינען אין עטלעכע טעג, ווייל אייניקע פון אונז זיינען נאָך נישט געקומען אין גאַנצן צו זיך פון דעם קאַלישער סטרייק. דער נאַטשאַלניק, אָבער, האָט גערעכנט, אַז ביים צווייטן טאָג וועלן מיר נאָכגעבן. ווען ער האָט, אָבער מיטוואָך אין דער פרי, אויפן דריטן טאָג, געזען אַז מיר רירן זיך נישט פון אָרט, האָט ער דעמאָלט טעלע־גראַפירט דעם פּוילישן גובערנאַטאָר וועגן דעם סטרייק. דאָס האָבן מיר זיך דערוואוסט פון אַ קאַנסעלאַריע אָנגעשטעלטן, און מיר האָבן זיך געקלערט

אַז היינט וועט עס באַשטימט ווערן. מיט הונגעריקע מאָגנס האָבן מיר דער־וואַרט יעדע איינציקע מינוט. ערשט, אַ שעה נאָך מיטאָג צייט, ווען מען האָט שוין די צעבערס מיט באַרשט צוריקגעפירט נישט קיין אָנגערירטע, איז אָנגעקומען די טעלעגראַמע פון גובערנאַטאָר. „גיב דעם הונט אין קארק אריין. זאָלן די הונגעריקע עסן. גיב זיי נאָך." ווען דאָס איז באַקאַנט געוואָרן אין דער טורמע, איז געוואָרן אַזאַ פרייד און אויפרודער, אַז אפילו די קרימינאַלע פאַרברעכער זיינען מיטגעריסן געוואָרן מיט אונזער פרייד. זיי האָבן אויך אָנגעהויבן צו זינגען און צו שטורעמען — „אַרויס מיט אַזעלכע הינט!"

מיר האָבן יענעם אָוונט געגעסן אַן אמת גוטן מאָלצייט. מען האָט אונז געמאַכט אַ ספּעציעלער זופּ פון גרויפּן און בעבלעך, אַז עס איז געווען אַ מחיה. אָבער נאָך מער איז געווען דער געפיל פון זיג וואָס מיר האָבן אַרויסגעפּראַוועט אַזאַ לומפּ וואָס שענדעט אפילו בלומען.

קאַפּיטל אכט־און־דרייסיק

נאָכן זיג

עס איז נישט נאָר געווען דער זיסער געשמאַק פון אַרויסטרייבן אַ טיראַנישער וועכטער פון דער טורמע, נאָר נישט קלענער איז געווען דער זיסער געפיל פון אַ זיג איבער אַ צאַרישער טורמע אדמיניסטראַציע בכלל. מיר האָבן זיך אַלע געגומען פילן אַזוי פיל מאָל מענלעכער און שטייפער, אַז דאָס אליין איז געווען אַ גוטע צעפרידנשטעלונג פאַר די עטלעכע צענדליק הונגער־שעה'ען און בויך קראַמפּן. ווי אַ כישוף האָט עס געווירקט אויף דער נידעריקער טורמע אדמיניסטראַציע. די וועכטער זיינען געוואָרן איבערגעבויט אין נייע פּערזענלעכקייטן אין זייער ווענדונג צו אונז. עפּעס זיינען זיי געוואָרן אַזוי פיל נידעריקער אין וואוקס, און מיר אויף אַזוי פיל העכער ווען זיי האָבן גערעדט צו אונז.

נישט ווייניקער ווירקונג האָט עס געהאַט אויף די אַנדערע, קרימינעלע אַרעסטאַנטן. פריער האָבן זיי די גאַנצע צייט געקוקט אויף אונז ווי אויף עפּעס אָפּגעריסענע נאַראָנים, ווי אויף דאָן קיכאָטס וואָס קעמפן מיט ווינטן. פיל מאָל מיר געפילט דעם דאַזיקן נידעריקן אָפּשאַץ וועגן אונז. איבער־הויפּט פון די עלטערע, קרימינעלע אַרעסטאַנטן. ווי אַנדערש איז געוואָרן זייער בליק אויף אונז. וואו איז אין ערגעץ פאַרלאָרן געגאַנגען זייער גאווה איבער אונז? דאָ האָבן זיי שוין געזען וואָס פאַר אַ מאַכט מיר זיינען, אַז מיר צווינגען אַרויף אונזערע געזעצן אויף האַרטע טורמע אַדמיניסטראַציעס.

זייער באַציאונג האָט זיך גלייך געביטן צו אונז און איבער נאַכט האָבן זיי אָנגעהויבן צו נוצן געגן אונז אַ נייע שפּראַך. זיי האָבן גענומען באַראָטן זיך מיט אונז וועגן זייערע פּראָבלעמען און מיר האָבן זיי געגעבן רעאַלע עצות. זיי האָבן אויך גענומען אונז באַדינען אויף געוויסע אופנים. זיי האָבן אונז אָנגעהויבן צו ברענגען מתנות — ווער אַ ביסל מאַכאָרקע, און ווער אַ ביסל צוקער. פון דער צווייטער זייט האָבן מיר געזען צו פירן מיט זיי ערנסטע שמועסן. איינעם פון זיי, אַ זייער פאַרהאַרטעוועטן פאַרברעכער, האָבן מיר אין אונזערע שמועסן אויף אַזוי פיל איבערגעבויט, אַז ער איז געוואָרן אין טורמע גופא, אַ מיטגליד פון דער פּ.פּ.ס. מיר האָבן אים דערנאָך צוגעזאָגט, אַז ווען ער וועט באַפרייט ווערן פון טורמע, און וועט קומען צוריק אהיים אין לאָדזש, וועלן מיר אים שאַפן אַ שטעלע אין אַ פאַבריק וואו ער וועט געבן פּרנסה זיין פאַמיליע מיט ערלעכקייט און כבוד.

אַזאַ מין דערפאַרונג האָב איך געהאַט מיט איינעם פון די שליסער. אַ פּאָלאַק וואָס האָט אונז באַהאַנדלט נישט ווי אַרעסטאַנטן, נאָר ווי מיר וואָלטן געווען זיינע ברידער. ער האָט אונז געבראַכט מאַכאָרקע און נישט געוואָלט נעמען קיין געלט פון אונז. און בכלל, זיין גוטסקייט און איידלקייט צו אונז איז געווען אַזוי אנדערש ווי פון אַנדערע וועכטער־שליסער. אין שעראַדז זיינען געווען פיל פּוילישע שליסער — געוועזענע סאָלדאַטן פון דער צאַרישער אַרמיי; זיינען פיל פון זיי אָבער געווען ביטערער און ערגער ווי די רוסישע שליסער. דער דאָזיקער פּאָלאַק וועגן וועלכן איך רעד איצט איז געוועזן אַ גוואַלדיקער אויסנאַם. גלייך אויף מאָרגן נאָך אונזער זיג, הייבט ער מיר אָן צו פרעגן פראַגעס — מיט וואָס באַשעפטיג איך זיך אין דער פריי? צי זיינען אַלע אידן אזוי ווי איך? ער דערקלערט מיך אַז עטלעכע אידן האָט ער געטראָפן וואָס זיינען נאָך ערגער ווי די מאָסקאַליעס. איך האָב אים דערקלערט אַז אַלע אונטערדריקטע פעלקער האָבן צווישן זיך פאַר־שידענע טיפּן מענטשן — אַזעלכע וואָס זיינען מיט די אונטערדריקער, און אַזעלכע וואָס זיינען זייערע שונאים. איך האָב אים אָנגעוויזן אַז אידישע פאַבריקאַנטן אין לאָדזש און פּוילישע, און געוויס דייטשישע, זיינען עקספּלאָ־טאַטאָרס וואָס לעבן אויף אונזער מי און געווינען פון אונזער רעכטלאָזיגקייט. מיר זיינען איצט אין טורמע בלויז דערפאַר וואָס מיר שטעלן זיך קעגן די עקספּלואַטירנדיקע פאַבריקאַנטן און קעגן די פאַרשקלאַפער מיט רעגירונגס מאַכט און בלוטיקער הערשאַפט. ער האָט זיך עטלעכע מאָל אָפּגעשטעלט מיט אַ מין פאַרוואָלקנדן שטערן. ער האָט אָנגעוויזן ווי די טורמע אַדמיניס־טראַציע וואָס הערשט איבער די אַרעסטאַנטן, הערשט נאָך מער איבער די וועכטער, שליסער, און נידעריקע פּאָליציי, וואָס געפינט זיך אונטער אַלע

שווערִיגקייטן און געפאַרן. איך וואָלט מיט אים געשטאַנען אַ לענגערע צייט, אָבער אַ פאַרבייגייענדיקער טורמע בעאַמטער האָט געוואָרפן אויף אים אַ פאַרדעכטיקן בליק. איך בין אַוועק פון אים און געמאַכט זיך ווי ער האָט מיר פאַרבאָטן געוויסע זאַכן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך ווידער געהאַלטן מיט אים אַ לענגערן געשפרעך און אים צוגעזאָגט אַז אויב ער וועט פאַרלאָזן זיין שטעלע אין טורמע, וועל איך זען אַז ער זאָל קריגן אַ שטעלע אין אַ פאַבריק וואו ער וועט נישט דאַרפן דינען דער צאַרישער רעגירונג. ער האָט שיר זיך נישט צעוויינט און געוואונשן מיר אַז איך זאָל שנעל באַפרייט ווערן פון דעם טורמע לעבן.

מיר האָבן זיך געפילט אויף אַזוי פיל פאַרבעסערט אַלס אַרעסטאַנטן, אַז מיר האָבן אָנגעהויבן צו זוכן נאָך ווייטער ווי אַזוי צו פאַרבעסערן אונזער גורל. די גאַנצע צייט וואָס מיר זיינען שוין עטלעכע מאָנאַטן אין טורמע, ווייסן מיר נישט וואָס עס גייט אָן אויף דער פרייער וועלט. מיר האָבן אפילו נישט וואָס צו דעבאַטירן, און זוכן אַ וועג ווי צו פאַרוואַנדלען די שעה׳ען אין אַ מינימום פון פאַרגעניגן. אמת, מיר האָבן אָנגעהויבן צו שפילן שאָך פיל אָפטער ווי פריער. איך אַליין שפיל כסדר שאָך מיט קאַציק׳ן, וואָס רעכנט זיך פאַר אַ גוטן שפּילער, אָבער מיר פילן אַז דאָס וועט אונז אויך ווערן איבערדריסיק. אָדער עס איז גוט אויסצופּרוּאוון נייע מעטאָדן און סטראַטע־גיעס, אָדער עס דאַרפן געביטן ווערן די קאַמפן פון די שפילער. איך האָב אָנגעהויבן אויסצופּרובירן קאַציק׳ן מיט געבן אים אַ פאָרצוג אין פּאָזיציע און אין מאַכט. איז עס אין אָנהייב טאַקע געווען אינטערעסאַנט, אָבער קאַציק האָט זיך שנעל אָפּגעזאָגט פון אַזעלכע פּריווילעגיעס.

מאַכט זיך איין מאָל ווי קאַציק נעמט אַרויס פון דער ביבליאָטעק אַ דייטשישן בוך. איך באַמערק באַלד אַז צום גרעסטן טייל פאַרשטייט ער נישט וואָס ער לייענט און איך מאַך אָפּ מיט אים אַז איך וועל אים לערנען פאַרשטיין די דייטשע קלאַסיקער.

איך ווער געוואָר אַז היינע׳ן האָט ער נאָך קיין מאָל נישט געלייענט, און אָפילו נישט געהערט פון אים. הייב איך מיט אים אָן צו לייענען היינע׳ן. איך פיל אַ גרויסן אינטערעס אין דעם לערנען און באַשליס ביי זיך איך דאַרף אָנהייבן אַזאַ צייט־פאַרטרייב אויך מיט אַנדערע צווישן אונזערע אַרעסטאַנטן.

נאָך דעם ווי איך פאָרמיר אַ קלאַס פאַר דייטש, הייב איך אויך אָן זוכן קאַנדידאַטן פאַר רוסיש און העברעאיש. דאָס גאַנצע זיצן אין טורמע הייבט אָן צו קריגן פאַר מיר און פאַר עטלעכע אַנדערע אַ נייעם אינטערעס. איך

זע אַז איך קען נאָך אַליין אַ סך לערנען ווען איך וועל זיין אין קורס פון לערנען אַנדערע. די טעג ווערן אונז אויף אַזאַ אופן אַ סך קירצער. די וועלכע לערנען נישט אָבער, פילן אַז מיר באַ׳עוולען זיי. זיי הייבן אָן אַרויסצואווייזן אַ מין פיינטלעכקייט צו אונזערע לעקציעס און לעזונגען. פאַלט איין קאַציק׳ן דער געדאַנק וועגן פאָדערן ביי דער אַדמיניסטראַציע אַ רעכט צו לייענען טעגלעכע צייטונגען. מיר דוכט זיך אויס אין אָנהייב אַז דאָס איז אַ יוטאָפּיע. איינער פון די וויכטיקסטע מאָטיוון פאַרוואָס זיי האַלטן אונז אין טורמע איז, אַז מיר זאָלן זיין אָפּגעריסן פון דעם רעאַלן לעבן. אָבער קאַציק האַלט זיך ביי זיינס, אַז דאָס וואָלט פאַרלייכטערט איין מאָל פאַר אַלע מאָל, דאָס זיצן אין טורמע פאַר אַלע אַרעסטאַנטן. נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס מיר זיינען נישט איינשטימיק מיט אים אַז מיר קענען דאָס פּועל׳ן, גייט ער אַליין אַראָפּ אין דער קאַנצעלאַריע און דערקלערט אַז ער איז געשיקט געוואָרן פון אונז אַלעמען מיט אַ פאָדערונג צום נאַטשאַלניק אַז מיר זאָלן מעגן אויס־שרייבן אַ צייטונג פאַר אונז וואָס וועט אונז האַלטן אַ ביסל מער פאַרבונדן מיט אונזערע פאַמיליעס און פריינט.

דער נאַטשאַלניק, אַן איבערגעשראָקענער שוין פון אונזער פריערדיקן סטרייק, זאָגט אים צו אַז ער וועט שרייבן וועגן דעם צום גובערנאַטאָר אין קאַליש. ער זאָגט נישט צו אַז מיר וועלן געווינען די פאָדערונג, אָבער אַז ער וועט זען צו רעקאָמענדירן אַז מיר זאָלן עס געווינען, ווייל ער קען נישט דערלאָזן נאָך אַנדערע בונטן אין טורמע. ער האָט מורא אַז די קרימי־נעלע אַרעסטאַנטן זאָלן אויך נישט אָנהייבן אַרויסצושטעלן פאַרשידענע פאָדערונגען.

ווען קאַציק האָט דערציילט וועגן זיין פאַרשטעלן זיך פאַרן נאַטשאַלניק אַז ער רעדט אין אונזער אַלעמענס נאָמען, און אַז דער נאַטשאַלניק האָט צוגעזאָגט צו סטאַרן זיך פאַר אונז, האָט זיך ביי אונז אויך אָנגעהויבן צו דערוועקן אַ גלויבן אַז מיר קענען נאָך אפשר געווינען. אָבער קאַציק האָט זיך נישט באַנוגנט בלויז מיט באַזוכן דעם נאַטשאַלניק. ער האָט אויך געפּרואווט רעדן און ווירקן מיט אַזוי פיל אַרעסטאַנטן ווי נאָר מעגלעך. אין דער זעלבער צייט, קריגן מיר אַ גאַסט אויף וועלכן מיר האָבן שוין לאַנג געוואַרט — דעם זשאַנדאַרמסקי פּאָלקאָווניק. איך האָב שוין אפילו באַלד פאַרגעסן ווי אַזוי איך דאַרף זיך האַלטן קעגן אים און ווען מען רופט מיך אין דער קאַנצעלאַריע פאַרן „דאָפּראָס״, בין איך היבשלעך צעטומלט. איך ווייס נישט צי ער האָט עס באַמערקט, צי נישט. יעדנפאַלס, ווען איך קום אריין און זעץ זיך אַוועק קעגן אים, זע איך אַז ער וויל מיך באַרואיגן. ער נעמט ארויס זיינע ציגאַרעטן און בעט מיך אויסצוקלייבן אַזאַ וואָס איך רויכער. איך האַלט זיך אָפּ אין

אָנהייב אײנגאַנצן צוצורירן זיך צו זיי. אָבער ווען איך הער די פריינטלעכקייט אין זיין שטימע, גיב איך זיך אונטער און נעם פאַררויכערן אַ פּאַפּיראָס.

אויף די ערשטע קאַזיאָנע פראַגן האָב איך נישט געהאַט וואָס צו קלערן. איך האָב גלייך געענטפערט, אָבער אָט פרעגט ער מיר אויף וועלכע לעצטע פאַרזאַמלונג בין איך געווען. דאָס האָט מיר געמאַכט גלייך צו פאַר־שטיין אַז מען וויל מיך אריינציען אין אַ נעץ פון וועלכער איך וועל זיך נישט קענען ארויסדרייען. איך ענטפער — „די לעצטע פאַרזאַמלונג אויף וועלכער איך בין געווען האָט פאַרהאַנדלט די פראַגע, אויב דער סולטאַן זאָל נישט איינווילליגן אָפּצוגעבן פּאַלעסטינע דעם אידישן פאָלק, צי זאָל מען מאָביליזירען די אידישע געזעלשאַפטלעכע מיינונג געגן סולטאַן.״ דער זשאַנדאַרמסקער פּאָלקאָווניק זאָגט מיר גלייך, „איך רעד איצט נישט וועגן ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען. איך מיין דאָ סאָציאַליסטישע. איר זיינט דאָך אַ בונדיסט, נישט אמת?״

„וואָס? אַ בונדיסט? איך הייב נישט אָן צו וויסן וואָס דאָס איז אפילו.״ איך זע ווי ער שמייכלט, ווי איינער זאָגט, „גייסט מיך אָפּנאַרן?״ אָבער איך האַלט זיך ביי מיינס. איך ענטפער אַז איך וויס נישט וועגן אַנדערע מיטינגען אויסער ציוניסטישע.

„איז זאָגטשע מיך, ווער איז געווען אויף די דאָזיקע ציוניסטישע מיטינגען?״ איך נעם אויסרעכענען עטלעכע זייער באַקאַנטע ציוניסטישע פירער, אָבער ער שאָקלט אַלץ ניין מיטן קאָפּ. „נישט דעם מיין איך״. איך ענטפער ווייטער אַז פון אַנדערע פאַרזאַמלונגען וויס איך נישט.

„אהא!״ שרייט ער אויס. „און די רעוואָלוציאָנערע ביכער וואָס מען האָט ביי אייך געפינען דעם 12־טן פעברואר פאַרטאָג, פון וועמען האָט איר געקריגן?״

„אָ!״ כאַפּ איך זיך, „די עטלעכע רוסישע ביכלעך? איך האָב דאָך דעמאָלט געזאָגט דעם זשאַנדאַרמסקער אָפיציר וואָס האָט געפירט די אונטער־זוכונג. איך האָב אים געזאָגט, און דער אמת איז געווען, אַז ביי אונז אין שטוב האָט געוואוינט אַ מיידל וואָס האָט מיט זיך געהאַט אַ סך ביכער און זשורנאַלן און האָט נישט געהאַט קיין פּלאַץ וואו צו לייגן זיי. האָט מיין מוטער געראָטן זי אַז זי זאָל דאָס לייגן אויפן בוידים. איך האָב דאָס נאָך מיט אַ טאָג פריער אַראָפּגענומען פון בוידעם און געפּרוּווט דאָס לייענען, און גראָד דעמאָלט האָט עס די זשאַנדאַרמעריע געמאַכט דעם אָביסק.״

„גראָד דעמאָלט? עס גלויבט זיך מיך נישט.״ „יאָ, גראָד דעמאָלט. וואָס בין איך שולדיק? איך האָב דאָרט געזען די זשורנאַלן „ניוואַ״, וואָס איך האָב שוין לאַנג געוואָלט לייענען.״

„און וואָס איז דער נאָמען פון דאָס מיידל?"

„זי איז שוין איצט נישטאָ אין לאָדזש. זי איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע."

„וואָס איז געווען איר נאָמען?"

„איך בין נישט געווען זיכער ביי זיך צי זאָל איך אפילו איבערגעבן דעם נאָמען פון דאָס מיידל וואָס איז שוין אַ היבשע עטלעכע מאָנאַטן אין אַמעריקע, אָבער איך באַשטים שנעל ביי זיך אַז דאָרט אין אַמעריקע האָט מען שוין נישט מורא פאַר דעם צאַרישער זשאַנדאַרמעריע, און איך ענטפער, „איר נאָמען איז געווען הארקאווי, העלענע הארקאווי."

עס פאָלגן דערנאָך אַ גאַנצע רייע פראַגן — פון וועלכע שטאָט קומט זי? ווי אַלט זי איז? ווי איז איר אויסזען? אָבער איך האָב געגעבן אַלע פאַקטן וועגן איר פונקט פאַרקערט, צו מאַכן זיכער אַז אויב זי וועט צוריקפאָרן אין רוסלאַנד, זאָל זי נישט דאַרפן ליידן צוליב מיר.

נאָך דעם ווי דער זשאַנדאַרמסקער האָט מיר אָפּגעהאַלטן נאָענט צו צוויי שעה, האָט ער מיר געזאָגט, „עס וואָלט געווען פיל בעסער פאַר אייך ווען איר וואָלט מיר געזאָגט דעם אמת. איך פאַרשטיי אַז דאָס איז נישט דער אמת. מיר וועלן אייך דאַרפן פאַרשיקן אויף עטלעכע יאָר אין ארקאַנ־געלסקער גובערניע." ער וואָרנט מיך נאָך אַמאָל איך זאָל בעסער זאָגן דעם אמת און צוליב מיין יוגנט וועט מען מיר געבן אפשר אַ גאָר קליינער שטראָף. איך ענטפער, קיין צוויי אמת'ן זיינען נישטאָ — בלויז איינער... דאָס וואָס איך האָב אים געזאָגט".

ווען איך האָב שפּעטער איבערגעגעבן אין מיין קאַמער דעם דאָזיקן געשפּרעך מיטן זשאַנדאַרמסקער פּאָלקאָווניק, האָבן מיר אייניקע חברים גע'מוסר'ט פאַרוואָס איך האָב געדאַרפט אָנגעבן אַ נאָמען און איינצלהייטן וועגן פריילין הארקאווי. אייניקע האָבן מיר געגעבן גערעכט, ווייל אויב איך וואָלט נישט אָנגעגעבן קיין נאָמען פון אַ מענטשן דורך וועלכן איך האָב געקריגן די אומלעגאַלע ליטעראַטור, וואָלט מען מיר פאַרשיקט אין סיביר און איך וואָלט אין גאַנצן פאַראומגליקלעכט מיין יוגנט. ביי זיך בין איך געווען זיכער, אַז איך האָב קיינעם נישט פאַר'מסר'ט, אַז קיינער וועט נישט ליידן צוליב דער אומלעגאַלער ליטעראַטור וואָס מען האָט ביי מיר געפינען.

איך בין אָבער נאָך נישט געווען פאַרטיק מיט דעם דאָזיקן דאָפּראָס. אין אַ צוויי וואָכן אַרום האָט מען מיר ווידער גערופן אויף אַ דאָפּראָס אין דער קאַנצעלאַריע, און דעמאָלט איז שוין דער פּאָלקאָווניק נישט געווען, נאָר אַ קאַפּיטאַן. און ער האָט מיך געגעבן אַ דריק צו צום באַנק. „פון וואַנען האָט זיך ביי דער מיידל גענומען די בונדישע פּראָקלאַמאַציעס וועגן דער

מלחמה מיט יאַפּאַן? די מיידל האָט זיך דאָך צו איך אריינגעצויגן מיט אַ האַלבן יאָר פריער ווי די מלחמה האָט אויסגעבראָכן?!״ איך האָב איינגעזען אַז איך בין אַ געכאַפּטער. אויף איין רגע בין איך געוואָרן אינגאַנצן צעמישט, נישט געזען ווי אַזוי איך וועל זיך אַרויסדרייען. אָבער אַ שנעלער געדאַנק האָט מיך אַרויסגעראַטעוועט — „די פּראָקלאַמאַציעס, פרעגט איר, וועגן דער מלחמה? דאָס האָב איך געהאַט געפונען אויף אַ טרעפּ אויף דער פּעטערבורגער גאַס און זיי ארויפגערוקט אויפן בוידעם.״

„אויף וועלכע טרעפּ? אויף וואָס פאַר אַ טרעפּ? אין וואָס פאַר אַ הויז?״ האָבן זיך אויף מיך אַ שאָט געטאָן אַ באַרג מיט פראַגן. מיין טענה איז געווען „איך קען נישט געדענקען וואו איך בין אַלץ דורכגעגאַנגען.״

ער האָט מיר געשטעלט נאָך עטלעכע פראַגעס. איך בין שוין געווען היבשלעך צערייצט און געזאָגט — „איך האָב זיך שטענדיק באַקלאָגט אויף מיין זכרון. איך געדענק נישט! וואָס קען איך טאָן.״

אַנדערע חברים האָבן נישט אַזוי גוט אָפּגעשניטן אויף דעם דאָפּראָס ווי איך. מען האָט זיי געוויזן פאָטאָגראַפישע בילדער זיי זאָלן דערקענען די פּראָפּאַגאַנדיסטן וואָס האָבן זיי געגעבן געוויסן שטיקער ליטעראַטור. און זיי האָט מען גערופן דערנאָך עטלעכע מאָל צו נייע דאָפּראָסן.

אַזוי זיינען מיר ווייטער געבליבן זיצן, נישט האָבנדיק קיין באַגריף וואָס אונזער גורל וועט ווייטער זיין. מיר האָבן געפּרואווט טרעפן... מען האָט אָנגעגעבן געוויסע דאַטעס ווען מיר וועלן באַפרייט ווערן. איין חבר איז געווען זיכער אַז מען וועט אונז אַרויסלאָזן פריי פאַר די ימים נוראים. אַ צווייטער האָט דערקלערט מסתמא וואַרטן זיי אויף אַ טאַבעל־טאָג, אָדער אויף אַן אַמנעסטיע. אָבער דערווייליע זיינען מיר געזעסן. מיר האָבן געשפּילט אַ סך שאַך, מיר האָבן געלייענט ביכער און זשורנאַלן, און איך גיכן אָנגעהויבן צו קריגן צוגעשיקט די טעגלעכע צייטונג, „דער פריינד״. דאָס איז ביי אונז געווען אַ גרויסע שמחה. מיר האָבן זיך דערוואוסט אַביסעלע פון דער וועלט נייעס; געקענט אפילו דערשמעקן וואָס עס טוט זיך אין דער אַרבעטער באַוועגונג, און אוודאי געוואוסט וועגן די מפלות וואָס די צאַרישע ארמייען כאַפּן אריין פון די יאַפּאַנעזער. פאַר אונז איז עס געווען נישט קיין שמחה וואָס די יאַפּאַנעזער געווינען, נאָר דער פאַקט אַז דער צאַרישער פּרעסטיזש ווערט דעגראַדירט.

אין איין שיינעם מאָרגן, ווערן מיר אַלע ווי נייע געבאָרענע. מיר דערוויסן זיך אַז דער גרויסער רעאַקציאָנער, דער הויפּט אינערן־מיניסטער, פּלעווע, איז דערשאָסן געוואָרן פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. דאָס גאַנצע לאַנד האָט זיך אַ וויג געטאָן ווי אַן אַרויסגעהויבענע כוואַליע אין ים.

ביי אונז אין טורמע אפילו, האָבן זיך אַ שאָט געטאָן א רייע ספּעקולאַציעס — וואָס וועט ווייטער זיין? וועט דער צאַר ווידער אָנשטעלן אַזאַ טיראַנישן רעאַקציאָנער ווי פּלעווע איז געווען! אַזאַ אָרגאַניזאַטאָר פון פּאָגראָמען און אַרעסטן און פאַרשיקונגען? אָדער וועט דער צאַר אָנהייבן צו גיין אויף אַ מער פּראָגרעסיוון וועג?

אין אַ וואָך, צוויי אַרום, האָט די גאַנצע טורמע אָפּגעלעבט מיט נייע האָפנונגען. מיר האָבן זיך דערוואוסט אַז דער צאַר האָט זיך דערשראָקן און אַוועקגעשטעלט אויפן פּלאַץ פון אינערן מיניסטער דעם באַקאַנטן ליבעראַל, סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי, איינער וואָס האָט שוין לאַנג צוריק גערעדט וועגן רעפאָרמען. מיר זיינען געווען זיכער אַז אונטער זיין הערשאַפט וועלן די טורמעס ווערן ליידיקע, און אַז מיר וועלן אין גיכן באַפרייט ווערן.

קאַפּיטל ניין־און־דרייסיק

צווישן די אַנדערע נייעס וואָס מיר האָבן די לעצטע צייט געקריגן איז אויך געווען די נייעס וואָס מיר האָבן באַקומען דורך אַ געקומענעם, נייעם אַרעסטאַנט פון קאַליש. ער דערציילט אַז אונזער גוט באַקאַנטער, פּאַוועל קאָקאָטשינסקי, וועט באַלד באַפרייט ווערן. ער האָט חתונה מיט אַ טאָכטער פון דעם גרעסטן אידישן גביר אין קאַליש. אמת, דער פאָטער פון דער מיידל איז נישט גוואַלדיק צופרידן מיטן שידוך, אָבער חתן־כלה זיינען זייער צופרידן איינע מיט די אַנדערע. זיי האָבן זיך באַקענט אין דער צייט פון דעם הונגער סטרייק, און נאָך מערער אין דער צייט ווען עס איז פאָרגעקומען דער גרויסער אויפשטאַנד אין דער טורמע גלייך נאָך דעם סטרייק. זי, די גבירישע טאָכטער, איז געווען איינע פון אַ דעלעגאַציע פון אַנגעזעענע שטאָט־באַלעבאַטים, וואָס זיינען געגאַנגען צום גובערנאַטאָר בעטן אַז מען זאָל נאָכגעבן די אַרעסטאַנטן און אויסהערן זייערע טענות. איר איז דענסטמאָל אויסגעקומען צו רעדן מיט פּאַוועל'ן און זי איז דערשטוינט געוואָרן פון זיין קלוגשאַפט, שטאַטסמאַנשאַפט און מוטיגקייט. זי האָט געקריגן דערלויבעניש צו זען זיך יעדן טאָג אין טורמע מיט אים. קיינער האָט אַזאַ פּריווילעגיע נישט געקריגן. מיר אַלע האָבן געוואונשן דעם נייעם פּאָרל אַלדאָס גוטס. מיר זיינען געווען זיכער, אַז קאָקאָטשינסקי'ס כלה, אָדער פרוי, איז אַן אונזעריקע. נישט אומזיסט האָבן מיר „ביי פּראָגולקע" זיך נישט געוואונדערט צו הערן די מעכטיקע שטימע פון חבר אייזנבוכ'ן זינגענדיק די „מאַרסעליעזע", וואָס האָט זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן הויף פון דער טורמע — „ווסטאַן פּאָדנימייסיא ראַבאָטשי נאַראָד!" דאָס האָט געקלונגען ווי אַ מין אָנזאָג פון אַ נאָענטער באַפרייאונג.

אין עטלעכע טעג אַרום זיינען טאַקע באַפרייט געוואָרן פינף אַרעס־טאַנטן פון אונזער גרופּע. מיר זיינען שוין אַלע געווען אַנגעשפּיצט יעדן פּרימאָרגן צוצוהערן זיך צו די אויסרופן איבערן קאָרידאָר, אָבער דאָס האָט נישט אָפּגעשטעלט די פאַרשידענע איבערוואַנדערונגען פון איין קאַמער צו אַ צווייטער. צי דאָס איז געווען אַ מיטל פון נאַטשאַלסטוואָ איבערצוהאַקן אַלטע פאַרבינדונגען אויס מורא פאַר נייע בונטן, צי דאָס איז געקומען צופעליק, האָבן מיר נישט געוואוסט. יעדנפאַלס, נעמט מען מיר ארויס פון דעם קאַמער און מען שיקט מיך אריין אין אַ קליינעם קאַמער צוזאַמען מיט אַ יונגן בחור׳ל, אַ סטאַליער, אַ ברודער פון מיינעם אַ גוטן באַקאַנטן, אַ „טאַקער" מיטן נאָמען, ׳חיאל־לייב. דאָס בחור׳ל איז אַלט געווען אַ יאָר זיבעצן, אכצן. ער איז נאָך געווען צו יונג און צו אומוויסנדיק. ווען ער זעט מיך לייענען דעם רוסישן זשורנאַל „מיר באָזשי", פרעגט ער מיר, „צו וואָס דאַרף מען עס?" איך זאָג אים אַז דאָס איז אַ זייער וויכטיקער זשורנאַל און יעדער מענטש דאַרף פאַרשטיין אַם וויניקסטן די גרונט פּרינציפּן פון ביאָלאָגיע. ער הערט זיך צו עפּעס מיט אַ האַלבן אויער און מאַכט אַ מינע פון ביטול. איך האָב, פאַרשטייט זיך, נישט געוואַרט אויף זיין הסכמה, און ווייטער געלייענט. איך באַמערק, אָבער, אַז עפּעס קאָכט אין אים.

אין עטלעכע טעג אַרום דערזע איך אַז איך וועל האָבן צרות פון דעם בחור׳ל. ווי נאָר איך הייב אָן לייענען, הייבט ער אָן צו זינגען, אַזוי, אַז איך זאָל נישט קענען פאַרזעצן. איך בעט זיך ביי אים אַז ער זאָל מיר לאָזן לייענען און ער ענטפערט מיר, „און וואָס זאָל איך טאָן? משוגע ווערן?"

„ניין, דו דאַרפסט נישט משוגע ווערן", ענטפער איך אים. „זעץ זיך אַוועק און איך וועל פאַר דיר דאָס איבערלייענען אין אידיש".

איך באַמערק, אָבער, אַז ער הערט זיך צו מיט אַ האַלבן אויער צו דעם וואָס איך לייען. באַלד ווערט אים אין גאַנצן איבערדריסיק, ער גיט זיך אַ הייב אויף און טוט מיר אַ קלאַפּ איבערן האַנט. איך קוק אים אָן.

„וואָס איז", פרעג איך?

„צו וואָס דאַרף איך עס וויסן? וואָס וועט עס מיר געבן? אַז דער דאַזיקער ווערימל האָט פיר פליגעלעך, צי צוויי? ווען מען גייט עס אָן? איך וואָלט בעסער הערן אַ מעשה וועגן עפּעס וואָס איז אינטערעסאַנט."

„וועגן וואָס", פרעג איך? „דהיינו"?

„כ׳וואָלט וועלן הערן וועגן רבקה׳לע קאָוואַל, אָדער עפּעס אַזוינס".

„ביאָלאָגיע", ענטפער איך אים, „מיינט די וויסנשאַפט פון לעבן פון אַלערליי באַשעפענישן, נישט בלויז פון מענטשן, און נישט בלויז פון שיינע מיידלעך." איך זע, אָבער, אז אים גייט עס אפילו נישט אין נאַז אריין. זאָג

איך אים, „אויב דו ווילסט נישט הערן, דאַרפסטו נישט. לאָז־זשע מיר לייענען. פאַר מיר איז דאָס זייער אינטערעסאַנט."

ער וואַרפט מיר ווידער צו אַ בליק פון ביטול און אַ מינע ווי מען ווייזט א משוגע׳נעם אַז ער רעדט נישט צו דער זאַך. איך פאַרשטיי שוין אַז דאָס וויל ער זיך גוט צעקריגן מיט מיר, און איך נעם זיך ווידער לייענען. ערשט מיט איין מאָל דערפיל איך אַ פּלי אין מיין קאָפּ פון אַ שטאַרקן פויסט, און איך זע אים צעווילדעוועט, ווי ער שטייט איבער מיר, אָנגעדרייט מיט אַ צווייטער פויסט.

איך ווייס אַז ער איז שטאַרקער פאַר מיר. ער האָט אַ האַנט און אַ פויסט פון אַ סטאָליער, און איך — פון אַ געוועזענעם ישיבה־בחור. איך ווייס אַז איך וועל מיט אים שוין נישט קענען לעבן צוזאַמען. איך לויף צו צו דער טיר און הייב אָן צו קלאַפּן. ביז עס קומט צו אַ שליסער פרעגן וואָס איך קלאַפּ, דויערט עטלעכע מינוט. איך דערצייל אים אַז מיין שותף צו דער קאַמער איז עפּעס ניט מיט אַלעמען. איך וויל מען זאָל מיר זעצן אין אַן אנדער קאַמער, אָדער אים אַרויסנעמען. ער גייט גלייך אַראָפּ אין דער קאַנסעלאַריע זען עפּעס טאָן; קומט צוריק און זאָגט אַז מען זעצט אים איבער אין אַן אַנדער קאַמער. ווען ער זעט אַז ער דאַרף זיך איבערקלייבן, צענויפנעמען די זאַכן און גיין אין אַן אַנדער קאַמער, ווייזט ער א שווינגענדיקער פויסט, אַז ער וועט זיך נאָך מיט מיר אָפּרעכענען. צו מיין גליק איז צו מיר אַריינגעזעצט געוואָרן ווידער אַמאָל יאַנקל קאציק. ער איז געווען אַ סך מער צוגעפּאַסט צו מיר — אַליין אַ לייענער פון ביכער און אַ צייטונג, און אַ שאַך שפּילער,ביידע וויכטיקע זאַכן; אָבער וואָס איז נאָך וויכטיקער, ער איז אַ טראַכטנדיקער מענטש. ער האָט שטענדיק פראַגן צו שטעלן און איך פּרוּוו זיי ענטפערן אויב איך ווייס וואָס. דערצו זעץ איך מיט אים פאַר צו לערנען דייטש. ווידער היינע און בערנע. ער האָט אויך שטענדיק צו פרעגן פראַגן — מערסטנס ארטיסטישע און זעלטן ווען אויך פּאָפּולערע וויסנשאַפטלעכע. יעדן ענטפער וואָס איך האָב פאַר אים וויקלט ער עפּעס איין אַזוי ווי אין זילבערנע פּאַפּירלעך; ער פרייט זיך מיט זיי ווי מיט געווינסן. אין שאַך שלאָג איך אים אָפטער ווי ער מיך און ער איז זייער ברוגזלעך ווען ער פאַרלירט. איך פּרוּוו זיך נישט צו אָפט געווינען.

אַזוי ווי מיר האָבן אין אונזער זיג דערוואָרבן אַז די קאַמערן זאָלן זיין אַ גאַנצן טאָג אָפן, און שפּעטער אויך צו קריגן אַ צייטונג, וואָס מיר קענען פריי לייענען, זיינען מיר זייער אָפט געגאַנגען צו גאַסט און מיט דער צייטונג „דער פריינד" פון פּעטערבורג זיינען מיר געווען זייער אָנגעלייגט אומעטום. מיר פלעגן די נייעס נישט נאָר פּרוּוון פאַרשטיין ווי עס איז, נאָך אויך

ארויסציען פון די נייעס אַלע מעגלעכע אימפּליקאַציעס. דער נייער גייסט פון סוויאַטאָפּאָל־מירסקי האָט זיך געלאָזט אויסטייטשן אַז גאָר אין גיכן וועט מען באַפרייען אַלע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. מיר האָבן בלויז געדאַרפט טרעפן וועלכע קאַטעגאָריע וועט זיין די ערשטע צו געניסן אַ ביסל „פרישע לופט".

מערסטנס פלעגן מיר גיין צו גאַסט אין דער קאַמער פון הערש לייב ברענמאַן. ער איז געווען קאַציק'ס אַ נאָענטער חבר, אויב נישט לערער. ער איז אָבער שוין מער קיין בונדיסט נישט געווען. ער האָט זיך שוין געפּלאָנ־טערט אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פּראָבלעם. ער האָט אָבער מיט מיר שטענדיק געוואָלט זיך זען, מיך געפּרוּווט אריבערפירן אויף זיין זייט. אָבער קיין רעזולטאַטן מיט מיר האָט ער נישט געקענט קריגן. איך האָב די אַלטע אידישע ליטעראַטור און געשיכטע געקענט ניש ווייניקער פאַר אים. און אויף דעם געביט פלעג איך אים שטענדיק שלאָגן. קאַציק פלעגט דערביי ווערן זייער אומרואיג. „וואָס הייסט מען קען פון הערש לייבן אַזוי גרינג זיך ארויס'פטר'ן?" פאַקטיש איז קאַציק אויך געווען אָנגעשטעקט שוין מיט אַ דאָזע פון ציוניזם, וואָס האָט זיך ביי אים געהאַלטן אַ היבשע שטיקל צייט.

אין זייער קאַמער איז שטענדיק געווען פריילעך. דאָרט איז געזעסן אַ פּריקאַזשטשיק, אַבראַמסאָן. ער פלעגט האָבן שטענדיק גרויסע, לאַנגע וואורשטן וואָס מען פלעגט צושיקן פון לאָדזש און פון וואַרשע. פלעגן מיר שניידן און רייבן. איך פלעג באַצאָלן מיט זינגען אַ העברייאיש ליד, מיינס אָדער עמיצן אַנדערש'עס.

איין מאָל זינג איך פאַר זיי מרדכי צבי מאַנעס'ס נאַציאָנאַליסטיש ליד, „עם עולם". ווי שיין און קרעפטיק דאָס ליד איז, בין איך אָבער געווען פּרינציפּיעל געגן דעם ענגן נאַציאָנאַליסטישן גייסט, אַז אַלע פעלקער וועלן מיט דער צייט אונטערגיין און בלייבן וועלן בלויז די אידן וואָס האָבן אַזוי פיל געליטן. איך האָב זיך נישט געקענט איינהאַלטן און אָנגעוויזן וואָס פאַר אַ שעדלעכער סם אַזאַ ליד פאַרשפּרייט, און דערמאָנט אַז טשערנישעווסקי, אין זיין פּאַטעטישער וויזיע, ווייזט אָן גראָד פאַרקערט — אַז אידן וועלן אויך זיין צווישן די באַפרייטע פעלקער און צוזאַמען זיך פרייען, נו, איז אוועקגעגאַנגען ביי אונז אַ דיסקוסיע, ווער עס איז אַ גרעסערער פּאָעט, מאַנעס צי טשערני־שעווסקי...

אין עטלעכע טעג אַרום האָט אונז קאַציק ווידער אָפּגעשפּילט אַ טורמע אַקט וואָס איז שווער צו פאַרגעסן. ווען מיר האָבן שוין לאַנג אָפּגעגעסן אונזער נאַכט עסן, און די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַזוי נידעריק, אַז מען האָט קוים געקענט זען אירע לעצטע שטראַלן, און די אַרעסטאַנטן זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן אין זייער קאַמערן, האָב איך זיך געפונען מיט קאַציק'ן,

זיצן נאָך אַלץ אויף אַ באַנק אין דעם הויף, און מוטשענדיק זיך איבערצו־לייענען נאָך עטלעכע שורות פון היינע'ן. ווען איינער פון די שליסער איז צוגעקומען צו אונז מיטן פאַרוואונדערטן פנים — סטייטש, ווען וועט איר אריין אין אייער קאַמער? — האָט זיך קאַציק אַ שטעל געטאָן און אויסגעשריגן, „אויב דער נאַטשאַלניק וויל דווקא אז מיר זאָלן אריין איצט אין דער קאַמער, זאָל ער אליין קומען און אונז בעטן — וועלן מיר אפשר גיין."

דער שליסער האָט געוואָרפן אַ פינסטערן בליק אויף קאַציקן פאר אַזאַ חוצפה און איז אַוועקגעלאָפן שנעל אין קאַנצעלאַריע.

„וועסט באַלד עפּעס זען", זאָגט מיר קאַציק, ווי אַ גרויסן סוד. איך שטיי און וואונדער זיך, אָבער איידער וואָס ווען, קומען אָן אַ מאסע וועכטער, אַרומרינגלענדיק דעם נאַטשאַלניק, גלייך צו אונז.

„וואָס איז, וואָס איז דאָ עפּעס אַ נייעס?" פרעגט דער נאַטשאַלניק. קאַציק קוקט אין דער לופט און ענטפערט נישט.

„פאַרוואָס ענטפערט איר ניט?" פרעגט דער נאַטשאַלניק, אומשולדיק און פאַרוואונדערט. קאַציק ענטפערט מיר, „זאָג אים אַז איך פאַרשטיי נישט קיין רוסיש. זאָל ער צו מיר רעדן אידיש".

איך זאָג עס צום נאַטשאַלניק, נישט קענענדיק איינהאַלטן מיין שמייכל.

„וואָס נאָך וועט ער באַלד וועלן? אַז איך זאָל זיך שטעלן מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף? דאָס איז שוין נישט צום אויסהאַלטן."

„ער קען אַזוי רעדן אַ גאַנץ יאָר. איך וועל אים נישט ענטפערן, אויב ער וועט צו מיר נישט רעדן אין מיין שפּראַך."

„איר פאַרשטייט דאָך אליין", ווענדט זיך צו מיר דער נאַטשאַלניק, אַז איך קען איצט נישט זיך אַוועקשטעלן לערנען אידיש אין דער צייט וואָס ער דאַרף גיין אין קאַמער."

איך דערקלער ווידער קאַציק'ן וואָס ער זאָגט, און קאַציק זאָגט מיר אין אידיש, „אויב עס האַנדלט זיך וועגן גיין אין קאַמער, וויל איך נישט צוריק גיין אין קאַמער סיידן ער זאָל מיר צוזאָגן אַז איך קען פריי זיצן אויפן הויף אַ גאַנצן טאָג און אריינגיין אין קאַמער בלויז ווען די זון וועט זיך זעצן". איך האָב דאָס דערקלערט דעם נאַטשאַלניק און ער האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ.

„איך האָב מורא אַז גאָספּאַדין זיידע (דאָס איז געווען קאַציק'ס רוסישער נאָמען אין טורמע) איז נישט ביי זיין פולן פאַרשטאַנד. ער פאַרגעסט אַז ער איז אין אַ טורמע, נישט אין קיין גאַסטיניצע. ער קען שוין פאר איין וועגס אויך אָפּשטעלן די זון... אך וואָס אַ מענטשן קען איינפאַלן."

דער נאַטשאַלניק איז אָבער ביסלעכווייז ווייכער געוואָרן. ער האָט געענדערט זיין טאָן פון אויפגערעגטקייט און זיך אָנגעהויבן צו בעטן, „גאָלובטשיק, וואָס קען איך טאָן, אַז אַלטער מאַן ווי איך בין, שוין באַלד אַן אַכציקער? פון מיינעט וועגן וואָלט איך אין גאַנצן קיין טורמעס נישט האָבן און איך אַליין וואָלט געקענט גאַנץ געמיטלעך זיצן אויף אַ הויף און לייענען אַ בוך. אָבער דאָס איז מיין ברויט מיט פּוטער. מען האָט מיך דאָ אַוועקגעשטעלט, מוז איך שטיין. איך מאָך נישט קיין געזעצן. איך מוז זיי בלויז אויספאָלגן. וואָס שייך גאַספּאַדין זיידע׳ס פאַרלאַנג צו זיצן אַ גאַנצן טאָג אין הויף און אריינגיין אין קאַמער בלויז ווען די זון זעצט זיך, קען איך בלויז אים זאָגן אַז איך וועל אָרדערן נישט צו קוקן אויף דעם ווי און ווען ער קומט ארויס אויפן הויף. איך וועל דאָס לאָזן צו אים.״

און אַזוי האָט קאַציק זיך דערוואָרבן די פרייהייט וואָס קיין אַנדער אַרעסטאַנט אין טורמע האָט נישט געהאַט. ער איז געווען ווי ביי זיך אין דער היים און אין זיין זכות איז שוין די לאַגע געוואָרן די זעלבע פאַר אַלע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. מען איז נישט געווען אונטערן שלאָס, סיידן ביי נאַכט. עס איז געוואָרן לייכטער צו לעבן און לייכטער צו וואַרטן אויף אַ באַפרייאונג.

קאַפּיטל פערציק

צוריק אין דער היים

די צייט איז דערווייל געגאַנגען. עס איז שוין סוף יולי. דאָ און דאָרטן פאַלט שוין אַ בלאַט אַראָפּ פון בוים אַ פּאַרטריקנטער, אָבער די ביימער אַלס אַזעלכע, האָבן נאָך גאַרנישט אין זינען אויסצושיילן זיך פון זייערע קליידער, און האַלטן נאָך אַלץ אין איין אַרויסלאָזן נייע קנאָספּן און בלעטער. די ציטונג וואָס קומט אָן הייבט שוין אָן צו דערציילן וועגן באַפרייאונגען דאָ און דאָרטן פון אַ היפּשע צאָל אַרעסטאַנטן. פון אונזער טורמע ווערן אויך כמעט יעדן טאָג ווער עס איז באפרייט. איך וואַרט שוין אויך מיט אומגעדולד צו הערן איבערן קאָרידאָר דעם געשריי, „ביילין דאָ קאַנצעלאַריע!״ אָבער דער רוף איז נישט געקומען. ווען איך גיי שפּילן אַ שאָך מיט קאַציק׳ן, האָב איך אין זינען אַז גאָר אין מיטן קען איך אַמאָל איבעראַשט ווערן מיט אַ רוף אין דער קאַנצעלאַריע. אָבער דער רוף איז אַלץ נישט געקומען. ביז איין טאָג זיץ איך אַזוי פאַרטיפט אין אַ שאָך שפּיל מיט קאַציק׳ן, און גראָד אין קאַמער, און ווי אַן אומדערוואַרטעטער שפּילעווודיקער דונער גיט אַ שאַל דער „ביילין דאָ קאַנצעלאַריע!״

איך גיב זיך אַ טרייסל, און די גאַנצע שאָך־ברעט מיט מיר. עס פאַלן אום ווי שיכורע דער קעניג, די קעניגן, און כמעט די גאַנצע סוויטע, אָבער קאַציק גיט זיך אַ כאַפּ אויף מיט צאָרן, שטעלט זיך אויף אין זיין פולער גרויס, און גיט א שפּיי אויס, „אויך מיר אַ שפּילער!" איך האָב זיך צעשמייכלט און אים געזאָגט, „וועסט זען". דו וועסט נאָך אויך באַלד באַפרייט ווערן!" ער איז אָבער געבליבן אין דער זעלבער פּאָזע ווי פריער — אַ גוואלדיק אנטוישטער.

איך האָב צוזאַמענגענומען מיין ביסל זאַכן, פאַרפּאַקט זיי אין אַ פּעקל, און זיך דערמאָנט אַז איך בין אין מיטן פון אַן אַרטיקל אין „מיר באַזשי", וואָס איך האָב נאָך נישט פאַרענדיקט. איך שלאָג זיך מיט דער דעה, ענדיקן דעם אַרטיקל, צי לאָזן דאָס אויף שפּעטער אויף דער פריי. איך באַשליס אַז איך וועל נאָך קענען זיך דערוויסן וועגן די דאָזיקע אינטערעסאַנטע גאָרטן־ווערים אַ ביסל שפּעטער. איך לויף אַראָפּ אין דער קאַנצעלאַריע. מיינע פּאַפּירן זיינען שוין אויסגעמאַכטע. איך זע אַז דאָרטן זיינען שוין פאַראַן נאָך צוועלף וואָס ווערן באַפרייט. איך בין, הייסט עס, דער דרייצנטער. אויף אַן אויגנבליק, פאַלט מיר איין דער אָבערגלויבן אַז דרייצן איז אַן אומגליקלעכער ציפער און אַז עפּעס קען נאָך טרעפן מיט מיר אויפן וועג. איך באַשליס נישט צו פאָרן מיטן באַן. ערשטנס, צוליב שפּאָרן באַן־געלט, און צווייטנס נישט דאַרפן ציטערן פאַר קיין באַן אומגליק. איך רעד זיך צוזאַמען מיט די איבעריקע אַרעסטאַנטן אַז מיר זאָלן דעם ערשטן טייל פון אונזער אהיימגיין מאַכן עס צו פוס. מיר וועלן גיין און זינגען און האָבן הנאה. עס האָט מיר לאַנג נישט געדויערט און איך האָב זיי איבערצייגט אַז עס וועט זיין אינטע־רעסאַנטער צו גיין אהיים צו פוס. און אויב מיר וועלן זיך פאַרמאַטערן, זאָג איך זיי צו אַז מיר וועלן זיך קענען געבן אן עצה אָדער מיט אַ פור, אָדער אויף אַן אַנדער אופן.

און אַזוי האָבן מיר אויסמאַרשירט פון דעם שעראַדזער טורמע הויף מיט לידער און געזאַנג. פון די פענסטער האָט מען אונז געווייעט מיט טיכלעך און פּאָליטישע אַרעסטאַנטן האָבן אונז באַגלייט ביזן טויער. אייך קאַציק איז גראָד דעמאָלט געבליבן אין קאַמער. ער האָט נאָך מסתמא געפּרואווט דאָרט צוריקצושטעלן די פּאָזיציעס ווי זיי זיינען געווען. ער איז געווען זיכער אַז דאָס איז געווען זיינע אַ פּאַרטיע וואָס ער האָט געוואונען. איך בין נישט געווען אַזוי זיכער.

אויפן וועג גייען מיר שוין זאַלבע־דרייצן און מיר האַלטן אין איין זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער. מיר גייען אין דער ריכטונג צו דעם שטעטל, לאַסק, אָדער ווי די פּוילישע אידן רופן עס, „לועסק" — אויך א וועבער־

שטעטל וואָס שטעלט צו אירע סחורות צו די לאָדזשער פאַבריקאַנטן. עס דויערט אונז צוויי און אַ האַלב שעה צו קומען אהין, אונז דאַכט זיך אַז אלע קוקן אויף אונז, אייניקע מאָל פרעגט מען אונז וואוהין מיר גייען מיט אַזאַ פרייד. „אין לאָדזש", ענטפערן מיר. „מיר זיינען איצט באפרייט געוואָרן פון שעראדזער טורמע".

גראָד האָבן מיר באַגעגנט אויך אייניקע וועבער, טאַקע געבאָרענע לאָסקער. איינער זאָגט אונז אַז ער זעט צום ערשטן מאָל אַז אימיצער זאָל אַזוי ארויסגיין פון טורמע מיט גאַנצע ביינער. מיר האָבן אים געפרעגט צי האָט ער געהערט פון אונזער סטרייק אין קאַלישער טורמע? „יאָ, עפּעס געהערט, אָבער נישט גענוי." מיר דערציילן זיי ווי מיר האָבן געקעמפט, און ווי מיר האָבן געזיגט. די דאָזיקע חידושים האָבן מיר דערציילט אויפן גאַנצן וועג. ביסלעכווייז זיינען מיר אָנגעקומען אין זדונסקע־וואָליע. דאָס איז אַ גרעסערע שטאָט ווי לאסק, מיט מער טעקסטיל פאַבריקן; און ווען מיר האָבן גראָד דערווישט אַ גרעסערע מחנה אַרבעטער גייענדיק פון אַ פאַבריק אהיים, האָבן זיי אונז געמאַכט א „הורא! זאָל לעבן די אַרבעטער מאַכט!" מיר האָבן זיך אָפּגערוט אין דער שטאָט מער ווי אַ שעה צייט און דאַן האָבן מיר זיך געלאָזט צוריק אויפן וועג, ווידער מיט אויסגעשרייען און געזאַנגען, און ווען די פּאָליציי האָט אונז אָפּגעשטעלט, האָבן מיר געוויזן אונזערע פּאַפּירן אַז מיר זיינען ערשט באַפרייט געוואָרן. איינער, אָבער, אַ בייזער פריץ, האָט באַמערקט, „אייער יחוס מיט אַזעלכע פּאַפּירן זיינען גראָד ביי מיר אַ קנאַפּע טרייסט, מיט אייערע פּאַפּירן קען איך אייך אַרעסטירן און פאַר'משפט'ן אייך אויספּניי פאַר שטערן די געזעלשאַפטלעכע רו, פאַר זינגען טרייפע לידער, פאַר פּרוּוון אויפצורייצן די אַרבעטער געגן דער רואיגער מאַכט, און בכלל פאַר האַלטן זיך פרעך געגן די געזעצלעכע פּאָליציי און אָרדנונג". מיר האָבן זיך נישט אויסגעלאַכט, אָבער ווי די קאַץ טוט ... ,דו רעד זיך דיינס, און איך טרינק דערוויל די מילך'. מיר זיינען ווייטער אָנגעגאַנגען, אמת, נישט אַזוי ברויזנדיק, נישט אזוי ליאַרעמדיק, נאָר מיט אָרדנונג און טאָלק. פיל מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט אויף אונזער מאַרש פון דרייצן יונגע לייט, ווי אויף אַ מין יוגנטלעכער קאַפּריז פאַרשטעלונג. מיר האָבן אָבער געמאַרשירט ווייטער אין דער ריכטונג פון פּאַביאַניץ. פון דאָרט האָבן מיר געוואוסט, פאָרט אַן עלעקטרישע טראַמוויי קיין לאָדזש, פאַר צען קאָפּע־קעס. מיר האָבן אָבער נאָך געהאַט אַ היפּשע עטלעכע מייל צו פּאַביאַניץ און די מיילן זיינען שוין געווען זייער לאַנג. מיר זיינען שוין געווען זייער אויסגע־מאַטערט. מיר האָבן געדאַרפט מער רוען, לענגער און באַקוועמער. ווען מיר האָבן באַגעגנט א באַנק, האָבן מיר זי נישט פאַרשעמט, נאָר זיך גלייך

באהאָפּט מיט איר. די דאָזיקע אָפּרוען האָבן לאַנג געדויערט און מיר זיינען ערשט אָנגעקומען אין פּאַביאַניץ אַ זייגער פיר פּאַרטאָג. צו אונזער שלימזל איז גראָד אָפּגעגאַנגען דער טראַמוויי קיין לאָדזש מיט עטלעכע מינוט פריער, אַזוי, אַז מיר האָבן געמוזט וואַרטן ביז זיבן אין דער פרי, אַז מיר זאָלן וויטער קענען פאָרזעצן די „רייזע" אויף רעדער און מיט פליגלען פון עלעקטריק.

עס איז שווער איבערצוגעבן די געפילן וואָס מיר האָבן געהאַט ווען די ערשטע לאָדזשער גאַסן האָבן אונז אויפגענומען ווי פרייע מענטשן. אמת, מיר האָבן געוואוסט אַז מיר לעבן נאָך אפילו נישט אונטער אַ קאָנסטיטוציאָנעלער אָרדנונג. די אויסגעשטעלטע פּאָליציי־לייט אויף יעדן ראָג, די סאָלדאַטן וואָס היטן אָפּ יעדן מאַגאַזין, די באַנקען, האָבן אַלץ גערעדט וועגן פאַרשטאַרקטער שמירה, אַזוי אַז מיר האָבן זיך נישט געקענט לייגן קיין פייגעלעך אין בוזעם.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אויף שייבלער׳ס מאַרק, האָבן מיר זיך צעטיילט. מיר האָבן זיך איינע דער אַנדערער געקושט און זיך צעפאָרן, יעדערער אין אַן אַנדער ריכטונג. איך בין אין אַ דראָשקע געפאָרן צו זיך אַהיים אויף זאַכאָדניע פיר־און־פופציק, מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרצן. איך האָב זיך געוויגט צווישן דעם געדאַנק פון מאַכן אַ סורפּריז, אַראָפּצולאָזן זיך אין דער היים אזוי ווי פון הימל, צי בעסער לאָזן וויסן דער מאַמען פריער־אויס, כדי זי זאָל נישט קריגן מיט אַמאָל אַ שאָק. דערווייל איז די דראָשקע אָנגעקומען אויף דער פּראָמענאַדן גאַס; שוין אָט, אָט, הייבט זיך אָן די זאַכאָדניע גאַס. איך האָב געהערט מיין האַרץ, ווי עס פּויקט אויס אַ מאַרש פון פרייד און דערפילונג. אַ בליץ אין קאָפּ האָט מיר אָנגעצונדן דעם פּנים פון מיין יוטע׳ן, וואָס איך האָב שיר, שיר נישט פאַרגעסן. אַך! ווען זי וואָלט געהאַט שכל צו זיין איצט אין מיין מוטער׳ס וואוינונג! און אָט בין איך שוין באַלד, באַלד אין דעם הויף. דאָס האַרץ און די שלייפן אין קאָפּ הערן נישט אויף זייער שטוקעריי. איך לויף אַרויף מיט אַלע כחות אויף די טרעפּ, עפּעס ווי איך וואָלט מורא געהאַט אַז איך זאָל נישט פאַלן קיין טויטער איידער איך זע מיין מוטער און שוועסטער. זעקס טרעפּ לויף איך אַרויף מיט איין אָטעם, אָבער איך וואַג נישט אזוי אריינצוגיין אין הויז. איך וואָלט נישט געקענט רעדן קיין וואָרט. רו איך זיך אָפּ אויפן שפּיץ פון די טרעפּ. איך באַשליס אָפּצוציילן אין זיך הונדערט, אָבער ווען איך קום צו די נייינציקער, פאַרגעס איך וואָס איך האָב באַשלאָסן, און גיב אַ שפּאַר זיך צו דער טיר מיט אַ רייע לייכטע קלעפּלעך.

„ווער איז עס?" הער איך אַ שטימע אינעווייניק וואָס דערמאָנט מיר מיין שוועסטער׳ס קול. „איך, איך, איך!" חזר איך איבער דריי מאָל.

„פייגל, עפן, דאָס איז, דוכט זיך ישראל בער״, הער איך די שטימע פון דער מאַמען. די שטימע האָט מיר שוין אינגאַנצן צעמישט. איך פאַל אַרייַן אַ האַלב־שיכור׳ער אין שטוב און הייב אָן צו קושן דער מאַמען צענדליקער מאָל אָן אויפהער — איך האָב נישט געקוקט וואו און וואָס. די קושן זייַנען געווען ווי אַ מין טעלעגראַף שפּראַך, אָן אויפהער, און זי מיר צוריק, דאָס זעלבע. קוים מיט צרות, רייסט מיר אָפּ מייַן שוועסטער פייגל — זי וויל אויך אַ חלק, און אַזוי האָבן מיר אַ קושעניש און ארומכאַפּן זיך אויף אַ היפּשע צייַט. מיר ווערן נישט מיד. אָבער רעדן קען איך נאָך אַלץ נישט. איך קען נישט כאַפּן דעם אָטעם. און ווי עס ווילט זיך רעדן! אַזוי פיל איבערגעלעבט, אַזוי פיל געליטן, קעלט, הונגער, שרעק און נאָך מער שרעק; שוין געזען דעם טויט אין די אויגן אין דער צייַט פון סטרייק און פון דעם אויפשטאַנד, אָבער ווער קען רעדן?

ערשט, ווען איך האָב זיך אַביסל אָפּגערוט, אָפּגעוואַשן זיך און געזעצט זיך עפּעס עסן, מאַכט זיך אויף די טיר און איך זע אַ גאַסט — אַ גרויסן גאַסט. נישט אַזוי גרויס, ווי הויך. דאָס איז דער רעוואָראָווע פּאָליקייטאָס, אַ פּאָליציי בעאַמטער וואָס די גאַנצע שטאָט האָט געהאַסט ווי כאָלעריע. ער פרעגט מייַן נאָמען די ערשטע זאַך. איך זאָג אים. איך זע ווי מייַן מוטער איז איבערגעשראָקן אויף טויט. זי האָט מורא אַז מען וועט מיך ווידער אַרעס־טירן. איך זאָג אים מייַן נאָמען און צי אַרויס מייַן נייעם פּאַספּאָרט וואָס איך האָב געקריגן פון נאַטשאַלניק פון טורמע. „אָט האָסטו אַלץ, שוואַרץ אויף ווייס,״ זאָג איך אים אין רוסיש. איך זע עפּעס ווי עס צעפינקלען זיך זייַנע אויגן.

„דו רעדסט רוסיש, דוכט זיך. ביסט געגאַנגען אין שולע?

„יאָ״.

„וויסטו אַז דו דאַרפסט צו מיר קומען איין מאָל אַ וואָך?״

„יאָ, איך האָב דאָס אויפן פּאַפּיר.״

„טאָ קום היינט אין אָוונט אַרויף צו מיר. איך וואוין אין דער צווייטער הויז.

איך זאָג צו און פריי זיך ווען איך ווער פּטור פון אים, און קען זיך אויך נעמען פרייען מיט דער מאַמען און שוועסטער.

וואָס ווייטער איך דערצייל, ווערט מיר אַלץ גרינגער אויפן האַרצן. איך דערצייל וועגן די קעלטן וואָס מיר האָבן געהאַט אין קאַליש. וועגן די הונגער־מאָלצייטן, וועגן דער מויז וואָס איז איין מאָל אַרייַנגעפאַלן אין צעבער עסן, און נאַטירלעך וועגן דעם הונגער סטרייק ווי איך האָב פיר טעג נישט געגעסן. איך האָב זיי אויך דערציילט וועגן דעם אויפשטאַנד און

שטורעמען פון די ווענט און גראטעס. איך האָב גוט באַטראַכט מיין מוטער׳ס פנים אין יענעם מאָמענט. ער האָט זיך געביטן אין אַלערליי קאָלירן, אָבער דער טריאומף־צוג אויף איר פנים, ווען איך האָב דערציילט וועגן זיג, אַז מען האָט אונז געמוזט נאָכגעבן כמעט אַלע אונזערע פאָדערונגען, האָט זי אויפגעלויכטן. זי איז געוואָרן אַזוי פיל שענער, מיין אָרעמע מאַמע, ווען שאָטנס פון דעם זיג האָבן געטאַנצט אין אירע אויגן. צום גליק, איז אויך באַלד אריינגעקומען יוטע, מיין מיידל. זי איז געוואָרן אַזוי פיל העכער ווי געווען, אַז זי האָט מיר שוין איבערגעיאָגט אין הויך. מיר האָבן זיך וואַרעם צעקושט און זיך געקלאַפּט אין דער פּלייצע. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט אויף איר בלינדן ברודער וואָס איז נאָך אַלץ אין ווין, און דערוואוסט זיך אַז ער האָט שוין געגעבן אַ קאָנצערט פון לויטער קלאַסישע נומערן. איך ווער געוואָר פון איר אַז איר מוטער קלייבט זיך נאָכאמאָל צו מאַכן אַ רייזע קיין ווין, און אַז עס קען זיין אַז זי וועט מיטפאָרן מיט איר. איך פרעג זי פאַרוואָס זי האָט נאָך אַלץ נישט חתונה געהאַט. זי האָט זיך פאַררויטלט און זאָגט, „פאַרוואָס האָסטו נאָך נישט חתונה געהאַט?“ מישט זיך מיין מוטער אריין, און זאָגט, „ער איז דאָך געווען אין טורמע.“

ענטפערט זי מיט נישט קיין קלענערע חכמה, „און וואו בין איך געווען, אויב נישט אין טורמע?! נישט קיין פּאָליציי טורמע, נאָר אַ היימישע, אַ טאַטע און מאַמע טורמע“...

ווען עס הייבט אָן צו ווערן אָוונט, דערמאָן איך זיך אַז איך מוז גיין אויפן צווייטן הויף צום רעוועראַווע, פּאָליקייטאָס. ווען איך קום אריין, דער־פרייט ער זיך אַזוי ווי איך האָב אַראָפּגענומען פון אים אַ גאַנצן אוצר. „זעץ זיך“, זאָגט ער מיר, און גייט און ברענגט מיר פּאַפּיר מיט טינט און פעדער. איך וואונדער זיך, וואָס דאַרף איך דאָ טאָן?

„דו?“

איך שאָקל מיטן קאָפּ.

„אַ קלייניגקייט. מאַך אויס אַ פּראָטאָקאָל“.

„איך אַ פּראָטאָקאָל? אויף וועמען?“

„טאָקע אויף זיך אליין.“

ער זעט ווי איך בין פאַרוואונדערט. „וואָס וואונדערסטו זיך? נעם און שרייב.“

„איך פאַרשטיי נישט,“ זאָג איך אים.

„וואָס איז דאָ צו פאַרשטיין? דו ביזט איצט איך. איך בין נישט קיין גרויסער שרייבער. קיין מאָל נישט געווען. ווען איך וואָלט זיך נישט

אויסגעצייכנט אין דער טערקישער מלחמה, וואָלט איך נאָך איצט קיין רעוועראָווע נישט געווען. איך בין נישט קיין גראַמאַטנער."

„ווי איז דאָס מעגלעך?"

„הע, הע," מאַכט ער אַ געלעכטער. „ווען איך וואָלט קענען שרייבן, וואָלט איך קיין רעוועראָווע נישט געווען. ווייניקער ווי אַ פּריסטאַוו וואָלט מיר נישט אָנגעשטאַנען."

„נו, מילא, בין איך געוואָרן אויף אַ ווײַלע אַ רעוועראָווע און אויסגע־מאַכט אויף זיך אַ פּראָטאָקאָל. אין דעם פּראָטאָקאָל איז געווען פאַרצייכנט אַז י. ב. ביילין איז צוריקגעקומען גלייך צו מיר פון טורמע, זיך געמאָלדן ווי עס געהערט צו זײַן, זאָגט צו צו זיין געהאָרכזאַם און לאָיאַל. (איך קוק אים אָן גלייך אין פּנים אַריין), וועט נישט גיין אויף קיין שום סאָבראַניעס און וועט אָפּהיטן אַלע געזעצן פון לאַנד. זאָגט צו אַז ער וועט אין ערגעץ נישט גיין אָן מיין וויסן, און אויב ער וועט פאָרן אין ערגעץ, זאָל ער מיר פריער אויסזאָגן וואוהין ער פאָרט, אָנגעבן דעם אַדרעס, און וואָס ער וועט דאָרטן טאָן"...

דאָס איז געווען כמעט ווי דער גאַנצער אינהאַלט פון דעם פּראָטאָקאָל. אַזאַ שריפט האָב איך געדאַרפט אויסמאַכן יעדן חודש, אָבער דאָס האָט געשריבן „נישט איך, נאָר ער", און מיר איז שטאַרק אריין אין קאָפּ דאָס וואָס ער האָט מיר געזאָגט, אַז ווען ער וואָלט געקענט שרייבן, וואָלט ער געווען אַ פּריסטאַוו, נישט קיין רעוועראָווע.

איך בין אַרויסגעגאַנגען פון דעם רעוועראָווען מיט אַ פאַרלייכטערטן האַרצן. איך האָב ערשט דערזען אַז ער דאַרף מער אָנקומען צו מיר, ווי איך צו אים. איך בין פון אים גלייך אַוועק אָפּזוכן מיינע פירנדיקע פּאַרטיי חברים פון בונד. מען האָט מיר, אָן לאַנגע שהיות צוריק איבערגעגעבן מיין אַלטע „חזקה" — די פריקאַזשטשיקעס. מען גיט מיר איבער אַז אין דער קורצער צייט איז פאַרגעקומען אַ קענטיקער אויפרודער צווישן די אינטע־ליגענטערע אַרבעטער שיכטן. די מפּלות אויפן פראָנט פון די רוסישע מיליטער־טיילן, די מפּלות אויפן ים פון צאַרישן ים־פלאָט, און די גרויסע גנבות אין דעם אינטענדאַנטור, האָבן געעפנט די אויגן פון די גרויסע פאָלקס־מאַסן, אַז דער צאַריזם איז אַן אומגליק פאַר רוסלאַנד, פאַרן גאַנצן פאָלק, און איבערהויפּט פאַר די אַרבעטנדיקע קלאַסן. עס איז געוואָרן די לייכטסטע זאַך פאַר אַגיטאַטאָרן צו דערגרייכן ברייטערע מאַסן מיט דער סאָציאַליסטי־שער בשורה.

ווי איך ווער געוואָר, גרייט זיך צו אין לאָדזש אַ גרויסע מאַסן דעמאָנסטראַציע קעגן דעם צאַריזם, און קעגן דער צאַרישער מלחמה. איך הייב

און צו דערבאַטירן מיט זיך, איז עס פאַר מיר דערלויבבאַר צו באַטייליגן זיך אין אַזאַ דעמאָנסטראַציע וואו פיל שפּיאָנען, וואָס האָבן מיין אַדרעס, מיינע אַלע באַצייכנונגען פון פּנים און וואוקס זיינען זיי באַקאַנט, און ווייסן אַז איך בין ערשט לעצטנס אַרויס פון טורמע. די דאָזיקע פראַגע האָב איך געוואָלט שטעלן מיינע קאַמפּיין־פירער. איך האָב זיך אָבער געשעמט, צי איז דאָס נישט אַמאָל אַ צייכן פון זיין אַ גרויסער טרוס. איך האָב גאָרנישט געזאָגט און באַשלאָסן, זאָל זיין וואָס עס איז. איך ווייס אַז פיל וואָס זיינען שוין געזעסן אין טורמע, באַטייליגן זיך אפילו אין דעמאָנסטראַציעס אַלס אָנפירער און פאָן־טרעגער. איך באַשליס ביי זיך פעסט אַז איך וועל זיין אין דער דעמאָנסטראַציע. איך וועל זיך באַמיען נאָר זיך נישט צו וואַרפן צו שטאַרק אין די אויגן.

קאַפּיטל איין־און־פערציק
די ערשטע באַוואָפנטע דעמאָנסטראַציע אין לאָדזש

אַ נאַכט פריער, פאַר דער דעמאָנסטראַציע אין אָקטאָבער, בין איך שוין נישט געשלאָפן. מיר האָט זיך געדוכט אַז איך גיי אין דער דעמאָנס־טראַציע און דער היכער רעוועראָווע פּאָליקייטאָס, דערזעט מיך. ער וויזט אָן אויף מיר צו עטלעכע פּריוואַטע פאַרשוינען וואָס איך נעם אָן ווי שפּיאָנען. דאָס האָט מיך אַזוי איבערגעשראָקן, אַז איך באַשליס נישט צו גיין אויף דער דעמאָנסטראַציע. „איינער איז דאָך נישט מחויב צו גיין אין פייער און פאַר־ברענען זיך אָן קיין שום חשבון." ווען איך נעם אָן דעם באַשלוס, פיל איך אַז איך באַגיי אַ פאַרברעכן געגן מיין רעוואָלוציאָנערן געוויסן. אין עטלעכע שעה אַרום דערוויס איך זיך אַז די דעמאָנסטראַציע וועט זיין אַ באַוואָפנטע, זי וועט באַשיצט ווערן מיט קאַלטע און הייסע וואָפן פון דער ב. א. — באַיעוואָיאַ אָרגאַניזאַציע. דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט מיין באַשלוס אַז איך זאָל נישט גיין אין דער דעמאָנסטראַציע. אָבער, ווי עס וויזט אויס, איז מיר באַשערט געווען נאָך אַ סך אומרואיקע מינוטן און שעה'ן אין פאַרבינדונג מיט דעם. דאַרף איך צופעליק אָנטרעפן אין גאַס מיין הויפּט פירער פון בונדישן קאָמיטעט, וואָס פרעגט מיר צי ברענג איך מיט זיך אויף דער דעמאָנסטראַציע אַ גרויסע מאַסע פּריקאַזשטשיקעס.

דאָס אַלץ וואָס מיר האָט געפעלט. איך האָב נאָך געדאַרפט אין דער צייט נישט נאָר זיך ברענגען, נאָר אויך אַ גרויסע מאַסע פּריקאַזשטשיקעס. איך האָב דערפילט אויף זיך אַזאַ מין שווערן יאָך וואָס איך דאַרף טראָגן, ווי נאָך קיינמאָל נישט פריער. די פאָדערונג פון דער אָרגאַניזאַציע איז, דוכט זיך, צו פיל פאַר מיר. איך בין נאָך נישט צו זיך געקומען פון די אַלע

נסיונות פון דער קאַלישער טורמע און פון שעראַדז, און איך ווער אַ קאַנדידאַט אַריינצופאַלן גלייך אין אַ דריטער. אָבער לאַנג בין איך נישט געשטאַנען אויף דער פּאָזיציע. צוויי יונגע חברים פון מיין הויף, וואָס האָבן צו מיר געדעדט וועגן דער קומענדיקער דעמאָנסטראַציע, האָבן עס געטאָן מיט אַזוי פיל פייער אין זייערע אויגן, און מיט אַזעלכע ריינע, העלדישע געפילן, אַז איך האָב זיך גלייך פאַרשעמט; פאַרשעמט זיך אפילו פאַר זיי וואָס ווייסן נאָך נישט מיינע געדאַנקען; וואָס הייבן נאָך נישט אָן צו פאַרדעכטיגן אַז ביי מיר באַזעצט זיך אַ געמיינער טרוס וואָס ציטערט פאַר יעדן שאָטן, און פּאַסט נישט פאַר קיין אָרנטלעכער רעוואָלוציאָנער. איך בין אַוועק, אַ חרפּה אין אַ זייט, אין אַ מאַנאַפאַל קראָם, און געקויפט זיך אַ פלעשעלע בראָנפן. גענומען זיך אַ טרונק אָדער צוויי, און זיך טראַנספאַרמירט פון אַ טרוס אין אַ בראַוון מענטשן. ווען איך האָב דאָס דערנאָך דערציילט איינע פון מיינע פירער, האָט ער עס מיר שטאַרק פאַרגעוואָרפן אַז עס פּאַסט נישט פאַר מיר, און אַז איך זאָל דאָס מער נישט טאָן. „מיר רעכענען אויף דיר זייער אַ סך", האָט ער געזאָגט. „מיר בויען אויף אַזעלכע ווי דו, און דו נעמסט אַ שטאַרקן פונדאַמענט און פאַרבייטסט אים אויף אַ ביסעלע זאַמד... פע, ס'איז נישט פאַר דיר." און דאָס איז שוין געווען דאָס לעצטע וואָרט. איך האָב זיך דריי מאָל אָנגעזאָגט — „עס איז נישט פאַר מיר, נישט פאַר מיר, נישט פאַר מיר." גלייך נאָך דעם באַשלוס האָב איך זיך דערפילט שטאַרקער, מוטיקער און גרייט אויף אַלץ.

* * *

ווען די דעמאָנסטראַציע האָט זיך אָנגעהויבן אַזייגער פינף, און די ערשטע טונקעלע שאָטנס זיינען שוין געווען פאַרשפּרייט אויף פּעטערקאָווער גאַס, זיינען זיי שוין אויך געפאַלן אויף מיר. איך בין געווען איינגעהאַמעוועט אין אַ רייע וואָס פון ביידע זייטן זיינען געווען אויסגעשטרעקטע, האַלבע שווערדן, געטראָגן פון ב. א. מיטגלידער. איך האָב שוין נישט געקענט אַרויס־לויפן פון דער רייע. איך האָב זיך אָבער געפילט אַ באַשיצטער, נישט אַזוי פון די שווערדן, נאָר פון דעם מוט מיט וועלכן די טרעגער זיינען געגאַנגען און מאַשירט. באַלד האָבן זיך געלאָזט הערן אויסרופן —

„נידער מיט די העלדן פון קישענעוו און האָמעל!"

„נידער מיט די מערדער פון די אַרבעטער אין יאַראָסלאַוו, אין ראָסטאָוו, אין טולאַ!"

„זאָל לעבן די באַוואָפנטע אַרבעטער מאַכט!"

„זאָל לעבן די איינִיגקייט פון אַלע האַרעפּאַשניקעס".

„זאָל לעבן די איינִיגקייט פון די רוסישע און יאַפּאַנישע אַרבעטער."

„זאָל לעבן דער אינטערנאַציאָנאַלער שלום."

די אויסרופן זיינען געפלויגן פייערדיקע, הייסע, און געצונדן די לופט. די שוואַכע רייען פון אָנהייב זיינען ביסלעכווייז פולער און פעסטער געוואָרן. די שטיינער אונטער די פיס האָבן געברענט אונטער די פייערדיקע טריט פון די דעמאָנסטראַנטן. מען האָט אָנגעהויבן צו זינגען — די „וואַר־שעוויאַנקא", דעם בונדישן הים, „די בונדישע שבועה", „נאַבאַריקאַדי", מאָריס ראָזענפעלד'ס „פרייהייט סאָלדאַטן". אָבער בעת מען האָט געזונגען, „וואָס אַרט אונז אַ שונא, וואָס אַרט אַ שפּיאָן", האָבן זיך דערהערט פון דער ווייטנס די קאָפּעטעס פון גאַלאָפּירנדיקע קאָזאַקן. די פאָדערשטע רייען האָבן זיך אַ טרייסל געטאָן. אייניקע זיינען ארויסגעלאָפן פון די רייען, אָבער דער מיטלקערן האָט זיך געהאַלטן ווי אַ צענויפגעגאָסענער אייזן. עס האָט געמוזט געדויערן היבשע עטלעכע מינוטן ביז די דעמאָנסטראַציע איז צעפּולווערט געוואָרן. איך בין אָבער דערביי שוין נישט געווען. איך האָב זיך געהאַט ארויסגעקערעוועט און זיך געפונען אין דער ריכטונג פון פינס־טערס גאַס וואו עס האָט געוואוינט מיין אַלטער באַקאַנטער, זלמן קלויסקע. איך האָב אַלץ מורא געהאַט, טאָמער וועט מיר אַ פּאָליציסט, אָדער טאָקע מיין אייגענער רעוואָלוציע דערקענען. איך האָב זיך געפרואווט דערמוטיקן, אָבער עס איז מיר אָנגעקומען זייער שווער. ערשט עטלעכע טעג אַרויס פון טורמע, און שוין צוריק אריינפאַלן וואָלט געווען נישט בלויז טראַגיש, נאָר טאָקע קאַטאַסטראָפאַל.

ווען איך בין אריינגעלאָפן צו זלמן קלויסקע אין הויז אַריין — איך בין נאָך דאָרט ביי זיי אין דער נייער דירה קיין מאָל נישט געווען — האָב איך די ערשטע באַגעגנט הינדע'ן אַליין. זי האָט איך באַלד דערקענט. זי האָט גאָרניט געוואוסט אַז דאָס אַנטלויף איך פון עפּעס אַ געפאַר און האָט מיר אויפגענומען מיט גרויס פאַראַד. „איך האָב געמיינט אַז דו ביזט שוין ערגעץ א רב. און וואָס מאַכט די מאַמע און דיין שוועסטער, פייגל? א. אַ. וו."

עפּעס האָט זי יאָ געוואוסט אַז איך בין געזעסן אין טורמע, נאָר ווען איך האָב באַמערקט אַז זי צעמישט עס מיט דער טורמע פון 1900 ווען מען האָט מיר אַרעסטירט אין וואַרשע, האָב איך עס אויסגענוצט כדי זי זאָל נישט וויסן אַז אָט ערשט בין איך געווען אין טורמע. זי האָט אינגאַנצן נישט געוואוסט אַז אין דרויסן קומט פאָר אַ דעמאָנסטראַציע. האָב איך זיך געפונען מיין צייט, פאַרפירט מיט איר שמועסן וועגן אירע צוויי זין, אפרים דוד און יאָסל. זי האָט מיר געוויזן זייערע שריפטן, ווי שיין זיי שרייבן שוין העברייאיש, און איך דערוויס זיך דערווייל פון די שריפטן, אַז זיי זיינען ביידע ציוניסטן.

ווען זיי וואָלטן וויסן אַז איך בין זייערער אַ געגנער, וואָלטן זיי פון מיר אַזוי שטאַרק נישט געהאַלטן.

אָפּגעזעסן דאָרטן אַרום דריי שעה, האָב איך באַשלאָסן ארויסגיין, נעמען זיך אַהיימצו, און ליקווידירן די גאַנצע מורא אַז אימיצער זאָל מיך האָבן דערקענט. ווען איך קום ארויס אויף דער גאַס און גיי צו צו דער פּיעטרעקאָווער גאַס, דערזע איך נאָך פיל איבערבלייבענישן פון דער דעמאָנ־סטראַציע. עס וואַלגערן זיך שירעמס, קאַפּעליושן, צעריסענע פּראָקלאַמאַציעס. איך מאַך זיך נישט וויסנדיק וועגן די אַלע זאַכן און גיי כסדר, אָן אָפּשטעל. ווען איך גיי פאַרביי די ראָגן וואו עס שטייען פּאָליציייליט, גיב איך אפילו נישט קיין קוק אויף זיי, אַזוי ווי מיר גייט נישט אָן דער גאַנצער ענין.

ווען איך קום אַהיים, האָט מײַן מאַמע זיך באַגאָסן מיט טרערן וואָס איך בין אַ גאַנצער; מיך גוט אויסגע׳מוסר׳ט, פאַרוואָס איך בין שוין געלאָפן צו אַ דעמאָנסטראַציע, נישט געהאַט קיין צייט אָפּצורוען זיך אַ ווײַלע. בין איך באַלד ארויסגעגאַנגען פון הויז, אַוועק צו אַ באַקאַנטן אויף דער קוואַרטיר. דאָרט, ביי קויווקען, האָב איך געטראָפן אַ היבשע עטלעכע חברים פון וועלכע איך האָב זיך דערוואוסט מער פּרטים וועגן דער אָפּגעהאַלטענער דעמאָנ־סטראַציע. ווען איך האָב אָבער דערציילט אַז איך האָב געמוזט נעמען אַ טרונק בראָנפן צו מאַכן זיך מוט און גיין צו דער דעמאָנסטראַציע, האָבן מיר דאָרט אַלע חברים, פּונקט ווי מײַן שוין דערמאָנטער פירער, שאַרף קריטיקירט. איך האָב זיך געמוזט גלייך אויפן אָרט אַנטשולדיקן פאַר דעם וואָס איך האָב געטאָן, מיט אַ צעבראָכענעם האַרצן...

איך בין יענעם אָונט שפּעט אהיימגעקומען. איך האָב געפירט אַ שטיקעלע ברוגז מיט מײַן מאַמען, פאַרוואָס זי האָט מיר אַזוי אויסגעשייגעצט, אָבער דער מאַמע׳ס כעס איז שוין געווען שטאַרק אויסגעוועבט. „קום, מײַן זון, לאָמיר זיך דורכרעדן", זאָגט זי מיר, גאַנץ וואַרעם. „דו האָסט שוין מסתמא פאַרגעסן. דו ווייסט אַז דו דאַרפסט שוין באַלד אין אַ פּאָר חדשים אַרום, זיך שטעלן צום פּריזיוו."

„איך האָב שוין שיר נישט פאַרגעסן וועגן דער גאַנצער זאַך. אָבער וואָס קענען מיר זיך דורכרעדן וועגן דעם?"

„נעם און זעץ זיך אַוועק, און שרייב גלייך אָן אַ בריוו צום פעטער בערל אין דוואַרעץ, און זאָל ער זען פאַר דיר קריגן אַ לעגאַטע. איך האָב דערפאַר אָנגעגרייט אַ דריי, פיר הונדערט רובל, אַז ער זאָל דאָס ארויס־קריגן." מיר איז דאָס נישט שטאַרק געפעלן געוואָרן די מעשה מיט די פיר הונדערט רובל וואָס די מאַמע האָט אַזוי שווער פאַרהאַרעוועט, אַז איך זאָל דאַרפן „קויפן" מײַן לעגאַטע. אָבער איך האָב געטאָן וואָס די מאַמע האָט

געזאָגט. איך האָב דעם בריוו אָנגעשריבן און טאַקע גלייך אים אַוועקגעשיקט. אין פיר טעג אַרום, ערשט מיר קריגן שוין אַן ענטפער פון פעטער בערל אין וועלכן ער שרייבט: „זאָרגט זיך נישט, כאַשקע, איך וועל שוין זען אַלץ באַזאָרגן, אַז ישראל בער זאָל קיין סאָלדאַט נישט זיין."

די מאַמע, אַ באַרואיגטע, מיט דער פאַרזיכערונג אַז איך וועל שוין קיין סאָלדאַט נישט זיין, האָט זיך אָנגעהויבן צו זאָרגן וועגן אַן אַנדער ענין — אַ שידוך. „וואָס פאַר אַ שידוך, ווען שידוך? האָב איך פּראָטעסטירט. זאָגט מיר די מאַמע אַז מיט פייגלען קען מען נישט אַזוי וואַרטן ווי מיט מיר און אַזוי ווי איך בין דער עלטערער, וואָלט געווען אַ יושר אַז איך זאָל פריער חתונה האָבן, וועט פאַר איר זיין גרינגער צו טאָן אַ שידוך.

„דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב שוין כמעט ווי אַ כלה."

„דו מיינסט יוטע'ן?"

„וואָס, דיר געפעלט זי נישט פאַר קיין כלה?"

„מיר האָט זיך אויסגעדוכט אַז דו האָסט איר שוין אויפגעגעבן. דו האָסט דאָך קיין איין מאָל אין דיינע בריוו איר אפילו נישט דערמאָנט."

איך האָב דער מאַמען דערקלערט אַז בשעת מען זיצט אין טורמע, דערמאָנט מען נישט אין קיין בריוו קיין נאָמען וואָס קענען נאָך אַמאָל אַרעסטירט ווערן בלויז דערפאַר וואָס זיי קענען דיך. אָבער דער געשפּרעך האָט מיר דערמאָנט אַז איך טאָר נישט פאַרנאַכלעסיגן די אָרעמע מיידל. איך דאַרף איר זען אַ ביסל אָפטער. אמת, זי אינטערעסירט מיר שוין נישט אַזוי ווי פריער, אָבער דאָך בין איך מיט עפּעס פאַרפליכטעט צו איר. איך האָב זיך פאַר זיך אליין פאַרשעמט, און בין אַוועק צו זען זיך מיט איר אַ צווייטן מאָל. גראָד איז איר פאָטער געווען, בעת איך האָב זיך מיט איר באַגעגנט, ער האָט מיר אָפּגעגעבן אַ ברייטן שלום עליכם און געפרעגט מיר ווי איך פיל אין געזונט. ער האָט אויך געלאָזט פאַלן עטלעכע שטאַרקע ווערטער, זאָגנדיק שטילערהייט, און אַרומקוקנדיק דערביי אין אַלע זייטן, צי אימיצער הערט נישט. „פאָניע חזר ווערט שוין איצט אַ ביסל מילדער," מיינענדיק דעם נייעם מיניסטער, סוויאַטאָפּאָלק-מירסקי. פילע האָבן געגלויבט אַז דאָס איז אַ נייער משיח, אָבער ער איז אַזאַ גאָר נישט געווען.

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך זיך געפּרוּווט אָפּזוכן פיל חברים פון מיין אַמאָליקער האַלב-ציוניסטיש, האַלב רבנישער פּעריאָדע. אייניקע פון זיי האָבן זיך אפילו צו מיר נישט געלאָזט דערקענען, נישט אַזוי אויס שנאה צו מיר און צו מיינע אידייען, נאָר אויס מורא, טאָמער וועט מען זיי דערפאַר אַרעסטירן. איך האָב זיך נישט געפּרוּווט אַרויספּצווינגען אויף זיי מיט גוואַלד. „ווילסט נישט, דאַרף מען נישט," איז געווען מיין קורצער באַשלוס.

דערפאַר האָט זיך מיט מיר זייער שטאַרק אַרומגעכאַפּט רוואוקע זעליגמאַן, דער זון פון דעם שמש פון דער ליטווישער שול. ער איז געוואָרן מיט דער צייט אַביסל ראַדיקאַליזירט, אם ווייניקסטנס איז ער געוואָרן פיל ליבעראַלער, און מיר מוחל געווען מיינע צו ראַדיקאַלע אַנשויאונגען. ער פאַרטרויט מיר אַז ער אַליין וויל שוין אויך אָפּאָטעמען פרייער און קלייבט זיך שטאַרק פאָרן אין ענגלאַנד צו זיין ברודער, אָדער אין פראַנקרייך. אַז רוואוקע זאָל ווערן אַ רעוואָלוציאָנער, האָב איך זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, און זיך נישט געלייגט קיין פייגעלעך אין בוזעם. אָבער איך האָב זייער געוואָלט אַז ער זאָל מיר ווערן נעענטער אויך גייסטיק. אויסער דעם, וואָס ער איז געווען בכלל אַן אינטערעסאַנטער מענטש, און אַ סטודענט, אַ מתמיד, אויף פאַרשי־דענע וויסנשאַפטלעכע געביטן. איך האָב פון אים אַ סך געלערנט אויף אַ חבר'שן אופן. מיין באַקאַנטשאַפט מיט דער דייטשישער ליטעראַטור האָב איך אים געהאַט אַ סך צו באַדאַנקען. ער איז אויך געווען אַן אויסגעצייכנטער העברייאישער שרייבער. ער האָט מיר אַ סך דערמוטיקט אין אָנשרייבן מיין ערשט ווערק אין העברייאיש, „חיי המלכה איזבל", וואָס איז אגב קיין מאָל נישט געדרוקט געוואָרן.

איך האָב זיך אויך באַמיט צו זען מיין אַלטן פריינט, משה גאָטליב, דער וואָס האָט מיר געשלעפּט שטענדיק צו מוזיקאַלישע אויפטואונגען, און אָפּצושאַצן בעסערע מוזיק. קיין סך געמיינשאַפטלעכקייט האָב איך שוין מיט אים נישט געקענט האָבן. ער איז געווען ענדגילטיק קעגן דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג פון אַ ציוניסטישן שטאַנדפּונקט, אַז כל ישראל חברים און איין איד טאָר נישט באַקעמפן אַ צווייטן, נישט אויפן קולטור געביט און נישט אויף דעם עקאָנאָמישן געביט. איך האָב זיך מיט אים שוין מער נישט געזען.

דערפאַר האָב איך זיך ענגער פאַרקניפּט מיט מיין אַמאָליקן חבר, יודא סאַפּערשטיין, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ אידענטיפיצירט מיט דער בונדי־שער באַוועגונג, געהאָלפן מיר פיל אין אָרגאַניזירן די פּריקאַזשטשיקעס, און אין האַלטן זיי אין אַ געוויסער דיסטאַנץ מיטן ציוניזם, וואָס האָט זיך געמאַכט אַ פעסטונג צווישן די פּריקאַזשטשיקעס. מיר האָבן אין אַ קורצער צייט אויסגעפּלאַנירט אַ רייע שטילע קאַמפּאַניעס און אין משך פון עטלעכע מאָנאַטן, געהאַט אַ היבשן דערפאָלג אין אָרגאַניזירן אַ רייע גרויסע קאָנטאָרן. ער אַליין האָט זיך געקליבן צו פאַרלאָזן רוסלאַנד און בכלל אייראָפּאַ. ער האָט געהאַט אַ פעטער אין אַמעריקע וואָס האָט אים כסדר אַרויסגעפּאָדערט קיין אַמעריקע. פונדעסטוועגן האָט ער נאָך אַלץ געפונען צייט אָפּצוגעבן דעם בונד פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג.

קאַפּיטל צוויי־און־פערציק

דער פּריזיוו

צוויי וואָכן נאָך סוכות, 1904, זיינען מיר, מיין מוטער און איך, געפאָרן קיין סלאָנים צו באַזאָרגן אַלץ וואָס מען דאַרף צו מיין פּריזיוו. פאַר מיר איז סלאָנים געווען אינטערעסאַנט צו טרעפן דאָרט אַן אָפּטייל פון בונד, צווישן די אידישע פּראָלעטאַרישע סופרים. מיר זיינען אריינגעפאָרן אין אַ האָטעל וואו מיר האָבן גענומען צוויי צימערן, און זיך באַקענט מיטן שטעטל. עס האָט נישט געדויערט לאַנג און איך האָב דערהערט ווי צוויי בחורים האָבן געשמועסט צווישן זיך און געברויכט אַזאַ „אומבאַקאַנט" וואָרט ווי „פּראָלע־טאַריזאַציע". מיינע אויערן האָבן זיך גלייך אָנגעשפּיצט. דאָס מוז שוין זיין אָרגאַניזירטע אַרבעטער, קלער איך זיך.

איך פאַרבינד גלייך אַ געשפּרעך מיט איינעם פון זיי: „איך קום פון לאָדזש," זאָג איך אים, „אַ פאַבריק שטאָט מיט איבער הונדערט טויזנט פּראָליטאַריער, מיט טויזנטער קוימנס וואָס שרייבן אַן אויף די הימלען מיט רויך זייער געשיכטע. איך וואָלט וועלן וויסן וואָס הערט זיך דאָ צווישן אונזערע פּראָלעטאַריער. זיינען זיי דאָ אָרגאַניזירט? האָבן זיי שוין דאָ געוואונען די נאָרמאַלע פאָדערונגען פאַר געזונט און פאַר אַ ביסעלע וואויל־זיין? ביי מיין קאָנווערסאַנט זיינען די אויגן גרעסער געוואָרן ווי זיי זיינען געווען. „זיינט איר אויך אַן אָרגאַניזירטער אַרבעטער?" פרעגט ער מיר. איך ענטפער אים אַז איך באַלאַנג צום בונד. „און איר האָט גאָר קיין מורא נישט צו זאָגן דאָס אין דער הויך?" פרעגט ער מיר. איך ענטפער, „דער אמת איז אַז מורא האָב איך נאָך אַלץ, כאָטש דאַרפן, דאַרף איך נישט. מיר טאָרן נישט מורא האָבן. דאָס איז אַ שרעקלעך וואָרט פאַר אונז. מיר דאַרפן דאָס אויסמעקן, אָפּוואַשן פון אונזער צונג. אָבער מורא האָב איך. דאָס איז נאָך איינע פון מיינע שוואכקייטן וואָס זיינען מיר געבליבן. אָבער איך האָף נאָך אין גאַנצן פּטור צו ווערן פון דעם באַגריף. איך האָף אַז איר דאָ, האָט עס נישט... אַז איר זייט העלדישער. איר זייט דאָ נעענטער צו דעם שבט פון הירש לעקערט. איר זייט העלדישער, מוטיקער, און אַ גוטער ביישפּיל פאַר אַ סך גרויסע שטעט.

דער בחור וואָס האָט מיט מיר גערעדט איז געווען איין־און־צוואַנציק יאָר אַלט. אויך ער דאַרף באַלד גיין צום פּריזיוו. איך מאַך מיט אים אָפּ צו טרעפן זיך יעדן טאָג אויף דורכשמועסן זיך. איך ווער פון אים געוואָר אַז

אַלע פּריזיוואָניקעס אין שטעטל, איבערהויפּט די אידישע, זיינען אָרגאַניזירט אין אַ פאַריין און באַשטייען אַז אַלע רייכערע פּריזיוואָניקעס דאַרפן צאָלן אַ געוויסע סומע געלט פאַר די וועלכע וועלן גיין דינען. די וועלכע האָבן אמת׳ע לעגאַטעס, זאָגט ער מיר, און זיי זיינען אָרעם, דאַרפן גאָרנישט צאָלן. בלויז די, וואָס זיינען אַנגעשטאָפּט מיט געלט און ווילן אַז מיר, די אָרעמע, זאָלן דינען, און זיי זאָלן הולטאַיעווען, — זיי דאַרפן צאָלן היפּשע סומעס, און דאָס געלט גייט פאַר די, וועלכע גייען דינען, אַז עס זאָל נישט זיין אַזוי שווער. דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער רוסישער־יאַפּאַנישער מלחמה, און פאַר פיל סאָלדאַטן איז דאָס געווען אַ געפאַר צו פאַרלירן דאָס גאַנצע לעבן, אָן אבער אָדער אַ שטיק געזונט. ווען איך האָב אים געגעבן געררעכט אויף אַזאַ שטעלונג, נעמט ער פאַמעלעך אַרויס אַ בלייפעדער, און פאַרשרייבט אין אַ ביכעלע מיין נאָמען און וואוינונג.

„שרעקט זיך ניט״, זאָגט ער מיר, דאָס פאַרשרייב איך אייער נאָמען כדי מען זאָל נישט צוגיין צו אייך און סטראַשען מיט טויט, אויב איר וועט נישט געבן די ארויפגעלייגטע סומע.

און אַזוי איז טאַקע געווען. צו מיר זיינען צוגעקומען צוויי חברה־לייט, בחורים, הויכע ווי יונגעביימער, מיט ענערגישע פּנימער און פלייצעלעך וואָס רירן זיך פון איין אָרט צום צווייטן, ווי זיי וואָלטן געווען אויף ספּרוזשי־נעס. איך האָב זיי בלויז געזאָגט אַז איך גלויב אויך אַזוי. האָבן זיי מיר באַשמעקט פון אַלע זייטן און דערנאָך געזאָגט, מיט אַ לייכטן, גוט־ברודערישן קלאַפּ אין פלייצע, „דאָס איז גענוג״. זיי האָבן מיר שוין דערנאָך באַשיצט פון אַנדערע קאָמיטעט־לייט וואָס זוכן די אמת׳ע קרבנות. איך בין איצט שוין געווען פאַרטיק, כמעט מיטן נאַטשאַלסטוואָ, מיט די בירגער פון דעם שטעטל, און מיט זייערע פאַרשטייער. עטלעכע טעג פאַרן פּריזיוו, קומט נאָך צו מיר איינער פון די חברה־לייט, אַז איך זאָל זיי געבן אַ לעקציע וועגן דער דערוואַכונג פון פּראָלעטאַריאַט אין פּוילן. איך זאָג זיי אַז איך האָב דאָ, אין שטעטל, און אין אַלע אָרומיקע שטעטלעך, משפּחה. נישט אַלע פון זיי זיינען פון אונזעריקע, דאַרף איך זיך היטן. מיר וועלן שוין זען — ענטפערן זיי, — צו טאָן אַלץ וואָס איז נויטיק, צו באַשיצן די רעדנער.

איך ווער געוואָר אַז אין די קומענדיקע טעג קומט אַהער, קיין סלאָנים, אַ רעדנער פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן וואָס וויל אָריבערציען די מאַסע סופרים ארבעטער צו די ס. ר. ער וועט האַלטן אַ לעקציע. מען פרעגט מיך צי וועל איך זיין וויליג צו זיין אַ קאָ־רעפערענט. איך האָב שנעל באַשלאָסן אַז איך וועל דאָס פּרואוון טאָן, כאָטש מיר איז שוין לאַנג נישט אויסגעקומען צו רעדן אין רוסיש. דערווייל האָט מיר די חברה באַשיצט. מיין

מוטער האָט זיך געוואונדערט צי וועל איך זיך קענען אַרויסדרייען פון די רעקרוטן אָן עקסטרע אָפּצאָלונגען פאַר מיין לעגאָטא. זי האָט נישט פאַר־שטאַנען ווי אַזוי קענען פרעמדע מענטשן, וואָס האָבן מיך קיינמאָל נישט אין די אויגן אָנגעזען, מיך באַשיצן, און פאַרוואָס? איך האָב איר דערקלערט אַז דאָס איז דער כוח פון אונזער אָרגאַניזאַציע... מיר זיינען אין ערגעץ נישטאָ און מיר זיינען אומעטום דאָ. דורך פאַרשידענע דערקען־צייכנס, דערקענען מיר זיך איינע די אַנדערע.

„דו מיינסט צו זאָגן אַז דו וועסט קומען אין מינסק אָדער אין קאַטע־רינעסלאַוו וועט מען דיר אויך באַשיצן?"

„געוויס... און ניט נאָר אין די שטעט וואָס דו האָסט אָנגערופן. איך וועל האָבן גוטע פריינט אפילו אין ווין, אין פאַריז, אין לאָנדאָן און אומעטום."

„וועסטו האָבן אויך פריינט אין אמעריקע?" האָט זי פּלוצלונג געגעבן אַ פרעג, און איר שטערן האָט זיך דערביי פיל געקנייטשט.

„יאָ, אויך אין אַמעריקע און אין אַפריקע; אפילו אין אויסטראַליע זיינען אונזעריקע דאָ."

„דו מיינסט צו זאָגן אַז די אַלע זיינען אידן?"

ענטפער איך איר גלייך אָפּ מיט אַ שטיקל רוגז, „ביי אונז איז נישטאָ קיין אונטערשייד צווישן אידן און אַנדערע פעלקער. מיר האָבן איינע און די זעלבע אינטערעסן, האַלטן מיר זיך אומעטום צוזאַמען."

„דאָס איז אַ נייער פּאַטש צום גוט־שבת. אידן, גויאים, ביי זיי איז נישטאָ קיין שום אונטערשייד, אַקוראַט ווי אָדם הראשון וואָלט געווען אַ גוי."

„ער איז טאַקע נישט געווען אַ איד."

„אָבער גאָט האָט אים באַשאַפן?"

„דאָס ווייס איך נישט, און קיינער ווייס נישט. אָבער פיל מענטשן, גלויביקע, האַלטן אַזוי".

„ביזטו נאָך אַלץ אַן אַפּיקורוס?" פרעגט זי מיך מיט פאַרביטערונג.

„ביי דיר אין די אויגן בין איך אפשר אַן אפיקורוס." איך ווייס אַז איר וועט נישט צופרידן שטעלן דער דאָזיקער ענטפער, אָבער אין דעם מאָמענט האָב איך נישט געוואוסט וואָס צו זאָגן אַז זי זאָל נישט פאַרפירן מיר אויף אַ דיסקוסיע וואָס קען איר ווי טאָן. זי איז געווען אַזוי פרום אין איר גאַנץ גלויבן, ווי אַ גרינע ערשט אַראָפּגעריסענע אוגערקע וואָס מען נעמט אַרויס פון גאָרטן אין איר פולער גאַנצקייט.

אויפן גאַנצן וועג האָב איך געזען אויסצומיידן אַזעלכע דיסקוסיעס מיט דער מאָמען. איך ווייס שוין פון פריער אויס, אַז אזעלכע וויכוחים טרייבן אריין מיין מאַמען אין האַרצווייטיק, און איך מייד זיי אויס וויפל איך קען,

אָבער אין דעם פֿאַל האָט זי אַרויסגערופֿן די דיסקוסיע מיט אירע פֿראַגעס. איך האָב שוין געזען, פֿון איר באַהאַלטן דעם פֿאַקט אַז איך קלייב זיך נאָך צו רעדן דאָ אויף אַ געהיימער פֿאַרזאַמלונג.

דערווייל האָט מיין מוטער געדאַרפֿט צופֿאַרן קיין דוואַרעץ צו פֿאַר־האַנדלען מיטן פֿעטער וועגן מיין לאַגאַטע. עס איז גוט געווען וואָס זי איז נישט געווען די טעג אין סלאָנים ווען מען האָט מיט מיר געפֿירט אַלערליי פֿאַרהאַנדלונגען. עס איז מיר נישט געווען אומעטיק אין דעם צימער פֿון דעם האַטעלכל וואו מיר זיינען איינגעשטאַנען. אָפֿט און איינציקווייז פֿלעגן קומען חברים זיך דורכרעדן וועגן דער קומענדיקער דיסקוסיע. ווען זיי האָבן זיך געוואָלט פֿאַרזיכערן צי בין איך אַ גוטער רעדנער, האָב איך זיי מער נישט געזאָגט ווי אַז איך טרעט אַרויס אין לאָדזש אויף פֿאַרשידענע פֿאַרזאַמלונגען. אַ שאָד וואָס איך האָב נישט געהאַט קיין שום פֿאַפּירל צו באַשטעטיקן עס. די הויפּט צרה איז געווען, וואָס איך האָב אויסגעזען צו יונג, צו קינדעריש אַז איך זאָל אַרויסטרעטן געגן אַ באַרימטן ס. ר.־ישן רעדנער. עס איז אָבער געווען פֿאַרפֿאַלן.

ווען די ס. ר.־ישע לעקציע איז פֿאַרגעקומען, האָב איך פֿאַרזיכטיק געמאַכט עטלעכע נאָטיצן און צוגעגרייט געהעריקע ענטפֿערס. אַז דער עולם איז געווען טיילווייז מיט מיר איינשטימיק, האָב איך געזען פֿון די צאָל הענט, וואָס האָבן מיר דערמוטיקט און געשטאַרקט גלייך אין אָנהייב פֿון מיין רעדן. ווי מען האָט מיר דערנאָך פֿאַרזיכערט, איז דעם ס. ר. ישן רעדנער נישט געלונגען אַריבערצוציען פֿון דער סלאָנימער בונדישער אָרגאַניזאַציע קיין איינציקן מיטגליד. כאָטש דער אמת איז געווען אַז אַלע ס. ר.־ישע מיטגלידער אין סלאָנים זיינען פֿריער געווען בונדיסטן.

דער פּריזיוו וואו איך האָב געדאַרפֿט שטיין איז אָבער געווען נישט אין סלאָנים, נאָר אין שטעטל, דזשעטל. דאָרט האָט געוואוינט מיין מוטער׳ס שוועסטער, חנה. און אַז מיר זיינען פֿאַרפֿאָרן צו איר, האָט זי געווײנט פֿון גרויס פֿרייד. איר מאַן איז געווען אַן אָרימער דרדקי מלמד. פֿאַר עטלעכע גילדן אַ וואָך האָט ער געקנעלט מיט אַ פּופּצן, צוואַנציק קינדער, און די אָרעמקייט האָט אַרויסגעבליסטשעט פֿון אַלע ווינקעלעך אין הויז. לכבוד אונז האָט חנה געקויפֿט אַן עוף. ווען מיין מאַמע האָט איר געוואָלט באַצאָלן פֿאַר אירע קאָסטן, האָט זי זיך שטאַרק געוועהרט געגן. אַזאַ איז זי געוועזן איר גאַנץ לעבן. געלעבט אין טיפֿער אָרעמקייט אָבער מיט אַ געהעריקער ווערדע. אויף מאָרגן איז געווען דער פּריזיוו צו וועלכן איך האָב זיך געדאַרפֿט צושטעלן. מיין מאַמע און דער אָנקל האָבן געזאָגט תהילים אַ גאַנצע נאַכט. ווייס איך נישט וואָס האָט מער געהאָלפֿן... דאָס געלט וואָס דער

פעטער האָט אונטערגערוקט די בעאַמטע פון דער פּריסוסטסוואַ, צי די קאַפּיטלעך תהילים וואָס די מאַמע און דער אָנקל האָבן געזאָגט. יעדנפאַלס, בין איך געשטאַנען אַ נאַקעטער פאַר די דאָקטוירים וואָס האָבן מיר אויסגעקלאַפּט אַלע ביינדלעך אין מיין רוקן און אין מיין ברוסט קאַסטן, געשאָקלט מיט די קעפּ, און אַרויסגעזאָגט דאָס וואונדערבאַר וואָרט פאַר „ניע גאָדיען״. איך האָב געקריגן אַ בלאָען בילעט און מיט אים אַוועקגעפאָרן קיין דוואָרעץ, אָפּצודאַנקן מיין פעטער, בערל, פאַר זיינע באַמיאונגען. אין דוואָרעץ באַקען איך זיך מיט די איבעריקע מיטגלידער פון דעם פעטער׳ס פאַמיליע — מיט זיין זון, משה פּיקעלניע, מיט זיין פאַמיליע; מיט אַ צווייטן פעטער, נח זעליג, און זיין פאַמיליע, מיט דער מומען, חיה גיטל, א. א. וו.

אויף מאָרגן האָב איך זיך אויך געזען מיט מיין קוזין משה חיים באַריאָט׳ס פאַמיליע. איבערהויפּט האָט מיר פאַרינטערעסירט מלכה, זיין טאָכטער; אַ שיינע בלאָנדינקע וואָס איך האָב נאָך געקענט ווען זיי זיינען געוועזן אין לאָדזש אַ געוויסע צייט. מיר זיינען נאָך יענע טעג אָפּגעפאָרן צוריק קיין לאָדזש. דאָרט האָט זיך פאַר מיר געעפנט אַ נייער קוואַל פון שידוכים — אַ קליינינקייט! א בחור פון אַ שיינער פאַמיליע, אַ לערנער, אַ „וויסער״, מיט אַ בלאָען בילעט אין זיין קעשענע, איז נישט קיין שפּילכל. איך וואָלט געוואָרן אַן אמת׳ער סולטאַן ווען איך וואָלט גענומען די אַלע כלות און זייערע נדנים.

איך בין אָבער געווען אַ גוטער גאַסט אין דער אָרגאַניזאַציע. חברים האָבן שוין פאַר מיר צוגעגרייט אַפילו א בכבוד׳יקע שטעלע. מען האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן אָרגאַניזירן אַ פאַריין פון פּריקאַזשטשיקעס, וואו איך וועל זיין דער הויפּט סעקרעטאַר. מיר איז עס אָבער נישט געפעלן געוואָרן. וואָס ווייס איך צו זיין אַ סעקרעטאַר אין אַזאַ אָרגאַניזאַציע וואו איך בין נאָך קיין מאָל נישט געוועזן? איך האָב זיך געגן געשטעלט, אָבער די חברים זיינען באַשטאַנען אויף זייערס. יעדער אָנהייב איז שווער, און אויב איך וועל נאָר אָננעמען, וועל איך שוין געפינען אַלע מיטלען ווי אַזוי צו עטאַבלירן זיך ווי אַ גוטער סעקרעטאר. איך בין אַ לענגערע צייט געבליבן ביי מיינס. איך וואָלט וועלן זען כאָטש איין פּרעצעדענט ווי אַזוי אַזאַ אָרגאַניזאַציע ווערט געפירט. מיינע ביז איצטיקע דערפאַרונגען זיינען געווען בלויז מיט קליינע גרופּעס. מיר איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק צו פאָרן קיין ווין אָדער בערלין און אריינגיין אין אַזאַ פאריין און זען זייערע אויפגאַבן, באַקענען זיך מיט זייערע דערפאַרונגען, און אויף אַזאַ אופן, אָנהייבן דאָס זעלבע, לויט אונזערע אומשטענדן, אין אונזערס אַ פאַריין.

איך האָב דאָס פאָרגעבראַכט פאַר איינע פון אונזערע פירנדיקע

מענטשן און ער האָט געזאָגט, דאָס איז נישט קיין שלעכטער פּלאַן. „מיר וועלן דיר פּרואוון שיקן קיין אויסלאַנד, ערשטנס, צו מאַכן דיר געזונטער, צו זען זיך מיט די דאָרטיקע פּראָפעסאָרן וועגן אַ גוטן לעבנס־וועג פאַר אַזאַ פּאַרשוין ווי איר. אין דער זעלבער צייט וועט איר קענען אויסלערנען די אָרגאַניזאַציע־פירונגען פון אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַריין און אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם". די אָרגאַניזאַציע האָט מיך גלייך אוועקגעשיקט, אָבער די פּראָפּאַגאַנדע פון אַנטי־מלחמה איז געווען אין סאַמע מיטן און איך בין געווען זייער נויטיק אין דער דאָזיקער קאַמפּאַניע. מען האָט מיך צוזאַמענ־געפּאָרט מיט אַ פּראָפּאַגאַנדיסט — נכמיה פלײשער, אַ טוער צווישן די זייגער־מאַכער פון כמעליעווסקי׳ס פאַבריק; און מיר האָבן געשטורעמט באַלוט און די אַלטע שטאָט.

די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען זיינען געווען מערקווירדיק צוליב צוויי דערשיינונגען. מיר האָבן דאָרט נישט מורא געהאַט פאַר קיין שפּיאָנען, ווייל אַ שפּיאָן האָט געדאַרפט זיין משוגע צו ווייזן זיך אין די ענגע באַלאָטע געסלעך. צווייטנס, האָבן מיר זייער ווייניק געדאַרפט צאָלן פאַר דער דירה. דאָס זיינען געווען צוויי גרויסע, לאַנגע צימערן, אמת, אָן שום באַהייצונג. אָבער מיר זיינען נישט דערפרוירן געוואָרן. מיר האָבן אַזוי אַנגעפּאַקט די צימערן, אַז די לעמפּלעך האָבן זיך געלאָשן פון דעם אויסגעברענטן זויער־שטאָף, און די היץ איז געווען אַזוי גרויס, אַז ווען מען פלעגט אריינגיין אינעווייניק האָט זיך געפילט ווי אין אַ שטאַרקן שוויץ־באָד. אַזוי, אַז מיר פלעגן קענען פריי אָפּאָטעמען ווען מיר פלעגן ארויסגיין אין דרויסן אין דער קעלט.

אויף די דאָזיקע מיטינגען בין איך געוואָרן זייער פּאָפּולער, און איך דערוויס זיך סוף ווינטער, אַז מען שטעלט מיך אַרויס פאַר אַ קאַנדידאַט אין די ערשטע דעמאָקראַטישע וואַלן צום קאָמיטעט פון בונד. (ביז יענער צייט זיינען אַלע מיטגלידער פון דעם לאָדזשער קאָמיטעט פון בונד געווען צוגעשיקט פון דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון ווילנע, אָדער פון דווינסק. קיין לאָדזשער גופא זיינען אין קאָמיטעט נישט געווען, מיט קליינע אויס־נאַמען, ווי למשל, שמאי קרומקאָפּ, הערב לייב ברענמאַן, חיאל רעבעלע, חימל פּראָפעסאָר, און אַנדערע.) אָבער זיי זיינען באַשטימט געוואָרן פון די העכערע צענטראַלע קערפּערשאַפטן.

ווען איך האָב זיך געפונען אַן ארויסגעשטעלטער אויפן וואַל צעטל, האָב איך מורא געהאַט, טאָמער אַרעסטירט מען מיך ווידער אַמאָל, און דאַן וועלן זיי מיר שוין קענען צוציען אויפן סמך פון אַ דאָקומענט. האָט מען מיר אָבער באַלד דערמאָנט אַז אויפן וואַל צעטל דערשיינען נישט קיין פאַמיליע

נעמען, נאָר בלויז די ערשטע נעמען, אָדער פאַרשיפקעס. דאָס האָט מיך באַרואיגט. און איך בין „געלאָפן" דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, נישט אויף קיין שפּיציקע שטיינער.

אין דער זעלבער צייט האָט מען מיר נאָך אַלץ „געזאַלבט" פאַר דעם קומענדיקן סעקרעטאַר פון דעם פּריקאַזשטשיקעס־פאַריין. מען האָט געהאַלטן אין איין פּראָקלאַמירן מיך ווי דעם גרינדער און ערשטן אָרגאַניזאַטאָר פון די לאָדזשער פּריקאַזשטשיקעס מאַסן; וואָס דאָס איז נישט אמת געווען. דאָס וואָלט זיך גיכער צוגעפּאַסט צו יודא סאַפּערשטיין, צו די עלטערע פירער פון די פּריקאַזשטשיקעס אין דעם קאָמי פאַריין (דער פאַריין פון אָנגעשטעלטע אויף קאָמיסיע), ווי צו מיר.

אין שטאָט ווערט לעבעדיקער. אין אַלע קאַפע־הייזער, רעסטאָראַנען, שולן און געבעט־הייזער ווערט פיל גערעדט וועגן די רעגירונגען און אויפשטאַנד־געפילן אין די הויכע לערן־אינסטיטוציעס פון דעם לאַנד. עס טומלט זיך אַ קוק אָן, דערהערן זיך קלאַנגפולע טעלעגראַמעס אַז אין פּעטערבורג זגערזש. קליינע דעמאָנסטראַציעס קומען פאָר אין פאַרשידענע געגנטן פון שטאָט. נאָך מער הערט זיך אין די צייטונגען וועגן גרויסע מאַסן סטרייקן אין מאָסקווע, אין פּעטערבורג, ראָסטאָוו, ניזשני־נאָווגראָד, א. א. וו. אומרוען אין די אוניווערסיטעטן פון טאָמסק און קאַזאַן, פון קיעוו און טיפליס, פון וואַרשע און פון ריגע. עס קוקט אויס ווי איבער דער צאַרישער רוסלאַנד הייבט זיך אויף אַ פּויסט פון דעם פאָלק. א נייער יאָר קומט — 1905. פיל סאָציאַליסטישע פירער האָבן פאָרויסגעזאָגט גרויסע אויפהייבונגען פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן, סטרייקן און דעמאָנסטראַציעס. און איידער מיר גיבן זיך אַ קוק אָן, דערהערן זיך קלאַנגפולע טעלעגראַמעס אַז אין פּעטערבורג קומט פאָר אַ גענעראַל סטרייק, און אַז אין געוויסע ערטער, שטעלן די אַרבעטער אויף באַריקאַדעס צו פאַרטיידיקן זיך געגן דער פּאָליציי און מיליטער. וואָס אַ טאָג ווערן אַלץ די ידיעות וועגן פּעטערבורג דראָענדיקער. און ענדלעך אַנטשטייען די היסטאָרישע יאַנואַר־טעג וואָס הייבן זיך אָן מיט דעם 9־טן יאַנואַר. שטורמישע טעג וואָס האָבן אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף דער בורזשואַזיע און אויף דער צאַרישער רעגירונג, נישט נאָר אין רוסלאַנד, נאָר אין גאַנץ אייראָפּע.

אין דייטשלאַנד האָט קאַרל קאַוטסקי, דער פירער פון די דייטשישע סאָציאַל דעמאָקראַטן, געגומען שרייבן, אַז די רוסישע סאָציאַליסטן גיבן איצט אָפּ עקזאַמען אויף אַ נייעם קורס אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. זייער גענעראַל סטרייק ווייזט אונז אַ נייעם אָפענעם וועג צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

און אַט זיינען מיר אין לאָדזש אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פון טוער, אויפֿ־צוהייבן אַ פֿאָנד פֿאַר פֿאַרשטאַרקטע פּאָליטישע קאַמפּן קעגן דער מלחמה. דער פֿאָנד דאַרף באַשטיין פון אַ גרעסערע סומע פון טויזנטער רובל. עס דאַרף גיין אויף דעם פּאָליטישן קאַמף, אויף רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור, אויף געווער א. אַ. וו. אָבער דערוויל הערן מיר באַריכטן אַז דער פּראָצעס איז אַ גאַנץ פּאַמעלעכער. מיר פילן זיך אַביסל דערשלאָגן.

אָבער באַלד הערן מיר אַ מאָדנעם אויפרודער אויף די גאַסן — רעוואָלוציאָנערע אויסגעשרייען און „הוראס". וואָס איז עס, קלערן מיר זיך? איינער פון אונז לויפט אַראָפּ זען וואָס עס טוט זיך און קומט גלייך אַרויף מיט אַ דייטשישער צייטונג אין האַנט. דער הויפּט־קאָפּ אויף דער צייטונג איז „הונדערטער אַרבעטער דערשאָסן אין פּעטערבורג."

עס דערציילט זיך דאָרט די געשיכטע ווי דער רוסישער גלח, גאַפּאָן, האָט אָנגעפירט אַן אַגיטאַציע צווישן די אַרבעטער, אַז זיי קענען געווינען פיל פאָדערונגען, ווען זיי וועלן סטרייקן און מאַרשירן דירעקט צום קיסר׳לעכן פּאַלאַץ מיט פאָדערונגען אין די הענט פאַר ברויט און פרייהייט. דער קיסר וועט זיי נישט אָפּזאָגן אין זייערע גערעכטע פאָדערונגען. זיינען טאַקע טויזנטער אַרבעטער אַוועק אין אַ מאַרש־דעמאָנסטראַציע צום קיסר׳לעכן פּאַלאַץ. אָבער דער קיסר האָט זיי אויפגענומען מיט ... פייערדיקע קאַנאָנען־שאָסן פון דעם מיליטער. הונדערטער אַרבעטער זיינען געפאַלן טויטע; פיל פון זיי, פאַרוואונדעטע, און די איבעריקע צעטריבן, צעדרויבעט; מען האָט אָנגעפילט מיט זיי די טורמעס. דער גורל פון דעם גלח איז נישט באוואוסט ...

אין די צייטונגען איז דערנאָך געווען די ידיעה, אַז גאַפּאָן האָט אַרויס־געלאָזט אַ נייע פּראָקלאַמאַציע צו די אַרבעטער אין וועלכער ער הייסט זיי אויפשטיין אַ צווייטן מאָל, מיט מער קראַפט, און אַז אויב זיי זיינען הונגעריק, זאָלן זיי אָנפאַלן אויף די קראָמען און געשעפטן, און נעמען זיך וואָס זיי דאַרפן האָבן; אָנפאַלן אויף די פּאָליציי געביידעס, טורמעס און קאַזעמאַטן, צעשטערן זיי ביזן גרונט. עס איז דערנאָך געוואָרן באַריכטעט אַז גאַפּאָן איז אַרעסטירט געוואָרן און ווערט אָפּגעהיט פון דער פּאָליציי אין שליסל־בורגער פעסטונג.

ערשט שפּעטער איז מען געוואָר געוואָרן אַז גאַפּאָן איז געווען אַ פּראָוואָקאַטאָר און אַגענט פון דער צאַרישער רעגירונג וואָס האָט געדאַרפט אָפּפרעמדן די ארבעטער פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און פאַרהאַלטן די רעוואָלוציע אַ צייט מיט יאָרן.

זיין שיקזאַל האָט דערנאָך פאַרזיגלט די פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן דורך איר פאַרשטייער, דער אינדזשיניר, פּנחס רוטנבערג,

וואָס האָט אים דערשטיקט מיט זיינע אייגענע הענט. דאָס איז דער זעלבער רוטנבערג וועלכן האָט דערנאָך אויפגעלויכטן פּאַלעסטינע מיט עלעקטרישע אַפּאַראַטן.

מיר קומען ארויס פון דער פאַרזאַמלונג נייע מענטשן. מיר האַלטן, זעט אויס, ביי אַ רעוואָלוציאָנערע סיטואַציע, — פונקט פאַרקערט ווי מיר האָבן געהאַלטן מיט אַ פּאָר שעה פריער. געשטאַרקטע, דערלאָזן מיר זיך איבער די גרויסע פאַבריקן און העלפן אין ארויסציען די אַרבעטער אין גענעראַל סטרייק אַלס ענטפער אויף די פעטערבורגער געשעענישן.

קאַפּיטל דריי־און־פערציק

איבערנאַכט איז פאָרגעקומען מיט אונזער באַוועגונג אַ גרויסע טראַנספאָרמאַציע. די „אַחדות" גרופּע איז מיט אַמאָל געוואָרן די בונדישע פּאַרטיי פון סאָציאַל־דעמאָקראַטן. מענטשן וואָס האָבן פריער נישט געוואָלט וויסן פון אונז, האָבן אָנגעהויבן צוצוקומען אין די הונדערטער. אויף די פאַרזאַמלונגען האָבן זיך געזען נייע פּנימער. די יוגנט האָט געשטראָמט צו אונז אויף די בירזשעס. מיר זיינען פּשוט פאַרפּלייצט געוואָרן. מיר האָבן נישט געהאַט גענוג אַגיטאַטאָרן צו קענען ענטפערן יעדן איינציקן אויף זיינע פראַגעס וועגן די צילן און אויפגאַבן פון דעם בונד. איבערהויפּט זיינען געווען זייער ווייניג וואָס האָבן זיך אָריענטירט אין אידישע פראַגן — אונזער שטעלונג צום ציוניזם, צו פּאַלעסטינע, צו אידישע קולטור־פראַגן. מערסטנס, אָבער, זיינען די פראַגן געווען וועגן סטרייקן. אַרבעטסלוין, היגיענישע באַדינגונגען, און ווי אַזוי מיר וועלן דאָס אַלץ דערגרייכן.

פאַר דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג איז די צייט געווען די שניט־צייט. מען איז געלאָפן צו די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. אומלעגאַלע ליטעראַטור האָט מען געריסן פון די הענט, און ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן ווען איינער פון מיינע אַמאָליקע רבייאים, זלמן מייזל, האָט מיר אַליין געבעטן צו ברענגען אים אומלעגאַלע ליטעראַטור אין רוסיש. דאָס איז פאַר מיר געווען סימפּטאָמאַטיש פאַר דער צייט אין וועלכן מיר טרעטן אריין. אפילו מיין מוטער, וואָס האָט קיין מאָל נישט געוואָלט הערן וועגן דער באַוועגונג, האָט מיר אָנגעהויבן צו מעלקן מיט פאַרשידענע פראַגעס, און דער עיקר האָט זי געוואָלט וויסן צי האָבן מיר שוין שלום געמאַכט מיט גאָט. זי האָט מיר איבערגעגעבן אַז ביים רב אין הויז פרעגט מען זיך נאָך אויף מיר. דאָס האָט מיר זייער איבערראַשט. איך האָב אָבער באַשלאָסן אַהין נישט צו גיין, סיידן איך וועל קריגן אַן אָפיציעלע איינלאַדונג. ווען איינער פון דעם רב'ס אייניקלעך האָט מיר צופעליק געטראָפן אין גאַס, האָט ער מיר געגעבן די

האָנט און דערביי אַ שטאַרקן דריק געטאָן, וואָס האָט מיר געלאָזט וויסן אַז איך בין שוין אַ פולשטענדיקער מענטש. די זעלבע געענדערטע לאַגע האָב איך אויך דערפילט אין הויז צווישן די שכנים. מען האָט מיר אָפּגעגעבן גוט־מאָרגנס, גוט־שבת, אַזעלכע וואָס האָבן מיר פריער אינגאַנצן איגנאָרירט. באַזונדערס האָט מיר געוואונדערט ווען מיין ווייטערער קאָזין, עוזר, דער שוחט, האָט מיר אָפּגעגעבן אַ וואַרימען שלום עליכם, און באַגריסט מיך מיטן באַפרייט ווערן פון דעם מיליטער דינסט.

נו, איז אין דער דאָזיקער געענדערטער לאַגע לייכטער געוואָרן צו אָטעמען, צו אַרבעטן, און צו ווירקן. די אַרבעט פון צוגרייטן די ערשטע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דעם פּראָפּעסיאָנעלן פאַריין פון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע איז געוואָרן אויף אַזוי פיל לייכטער, אַז עס האָט זיך שוין באַוויזן אַ לויטערער הימל. עס זיינען בלויז געבליבן טעכנישע שוועריגקייטן ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן עס אויף דעם בעסטן און טיכטיקסטן אופן. מיר האָבן גענומען דעם ווינער זאַל אויף ווסכאָדניע גאַס, און געזאָגט די באַלאַבאַטים פון זאַל, אַז דעם זאַל ווילן מיר נוצן צו אָרגאַניזירן דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון די האַנדלס אָנגעשטעלטע. די עטלעכע אויפרופן וואָס מיר האָבן אַרויסגעלאָזט פאַר דעם צוועק האָבן געבראַכט אַן עולם וואָס האָט איבער־געפילט דעם זאַל. מיר האָבן שוין געקענט זען ווי אונזער מאַכט וואַקסט פון מינוט צו מינוט. אויף דער פאַרזאַמלונג האָבן מיר שוין געזען אַז די מער באוואוסטזיניקע און אַנגעזעענע האַנדלס־אָנגעשטעלטע זאָלן ווערן מער פּראָמינענט אַרויסגערוקט. איך האָב נישט געהאַט קיין גרויסע דערפאַרונגען אין זיין אַ פאַרזיצער פון אַ פאַרזאַמלונג. אָבער די חברים זיינען דורכויס באַשטאַנען אַז איך זאָל זיין דער פאַרזיצער. און ווען איך וואָלט נישט געהאַט עטלעכע גוטע ראַט־געבער ביי מיין זייט, וואָלט איך געפירט מסתמא די פאַרזאַמלונג אין בויבעריק. אָבער עטלעכע פלינקע קעפּ און גענייטע הענט האָבן מיר געהאָלפן איינצושטעלן אַ געהעריגע אָרדנונג, לויט אַלע פּאַרלאַ־מענטאַרישע כללים; מ׳האָט אויסגעקליבן געהעריקע באַאַמטע, און דער מיטינג איז אַוועק אַזוי ווי אויף שינעס. און אַט לייענען מיר פאַר אַ פּראָיעקט פון דער קאָנסטיטוציע פאַר דעם פאַריין פון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע — אַ קאָנסטיטוציע וואָס איז כמעט קאָפּירט געוואָרן פון אַן ענלעכער דייטשישער אָרגאַניזאַציע. אַ גרויסע דעבאַטע האָט זיך אַנטוויקלט איבער דעם פּונקט וועגן אַנגעהעריגקייט פון צו יונגע מענטשן. אונזער פאַרגעשלאָגענער פּונקט איז געווען אַז אַ מיטגליד טאָר נישט זיין אינגער פון אַכצן יאָר. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן שטורעם גראָד ביי דער יונגער חברה פון דעם זיבעצן יאָריקן עלטער. געשרייען, „פאַרוואָס״ האָבן אָנגעהאַלטן אַ שטיקל צייט, ביז

מיר האָבן דערקלערט — אינגערע פון אַכצן יאָר מוזן זיין אין שולע און נישט אין קיין געשעפט־לאַגערן אָדער קאַנטאָרן.

ווען דער עולם האָט דאָס אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, זײַנען די פריערדיקע פראָטעסטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטורמישער מאַניפעסטאַציע פון גוט־הייסונג.

דער מיטינג האָט זיך געענדיקט שפּעט. נישט אַלע פונקטן האָבן געקענט אָנגענומען ווערן, האָט מען אויסגעקליבן אַ קליינעם קאָמיטעט וואָס זאָל געניו דורכקוקן די איבעריקע פונקטן און דערנאָך באַשטימען אַ נייעם מיטינג וואו זיי זאָלן גוטגעהייסן ווערן. ווען עס איז געקומען צו דער פראַגע וועגן אָמט פון דעם סעקרעטאַר, זיינען עטלעכע געוואָרן נאָמינירט פון צווישן דעם עולם — איך אויך צווישן זיי. אָבער צום סוף בין איך דער־ווילט געוואָרן כמעט ווי איינשטימיק. איך האָב גלייך אויפן אָרט דערקלערט, אַז איך בין נישט צוגעגרייט פאַר אַזאַ אמט — אַז מען וועט מיר דאַרפן צו פיל לערנען, צו פיל אינסטרוקציעס געבן. אָבער דער גרעסטער טייל איז געווען אַזוי איינגעגלויבט אין מיר, אַז זיי האָבן פאַרשריען אַלע מיינע אָנווענדונגען, און אַזוי בין איך געוואָרן דער ערשטער סעקרעטאַר פון דעם דאָזיקן פאַראיין אין לאָדזש.

אַרום זעקס הונדערט מיטגלידער האָבן זיך פאַרשריבן יענעם אָוונט, און יעדער איינער האָט צוגעזאָגט אריינצוברענגען די איבעריקע אָנגעשטעלטע אין זיין פלאַץ. אַ גוטע פאַרלייכטערונג האָט אונז געמאַכט דער קאָמי־פאַריין וואָס האָט געהאַט אַ רייכע אויסגעשטאַטעטע געביידע פאַר זיך אליין, אין צענטער פון שטאָט. זיי האָבן אונז דערלויבט צו באַנוצן זיך מיט זייער געביידע, ווי אַ דערוויליגן צענטער פון דעם ניי־געגרינדעטן פאַראיין פון האַנדלס־אָנגעשטעלטע.

איך האָב זיך אליין מיינע אייגענע אויגן נישט געגלויבט. מען האָט מיר אריינגעזעצט אין אַ גרויסן, לופטיקן, גוט־אויסגעשטאַטן צימער, מיט געניג בענקלעך און שטולן פאַר באַזוכער, און מיט אַלע נויטיקע קאַנצע־לאַרישע מעבל.

די פאַרוואַלטונג מיט וועלכע איך האָב געדאַרפט ארבעטן, איז געווען אַ זייער גוט צוגעקליבענע, אַ קאָאָפעראַטיווע און אינטעליגענטע. אָן אַזעלכע מענטשן ווי עליא הויפמאַן, פעפער, יעקב לעפקאָוויטש, יעקב בראָדסקי און אַנדערע, וואָלט איך בשום אופן נישט געקענט מאַכן די אינסטיטוציע פונק־ציאָנירן פון דעם ערשטן טאָג אָן. גלייך אין דער ערשטער וואָך האָבן מיר שוין געהאַט אויף אונזערע הענט עטלעכע שווערע סטרייקן אין גרעסערע פירמעס. אָבער יעדער סטרייק איז שנעל געוואונען געוואָרן דורך דירעקטער

דיפלאָמאַטיע און די אַרבעטער האָבן נישט פאַרלאָרן קיין איין טאָג. די סטרייקן זיינען געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ אָפּטער צווישן די קנאַפּ באַצאָלטע האַנדלס־אַנגעשטעלטע, איבערהויבט אין די קלענערע געשעפטן אין אַלט־שטאָט, און אין די ווייטערע געגנטן פון שטאָט.

אין גיכן אָבער, זיינען מיר געפּרואווט געוואָרן מיט גרויסע פאַר־אַקשנ׳טע סטרייקן. איבערהויפּט, איין סטרייק האָט געצויגן די אויפמערק־זאַמקייט פון דעם גאַנצן לאַנד. דאָס איז געווען דער סטרייק פון די אַנגע־שטעלטע אין די עקספּעדיציע געזעלשאַפטן, און דערהויפּט אין דער ראַסיס־קאַיע אָפּשעסטוואָ, אַ פירמע וואָס האָט געהאַט אָפּטיילונגען אין יעדער גרויסער שטאָט פון דער רוסלענדער אימפּעריע. דאָס האָט אָפּגעקלונגען איבערן גאַנצן לאַנד, וואָס האָט נישט געוואוסט פון אַזעלכע סטרייקן צווישן די אינטעלי־גענטערע האַנדלס־אַנגעשטעלטע. דער דאָזיקער סטרייק האָט זיך געצויגן עטלעכע מאָנאַטן. עס זיינען אויסגעצאָלט געוואָרן טויזנטער רובל אין סטרייק בענעפיטן. עס האָט זיך אַריינגעצויגן היפּשלעך אין די באַנייטע רעאַקציע יאָרן. אָבער אין מיטן די רעכטע פאַרהאַנדלונגען מיט דער פירמע וועגן דעם סטרייק, בין איך געוואָרן זייער קראַנק. מען האָט מיר גענומען צום דאָקטאָר, מאַיבוים, ער האָט מיך געגעבן אַ גוטע אונטערזוכונג און מיר ענדלעך אָנגעזאָגט אַז אויב איך וועל זיך נישט פאַרנעמען איצט אויף אַ נייעם רעזשים פון געזונט רו און גוטע פלעגע, וועל איך זיכער אַרונטערפאַלן אונטער אַן אַטאַקע פון טובערקולאָזיס. און וואָס שנעלער איך וועל אויפהערן צו עקספּלואַטירן זיך, אַלץ גיכער וועט אָנקומען די דערהאָלונג. ער האָט געראָטן אַז איך זאָל פאָרן אין דער שווייץ, אָדער אין מעראַן, און דאָרט איבערשטיין די קילע, ווינטערדיקע מאָנאַטן.

איך האָב געמוזט איבערגעבן די פירערשאַפט צו אַ צייטווייליגן סעקרעטאַר וואָס איז אַנגעשטעלט געוואָרן. דאָס איז געווען ישראל קופּערמאַן. עס זיינען געווען אַזעלכע געטרייע פריינט מיינע וואָס האָבן גלייך נאָך זיין אַריינטריט אין אָפּיס גענומען שרייען — „דאָס איז נישט קיין ביילין” און האָבן אים פאַרשוועגט די אַרבעט. עס זיינען אויך פאַרשפּרייט געוואָרן וועגן אים אַלערליי קלאַנגען וואָס זיינען מערסטנס געווען גוזמאות׳דיקע און ריינע רכילות. אָבער דעמאָלט בין איך שוין געווען אין אויסלאַנד, געשיקט פון אונזערע דאָקטוירים אין מעראַן, כדי צו פאַרבעסערן מיין געזונט. אָבער וועגן דעם אַ ביסל שפּעטער.

די סטרייקן פון די האַנדלס־אַנגעשטעלטע, וואָס זיינען געוואָרן אַלץ פאַרשפּרייטערט, האָבן אויפגערודערט די גאַנצע שטאָט. וואו מען איז גע־גאַנגען האָט מען געקענט זען סטרייקער מיט אָדער אָן אַרעם־בענדער. אָפט־

מאָל האָט מען אויך געקענט זען ווי זיי קעמפן מיט סטרייק־ברעכער. ווי עס ווייזט אויס, האָבן די פּאַר׳עקשנ׳טע פירמעס גענומען לערנען די באַזונדערע אייגנשאַפטן פון דעם בונד. זיי האָבן עפּעס געהערט אַז דער בונד איז געגן טעראָר. האָבן זיי אָנגעהויבן אונטערצושפּאָרן די הערצער פון זייערע לאָיאַלע האַנדלס־אָנגעשטעלטע מיט דעם דאָזיקן פאַקט. „קיינער וועט אייך נישט שלאָגן״, האָבן זיי אָנגעזאָגט זייערע טרייע אָנגעשטעלטע. „קיינער וועט אייך נישט אָנרירן״.

מאַכט זיך, איין מאָל ווען מיר האָבן געסטרייקט אין דער ווישליטסקי פירמע, אַז בעת מיר זיינען געקומען אַראָפּנעמען סטרייק־ברעכער, איז אַ ביטערער חברה׳מאַן צוגעלאָפן צו מיר און אויסגעשריִען, „איר טאָרט מיר אפילו נישט אָנרירן מיט אַ פינגער. מיר ווייסן אַז דער בונד איז געגן טעראָר!״ און האָט זיך עזות׳דיק געשטעלט קעגן מיר און געגן די סטרייקנ־דיקע אַרבעטער וואָס זיינען געקומען אָפּשטעלן די אַרבעט.

„דער בונד איז טאַקע קעגן טעראָר.״ האָב איך אים געענטפערט. „אָבער ער איז געגן חוצפּה׳דיקע סטרייקברעכער און בויאַנעם ווי דו ביסט״; און האָב אים געגעבן אַזאַ שטורך, אַז ער האָט זיך היפּשלעך צע־וואַקלט, און אַלע האָבן ארויסגעלאָזט אַ געלעכטער. מיר האָבן דעם סטרייק געוואונען, און בלויז נאָך אַ סך, אַ סך איבערבעטונגען האָבן מיר דערלויבט דעם דאָזיקן חוצפּה׳דיקן באַד־יונג צוריק אָנגעשטעלט צו ווערן. ווען ער האָט געקריגן אַ העכערונג, גלייך מיט אַלע אַנדערע, פון צען רובל אַ וואָך, האָט ער זיך אומגעקוקט צו זען צי אימיצער פון אונז גייט נישט אָפּנעמען פון אים די צען רובל. ווען איינער פון די אָנגעשטעלטע האָט אים געגעבן אַ גוטע עצה אַז ער זאָל אין משך פון עטלעכע וואָכן אָפּגעבן די הוספה דעם פאַראיין וואָס דאָס וואָלט נישט געווען קיין קרומע זאַך, איז ער דעמאָלט גלייך געקומען מיט זיין צענערל און געזאָגט, „נאַט אייך די צען רובל״. אָבער מיר האָבן דאָס נישט אָנגענומען.

אגב, איז מיין מערכה דעמאָלט היפּשלעך פאַרגרעסערט געוואָרן. איך האָב געקריגן פערציק רובל אַ מאָנאַט שכירות פאַר מיין סעקרעטאַרשאַפט. אָבער איך האָב דערפאַר אומגעקערט צוריק דעם געהאַלט וואָס איך האָב געקריגן פון בונד אַלס מיטגליד פון קאָמיטעט, דרייסיק רובל אַ מאָנאַט. דער קאָמיטעט האָט זיך אָפּגעזאָגט אָפּצונעמען פון מיר דאָס דאָזיקע געלט. איך בין אָבער באַשטאַנען אויף מיינס. ווען איך פלעג ברענגען אהיים צו דער מאַמען יעדן מאָנאַט די פערציק רובל, האָט זי אויך אויסגעשטעלט גרויסע אויגן. זי האָט דאָך מיר ביזן לעצטן טאָג אַלץ געשיקט זוכן אַ שטעלע פאַר וועלכע איך וואָלט געקראָגן צען אָדער פופצן רובל אַ מאָנאַט, ווי עס

איז ביז דעמאָלט געווען אָנגענומען. זי פֿלעגט טענה׳ן אַז איך וועל שוין קיין מאָל קיין „פֿאַרדינער" נישט זיין. און דאָ ברענג איך איר מיט אַמאָל פֿערציק רובל אַ חודש.

זי האָט שוין אָנגעהויבן גאָר אַנדערש צו קוקן אויף מיינע שפּעטע שעה׳ען וואָס איך פֿלעג זיצן ביי מיטינגען אָדער ביי די אַנדערע אַרבעטן אין פֿאַראיין. מיט דער צייט איז זי געוואָרן אַליין אַ גוטע אַגיטאַטאָרן, פֿאַרוואָס אַרבעטער דאַרפֿן זיך אָרגאַניזירן לויט זייערע פּראָפֿעסיעס אין אַזעלכע פֿאַריינען. זי איז געוואָרן געטריי דער גאַנצער באַוועגונג און מוטיק אין אַלע אירע האַנדלונגען, אַזוי, אַז מענטשן האָבן איר נישט דערקענט.

שוין אין יאַנואַר, 1905 האָבן מיר אַ גרופּע פֿון די אָרטיקע העכערע אָנשטאַלטן פֿון בונד באַשלאָסן צו האָבן פֿאַר זיך אַ ניי־יאָר ליאַמע. מיר זיינען געווען אַ מאָן צוואַנציק, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעלייגט פֿאַר אַזאַ שמחה׳לע. מיר האָבן עס באַשטימט צו האָבן אויף דער באַקוועמען קוואַרטיר פֿון אונזער חבר יעקב לעפּקאָוויטש. מיר האָבן זיך געגרייט אויף אַ שיינעם אינטימען אָוונט. די הויפּט פֿירער פֿון בונד אין שטאָט זיינען דאָרט געווען. אומגליקלעכערווייז האָט אַ געוויסער האַנדלס אָנגעשטעלטער, בערגער, דערהערט אַ וואָרט וועגן דער דאָזיקער שמחה. ער איז צוגעשטאַנען צו מיר איך זאָל אים זאָגן וואָס פֿאַר אַ שמחה דאָס איז. ער וויל אויך דאָרטן זיין. איך האָב אים געזאָגט אַז דאָס איז אַ פּריוואַטע זאַך און אַז עס זיינען בלויז געציילטע אהין איינגעלאַדן. ער האָט שטאַרק פּראָטעסטירט פֿאַרוואָס ער קען דאָרטן נישט זיין. איך בין אָבער געבליבן ביי דעם באַשלוס וואָס מיר האָבן אַלע געמאַכט. ער איז אַוועק פֿון מיר אַ ברוגז׳דיקער, אַ פֿאַר׳צאָרנט־דיקער. מיר איז אָבער נישט איינגעפֿאַלן אַז דער בחור קען עפּעס אָפּטאָן אין זיין כעס. מיר האָבן געקענט זיין שוועסטער. זי איז געווען אַ גוטע חבר׳טע, אַ פֿאַרלעסלעכע, כאָטש פֿון דער פֿאַמיליע אויס, זיינען זיי געווען פֿאַרמעגלעכע. ווען דער אָוונט איז געקומען, בין איך גראָד געווען נישט אין בעסטן געזונט. איך האָב געהאָט א שטאַרקן קאָפּ־ווייטאָג. איך האָב געבעטן דערלויבעניש אַרויסצוגיין אַ ווײַלע אום אויסצולופֿטערן מיין קאָפּ. איך בין דערנאָך אריין אין אַ קוואַרטיר פֿון אַ פּריקאַזשטשיק וואָס האָט אויך דאָרט געוואוינט אויף דעם זעלבן שטאָק. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט, זיך אריינגעלאָזט אין אַ שמועס, און כמעט ווי פֿאַרגעסן אין דער שמחה׳לע וואָס עס קומט פֿאַר ביי לעפּקאָוויטשן אין קוואַרטיר. אָבער אַ מאָדנער פּראָצעס אין דעם קאָרידאָר, וואָס איז דערגאַנגען צו מיינע אויערן, האָט מיך דערמאָנט אַז איך בין שוין צו לאַנג אַוועק פֿון דאָרטן. איך האָב דאָרט געהאַט אויך מיין אויבערמאַנטל, הוט און שטעקן. בין איך צוריקגעגאַנגען

און געעפנט די טיר אַריינצוגיין. ערשט איך דערזע פון דער עפענונג אַז די גאַנצע קוואַרטיר איז שוין איבערגעפילט מיט „ליבע״ געסט — די בלויע רעק פון זשאַנדאַרמען, פּאָליציסטן און קאָזאַקן. און דער וואָס איז געשטאַנען ביים טיר גיט מיך אַ שטורך אויף צוריק — „סטופּיי וואָן, זדיעס אָביסק״. פאַרשטייט זיך אַז איך בין אַרויס מיט גאַנצע ביינער, און פּרואוו גיין צוריק, קלערנדיק ביי זיך, ווי אַזוי קומט מען דאָ אַרויס אַ גאַנצער. איך דערמאָן זיך אַז אויף דעם זעלבן שטאָק וואוינט אויך ישעיה אוגער, דער רעדאַקטאָר פון דעם לאָדזשער „טאָגעבלאַט״, אַ גוט באַקאַנטער מיינער, און פּרואוו צו אים אַריינגיין. ער קוקט מיך מאָדנע אָן און פרעגט מיר וואָס איז נייעס. איך בין אַזוי צעטומלט, אַז איך זאָג אים ביי לעפקאָוויטש׳ן אין הויז איז איצט אַן „אָביסק״, וועל איך בעסער איבערשטיין אַ ביסל צייט ביי אים. שפּרינגט ער אויף אַ דערשטראָקענער, „אָ, טוט עס נישט! איר וועט מיר שטעלן אין געפאַר — מיר און די צייטונג״. איך פאַר־וואונדער זיך ווי אַזוי אַ מענטש וואָס גיט זיך אָן ווי אַ גאַנצער ליבעראַל, זאָל קענען אַזוי האַנדלען. איך פרעגג אים, „וואָס פאַר אַ פאַרברעכן וואָלט איר געטאָן ווען עס קומט צו אייך אַריין אַן אַנדערער און פאַרפירט מיט אייך אַ שמועס, און דערנאָך קומט צו אייך אַריין די פּאָליציי״.

„אָבער איר,ביילין, זייט דאָך אַ באַוואוסטער צו די פּאָליציי. איר זיינט דאָך ערשט ניט לאַנג צוריק אַרויס פון דער קוטוסקע. וועט עס אויף מיר און אויף דער צייטונג אויך וואַרפן אַ חשד.״

איך זע אַז איך וועל שוין מיט דעם דאָזיקן דערשראָקענעם האָז גאָרנישט מאַכן. לאָז איך זיך צוריק אַרויס אויפן קאָרידאָר. איך זע אַז עס ווערט דאָ אויך איבערגעפילט מיט פּאָליציי. מיט אַמאָל שטעלט מיר אָפּ אַ פּריסטאַוו און פרעגט מיך, „גדיע וואשי קניגי?״ איך זע אַז ער מיינט אַז איך בין דער פאַרוואַלטער פון הויז, וועמען ער האָט געהייסן ברענגען די ביכער. איך ענטפער, „איך האָב זיי נאָך נישט״, זעענדיק אַז ער מאַכט אַ טעות אין מיר. „איך וועל זיי ברענגען אַזוי שנעל ווי איך וועל קענען״, און דערווייל קלער איך נאָך אַלץ ווי אַזוי זיך אַרויסצוראַטעווען פון דעם הויז. דורך אַ קאָרידאָרענעם פענסטער, זע איך אַז דער גאַנצער הויף איז שוין פול מיט סאָלדאַטן און קאָזאַקן. מיינע אויערן, אָבער, זיינען נאָך אַלץ אָנגעשפּיצט. נישט זייענדיק ווייט פון לעפקאָוויטש׳ס טיר, הער איך ווי איינער פון די אונטערזוכער שרייט אויפן קול — „און וועמענס פּאַלטאָ איז דער? דאָ איז דאָך אַ פּאַספּאָרט. וואו איז ער — דער דאָזיקער ביילין?״ קיינער ענטפערט נישט אויף דער פראַגע. פאַלט מיר איין אַ געדאַנק אַז צוריק אַריינגיין זאָל איך שוין בשום אופן נישט. אַז מען האָט מיר שוין

אַנגעגומען פאַרן פאַרוואַלטער פון הויז קען איך דאָ שוין שפּילן די ראָלע ביז אַרונטער. ווען אַ צווייטער פּאָליצײ באַאַמטער גיט מיר אַ פרעג, וואָס טו איך דאָ, זאָג איך, איך האָב אָוועקגעשיקט נאָך די ביכער.

„אנטשולדיקט, הער פאַרוואַלטער, איך האָב געמאַכט אַ טעות.״ פאַרענטפערט ער זיך און מאַכט קולות, „וואו איז ער? דער דאָזיקער „מער־זאָוועץ״ מיט זיינע ביכער״. דערווייל האָב איך נאָך אַ באַשטעטיגונג אַז איך בין דער פאַרוואַלטער. ביסלעכווייז פאַרענדיקן זיי דעם „אָביסק״. זיי הייבן אָן אַרויסצוגיין און אַרויסצופירן דעם גאַנצן געזעמל אין קייטן. איך מאַך זיך גאָרנישט וויסן. איך לויף קלוימערשט ווייטער זוכן דעם וואָס איך האָב געשיקט זוכן די ביכער. איך אָטעם אָפּ אַ פרייער ווען דער גאַנצער פּאָליצײ־געזינדל פאַרלאָזט דאָס הויז. איך מאַך נישט קיין לאַנגע שהיות און לויף אַרויס פון דעם הויז. איך דאַרף דאָך אָנזאָגן אין אַלע מעגלעכע הייזער אַז מען זאָל זיי אָפּראַמען ווייל די פּאָליצײ וועט דאָך נאָך קומען גלייך קאָנטראָלירן צי זיי וואוינען אין די הייזער — צי די אָנגעגעבענע הייזער זיינען טאַקע עכטע — און זיי וועלן מאַכן אויך דאָרטן „אָביסקעס״.

צום סאַמע ערשטן פאַלט מיר איין אָנזאָגן די קויפמאַנס אַז זייער זון סעמיאָן, אַ ברודער פון עליא קויפמאַן, איז אַרעסטירט געוואָרן. די פאַמיליע קויפמאַן איז אַ היפשע. די עלטערע קויפמאַנס זיינען סימפּאַטיזירער, בעת אַלע פינף זין זיינען מיטגלידער פון דעם בונד. די עלטערן ווערן שטאַרק דערשראָקן וועגן סימיאָנ׳ס אַרעסט. איך באַרואיג זיי ווי ווייט איך קען נאָר, אַז אויב מען וועט ביי אים גאָרנישט געפינען, און אַז מען וועט דאָ אין הויז אויך גאָרנישט געפינען, וועט מען אים מסתמא אין גיכן באַפרייען. זיי זיינען מיר זייער דאַנקבאַר, אַקוראַט ווי אָן מיר וואָלט זיך געוועגט סימיאָנ׳ס באַפרייאונג. פון דעמאָלט אָן ווער איך אַ גוטער גאַסט אין זייער הויז.

איך האָב אַזוי אינפאָרמירט אַלע די פאַמיליעס וועמענס אַדרעסן איך האָב געוואוסט, און האָב טאַקע אויסגעהיט אַ סך צרות די אַרעסטירטע. ווען די פּאָליצײ זיינען אַהין געקומען, האָבן זיי שוין גאָרנישט געפונען. אָבער איך, פון דער צווייטער זייט, בין געווען אין גרויס געפאַר נאָך אַמאָל אַרעסטירט צו ווערן, און קריגן די ריכטיקע שטראָף. אין דער קוואַרטיר האָט מען געפונען אינקרימינירנדיקע דאָקומענטן, צווי בונדישע פאָנען, אַנטי־מלחמה פּראָקלאַמאַציעס, פּעק מיטן „אידישן אַרבעטער״, „אַרבעטער שטימע״, און אַ מאַסע אומלעגאַלע בראָשורן. לעפקאָוויטש האָט פאַרמאָגט אַ היבשע מאַרקסיסטישע ליטעראַטור אין רוסיש, דייטש, פּויליש און אידיש. זיי האָבן דאָס אַלץ פאַרפּאַקט און צוגענומען. איבערהויפּט זיינען די צווי געפונענע פאָנען פאַר׳מוסר׳נדיקע זאַכן, וואָס מען קען נישט אָפּשוואַכן.

מיין פּאַספּאָרט איז אויך דאָרט געבליבן אין מיין פּאַלטאָ. זיי וועלן האָבן אַלע באַווייזן אַז איך בין צוריק געוואָרן אַקטיוו. מיין טעטיגקייט אין לאָדזש וועט שוין איצט גאָרניט ווערט זיין. איז טאַקע אפשר בעסער צו טאָן וואָס די דאָקטוירים הייסן מיר — פאָרן קיין מעראַן און דאָרט איבערשטיין עטלעכע מאָנאַטן ביז מען וועט זיך אויפהערן צו יאָגן נאָך מיר? די פראַגע איז פאַר מיר געבליבן שטיין אין איר גאַנצער שאַרפקייט. סוף כל סוף האָבן מיר באַשלאָסן אַז איך זאָל זיך לאָזן אין וועג אַריין. צום גליק איז שוין אין מעראַן דעמאָלט געווען איינער פון די קויפמאַנ׳ס זין, מאיר. זיינע לונגען זיינען געווען אָנגעגריפן און ער האָט געמוזט האָבן די מעראַנער מילדע לופט אויסצוהיילן דעם צושטאַנד.

קאַפּיטל פיר־און פערציק

בין איך טאַקע געפאָרן. מיט דער הילף פון חברים אין סאָסלאָוויץ בין איך אַריבער די גרעניץ אויף אַ „פּולפּאַסיק״ — פאַרשטייט זיך, אונטער אַן אַנדער נאָמען, און צום סאַמע ערשטן, בין איך אַריינגעפאָרן אין ווין, די הויפּט שטאָט פון עסטרייך. דאָ האָב איך זיך דעמאָנסטראַטיוו געקויפט די ווינער אַרבעטער צייטונג, געהאַט אַזאַ גרויסן פאַרגעניגן צעשפּרייטנדיק זי אין וואַגאָן, און לייענענדיק אַ פרייערע, אמת׳ערע באַדייטונג פון די נייעס פון טאָג. און איך האָב שוין דערפילט די געזונטע פרייהייטלעכקייט ווי זי רופט זיך אָפּ אויף אַ פאַרמאַטערט אומפרייען לעבן.

צוויי טעג בין איך געווען אין ווין און איינגעזאַפּט אין זיך די מאָדערנע ציוויליזאַציע און קולטור. באַזוכט דעם פּאַרלאַמענט און געהערט די רעדעס פון דעם אַלטן דר. אדלער, דר. עלענבאָיגען, צוויי גלענצנדיקע רעדנער וואָס האָבן מיך נישט נאָר דערמוטיקט אַז מיר וועלן נאָך אַמאָל דערזען אַ מער גערעכטע וועלט, נאָר אויך פּשוט געהיילט מיינע וואונדן, גייסטיקע אַזוי גוט ווי פיזישע. אין אַ שבת׳דיקן טאָג בין איך שוין געווען אויפן וועג קיין מעראַן. דער וועג איז געווען איינער מיט די שענסטע פּאַנאָראַמעס וואָס איך האָב ווען עס איז געזען אין מיין לעבן. די טיראָלער ריזיקע בערג מיט פעלזנשפּיצן, וואָס עס דוכט זיך אַז אָט, אָט פאַלן זיי אַראָפּ. אָבער די באַן גייט רואיק דורך אונטער זיי, אָן קיין קום אינצידענטן. איך ווער פאַרכאַפּט פון די שווינדלענדיקע הויכקייטן, און זאַפּ אין זיך אַריין די פרישע לופט וואָס איז אַזוי ריין ווי זי וואָלט ערשט געבאָרן געוואָרן. איך האָב שוין דערפילט אַ דערלייכטערונג אין מיינע לונגען.

ווען איך קום אַריין אין מעראַן, וואַרט שוין אויף מיר מאיר קויפמאַן אויפן באַן־הויף. ער דערקענט מיר גלייך, אין דער צייט וואָס איך האָב

אים נישט אַזוי גוט געקענט; ער פֿאַלט אויף מיר ארויף מיט קושן און נעמט מיך ברידערלעך אַרום. ווען איך פרעג אים, „פון וואַנען קענט איר מיר אַזוי, חבר קויפמאַן?" זאָגט ער, „פאַר מיר איז גענוג אַז איך האָב אייך געהערט נאָר איין מאָל, און אַז איר זיינט אַ פריינט פון מיינע ברידער און עלטערן, זיינט אין אויך מיין פריינט."

איך האָב זיך שוין געפילט גוטמוטיק און זיכער, ווי איך וואָלט געווען ביי מיר אין שטאָט צווישן די אייגענע און אַ גוטע אויג גיט אַכטונג אויף מיר.

מאיר האָט מיר געבראַכט אין זיין האָטעל וואו ער איז געשטאַנען. ער האָט שוין פאַר מיר געהאַט אָנגעגרייט אַ צימער, אַ ליכטיגס, אַ זויבערס, און אַ ליבע וואַרעמקייט האָט מיר דורכגענומען אין אַלע אברים. אויף מאָרגן אין דער פרי, ווי נאָר איך האָב אויפגעמאַכט די אויגן, איז שוין געשטאַנען איבער מיר אַ מאַסאַזשיסט מיט אַלקאָהאָל און די געהעריקע רייב־אינסטרו־מענטן, און מיר אויסגעמאַסאַזשירט יעדן ביין אין מיין קערפּער. אַזאַ ליבע קרעפטיגקייט האָבן די ביינער אריינגענומען און איך האָב זיך געמאַכט פאַרוואורפן פאַרוואָס איך האָב נאָך פריער אַהין נישט געפאָרן אַזוי שנעל ווי איך בין צוריקגעקומען פון דעם פריזיוו.

מאיר האָט מיר נאָך אין זעלבן טאָג גענומען צום דאָקטאָר — אַ אידעלע נישט פיל העכער ווי פיר פוס, אָבער זיינע אויגן זיינען געווען גרויסע, האַלב טרויעריקע, אָבער גוטע, גלעטנדיקע, צאַרטע. ער האָט מיר אויסגעטאַפּט יעדן אבר און אַרויסגעטראָגן זיין אורטייל, רעדענדיק צו מיר אויף זיין דייטש־אידיש. „דו ביסט יעקב'ס זאָן. דו ווירסט האָפנטליך זיין געזונט אונד שטאַרק. קאָם צו מיר ווען נור דו פילסט זיך עטוואָס שוואַכער." ער האָט מיר אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און געזאָגט, „אַז ווי דו זעסט מיך, בין איך יעצט 95 יאָר אַלט. איך בין אליין אַ טובערקולאָזער; מיין פרוי איז געשטאָרבן פון טובערקולאָזיס; אַלע מיינע קינדער זיינען געשטאָרבן פון טובערקולאָזיס. אָבער אין די עטלעכע און זעכציק יאָר וואָס איך בין דאָקטאָר האָב איך שוין געראַטעוועט הונדערטער יונגע מענטשן פון אַ זיכערן טויט. דו ביזט פון לאָדזש, אַ שטאָט וואָס האָט פון זיך ארויסגעגעבן פיל טובערקו־לאָזע פּאַציענטן. אַ גרויסער טייל פון זיי זיינען איצט געזונטע, דערפאַלגרייכע מענטשן. דו ווערסט אויך זיין אַ געזונטער מענטש און דערפאַלגרייך אין אַלץ וואָס דו ווערסט טאָן."

איך האָב שיר געוויינט פאַר פרייד וואָס איך בין אריינגעפאַלן צו דעם דאָקטאָר אין די הענט. איך האָב שוין פון זיך אויסגעוואָרצלט יעדן שפּור פון מורא. איך האָב גענומען פּינקטלעך אויספירן אַלע זיינע פאַראָרדענונגען, ווי למשל, די שעה'ן פון שלאָפן, אריינגיין אין בעט נישט שפּעטער ווי ניין

אין אָונט, און אויפהייבן זיך נישט פריער ווי אַכט, קריגן רעגולערע מאַסאַזשן און אַלקאָהאָל אָפּרייבונגען איבערן גאַנצן קערפּער, נאָך פאַרן פרישטיק, צו גיין רעגולער אין דעם קורזאַל און דאָרט נעמען די פאַראָרדנטע בעדער. מיט איין וואָרט, איך האָב געפּרוּווט אָנהאַלטן דעם פולן רעזשים פון אַלע טובערקולאָזע פּאַציענטן און דאָס האָט מיר, צוזאַמען מיט די גוטע געזונטע שפּייז פון מאַדאַם פּאַגעל, די אייגנטימערין, געשטעלט אויף די די פיס. איך האָב גענומען געווינען טעגלעך וואָג, אַזוי אַז איך האָב זיך אין שפּיגל אַליין נישט דערקענט.

מיט דער צייט האָב איך געמאַכט נייע באַקאַנטשאַפטן און נאָך אַפילו צוגעצויגן געוויסע פּערזאָנען צום בונד. איך האָב געפילט זיך גליקלעך וואָס קראַנקערהייט קען איך נאָך עפּעס טאָן פאַר דער באַוועגונג. מאיר איז געווען אויפן זיבעטן הימל ווען ער האָט איינגעזען ווי שנעל איך קום צו זיך. ער האָט מיך פּראָקלאַמירט סיי אין האָטעל, סיי אין אַנדערע פּלעצער, ווי אַ וואונדערבאַרן רעדנער, אַזוי, אַז איך האָב שוין געקריגן איינלאַדונגען פון עטלעכע גרופּעס צו רעדן פאַר זיי. איך האָב אָבער געבעטן מאיר'ן עטלעכע מאָל ער זאָל עס מער נישט טאָן. פון אַזעלכע פּראָקלאַמירונגען קען מיר קיין גוטס נישט קומען. מסתמא האָט דאָ די צאַרישע פּאָליציי אויך אירע פאַרטרעטער און מען וועט שוין האַלטן אויף מיר אַן אויג.

דער גוטער, שטילער מאיר האָט נישט גענומען פאַר אומגוט מיינע באַמערקונגען וועגן זיין לויבן מיך. ער איז געבליבן דער זעלבער פריינט ווי געווען. אין עטלעכע וואָכן אַרום, האָט ער פאַרפאָלקאָמט זיין קור און איז אָפּגעפאָרן צוריק קיין לאָדזש. איך בין אָבער געבליבן סיי ווי צווישן פריינט וואָס האָבן מיר אָפּגעהיט און באַשירעמט. איך האָב נאָך באַוויזן צו האָבן אַ קליינעם, אינטימען ערשטן מאי פייערונג מיט עטלעכע צענדליג געסט מיט וועלכע איך האָב זיך דאָרט באַקענט. אפילו דער דאָזיקער קליינער מיטינג איז געווען סימפּאַטאַמאַטיש פאַר דער געענדערטער צייט אין וועלכער מיר זיינען אַריינגעטראָטן. צווישן די אָנוועזנדיקע זיינען אויך געווען צוויי דאָקטוירים, אַ לענדלאָרד פון הייזער, און אַ רייע אַרבעטערינס און אַרבעטער פון די דערביאיגע האָטעלן.

אַרום דעם מיטן מאי בין איך שוין געווען צוריק אויף דעם וועג קיין לאָדזש. איך האָב זיך בלויז אָפּגעשטעלט מיט עטלעכע טעג אין בערלין און דערנאָך אין ווין. איך האָב זיך בעסער באַקענט מיט די דאָרטיקע סאָציאַל דעמאָקראַטישע איינריכטונגען און פאַריינען.

ווען איך בין צוריקגעקומען קיין לאָדזש, האָב איך נאָך אין דעם זעלבן טאָג געקריגן געסט פון דער פירערשאַפט אין דעם באַוועגונג. קיינער

פון זיי האָט מיר נישט דערקענט. איך האָב צוגעקריגן פיר־און־צוואַנציג פונט אין דער צייט, און רויטע בלימעלעך האָבן זיך באַוויזן אין מיינע באַקן. איך בין שנעל צוריק אַריינגעטראָטן אין דער אַרבעט — צוריק אין לאָדזשער קאָמיטעט פון בונד און אין מיין סעקרעטאַרישן אַמט אין דעם פאַריין. איך בין צוריק אַריין אין קעסלגרוב פון אַ ברויזנדיקער טעטיקייט — מיטינגען, סטרייקס, שליכטונגען מיט באַלעבאַטים, א. אַ. וו. עס האָט געהאַלטן ביי דעם אָרגאַניזירן פון אַ צענטראַלער ביוראָ פון די אַלע בונדישע פאַריינען, און חברים האָבן מיך אַרויסגעשטעלט אַלס קאַנדידאַט פאַר סעקרעטאַר אין דער צענטראַלער ביוראָ. איך וואָלט עס נישט געדאַרפט אָננעמען לויט דעם פאַרזאָג פון דער מעראַנער דאָקטאָר, אָבער מיינע אויגן זיינען געוואָרן צו גרויס, און מיינע יונגע אַמביציעס האָבן גענומען די אויבערהאַנט און איך האָב אָנגענומען די שטעלע, אַלס צוגאָב צו אַלע מיינע פריערדיקע פליכטן.

צווישן די נייע אָנגעקומענע מיטגלידער אין דעם לאָדזשער קאָמיטעט פון בונד האָב איך געפונען אַ זייער אינטערעסאַנטן פערזאָן. מיר האָבן אים גערופן „דער דייטש". זיין אידיש איז געווען אַ היבשער טייל ווי פון אַ דייטשן אידן. ער האָט געהאַט אַ שאַרפע לאָגיק און אַ זעלטענע גאַנצקייט אין זיין אויפפאַסן די אויפגאַבן פון בונד. איך האָב פון אים אַ סך געלערנט, אָבער עס פלעגט אויך טרעפן אַז איך האָב זיך געשטעלט קעגן אייניקע דייטשישע פינקטלעכקייטן זיינע. בכלל, אָבער, האָב איך אָנגענומען מיט דער צייט פיל פון זיינע פרעציזע פירונגען.

אַ צווייטער געשיקטער אַגענט פון צענטראַל קאָמיטעט, וואָס האָט מיר זייער אימפּאָנירט און פון וועמען איך האָב אַ סך געלערנט, איז געווען אַ מיטליאַריקער מאַן וואָס האָט זיך גערופן לוריע. ער איז געווען זאַכלעך און באַרעכנט. איין טאָג, האָט ער מיר „מאָביליזירט" צו גיין מיט אים אויף מאָרגן אין פּאָסט אָפיס. צוליב וואָס און צוליב ווען האָב איך נישט געפרעגט און ער האָט מיר נישט געזאָגט. ווען איך בין דאָרט געווען, האָט זיך אַרויס־געשטעלט אַז דאָס האָבן מיר געדאַרפט אַרויסנעמען פּעקלעך אומלעגאַלע ליטעראַטור. ער האָט מיר פריער גאָרנישט געוואָרנט, נאָר ווען מיר זיינען צוגעקומען צום פּלאַץ וואו מיר האָבן עס געדאַרפט קריגן, האָט ער מיר שטילערהייט געזאָגט, „זייט פאָרזיכטיג, לאָזט מיר ענטפערן אויב מען וועט אייך עפּעס פרעגן." צום גליק איז די זאַך אָפּגעגאַנגען גאַנץ גלאַט. מיר האָבן אָפּגענומען די פּעקלעך, וואָס האָבן אויסגעזען צו זיין אומשולדיק, און זיך פאַמעלעך אָפּגעטראָגן. דאָס זיינען געווען נייע נומערן פון דעם „אידישן אַרבעטער". איך האָב באַלד נאָך דעם געדאַרפט גיין אויף אַ מיטינג פון דער צענטראַלער ביוראָ. איך בין געקומען אַ פאַרשפּעטיקטער, און אויף דער

פראַגע פון איינע פון די מיטגלידער, וואָס מיר האָבן געטראָפן איוואַן, פאַרוואָס איך בין נישט אין צייט, האָב איך אים אומפאַרזיכטיגערהייט געזאָגט אַז דאָס האָב איך געדאַרפט אָפּנעמען די ליטעראַטור, און שוין דערמאָנט אויך לוריע׳ס נאָמען. אין מיין נאַאיוויטעט, האָב איך פאַרזען אַז אזא זאַך ווי אַרויסקריגן אומלעגאַלע ליטעראַטור איז אַ העכסט קאָנספּיראַטיווע, און אַז אפילו אַזאַ נאָענטער מענטש ווי איוואַן האָט ניט געטאָרט וויסן וועגן דעם, אויב ער איז אַליין נישט געווען פאַרוויקלט אין דער אויפגאַבע. איוואַנ׳ען האָט נישט געדויערט קיין צייט — ער האָט מיר גלייך פאַר׳מסר׳ט און געזאָגט לוריע׳ן אַז איך בין אומפאַראַנטוואָרטלעך. איך האָב, פאַרשטייט זיך, דערנאָך געקריגן די ריכטיקע, פאַרדינטע פאַרציע. איך האָב צוגעזאָגט אַז דאָס וועט שוין ביי מיר קיין מאָל נישט טרעפן, און איך בין אָפּגעקומען בלויז מיט דעם חבר׳שן פאַרוואורף.

דערוויל זיינען אָנגעקומען די האַרבסטיקע טעג. די וואָלקנס האָבן פאַרדעקט נישט בלויז די זון, נאָר אויך פיל פּאַסירונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען אין יענער צייט, איינע נאָך די אַנדערע, גרויסע דעמאָנסטראַציעס... סטרייקן... אַרעסטן. פון איין עק רוסלאַנד, ביזן צווייטן האָבן זיך די שטורעמס דורכגעטראָגן. אַלגעמיינע סטרייקן פון פאַכן פון וועלכע מען האָט קיין מאָל נישט געהערט אַז זיי זאָלן סטרייקן, ווי למשל, אַן אַלגעמיינער סטרייק פון די שול־לערער, פון די פּאָסט־אָפּיס אַרבעטער, פון די טעלעגראַ־פיסטן, פון די באַן־מאַשיניסטן און קאָנדוקטאָרן און בילעטן אָפּנעמער. דער סאַיוז־סאַיוזאָוו האָט אַרויסגערופן אין סטרייק אַלע זיינע מיטגלידער. „מיר וועלן נישט גיין צוריק צו דער אַרבעט ביז וואַנען אונזערע פאָדערונגען וועלן אויסגעפירט ווערן״.

דער ענטפער איז אָבער געווען אַ קורצער. „קיין איין פאָדערונג וועט אייך נישט ווערן נאָכגעגעבן אויב איר וועט נישט גלייך גיין צו דער אַרבעט.״ דער סאַיוז־סאַיוזאָוו האָט געפאָדערט באַלדיקע רעפאָרמען, און דער ענטפער איז געווען „אויב איר וועט נישט גלייך אויספירן די רעפאָרמען, וועלן מיר נישט גיין צוריק צו דער אַרבעט. די רעגירונג האָט געפאָדערט פריער אָרדענונג, רואיגקייט, און דערנאָך רעפאָרמען. איז דער ענטפער געווען, „פריער רעפאָרמען און דערנאָך ערשט, וועלן מיר זיין רואיג״.

דער צאַר האָט נאָר געוואוסט איין זאַך — אַן איבערבייט פון מיניסטאָרן וועט אַלץ מאַכן אין אָרדענונג. האָט ער איבערגעמאַכט — אַראָפּגענומען דעם, און אַרויפגעזעצט יענעם. אָבער דער עולם האָט זיך נישט געלאָזט נאַרן.

אָט, אין אַזאַ סיטואַציע, בין איך און מיין מוטער קראַנק געוואָרן אויף שאַרפע געדערן אָנצינדונגען. מען האָט דאָס אָנגערופן כאָלאָרינע.

די דאָקטוירים זיינען געקומען, האָבן אונז אָפּגעשטעלט אַלע עסנס און געשטעלט אונז בלויז ברויט מיט טיי אויף עטלעכע טעג. ווען מיר האָבן זיך אָנגעהויבן צו בעסערן, האָט ער געראָטן אַז מיר זאָלן פאָרן אין ערגעץ אין אַ וואַרעמען לאַנד, וואו מיר זאָלן זיך אַ ביסל צופּאַשן. דער גורל וואוהין צו פאָרן איז געפאַלן אויף קרים, וואו מיין מוטער האָט געהאַט א שוועסטער. זיינען מיר אַהין געפאָרן אויף צוויי־דריי וואָכן. אויפן וועג האָט זיך אונז אונטערגערוקט דער יום כיפור. דאָס זיינען מיר שוין געווען אין יעקאַטערי־נעסלאַוו, וואו עס האָט געוואוינט די מאַמע׳ס עלטסטע שוועסטער, שיפרע הינדע, מיט איר מאַן, בערקאָוויטש, און זייערע קינדער.

פאָרנדיק צו זיי, האָט אויפן וועג מיך אָנגעכאַפּט אַ שרעקלעכע אַטאַקע וואָס אַלע האָבן כמעט איינשטימיק זי דערקענט ווי די כאָלעריע. איך האָב געמיינט אַז איך בין שוין אַ פאַרטיקער. די אינעוויינקסטע שטורעמס זיינען געווען אויסערגעוויינלעך ווילדע. עס האָט זיך מיר כסדר געגאָסן פון דעם מויל און פון דער צווייטער זייט. ביז וואַנען מען האָט מיר דערפירט אין דעם פעטער׳ס הויז, האָב איך געמיינט איך וועל שוין זיין פאַרביי. אָבער מיר איז נאָך געווען באַשערט צו לעבן היבשע עטלעכע צענדליק יאָר און זען נאָך זאַכן פאַסירן וואָס איך האָב דאָס געזען פריער בלויז אין חלום אָדער אין דער פאַנטאַזיע.

אַ זייער גוטער רופא, וואָס דער פעטער בערקאָוויטש האָט געבראַכט, האָט מיר מיט געוויסע מיטלען שנעל באַרואיגט, מיך אויסגעהיילט אויף עטלעכע טעג אין בעט, און איך בין גענוג געזונט געוואָרן אין איין וואָך צייט, אַז מיר זאָלן קענען פאָרזעצן אונזער רייזע קיין קרים, צו מיין צווייטער מומען, פריידע לאה.

אין יעקאַטערינעסלאַוו האָב איך נאָך געהאַט די געלעגנהייט אין די לעצטע טעג צו זיין אויף אַ קורצן מיטינג פון בונד, און צו שליסן באַקאַנט־שאַפט מיט אייניקע רעוואָלוציאָנערן פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן אין וועלכער עס באַלאַנגט מיין פעטער׳ס זון, לייב (לעאָן). ווי איך האָב געזען, איז עס איין וועלט — די גאַנצע צאַרישע רוסלאַנד זיצט אויף הייסע קוילן. אומעטום רעוואָלוציאָנערע גרופּן, פאַרזאַמלונגען, סטרייקן, רעזאָלוציעס. ווי לאַנג קען נאָך אָנהאַלטן אַזאַ רעגירונג וואָס זיצט אויף אַ פייערדיקן באַרג?!...

און אָט זיינען מיר שוין אויפן דריטן טאָג אונטער די בלאָע הימלען פון קרים, אין פעאָדאָסיע. עס איז נישט בלויז וואַרעמער דאָ ווי אין דער אוקראַינע; עס פילט זיך אויך אַ סך ריינערע לופט וואָס איז אַ פאַרגעניגן אַריינצוציען אין די לונגען. ווי אַנדערש זיינען די גאַסן, די געביידעס, די

מענטשן און די שפראַכן אַט אין דער אַלטער כאַזארישער מדינה. איך האָב דערפילט אַ נייעם ריח אין דער דאָזיקער האַלב אַזיאַטישער, אָריענטאַלישער אַטמאָספערע. אָבער אויך דאָ, האָב איך געפונען, גייט אַרום מיט שטילע פּאַנטאָפל, דער גייסט פון רעוואָלט. אויך דאָ, פאַרזאַמלט מען און דיסקוטירט מען; עס אמפערן זיך ס. ר. מיט סאָציאל דעמאָקראַטן, נאַציאָנאַלע ראַדיקאַלן מיט סאָציאַליסטן, פּועלי־ציון מיט בונדיסטן, א. א. וו.

מיין פעטער גאָז׳ס זון, לייבע, אַ הייסער ס. ר., האָב איך געפונען צו שטייף און צו הארטנוסיק אַז איך זאָל אים מאַכן פאַר אַ בונדיסט. אָבער מיר זיצן גאַנצע שעה׳ן און מיר דעבאַטירן וועגן די צילן פון פרייהייט וואָס מיר שטעלן זיך, און וועגן אַלערליי פּראָבלעמען פון יענער צייט. מיין פעטער גאָז, דערצויגן אויף די אַלטע רוסישע און העברייאישע ליטעראַטורן, ווייס גאָרנישט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער לעבט. ער גלויבט נישט אַז מיר וועלן קענען מאַכן אַ רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. „דאָס וועט אפשר פאָרקומען״, זאָגט ער, „ווען דער הימל וועט זיך אַראָפּלאָזן אויף דער ערד, און די ערד וועט זיך אויפהויבן צום הימל, נישט פריער!״

„ווּעסט נאָך זען, טאַטע, ווי מיר ס. ר. וועלן פירן די רוסישע רעוואָלוציע. וועסט נאָך זען.״ אַזוי זיכער איז מיין קאָזין, לעאָן, געווען אין דעם זיג פון די ס. ר.׳ן.

קאַפּיטל פינף־און־פערציק

ווען מיר קומען צוריק קיין לאָדזש ווער איך געוואָר אַז די פּאָליציי זוכט מיר שטאַרק און רעכנט אַז איך בין דער וויכטיקסטער פון דער גרופּע וואָס איז איבערפאַלן געוואָרן אויף בענעדיקטע גאַס ביי לעפקאָוויטשן אין דירה. מוז איך אָנווענדן אַ רייע מיטלען ווי אַזוי צו פאַרהיטן זיך פון דעם אַרעסט. דאָס סאַמע ערשטע, לאָז איך וואַקסן מיין באָרד וואָס ענדערט היפּשלעך די פיזיאָנאָמיע, און גיט מיר צו סימנים פון עלטערקייט. דאָס צווייטע, זוך איך אינפאָרמאַציע וואו עס וואָלט געווען פאַר מיר דער גלייכסטער פלאַץ „אָפּצוציען״ אויף עטלעכע חדשים ביז וואַנען די גאַנצע מעשה וועט פאַרגעסן ווערן.

נאָך לאַנגע נאָכזוכענישן און נאָכקלערענישן, באַשליסן מיר אַז דער בעסטער, זיכערסטער פּלאַץ וועט זיין אין די בעלאָוועזשער וועלדער אַרום נאָוואָרעדאָק, וואו עס וואוינט מיין פעטער, מענדל.

דער פעטער, מיינער; מיין טאַטנ׳ס אינגערער ברודער, איז אויך באַוואוסט אונטערן נאָמען „מענדל בעזרוקי״. דאָס מיינט, מענדל אָן אַ האַנט, דער דאָזיקער פעטער, האָט נאָך אַלס אינגל פאַרלאָרן זיין האַנט

אין אַן אומגליק אין אַ מיל וואו ער האָט געאַרבעט. אַ פליגל ראָד האָט אים אָפּגעריסן די האַנט און ער איז אַזוי פאַרבליבן. אַ גאָלדענער מענטש איז ער געווען — אַ דימאַנט, אַ גוטער און אַן איידעלער. ער האָט מיט דער איינער האַנט געשלעפּט די שווערסטע משאות. ער האָט מיט דער איינער האַנט געשפּאַנט פערד, צערעכט געמאַכט וואַגנס, רעדער, אַקסלען און וואָס נישט. מיט דער זעלבער האַנט האָט ער זיך געקענט פאַרטיידיקן קעגן רויבער, קעגן שיכור׳ע באַד־יונגען און קעגן גנבים. ער האָט זיך באַזעצט אין די טיפענישן פון אַ וואַלד, פּופצן וויאָרסט ווייט פון נאָווארעדאָק. ער האָט דאָרט געהאַנדלט מיט די נויטיקסטע סחורות אין וועלכע עס נויטיקן זיך פּויערים און אַרבעטער אין הינטערלענדישע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. דאָרט איז געווען אַ הוטע וואו עס איז געגאָסן געוואָרן גלאָז אין אַלערליי גלעזערנע כלים, און די אַרבעטער האָבן געקריגן פון אים אַלץ אין וואָס זיי האָבן זיך גענויטיקט. אַזוי האָט ער געפירט זיין האַנדל בלויז מיט פאָלקס־מענטשן און ער אַליין איז געווען אַן אמת׳ער פאָלקס מענטש. ער האָט זיך פאַר מיר נאָר איין מאָל פאַרקלאָגט, „דיין טאַטע, משה מיכל, עליו השלום, איז געווען אַ לערנער, אַ באַנק קוועטשער. איך פלעג שטענדיק פון אים לאַכן — „וואָס ווערסטו אויסקוועטשן ?" אָבער ער האָט מיר געזאָגט אַז דער אמת׳ער קוועטשער בין איך, וואָס קוועטשט זיך אַריין צווישן ביימער און ווערט ווי איינער פון זיי — אַ צוגעוואַקסענער צו דער ערד, און קען זיך פון איר נישט אַרויסרייסן. אָט דאָס בין איך, ישראל בער, ווי דו זעסט מיך. ווען איך וואָלט אים געפאָלגט, און וואָלט געקוועטשט זיך ביי אַ גמרא אָדער ביי אַ ביכל, וואָלט איך אויך געקענט אַרומפאָרן אין שטעט און אין לענדער ווי דיין טאַטע האָט עס געטאָן."

דער פעטער מענדל האָט געוואוסט אַז איך בין אַ „טרייפער". פונדעסטוועגן האָט ער מיר גוט אויפגענומען, מיר געזאָגט אַז איך מוז נישט טאָן דאָס וואָס ער טוט. „פאַרשטייסטו מיך", האָט ער געזאָגט, „איך מוז דאַוונען. פאַר מיר איז עס אַ לעבנס זאַך. דאָס פאַרבינדט מיך, אַ דאָרן בוים צו דעם גאַנצן וואַלד־וועלט. אָבער דו, גרויסשטאָטישער פּלימעניק מיינער, מוזט נישט דאַוונען אַז דו ווילסט נישט." ער האָט מיר אויך געזאָגט אַז איך קען לייענען וואָס איך וויל און ווען איך וויל. „זיי פריי, אַזוי ווי דו פילסט. איך האָב שוין איצט אַ זון אין אמעריקע — מיין ברוכ׳קע. שרייבט ער מיר אַז דאָרט אין אַמעריקע איז פריי — מען קען לייענען וואָס מען וויל. קיינעם אַרט נישט צי אימיצער דאַוונט, צי נישט. לאָז זיך דיר דאַכטן אַז דו ביזט אין אַמעריקע ווען דו ביזט ביי מיר אין האַרקעוויץ."

אַ ביסל שפּעטער רופט ער אַריין זיין אינגסטע טאָכטער, חוה, אַ שיין

געבויטע, פעסטע בלאַנדינקע, וואָס איך וואָלט אַנגענומען פאַר א ווייס־רוסישע פויערטע. ער זאָגט איר, „חוה׳לע, דו זעסט ווי אויסגעדאַרט עס איז דיין קוזין, ישראל בער? ער וועט ביי אונז שטיין דאָ עטלעכע וואָכן און דו דאַרפסט אים פעט מאַכן. זע ער זאָל אויף זיך קריגן פלייש און שטאַרקע ביינער. ער האָט שוין גענוג געפוילט אין די טורמעס. דו וועסט שוין ווייסן ווי אַזוי אים צו שפּייזן.״

דער רעזולטאַט איז געווען אַז אויף מאָרגן אין דער פרי, רופט מיר חוה, אַ צניעות׳דיקע און שעמעוודיקע, צו צום טיש. און דאָרט שטייט שוין אַ גרויסער טעלער מיט הייסע לאַטקעס פון וועלכע עס האָט געשלאָגן מיט פּאַרע און פעטקייט. עס איז כמעט אומגלויבלעך אַז איך האָב אריינגעשלונגען אַ צענדליג אַזעלכע גרויסע, רעדערדיקע לאַטקעס, און אַזוי האָב איך געקראָגן יעדן פרימאָרגן. זי האָט מיר אויך נישט ערגער געפּאַשעט ביטאָג און אין אָוונט. סמעטענע און מילך, קעז און פּוטער, אייער און אַנדערע מילכיקע מאכלים. האָבן מיר געקרעפּטיקט, ביינאַכט איז געווען פלייש אָדער פיש, זופּ און קאָמפּאָט. איך האָב ערשט דערפילט אַז איך לעב. אין דער פרי, אַז דער פעטער פלעגט אויפשטיין, פלעגט ער גיין אויף די שפּיץ פינגער כדי מיר נישט אויפצוזועקן פון שלאָף. „זאָל ער שלאָפן״, האָט ער געזאָגט. „ער האָט זיך גענוג אָנגעפּלאָגט.״

איך בין געווען אַ געררירטער פון זיין גוטסקייט, און פון דער מומע׳ס מילדקייט. זיי האָבן געלעבט ווי צווי שטילע טויבן — איך האָב נישט געהערט אַז זיי זאָלן קריגן זיך קיין איין מאָל פון מיין זיין דאָרטן. אָבער נאָך מער האָב איך גענומען פאַרשטיין מיין פעטער ווען עס איז פאַרגעקומען די חתונה פון זיין טאָכטער, זלאַטע. זי איז געווען אַ פּשוט׳ע דאָרפס־מיידל, נישט קיין געזונטע אַזוי ווי די אַנדערע צוויי שוועסטער, און נישט קיין גוואַלדיג שיינע. עס איז געווען שווער מיט איר צו טאָן אַ שידוך. גראָד ווען איך בין אָנגעפאָרן, האָט אַ שדכן געשלאָסן דעם דאָזיקן בונד מיט אַן עלטערן בחור, אַ לערנער, וואָס האָט פון קיין געשעפטן און מלאכות נישט געוואוסט. האָט ער איינגעשטימט חתונה צו האָבן מיט זלאַטען.

דער פעטער האָט פאַררופן צו דער חתונה אַלע זיינע פריינט און קרובים פון די אַרומיקע שטעטלעך. צוויי, דריי טעג לאַנג האָבן זיך געצויגן דאָס אָנקומען פון אלערליי מחותנים. צו מיר איז דער פעטער אריין מיט צעפלאַמטע באַקן און געזאָגט, „הער זיך איין, ישראל בער, דו ביסט ביי מיר דער גרעסטער גאַסט. איך וויל, אָבער, אַז דו זאָלסט אויסקוקן ווי אַ לייט. איך זע ווי ער נעמט אַרויס אַ טייסטער פון קעשענע און נעמט אַרויס פינף־און־צוואַנציק רובל און גיט מיר — „נא״, זאָגט ער מיר, „דאָס וועסטו

קענען געבן דרשה־געשאַנק פאַר דער כלה. זאָלסט קיינעם נישט זאָגן אַז איך האָב דאָס דיר געגעבן. זע אויסצוקוקן ווי אַ בחור פון לאָדזש, אַ רייכע שטאָט, און זאָלן זיי נישט וויסן פון דיינע צרות מיט דער פּאָליציי, פון די טורמעס וואו דו ביסט געזעסן; און ווער ווייס, אפשר וועסטו קענען טאָן א שידוך טאַקע דאָ. עס וועלן דאָ זיין אַזוי פיל פאַמיליעס פון די אָרומיקע שטעטלעך, וועט עס זיין נישט קיין קרומע זאַך.״

דאָס האָט מיר גערירט נאָך מער. איך האָב איינגעזען אַז ער איז איינער פון די בעסטע מענטשן וואָס איך האָב ווען עס איז באַגעגנט — אַ נאַטור־מענטש וואָס איז נישט פאַרקנעכט צו אַ טויטער טראַדיציע, נאָר לעבט אין מאַטערניש און אין מי ווי אַ האָראָפּאַשניק. מיר איז בלויז געווען אַ וואונדער פאַרוואָס איך האָב קיין מאָל נישט געהערט מיין פאָטער, ווען ער האָט געלעבט, עפּעס צו דערציילן וועגן זיין ברודער, מענדל. פרעג איך איין מאָל דעם פעטער, „ווי האָט איר געלעבט צווישן זיך — איר מיט מיין פאָטער?״

„מיר האָבן זיך קיין מאָל נישט געשלאָגן, ניט געקריגט זיך, אָבער קיין גרויסע מחותנים זיינען מיר נישט געווען. ער איז שטענדיק געווען מיט זיינע גמרות און מיט זיינע אַנדערע ספרים און ביכער. איך, ווידער, בין געווען ביי די בהמות, געפּאַשעט זיי, געפירט זיי צום ברונעם טרינקען, אכטונג געגעבן אויף די הינער און הענער — אויף דער גאַנצער באַלע־באַטישקייט. איך האָב זיך אָפּגעגעבן מיט די אייער און ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט איין איי, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין יום טוב. אָבער ער האָט מער אויסגעעמאַכט מיט זיין איין איי ווי איך מיט אַלע הינער און הענער צוזאַמען. ער איז געוואָרן אַ למדן, און איך בין געוואָרן ווי דו זעסט, אַ פּויער, אַ פּשוט׳ער פּויער. איך קען איינשפּאַנען אַ פערד און וואָגן מיט דער איך האַנט וואָס איך האָב. איך קען כאַפּן אַ פערד וואָס אַנטלויפט. איך קען מאָלן מעל, און נאָך אַזעלכע זאַכן. און ער, דיין טאַטע, משה מיכל, האָט צו דרייצן יאָר חתונה געהאַט און גע׳שמ׳ט אַרום און אַרום ווי אַ גרויסער געלערנטער מענטש. איך האָב בלויז חרטה וואָס מיינע קינדער האָב איך דערצויגן אַזוי ווי זיך — ווי ערד־מענטשן און זיי טויגן זיך נישט צו קיין אַנדער זאַך. דו געראָטסט אין דיין טאַטן. דו האָלטסט זיך אויך נאָר מיט ביכער. אָבער אַז דו ביסט דאָ אין וואַלד, דאַרפסטו זיין גלייך ווי אַלע אַנדערע וואַלד מענטשן — אַרויסגיין פון שטוב, צעמישן זיך מיט די ביימער און צוויגן, און מיט די גוטע, געזונטע ריחות פון דער נאַטור. איך וועל זאָגן חוה׳ן אַז זי זאָל דיר פירן אויף שפּאַצירן אין וואַלד יעדן טאָג. עס וועט זיין גוט פאַר דיר און פאַר איר.״

האָב איך זיך געדאַרפט אָנשטויסן אַז דאָס וויל ער אַז מיר זאָלן זיך בעסער באַקענען און חתונה האָבן? איך האָב עס נישט געטאָן. מיר זיינען געגאַנגען פיל מאָל אין וואַלד, פיל מאָל געאַרעמט, אָבער קיין איין קוש האָב איך איר נישט געגעבן. איך האָב זיך פשוט געשעמט. און שפּעטער מיט יאָרן, ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט אין אַמעריקע, האָט זי דאָס מיר פאַרגעוואָרפן. איך האָב איר בלויז אַ קוש געטאָן ווען איך בין אָפּגעפאָרן.

זלאַטעס חתונה איז פאַרגעקומען אין אַ קורצער צייט אַרום. צענדליגע פורן מיט געסט און מחותנים זיינען אָנגעקומען פון אַלע זייטן. צווישן זיי איז אויך געווען מיין מומע, פאַיע, פון ערגעץ אַ שטעטעלע וואָס איז געווען גרויס ווי אַ געניץ. זי איז אָבער געקומען מיט אַ גרויסער פור „סחורה". דאָס איז געווען פריש געבאַקענע בייגל וואָס זי, די סוחר־טע האָט גערעכנט אַז צו דער חתונה וועט זי קענען פאַרקויפן ביז איינעם. ווען דער פעטער האָט געהערט פון איר קומען, האָט ער האַלב שמייכלענדיג באַמערקט, „ווער ווייס וואָס זי וועט דאָ טאָן פריער, צי פאַרקויפן בייגל, צי רעדן עטלעכע שידוכים."

איך האָב באַמערקט אַז ווען זיי האָבן זיך צוזאַמען געטראָפן, האָט זי אים אויסגעשטרעקט אַ טרוקענע האַנט, און געזאָגט אים, „מענדל, זאָל דיר זיין צו לאַנגע יאָר", און דאָס אַלץ. ווען די קלעזמאָרים האָבן אָנגעהויבן צו שפּילן, און עטלעכע אידענעס האָבן אָנגעהויבן צו וויינען, האָט די מומע, פאַיע, געוויינט צום העכסטן קול. ווען איך האָב זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט דער מומע, פאַיע, האָט זי בלויז געשאָקלט מיטן קאָפּ ווי נאָכן טויטן טאַטן מיינעם. „דעם אמת זאָגן דיר, האָב איך דיין טאַטן נישט ליב געהאַט. ער האָט מיר קיין מאָל נישט געמאַכט צום לאַכן, אָבער דערפאַר האָט ער מיר נישט איין מאָל געמאַכט צום וויינען. ער האָט געזאָגט אַז איך בין אַ פויערטע מיט אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ. ער האָט ליבער געהאַט זיינע שוועסטער, שיינען און דינקען. זיי זיינען אים מער געפעלן געווען ווי איך."

איך האָב זיך מיט איר קיין סך נישט אָפּגעגעבן. איך האָב געזען אַז מיין פאָטער איז געווען גערעכט מיט זיין רופן איר פויערטע. איך בין זיכער אַז דאָס איז געווען נישט אין דעם זינען פון באַליידיגן דעם פויער וואָס אַרבעט איבערן ערד, נאָר אין דעם זין פון דעם מענטשן וואָס ווייס נישט קיין שום ציוויליזאַציע און קולטור.

אַזוי שנעל ווי זי האָט דערזען אַז זי קען דאָ נישט פאַרקויפן קיין סך בייגל, איז די מומע פאַיע אָפּגעפאָרן און בלויז איבערגעלאָזט ביי אַלעמען אַ שמייכל אויפן פנים. איך האָב שוין מער פון איר קיין מאָל נישט געהערט און אודאי זי מער נישט אָנגעזען.

אויף דער חתונה האָב איך זיך אויך בעסער באַקענט מיט מענדל'ס

עלטסטע טאָכטער, דינקע, און מיט איר מאַן, מאַרגאַליס, וואָס איז ספּעציעל געקומען צו דער חתונה.

אָבער נאָך מער איז מיר געפעלן געוואָרן דעם פּעטער׳ס אינגסטער זון, שמועל בערל, אַ פּשוט׳ער בחור, אָבער מער אָדער ווייניקער, אַ וועלט־לעכער און אַ גראַד־ליניקער ווי דער פאָטער. איך האָב זיך אויך דאָרט בעסער באַקאַנט מיט די דוואָרעצער און דזשעטלער פון אונזער פאַמיליע — פּשוט׳ע קליין־שטעטלדיקע, אָבער מיט געזונטע חושים. מען האָט מיט זיי געקענט רעדן אַ וואָרט.

איין מאָל איז מיר אויסגעקומען צו נעמען אַ שפּאַציר מיט חוה׳ן אין וואַלד גייענדיק אויפן וועגן צום „אידישן פּריץ״. דאָס איז געוועזן אַ וועג פון אַ זעקס, זיבן וויאָרסט. מיר זיינען נישט געווען פאַרמאַטערט, און פריילעך געגאַנגען און געזונגען. איך האָב עטלעכע מאָל געפּרוּווט מיט איר פאַר־פירן אַ געשפּרעך וואָס איז געווען העכער ווי די ווענט פון האָרקעוויץ. עס איז געווען וועגן לעבן און וועגן דער וועלט. איך האָב געזען אַז זי פאַרשטייט מיר זייער ווייניק, אַז זי איז אינגאַנצן פרעמד פון וועלכער עס איז ליטע־ראַטור אָבער זינגען האָט זי געקענט. האָב איך פאַרצויגן מיט איר אַ ליד און זי האָט מיר געדאַנקט פאַר אויסלערנען איר ווי אַזוי צו זינגען. זי האָט זייער מורא געהאַט פאַר גאָט׳ס שטראָף, אויב זי וועט נישט זיין פרום. „ביים אידישן פּריץ איז נישטאָ קיין אמת׳ע פרומע הויז״, האָט זי געזאָגט. „מען עסט דאָרטן טרפות. אַז מען וועט אייך געבן צו עסן, זאָלט איר נישט נעמען. דער טאַטע עסט דאָרטן אויך גאָרנישט.״

אריינקומענדיק צום פּריץ אין הויז זיינען אונז אַנקעגן געקומען עטלעכע דערוואַקסענע קינדער און האָבן זיך מיט מיר געפרייט הערנדיק אַז איך קום פון לאָדזש.

„ביי אייך קערט זיך דאָרטן וועלטן, האָב איך געלעזן אין דער ציטונג,״ זאָגט מיר איינער. מיר האָט געגעבן אַ פּלי עפּעס אין קאָפּ, אַזוי ווי איך וואָלט געקריגן אַ טעלעגראַמע. „וואָס האָט דאָרטן פּאַסירט?״ פרעג איך. „אַ, איר ווייסט נאָך גאָרנישט? דאָרט איז פאָרגעקומען אַן אמת׳ער אויפשטאַנד. די אַרבעטער האָבן אויסגעבויט אין מיטן די גאַסן באַריקאַדן. הונדערטער זיינען דאָרטן געפאַלן. און איר ווייסט פון גאָרנישט? האָט ער זיך פאַר־וואונדערט. פון וואַנען האָב איך געזאָלט וויסן? „די וועווערקעס אין וואַלד קענען נישט מיין לשון. ווייס איך נישט.״ האָב איך געענטפערט גאַנץ רואיג, אָבער אינעווייניק אין מיר, האָט שוין געפלאַקערט מיט צענדליקער פראַגן. וואָס קען עס זיין? באַריקאַדן אין די גאַסן? דאָס איז עפּעס מער ווי איך האָב זיך געקענט פאָרשטעלן. הייסט עס, אַז עס איז אויסגעבראָכן דאָרט אַ

רעוואָלוציע! און וואָס איז וועגן די אַנדערע שטעט? איז אומעטום שטיל? אַלע ווילע איז מיר אין מוח צוריק געשפּרונגען די פראַגע — איז דאָס אמת, אַ רעוואָלוציע אין לאָדזש?! און איך זיץ דאָ אין האָרקעוויץ צוזאַמען אין די וועלדער מיט די וועווערקעס?! וואָלט איך כאָטש געווען אין נאָוואַרעדאָק, וואָלט איך שוין געוואוסט אַ ביסל מער ווי די ידיעה וואָס דעם פּריצ׳ס זינדל האָט מיך געגעבן.

חוה׳לע האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס איך הייב זיך מיט אַמאָל אַזוי צו אײַלן. צוריק בין איך שוין נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן, אַזוי שנעל, אַז חוה האָט מיר נישט געקענט נאָכהאַלטן. איך האָב איר געזאָגט אַז איך מוז וואָס גיכער קומען אין באַריר מיט גרויס־שטאָטישע מענטשן, אַז דער דאָרף איז שטענדיק צוריקגעשטאַנען, און איך מוז אם ווייניקסטנס, לויפן קיין נאָווארעדאָק. אויפן וועג, אַזוי לויפנדיק, האָט מיט אַמאָל אויסגעבראָכן אַ גאָר גרויסער שטורעם. דונערן האָבן זיך געקייקלט מיט אַ גוואַלדיקן געפּראַך. בליצן האָבן צעשניטן דעם הימל אין אַלע זייטן. גוס רעגנס האָבן אָנגעהויבן צו כליאָפּן מיט אַ גוואַלדיקער קראַפט. „עס איז נישט נאָר קיין רעוואָלוציע אין לאָדזש. עס איז אויף דער גאַנצער וועלט," האָט מיר אַרײַנגעדונערט אין קאָפּ. וועל איך נאָך עפּעס טאָקע דערזען אויף אַן אמת׳ן? איך האָב די אָרעמע חוה כמעט ווי געטראָגן מיט זיך. זי האָט שוין קיין כח נישט געהאַט צו לויפן. בין איך געבליבן דער העלד. עס איז שוין געווען שפּעטלעך אין אָוונט ווען מיר האָבן דערגרייכט דאָס הייזל וואו דער פּעטער׳ס אימעניע איז געשטאַנען. ער האָט שוין אויך געוואוסט אַז עפּעס קאָכט זיך אין לאַנד, וואָס און ווען האָט ער נישט געוואוסט. „איך מוז גלייך פאָרן קיין נאָווארעדאָק," זאָג איך אים.

„דו מוזט?" פרעגט ער מיר האַלב שפּאַטיש. „דאָ שטייען דען אָנגעגרייט באַנען? אם ירצה השם מאָרגן אין דער פרי, אַרום זעקס אזייגער, וועל איך שוין האָבן געשפּאַנט דעם פערד אין וואָגן, און וועל דיר אָוועקפירן קיין נאָווארעדאָק. איך וועל דיר פירן צו בערל, דעם סופר, אונזערער אַ קרוב. דאָרט וועסטו שוין אליין קענען אויסגעפינען דיינע איבעריקע קרובים."

און אַזוי איז עס טאָקע געווען. איך האָב שוין אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. אין מיינע חלומות בין איך געווען אויף די באַריקאַדן פון לאָדזש, געהאַלטן רעדעס, גערופן צום אויפשטאַנד, געוואָרן ארעסטירט, אָפּגעשלאָגן און ווידער אַרעסטירט. מיין האַרץ איז געשפּרונגען ווי זי וואָלט געלאָפן פון באַרג צו באַרג, געשפּרונגען ווי שטיקער גומע. איך האָב געפילט אַז מיין גאַנצער אָפּרו אין האָרקעוויץ איז געווען בלויז אַ צוגרייט צו קענען נאָך פאַרכאַפּן אַזוי פיל פון דער רעוואָלוציע, וויפל עס וועט נאָר מעגלעך זיין.

אויפן וועג, טרעפן מיר נאָך גייענדיק אין דער ריכטונג צו האָרקעוויץ, דעם פּאָטשטברענגער. ער באַגריסט זיך מיטן פעטער און זאָגט אַז ער האָט טעלעכע בריוו פאַר אים. מיר שטעלן זיך אָפּ. איך האָב אים געוואונטשן נישט קיין גוטע זאַכן פאַר אָפּשטעלן אונז, אָבער אַז איך האָב דערזען אויך אַ בריוו פון לאָדזש פאַר מיר, האָב איך אים שוין אַלץ מוחל געווען. דער בריוו איז געווען פון ראָזע ראַבינאָוויטש, מיין היכן חבר, „באַריקאַדע׳ס״ אַ שוועסטער. זי שרייבט מיר אַז איך זאָל איר אנטשולדיקן פאַר שרייבן צו מיר. זי קען מיר זייער גוט. זי האָט מיר עטלעכע מאָל געהערט רעדן אויף פאַרזאַמלונגען. זי דאַנקט די שטערן פאַר דעם פאַקט וואָס איך בין נישט געווען אין לאָדזש אין די לעצטע צוויי וואָכן, און זי גיט איבער וואָס פאַראַ מורא׳דיקע, וואונדערלעכע טעג עס זיינען דאָרט פאָרגעקומען. הונדערטער מענטשן זיינען געפאַלן. אונזער „מוציק״ האָט געקריגן דריי קוילן אין זיינע פּיס. ער האָט פאַרטיידיקט אַ באַריקאַדע און האָט זי קאָמאַנדירט. אין דעם בריוו ווערן אָנגעגעבן אַ רייע נעמען פון חברים וואָס זיינען געפאַלן. זי פאַרענדיקט דעם בריוו — „די שטאָט איז איצט אין קריגס צושטאַנד. דער גענעראַל גובערנאַטאָר פון פוילן, סקאַלאָן, האָט אונזער שטאָט פאַרדאַמט. אַז מען גייט אין גאַס נאָך אַכט אין אָונט, ווערט מען געשאָסן. אַז עס קומען זיך צונויפן דריי מענטשן אין איין פּלאַץ, ווערן זיי באַטראַכט פאַר באַטיי־ליקטע אין דער רעוואָלוציע. מיט איין וואָרט, עס איז נישט קיין פּלאַץ וואוהין גלייך צוריקצוקומען. אויב איר קענט זיך צוריקהאַלטן מיט אַ וואָך. איך מיין ביז די לאַגע וועט ווערן לייכטער, וואָלט געווען די בעסטע זאַך. איך בין פאַראינטערעסירט אין אייך, און פרעגט נישט קיין שום פראַגן פאַרוואָס און פאַר ווען. דאָס איז דערוויל מיין סוד. דאָ האָט איר אַן אָנווייזונג אויף הונדערט רובל. דאָס איז פאַר אייך. נעמט עס צו. איר דאַרפט עס האָבן. איר דאַרפט זיין געזונט און שטאַרק. מיר מוזן אויסהאַלטן די דאָזיקע שרעקלעכע טעג...

„אגב זיינען איצט אָנגעקומען נייעס פון אָדעסאַ דאָרט איז דער פּלאַט אין אויפשטאַנד. אַלע פאַבריקן שטייען. עס קומט פאַר דאָס זעלבע וואָס אין לאָדזש. מען שלאָגט זיך אויף די גאַסן מיט דער פּאָליציי און סאָלדאַטן... ווי עס ווייזט אויס זיינען די טעג פון דער צאַרישער רעגירונג געציילטע. אייער ר. ר.״ זי גיט אָן איר אַדרעס אין פּאָסט אָפּיס „דאָ וואָסטרעבאָוואַניע״.

מיך האָט דער בריוו געשטאַרקט און צעטומלט אין דער זעלבער צייט. אַ פרוי צי אַ מיידל, וואָס איך קען גאָר נישט, שרייבט מיר אַזאַ נאָענטן, וואַרעמען בריוו, און איך ווייס נישט וואָס און ווי אַזוי צו ענטפערן. אָבער צום סאַמע ערשטן, פאַלט מיר אריין אין קאָפּ דער געדאַנק אַז נאָווארעדאַק, טאַקע אַ קליין שטעטל פון אַ צוואַנציק, דרייסיק טויזנט מענטשן טאָר

אויך נישט בלייבן שטיל, און אָן אַ זייט פון אַלע געשעענישן. דאָ זיינען אויך פאַראַן אָרגאַניזאַציעס פון אַרבעטער און יוגנטלעכע. מיין פעטער פירט מיר אריין אין הויז פון בערל, דער סופר, און איך באַקען זיך מיט די קינדער. די טעכטער זיינען טעטיק אין דער פועלי ציון אָרגאַניזאַציע און זיי גייען האָבן שבת אַ מיטינג אין וואַלד. איך רעד אָפּ מיט איינעם פון די טעכטער צו באַקענען מיר מיט זייער פאַרשטייער און בעט, אַז מען זאָל מיר צולאָזן צום מיטינג צו רעדן אַ פּאָר ווערטער. איך האָב זיי אָבער געזאָגט אַז איך באַלאַנג צום בונד, נאָר אַזוי ווי דאָס איז אַ רעוואָלוציאָנערע צייט אין אַ רעוואָלוציאָנערער סיטואַציע, קענען מיר ארויסטרעטן צוזאַמען פאַראייניק־טערהייט קעגן די כחות פון דעם צאַר.

איך האָב דערוויל אויסגעפונען וואו עס וואוינט מיין קאָזין, ברוך פיקעלני. איך בין אַהין אַוועק און זיך דערוויל איינגעקוואַרטירט ביי אים. איך האָב באמערקט אַז ער איז נישט גוואַלדיק צופרידן מיט מיר. ער ווייס פון זיין פאָטער, בערל פיקעלני, אַז איך בין געזעסן אין טורמע פאַר פּאָליטישע טעטיגקייט און ער אליין איז אַ לאָיאַלער בירגער וואָס וויל נישט האָבן צו טאָן מיט קיין „זינדיקע". אָבער אַ טאָג, צוויי זיין דאָרטן האָט ער מיר דערלויבט.

שבת בין איך שוין אַוועק אין באַגלייטונג פון בערל דעם סופר׳ס טעכטער, צו דער פאַרזאַמלונג פון די פועלי ציון אין וואַלד. דאָרט זיינען געווען פאַרזאַמלט עטלעכע הונדערט מענטשן. זיי האָבן געהאַט אַ וואַרעמען רעדנער וואָס האָט גערעדט מער וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע, ווי וועגן די ציוניסטישע שטרעבונגען. ווען איך האָב געקריגן דאָס וואָרט, האָב איך אָנגעוויזן וואָס עס איז די וויכטיגסטע זאַך אין איצטיקן מאָמענט. ווען די פאַרזאַמלטע האָבן געהערט אַז איך בין אַ לאָדזשער, האָבן זיי געמיינט אַז איך בין אַן אַנטלאָפענער פון די גרויסע געשעענישן וואָס האָבן דאָרט פאַר־געקומען אין די לעצטע וואָכן. זיי האָבן מיך גוט אויסגעהערט ווען איך האָב גערעדט פון די באַלדיקע צילן פון דער רעוואָלוציע. נאָכן מיטינג האָב איך זיך צוזאַמענגערעדט מיט איינע פון זייערע פירער וואָס האָט געהאַט פאַר־בינדונגען מיט עטלעכע בונדיסטן, און אויף אַזאַ אופן, בין איך אין אַ שעה, צוויי ארום, געווען ארומגערינגלט פון „אייניקע מענטשן". איך האָב זיי געזאָגט אַז ביי די לעצטע געשעענישן אין לאָדזש בין איך נישט געווען; אַז איך בין פון דאָרט אַוועקגעפאָרן אין גרויס איילעניש, און קיין קרעדענשלס פון דאָרטן נישט מיט־גענומען. אויב זיי ווילן מיך און זיי גלויבן אַז זיי קענען מיך געטרויען, זאָלן זיי צוזאַמענרופן אַ גרויסן מיטינג און איך וועל אַרויס־טרעטן און רעדן וועגן די לעצטע געשעענישן און זייער באַדייטונג.

אַ ביסל שפּעטער האָבן די פֿירנדיקע חברים צווישן זיך אָפּגעהאַלטן אַ דעבאַטע. באַלד נאָך דעם זיינען צוגעקומען צו מיר צוויי מענטשן, — איינער פֿון זיי אַ געוויסער יונגער חבר מיטן נאָמען קאַפּלאַנסקי. זיי האָבן מיר דאָרט געהאַלטן ביז דעם מיטינג וואָס מ׳גן האָט גערופֿן אויפֿן בית עולם צוועלף ביי נאַכט (ערשט שפּעטער האָב איך אויסגעפֿונען אַז זיי האָבן מיר נישט געגלויבט, און אַז זיי האָבן צוגעגרייט עטלעכע חברים וואָס זאָלן מיר אָפּהיטן אויף שריט און טריט אַז איך זאָל נישט קענען קאָמוניקירן מיט דער פּאָליציי אויב איך בין טאַקע אַ שפּיאָן ווי זיי פֿאַרדעכטיקן). אָבער צום מיטינג האָט מען מיר גענומען. איך האָב געהאַלטן אַ רעדע וואָס האָט מער אָדער ווייניקער קלאָר געמאַכט דעם מאָמענט אין וועלכן מיר לעבן און גערופֿן יעדן צו שטיין אויף זיין פּלאַץ און אונטער זיין פֿאָן. ווי זיי האָבן מיר דערנאָך איבערגעגעבן, איז דאָס געווען אַ פּאַסנדיקע רעדע אין דער ריכטיקער צייט און זיי האָבן באַשלאָסן אויסצונוצן מיך זיין דאָ און שיקן מיר אין די אַרומיקע שטעטלעך אויפֿצולעבן דאָרט די אַלטע קרעפֿטן און מאָבי־ליזירן זיי צו רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט.

עטלעכע חברים האָבן מיר אַרומגעפֿירט אין די אַלע פּלעצער. אָבער דאָס סאַמע ערשטע זיינען מיר אַריינגעפֿאָרן אין קאַטלאָווע וואו עס וואוינט מיין שוועגערין ברײנע, מיט אירע קינדער. זיי האָבן זיך מיט מיר זייער גע־פֿרייט. די קינדער זיינען מיר געפֿאַלן אויפֿן האַלדז און די מוטער האָט זיי געוואָרנט אַז אויב זיי וועלן צו פֿיל ליאַרעמען „וועט דער פֿעטער אַנטלויפֿן פֿון אייך". ווען איך האָב זיי געזאָגט אַז איך פֿאָר סיי ווי סיי וויטער, זיינען זיי געווען זייער ענטוישט. מיך האָט גענומען דער עלטערער זון פֿון די וואָס זיינען נאָך געבליבן אין קאַטלאָווע, משה מיכל, אויף אַ לענגערן שפּאַציר וואו איך האָב אים געפּרוּווט מאַכן מער באַוואוסטזיניק וועגן די צייטן אין וועלכע מיר לעבן, און ער, דער איצטיקער מאָרי, האָט לעבהאַפֿט אויפֿגעכאַפּט יעדן וואָרט וואָס איך האָב געזאָגט און איז געוואָרן אין דער פֿאַמיליע דער סאַמע לעבעדיקסטער און אַקטיווסטער סאָציאַליסט.

זיי האָבן מיר אויך געפֿירט צו זייער שותּף בנימין, און איך האָב זיך באַקענט מיט זיינע קינדער. מיר האָבן גוט פֿאַרבראַכט און אויף מאָרגן האָט מען מיר געפֿירט קיין האָראַדיטש. דאָרט האָב איך גערעדט האַלב נאַכט, אַזייגער צוועלף אויפֿן בית עולם וואו עס זיינען געווען אַ היבשע צאָל מענטשן וועלכע האָבן מיר אויסגעהערט מיט גרויס אויפֿמערקזאַמקייט. אויף מאָרגן בין איך געפֿאָרן קיין לובץ וואו מיין מוטער האָט דאָרט געהאַט אויפֿן בית עולם אירע זיידעס און באָבעס. ווען איך בין געשטאַנען דאָרטן און גערעדט, האָב איך זיך פֿאָרגעשטעלט ווי מיינע זיידעס...

קאַפּיטל זעקס־און־פּערציק

מיט משה כצ'ן אין ווינטער פון 1907־1908

דאָס האָט געמוזט זיין סוף דעצעמבער, 1907, אָדער אָנהויב יאַנואַר, 1908, אָבער איך בין זיכער, אַז דאָס איז געווען זונטאָג אינדערפרי ביי אַ קליינער פאַרזאַמלונג פון אַקטיוו אין דער „האַרפע", אַן ערשט ניט־לאַנג געגרינדעטע קולטור־אינסטיטוציע אין לאָדזש, אונטער דער אָנפירונג פון „בונד". דאָס איז געווען אין רעכטן מיטן פון דער טיפסטער צאַרישער רעאַקציע. ווען עס זיינען געטראָטן געוואָרן מיט די פיס די צאַרישע קאָנסטי־טוציע גופא און אַלע אירע צוזאָגן פאַר פרייהייט און רעכט.

אַלע טורמעס זיינען געווען איבערגעפּאַקט. אַ היפּשער טייל פון די קולטורעלע שיכטן פון די אידישע און ניט־אידישע אַרבעטער האָבן זיך געבלאָנקעט אין די שנייען אויף די וועגן קיין ארכאַנגעלסק און סיביר, גע־טריבן פון פּאָליציייאישע און מיליטערישע קאָנוואָיען, די ראַדיקאַלערע אַר־בעטער־פּאַרטייען זיינען שוין אינגאַנצען געווען „אונטער דער ערד", אָבער זיי האָבן אָנגעהאַלטען אַ מין לעגאַלע עקזיסטענץ אונטער די נאָך אַלץ זשיפּענדיקע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען (טרעיד־יוניאָנס).

אַ טייל פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען זיינען נאָך דעמאָלט געווען פּאַרטייאישע־בונדישע פאַריינען, עס־עס'ישע פאַריינען, עס־דעק'ישע פאַריינען, פּעפּע־עס'ישע און אינגאַנצן אומפּאַרטייאישע.

אין די מערסטע פאַלן איז נאָך די שאַרפע, כמעט פיינטלעכע, צעטיילונג צווישן די דערמאָנטע פּאַרטייען געווען אַ געוויינלעכע דערשיינונג. ווען מיט עטלעכע וואָכן פריער האָט די „האַרפע" אָנגענומען אַ לעקציע „אידישע ליטעראַטור", מיט ש. ניגער'ן, האָט עס אַרויסגערופן אַ היפּשע אומצופרידנ־קייט אין די רייען פון „בונד". אמת, ניט בלויז צוליב דעם וואָס ניגער איז געווען פון די פירנדיגע קרייזן ביי די עס־עס, נאָר אויך צוליב דער נייער, האָמעטנער טערמינאָלאָגיע, מיט וועלכער ער האָט צו אָפט אָפּערירט. גראָד איז דעמאָלט משה כץ אָנגעקומען און זיך פאַראינטערעסירט מיט דער טעטיקייט פון דער „האַרפע", איבערהויפּט מיט איר ליטעראַרישער און דראַמאַטישער סעקציע. מיר האָבן אים פאָרגעשלאָגן צו קומען צו אַ פאַר־זאַמלונג פון דעם אַקטיוו און האַלטן אַ קורצן פאָרטראָג וועגן דער ראָל פון

פּאָעזיע אין דער ליטעראַטור. צו דער געלעגענהייט האָב איך אים צום ערשטן מאָל באַגעגנט.

ער איז מיר אויסגעקומען צו זיין אַ סך עלטער ווי איך בין: העכער, פולער, פעסט־געבויטער; און איך, אַ צוויי־און־צוואַנציג יאָריגער, אַ דינער, א מינדערוואוקסיקער, האָב זיך געפילט געגן אים ווי ער וואָלט געטורעמט איבער מיר.

בעת זיינע הויפּט געדאַנקען אין דעם פאָרטראָג זיינען מיר באַקאַנט געוועזן, בין איך אָבער פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם לייכטן, שפּילעוודיגן און גראַציעזן אופן, מיט וועלכן ער האָט באַלעבט זיינע געדאַנקען. איך געדענק ווי ער האָט גערעדט וועגן די „לבנה־פּאָעטן", מיט וואָס פאַר אַ פיינער איראָניע ער האָט זיי אויסגעטרייסלט. „אָט, זינגט אַזאַ פּאָעט פון פייגל, וואָס פליען אים אַריין אין פענסטער, צי פון בלומען, וואָס שפּאַרן זיך אַריין אין זיין קליינעם חדר׳ל. איך האָב זיך שטענדיק געשטעלט די פראַגע: פאַרוואָס קומען צו מיר נישט צו פליען די פייגעלעך? בלומען? איך האָב ליב בלומען, און אַז איך זען זיי, אויב זיי שמעקן נאָר, גיב איך אַ שמעק. אָבער איך קען בשום אופן ניט פאַרשטיין, מיט וואָס פאַרזינדיגט זיך אַ הויכע, שיינע סאָסנע, וואָס אַ בלימל געווינט מער אויפמערקזאַמקייט ביי דעם פּאָעט, ווי זי, וואָס שיסט מיט אירע נאָדל־צווייגן גלייך אין הימל אַריין. אמת׳ע פּאָעטן, וואָס זיינען פאַר׳שיכור׳ט פונם לעבן און פון זיינע מאַני־פעסטאַציעס, הערן צוגלייך מיט די פייגל־טרעלן, דאָס געוויין פון הונגעריגע קינדער, פון קראַנקע עופה׳לעך, זעען דעם יאָך פון אָקסן אין שפּאַן און פון אַרבעטער ביי דער פראַצע. שיינע מיידלעך? — ווער האָט זיי ניט ליב? אָבער די פּאָעטן מיינען, אַז בלויז זיי זיינען די פאַרכאַפּטע פון שיינקייט און לעבן. מיר איז צום האַרצן אַ פּאָעזיע, וואָס נעמט אַרום מיט אידעלע פינגער אַלץ וואָס דער מענטש זעט, באַנעמט און פילט, — שטיינער אַזוי גוט ווי בערג. זומפּן אַזוי גוט ווי אזערעס. דערפלעך אַזוי גוט ווי שטעט, רוים און נינוויה.

איך וואָלט ניט געשוואָרן, אַז דאָס איז פּינקטלעך יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט דעמאָלט געזאָגט. אָבער איך קאָוויר פאַרן אינהאַלט. מיר האָבן אַלע געפילט אַזאַ לייכטקייט פון זיינע רייד, און אַזאַ ליכטיקייט. ער האָט ביי קיינעם ניט איבערגעלאָזט קיין שווערקייט אויפן געדאַנק, ווי דאָס איז געוועזן ביי פיל צוהערער פון דעם ש. ניגער פאָרטראַג.

נאָך אַ קליינעם אויסטויש פון געדאַנקען צווישן פירנדיגע מיטגלידער פון דער „הארפע", באַשליסן מיר צו קאָאָפּטירן כצ׳ן אין דער הויפּט־עקזעקו־טיווע פון דער אינסטיטוציע. מיר זיינען זיך איינע די אַנדערע געפעלן

געוואָרן. מיר זיינען געוואָרן אַ מין טריאומוויראַט צוזאַמען מיט דעם באַ־וואוסטן „דניאל״ פון יענער צייט, דער הויפּט סעקרעטאַר פון דעם טעקסטיל־פאַריין. מיר פלעגן צוזאַמען אַרויסגיין, פאַרברענגען, באַראַטן זיך, אַמאָל זיך צעאַמפּערן איבער ליטעראַטור. מיר האָבן אָבער מיט אַלע כחות אויס־געמיטן פּאָליטישע פּאַרטיי־דיסקוסיעס.

צו מיין בעדויערן איז מיין דעמאָלטיגע בעקאַנטשאַפט מיט משה׳ן געווען אַ קורץ דויערנדיגע. דעם 28טן מאַי, 1908, אויף אַן איבערפאַל פון די צענטראַלע קאַנטאָרן פון די טעקסטיל און האַנדלס־אָנגעשטעלטע פאַריינען, זיינען מיר — דניאל, דער ניט־לאַנג־צוריק־פאַרשטאָרבענער יאָסל נעכאָוויץ, איך און אַ גרויסע פאַרזאַמלונג פון דרוק־אַרבעטער, וואָס זיינען געווען אין סטרייק, אַרעסטירט געוואָרן. מיר זיינען, נאָך אַ יאָר זיצן, פאַרשיקט געוואָרן, און איך האָב ערשט געטראָפן משה׳ן ווען איך האָב באַזוכט ניו יאָרק אין 1917. אונזער באַקאַנטשאַפט איז אָפּגעפרישט געוואָרן נאָך מער אין דער „מאָרגן פרייהייט״ פון 1933 אָן. ווען ער איז צוריקגעקומען פון סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן מיר געאַרבעט צוזאַמען אין „האַמער״ און אין דער „מאָרגן פרייהייט״.

...דאָ האָט דער אומ׳רחמנות׳דיקער זייגער פון לעבן אָפּגעשטעלט די פעז פון י. ב. ביילין...

א י נ ט י מ ע   ב ר י ו ו

געשריבן פון י. ב. ביילין

צו דער פאמיליע אין אמעריקע

פון זיין פארשיקונג אין סיביר

1910 – 1907

לאָדז. דעם 8־טן אַפּריל, 1908

טייערער קאָזין נחמיה עפּשטיין!

דיין בריוו האָב איך ערשט מיט צוויי טעג צוריק דערהאַלטן. דו קענסט זיך נישט פאָרשטעלן אויף וועלכע געדאַנקען דערינערונגען דיין בריוו האָט מיר אַרויפגעבראַכט. מיין גאַנצע פאַרגאַנגנהייט איז מיר צוריק אַרויפגעשוואומען אויפן זכרון... איך דערמאָן זיך די צייט ווען דו ביזט גראָדע געווען אין לאָדז. אויב איך האָב נישט קיין טעות, איז עס ערשט אַ יאָר אַכט; און דאָך וויפיל יאָרן איז עס, יאָרן לאַנגע, יאָרן מיט גאַנצע אייביקייטן. איך ווייס נישט אַקוראַט אויף וויפיל האָט זיך אמעריקע איבערגעביטן אין די 8 יאָר — צו אויף אַ סך אָדער גאָר אַ סך. איינס איז אָבער קלאָר, אַז די רעוואָלוציע (סיי אין די מוחות, סיי אויפן גאַס) וועלכע רוסלאַנד האָט אַדורכגעמאַכט איז די גרעסטע וועלכע די צייט האָט ווען עס איז געמאַכט. אַזאַ גרויסן מהלך אין אַזאַ קליינע צייט אַדורכצוגיין, אַזאַ גרויסן שפּרונג צו טאָן, דאַרף מען האָבן אַ געוואַלדיקן ריזיקן אָדגאַניזם, שרעקלעכע אוצרות פון ענערגיע און שאַפונג!

עס איז נישטאָ נאָך דער היסטאָרישער־פאָרשער וואָס זאָל קענען אַלעס אויספאָרשן און אויסדערציילן דאָס וואָס עס איז פאָרגעקומען. עס איז נאָך ניט געבאָרן געוואָרן דער אומשטערבלעכער קינסטלער, וועלכער זאָל אונז קענען אויסמאָלן דעם גראַנדיעזן בילד, וואָס האָט זיך דאָ פאַנאַנדערגעוויקלט פאַר אונזערע אויגן. עס איז נישטאָ איבערהויפּט אויף דער וועלט דער פּינזל, די פּיל־פאַכיקע פאַרבן, מיט וועלכע מען זאָל דאָס איבערהויפּט קענען איבערגעבן. די אור־אַלטע זון האָט נאָך קיינמאָל ניט בייגעוואוינט אַזאַ ראַשע איבערקערעניש און נישט נאָר מיר פאַרבייגייענדע קליינינקע באַשעפּענישלעך... און וואָס מען זאָל דיר נאָר נישט דערציילן איבער דעם; וואָס דו זאָלסט נאָר נישט לעזן וועגן דעם, זאָלסטו אַלץ וויסן, אַז עס איז פאָרגעקומען נאָך מער פאַרוויקלטער, נאָך מער קאָמפּליצירטער, אַקוראַט ווי אַ לעגענדאַרישער צויבערער וואָלט דאָס אַלעס קאָמבינירט און צוזאַמענגעפלאָכטן!...

איך וויל אויף מיר יעצט נישט נעמען די ראָלע דיר דאָס איבערגעבן וואָס עס האָט אַפילו נישט געקענט איבערגעבן דער געניאַלער און וועלט־

באַרימטער רוסישער אַרבעטער קינסטלער, מאַקסים גאָרקי, אין זיין נייעם בוך; „די מוטער" איך האָב מער נישט אָנגעריגט אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל האָסט עס אָנגערירט אין דיין פאַריגן בריוו, אויף וויפיל דו שטייסט און וואונדערסט זיך וואָס איז דאָס אַזעלכעס פאַרגעקומען אין רוסלאַנד. ווען איך וואָלט האָבן מער צייט וואָלט איך דיר געקענט מער שרייבן. דעריבער, ווי אָן אַנטיילנעמער אין די גרויסע געשעענישן, וואָס זיינען פאַרגעקומען, נאָר איך וועל דאָס אפשר איבערלאָזן אויף אַן אַנדער מאָל, פיליכט וועל איך האָבן מער צייט. פונדעסטוועגן וויל איך דיר געבן אַ קליינעם באַגריף פון מיין פערזאָן, וואָס בין איך? און וואָס איז מיט מיר געווען. אין יאָר 1900 (איך בין דאַן אַלט געווען אַ יאָר 18־19) האָב איך זיך שוין באַקענט מיט דער באַוועגונג וועלכע האָט זיך מיט אַ קורצע צייט צוריק אָנגעהויבן ביי אונז אין לאָדזש, נאַטירלעך, אין אַ געהיימער פאָרמע. אין 1901 האָב איך געהאַט די ערע אַרעסטירט צו ווערן און פאַרברענגען עטלעכע חדשים אין טורמע. דאָס איז געווען אין וואַרשע אויף אַ מאַי דערמאָנסטראַציע. דאָס וואָס האָט זיך דאַן אָפּגעטאָן אין דער היים, לאָז איך דיר אַליין איבער צו פאַרשטיין. דאָס האָט מיר נישט איבערגעשראָקן. כ'האָב נישט איבערגעריסן מיינע באַציאונגען מיט דער פּאַרטיי, מיט וועלכע איך האָב סימפּאַטיזירט, ביז איך בין אין אָנהויב 1903 ווידער אַריינגעפאַלן אויף 6 חדשים. דאָ האָט מען מיך שוין אַרעסטירט ביינאַכט אין שטוב. עס האָט מיר געדראָט אַ „וויסילקע" אין סיביר נאָר איך האָב זיך אויסגעדרייט. און אין אַווגוסט, 1903, בין איך שוין געווען פריי.

דאַן האָב איך שוין מער נישט געקראָגן קיין אַרבעט און איך האָב זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. פּיאַיקייטן האָב איך געהאַט נישט קיין שלעכטע, אַ הייסן טעמפּעראַמענט, און אַ וואַרימע געפילפולע האַרץ, נישט קיין שלעכטע קאָפּ און איך בין שוין געוואָרן אין דער אַרטיגער אָרגאַניזאַציע פון לאָדזש, אַ טוער. אין 1905, ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די אָפענע רעוואָלוציע, האָט לאָדזש פאַרנומען איינעם פון די שענסטע ערטער. דער לאָדזשער פּראָלעטאַריאַט האָט אַזעלכע העלדנטאַטן באַוויזן, אַזוי פיל אָפּפער געבראַכט, אַז עס איז פשוט צו שטוינען! נישט איינמאָל בין איך באַרעגנט געוואָרן מיט אַ האָגל פון קוילן אויף די באַריקאַדן. נאָר איך בין אַרויס גאַנץ; נישט איינער פון מיינע חברים זיינען געפאַלן אָפּפער יונגערהייט.

(דער איבעריקער טייל פון בריוו פאַרלוירן)...

טשאַרני יאַר, אסטראכאַנער גובערניע — דעם 7טן יוני, 1909.

פיל געערטע און טייערע קוזינע, חוה עפשטיין„

ענדלעך, ענדלעך אָטעם איך פרייער אָפּ. נאָך אַ גאַנצן יאָר געפאַנג־שאַפט, אין פאַרשידענע פעסטונגען, טורמעס און קאַזעמאַטן — געניס איך ווידער די הייליקע פרייהייט. נאָך אַ גאַנצן יאָר ראַנגלען זיך און צאַפּלען זיך אין די לאַפּעס פון די צאַרישע דינער; נאָך אַ גאַנצן יאָר פון דערנידערונגען, צענזור און קייטן — גלייך איך ווידער אויס מיין רוקן, הויב אויף דעם קאָפּ, און האַלט ווידער אַ פרייע פעדער אין דער האַנט... עס גלויבט זיך מיר גאָרניט, אַז דאָס איז איין יאָר געווען... עפּעס אַזויפיל איבערלעבונגען און דורכליידן. עפּעס אַזוי פיל ערגערניש און איבעראַשונגען, אַז עס גלויבט זיך קוים, אַז דאָס אַלץ איז מער ניט געווען ווי איין יאָר — איין איבערגע־טוישטער קאַלענדאַר, איין פינטל מיטן אויג, פון דער געשיכטע. און ווען מען האָט מיר איבער די עטאַפּן 4 מאָנאַטן צייט געשלעפּט, אין קייטן פאַרשמידט, איבער בערג און טאָלן, שנייען און שטורמען, האָב איך געמיינט, אַז דאָס שלעפּט מען מיר שוין הונדערטער יאָרן, אָן אַן אָנהויב און אָן אַ סוף און אַז דאָס וועט שוין אַזוי אייביק, אייביק דויערן. —

נישט דאָס ערשטע מאָל בין איך יעצט געזעסן אין טורמע. איך בין שוין 4 מאָל געזעסן, נאָר אַזויפיל איבערטראָגען אויף זיך דערנידערונגען און ווילקיר, אַזויפיל זיין הילפלאָז און אָנמעכטיק, אַזויפיל דריקן זיך און צאַפּלען זיך אין טאָג־טעגלעכן גסיסה־שרעק — איז מיר נאָך קיין איינמאָל נישט אויסגעקומען! ...און עס איז גאָר קיין וואונדער נישט. מ׳דאַרף זיין נאָר עטוואָס באַקאַנט מיט דער יעצטיקער סיטואַציע אין רוסלאַנד, אַז מ׳זאָל האָבן אַ גענויע פאַרשטעלונג וואָס עס טוט זיך יעצט אָפּ אין די טורמעס. ווען פריי און אָפן פאַר דער גאַנצער וועלט, קעפּט (הענגט) מען צענדליקער מענטשן אויפן עשאַפאָט און תליות און פוליעמיאָטן (קוילן־וואַרפער) זיינען געוואָרן אַ געזעצלעכע נאָרמאַלע זאַך, און יעדעס פרייעס אמת׳עס וואָרט ווערט דערשטיקט מיט די קאָזאַצקע קאָפּיטעס — קען מען זיך שוין פאַרשטעלן, ווי די הערשנדע סאַטראַפּן באַהאַנדלען יעצט זייערע געפאַנגענע אין די טורמעס... צו אַזעלכע טייוולשע און באַרבאַרישע האַנדלונגען, פון וועלכע די אינקוויזיציע אין מיטל־אַלטער האָט נישט געוואוסט — האָבן זיך די קרבנות אַזוי גיך נישט געקענט צופּאַסן. מ׳האָט זיך עפּעס נישט געקענט צולאָזן צום געדאַנק, אַז מ׳זאָל איבער אונז רעוואָלוציאָנערן וואַגן אויסצואיבן אַזעלכע שווידערלעכע (שווידערהאַפטע) זאַכן. און העלפן האָבן מיר מיט גאָרנישט געקענט. ס׳איז נאָר אויסגעקומען צו קריצן מיט די ציינער פאַר

וואַנט, און צוביילן די פויסטן. אין אַזעלכע אומשטענדן איז אַפילו אַ לייב שוואַך און קראַפּטלאָז געווען... יעצט אויפן וועג די גאַנצע 4 מאָנאַטן... געיאָגט דורך ווילדע באַשיבוזוקן און שיכורים, איז נישט איינמאָל אַרויפ־געקומען דער פאַרצווייפלטער געדאַנק, ביי אַזעלכע אומשטענדן, זיך אַליין דאָס לעבן צו נעמען ... אויסער דעם זיינען העלפט פון אונז אויסגעשטאָרבן אויפן וועג פון טיפוס, צינגא און פיבער. אַלע טורמעס וועלכע מיר זיינען דורכגעגאַנגען (און דאָס איז געווען נישט ווייניק — 16 טורמעס) זיינען אַלע געווען אַרומגעכאַפּט מיט אַן עפּידעמיע פון טיפוס און צינגא. אַלע טורמעס זיינען איבערפילט; אינווייניק איז שמוץ, הונגער דורשט און פייכטקייט. מ׳שעפּט די לופט פון אַנדערנס מויל. די קראַנקע, פאַרפעסטעטע ליגן אין קופּעס צוזאַמען מיט די געזונטע. די זיפצן פון די גוסס׳דיקע מישן זיך אויס, מיט די נאָך געזונטע געשרייען פון די הונגעריקע און דורשטיקע. און עס ווערט גאַרנישט ליידיקער, ווען מ׳פירט אַלע טאָג אַרויס פון קאַמער 8—10 טויטע. מ׳ברענגט גלייך אַן אַנדערע און דער מלאך־המות האָט מאַטעריאַל... און דו ווייסט און דו פילסט, אַז דו פאַלסט אויך באַלד אַריין אין זיינע לאַפּעס, אויב נישט היינט איז מאָרגן. אויב נישט דאָ — איז דאָרטן; — אויסדרייען זיך איז שווער. און עס האָבן זיך טאַקע גאַנץ ווייניק אויסגעדרייט.

ווען איך בין ענדלעך פריי אַרויסגעלאָזט געוואָרן, אין דעם אָרט וואָס מ׳האָט מיך פאַרשיקט, בין איך ווירקלעך געווען אויפן עולם הדמיון, איך האָב נישט געוואוסט אויב איך לעב אָדער בין טויט.

ווי אַ שאָטן בין איך אַרומגעגאַנגען די ערשטע עטלעכע טעג. ערשט יעצט בין איך אַביסל צו זיך געקומען און הויב אָן צו באַגרייפן, וואו איך בין ערגעץ. איך הויב זיך יעצט אָן פאַנאַנדערשרייבן זיך מיט אַלע באַקאַנטע און פאַרוואַנדטע. דער אָרט וואו איך בין פאַרשיקט איז וואו די וואָלגאַ גיסט זיך אויס אין קאַספּישן ים, אין וועסטן (טייל) פון אסטראכאנער גובערניע. דאָס שטעטל איז אַ קליינס; די היץ איז אַ שרעקלעכע, די זון באַקט אַן רחמנות, גרויסע אָפטע שרעקלעכע אוראַגאַנען. קיין געוויקסן, קיין גרינט. אויסער דאָס שטעטל ציען זיך פון אַלע זייטן ברייטע סטעפּעס (וויסטענישן). מ׳זעט ניט קיין בוימל; קיין גרעזל. לעבנס פּראָדוקטן זיינען דאָ גאַנץ טייער, ווייל דאָ אַליין וואַקסט גאָרנישט. פון קאַזנאָ קריגן די פאַרשיקטע אינגאַנצן 7.40 רובל אַ מאָנאַט, און ווען נישט דאָס וואָס מיינע חברים, האָבן מיר צוגעזאָגט צו העלפן, וואָלט איך דאָ געוויס געשטאָרבן פון נישט דערעסן. פאַרשיקטע זיינען דאָ 150 מאַן! די אָרטיקע באַפעלקערונג באַשטייט פון: קאַזאַקן, קירגיזן, טאַטאַרן און קאַלמיקן. דערווייל באַשעפטיק איך זיך מיטן איבערלעזן די פעריאָדישע ליטעראַטור פאַר דעם גאַנצן יאָר.

וואָס איך וועל ווייטער טאָן — ווייס איך נאָך אַליין נישט. איך בעט דיך דייער, חוה, וואַרף מיר ווען עס איז אַריין אַ בריוול. איך ווייס, אַז דו ביזט פאַרנומען, דו אַרבעטסט, דו לערנסט זיך. דאָך רייס פאַר מיר אָפּ אַ האַלבע שטונדע, כאָטש אַמאָל און שרייב מיר אָן: ווי לעבסטו! ווי פילסטן זיך? וואָס מאַכט צינע? וואָס איז מיט נחמיה׳ן? — קיין געלט דאַרף איך נישט האָבן. מיינע חברים, וועלן מיר צושיקן וויפיל איך וועל באַדאַרפן, די ערשטע צייט. אומבאַדינגט שרייב מיר. איך וועל דיר איניגסט דאַנקבאַר זיין דערפאַר. פאַר דער גאַנצער צייט האָב איך זיך דאָך מיט דיר קיינמאָל נישט אַדורכ־געשריבן. איך דריק דיר פעסט די האַנט.

ישראל בער

מיין בעסטן האַרצליכן גרוס צינהן און נחמיה׳ן. אַ צווייטן מאָל וועל איך מער שרייבן.

ד. ז.

טשאַרני יאַר — דעם דריטן יולי, 1909.

טייערע און פיל געערטע קוזינע עוואַ!

ערשט נעכטן האָב איך באַקומען דיין בריוו. איך האָב טאַקע אויף אים לאַנג געוואַרט; נאָר דעם אמת מוז איך דיר זאָגן, אַז טראָץ דעם וואָס דו שרייבסט מיר גאַנץ ווייניג פון זיך זעלבסט — ווי דו לעבסט? אין וועלכע עקאָנאָמישע און גייסטיקע באַדינגונגען? פונדעסטוועגן דאַנק איך דיר זייער פאַר דאָס ביסעלע וואָס דו האָסט יאָ געשריבן; דען ביז אַהער האָב איך נאָך פון דיר קיין איינגעטינקענע פעדער נישט געזען.

איך וויל דיר דערמיט קיין פאַרוואורף נישט מאַכן. איך שטעל זיך פאָר אומגעפער די באַדינגונגען אין וועלכע ס׳קומט אויס צו לעבן אייך דאָרט אויף קאָלאָמבוסעס וועלט. איך ווייס, אַז ביי אייך איז יעדע מינוט דאָרט צוגעציילט, אויסגעוואויגן און אויסגעמאָסטן, פיליכט נאָך אויף געאָמעטרישע דעצימאַל־בריכע. דאָך מאַכט עס זייער אַ שלעכטן איינדרוק אויף אונזערע „אייראָפּייער״, וואָס ביי אייך ווערט שוין צו פיל מיסגעברויכט די פאַרשוועדונג פון דער צייט, און איר טיילט שוין צו ווייניק אָרט אָפּ אויף בריוו צו באַקאַנטע, פאַרוואַנדטע און גוטע פריינט. זאָל זיין גענוג וועגן דעם. איך בין זיכער אַז דאָס יעצטיקע מאָל וועסטו מיר גענוי אויס־שרייבן שוין פון דיין לעבן אין אַלע געביטן.

דו וועסט מיר מיט דעם די גרעסטע געפעליגקייט פארשאפן. און כאטש עס איז דיר שווער אויסצודריקן זיך אין אידיש, דאך, איז עס דאך מער נישט ווי שווער —אומעגלעך אבער איז עס דאך נישט. דו וועסט זיך אביסל אנשטרענגען, וועסט דו נאך קענען אויסדריקן דאס, וואס דו וועסט געפינען פאר נויטיק.

ענגליש, זעסטו, פארשטיי איך גארנישט. ווידער רוסיש, דייטש אדער פויליש פארשטייסט דו נישט, האבן מיר שוין ממילא נישט קיין אנדער שפראך אויף וועלכע מיר זאלן זיך קענען צוזאמענרעדן, אויסער אונדזער מוטער־שפראך — אידיש.

וועגן דעם וואס דו שרייבסט, אז איך זאל קומען נאך טשיקאגא, און דו וועסט מיר שיקן געלט אויף רייזע־שפייזן, מוז איך דיר זאגן, אז איבער־הויפט, האב איך א קליינעם לוסט צו זיין אין אמעריקא. ערשטנס, דערפאר ווייל איך וועל דארטן מיין פאך נישט קענען האבן. איך ווייס נישט אויב דו ווייסט עס; די לעצטע פיר יאר, האב איך אויסשליסלעך געשטודירט די פראפעסיאנעלע באוועגונג (ביי אייך הייסט עס יוניאן־באוועגונג), סיי טעארעטיש און סיי פראקטיש. זעלבסטפארשטענדלעך, אז איך האב שוין א נויטיגע דערפארונג אין דעם, און איך וואלט נאך וועלן אין דעם געביט, נאך ארבעטן, און טאקע ביי דעם בלייבן, די ארבעט צווישן די ארבעטער־מאסן איז מיר געווארן אזוי באליבט און טייער, אז איך האב זיך אינגאנצן געווידמעט דעם געביט, און ס'קען זיין אז טאקע דערפאר בין איך שטומפיק עטוואס אין אנדערע געביטן. דריי יאר בין איך געווען גענעראל־סעקרעטאר אין פארשידענע ארבעטער יוניאנס אין לאדזש, און מיר וואלט זיך זייער וועלן, צוריק זיך אנעמען די זעלבע טעטיגקייט.

דאגעגן ביי אייך אבער, וועל איך דאך שוין נישט קענען ארבעטן, אין דיזן געביט. ערשטס בין איך גאנץ ווייניג באקאנט אין די אמעריקאנער ארבעטער־געזעצגעבונג, און צווייטנס — טאקע די הויפט זאך — קען איך נישט קיין ווארט ענגליש. כאטש פיל־ווייניג דארף געדויערן א יאר פאר אן אנפאנגער, אויב נישט נאך מער, קיין געלט דארף איך יעצט נישט. איך קום ווי עס איז אדורך מיט דעם וואס עס שיקן מיר צו מיינע באקאנטע. מיין איינציגער פארלאנג פון דיר איז, אז דו זאלסט מיר שרייבן אפט, און גלייך ענטפערן אויף מיינע בריוו. —

איך האב זיך נאך אינגאנצן נישט באפרייט פון די טורמע־איינדרוקן, און גאנץ אפט קוק איך זיך נערוועז אום צו זען אויב דער טורמע וועכטער קוקט אויף מיר... און אין דערווירקלעכקייט איז דאס אויך א טורמע... כאטש א ביסל א גרעסערע. אויף יעדן טריט לויערן נאך קאזאקן און שארפע

אויגן פון שפּיאַנען, אַז עס ווערט נמאס ונמאוס דאָס לעבן. אָפּטמאָל קומען טאָקע אַריין אין קאָפּ אַריין געדאַנקען: „צו וואָס טויג די גאַנצע ליידן, דער פּיין, און מאַטערניש — איינמאָל פאַר אַלעמאָל — אַ סוף מאַכן פון זיך"... איך טרייב די געדאַנקען אַוועק פון זיך, איך יאָג זיך מיט זיי — פּירכטלעך, נאָר אַ גרויסן אָרט אין מיין האַרץ פאַרנעמען — און נאָך נישט איינמאָל ווערט מיר אויסקומען מיט צו קעמפן, אַלץ אַזוי איינטאָניג, איינפאַרביג גראָ, ווי די מענטשן, אַזוי אויך די גאַנצע נאַטור.

דער הימל איז אַלט־גראָ. די שטערן ברענען עפּעס אַזוי טונקל; די לבנה אַזוי בלאַס — אַנעמיש, אַז ס'כאַפּט אָן אַ בענקענדעס געפיל צו דעם אמת'ן פרייען און בלויען הימל; צו די העל־ברענענדע שטערן, צו די בלאַסע, אָבער דאָך מעלאַנכאָליש־ליבענדע לבנה, צו אַנדערע מענטשן, וואַרימע, שטאָלצע, פרייע... און די נאַטור, ווי קלאָגעדיג און פאַר־יתומ'ט איז דאָ. נישטאָ קיין בוימל, קיין גרעזל, קיין בלימל. עס ציט זיך ווייט און ברייט אַוועק אין דער וועלט אַ וויסטער, זאַמדיגער סטעפּ, מיט אַ ברענענדע זון; וואָס וואַרימט נישט, גלעט נישט, נאָר ברענט און שרפה'ט. און זי ברענט אויס דאָס לעצטע בלימעלע, וואָס איז נאָך דאָ אין האַרץ, דעם לעצטן קלאָרן געדאַנק אין מוח. קערפּערלעך — איז אויך נישט פיל בעסער, די לאַנגע ליידן האָבן זייערס געטאָן און אָפּגעשוואַכט דעם אָרגאַניזם אויף אַ גאַנץ לאַנגער צייט. פאַרפאַלן. ווי עס וויזט אויס, וועל איך מוזן דאָ אויסזיין די צייט. ס'איז נאָך איבערגעבליבן אין יאָר מיט דריי־פיר חדשים. כאָטש מ'קען נאָך מיר שפּעטער ווייטער דערלייגן אַ צוויי־דריי יאָר. דערוויל, אַנטלויפן פון דאַנען, איז פּשוט אומעגלעך.

זע מיר, טייערע עווא (חוה) אָפּט צו שרייבן. פאַרוואָס שרייבסטו גאָר־נישט פון צינה'ן? איז זי דאָ אין טשיקאַגאָ מיט אייך? איך דריק דיר פעסט, פעסט און כ'קוש דיר פיל מאָל.

דיין קוזין, ישראל בער ביילין

מיין בעסטן גרוס נחמיה'ן, פאַרוואָס שרייבט ער נישט?

טשארני יאַר, 25־טן אויגוסט, 1909.

טייערער קאַזין און פריינט נחמיה עפּשטיין!

דיין בריוו האָב איך דערהאַלטן און איך בין דיר זייער דאַנקבאַר, וואָס דו האָסט אָפּגעריסן אַ שעה צייט פאַר מיינטוועגן, זייענדיק אַזוי פאַרנומען מיט דער אַרבעט. איך דאַנק דיר אויך איניגסט, פאַר דיין גרייטקייט מיר

צו העלפן מיט מאַטעריעלער שטיצע. אַבוואָל איך באַקום דערוויל צוגעשיקט פון מיינע חברים, און קום אַדורך ווי עס איז. קיין נייעס איז ביי מיר נישטאָ; וואָס פאַר אַ נייעס קענען דאָ איבערהויפּט זיין? איך בין אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט, און ווען נישט די צייטונגען און בריוו וואָס איך דערהאַלט פון צייט צו צייט, וואָלט איך קיין באַגריף נישט געהאַט וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך יעצט אָפּ אויף דער לעבעדיקער וועלט. דו קענסט זיך נישט פאָר־שטעלן מיט וויפיל האַרץ־קלאַפּונג און געשפּאַנטע דערוואַרטונג איך באַגעגן די פּאָסט. איך רעכן אויס מיט וויפיל טעג פריער, אַז איך דאַרף דאָ דער־האַלטן אַ בריוו פון דעם, דאָ פון יענעם, און נישט איינמאָל לאָזט זיך אויס פון מיין אומגעדולדיקן וואַרטן אַ בוידעם. אין אַלגעמיין פיר איך אַ גרויסע קאָרעספּאָנדענץ; אַרום 40 בריוו דערהאַלט איך אַ וואָך, און אומגעפער אַזויפיל קומט מיר אויס צו ענטפערן. עס טרעפט אָפט, אַז איך בין גאַנצע טעג פאַר־נומען מיט שרייבן בריוו. אין אָנהויב האָט עס מיר נאָך געוויילט: איך האָב זיך ענערגיש גענומען צו פאַרבינדן די אָפּגעריסענע פעדים מיט מיין נאָענטע באַקאַנטע און פריינט. נאָר יעצט הויבט עס שוין אָן מיר צו לאַנגווײלן, און איך פאַרקירץ און פאַרצעגער ווי וויט מעגלעך איז. איך דאַרף נאָך דאָ צו־געבן, אַז אַ דאַנק די באַדינגונגען פון פאַרשיקונגס־לעבן, ווערט מען דאָ פויל. דערצו נאָך די אויסערגעוויינלעכע שטאַרקע היצן מאַכן אומעגלעך יעדע פיזישע און גייסטיקע אַרבעט. בייטאָג קומט אויס פיל מאָל צו ליגן אויפן שטרויזאַק אויף דער ערד, און נישט באַוועגן מיט קיין אבר, די פענסטער און לאָדן זיינען פעסט פאַרהאַקט, עס זאָל זיך קיין גנב׳שער שטראַל פון דער זון נישט אַריינכאַפּן. אויף עפּעס צו טאָן — שרייבן, לייענען, שפּאַ־צירן, — בלייבט נאָר איבער די קילע נאַכט... מיר האָבן דאָ אַ סאָציאַליס־טישן פאַריין פון פאַרשיקטע. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז ער עקזיסטירט אומלעגאַל און מיט קיין פּראַקטישע אַרבעט באַשעפטיקט ער זיך ניט. זיין גאַנצע טעטיקייט באַשטייט אין דעם, וואָס ער שאַפט די פּעריאָדישע, אומלעגאַלע ליטעראַטור פאַר זיינע מיטגלידער, און וואָס ער אָרגאַניזירט רעפעראַטן און דיסקוסיאָנען (דיסקוסיעס) וועגן סאָציאַל־וויסנשאַפטלעכע פראַגן. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז עס נעמט אַרום אַ גאַנץ קליינע טייל פון די פאַרשיקטע, צווישן וועלכע עס טרעפן זיך אויך יעצט, צוליב זייער מאַסן־כאַראַקטער, גאַנץ „אומשולדיקע״ מענטשן, און אַ סך וועלכע זיינען גאַנץ וויט פון יעדער פּאָליטיק. עס עקזיסטירט אויך אַ געגנזייטיקע הילפס־קאַסע, נאָר צוליב געלט־מאַנגל, און צוליב די גרויסע באַדערפטיקע, קען זי איר אויפ־גאַבע נישט דערפילן. עס איז ביי אונז געווען נאָך אַן אינסטיטוציע, אַ קאָלאָ־ניאַלער־רעסטאַראַן אויף קאָאָפּעראַטיוון באַדן, נאָר ער האָט אויך, צוליב

געלט־מאַנגל, געמוזט צומאַכן די אויגן. אין אַלגעמיין איז די שטימונג פון די פאַרשיקטע אַ פאַרשידנאַרטיקע. עס זיינען דאַ אַזעלכע וואָס האָפן אויף אַן אמנעסטיע און לעזן לײדנשאַפטלעך די בולוואַר־צייטונגען, וואו עס ווערן אַזעלכע ידיעות פאַבריצירט אין גרויסן אומזאַץ. דאָס זיינען מערסטנטייל „אומשולדיקע" אָדער קליינע בעלי־עבירות־ניקעס, וואָס זיינען פאַרשיקט פאַר לעזן אַ פּראָקלאַמאַציע, אָדער פאַר האַלטן אַן אומלעגאַלן ביכל. ס'זיינען דאַ אַזעלכע, וואָס וואַרטן אויך מיט גרויס שפּאַנונג, אויף אַ נייעם שטורעם פון דער רעוואָלוציע, וואָס זאָל זיי ענדלעך באַפרייען. דאָס זיינען די זאַ־גענאַנטע „באָלשעוויקעס" אָדער „לענינצעס" פון בלאַנקי'ס חדר; מענטשן מיט גרויס און פיל טעמפּעראַמענט און פּראָזעלאַגיע, אָבער מיט וויניק לאָגיק און אויסרעכענונג. די ערשטע, ווי די צווייטע, זיינען נעבעך אומגליקלעכע אילוזיאָניסטן, וואָס יעדער נייער טאָג צעשמעטערט זייערע האָפנונגען און אויסזיכטן. מען דאַרף זיין גוט באַקאַנט אין דער יעצטיקער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער לאַגע פון רוסלאַנד, אַז מ'זאָל נישט קומען צו די טעות'ן פון די צווײ, געגנזעצלעכע אין גרונט, אָפּטימיסטישע האָפענונגען. אַן אַמנעסטיע ווערט אַרויסגעגעבן פון געקרוינטע הערשער אין איינעם פון די צוויי פאַלן: ווען דאָס פאָלק זיגט, און דער הערשער מוז זיך אונטערגעבן, אָדער, ווען די רעוואָלוציע ווערט אינגאַנצן אונטערדריקט, אַז ס'איז שוין מער נישטאָ מורא צו האָבן, אַז זי זאָל ווען עס איז אויפהויבן דעם קאָפּ. די ערשטע שטיצן זיך אויף דעם וואָס די רעוואָלוציע איז אינגאַנצן אונטערדריקט (נאָך זייער מיינונג) און דער קיסר וועט באַגנאַדיגן די פאַרבלאַנדזשעטע שעפּעלעך; די צווייטע, ווידער פאַרקערט, זאָגן, אַז די רעוואָלוציע איז אין פולן גאַנג, און אַט באַלד אין אַ קורצע צייט וועט זי אַרויסגיין ווי אַ זיגערין. ביידע האָבן אָבער אַ גלייכן טעות. — עס איז קיין שום צווייפל נישטאָ, אַז די רעוואָלוציע און מיט איר צוזאַמען, די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, האָבן אין די לעצטע צוויי יאָר געקראָגן שטאַרקע קלעפּ, וועלכע וועלן זיך אויף אַ לאַנגע צייט לאָזן פילן. די געזעלשאַפט איז טעראָריזירט. לעבט אין איין שרעק פאַר נייע רעפּרעסיעס. די אינטעליגענץ איז טיילווייז פאַרפאַקט אין די טורמעס און אין פאַרשיקונג, טיילווייז אַנטלאָפן נאָך מעריב־אייראָפּע, און אַ גרויסער טייל האָט זיך אינגאַנצן צוריקגעצויגן און שלאָגט זיך אין האַרצן „על־חטא" — אויף די פריערדיקע עבירות. די אַרבעטערשאַפט איז אויסגעמאַטערט און צעבראָכן פון לאַנגן שטורמישן קאַמף און נאָך נישט אַזוי גיך וועט זי זיך אויסהיילן די באַקומענע וואונדן. דאָס פּויערים־פאָלק אויך דאָס זעלבע. זיי האָבן אינגאַנצן דעם קאָפּ פאַרלוירן אין די לעצטע עטלעכע יאָר. עס בלייבט נאָך איבער איין קלאַס און אַ הערשענדער, וואָס

האָט גאָר קיין קלעפּ נישט באַקומען; וואָס האָט זיך אומגעזען, אַז די רעוואָ־לוציע איז נישט נאָר געצילט אַקעגן די פעאָדאַלע הערשאַפט און אַבסאָלו־טיזם, נאָר אויך קעגן אים אַליין אויך. די ברייטע דעמאָקראַטישע פאָלקס־פאָדערונגען אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע האָט די בורזשואַזיע אינ־גאַנצן דערשראָקן, און זי האָט זיך צוגעטוליעט אַ ציטעריקע צו די פעאָ־דאַלן, — צו אירע נעכטיקע שונאים אויף טויט און אויף לעבן. דאָס איז רער סך־הכל פון דער יעצטיקער לאַגע פון אַלע קלאַסן אין רוסלאַנד. אָבער דאָס הייסט דאָך נישט, אַז די רעוואָלוציע איז שוין אינגאַנצן דערשטיקט. די קלאַסן־אינטערעסן וואָס האָבן אַרויסגערופן די רעוואָלוציע, די זיינען אויף אַ האָר נישט קלענער געוואָרן. פאַרקערט: זיי פאַרשאַרפן און פאַרמערן זיך פון טאָג צו טאָג. דער פּראָלעטאַריאַט שפּירט יעצט אויף זיך שטאַרקער די קנעכטשאַפט פון אַבסאָלוטיזם און קאַפּיטאַל, ווי מיט אַ יאָר 4־5 צוריק; ער האָט נאָר יעצט קיין כוח נישט; צופיל האָט ער אָנגעשטרענגט זיין ענערגיע אין די שטורמישע יאָרן פון 1905 און ס'מוז געדויערן אַ צייט, ביז ער וועט צוריק זיין כוח באַקומען. ער שלאָפט יעצט. — ער רוט זיך יעצט אויס, דער העלד. אַ פאַרוואונדעטער און צושלאָגענער, אָבער נישט קיין באַזיגטער, זאַמלט ער כחות אויף אַ נייעם שטורעם, וואָס די היסטאָריע האָט אים צוגע־גרייט צו זיין דער הויפט־אָנפירער, דאָס פּויערטום וועט אים מוזן צוהילף קומען, אויב נישט דאָס גאַנצע פּויערטום, האָך דער גרויסער טייל, וואָס האָט צו דערוואַרטן פון דער רעוואָלוציע די אַגראַר־רעפאָרם, די בורזשואַזיע־אַליין, ווילנדיק אָדער נישט ווילנדיק, וועט זיך אויך ענדלעך מוזן איינרייסן מיט דער פעאָדאַלער רעגירונג. לאַנג קען מען מיט אַ שונא אונטער איין דאַך נישט וואוינען — דאָס טוט מען נאָר בשעת אַ שרפה. די אינטעליגענץ איז דער שפּיגל פון דערווירקלעכקייט. דאָס איז נישט קיין געגנשטאַנד, קיין זאַך פאַר זיך אַליין. אין זייך קרענקלעכקייט און סענטימענטאַליטעט טרעט אַרויס שאַרף דער סילועט פון דער אָדער יענער סיטואַציע. איז אַ וואָפן־שטילשטאַנד — איז ער די טויט־שטילקייט אַליין. איז אַ יום־טוב, איז ער דער בעל־שמחה אַליין. איז אַ לויה, — איז ער דער בר־מינן אַליין. איז אַ קריג, אַ רעוואָלוציע — איז ער דער טרומפּייט און די פאָן, דער ברויזינג און די באַריקאַדע. יעדנפאַלס וועט ער שטיין אויף זיין היסטאָרישן פּאָסטן, ווען די צייט וועט רופן. — די רעגירונג ווייסט, אַז די רעוואָלוציע איז נאָך ווייט נישט באַזיגט. זי ווייס, אַז זי האָט דאָ צו טאָן מיט אַ געפערלעכן באהאַלטענעם שונא, און טאַקע דערפאַר הערן די רעפּרעסיעס נישט אויף, אויף אַ האָר; און טאַקע דערפאַר איז נישטאָ וואָס צו דערוואַרטן פון איר קיינע אַמנעסטיעס און פאַרלייכטערונגען, קיינע רעפאָרמען און שלום. פון

דעם וואָס איך האָב געשריבן, איז קלאָר אַז די צווייטע, וועלכע וואַרטן יעדן טאָג דעם קול פון באַפרייאונגס־שופר צו הערן, לעבן אויך אין אַ גרויסן טעות. צו שוואַך זיינען יעצט די פאָלקס־קרעפטן און צו שטאַרק איז יעצט די רעגירונג מיט דעם נייעם בונד וואָס זי האָט געשלאָסן מיט דער בורזשואַזיע. דאָס פאָלק מוז זיך אָפּרוען, צו זיך קומען; די רעגירונג מוז זיך אַביסל אָפּשוואַכן, — נאָך עטלעכע „צוסימאַיס" אויף פאַרשידענע געביטן באַקומען. די ליבע מיט דער בורזשואַזיע מוז אַביסל אָפּגעקילט ווערן, און אפשר וועט נאָך קומען צו אַ גט אויך. — ערשט דאַן וועט זיך קענען אָפּשפּיגלען און אָפּשפּילן דער צווייטער אַקט פון דער גרויסער פאָלקס־דראַמע.

נאָר ביז די אַקטיאָרן וועלן זיך נישט אויסרוען (און דאָס מוז געדויערן עטלעכע יאָר) וועט זיך דער צווייטער אַקט נישט אָנהויבן. ער קען זיך נישט אָנהויבן! —

פון די ידיעות וואָס איך באַקום פון פאַרשידענע צענטערן פון רוסלאַנד, קען איך איין זאַך קאָנסטאַטירן, — אַז אין פילע ערטער איז שוין צו מערקן אַ קליינע אויפלעבונג, וועלכע גיט האָפענונגען אויף דער צוקונפט,— האָפענונגען, וועלכע גיסן אַריין עטלעכע זיסע טראָפּנס אין דעם כוס פון אומעט און פאַרצווייפלונג.

— וועגן מיין קומען נאָך אַמעריקע, האָב איך געשריבן אין מיין בריוו צו חוה'ן... צוגעבן צו דעם האָב איך גאָרנישט — יאָ, אויב דו קענסט מיר שרייבן אויספירלעך, צו גיבט עס אין אַמעריקע (נאַטירלעך אין די גרויסע צענטערן) אין די אַלגעמיינע פּראָפעסיאָנאַלע יוניאַנס, יידישע סעקציאָנען (סעקציעס); און אויב יאָ, אויף וועלכע אופנים זענען זיי אוועקגעשטעלט? צו קענען אַריינטרעטן אין די אַמעריקאַנער אַרבעטער יוניאַנס „גרינע" נישט נאַטוראַליזירטע, אַלס מיטגלידער און אַלס באַאַמטע? צו גיט עס ביי אייך אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פּראָפעסיאָנאַלע אַגיטאַטאָרן און פּראָפּאַגאַנדיסטן? צו קען מען אַדורכקומען אין שיקאַגאָ מיט זשורנאַליסטישע אַרבעט? (יידישע פאַרשטייט זיך). צו דאַרף מען דורכאויס קענען ענגליש אין די יידישע סעקציעס פון די יוניאַנס? אויף די אַלע פראַגן, בעט איך דיר, גיב מיר ווי אַמשנעלסטן אַן ענטפער. אויב דו ווייסט פון מיר נישט דערהאַלטן אַ בריוו אונטער דער צייט פון אַן אַנדער אַרט, זאָלסט וויסן, אַז איך בין דאָ געבליבן. נאָר געדענק, לאָז מיר נישט לאַנג וואַרטן. יאָ, שרייב מיר אומבאַדינגט, וואָס דו ווייסט פון יאַשקען. וואו איז ער אַהינגעקומען? פיליכט קענסטו דערפאָרן זיין אַדרעס. די שוועסטער חנה־איידלע פון פאַלעסטינע פאַרווינט מיר דעם קאָפּ, זי וויל אומבאַדינגט דערפאָרן (אויסגעפינען) וואו ער איז. זי האָט פאַר אים פון זיין פרוי עטלעכע בריוו. מיין

מוטער און שוועסטער פיגל בעטן איבערגעבן דיר, חוה'ן און צינע'ן זייער הארצלעכסטן גרוס. דאס זעלבע שיק איך דיר און איך לייג נאך ביי עטלעכע הייסע קושן פון א קוזין, פריינט און חבר.

ישראל בער ביילין

טשארני יאר, 5טן סעפטעמבער, 1909

טייערע און פיל געערטע קוזינע און פריינדין חוה עפשטיין!

דיין בריוו פון 11טן אווגוסט האב איך פינקטלעך דערהאלטן. מיין פרייד איז געווען טאפלט: גראד האב איך אויך דערהאלטן א בריוו פון נחמיה'ן און פון מיין שוועסטער וואס וואוינט אין פאלעסטינע. איך איל זיך צו ענטפערן, ווייל היינט גראדע איז דא דער פאסט־דאמפער. קיינע ענדע־רונגען זיינען דא אין מיין לעבן נישט פארגעקומען. איין טאג איז גלייך צום צווייטן, ווי צוויי טראפנס וואסער. מאנאטאן, איינטאניק און איין־פארביק ציען זיך דא די טעג ווי לאנגע אומענדלעכע פעריגע פעדים, און עס לאנג־ווייליגט און ס'דערעסט די אש־גראע קאליר פון דעם אסטראכאנעם בלייער־נעם הימל, און די געלב־ברוינע פארב פון די היגע איינוואוינער — מאנ־גאלן. עס נודזשעט שוין אויך פון די „מאמע" וואלגא מיט אירע מוטנע — (ווי דאס גאנצע רוסישע לעבן) וואסערן, וועלכע ציען זיך אויך אן א ברעג, אן א גרעניץ. און עס דארף גאר קיין וואונדער נישט זיין, ווען טיף אין הארצן און אין דער נשמה פארקלייבן זיך האפענונגסלאזיקייט און פאר־צווייפלונג — אומעט און מעלאנכאליע. מיין נישט, חוה, אז שטענדיק בין איך אין אזא שטימונג, אז איך קוק אויף אלץ מיט גראע ברילן (קורצזיכטיק בין איך ווירקלעך; איך טראג פענסנע) ווייל ביי מיר איז שוין אין אלגעמיין דערעסן דאס לעבן. ניין! — גראדע פארקערט. דאס נעמט זיך דערפון, וואס איך אנטדעק אין לעבן אלץ נייע ווערטן; וואס איך געפין אין אים מער אינהאלט און זין. אפשר געפין איך נאך יעצט פיל מערער ווי פריער און טאקע דערפאר בין איך אפטמאל יעצט אומעטיק געשטימט, וואס איך בין אפגעריסן פונם לעבן; וואס איך בין אינגאנצן געשטעלט אויסער אים; וואס ער ווינקט מיר נאר פון דערווייטנס, און איך קען נישט צו אים מיינע ליפן אויסשטעקן און זויגן פון אים; וואס מיינע הענט זיינען יעצט נישט גענוג לאנג, איך זאל צו אים צוציען און אנכאפן עס. דאס לעבן אליין אבער, האב איך ליב; זייער ליב. ער איז מיר נישט דערעסן געווארן, ווייל איך גלויב אין אים, ווייל איך שטרייט פאר אים, ווייל איך האב זיך נאך אין גארנישט אנטוישט, צייט איך בין צו מיין רעכטן פארשטאנד געקומען. עס איז אמת, ס'טרעפט אמאל ביי מיר פארצווייפלונגס־מאמענטן אויך. ס'טרעפט, אז אלץ

וואָס איך גלויב און פאַרגעטער, ווערט פאַרנעפּלט אין אַ טומאַן פון אַנ־טוישונג און יאוש; ס'טרעפט אַ שטאַרקער שטורעם־ווינט פון צרות און מאַרטער, וואָס הויבן אָן צו וואַקלען מיינע זיילן פון פאַרשטאַנד; אָבער דאָס איז אַ זאַך וואָס מען דאַרף קיין באַדייטונג נישט צוגעבן; דאָס טרעפט זיך נאָר — און אַ טראָף דאַרף מען קיינמאָל נישט באַטראַכטן ווי אַ רעגל, ווי אַ געזעץ. — נאָר ווי אַן אויסנאַם. דען ווי שטאַרק און דויערנד דער שטורעם זאָל נישט זיין, ווי פינסטער און געדיכט דער טומאַן זאָל נישט זיין, דאָך קען ער זייער לאַנג נישט דויערן: דער שטורעם בושעוועט אָפּ, רייסט אויס טאָקע מיטן וואָרצל אַ סך שוואַכע בוימעלעך; אָבער דער גע־זונטער בוים גלייכט אויס זיינע צעבראָכענע צווייגן און שטייט ווידער אויף זיין אָרט פעסט, — זיכער, ווי קיינמאָל וואָלט גאָר קיין שטורעם אויף דער וועלט נישט געווען.

דערווייל, בין איך נאָך געזונט און פאַרשטאַנד מיין איך), אַז איך זאָל קענען אויסהאַלטן יעדן שטורעם. איך בין נאָך אויף אַזויפיל מאַסיוו (אויב מ'קען זיך אַזוי אויסדריקן) אַז אַ נעבל, — ווי געדיכט און פינסטער ער זאָל נישט זיין, — זאָל מיך נישט אַפּווישן; זאָל מיר זאָגאָר נישט פייכט מאַכן. דו קענסט גאַנץ זיכער און רואיק זיין, אַז קיין נאַרישקייט וועל איך נישט באַגייך, און אויב ס'טרעפט זיך ביי מיר עטלעכע פאַרצווייפלטע ווער־טער אין ערגעץ — איז עס אַן אויסנאַם, אַ ריינער צופאַל, געשריבן אונטער דירעקטע ווירקונג פון אַן אַט־וואָס איבערגעלעבטן סורפּריז. — עס איז מעגלעך, ווען די נאַטור אַליין וואָלט דאָ נישט געווען קיין פאַרטרויערטע, קיין נאַקעטע — עלנדע, ווען זי וואָלט געווען מיט לייטן צוגלייך, וואָלט איך זיך בשום־אופן אונטער קיין שלעכטן איינדרוק נישט אונטערגעגעבן. איך געדענק, גראַדע מיט דריי יאָר צוריק בין איך געווען אין דער שיינער שווייץ, אין דער שיינער שטאָט לאַגאַנאָ, וואָס ליגט נעבן די נאָך שענערע זשענעווער זעע. אין איין טאָג האָב איך באַקומען צוויי נאַכריכטן און איינער שווידער־לעכער פאַר דער אַנדערער. איך האָב געפילט ווי דאָס געהירן פלאַקערט אויף, אַז די שלייפן פּלאַצן. די ברוסטן האָט זיך מיר אַזוי קראַמפּהאַפט צוזאַמענ־געצויגן, אַז איך האָב געמיינט איך ווער דערשטיקט פון פּיין און אויפרע־גונג, איך האָב געמיינט אַז עס איז אויף דער גאַנצער וועלט פינצטער גע־וואָרן און עס איז גאָרנישט איבערגעבליבן, חוץ דעם טויט... נאָר עס איז גענוג געווען מיין אויג צו וואַרפן דורכן פענצטער, און אַ שטראָם פון ליכט און לעבן זאָל מיר אין איין אויגנבליק צוריק אויפכאַפּן און אויפמונטערן; די ריזיקע אַלפּן־בערג איינגעטונקט אין אַ ים פון גרינע געוויקסן. די זעע באַגילדעט פון די בלענדנדע זונען שטראַלן. דער שמייכלענדער, טיפער

בלויער הימל; די קריסטאַל־קלאָרע, פרישע וואַרעמע לופט — דאָס אַלעס האָט מיר מאָמענטאַל אַזוי אויפגעמונטערט, אַז איך האָב געוואָלט פון אַנט־ציקונג וויינען. איך האָב געוואָלט די גאַנצע נאַטור אַרום — פעסט איינ־קלאַמערן אין מיינע אָרעמס און צו מיין שטורמישער ברוסט צודריקן. די פאַרצווייפלטע אויפרעגונג איז ווי מיט אַ צויבער פאַרשוואונדן! איך האָב געכאַפּט מיין הוט און אַראָפּגעלאָפן אויף אַ שפּאַציר, וואָס האָט זיך פאַרצויגן ביז זייער שפּעט אין דער נאַכט. — דאָ איז אָבער נישט די שיינע שוויץ. דאָ איז אַפילו נישט די באַשיידענע און פאַרהעלטניסמעסיק אָרעמע נאַטור ווי אין ליטע אָדער פוילן; — דאָ איז זי אינגאַנצן אַן אַביונ׳טע, אַ נאַקעטע, נישטאָ קיין בוימל, קיין גרעזל, קיין בלימל; נאָר אַלץ שטעכיקע דערנער און נאָדלדיקע שישקעס, גרויסע סטעפּעס באַזייט מיט ווייסן זאַמד. אַ טרו־קענע און האַלדז־שטיקענדע, שטויביקע לופט, און גרויע, מאַטע, צעפּליקטע הימלען — אַט דאָס איז די היגע „נאַטור״.

יעצט וועגן דעם פּלאַן וואָס דו לייגסט פאָר, איך זאָל זיך פון דאַנען אָפּטראָגן. די זאַך באַשטייט אַט אין וואָס: אַנטלויפן איז נאָר דאָ אַ מעג־לעכקייט מיט אַ דאַמפּער. דערצו מוז מען אַנטרעפן אויף מאַטראָסן, וועלכע זאָלן האָבן אַ באַשטימטע פּאָליטישע פיזיאָנאָמיע. דער דאַמפּער דאַרף זיין אַ קוריער וועלכער מאַכט נישט קיין סך פּערסאָדקעס. מען מוז פריער אויסרעכענען, ווען דער און דער דאַמפּער מיט די גינסטיקע באַדינגונגען וועט אָנקומען. דערצו דאַרף מען נאָך האָבן דאָקומענטן, נאָר דאָס איז שוין גראָדע אַ קלייניקייט. די דאַמפּערס גייען דאָ ביז ענדע סעפּטעמבער. צו די ערשטע דאַטעס פון אָקטאָבער איז שוין די וואָלגאַ איין שטיק אייז. אָט, אויב איך וועל נישט קענען צוגרייטן מיין אַנטלויפונג ביז ענדע סעפּטעמבער, מוז איך זיך דערנאָך אַנטזאָגן פון דעם גאַנצן פּלאַן. ווינטער איז עס אויף קיין פאַל נישט מעגלעך אַדורכצומאַכן אָן אַ גרויסן קאַפּיטאַל. פונדעסט־וועגן וועל איך זיך פּרוּוון. מעגלעך אַז איך וועל נאָך קענען דערווייזן מאַכן אַלע פאָרבערייטונגען ביז ענדע מאָנאַט. דאַן אַנטלויף איך אין קאַווקאַז (דאָס איז דאָ דער נאָענטסטער באַוואוינטער געגנט) וואו איך וועל וואַרטן, ביז איך וועל באַקומען רייזע־שפּייזן. אויף קאַווקאַז קען איך גאַנץ זיכער זיין. דען דאָרטן זיינען פאַראַן פיל גענאָסן, וואָס וועלן מיר באַהאַלטן אין אַ זי־כערן אָרט. אויב, ווייטער, איך וועל עס ניט קענען דערווייזן, — וועל איך שוין דאָ מוזן איבערווינטערן. דאָ דויערט דער ווינטער זיבן מאָנאַטן און ער איז זייער אַ שטרענגער. פון ים טראָגן זיך שטאַרקע ווינטן, וועלכע פאַרשאַרפן נאָך מער דעם פראָסט, וואָס דערגרייכט דאָ אָפט מאָל איבער 40 גראַד פראָסט. איך האָב שוין געשריבן נאָך לאָדזש אַז מ׳זאָל מיר יעדנ־

פאַלס צוגרייטן ווינטערזאַכן. מיינע חברים האָבן מיר צוגעזאָגט צו שיקן אַ פעלץ און די איבעריקע נויטיקע זאַכן. קיין געלט, חוה, דאַרפסטו מיר נישט שיקן. איך האָב דיר שוין געשריבן, אַז מ׳שיקט מיר גאַנץ רעגלמעסיק יעדן מאָנאַט 20 רובל, מיט וועלכע איך קום אַדורך. עס איז טאַקע אמת, אַז יעדן מאָנאַט בלייבט איבער אַ שטיקל דעפיציט, און ס׳איז שווערלעך דערנאָך צו לייגן אַ לאַטע אויף דעם לאָך, נאָר אַז ס׳זאָל זיין דורכאויס נויטיק, אַז איך זאָל נאָך דאַרפן אָנקומען צו דיינע שווער־פאַרהאַרעוועטע דאָלאַרס, דאָס נישט! פאַר דיין גרייטקייט מיר צו העלפן, דאַנק איך דיר איניגסט און איך וועל עס ניט פאַרגעסן. אויף ווינטער, רעכן איך, וועל איך עפּעס פאַרדינען פון ליטעראַרישע אַרבעט. ס׳איז אמת, מיין טאַלאַנט איז גאַנץ באַשיידן. און קיין אויסערגעוויינלעכעס זאָגט עס גאַרנישט צו. — דאָך גיט זיך מיר איין אָפטמאָל אַ זאַך נישט־שלעכט. אין אונזער פאַרטיי־פּרעסע האָב איך מיט צוויי יאָר צוריק אויך געגומען אַן אַנטייל. איך שרייב נאָוועלן, סקיצן און געדיכטע. די לעצטע איינס און אַ האַלב יאָר האָב איך גאָרנישט געשריבן (אין טורמע איז עס שטרענג פאַרבאָטן) און אויך דאָ, האָב איך נאָך דערווייל נישט געפּרואווט זיך זאָגאָר עפּעס אָנשרייבן. די אויסערגעוויינלעכע היצן מאַכן איינפאַך פויל דעם מוח צו דענקען און עפּעס צו שאַפן. אויף ווינטער רעכן איך, וועל איך קענען דעקן מיינע דעפיציטן און לעכער דורך ליטעראַרישע פאַרדינסטן, (איבערהויפּט) צאָלט מען ביי אונז אין רוסלאַנד, זייער ווייניק, געוויינלעכע בעלעטריסטן און דיכטער. אַלע שטאַרבן פון הונגער, אויסער עטלעכע געניאַלע קינסטלער ווי: אַש, פּרץ, מענדעלע א. א. וו. וועלכע באַקומען גוט באַצאָלט פאַר יעדער שורה). איך פיל דאָ אויך אַ מאַנגל אין ביכער. מיר האָבן דאָ אַפילו אַ ביבליאָטעק מיט אַ לעזע־האַלע, וואָס מיר פאַרשיקטע אַליין האָבן עס אויפגעשטעלט, אָבער אונזער ביכער־הונגער שטילט זי גאַנץ ווייניק. ס׳קומט אויס צו עסן „שוואַרץ־ברויט״ אַנשטאָט „זעמל״. איבער דעם זיינען מיר אינגאַנצן אָפּגעריסן פון די נייע ליטעראַטור — סיי רוסישע און סיי אויסלענדישע.

פון דער מוטער באַקום איך אויך נישט קיין פריילעכע בריוו. זי פאַרדינט שוין אַ צייט גאָרניט. אַמאָל פלעגט זי האַרעווען, האַנדלען, פאַרדינען און האָט נאָך אָפּגעשפּאָרט עטלעכע הונדערט רובל. נאָר שוין אַ צייט פון זעקס יאָר ווי זי האָט שוין נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו פאַרדינען, און זי האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז אויפעסן עס. פייגל איז דאַן אַוועק אַרבעטן אין אַ פאַבריק. איך האָב געהאַט אַ שטעלע און מען איז אַדורכגעקומען, דאַן האָט זיך אָנגערוקט מיין אָנהויב פון פערטן יאָר. פייגל האָט געמוזט בלייבן אין דער היים. די מוטער איז פון עגמת־נפש קראַנק געוואָרן, און אַז איך

האָב געדאַרפט שטיין צום פּריזיוו און מ׳האָט מיר געהאַלטן ביי צונעמען צום דינסט, האָט זי די לעצטע פיר הונדערט רובל אַריינגעבראַקט. פון דאַן אָן איז שוין אַלץ אויף צרות געגאַנגען: פייגל האָט חתונה געהאַט, האָט זייער שלעכט געטראָפן. איז זיך מיטן מאַן צוגאַנגען. יעצט איז זי נאָך אויך אין דער היים מיט אַ קינד, און זיי ליידן אָפּט הונגער. ליידער קען איך זיי יעצט מיט גאָרנישט העלפן. איך מוז פאַרבייסן מיט די ליפּן, ווען דאָס האַרץ ווערט מיר צוזאַמענגעצויגן. אויב דו ווילסט צו זיי שרייבן, גיב איך דיר זייער אַדרעס: לאָדז. דאַלגאַיאַ 27. קוואַרטירא 36.

טייערע חוה! ווען דו וועסט מיר שרייבן ענטפער. פאַרגעס מיר נישט צו שרייבן, וואָס דו ווייסט פון יאָשקען; צו איז ער שוין געזונט געוואָרן, צו ער איז נאָך אַלץ דער זעלבער, און וואו געפינט ער זיך?

איך דריק דיר פעסט דיין האַנט און כ׳קוש דיר פון דערווייטנס הייס. הייס!

ישראל ביילין

נחמיה׳ן און ציגע׳ן וועל איך די טעג שרייבן.

טשאַרני יאַר, 23־טן אָקטאָבער, 1909

ליבע, טייערע חוה!

דיין בריוו דערהאַלטן און איך בין דיר הערצלעך דאַנקבאַר פאַר דיין גרייטקייט מיר צו העלפן, אַבוואָל עס, איז גאָרניט פאַר דיינע קרעפטן. ווי דו זעסט האָט זיך דערווייל פון מיין פּלאַן גאָרנישט אויסגעלאָזט: איך זיץ נאָך דאָ אין טשאַרני־יאַר און האָב דערווייל גאָרנישט קיין אויסזיכט ווי פון דאַנען „צו מאַכן פיס״. די גאַנצע זאַך איז גאָר יעצט שווערער געוואָרן. ווי איך האָב פריער אויסגערעכנט, און אָט צוליב וואָס: אַלע יאָר ווערט די וואָלגאַ, ביים סאַמע אויסגוס אין מעער פאַרפראָרן ערשט אין 15־טן נאָוועמבער (דעם רוסישן) און הייניקס יאָר איז גראָדע אַ פריערדיקער ווינטער און ביי די ברעגעס איז שוין געפרוירן. מ׳רעכנט אַז נאָך אין 7 — 10 טעג אַרום וועלן שוין אינגאַנצן די דאַמפער אויפהערן צו קורסירן. עס פאַרשטייט זיך, אַז אַנטלויפן מיטן סטעפּ ווינטער, וואו די פרעסט דערגרייכן שוין יעצט 30 גראַד, איז פאַרט אומעגלעך. שוין דערפאַר אַליין איז שוין מיין אַנטלויפן געשטעלט אונטער אַ פראַגע־צייכן. ס׳איז דאָ אָבער נאָך אָן אורזאַכע: מיט צוויי וואָכן צוריק זיינען אַנטלאָפן פון דאַנען 8 פאַרשיקטע — 2 רוסישע און 6 גרוזינער. די אדמיניסטראַציע האָט זיך גלייך דערוואוסט, האָט אַרויס־

געשיקט אויף אַלע סטאַנציעס און פונקטן, דעפעשען. אויף די סטעפּעס האָט מען אַריינגעשיקט קאַזאַקן אויף פערד און אין 3 טעג אַרום האָט מען אַלע 8 אַנטלאָפענע צוריק געכאַפּט. פון די קלעפּ וואָס זיי האָבן געקראָגן איז איינער אויף מאָרגן געשטאָרבן... די איבעריקע 7 זיצן אין פּאָליציי אַרעסט, דערוואַרטנדיק יעדן טאָג אַן אורטייל פון גובערנאַטאָר. די גאַנצע געשיכטע האָט אַנגעמאַכט אַ גאַנצן רעש אין אונזער וועלטל. אונזערע היטערס, די קאַזאַקן — האָבן אונז אָנגעהויבן שטאַרקער צו היטן און קומען היינט 2 מאָל אַ טאָג אויף „פּאָוויערקע" (רעוויזיע). אין אַלע אַרומיקע שטעטלעך, דערפער און אולוסן (דערפער פון קאַלמיקן) זיינען צעשטעלט קאַזאַקן־פּאַטרולן, וועלכע קענען אונז יעדערן אויפן אויג. יעצט איז, נאָך אונזער מיינונג, איינגאַנצן אומעגלעך צו אַנטלויפן, סיידן מיט אַ „ליאַ־דאָקאַל" (אַ דאַמפער וואָס האָקט אַ דורך דעם אייז), אויב מ'זאָל דאָרט האָבן „באַקאַנטע" מאַטראָסן. זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז איך וועל נישט אַדורכלאָזן קיין געלעגנהייט, וואָס וועט נאָר האָבן אין זיך אַ רעאַלן אינהאַלט. איך וועל נאָכפאָרשן מיט וועלכע אייז־דאַמפּער דאַרפן פאָרן „אייגענע מאַטראָסן. איך וועל זיך צוגרייטן מיט וואָס איך וועל נאָר קענען... נאָר, מאַכן אַזאַ פאַנטאַסטישן און ריזיקאַלן פּלאַן, ווי די 8 האָבן געמאַכט — אַנטלויפן דורכן סטעפּ — דאָס וועל איך נישט!

דאָ איז שוין פולשטענדיקער ווינטער: פרעסט מיט גרויסע ווירבל־ווינטן, וואָס טראָגן אָן אין שטעטל גאַנצע בערג מיט זאַמד פון די אַרומיקע סטעפּעס. שוין דעם 2־טן טאָג אַז ס'איז אומעגלעך אַרויסצוגייען אויפן גאַס. דער ווינט הויבט אין דער לופטן און דער זאַמד פאַרשיט די אויגן, אַז מ'ווייס ניט אויף וואָס פאַר אַ וועלט מ'איז. ווי מ'זאָגט, האָט דעם נעכטיקן טאָג אין סטעפּ אויסגעריסן געוואָרן ביז 150 קיביטקעס (הייזלעך פון קאַלמאָקן און קירגיזן) און עס זיינען פאַרשאָטן געוואָרן אין זאַמד ביז 40 פאַמיליעס. נעכטן איז דער פּאָסט־דאַמפער אַהער איינגאַנצן נישט אָנגעקומען; דער ווינט האָט אים געשטערט אין גאַנג און האָט פאַרשפּעטיקט אויף 30 שטונדן. איבער־הויפּט וועט דער פּאָסט־דאַמפער די טעג אויפהערן צו גיין און מיר וועלן דאָ ווערן אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט. די פּאָסט וועט אָנקומען מיט קאַראַוואַנען־קעמלען 500 וויאָרסט ווייט פון די וועסט־אייזנבאַן. אין אַלגעמיין איז דאָ דער ווינטער זייער שלעכט פאַר די פאַרשיקטע: עסן־פּראָדוקטן ווערן געבערענגט דורך קאַראַוואַנען און דאָס קאָסט אָפּ אַ מאַסע געלט. דער קעמל פון אסטראַכאַנער גובערניע עסט אויף אַ טאָג 3 מאָל אַזויפיל ווי אַ פערד. דערצו נאָך איז אויפן גאַנצן וועג פאַראַן ווייניק אָאַזיסן און אַ פערד קען בשום אופן נישט גיין אויף אַזאַ וועג. עס טרעפט אַז מ'צאָלט דאָ ווינטער 12־15 קאָפּיקעס אַ פונט ברויט און אויך, אַז ס'איז איינגאַנצן נישטאָ; דאַן

איז מען געניויט צו קויפן באַ די קאַלמיקן „פענטא״ אַזאַ מין פערדעכטיק ברויט פון קוקורוזע און גערשטן) און דערפאַר צאָלן 15 קאָפּיקעס אַ פונט. פוטער באַקומט מען אינגאַנצן נישט, דאָס זעלבע מילך. אייער קאָסט 8 — 10 ק. אַ שטיק. פליש איז אויך טייער — 25 קאָפּ. אַ פונט. אפילו פיש וואָס קאָסט דאָ זומער 3-4 קאָפּ. אַ פונט, קאָסט דאָ יעצט 13-15 קאָפּ., און שפּעטער אַביסל וועט קאָסטן אויך 20 קאָפּ. געהאַלט אָבער באַקומט מען דאָס זעלבע ווי זומער, 7.40 אַ מאָנאַט... איינער אַ פאַרשיקטער האָט געפרעגט דעם גובערנאַטאָר — (ער איז דאָ געווען מיט 2 וואָכן צוריק) — פאַרוואָס גיט ער ווינטער דעם זעלבן געהאַלט וואָס זומער — עס קאָסט דאָך יעדע זאַך צוויי מאָל אַזויפיל? דער גובערנאַטאָר, אַ רוסישער שטאַטס-מאַן, מיט אַ פולע ברוסט מיט אָרדנס, האָט געענטפערט: „אין ווינטער צאָלט איר אין דער היים מער נאָלאָגן ווי זומער??? וואָס ווילט איר, איך זאָל פון מיין געהאַלט אייך געבן?!!״

שלעכט ווירקט דאָ אויך דער ווינטער אויף דעם גייסט פון פאַרשיקטן, אויף זיין אינוויינעקסטן לעבן. זומער איז נאָך אין דעם זינען ווי עס איז; מ׳פאָרט אויף דער וואָלגא מיט אַ שיפל, מ׳גייט אויפן דעבאַרקאַדער, מ׳זעט אָנקומען דאַמפּערס, אַוועקגיין; — מ׳זעט אַ שטיקל לעבעדיקע באַוועגונג פאַר די אויגן. מ׳זעט פאַרשידענע מענטשן אַדורכפאָרן, מ׳טרעפט אַמאָל אויך אַ באַקאַנטן רייזענדער, איז שוין די שמחה פול. ווינטער אָבער איז דאָס אַלעס נישטאָ. קיין דאַמפּער גייען נישט; קיין פרישע מענטשן זעט מען נישט; די וואָלגאַ ליגט אַ טויטע, אַ פאַרפרוירענע, איין שטיק אייז. צייטונגען דערהאַלט מען אינגאַנצן 2 מאָל אַ וואָך; עס קומט אויס אַז די נאָענטסטע צייטונגען, די מאָסקווער קומען ערשט אָן אויף דעם 9-טן טאָג 10-טן טאָג — ממילא פאַרלירט זיך שוין יעדער אינטערעס...

טשאַרני-יאַר, נאָוועמבער, 1909.

טייערע און געשעצטע קוזינע צינה עפּשטיין; —

פאַר דיין הערצלעכן גרוס — מיין בעסטן איניגסטן דאַנק. איך רעכן, אַז דו וועסט נישט פאַראיבל האָבן אויף מיר וואָס איך זאָג דיר „דו״. ס׳איז אמת אַז דו ביזט עלטער פון מיר, דו געדענקסט מיך נאָך מסתמא אַלס קליין קינד, אָבער ערלויב מיר דיר אַזוי צו רופן — ווען איך רוף דיך „דו״, דוכט מיר, אַז איך זע דיר נאָך שטיין פאַר די אויגן, און אין מיין זכרון ערוואַכן פאַרשידענע אָנגענעמענע דערינערונגען פון מיין קינדערשער פאַרגאַנגענהייט.

קיין מאָל, טייערע צינה, וועל איך עס נישט פאַרגעסן, ס'וועט שוין אפילו זיין אַ יאָר 16־17, ווי דו פלעגסט מיר טראָגן אין חדר, אויף פרישטאָג. דו האָסט דאַן געאַרבעט אויף פענסטער'ס גאַס, און איך האָב אין דער זעל־בער גאַס געלערנט. איך געדענק עס נאָך: דו פלעגסט עס מיר ברענגען אין אַ שיינע פאַיאַנס־טאַסע, עס איז געווען אַזוי געשמאַק, אַזוי הייס, און מיר איז געווען אַזוי קאַלט. איך בין געווען אַזוי דורכגעפראָרן, אויסגעהונגערט און דו פלעגסט מיר יעדן פרימאָרגן מחיה־זיין. איך האָב דאַן אפילו נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי דיר אָפּצודאַנקען מיט ווערטער. איך האָב נאָך דאַן נישט געקענט געבוי אָפּשאַצן דיין האַנדלונג, אָבער די געפילן פון טיפער דאַנק־באַרקייט האָב איך שוין טיף אין האַרצן צו דיר געפילט. געדענקסט נאָך אפשר ווען מ'האָט ביי דיר צוגע'גנב'ט די גראַנאַטענע טאַליע... ווי דו ביזט אַרומ־געגאַנגען פאַרטרויערט און פאַראומערט פון דעם גרויסן שאָדן. דו האָסט דאַן נישט געוואוסט דערפון, ווי איך האָב ביינאַכט נאָס געמאַכט די קישן פון טרערן, ווייל איך האָב אינגאַנצן אַדורכגעפילט דיין עגמת־נפש, אַז נישט אַזוי גיך וועסטו זיך קענען מאַכן אַ נייע... און ווען דו האָסט אויף אַ זאָנדער־באַרן אופן, אין איניגע מאָנאַטן אַרום, אַנדעקט דעם גנב אין באָהן־גאָרטען און צו דיין פרייד איז קיין גרעניץ נישט געווען, בין איך פון גרויס אַנט־ציקונג אַראָפּגעלאָפן אויפן הויף און פון הערצלעכן־פאַרגעניגן געמאַכט עטלעכע „קאָזשעלעקעס" (אַריבערגעוואָרפן זיך מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף).

איך געדענק נאָך פאַרשידענע קלייניקייטן און עפּיזאָדן פון דיין לעבן, און דעריבער רייס נישט איבער דעם פאָדים פון דערינערונג ביי מיר און דערלויב עס מיר צו רופן דיר „דו".

איבעריגנד האָב איך זיך שוין דערוויילע אויף אַ רעוואָלוציאָנערן אופן זיך אַליין דערלויבט, האַ? אַ רעוואָלוציאָנער בלייבט אַ רעוואָלוציאָנער! כאַטש האַק אים און בראָק אים! —

איך זאָך בעט איך דיר, טייערע צינה, שרייב מיר צו אַ בריוו. כאָטש נישט מיט דיין אייגענע האַנט, ווי עס גייט דיר, ביי וואָס אַרבעטסטו, — ווי דו פילסט זיך? דו מוזט שוין זיין אַן עכטע אַמעריקאַנערן.

אַ, ווי איך וואָלט וועלן דיר זען נאָך אַמאָל און פאַר אַלעס אָפּדאַנקען. דערווייל נעם צו מיין הערצלעכן גרוס, און ברודערלעכן קוש.

ישראל בער

טשארני־יאר, דעצעמבער 10־טן, 1909.

טייערע און זייער געאַכטעטע חוה!

דיך בריוו פון 17־טן נאָוועמבער האָב איך נעכטן דערהאַלטן, און אַז ער האָט צו דער רעכטער צייט געטראָפן, וועסט זיך גלייך איבערצייגן. אומ־געפער אין אַ וואָך אַרום, ווען איך האָב דיר געשריבן מיין לעצטן בריוו, בין איך קראַנק געוואָרן און גאַנץ ערנסט... אייגנטלעך, האָב איך שוין עט־לעכע מאָל, זומער, געקרענקט אויף דעם; נאָר דאַן איז דאָס אָפּגעגאַנגען גלאַט און גיך, אַז מ'האָט עס אפילו נישט געקענט אָנרופן קיין קראַנקהייט. דאָס יעצטיקע מאָל אָבער, איז דאָס שוין געוואָרן ערנסט און דוירנהאַפט, אַז איך האָב זיך געמוזט אין בעט לייגן. די קראַנקהייט איז דאָ אין דעם קאַנט פאַרשפּרייט, ווי ביי אונז צאָן־ווייטאָג; זעלטן קען מען דאָ געפינען איינעם, וואָס האָט עס דאָ נישט דורכגעמאַכט אין פאַרשידענע פאָרמען: די קראַנק־הייט איז „דעזענטעריע" אָדער „פּראָקטיט", דאָס איז אַן אָנצידונג אין דעם גלייכן דאַרם, וועלכע רופט אַרויס שרעקלעכע שמערצן אין דעם אונטערשטן טייל בויך און האַלט אַלץ אין איין טרייבן מיט בלוט און מאַטעריע. קומען, קומט דאָס אַרויס פון אַ פאַרקילונג, איבערהויפּט דאָרטן וואו ס'זענען נישטאָ קיין קלאָזעטן און מ'מוז אַרויסגיין אויפן פרייען פעלד, אָדער בעסער גע־זאָגט, אויף דעם קאַלטן ווינט. ווי די מעשה זאָל נישט זיין, איך האָב דאָס „געפּאַקט" נאָך זומער, עטלעכע מאָל, און אַזוי ווי קיין דאָקטער איז דאַן נישט געווען, האָב איך „זיך אַליין געהיילט". איך האָב איינגענומען אָפּי, כ'האָב עטלעכע טעג זיך געהיט מיט דעם עסן, און ס'איז דורכגעגאַנגען. דאָס לעצטע מאָל האָט זיך עס אַזוי שטאַרק אָנגעוואָרפן אויף מיר, אַז באַלד דעם ערשטן טאָג בין איך ביז 30 מאָל אָפּגעטריבן געוואָרן מיט בלוט. איך האָב גלייך גערופן דעם דאָקטער (פון סעפּטעמבער אָן געפינט זיך דאָ אַ יונגער דאָקטער). ער האָט פאַרשריבן אַ רעצעפּט, געהייסן מאַכן וואַרמע זיץ־וואַנעס, קליסטירען און האָט מיר פאַרשריבן אַ שטרענגע דיעטע, צו לעבן נאָר אויף מילך אַליין אַ קורצע צייט. נאָר אַזוי ווי מילך אין ווינטער צייט איז דאָ שווער צו קריגן, און אַז מ'באַקומט שוין יאָ, צאָלט מען אָפּ פּאָר אַ קריגעלע מילך פון 3־4 גלעזער — 30 קאָפּיקעס. האָב איך געמוזט איב־גאַנצן צופאַסטן. און נישט איין טאָג, נישט 2 טעג נאָר גאַנצע צוויי וואָכן. צו פאַסטן בין איך אפילו שוין געוואוינט: נאָך אין 1904 יאָר, ווען איך בין געזעסן אַרעסטירט אין קאַלישער פעסטונג, האָב איך דורכגעמאַכט 2 הונגער שטרייקן; — איינעם פון 5 טעג און איינעם פון 3 טעג און דאַן האָב איך אין מויל אפילו אַ לעפל וואַסער נישט גענומען. נאָר צו צוויי וואָכן פאַסטן, אין

דער צייט, וואָס מ׳איז אין גאַנצן קערפּער געזונט און דער מאָגן האַלט אין איין מאַנען דעם חוב — איז נישט פון די לייכסטע זאַכן. איך בין דעריבער זייער ענטקרעפטיקט און אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אין צוויי וואָכן אַרום האָב איך שוין באַקומען פון דאָקטער אַ דערלויבעניש צו עסן אייער, לייכטע זופּ, א.א.וו. פאַרהיילט האָט זיך נאָך די אָנצינדונג אינגאַנצן נישט, דען קיינע זיך־וואָנעס האָב איך דאָ פאַר קיין שום געלט נישט געקענט באַקומען. אויך די קליסטירן צו מאַכן איז מיר אָנגעקומען שווער (מ׳האָט עס געדאַרפט מאַכן 2־3 מאָל טעגלעך) און דעריבער איז די היילונג צוגעגאַנגען זייער פּאַמעלעך, קוים צו באַמערקן. אמת, קיין בלוט איז שוין מער נישט געגאַנגען, נאָר מאַטעריע האָט נאָך אַלץ געפלאָסן און דאָס האָט געוויזן אַז די וואונד אין דעם דאַרם איז נאָך נישט פאַרהיילט. ווען איך האָב שוין אָבער באַקומען די דערלויבעניש, אַז איך מעג עסן לייכטע זאַכן, האָב איך דערפון נישט געקענט געניסן, וויפיל איך האָב געדאַרפט; דען גראָדע די אַלע זאַכן קאָסטן דאָ יעצט אָפּ אומגעהויער טייער און מיט מיינע „פינאַנסן” האָב איך דאָס נישט געקענט דערוויַזן. פאַר אַ צענדליק אייער צאָלט מען דאָ יעצט 45 קאָפּ. און 50 קאָפּ. און 5־6 אייער מוז מען דערפון אַרויסוואַרפן נישט קיין פרישע. זופּ, ווידער, האָב איך נאָר געמעגט פון געפליגעל (עוף) און דאָס באַקומט מען נישט, סיידן מ׳שרייבט עס אויס אין ספּעציעלע קעסטלעך פון אסטראַכאַן, כדי זיי זאָלן נישט פאַרפרוירן ווערן.

יעצט קענסטו זיך לייכט פאַרשטעלן, וויפיל דאָס האָט געדאַרפט אָפּקאָסטן, אויסער דעם האָב איך אויסגעגעבן דאָס גאַנצע געלט, וואָס איך האָב געהאַט אויף רעצעפּטן און דאָקטאָר. וואָס זאָל איך דיר שרייבן, חוה; איך האָב געמוזט מיין תענית ווייטער פאַרזעצן און אַלץ צום בעט ליגן, און פינצטערע, פאַרצווייפלטע געדאַנקען האָבן זיך אָנגעהויבן ווידער צו קלייבן אין קאָפּ און אויסוועבן דאָרטן פאַר זיך אַ באַהעלטעניש. יעדנפאַלס האָב איך זיך געוואָרפן אויף אַלע זייטן. איך האָב געבאָרגט 20 רובל ביי אַ באַקאַנטן אויף אַ מאָנאַט צייט. איך האָב דעפּעשירט צו חנה־אײדלען און ס׳איז מיר אָנגעקומען 15 רובל. אַהיים האָב איך נישט געקענט דערפון שרייבן, ווייל איך וואָלט זיי נאָר פאַרשאַפט שמערצן, און העלפן מיט עפּעס וואָלטן זיי סייווי־סיי נישט געקענט. נאָר דאָס אַלץ איז געווען ווי אַ זעמדעלע אין סטעפּ: ס׳זיינען אַוועקגעגאַנגען 10 טעג און עס איז נישט איבערגעבליבן קיין האַלבער גראָשן; און דאָ ליג איך נאָך אַלץ; דער דאָקטער גייט נאָך; רעצעפּטן דאַרף איך נאָך, קליסטירן מוז איך מאַכן, און ס׳איז נישט פאַר וואָס צו קויפן אַ גלעזל מילך... מיין לאַגע איז געווען אַ פאַרצווייפלטע. ווייט אין דער פרעמד, אָן נאָענטע, אָן באַקאַנטע און פאַרוואָנדעטע, פאַרוואָרפן אין אַ העק,

אויף אַ ווייסטן סטעפּ, אָן אַ גראָשן — קראַנק, שוואַך, צעבראָכן און ענט־ קרעפּטעט. נישט האָבנדיק אַפילו צו באַצאָלן אין אַפּטייק פאַר רעצעפּטן... צווי באַקאַנטע (רוסישע פּאַרשיקטע סטודענטן) וועלכע האָבן ביי מיר דע־ זשורירט, האָבן שוין צוליב מיר פאַרזעצט די פּאַלטאָ־אין און באַקומען עטלעכע רובל, כאָטש אויף די רעצעפּטן מיטן דאָקטער. נאָר וואָס טוט מען ווייטער? אין דרויסן איז גרויסע 35־גראַדיקע פרעסט, די סטודענטן שוידערן אין זייערע דינע טוזשורקעס און ווערן איינפאַך געפרוירן. צום עסן האָבן זיי אויך נישט ווייל אַט ערשט האָבן זיי אָפּגענומען זייער קאַזיאָנע געהאַלט און האָבן עס פאַר מיר פאַרבראַכט, און דאָ איז קיין אויסוועג נישטאָ... איין אָרט, איז מיר נאָך געבליבן צו ווענדן זיך צו וועמען זיך צו ווענדן. דאָס איז מיינער אַ פּאַרטיי־ חבר און אַ פּערזענלעכער גוטער פריינט, וואָס האָט מיר אין 1906טן יאָר אַרויסגעהאָלפן מיט 300 רובל, איך זאָל קענען פאָרן קיין מעראַן (איך האָב זיך דאָן געהאַט שטאַרק פאַרקילט און איך האָב עטלעכע טעג געשפּיגן מיט בלוט). יעצט, האָב איך געוואוסט, וואוינט ער אין מאָסקווע און מיט אַ מאָ־ נאַט צוריק האָב איך ערשט געהאַט פון אים אַ בריוו. דאַרף איך דאָך אים טעלעגראַפירן: האָב איך ווידער נישט אויף אַ טעלעגראַמע... און אַ בריוו פון דאַנען קיין מאָסקווע דאַרף גיין, יעצט, ווינטער־צייט — 11 טעג. איך בין געוואָרן אַזוי פאַרצווייפלט, אַז ווען איך וואָלט פיאיק געווען אַראָפּצוגייך פון בעט, וואָלט איך געקענט באַגיין די גרעסטע דומהייט, וואָס קען נאָר געבן... נאָר אַזוי ווי איך האָב דאָס נישט געקענט טאָן, בין איך געלעגן אין אַזאַ צושטאַנד, וואָס מ׳קאָן עס מיט ווערטער נישט איבערגעבן...

אין עטלעכע טעג אַרום, — דאָס איז שוין געווען 3 וואָכן אין מיין קראַנקהייט, האָט איינעם פון מיינע „וועכטער״ געלונגען צו קריגן אַ בעלן אויף צו קויפן עטלעכע ביכער. איך האָב באַלד געהייסן נעמען מיין ענציק־ לאָפּעדיע, עטלעכע פראַנצויזישע לער־ביכער און אָוועקגעטראָגן. דער סטו־ דענט האָט צוריקגעברענגט אַ בלאָען 5 רובל׳דיקן און ס׳איז געוואָרן ביי אונז אַזאַ שמחה, וואָס אום עס צו באַגרייפן דאַרף מען אַליין דאָס איבער־ לעבן. די ערשטע זאַך איז געווען אַ „סראַטשנע״ טעלעגראַמע צו מיין פריינט אין מאָסקווע; פאַר די איבעריקע געלט האָט מען געקויפט 5 צענדליק אייער און עטלעכע קריגלעך מילך. דאָ האָב איך זיך אינצווישן אָנגעהויבן צו בע־ סערן. איך האָב זיך עטוואָס געקרעפּטיקט, געקענט זיך רירן, באַוועגן. די אָנצינדונג האָט אויך אָנגעהויבן פּאַמעלעך צו באַרואיקן זיך און איך האָב זיך ווידער געפילט נישט שלעכט. מער נישט, דאָס אָנקוקן מיינע געפרוי־ רענע סטודענטן, האָט פון מיר געטריבט די רו. איך האָב נישט געקענט פאַרטראָגן, וואָס מענטשן, ~~פרעמדע~~ (~~מיר~~ האָבן זיך ערשט באַקענט טאַקע

דאָ אין טשאַרני־יאַר) זאָלן זיך פּאַר מיר אויף אַזויפיל אָפּפּערן. איך רעד שוין נישט וועגן דעם, וואָס זיי פּלעגן מיר נישט איבערלאָזן אַליין, נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט; נאָר דאָס פאַרזעצן פון די פּאַלטאָיען. אַזאַ אָפּפּער איז ווירקלעך צו גרויס געווען. איך האָב זיך נאָר געטרייסט מיט דער האָפענונג, וואָס אַ ליאַדע טאָג וועט אָנקומען פון מאָסקווע געלט און מ׳וועט עס קענען אויסלייזן.

יעצט שטעל זיך פאָר, ווען אין 5 טעג אַרום, נאָך מיין אָפּשיקן די טעלעגראַמע, דערהאַלט איך אַ טעלעגראַפישן ענטפער, נאָר נישט פון דעם חבר, נאָר פון זיין פרוי: (קראַנק, נישט באַוואוסט ווען ער וועט געזונט ווערן) אויף אונזער קאָנספּיראַטיוון לשון הייסט דאָס, אַז ער איז אַרעסטירט און מ׳וויס נישט ווען ער וועט באַפרייט ווערן. דאָס איז שוין פאַר מיר געווען ווי אַ דונער פון אַ קלאָרן בלויען הימל; איך בין אויגענבליקלעך ווי פאַרשטאַרט געוואָרן, עפּעס אַזוי ווי דער מאַרך וואָלט פאַרגליווערט געוואָרן און קען זיך שוין מען נישט באַוועגן. איך האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען, נישט וואָס מיט מיר איז, נישט וואָס מ׳שרייבט מיר דאָ, נישט פאַרוואָס דער סטודענט וואָס איז געשטאַנען נעבן מיר האָט אויף מיר אויסגעגלאָצט אַ פּאָר גרויסע צעשראָקענע אויגן...

נעכטן איז באַלד אין דער פרי אָריינגעקומען דער טאָג־דעזשורנע און האָט מיר געבראַכט די פּאָסט: עטלעכע קאַרטן פון באַקאַנטע, פון דער היים אַ בריוו און אַ... בריוו פון דיר. פון אין דער פרי אָן האָט מיר שרעקלעך ווייַ געטאָן אין בויך און איך האָב זיך געוואָרפן אויפן בעט פון איין זייט אויף דער אַנדערער, ווי אַ ווילדער טהיער, ווען מ׳האָט מיר די פּאָסט געבראַכט, האָב איך אפילו נישט געקענט נעמען זיך צו די בריוו. ערשט אַז איך האָב זיך געמאַכט עטלעכע קאָמפּרעסן, איז מיר גרינגער געוואָרן און איך האָב זיך גענומען צו די בריוו. און אַלע בריוו צוזאַמענגענומען האָבן אויף מיר אַ גוטן איינדרוק געמאַכט. מערקווירדיק, עפּעס קומט אויס ווי אַלע האָבן זיך צוזאַמענגערעדט; יעדערער טרייסט מיר, מוטיקט מיר און זאָגאַר די מוטער שרייבט, אַז זי וועט מיר אַרויסשיקן 5 רובל, וואָס פייגל האָט אָפּגעשפּאָרט פון אַ גאַנצן מאָנאַט. דו שרייבסט אַז דו שיקסט 60 רובל און אַ באַקאַנטער שרייבט מיר, אַז ער וועט מיר אַרויסשיקן ביכער וועלכע איך דאַרף נויטיק האָבן. מיט איין וואָרט: איין איבעראַשונג נאָך דער אַנדערער. ווען דער דאָקטער איז אין אָוונט געקומען, האָט ער ביי מיר אַ נאָרמאַלן פּולס געפונען און האָט קאָנסטאַטירט, אַז עס גייט גאַנץ גוט מיט דער פאַרבעסערונג. ער האָט מיר אויך שוין דערלויבט צו עסן דאָס פלייש פון געפליגל און געטריקענטע זעמל. בשעת ער האָט מיר די דערלויבניש געגע־

בן, איז ווי אַ לייכטער שמייכל אַדורכגעשוועבט דורך זיין פּנים. ווי עס וויזט אויס, האָט ער שוין געמוזט וויסן, אַז איך האָב נישט קיין געלט פאַר וואָס צו קויפן. היינט אין דער פרי האָט מען מיר פון פּאָסט אַרויסגעגעבן (דורכן סטודענט) אַ רעקאָמענדירטן בריוו פאַר מיר און 60 רובל, 28 קאָפּ. שטעל זיך פאָר מיין דערשטוינונג, ווען איך מאַך אויף דיין רעקאָמענדירטן בריוו און געפין אַ טשעק אויף דער זעלבער סומע. וואַרשיינלעך, האָסטו אַ טעות גע־האַט מיינענדיק, אַז פאַר דעם טשעק וועל איך געלט באַקומען. זעסט דאָך מ׳האָט דאָס געלט דאָרט דעם סטודענט אַרויסגעגעבן, נאָך נישט וויסנדיק גאָר אַז אין רעקאָמענדירטן בריוו ליגט אַ טשעק.

וואָס זאָל איך דיר שרייבן, חוה? איך האָב שוין געהאַט היינט אַ מי־טאָג פון געפליגל־פליש מיט זופּ. איך האָב שוין מילך און יעצט טאַקע שטייען שוין בײדע סטודענטן נעבן מיר (זיי וואַרטן אויפן בריוו) אָנגעטאָן די פּאַלטאָען און שרייען אויף מיר, וואָס איך שרייב אַזעלכע לאַנגע בריוו. איך פיל זיך היינט אויסגעצייכנט גוט, איך האָב היינט נישט קיין שמערצן און דער דאָקטער, וואָס איז ערשט מיט 2 שעה צוריק דאָ געווען, האָט דער־קלערט אַז יעצט איז שוין די אָנטצינדונג אין גאַנצן פאַרשוואונדן. ער הייסט נאָר האַלטן די דיעטע, ווייטער מאַכן די קליסטירען און נעמען די רעצעפּטן. ער זאָגט אָבער, אַז מען קען נישט גאַראַנטירן, עס זאָל זיך שוין מער נישט ווידערהאָלן, ווייל גרינטלעך אויסהיילן קען מען עס נאָר אין אַ ספּעציעלע הייל־דאָרם אַנשטאַלט, אונטער אַ שטרענגע קאָנטראָל פון ספּעציאַליסטן־דאָקטוירים. יעדנפאַלס פאַרהאָף איך, אַז אַזוי שנעל וועט זיך עס שוין נישט אומקערן. דערווייל פיל איך זיך נאָך שוואַך, עס קומט מיר זאָגאַר אויס נאָך היינט אָפּט צולייגן זיך אויפן בעט, נאָר אין עטלעכע טעג אַרום דענק איך, וועל איך זיך שוין צימלעך גוט פילן. אַנטשולדיק, חוה, וואָס איך האָב דיר אַזוי פיל אָנגעקלאַפּט אַ קאָפּ יעצט, מיט מיין קראַנקהייט. איך רעכן דאָך, אַז דו וועסט זיך יעצט אויך פרייען גלייך מיט מיר, וואָס איך בין איר שוין כמעט אַריבערגעקומען. דו שרייבסט, חוה, אַז איך זאָל דיר נישט דאַנקען פאַר די צוגעשיקטע געלט. ניין, טייערע, איך וועל דיר נישט דאַנקען, ווייל אַ דאַנק איז, נאָך מיין מיינונג, אַ צו שוואַכער אויסדרוק פון דעם געפיל, וואָס באַהערשט מיך יעצט אויסצודריקן. אין בעסטן פאַל איז עס צו מאָ־שינאַל, צו מעכאַניש, צו וואָכעדיק, אַז מ׳זאָל קענען מיט דעם אויסדריקן אַן אויפריכטיקן איננערגסטן (אינווייניגסטן) געפיל. ניין, איך וועל דיר נישט דאַנקען, נאָר איך וועל דעם געפיל טיף אין האַרץ ביי זיך באַגראָבן, אַז ער זאָל דאָרט צייט איך וועל לעבן, לעבעדיק פאַרבלייבן... איך וועל דיר נישט דאַנקען, נישט דערפאַר, וואָס דו האָסט עס מיר געשיקט, נאָר מיין אידעאַל

אין דעם זעסט דו, חוה, בין איך מיט דיר נישט אײנשטימיג: דאָס אידעאַל איז מיט דיר װײניק פאַרבונדן, כאָטש איך בין מיט אים שטאַרק צוזאַמענ־געבונדן. װען איך, אָדער נאָך 100 אָזעלכע װי איך װעלן אונטערגײן, װעט דאָס אידעאַל אָלץ אײנס נישט אונטערגײן. ער קען נישט אונטערגײן מיט אונז, דערפאַר, װײל נישט מיר האָבן אים אַרויסגערופן, נאָר דאָס לעבן האָט אים אַרויסגערופן און דאָס לעבן לעבט שטענדיק, װײל לעבן און טויט זײנען 2 באַזונדערע באַגריפן, געגנזעצלעכע באַגריפן זאָגאָר. דו האָסט, הײסט עס, נישט דעם אידעאַל מיט דעם אונטערשטיצט פון אונטערגײן, נאָר מיך... פונ־דעסטװעגן װעל איך דיר נישט דאַנקען, דערפאַר װײל דער „דאַנק" האָט אויף אונזער „בירזשע" פאַרלאָרן דעם קורס און ער איז נישט פרײז־װערט, דערפאַר װײל דעם „דאַנק" איז דורך און דורך בירגערלעך און האָט נישט קײן אינערלעכן אויסדרוקספולן אינהאַלט...

...טײערע חוה, איך װעל דיר פאָלגן: דאַנקען װעל איך דיר נישט...

דערװײלע איז בײ מיר צעשלאָגן געװאָרן מײן גאַנצער פּלאַן פון אַנטלויפן. איך האָב פאַר דער צײט שוין אַדורכגעלאָזן אײן אײז־דאַמפער, און אינגאַנצן װעלן נאָך זײן צװײ. שװער צו גלויבן, אַז עס זאָל מיר געלינגען נאָך דעם װינטער צו אַנטלויפן: ערשטנס, בין איך דערװײל שװאַך דערצו, נאָך אַ קראַנקהײט און אַ תענית, פון קנאַפּע 5 װאָכן, איז מען גוט אָנטקרעפטעט...

אין דער צײט װאָס איך בין געלעגן זײנען דאָ פאָרגעקומען גרויסע נאַטור־קאַטאַסטראָפען: 2 מאָל האָט זיך נעבן אונז צו עטלעכע סעקונדן גע־הויבן די ערד. אויפן סטעפּ, זײנען פיל אולוסן פון קאַלמיקן אומגעקומען. װידער איז דאָ געװען אַ שרעקלעכער שטורעם, װאָס האָט געדויערט 5 טעג. אויפן ים זײנען דאָ אונטערגעגאַנגען אַ סך דאַמפער. די גאַנצע צײט פון שטורעם האָט געדונערט און געבליצט אַזױ װי אין זומער, און ס'האָט אויס־געזען, װי די גאַנצע װעלט װערט חרוב. יעצט שטײען דאָ פראָסטן, און שטאַר־קע, איבעריגנס שאַדן זײ מיר יעצט װײניק, װײל איך קען נאָך סײ־װי־סײ פון שטוב נישט אַרויסגײן. — אום צו כאַראַקטעריזירן דיר מײן שטימונג אין דער צײט פון מײן קראַנקהײט, שיק איך דיר דאָ אַ קלײנעס ליד. דאָס איז אַ נאָכמאַכונג פון דײטשן דיכטער אָסקאַר לעװי, װאָס איך האָב אָנגע־שריבן אין דער פאַרצװײפלונג:

1. לאָזט אָפּ!
איך דאַרף נישט קיין עצות —
מיין וועג ווייס איך אַליין.
איך דאַרף נישט קיין לייצעס —
גיט מיר נישט צו פאַרשטיין!

2. זאָרגט נישט פאַר מיר — מוחל!
דער וועג איז דאָך מיין!
האָט איר מער שכל,
איז אייך וואויל
און פיין!

3. מיט אַ זעץ אָן דער וואַנט,
צעברעך איך מיין שאַרבן —
אַוועק מיט אייער האַנט!
אַ, לאָזט מיך כאָטש שטאַרבן! —

4. לאָזט אָפּ, אַ לאָזט אָפּ!
וואָס מישט איר זיך אַריין?
דער וועג און די קאָפּ —
זיינען ביידע דאָך מיין!...

אָט צו וואָס אַ מענטש קען דערגיין ווען ער איז פאַרצווייפלט; אַז איך בין אין יענע טעג אינגאַנצן נישט אַראָפּ פון זינען, טרויע איך זיך צו האָבן אַ שטאַרקן כאַראַקטער און קופּערנע נערוון. — יאָ, חוה, איין געפעליקייט טו מיר נאָך, גיב עס אויך איבער צינען און נחמיה׳ן, אויב ביי אייך איז נאָך דאָ אייערע פאָטאָגראַפיעס, זעט שיקט זיי מיר צו. דיין פאָטאגראַפיע האָב איך אפילו באַקומען עטלעכע וואָכן פאַר מיין אַרעסט, נאָר זי איז געבליבן אין דער היים. און די מוטער, ווי אויך פייגל, ווילן עס מיר אויף קיין פאַל נישט שיקן. זיי האָבן עס איינגעראַמט אין אַ שיינע ראַם, און ווילן עס האָבן פאַר זיך. — דערוויל נעם צו מיין אינינגסטן גרוס און הייסטן קוש. פון דיין קוזין און חבר,

ישראל בער ביילין

גיב איבער מיינע גרוסן און קושן צינה׳ן און נחמיה׳ן, פאַרוואָס שרייבן זיי נאָך אַלץ נישט? אַזוי פיל כּיזנעס?... י. ב.

טשארני יאַר, 15־טן פעברואַר, 1910.

ליבע, טייערע חוה!

און ווידער האָב איך געהאַט אַ בשורה, אַז עס וועט באַלד פון דיר אָנקומען אַ בריוו; אייער־נעכטן איז עס געווען: איך קום אין פּאָסט אָפּנע־מען מיין קאָרעספּאָנדענץ און צווישן אַנדערע באַקום איך אַ שיין אויף 24 רובל. איך האָב נישט געקענט פאַרשטיין פון וואַנען דאָס איז (אויפן שיין (אַנווייזונג) שטייט גאָרנישט). פון לאָדזש, ווייס איך, באַקום איך מאַנאַטלעך, פון מיינע פּריינט 15 רובל, און דאָ איז 24 רובל. איך גיי צו צו דער קאַסע, ערשט איך זע, אַז דאָ איז אַ מיספאַרשטענדעניש; אויפן אַדרעס שטייט נישט איזראַעל ביילין נאָר איזראַיל באַלין. דער פּאָסט־באַאַמטער קענענדיק מיר אַלס ביילין, הייסט מיר ברענגען אַ צייגעניש פון דער פּאָליציי, אַז איך הייס ביילין און אַז איך האָב אים געזאָגט, אַז דאָ מוז עפּעס זיין אַ טעות, האָט ער מיך פאַרגעלייגט צו זאָגן פון וועמען דאָס געלט איז. איך האָב אים באַלד דערקלערט אַז ער זאָל מיר זאָגן פון וועלכער שטאָט עס איז, וועל איך אים זאָגן פון וועמען. ער האָט מיר געזאָגט און איך האָב אָנגערופן דיין נאָמען. יעצט איז ער שוין געווען איבערצייגט, אַז דאָס איז עפּעס אַ טעות, נאָר פאָרמעל האָט ער מיר נישט געקענט געבן. ערשט דערנאָך, אַז איך האָב געבעטן דעם נאַטשאַלניק פון די פּאָסט, ער זאָל זיך אַריינמישן און נאָכ־קוקן, — האָב איך דאָס געלט באַקומען. מיר האָט נאָר געוואונדערט, פאַר־וואָס איז נישטאָ קיין בריוו פון דיר אַזוי לאַנג, און איך האָב זיך אַביסל געשראָקן: פון די צייטונגען האָב איך דערפאָרן, אַז ביי אייך איז הײ־יאָר זייער אַ שטרענגער ווינטער. אין שיקאַגאָ, האָב איך געלעזן, איז אין טאָג געווען 36 גראַד פראָסט, ווייטער איז עפּעס אויף איין גאַס אַ שטיק טראָ־טואַר מיט עטלעכע פאַרבייגייענדע מענטשן איינגעזונקען, — נאַטירלעך, איז שוין געווען מאַטעריאַל צו זיין אומרואיק. נאָר היינט, אַז איך האָב דער־האַלטן דיין בריוו אין וועלכן דו שרייבסט, אַז ביזט פאָלקאָם געזונט — האָב איך שוין פון זיך געלאַכט פאַר מיין שרעקן זיך. דאָך, טייערע חוה, וועל איך דיר אויפמערקזאַם מאַכן, אַז דו זאָלסט מיר נאָך אַמאָל נישט שיקן קיין געלט, איידער איך וועל דיר נישט אַליין וועגן דעם בעטן. עס איז אמת, דאָס פאָריגע מאָל, האַסטו, עפּעס אויף אַ געהיימניספולן אופן צוגעטראָפן. איך בין דאַן געווען אין אַ אויסערס קריטישע לאַגע, פון וועלכע דו האָסט מיך פראָסט געראַטעוועט. נאָר יעצט, זיינען די 24 רובל געווען מיר נישט זייער נויטיק: איך האָב באַקומען יענעם מאָנאַט פון מיינע פריינט אויף 30 רובל. באַלד נאָך דעם, ווי איך האָב דיר אָוועקגעשיקט מיין בריוו, און יעצט האָב

איך נאָך אַן די 24 רובל, גאַנצע 28 רובל. ווי דו זעסט, בין איך נאָך יעצט אַ גביר פון 52 רובל. דאָס, מיט די געלט, וואָס מ'וועט מיר נאָך דעם מאָנאַט שיקן פון לאָדזש וועל איך געווג האָבן ביז אַפּריל. אייך זאָך קען איך זיך נישט פאַרצייען, וואָס איך האָב צוליב מיין נאַאיווע אָפּנהאַרציקייט, פאַרשאַפט דיר אַזויפיל שמערצן... נאָר גלויב מיר, טייערע, אַז ווען עס זאַמלט זיך אָן אין דער ענגער ברוסט, אַ־סך פיין און ליידן, אַז עס קאָן שוין אין זיך נישט אַלעס אַנטהאַלטן; ווען די געפייניקטע און צעוויטאַגטע האַרץ גייט אַריבער איבער די ברעגן פון אַנגעזאַמלטע פאַרצווייפלונג און שמערץ, — דאַן איז אומעגלעך איינצוהאַלטן אין זיך און ווילנדיק, נישט ווילנדיק גיסט זי זיך אַרויס אָפּן פאַר אַלעמען. און טאַקע דערפון האָבן די פיינט אַזויפיל אַנטציקונג און נחת, און די פריינט, אַזויפיל שמערצן און טרויער...

טייערע חוה! איך מוז דיר זאָגן דעם אמת, אַז איך פאַראַכטע זיך אַליין פאַר דעם גרויסן געגנזאַץ, וואָס אין מיר איז דאָ: אין אַלגעמיין דאַרף אַ רעוואָלוציאָנער האָבן אַ שטאַלענע האַרץ, מיט אַן אייזערנעם ווילן; אַ שטורעמדיקע ברוסט מיט אַן אָרגאַן פון ליידנשאַפטן... סענטימענטאַליטעט און ווייכקייט, צעבראָכנקייט און פאַרצווייפלונג טאָרן ביי אים קיין נעסט נישט געפינען! — און ביי מיר, איז עפּעס אַ מאָדנע זאַך: וויפיל איך זאָל נישט אַנערקענען די ריכטיקייט פון דעם פּרינציפּ אין דער טעאָריע, דאָך אין פּראַקטישן לעבן פאַרייניקן זיך ביי מיר די געגנזעצלעכע געפילן צוזאַמען... איך בין אַ רעוואָלוציאָנער און סענטימענטאַל־ראָמאַנטיש; רעאַליסט נאָך דער אידייע און פאַעטיש־ווייך אין האַרץ; אייזן־האַרט אין קאַמף און אין לעבן שוואַך, ווי אַ ווינטערדיקע פליג... אַ, ווי איך פאַראַכטע זיך זעלבסט דערפאַר!... — איך געדענק, מיט 4 און אַ האַלב יאָר צוריק, אין די באַרימטע אָקטאָבער־טעג אין 1905־טן יאָר, אין לאָדזש, ווען עס האָט זיך איינגעגעבן צו מאַכן אַ ריזן־דעמאָנסטראַציע פון 200,000 מאַן, ווען הונדערטער רויטע פענער האָבן אין דער לופט געפלאַטערט מיט די אויפשריפטן פון די הויפּט־פאָדערונגען, וואָס האָט זיך מיט שטיקער בלוט אַרויסגעריסן פון דעם אויפגעשטאַנענעם פּראָלעטאַריאַט! ווען אונז איז געלונגען אין איין קורצע צייט אויפוועקן צום לעבן און צום קאַמף שקלאַפן וועלכע האָבן הונדערטער יאָרן געבויגן די פּלייצעס צו דער ערד; ווען איך האָב זיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ הויך אָרט אַנקוקן, אויף ווי ווייט די מאַסן ציען זיך און איך האָב בשום אופן נישט געקענט זען קיין אַנהויב און קיין סוף, ווען אַלעס אין מיר האָט געיובלט און געשאַלט פון זיסן שטאָלצן זיג, דאַן איז מיר אויך דאָס האַרץ אַריבער איבער די ברעגעס... און אַזוי אַריבער, אַז ווען איך בין אויפגעהויבן געוואָרן אין דער הויך פון אַ צענדליק מענטשן־הענט איך זאָל רעדן,

איך זאָל רופן, איך זאָל דערקלערן דעם זיג — און איך האָב נישט געקענט דעם מויל עפענען... אין ברוסט האָט זיך אָנגעזאַמלט און צונויפגעפּרעסט אַזויפיל וואָרעם־ווייכעס, אַזויפיל ליבע־הערצלעכקייט, אַז איך האָב, אָנשטאָט ווערטער מיטן מויל צו רעדן — מיט די אויגן אָנגעהויבן צו גיסן מיט וואַרמע טרערן, מיט פריידן־טרערן... און טויזנטער מענטשן וואָס האָבן מיר אַרומגערינגלט האָבן זיך אויך אָנגעשטעקט אָן מיר, און אויך אָנגעהויבן צו וויינען... און ערשט, ווען איך האָב דערזען, אַז פון אַלע הונדערטער, — טויזנטער אויגן אַרום און אַרום גליטשן זיך קריסטאַל־קלאָרע פּערל־טרערן, און אַלץ אַ דאַנק דעם, וואָס איך האָב אַרײַנגעוואָרפן דעם טרערן־פונק אין דעם ים פולווער אַרײַן, ערשט דאָן האָב איך זיך מיט אײַזערנע כחות באַהערשט און איך האָב אָנגעהויבן: „גענוג ברידער צו וויינען! דאָס האָבן מיר געטאָן גענוג אין די לעצטע יאָרן, און נישט פון דעם וועלן מיר דעם פרייהייטס־טעמפּל בויען. גענוג מיט די ווייכע הערצער און וואַסערדיקע בלוט, — מיט דעם וועלן מיר אונזער גליק נישט שמידן! אין שטורעם און אין דראַנג מוז יעדע גרעזעלע אַ טאַנענבוים ווערן און יעדער ריטעלע אַ דעמב! יעדער קליין־מענטשעלע מוז אַ ריז ווערן און יעדעס ווערימל — אַ טיטאַן! — מיט גאַל און מיט גיפט דאַרפן מי'ר אונזערע פאַרבלוטיקע הערצער אײַנטונקען און אין ברוסט פולווער און שוועבל אָננעמען!..." און איך האָב גערעדט און געשאָסן מיט פייער און לאַוואַ צוויי שעה נאָכאַנאַנד. איך האָב געפילט, ווי אין אַלעמענס אָדערן גיסט זיך אַרײַן אַ קאָכעדיק בלוט און אַלע נערוון ווערן עלעקטריזירט. איך האָב געהערט, ווי יעדעס וואָרט מײַנס שאַלט ווי אַ דונער, און שנײַדט דורך די לופט ווי אַ בליץ... נאָר אינוויניק, בײַ זיך, אין די טיפע באַהעלטענישן פון דער נשמה, האָט זיך עפּעס ווייכעס פאַנאַנדערגעצויגן, עפּעס שוואַכעס, קינדערשעס האָט צוזאַמענגעפּרעסט די ברוסט, און מיט גוואַלדיקער אָנשטרענגונג האָב איך זיך באַהערשט, אַז איך זאָל נאָך אַמאָל נישט אויסברעכן מיט געוויין... און מיט וואָס פאַר אַ מאָדנער קנאה איך האָב דערנאָך געקוקט אויף מײַנע קאַמעראַדן, וועלכע האָבן געשוועבט אין דער לופטן, איבער טויזנטער קעפּ און הערצער, מיט שטאַרקע שטאָלענע אָדלער־פליגל און שלאַנקע־שטאָלצע פיגורן און האָבן געשיקט זייערע פײַלן־ווערטער אין די דורשטיקע ברוסטן... מיט וואָס פאַר אַן אײַפער און נייד איך האָב געקוקט, ווי עס ציטערט בײַ זיי נישט קיין ברעם, קיין האָר און, ווי אײַזערנע פאַנצערס שטייען אויסגעשטעלט זייערע בריסט... קוקנדיק אויף זיי האָב איך נאָך בעסער דערקענט און פאַראַכטעט מײַן שוואַכקייט, מײַן פאַרשאָלטענע סענטימענטאַליטעט... און אַזוי אין פּראַקטישן לעבן אויך דעמזעלבן געגנזאַץ, דעמזעלבן פעלער, און איך

פיל עס און איך ווייס עס און איך סטאַרע זיך עס צו פאַרבעסערן, צו פאַר־דעקן. — נאָר קען מען אַ נאַל באַהאַלטן אין אַ זאַק? וויפיל איך פאַרשטיי עס, ווייס עס, פיל עס, און דאָך טו איך שטענדיק דאָס זעלבע און דוכט מיר, אַז דאָס וועט שוין ביי מיר פאַרבלייבן ביז דעם טויט. קיין נאַטירלעך־גע־בוירענעם קען מען אויף קיין פאַל מיטן וואָרצל נישט אַרויסרייסן! — און דעריבער אַנטשולדיק טייערע, ליבע חוה, וואָס איך האָב דיר מיט מיין אומ־פאַרזיכטיקייט אזויפיל שמערצן פאַרשאַפט; אויף וויפיל ס'איז מעגלעך, וועל איך זיך סטאַרען אויף ווייטער נישט צו טאָן עס מער.

יעצט, איז מיר פיל בעסער; איך פיל זיך קרעפטיקער, מוטיקער און געזינטער. אין אַבוואַל צו געזונט זיין, אין פולן זינען פון וואָרט, איז עס נאָך ווייט. דאָך בין איך מיט די יעצטיקע רעזולטאַטן צופרידן, ווייל ס'האָט געקענט זיין פיל, זייער פיל ערגער... קיין געלט, טייערע חוה, בעט איך דיר מער נישט צו שיקן. איך האָב אויף צוויי מאָנאַטן צייט גענוג, אויב שפּע־טער וועל איך זיך שטאַרק נויטיגן, וועל איך דיר אַליין שרייבן. וועגן מיין פאָרן נאָך אמעריקא, איז דערווייל אריינגעטראָטן אַ שטיקל ענדערונג: — ערשטנס, די מוטער בעט מיך דורכאויס, איך זאָל אויסזיין די צייט אום צו קענען דערנאָך אָוועקפאָרן גאַנץ לעגאַל. ווידער וויל זי, אַז איך זאָל נאָך דער באַפרייאונג זיין ביי איר עטלעכע וואָכן אַמווייניקסטן — און דאָס מוז איך איר טאָן. דו קענסט זיך, חוה, גאָרנישט פאַרשטעלן וויפיל די מוטער האָט זיך פאַר די לעצטע 6־8 יאָר אויסגעליטן און אויף וויפיל זי האָט זיך אינ־גאַנצן איבערגעביטן. אין די ערשטע צייטן, מיט אַ יאָר 8־9 צוריק האָב איך מיט איר געמוזט אַ ביטערן קאַמף פירן. זי פלעגט מיר איינשליסן די זאַכן און נישט לאָזן אַרויס פון שטוב; די ביכער (אומלעגאַלע), וואָס איך פלעג ברענגען, פלעגט זי צערייסן אָדער פאַרברענען; יעדע נאַכט פלעגט זי מאַכן אין מיינע טאַשן „אַביסקעס". מיינע חברים, וואָס פלעגן צו מיר קומען, פלעגט זי ווייזן די טיר. מיט איין וואָרט, זי האָט מיר פאַרביטערט דאָס לעבן אויף יעדן טריט, ווי זי האָט נאָר עפּעס באַמערקט, אַז איך באַ־שעפטיק זיך מיט „יענע" זאַכן. איך האָב נאַטירלעך נאָר געהאַט איין ברי־רה — אנטלויפן פון דער היים. און איך האָב טאַקע אַזוי געטאָן: פאַרדינט האָב איך דאַן 10 רובל אַ מאָנאַט פון 3 „אוראָקן", וואָס איך האָב געהאַט — האָב איך געלעבט פאַר זיך. נאַטירלעך, קיין האָניק האָב איך נישט געלעקט. איך האָב אָפט געהונגערט, נישט געהאַט וואו צו שלאָפן, אָפּגעריסן, אָפּגע־שליסן, נאָר דערפאַר בין איך געווען אַ פרייער פויגל מיט לייכטע, גרינגע פליגלען... אַזוי האָט געדויערט עטלעכע מאָנאַטן. די מוטער האָט מיר גע־האַלטן אין איין זוכן, נאָכפרעגן און איין מאָל, אַז זי האָט מיר צופעליק גע־

טראָפּן אויף דער גאַס, האָט זי זיך געוואָרפן מיר צו די פיס, האָט מיר גע־קושט און געהאַלזט און מיט טרערן אין די אויגן געבעטן זיך איך זאָל אַהיים גיין... איך האָב אָבער לאַנג, לאַנג זיך געלאָזט בעטן: עס איז מיר נאָך פאַר די אויגן געשטאַנען די פריערדיקע סצענעס וואָס פלעגן אונז ביידן קאָסטן אַ האַלבן לעבן. נאָר אַז זי האָט זיך געשוואָרן מיט אַלעס וואָס ביי איר איז הייליק, אַז מער וועט זי מיר נישט שטערן אין מיינע זאַכן, דאַן ערשט בין איך צוריקגעקומען מיט שטאָלץ, אַזוי ווי אַ טריאומפאַטאָר פאַרט אַריין אין די איינגענומענע שטאָט.

נאָך די מלחמה האָט דער מוטער זייער טייער געקאָסט. זי האָט פאַר דער צייט אינגאַנצן פאַרלאָזט איר שטיקל האַנדל, האָט גאַנצע טעג נישט געגעסן און גאַנצע נעכט נישט געשלאָפן און די אויגן האָבן בײַ איר נישט געטריקנט און האָט אַלץ געהאַלטן אין איין זוכן מיר. אין די עטלעכע מאָ־נאַטן איז זי עלטער געוואָרן אויף 20 יאָר. מיד־קראַנק, צעבראָכן און רו־אינירט האָט זי זיך אונטערגעגעבן און פון דאַן אָן האָט זי ווירקלעך איר וואָרט הייליק געהאַלטן: האָט זיך אויפגעהערט צו מישן אין מיינע אַנגע־לעגנהייטן... האָט מיר שוין נישט געטריבן פרום צו זיין און אָפטמאָל פלעגט זי מיר נאָך בײַהילפיק זיין אין מיינע זאַכן אויך... שפּעטער האָט זי שוין געבעטן איך זאָל איר פאַרלעזן פון די אומלעגאַלע ביכער און האָט מיט אַ קינדערשן ערנסט אויסגעהערט אַלעס. אָפטמאָל פלעגט זי אפילו זיך אָנ־הויבן פאַראַנדערפרעגן, ווי ס'גייט צו, ווי „ס'האַלט"... אין אָנהויב 1904 ווען די זשאַנדאַרמעריע האָט ביי מיר אין מיטן נאַכט געמאַכט דעם ערשטן „אָביסק", האָט זי שוין אַזוי גוט געשפּילט די ראָלע פון אַ געניטע קאָנס־פּיראַטאָרקע, אַז עס איז איר געלונגען עטלעכע ביכער (אומלעגאַלע) אַריינ־כאַפּן אין בוזעם און באַהאַלטן. צוליב דעם וואָס זי האָט שטרענג געענט־פערט די זשאַנדאַרמען האָט מען איר אויך אַרעסטירט און אָפּגעהאַלטן אַ נאַכט אין פּאָליציי־וואַך.

איך בין דאַן אָפּגעשיקט געוואָרן אין „קאַלישער שלאָס"; שפּעטער אין סעראַדזער טורמע און זי פלעגט צו מיר אומעטום פאָרן, שיקן געלט, פּאַסילקעס און קיין גרענעץ איז נישט געווען צו איר פרייד, ווען איך בין דעם 20־טן אויגוסט, דעם זעלבן יאָר, באַפרייט געוואָרן. אין אַ צוויי מאָנאַטן אַרום איז באַלד פאַרגעקומען מיין „פּריזיוו", אין וועלכן זי האָט פאַרבראַכט די לעצטע 400 רובל, וואָס איז איר נאָך איבערגעבליבן אין באַנק. קיין „פּרנסה" האָט זי שוין מער נישט געהאַט, — אַלע קונדן דערוויסנדיק זיך אַז זי האָט „אַזאַ" זון, האָבן איר אָנטזאָגט, און זי האָט מיט אַ מאָדנע עקשנות מיך אָנגעהויבן שטאַרקער צו ליבן, עפּעס ווי אויף צו להכעיס די גאָלדענע

קעלבער... און פון טאָג צו טאָג און פון יאָר צו יאָר, איז די ליבע אַלץ גע־וואַקסן און צוזאַמען אויך די ליבע צו דער זאַך וועלכע איך דין...

אין 1905 האָט זי שוין צו אַזאַ רעוואָלוציאָנערע שטופּע באַשטיגן פון וועלכע איך וואָלט קיינמאָל נישט געחלומ'ט... זי איז אינגאַנצן אַן אַנדער מענטש געוואָרן. פרום איז זי נאָך אָבער אַלץ געבליבן און דוכט זיך, נאָך פרומער. מיט צוויי יאָר צוריק, עטלעכע וואָכן פאַר מיין לעצטן אַרעסט, האָט זי געזאָגט אירן אַ באַקאַנטן, אויך אַ פרומען: „איך ווייס גאַנץ גוט, אַז גאָט וועט מיר שטראָפן דערפאַר, וואָס איך האָב ליב אַ זון אַן אַפּיקורוס, אָבער וואָס זאָל איך טאָן, איך קריג אים וואָס אַ טאָג אַלץ ליבער און ליבער, און כ'וועל אים ליב האָבן״... עפּעס אַן אומגעווייינלעכע עקשנות פּלעגט איר צו־געבן יעדער אַרעסט מיינער: ווען איך בין אַרעסטירט געוואָרן אין 1907־טן יאָר אויפן גאַס און האָב דאָן פון די געהיים־אַגענטן שטאַרקע קלעפּ באַקומען (מיר האָט מען דאָן אַ לאָך געמאַכט אין קאָפּ מיט אַן אייזערנעם שטעקן). דאָן בין איך געזעסן אַ קורצע צייט אין לאָדשזער טורמע, נאָר וואָס פאַר אַן ענערגיע די פאַרעלטערטע, קראַנקע, צעבראָכענע פרוי האָט דאָן אַרויס־געוויזן, בין איך דיר נישט אומשטאַנד צו באַשרייבן. זי האָט וועלטן איבער־געקערט, בערג גערירט, ביז איך בין באַפרייט געוואָרן. פון יעצטיקן אַרעסט, פאַרשפּאַר איך צו שרייבן, ווייל איך וועל אין דעם בריוו נישט אויסקומען. יעדנפאַלס קענסטו זיך פאַרשטעלן, ווי איר לעבט זיך יעצט, זייענדיק אָן שום פאַרדינסט און אָן מיר... דעריבער קען איך אויף קיין פאַל איר באַשיידענע ביטע נישט אָנטזאָגן. באַפרייט דאַרף איך ווערן אומגעפער אין אַכט און אַ האַלב מאָנאַטן אַרום, און דאַן וועל איך מוזן אַהיים פאָרן און עטלעכע וואָכן דאָרט זיין. אַנטלויפן יעצט האָט שוין פאַר מיר קיין רעכענונג נישט. איך ריזיקיר צופיל מיט דעם. מיט צוויי וואָכן צוריק זיינען פון דאַנען אַנטלאָפן 3 פאַרשיקטע מיטן אייז־דאַמפּער און נעכטן האָט מען זיי שוין צוריק גע־פירט אין קייטן. מ'האָט זיי געכאַפּט אין באַקו. עס איז אמת: זייער שווער איז צו ליגן פאַרוואָרפן אין אַזאַ העק, זיין אָפּגעריסן פון דער לעבעדיקער וועלט און דערצו נאָך צו ליידן און קרענקען... איך ווייס די אַכט און אַ האַלב מאָנאַטן, וועלן זיך ביי מיר ציען, ווי גאַנצע יאָרן. נאָר איך מוז עס צוליב טאָן די מוטער און נישט אָוועקפאָרן פון רוסלאַנד ביז וואַנען מיר וועלן זיך כאָטש קענען זען פרייערהייט כאָטש עטלעכע וואָכן. אויף שפּעטער ראָט זי מיר אויך אָוועקצופאָרן אום מער זיך נישט אונטערוואַרפן אונטער פרישע געפאַרן... אַלנפאַלס האָב איך נאָך קיין באַשטימונג וועגן דעם נישט אָנגענומען דערווייל. דאָס וואָס וועט ביי מיר ענדגילטיק באַשלאָסן ווערן, וועל איך דיר, זעלבסטפאַרשטענדלעך, שרייבן. איך רעכן, אַז דו וועסט קיין

פאראיבל נישט האָבן, טייערע חוה, וואָס איך האָב דיין אַדרעס געשיקט אונ־זערער אַ קוזינע אין אמעריקע. פערזענלעך קענסטו איר נישט, זי איז דעם פעטער מענדל׳ס אַ טאָכטער און הייסט אויך חוה. זי האָט טאַקע געהייראַט אין אמעריקע און האָט מיר שוין עטלעכע מאָל געבעטן צו שיקן איר דיין אַדרעס, אָדער צינעס. זי וואוינט אין מעמפיס. וואַרשיינלעך, וועסטו גאָר־נישט האָבן קעגן דעם. מיט אומגעדולד דערוואַרט איך דיין פאָטאָגראַפישע קאַרטע, ווי אויך די קאַרטן פון צינה׳ן און נחמיה׳ן. צי האָט נחמיה דער־האַלטן מיין לעצטן בריוו? איך האָף, אַז דו וועסט מיר שוין נישט לאָזן וואַרטן לאַנג אויף דיין בריוו, וועלכן איך דערוואַרט מיט שפּאַנונג. פעסט דריק איך דיר די האַנט און איך קוש דיר הייס, הייס, טייערע, ליבע, חוה!

דיין, ישראל בער

הייסע קושן און גרוסן צינה׳ן און נחמיה׳ן! שרייב נחמיה! ד.ז.

טשאַרני־יאַר, 6טן אַפּריל, 1910.

ליבע, טייערע חוה!

דיין לעצטן בריוו האָב איך נאָך דעם 29־טן מערץ דערהאַלטן. איך האָב דיר גלייך נישט געענטפערט דערפאַר, וואָס די פּאָסט האָט ביי אונז איינ־געשטעלט איר טעטיקייט אויף אַ קורצער צייט. די געפראָרענע וואָלגאַ האָט זיך ערטערווייז צובונטעוועט און האָט צעשטערט דעם גאַנצן פאַרקער. שוין 11 טעג ווי די פּאָסט פונקציאָנירט נישט און מיר דערהאַלטן דאָ נישט קיין בריוו און נישט קיין צייטונגען. היינט, מאָרגן וועט זיך די וואָלגאַ אינגאַנצן צעגיין; עס וועט זיך אָנהויבן דער אייז־גאַנג און די פּאָסט וועט אָנהויבן צו אַרבעטן. דער פרילינג לאָזט זיך שוין דאָ פילן אויף יעדן טריט און אַבוואָל. עס דויערט דאָ גאָרנישט לאַנג, אינגאַנצן צוויי דריי וואָכן (אין מיטן אַפּריל הויבן זיך שוין דאָ אָן שטאַרקע היצן); דאָך איז ער הערלעך און שיין און אפשר נאָך פיל שענער, ווי אין ערגעץ אַנדערש: דער הימל איז טיף, טיף פאַרזונקען אין אַ טונקל־בלויען ים און לאַכט באַשיידן אַראָפּ. די זון שיינט יונג, פריש, מונטער און דערקוויקנד און רופט אַלעס צום לעבן, צו שאַ־פונג... דיינינקע גרעזעלעך שפּאַלטן דורך, בגנבה, די דורכגענעצטע ערד. און קוקן אַרויס אַזוי יונג און שטאָלץ מיט גרינע אייגעלעך וויסנדיק, אַז יעצט האָבן זיי שוין נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר די פירכטערלעכע פרעסט און שטורמישע זאַווערוכעס. אַלעס אַרום אָטעמט פרייער אָפּ און אַ ליבער פאַרביקער פרילינג־גלאַנץ לייגט זיין שטעמפּל אויף ערד און שטיין,

אויף סטעפּ און וואַסער און בינדט זיי צוזאַמען אין אַן איינהייטלעכן האַר־מאָנישן בוקעט מיט דינע צאַרטע זונען־שטראַלן.

און וואָס פאַר אַ לופט! דוכט זיך קיין בלומען און ראָזען וואַקסן דאָך דאָ גאָרנישט. — זיי קענען נישט פאַרטראָגן די צו־שטעכעדיקע שטראַ־לן פון אסטראַכאַנער זון, — און דאָך, וויפיל דופט, וויפיל בשמים־געררוך טראָגט זיך אין דער לופט, פון ערגעץ, און ווי מימאָזען־באַלזאַם גלעטן זיי צאַרט־ווייך די ברוסט. און אפשר ברענגען עס מיט די מיליאָנען פאַרשיידנ־פאַרביקע פייגל, וואָס ציען זיך אַהער גאַנצע מחנות פון אַפריקע און קליין־אַזיען? ווער ווייסט! עס איז גאַנץ מעגלעך אַז זייערע לונגעלעך זענען דורכ־געזאַפּט מיט פּאַלמען־געררוך און מאַנדל־בליאונג און האָבן אָט די פאַרפיום געברענגט אַהער פון הונדערטער מייל ווייט. אַרעמע וואַנדערער, שוואַכינקע נפשות׳לעך זייט באַגריסט! ווען אפילו נישט איר האָט אונז געבראַכט אָט די מחיה׳דיקע געווירצפולע לופט, דאָך זענט איר אונז ווילקאָמען. ווער נאָך, ווי מיר, פאַרטריבענע אויף טויזנטער וויאָרסטן פון אונזערע נעסטן, פון אונזער היים, קען אייך מיטפילן אין אייער גלות, אין אייער וואַנדער־לעבן. אַלע, אַלע זייט הערצלעך געגריסט! פון דעם שטאָלצן ריזיקן אָדלער מיט זיינע ברייטע שטאָל־געבויטע פליגל, ביז די קליינינקע, צאַרטע שוועל־בעלע. אַלע זענט איר ביי אונז טייערע געסט, איר אָנזאָגער פון בליענדן פרילינג!...

איך גיי צו די וואָלגאַ. פּאַמעלעך לאָז איך זיך אַראָפּ פון באַרג, וואָס זוימט איר אַרום ביים רעכטן ברעג ווי אַ קינסטלעכע וואַנט. פון דער הויך זעט מען מער נישט ווי איין גרויסן ווייסן פלעק, וואָס טיילט זיך שאַרף אָפּ פון דעם שוואַרצן באַרג. אַרום און אַרום איז אַ קבר־שטילקייט. עס שלאָגן נישט קיין כוואַליעס. עס מורמלט נישט דאָס וואַסער. זעלטן ווען עס רייסט זיך אויף אַ רגע איבער די טויטע שטילקייט, דורך אַ „וואָראָנע״ וואָס פּיקט דעם אייז. איך זיפץ טיף אָפּ. די פּאָסט איז שוין דאָ 10 טעג נישט געווען, צוליב דעם וואָס דאָס אייז איז נישט זיכער. אָפּגעריסן פון דער לעבעדיקער וועלט אינגאַנצן, אפילו די צייטונגען, וואָס קומען צו אונז ערשט אָן אויף דעם צענטן טאָג, האָבן מיר אויך נישט און אַלץ איבער דעם, וואָס די וואָל־גאַ רירט זיך נישט. איך גיי אַראָפּ נאָך נידעריקער — אפשר וועל איך דאָך עפּעס אַ שטיקל באַוועגונג באַמערקן; אפשר וועט דאָך דער אויער אויפ־כאַפּן אַ שטילן קרעכץ פון אייז, וואָס שפּאַלט זיך. און ווירקלעך: וואָס נידעריקער איך לאָז זיך אַראָפּ, אַלץ מער דייטלעכער ווערן די שפּאַלטן; אַלץ הערבאַרער הערן זיך שטילע קראַכן; אַלץ באַמערקבאַרער ווערט, אַז אָט־אָט קומט אָן די אַנטשיידענע מינוט, וואָס וועט באַפרייען דאָס וואַסער

פון געפּאַנגענשאַפט. אָט בין איך ביים ברעג. איך שטיי נעבן איר, און דיר אָן דאָס אייז מיטן פוס, פּונקט ווי מיין שטויס וואָלט עפּעס דאָ געקענט אַנט־שיידן. עס רירט זיך נישט פון אָרט. איך לאָז זיך גיין מיטן ברעג ווייטער. ס׳איז זאַמדיק און שווער צו שטעלן די פיס. איך ווער דעריבער באַלד מיד און לאָז זיך גיין צוריק און כ׳וויל שוין צוריק באַשטייגן דעם באַרג. דער פוס קלאַפּט זיך אָן אָן אַ גרויסן אייזן־שטיין און לעכערט דורך דעם קאַלאָש. דאָס בלוט האָט מיר אין קאָפּ אַ זעץ געטאָן; עפּעס אַ אומפאַרשטענדלעכער אינסטינקטיווער כעס האָט זיך אין ברוסט אָנגעצונדן. מיטביידע הענט האָב איך קוים אויפגעהויבן דעם שווערן שטיין און מיט די גאַנצע קרעפטן אַ וואָרף געטאָן אויפן אייז. מיר האָט זיך געדוכט, אַז פון דעם קלאַפּ, וועט זיך געוויס יעצט מוזן דאָס אייז רירן. נאָר ווי דערצאָרנט בין איך געוואָרן צוגייענדיק נעענטער און זעענדיק, אַז דער שטיין האָט זיך נאָר אַריינגעזעצט מיט אײן שפּיץ אין אייז, און האָט אפילו דעם מינדסטן שפּעלטעלע נישט געמאַכט. — דערצו, ווייזט אויס, מוז מען אַנדערע קרעפטן האָבן — קלער איך זיך און לאָז זיך צוריק גיין אויפן באַרג. אַראָפּ איז לייכטער ווי אַרויף: ווי איך גיי נאָר אָפּ עטלעכע צענדליק מעטער, מוז איך זיך שוין אָפּשטעלן און כ׳קען דעם אָטעם קוים כאַפּן. דערצו מוז מען זיין פּאָרזיכטיק מיטן גיין, ווייל דער וועגעלע איז אַ גאַנץ שמאָלער און גליטשיקער. איך האָב נאָך נישט דערוויזן אַרויפצוגיין ביזן סאַמע שפּיץ, ווי אַ קראַך פון אונטן האָט אַ זעץ געטאָן. איך שטעל זיך אָפּ און קוק זיך אום און גלויב מיינע אויגן נישט: דאָס גאַנצע אייז הויבט זיך אַלץ העכער און העכער, ריכטיק ווי איינער וואָלט עס אויף די פּלייצעס גענומען. און מיט אַמאָל, טרראַך!

ווי פון הונדערטער קאַנאָנען האָט עס אָנגעהויבן צו קנאַלן, אַז דער באַרג האָט זיך מיטגעטרייסלט און ריזיקע אייז־ווענט האָבן זיך אויפגע־שטעלט הויך, געמאָסטן זיך איינע מיט די אַנדערע; אָנגעקלאַפּט זיך און אויף שטיקער צעשמעטערט געוואָרן. דאָרט זעצט אַרויס ווי פון אַ ריזיקן פאָנטאַן אַ גרויסער שטראָם וואַסער און רייסט אין אַ גאַנצן פעלד פון אייז. אָט רירן זיך שוין אין סאַמע מיטן טייך אומגעהויערע אייז־פּלאַסטן; רירן זיך און הויבן זיך; שטעלן זיך אויף מיט די שפּיצן אין דער הויך און קלאַ־פּן זיך די קעפּ איינע אָן די אַנדערע, אַז ס׳ציטערט דער באַרג. פון אלע זייטן זיינען מענטשן אָנגעלאָפן. אין שטאָט האָט מען דערהערט דעם ערשטן קנאַל און מ׳האָט זיך לויפן געלאָזט צו דער וואָלגאַ; צו דער ליבער, גוטער מאַ־מען; זען ווי זי כאַפּט זיך אויף פון איר 6 מאָנאַטלעכן שלאָף.

אָט איז שוין דער גאַנצער ראַנד באַרג באַזוימט מיט מענטשן־קעפּ. אַלע קוקן און ווייזן איינער אויף דעם אַנדערן אויף דער שיינער פּאַנאָראַמע.

און איך שטיי פארגאפט מיט אַן אויפגעמאַכטן מויל און איך ווייס נישט וואו פריער די אויגן צו וואַרפן: אַט דערזע איך ווי אַ גרויסער פלאַסט אייז ווערט אַרויסגעוואָרפן מיט אַן אומגעהויערע קראַפט אויפן ברעג און באַשפריצט אונז אַלעמען מיט קליינע, קריסטאַל־ריינע שטיקלעך אייז. און דאָרט זע איך, הויבט זיך אויף מאָמענטאַל אַ גאַנצער באַרג פון אייז; פון אַלע זייטן שיטן זיך אויף אים צעבראָכענע אייז־שטיקער, און דאָס וואַסער פון אונטן הויבט אים, הויבט אים, און אין איין מינוט ברעכט ער איין צוזאַמען און ווערט פאַרשלונגען, ווי ער וואָלט קיינמאָל נישט געווען. אַט רוקט זיך און ס׳פאַרט דער גאַנצער טייך... איך קוק און מיר דוכט אַז איך פאָר אויך מיט, מיט אים, איך און דער באַרג אויף וועלכן איך שטיי און אַלע הונדערטער מענטשן, וואָס אויף אים, דוכט מיר, באַוועגן זיך מיט, און אַט־אַט וועלן מיר אויך אַזוי צוזאַמענברעכן. דער גאַנצער ברעג איז שוין באַוואָרפן מיט בערגער אייז און זעט אויס, ווי פאַרטן ביי אַ פעסטונג. עס קראַכן די אונטער־די־שאַנצען, פאַרבאַהאַלטענע קאַנאָנען און צוטרייסלען די לופט אַרום אונז. נעבן מיר באַמערק איך אַ קאַלמיק שטיין מיט ווייט פאנאנדערגעריסענע אויגן און אַן אויפגעמאַכטן מויל, פון וועלכן עס בלישצען אַרויס בלענדענד ווייסע שורות ציין. פון צייט צו צייט רופט ער אויס ווילדע התפעלות׳דיקע אויס־רופן, וועלכע איך פאַרשטיי נאַטירלעך נישט, נאָר וועלכע אַקאָמפּאַנירן גוט די ווילדע קלעפּ פון דער רעוואָלטירענדער וואָלגאַ. דער באַרג ווערט וואָס אַ מינוט אַלץ מער באַלאַגערט פון מענטשן. נישט ווייט פון מיר באַמערק איך שטיין אַ גרופּע פאַרשיקטע, וואָס זיינען ערשט אָנגעקומען. ס׳איז קיינעם נישט צו דערקענען. עפּעס פילן זיך אַלע די לעצטע טעג בעסער. דער פרי־לינג גיסט זיך אַריין אויך אין אונזערע אָדערן און פרישט אָפּ דאָס פאַר־דומפּטע, פאַרשטאַרטע בלוט מיט פרישע, הייסע שטראָמען. די לעצטע טעג האָב איך זיך אויך זעלטן גוט געפילט און ווען נישט דער צופאַל מיט די פּאַסט, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט, וואָלט איך וועלן אַזוי שטיין אויפן באַרג און קוקן די גאַנצע 7 מאָנאַטן, וואָס איך האָב נאָך דאָ צו זיין און ס׳זאָלן זיך אַזוי דרייען די אייז־פלאַסטן, און דאָס וואַסער זאָל צווישן זיי שטורמען און רייסן זיך... — דוכט מיר, איך וואָלט געקענט די גאַנצע צייט פון עסן און שלאָפן אַנטזאָגן...

איך האָב גאַרנישט באַמערקט, ווי עס ווערט ביסלעכוויז טונקל און די נאַכט טרעט צו. וואַרשיינלעך, האָט עס קיינער פון אַלע צושויער נישט באַמערקט. דאַן קיינער האָט זיך פון אָרט נישט גערירט. ערשט דאַן ווען די פינצטערניש איז שוין געוואָרן „אָנצוטאַפּן" מיט די הענט, און מ׳האָט שוין זאָ־ווי־זאָ גאַרנישט געקענט זען, ערשט דאַן האָט מען זיך געלאָזט אַהיימגיין.

דאָס איז דער אייז־גאַנג אין פולן גאַנג און מאָרגן רעכנט מען זאָל שוין זיין פרייע וואַסער, און די פּאָסט וועט אָנהויבן צו פונקציאָנירן. איך האָב זייער פיל ערגער, פון דעם וואָס איך האָב זיך פאַרגעסן פאַראויסזאָגן דער מו־טער, אַז די פּאָסט קען זיך (אָפּ)שטעלן. זי וועט געוויס נישט וויסן וואָס איבערצוקלערן, וואָס פון מיר איז אַזוי לאַנג קיין בריוו נישטאָ. געוויינלעך פלעג איך איר שרייבן 2־3 מאָל אַ וואָך. איך האָב אפילו נעכטן איר טעלע־גראַפירט, אַז איך בין געזונט און זי זאָל זיך נישט באַאומרואיקן; נאָר זי וועט זיך אַלץ נישט באַרואיקן ביז וואַנען זי וועט דעם ערשטן בריוו פון מיר דערהאַלטן.

פאַר דער צייט וואָס איך האָב דיר מיין לעצטן בריוו געשריבן, איז ביי מיר קיינע באַזונדערע נייעס נישט פאָרגעקומען. עפּעס אַביסל געקרענקט (אַלץ מיט די פאַרפלוכטע דאַרמען) און אַביסל געליטן אויף ציין ווייטאָג (דאָס איז דאָך געוויס אַ נאַרישקייט!) און ווייטער גאָרנישט. די לעצטע וואָ־כן האָב איך זיך נישט גוט געפילט איבער די אויסערסט שלעכטע וועטערן, וועלכע האָבן געהאַלטן; נאָר גלייך מיטן „פרילינגס־דערוואַכן", האָב איך זיך בעסער אָנגעהויבן פילן. און איך קען דרייסט זאָגן, אַז שוין אַ יאָר 3, ווי איך האָב זיך אַזוי פריש און מונטער נישט געפילט. איך פיל זיך יעצט אויך פיל געזינטער. פלעג זיך בעסער, און ווען נישט די ציין־שמערצן, וואָס לאָזן אָפּט גאַנצע נעכט נישט שלאָפן, וואָלט מיר קיין זאַך נישט געפעלט. מעגלעך, אַז ס׳וועט מיר נאָך אויסקומען צו פאָרן קיין אַסטראַכאַן, צו אַ דענטיסט. עס איז זאָגאַר זייער שווער צו באַקומען דעראויף אַ דערלויבניש; דאָך רעכן איך זיך צו סטאַרען וועגן דעם. דאַן אָפּטמאָל זיינען די ווייטאָגן אַזוי שמערצפול ביז וואַנזיניק צו ווערן.

אויף וויפיל איך ווייס פון די צייטונגען, שמעקט עס ביי אייך אין די „פאַראייניקטע שטאַטן" אויך מיט פולווער. דער גענעראַל שטרייק אין פילאַ־דעלפיע; דער אייזן־באַן שטרייק אין שטאַט אילינאָיס; דאָס וועט ביי אייך געוויס אויפטרייסלען די פאַרגליווערטע לופט און אַריינגיסן אַ פרישן שטראָם לעבן אין דער אמעריקאַנער אַרבעטער באַוועגונג. גראַדע לעז איך יעצט אַ בוך וועגן דער אמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג פון דזשאָן מיטשעל, אַ באַקאַנטער שלום־פרידיקער און אָפּאָרטוניסט, — דער פאָרזיצער פון דער „סיוויק פעדערייישאָן" און פריינט פון קארנעדזשי (קאַרנעגי), זעליגמאַן עט קאָמפּאַני. דאָס גאַנצע בוך איז געווידמעט די טרייד יוניאָנס און זייער פּראַק־טיק. נאַטירלעך. לויבט ער זיי ביז אין דעם הימל אַריין. נאָר מיר דוכט, אַז די גאַנצע מאַטעריאַלן וואָס ער ברענגט, קען מען קומען צו גאָר פאַרקערטע אויספירן. קיין בעסערן פּאַטש אין פנים, ווי ער גיט אַליין, גאָר אָן שום

אבזיכט; די פּאָליטיק פון אָפּאָרטוניזם און שלום־מאַכעריי — דאַרף מען גאָרנישט. און עס וואָלט זייער שיין געווען, ווען די יעצטיקע געשעעניש אין אַמעריקע, זאָלן צו רויך מאַכן אַלע זיינע היפּאָטעזן און טעאָריעס, וואָס זיי־נען פאַר דעם אַרבעטער אין אַלגעמיין, און אין אַמעריקע איבערהויפּט, זייער און זייער שעדלעך. לײדער האָבן מיר שוין דאָ מער ווי 10 טעג קיין צייטונגען נישט, און דער רעזולטאַט פון דעם קאַמף אין פילאַדעלפיע איז נאָך פאַר אונז אומבאַוואוסט דערווייל. מיר האָבן געוואָלט פון דאַנען שיקן אַ באַגריסונגס־דעפּעשע צום פילאַדעלפיער פּראָליטאַריאַט אויף דעם נאָמען פון געגאָסע הילקוויט, נאָר די צענזור אויף די פּאָסט האָט די דעפּעשע נישט אָנגענומען, אויך האָט מען נישט געוואָלט אָננעמען די דעפּעשע, וואָס מיר האָבן געוואָלט אַרויסשיקן בעבעלן צו זיין 70־יאָריקן יובילייאום.

אַ, חוה, דו ווייסט גאָרנישט ווי איך דערוואַרטע אומגעדולדיק אייערע פאָטאָגראַפישע קאַרטן. ווען איך וואָלט נאָר אַ שטיקל מעגלעכקייט געהאַט, וואָלט איך דיר געוויס מיין קאַרטע אויך געשיקט. איך רעכן, אַז דו וואָלסט מיך געוויס נישט דערקענט און דאָך איז דאָך מער נישט ווי 10 יאָר זייט מיר האָבן זיך געזען. אַזוי ווייניק צייט און אַזויפיל האָט זיך אַלעס איבער־געענדערט. פאַר דיין בריוו מיין הערצליכסטן דאַנק און זע טאַקע אויך אויף ווייטער מיר באַלד אָן ענטפער צו שרייבן, אויף וויפיל דיין באַגרעניצטע צייט דערלויבט דיר. דאָס איז דאָס גרעסטע וואָס דו קענסט פאַר מיר טאָן. מיט הערצלעכן גרוס און וואַרעמע קושן, פאַרבלייב איך,

דיין ישראל בער

ציניע׳ן און נחמיה׳ן הערצליכע גרוסן און קושן. י. ב.

טשאַרני־יאַר, 4טן מאַי, 1910.

ליבער, טייערער נחמיה!

דיין בריוו האָב איך נאָך פאַריקע וואָך דערהאַלטן. צוליב דעם רוסישן פסח האָב איך אָפּגעהאַלטן מיין בריוו ביז היינט. דען די פּאָסט איז דאָ 4 טעג געווען געשלאָסן. יעצט אַז די קלינגעריי פון די קירכן־גלאָקן האָט שוין אויפגעהערט און אויף די געסלעך זעט מען שוין זעלטענער ווען אַדורכגיין אַ שיכור׳ן קאָזאַק — קען איך זיך שוין נעמען צו דער פעדער (פען), וועלכע איך האָב שוין עטלעכע טעג אין האַנט נישט געהאַט. וואו זיינען דאָס די סקעפּטיקער, די אפּיקורסים, וואָס גלויבן נישט סיידן זיי זעען מיט זייערע אויגן; וואו זיינען עס די „פּאַריסייער״, די קריסטוס־לעסטערער, וואָס לאַכן און שפּאָטן פון די דריי־איינקייט! פאַרוואָס זיינען זיי אַהער נישט געקר־

מען? זיי וואָלטן דאָך מיט די אייגענע אויגן געזען, ווי יעזוס־קריסטוס איז מיט אַן אמת לעבעדיק געוואָרן. זיי וואָלטן זיך איבערצייגט און אויף דער עלטער אפשר פרום געוואָרן. — האָ, דו קוקסט מיך געוויס, נחמיה, ווי אַ משוגענעם, וואָס איז דאָס מיט אים? פרעגסט: געוויס. וואונדער זיך נישט: ערשט מיט פיר טעג צוריק איז עס געווען: אַ העלער, זוניקער פרילינגס־טאָג איז געשטאַנען. מאַי האָט זיך אין דער בלוי־ריינער לופט געטראָגן און האָט אַלעס באַצויבערט און באַהייליקט. צעפלאַסן גאָלד האָט די האַלב־איינגעבויגענע דעכלעך פון די הייזלעך באַצירט און פאַרשיכור׳טע ריחות האָבן די לופט מיט שטאַרקע פאַרפיומען באַשפריצט. אַכט דער זייגער. איך האָב זיך מיט עטלעכע קאָלעגן באַשטימט אין קלויסטער צו זיין און די ערשטע פסחא־צערעמאָניע בייוואוינען. זיי זיינען טאַקע צו דער צייט גע־קומען און מיר גייען צוזאַמען.

דער קלויסטער איז נישט ווייט. אָט זעען מיר שוין די בליצנדע צלמים אויף די קופּער־בלעכענע קופּאָלן. פון אַלע זייטן געסלעך איילן פרו־מע קריסטן מיט אויסגעפּוצטע אין ווייסן; — פרויען און קינדער. אַפּט ווייזן אויך זיך געטויפטע קאַלמיקן, יום־טוב׳דיק אָנגעטאָן אין הויכע פּאַפּאַכעס. נישט זעלטן אויך קירגיזן אין ווייס־בלאַע טשאַלמעס, פאַרוויקלט די קעפּ, מיט מאַסיווע קרייצן אויפן ברוסט. פאַרבייגייענדע קאַלמיקן און טאַטאַרן קוקן אויף זיי פאַרדעכטלעך מיט בייזע פייערלעך אין די קליין־בליצנדיקע אויגן... —פאַרעטער, ווייסן זאָגאר האַלב־ווילדע אויך, ווי צו פאַראַכטן... און דאָ זיינען מיר שוין ביים קלויסטער: עס שעמערירן אין די אויגן די פיל־פאַרביקע קליידער מיט די גאָלדענע געבעט־ביכער אין די הענט. דער עולם שטייט צוזאַמענגעדריקט און קען זיך נישט רירן. מיט גרויס מי רוקן מיר זיך אַלץ נעענטער צו דער טעראַסע. ווי אויסגעהאַקטע מאַרמאָרנע פיגורן שטייען פאַרשידענע קאַליקעס מיט פאַרגליווערטע אויגן און אויסגע־שטרעקטע הענט און די ליפּן מורמלען שטיל תפילות און בקשות. מיך נעמט אַן אַן עקל און איך רוק זיך ווייטער צווישן דער מענגע. דורך די ברייט פאַנאַנדערגעעפנטע טירן זע איך שוין דעם פאַרזאַמלטן עולם אין רעלי־גיעזן עקזטאַז אויף די קני. שאַלענדע אָרגל־טענער רייסן זיך דורך און מאַכן זיך וועג איבער אַלעמענס קעפּ, צוזאַמען מיט אַ שטיקנדיקן ווייַרוך־גערוך, וועלכער טראָגט זיך פון ערגעץ אַן אַלטאַר. אויף דער בימה באַוויזן זיך עטלעכע גלחים אין ווייסע מאַנטיעס באַשטיקט מיט גאָלד און זייד־בענדער. איך רוק זיך צו נעענטער אום צו הערן די פייער רעדע. דער כאָר זינגט די תפילה „קריסטוס איז אויפגעלעבט געוואָרן פון צווישן די טויטע" — און דער עולם: מענער, פרויען און קינדער בוקן זיך און צלמ׳ען זיך מיט

פאַרגלאָזטע, פרומע אויגן. מיט אַמאָל ווערט שטילער; דער עלטסטער פאַ־
טער מיט אַ לאַנגע, שניי־ווייסע באָרד, הויבט אָן מיט אַ פולער ברוסטן־שטי־
מע צו פריידיקן וועגן די גרויסע און שווערע זינד פון דער וועלט, פון די
מענטשען; וועגן דעם בייזן, שלויען שטן, וואָס לאָקערט אויף ריינע נשמות,
אום אַראָפּצופירן זיי פון ריכטיקן וועג. נישט אָן געהעריקן טאַלאַנט האָט
ער געבייטשט די „ווילדע רעוואָלוציאָנערן", מיט זייערע טייוולשע פלענער
וואָס ווילן שטירצן די זיילן אויף וועלכע די וועלט שטייט און איינפירן אַ
זשידאָווסקע שטנ׳ישע מלוכה. ער האָט גערופן די רייכע אין קאַמף מיט די
„יודאָ׳ס", וואָס פאַרקויפן פאַר 30 דאָלאַר גאָט אַליין, צום טייוול, און האָט
אויסגעלאָזן פאַטעטיש: פריי זיך ריינע בתולה, הייליקע מאַמע — גאָטס און
דייַן זון האָט ווידער אויפגעלעבט און איז ווידער צווישן אונז, נישט אַזוי
דען פרומע פראַוואָסלאַוונע קינדער? אמן! אמן! האָט די גאַנצע מענגע מיט
באַגייסטערונג אויסגעשריען. און זע אַ וואונדער — איבער דעם הויכן קריס־
טוס־בילד האָט זיך, ווי אַ פייער־ראָד באַוויזן מיט געקראַנצטע שטראַלן
איינגערוימט. און די קריסטוס־אויגן האָבן עפּעס העלער אויפגעבליצט און
האָבן אַלעמענס הערצער באַרוישט און די קעפּ באַטויבט. און כדי דעם איינ־
דרוק נאָך בעסער צו פאַרשטאַרקן האָט ווידער דער כאָר מיט אָרגל־אַקאָמ־
פּאַנימענט זינגען גענומען, און מיט די וויגנדע טענער, די צערייצטע פאַנ־
טאַזיעס געגלעט און אין אייביקן הימל־שלאָף פאַרוויגט... דערנאָך באַלד אַ
הילכיקער גלאָקן געפּילדער און די קאַפּעלאַ פון גלאָקן־טורעם. דער עולם
בוקט זיך אין דרייען אַרויסגייענדיק און פאַלן איינע די אַנדערע אויף די
העלדזער מיט ווילדע קושן. „קריסטאָס האָט אויפגעלעבט!" „טאַקע מיט
אן אמת לעבעדיק געוואָרן!" ענטפערט דער צווייטער, דער דריטער, דער
פערטער און אַלע שטראַלן פון פרייד און יובלען אויפן גרויסן נס, וואָס זיי
האָבן מיט זייערע אייגענע אויגן אַליין געזען... נישט קענענדיק אויפזוכן
מיינע קאָלעגן אין דעם געדרענג, בין איך אַליין אַ „היים" געגאַנגען און
עפּעס געווען מאָדנע אויפגערעגט. דוכט זיך, נישט פון דעם מאָל אָן, בין איך
געוואָר געוואָרן, אַז די גייסטלעכע נאַרן דעמאַגאָגיש דאָס פאָלק מיט פאַרשי־
דענע מיטלען. דאָס איז דאָך ביי מיר קיין נייעס נישט געוועזן און דאָך האָב
איך זיך עטלעכע שעה געפּונען אונטער דעם איינדרוק פון דעם בעטרוג און
שווינדל וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין מיטן העלן טאָג. און ווי פריי, אָפן
האָט מען דאָס נאָך אַרויסגענומען דעם עלעקטרישן רעפלעקטאָר פון קלויס־
טער און צוריק אַוועקגעפירט, אין די קאָזאַקן־קאַזאַרמע! און ווי ציניש־
גראָב דאָס איז! מיט דעם זעלבן רעפלעקטאָר, וואָס דינט צו באַלויכטן דעם
פּינטס לאַגער מען זאָל קענען אויף אים ריכטיקער אָנשטעלן דאָס פייער־

געווער האָט מען באַלויכטן און באַשטראַלט קריסטוסעס קאָפּ! מיט די זעל־בע ציוויליזאַציע, וואָס באַלייכטעט אַלע פינצטערע מוחות, האָט מען זיך גע־פּרואווט נאָך מער פינצטערניש שפּרייטן...

און איך האָב זיך דערמאָנט, אַז היינט איז אין אַלע איבעריקע לענדער דער 1־טער מאַי, דער יום־טוב פון אַרבעט און פרייהייט, פונם קאַמף און לעבן, און וואָס פאַר אַ ווערדע האָט עס דער היגער יום־טוב פון די האַלב־ווילדע קאָזאַקן און קאַלמיקן אין פאַרגלייך מיט דעם גאַנצן אינטערנאַציאָ־נאַלן פייער פון באַוואוסט־זיניקן פּראָלעטאַריאַט און זיינע פריינט! וואָס פאַר אַ ווערדע האָט דאָס ביסל פאַרזייטע פינצטערניש אין פאַרגלייך מיט די גרויסע סנאָפּעס ליכט, וואָס ווערן היינט פאַרשפּרייט, וואו די וועלט האָט נאָר אַן עק! ווי קען זיך אָוועקשטעלן דער קירכן־גלאָק געגן דעם מעכטיקן האַמער פון לעבן?... עס זיינען אַדורך עטלעכע שעה און אין די געסלעך האָבן זיך באַוויזן גרופּעס שיכורים צו פיר, צו פינף, אַרומגענומען אַרום די העלדזער, און וואַרפנדיק זיך פון איין זייט צו דער צווייטער. אין עטלעכע ערטער האָבן זיך שוין געהערט דרייגאַרנדיקע „עכט־רוסישע" שימף־ווערטער און אַ בראַזג פון אויסגעהאַקטע שויבן. די הילך־געשרייען און שיכורים־קולות האָבן זיך שוין צוזאַמען אויסגעמישט מיט דעם קלאַנג פון קירכן־גלאָק...

— נו, יעצט זאָג אַליין — איז קריסטוס נישט אויפגעשטאַנען תחית־המתים? — פון לאָדזש, שרייבט מען מיר, אַז דאָרטן זיינען אויפגעשטאַנען תחית המתים די רעפּרעסיעס, וואָס האָבן מיט עטלעכע מאָנאַטן צוריק אַביסל אויפגעהערט: צום לעצטן מאָנאַט זיינען פאַרמאַכט געוואָרן אַלע אַרבעטער־און דעמאָקראַטישע פאַראיינען. ס'זיינען פאָרגעקומען גרויסע אַרעסטן צווישן דער אידישער און פּוילישער אינטעליגענץ און צווישן די אינטעליגענטע אידישע אַרבעטער. אין די צייטונגען וואָס זיינען מיט דער היינטיקער פּאָסט אָנגעקומען, זיינען פאַראַן דעפּעשן פון לאָדזש, אַז ס'איז אַרעסטירט געוואָרן די גאַנצע אָרגאַניזאַציע פון „בונד". אַזעלכע דעפּעשן זיינען אויך דאָ פון וואַרשע און ווילנע. ווי עס ווייזט אויס, הויבן אָן אויפצולעבן די יאָרן 1902־1903 אין וועלכע אַזעלכע פּלוצלעכע אָנפאַלן אויף איין אָרגאַניזאַציע אין אַ גאַנצע רייע שטעט איז געווען אַ געוויינלעכע דערשיינונג. קיין גענויע נאָכ־ריכטן וועגן דעם האָב איך נאָך נישט פון לאָדזש נאָר ווי עס ווייזט אויס, זיינען ביי די לעצטע אַרעסטן אריינגעפאַלן וויכטיקע טוערס און דאָס איז געוויס אַ גרויסער קלאַפּ. אַ געוויסע אומרואיקייט פאַרשאַפט מיר דאָס, וואָס איך האָב די לעצטע 2 וואָכן קיין בריוו פון דער היים ניט געהאַט. ווער ווייסט וואָס עס איז אין דער היים פאָרגעקומען? אפשר איז אויך פייגל

אַרעסטירט געוואָרן ?... ביי אונז אין רוסלאַנד איז אַלץ מעגלעך. — דאָס וואָס איך האָב באַ דיר אין (ערשט) פאַריקן בריוו אָנגעפרעגט, וויפיל דאַרף אָפּקאָסטן אַ מאָנאַט צום לעבן פאַר צוויי פּערזאָן אין טשיקאַגאָ, האָב איך נישט געמיינט, אַז איך זאָל גלייך קומען מיט דער מוטער צופאָרן. דו ביזט פולשטענדיק גערעכט, וואָס דו ווייזט אויף, אַז דאָס איז נישט באַקוועם און צוועקמעסיק. גאַנץ געוויס. אויסער דעם, וואָס עס איז נישט באַקוועם, איז עס נאָך אויך צו לעסטיג.

— דיינע באַמיאונגען צו דרוקן מיין געדיכט „פאַרשוואונדן ווערט די זינד" אין איינעם פון די אמעריקאַניש־אידישע זשורנאַלן, פאַרשטיי איך ווי אָפּצושאַצן. ליידער איז דער געדיכט מער אַ שטימונגס־געדיכט, ווי אַ צייט־געדיכט, און מעגלעך, אַז טאַקע דערפאַר האָט מען אים נישט אָנגענומען ווייל עס איז נישט צוגענגלעך פאַרן אידיש־אמעריקאַנער לייענער, וועלכער האָט פיינט פילאָזאָפישע גריבלערייען. אויב עס וועלן זיך ביי מיר שאַפן עטלעכע פרימיטיווע לידער, וועל איך דיר צושיקן. וואָס דו פרעגסט צו איך קען דעם ה' ש. זאַקס פּערזענלעך, קען איך דיר שרייבן, אַז איך קען אים לויט דער פאָטאָגראַפיע. מיר האָבן געוויס אַלגעמיינע באַקאַנטע אין וואַרשע און אין ווילנע, נאָר מיר פּערזענלעך קען ער נישט. ער האָט איבערזעצט פון רוסיש באָגדאַנאָווס פּאָליטישע עקאָנאָמיע אויף אידיש, געשריבן עקאָנאָמישע עטיודן אין „דאָס אידישע וואָרט" און „פאָלקס־צייטונג"; אָנגעשריבן אַ פּאָפּולערע בראָשורע — „דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם" און איז געווען פּאָפּולער צווישן די אַנטוויקלטע אידישע אַרבעטער. אַז ער איז געוואָרן אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן אין סיביר, האָב איך נישט געוואוסט. וואַרשיינלעך איז דאָס פאַרגעקומען ווען איך בין שוין געזעסן. פאַר דעם צוגעשיקטן אַדרעס, מיין הערצלעכן דאַנק. וואָס אנבאַלאַנגט ה' ש. זאַקס פאַרשלאַג, איך זאָל אים צושיקן בעסער פאַר זיין זשורנאַל „די אידישע אַרבעטער וועלט" סקיצן — באַשטייט די זאַך אין דעם: איך בין אין בעלעטריסטיק אַן אָנהענגער פון דער אימפּרעסיאָניסטישער שולע, די שולע באַשעפטיקט זיך מיט סקיצן זעלטן, ווייל אין אַ סקיצע ווערט קאָנצענטרירט די אויפמערקזאַמקייט פון שרייבער אויף דעם פּערזאָן אַליין און איבערהויפּט טראָגט די סקיצע אַ עפּיזאָדאַלן כאַראַקטער; ווערענד די אימפּרעסיאָניסטן קאָנצענטרירן די אויפמערקזאַמקייט אויף די אומגעבונג, אויף דער לאַנדשאַפט — דעריבער באַנוצט מען דעם עפּיזאָד זעלטענער. איך שרייב אַמאָל נאָוועלן, עטיודן און קליינע דערציילונגען. מעגלעך אַז איך וועל די וואָך עפּעס אָנשרייבן, ווען איך וועל נאָר נישט האָבן צופיל צו טאָן מיט זיך, וועל איך געוויס צושיקן. איבערהויפּט, שרייבט זיך נישט ווען מ׳וויל. אָפטמאָל

קען איך שרייבן אַ שעה־צוויי און דערנאָך גלייך צערייסן. עס טרעפט אויך, אַז איך קען זיך אײנגאַנצן נישט נעמען צו דער פעדער; זי פאָלגט נישט און גיי טו איר עפּעס! און אָפּטמאָל שרייבט זיך און ס׳שרייבט זיך און ס׳וויל זיך גאָרנישט אויסנעמען. דערפאַר קומט טאַקע דער לעצטע צופאַל אויס זעלטענער. ס׳איז דאָ אַנדערע, וועלכע קענען אויסקוועטשן אַ זאַך: זיי זיצן און שוויצן...

טשאַרני־יאַר — יוני, 1910.

ליבער, טייערער נחמיה.

היינט האָב איך דערהאַלטן אייער פאָטאָגראַפישע קאַרטע, פאַר וועלכע איך אייל זיך אייך אַלעמען אויסדריקן מיין טיפע דאַנקבאַרקייט. דיר, נחמיה וואָלט איך אויף קיין פאַל נישט דערקענט. דו זעסט אויס פיל מאָגערער און אינגער, ווי איך האָב דיר געזען מיט 10 יאָר צוריק. פיללייכט איז עס מער נישט ווי אויף דער קאַרטע. איך האָב פּראָבט ביי דיר נישט געקענט געפינען קיין איין באַקאַנטן שטריך.

ציגע׳ן האָב איך גלייך דערקענט. מעגלעך, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס זי איז מיר מער איינגעפרעגט אין זכרון. וועגן חוה׳ן, איז נישט צו רעדן — איר וואָלט איך דערקענט מיט פאַרמאַכטע אויגן אפילו. עס האָט מיר זייער געפרייט, וואָס אַלע האָט איר אַ פריילעכן, מונטערן קוק און געזונטן אויסזען.

דאָ שטייען יעצט שרעקלעכע אומגעווײנלעכע היצן. איך בין גאָר נישט אומשטאַנד צו טאָן עפּעס. דעם הער זאַקס האָב איך נאָך אַלץ גאָרנישט געשיקט, טאַקע דערפאַר וואָס עס איז אומעגלעך נישט נאָר צו שרייבן, זאָגאר צו דענקען. ווען דער קערפּער איז פאַרמאַטערט, איז אויך די שאַפונגס־פאַנטאַזיע פליגל־לאָז.

איך דריק אייך אַלע פעסט די הענט און איך קוש אייך הייס.

אייער, ישראל ב.

בילדער פון י. ב. ביילין און מיטגלידער פון זיין משפחה ....
גרופע בילד אויף וועלכער י. ב. ביילין געפינט זיך מיט אַ סך פון
זיינע פּאָליטישע חברים — גענומען אין טורמע אין שעראדז

ישראל בער צו 17 יאָר אין לאָדז

ישראל בער צו 23 יאָר אין לאָדז

חוה עפשטיין, שפּעטער חוה ביילין, די פרוי פון
ישראל בער ביילין צו 18 יאָר — אין לאָדז

ישראל בער צו 28 יאָר (לאָדז) איידער ער איז
אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע

חנה איידלע, די עלטערע שוועסטער פון ישראל בער,
מיט איר מאַן פייוול מיראַנסקי אין פּאַלעסטינע
איצט ישראל) וואו זיי האָבן זיך באַזעצט אין **1895**.

ישראל בער, זיין פרוי חוה (עוואַ) און זיין שוואָגער,
וואָלף קאָהען, מאַן פון זיין אינגערע שוועסטער,
שרה פייגל אין **1914** — שיקאַגאָ

ישראל בער׳ס קוזינע, חוה, טאָכטער פון זיין פעטער מענדל, וואו ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד. נאָך איר חתונה — חוה קאַפלאַן.

כאַשעביילין, די מוטער פון ישראל בער, אין ניו יאָרק, מיט אירע אייניקלעך, שיינע און משה ביילין, די קינדער פון ישראל בער און חוה.

צינע עפשטיין, די עלטערע שוועסטער פון חוה (טעכטער פון זיין באַליבטע מומע, שיינע ביילין עפשטיין). שפּעטער צינע (ענאַ) מילער



בריינע ביילין, די ווייב פון ישראל בער׳ס עלטערן ברודער, יאַנקל ברוך.

די מומע דינקע, באַליבטע שוועסטער פון ישראל
בער׳ס פֿאָטער, מיט איר מאַן, פייוול בעריש.
(גענומען אין ניו יאָרק)



2/X 910.

ВСЕМІРНЫЙ ПОЧТОВЫЙ СОЮЗЪ. РОССІЯ.
UNION POSTALE UNIVERSELLE RUSSIE.
ОТКРЫТОЕ ПИСЬМО. — CARTE POSTALE.

1910.

ליד, געשריבן פון י. ב. ביילין געווידמעט אסתר
לערמאַן, איינע פון דער לערמאַן משפחה מיט וועמען
ביילין איז געווען פאַרשיקט אין טשאַרני־יאַר.
אָריגינעלע שריפט — דאַטירט פעב. 7, 1910.

גרופּע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן אין שעראַדזשער טורמע

ערשטע ריי — (פון לינקס), ערשטער — מאיר בערמאַן, צווייטער — דימאַנט; דריטער — יוסף נעכאָוויטש (דער הויכער יאָס); פערטער — דער קליינער בערישל; (פון רעכטס), ערשטער — סטאַלינסקי

צווייטע ריי — (פון לינקס) ערשטער — משה אָפּאָטאָווסקי; (פון רעכטס) דריטער — ישראל בער ביילין

דריטע ריי (פון לינקס), פינפטער — משה לעמאַניעץ (אָרגאַניזאַטאָר פון דרוקער אַרבעטער); זעקסטער — לעמל דעמבינסקי

פערטע ריי (פון לינקס) פינפטער — אברהם קאַכאַנסקי; זעקסטער — ישראל פעפער; (פון רעכטס) דריטער — מאיר וואַרשאַווסקי

לעצטע ריי — (פון לינקס) צווייטער — עליע; פערטער — וויזענבערג

Tcherny-Yare 5 Septembre 1919

[illegible] און פֿיל געאַכטעטער קענער און פֿרײַנד

ליבער [illegible]!

צום ערשטן פֿון 11-טן אױגוסט האָב איך באַקומען [illegible].
און פֿריער [illegible] [illegible]: [illegible] האָב איך [illegible] אַ
בריװ פֿון [illegible], און פֿון [illegible] [illegible] [illegible] פֿון [illegible]-
[illegible]. איך [illegible] זיך [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible]. [illegible] [illegible] [illegible] די און [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible].
[illegible], [illegible] און [illegible]. [illegible] זיך [illegible] די [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible], און [illegible] [illegible] די [illegible]-
[illegible] [illegible] פֿון דעם [illegible] [illegible] [illegible], און די [illegible]-
[illegible] פֿון די [illegible] [illegible]. [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] פֿון די "[illegible]" [illegible] [illegible] [illegible] — [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible], [illegible] [illegible] זיך [illegible] [illegible] [illegible], [illegible] [illegible],
און [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]. און [illegible] אין [illegible] און אין
דער [illegible] [illegible] זיך [illegible] און [illegible] —
[illegible] און [illegible]. [illegible] [illegible] [illegible], [illegible] [illegible] [illegible] איך אין [illegible]
[illegible]. און [illegible] איך [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible]. איך [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

לידער

פון מיין טורמע אַלבום

די ערשטע שוואַלבן

.1

עס זיינען די ערשטע שוואַלבן געקומען
נאָך אײדער דאָס טײכל האָט זיך גערירט,
נאָך אײדער די לאָנקע האָט זיך באַצירט,
מיט פרישע און זאַפטיקע בלומען.

.2

נאָך איז דער שניי געלעגן ווי פוך,
אויף הייזער, אויף גאַסן, אויף פעלד;
נאָך איז געלעגן פאַר'חלומ'ט די וועלט
אין אַ ווײסע, אַ שווייגענדע טוך...

.3

ס'זיינען די ערשטע שוואַלבן געקומען
נאָך אײדער די זון האָט ליבלעך געלאַכט
און האָט פון ווייטנס אַ גרוס אונז געבראַכט
פון פרילינג, פון זונען־ליכט, פון בלומען...

.4

און פראָסט איז געקומען ווען נאַכט איז געוואָרן
און מיט אײז־רייפן האָט ער אומגעבראַכט די וועלט
און טײוליש געלאַכט האָט דער מלאך פון קעלט:
די ערשטע שוואַלבן, זיי זיינען פאַרפראָרן!

(1906)

פון מיין טורמע אַלבום

דו האָסט וואָרט געהאַלטן
און ביזט גלייך געקומען
און געבראַנגט מיר, האָסטו
פרישע ווייסע בלומען.

מאָרגן־טוי אין האַנט —
אין די אויגן טרערן:
ריינע אומשולד, צניעות, —
צו ווּעסטו מיר געהערן ?...

נו איז עס נישט דער בוים
מיט בעז באַצירט, באַהאַנגען,
וואָס האָט מיך דאַן געלאַקט
געמאַניעט, צוגעוואונקען —

און כ'האָב רייסן גיט געקענט:
איך בין געוועזן געפאַנגען,
פון דערוויטנס האָב איך נאָר
זיך צויבער־זאַפט געטרונקען...

פון מיין טורמע אַלבום

(סעריע טורמע ראָמאַנסן)

. . . און אָפטמאָל דו קומסט מיר אין חלום זיך ווייזן:
נישטאָ מער קיין גראַטעס, קיין שטאָל און קיין אייזן;
פאַרשוואונדן דער וועכטער, דער חושך צערונען —
אין האַרץ האָט די צווייטע דאָך ענדלעך געפונען . . .
אין אויג האָט דעם צוויטן באַפינקלט אָן שטערן:
דאַרף דען נאָך האָבן די זון אַ לאַנטערן:. . .

עס קלאַפּן צוויי הערצער אין ריטמישן טאַקט,
ווי זיי וואָלטן באַשטעטיגט אַ וויכטיגן פּאַקט . . .
די ליפּן באַוועגן זיך קוים פון די ערטער:
עס רעדן פיר אויגן אַ שפּראַך אָנע ווערטער . . .
ווער דאַרף זיי די ווערטער? — עס ענטפערט דער בליק:
דאַרפן נאָך טרינקען דען שיכור'ע פון גליק?

עס שפּינען זיך פעדים פון ליבע און לוסט.
עס וועבט זיך, עס שטרעבט זיך, עס ציט זיך פון ברוסט;
אָט שטראַלט עס, אָט פראַלט עס פאַנאַנדער די נאַכט:
אָט שטויסט עס, אָט ברויזט עס, אָן שטורעם און מאַכט;
ווער דאַרף דען דעם שטורעם — ווען ס'שפּאַנט יעדעס גליד
און ס'זינגט יעדער חוש אויף אַ שטראַלנדעס ליד?

און וואָך איך אויף שפּעטער אין שטאָל און אין גראַטן
באַלויכט פון די וועכטער, באַוואַכט פון סאָלדאַטן —
דיין פּנים עס שטראַלט נאָך און קוקט אַלץ אויף מיר,
און אומזיסט שרעקט דער שומר, דער בייזער ביים טיר:
ווער דאַרף דען סווידאַניעס ביים חזיר נאָך בעטלען? —
דער וועכטער אין ח ל ו ם לאָזט צו אָן קיין צעטלען!

(1909)

פון מיין טורמע אַלבום

(טורמע ראָמאַנס)

אַ. ווי גיך די סווידאַניע איז אַריבער! —
דוכט זיך ערשט אַרויס פונ׳ם צעל,
און געהערט נאָר: „וואָס מאַכסטו, מייַן ליבער?
וואָס מאַכסטו, דו פרייד פון מייַן זעעל?"

וואָס קען איך דאָ מאַכן, מייַן טרייע,
וואָס קען איך דאָ מער טאָן אין תּפיסה?
ווי וועבן חלומות זיך, פרייע,
ווי מיר זיצן צוזאַמען, מייַן זיסע?

מיר זיצן צוזאַמען אין שאָטן
פון בוימער, באַלאַדן מיט צווייגן...
די לבנה, זי וועט ניט פאַרראַטן,
די שטערן, זיי קוקן און שווייגן...

און זייַנען אין נעץ מיר געפאַנגען —
דאָס פלאָנטערן זיך אונזערע האָר!
און פילן מיר אייַזערנע שטאַנגען —
דאָס פלעכטן די אָרעמס זיך גאָר!

עס קלאַפּט ניט דער וועכטער טרעוואָגע —
עס טוען צוויי הערצער נאָר שפּרינגען!
און קייטן, דאָס זייַנען קיין קייטן —
דאָס זייַנען נאָר קושן, וואָס קלינגען!

אַ, ווי גיך איז אַוועק די סווידאַניע!
מיר זיצן שוין מער ניט צוזאַמען...
און אַנשטאָט דיר, מייַן טייַערע פאַניע
האַלדז איך די אייַזערנע צאַמען...

פון מיין טורמע אַלבום

גליקלעך קינד, איך בין דיר מקנא,
אַ זויג די ברוסט, — דו ביזט שוין זאַט;
אַ שטיף, אַ לאַך, אַ קוש פון דער מאַמען —
דו שלאָפּט באַלד איין — דו ביזט שוין מאַט.

אַ וועלט האָסטו — אַ גאַנצע וויג,
און דאָך געראָים איז דיר, באַקוועם;
דו ווייסט קיינמאָל פון קריג און זיג —
און קיינמאָל ציטערט נישט דיין ברעם.

און איך, דיין פאָטער, הונגער אָפּט...
כאָטש ברויט איז דאָ גענוג, צו פיל...
עס נעמט מיר זעלטן ווען אַ שלאָף,
כאָטש אין מוח דרייט אַ מיל.

אַ גאַנצע וועלט, אַ וויג האָב איך —
אַ שרעקלעך גרויסע, ברייט און לענג,
דאָך אין טורמע פיל איך זיך;
ס'איז מיר ענג, נאָר ס'איז מיר ענג!

פעברואר, 1910

פרילינגס ווערק

אַ פריי זיך נאַקעט שטאָט און ישוב,
און קוועלט אָן איר וואַלד און פעלד:
דער פרילינג מיט זיין כישוף,
באַמאָלט די גאַנצע וועלט...

דער שטורעם ווערט אַנטשוויגן,
און עס פאַרשווינדט די קעלט:
דער פרילינג מיט זיין נגון
באַזינגט די גאַנצע וועלט...

די הימלען פון פרייד שאַלן,
קיין וואָלקן מער פאַרשטעלט:
דער פרילינג מיט זיינע שטראַלן
באַשפריצט די גאַנצע וועלט.

אַ פריי זיך וויסטע נשמה
און קוועל אָן דו אָרים הארץ:
דער פרילינג, מיט זיין נחמה
לינדערט יעדן שמערץ.

די ברוסט ווערט אַ געראַמע
עס דריקט און עס פיינט ניט מער...
דער פרילינג, ווי אַ מאַמע,
ווישט אויס פון אויג די טרער...

עס הויבט זיך אַ באנער אַ רויטער,
עס פלאַקערט אַ ברענענדע קריג:
דער פרילינג מיט זיין טרומייטער
רופט צום קאַמף, צום זיג!

(1915)

(מוזיק געשריבן פון פאול העלד)
(געדרוקט אין „געזאַנג און קאַמף" נומער 7, 1939,
אַר. פון אידישן מוזיק פאַרבאַנד, נ. י.)

י. ל. פּרץ

בלייב שטיל דו האַרץ, האַלט איין דיין טיק . . .
און זאָל דער דופק זיך נישט רירן!
אַ דונער האָט פון וואָלקן־דיק
אַ קראַך געטאָן אין אונזערע טירן!

אַ קראַך געטאָן און אויסגעלאָשן
אונזער העלסטע, שענסטע ליכט . . .
און פאַרשטומט דאָס הייליק לשון
פון דעם געטלעכן געדיכט . . .

נישט בלאָז טראָמפּייט, נישט ריר די סטרונעס!
און הויב נישט אויף קיין ווילד געשריי —
דען די טרויעריגסטע קנות
וועלן נישט אויסדריקן דעם וויי.

פון דער טיף־פאַרטרויערטער לירע,
וואָס פאַרלאָרן האָט איר האַר . . .
וואו איז דען די טרויער־שירה,
וואָס זאָל אויסדריקן איר צער ?...

(„דער פריינד", 1915)

מיט גאָלדענע אותיות...

האָסט מיט גאָלדענע אותיות דיין פאָן אויסגענייט
און שיין איר און ריין איר געטראָגן,
אין שטורעמס, אין ביטערע געפלאָטערט, געוויט —
אַזוי שטאָלץ אונטער איר זיך געשלאָגן!

האָסט מיט גאָלדענע אותיות דיין בלעטל געשריבן
אין אייביקן בוך פון דער צייט...
יעדן אות ווי אַ דימענט, אַ פּערל געקליבן,
וואָס פינקלט און גלאַנצט פון דער וויט...

האָסט מיט גאָלדענע אותיות דיין דענקמאָל געקריצט
און הויך אים און שטאַרק אים געבויט...
יעדער אות ווי אַ ווינקענדער שטערן עס בליצט —
און טובל׳ט זיך אָפּטמאָל אין רויט...

האָסט מיט גאָלדענע אותיות געלערנט די קנעכט
צו לעזן דעם בוך פון דעם לעבן...
און וואָפן צו קעמפן פאַר פרייהייט און רעכט
האָסטו זיי געשאַרפט און געגעבן.

האָסט מיט גאָלדענע אותיות דיין פאָן אויסגענייט
און שיין איר און ריין איר געטראָגן,
אין שטורעמס, אין ביטערע געפלאָטערט, געוויט —
אַזוי שטאָלץ אונטער איר זיך געשלאָגן!

(דאָס ליד, מיט מוזיק פון יעקב שיפער, איז געזונגען געוואָרן פון סאָציאַ־ליסטישן געזאַנגס פאַריין, ביי דער יובילײ פייערונג פון „בונד" אין שיקאַגאָ 1915).

די נייע וועלט

פון אונטער די נעבלען געדיכטע
און שווערע, ווי מענטשהייטס־עבירות
און רויט ווי דאָס אייביגע פייער,
וואָס שרפ'ט די לייבער פון זינד —
שמערצלעכע ווייען זיך טראָגן
און פיינלעך ווי ביטערע גזירות:
עס קניט אין קאנוואולסיען די צייט —
דאָס געווינט זי, דאָס גייט זי צו קינד...

און ס'ווערן די נעבלען אַלץ שווערער
און בונטער די פאַרבן זיך מאָלן
ווי ס'וואָלטן די העלערע קאָלירן
מיט בלוט־רויט געוואָרן פאַרמישט;
און פון דער געווינערינס פנים
שוין טייכן אַנגסטן זיך ראָלן,
וואָס קענען נישט ווערן פאַרהאַלטן
און קענען נישט ווערן פאַרווישט.

און וואָס אַמאָל שטאַרקער און העכער,
און לאַנג ווי דער אידישער גלות —
דער וויי־קול פאַרציטערט די הימלען
און טרייסלט אויף שטיקער די ערד;
ווי פאַנאַנדער־ראָלן עס וואָלט זיך
אַ רעש פון דונער־בהלות,
און שיסענדע, פליקענדע בליצן
מיט גרימצאָרן וועלטן געקערט!

דאָס איז נישט קיין ערשטלינג, שוין פיל מאָל
די צייט, האָט זי דאָך געשווענגערט;
געטראָגן, געבוירן, דערצויגן,
געליטן, געשטריטן מיט מוט.
דאָך קיינמאָל נאָך האָבן די ווייען
זיך אַזוי גרויזאַם פאַרלענגערט;
נאָך קיינמאָל האָט זי זיך געבאָדן
אין טרערן אַזוי פיל און בלוט!

פון אונטער די נעבלען געדיכטע,
פון צווישן דעם רעש, דעםווילדן —
אַ שאַלענדע שטימע זיך טראָגט
באַגייסטערט מיט ריינער נבואה.
און אַזוי ווי זי וואַלט די יסורים
פון דער אומגליקלעכער, מילדן,
און אויף די פליגלען איר ברענגען
אַ גלעטענדע באַלזאַם־רפואה: . . .

„געווינערין, דו דאַרפסט זיך פרייען
און גערן שלינג אַראָפּ דיין טרער:
דאָס זיינען לעצטע וועלטן־ווייען
און ווייען, בלוטן וועסטו ניט מער.
דו וועסט אַ קינד אַ שיינס, יעצט האָבן
און ליכטיק וועט איר מזל גליען:
די „נייע וועלט" וועט זיין איר נאָמען,
און ס'וועט שפּראָצן, וואַקסן, בליען".

פון אונטער די נעבלען געדיכטע
און שווערע ווי מענטשהייטס עבירות,
און רויט ווי דאָס אייביגע פייער,
וואָס שרפ'ט די לייבער פון זינד —
שמערצלעכע ווייען זיך טראָגן
דורך לאַנגע ציילן פון דורות:
עס קניט אין קאָנוואולסן די צייט —
דאָס געווינט זי, דאָס גייט זי צו קינד!...

(„דער פריינד", 1914)

ברוך הבא

(צו ווינטשעווסקי׳ס באַזוך אין שיקאַגאָ אין 1915)

מוזיק פון יעקב שיפער

מיט אָרעמס בּרייט צעשפּרייטע און הערצלעכן ווילקאָמען,
מיט פּנימ׳ער דערפרייטע און באַגייסטערונגס־געשריי —
באַגעגענען מיר דיר „זיידע״ און דונערן הורעי!

און צו דיין יום טוב ליבער זיידע — אַ ברכה שאלט פון גאַנצן לאַנד:
עס זאָל דיין פּען, דיין גאָלדן פּען — נאָך בליצן לאַנג ביי דיר אין האַנט!
עס זאָל דיין ליד, דיין שטורעם ליד, דאָס ליד פון קאַמף און צאָרן,
העכער, שטאַרקער, מעכטיגער — נאָך קלינגען לאַנגע יאָרן!

שלום עליכם

(שיקאַגאָ)

רייס קריעה מיין פאָלק, שיט אַש אויפן קאָפּ
און פאַרצי דיין פּרוכת אין שוואַרצן!
קער איבער דיין שפּיגל, די שיך צי אַראָפּ
און שלאָג זיך מיט פויסטן אין האַרצן!...

און שריי אויס דיין קדיש, אַז טרייסלען זיך זאָלן
די הימלען! — און פאַרציטערטע ווערן...
פאַרזינקען די זון זאָל דאָרט ערגעץ אין טאָלן
און צעפאַלן זיך זאָלן די שטערן!

דען שלום עליכם דיין ריזיגער צעדער
געוואָרן איז אונטערגעהאַקט פאַר דער צייט;
די גאָלדענע, בליצנדע, פריילעכע פעדער
צעשמעטערט׳ז געוואָרן אין ביטערן שטרייט...

פאַרשטומט איז געוואָרן דער הייט׳רער געלעכער
פאַרשוואונדן אין ערגעץ דער האַרציגער שמייכל;
פאַרשטיקט איז דאָס לאַכן פון אידישע טעכטער...
און טרויער באַוואָלקענט דעם געטלעכן היכל...

מיט ערפורכט די פליגל מלאכים עס נויגן
און שטעלן אַרום זיך דעם טייערן טויטן...
דעם קאָפּ טוט די אידישע אַרבעט אויך בויגן
און וויקלט אין שוואַרצן איר באַנער דעם רויטן...

(געזונגען פון אידישן סאָציאַליסטישן געזאַנגפאַריין, — 1916)

מיר שניידער, מיר שניידער

(מוזיק פון י. שיפער)

מיר שניידער, מיר שניידער, מיר שניידן און ליידן
און ווייען און נייען פיל סאַמעט און זיידן
פאַר פרעמדע, פאַר פרעמדע אַליין!...
מיר שניידער, מיר שניידער, מיר שטעפּן און שלעפּן
די טאַטשקע פון צרות אויף שיבעלנע טרעפּן
מיט אונדזערע אייגענע ציין!
מיר שניידער, מיר שניידער!

מיר שניידער, מיר שניידער, — נאָר ס׳פּלאַצט די געדולד;
מיר הויבן אָן זוכן פון וואַנען ז׳די שולד, —
צי איז זי פון גאָט גאָר אַ שטראָף?...
מיר שניידער, מיר שניידער, מיר שערן און קלערן,
און ס׳טרעפט אויך עס הויבן זיך אָן גיסן טרערן
און פאַלן און פלעקן די שטאָף...
מיר שניידער, מיר שניידער!

מיר שניידער, מיר שניידער, מיר נייען פאַרביטערט
און בלאָס ווי די נאָדל וואָס אין מאַשין ציטערט
און נערוועז אַזוי אויך און דאַר...
מיר שניידער, מיר שניידער, מיר פּרעסן מיט צאָרן:
ער גליט ווי דער אייזן וואָס האָט אים געבאָרן
און קרעפטיג אַזוי אויך און שטאַר...
מיר שניידער, מיר שניידער!

מיר שניידער, מיר שניידער, מיר פּלאַצן פון כעס
און „סטאָפּן" די אַרבעט, אַרונטער אין גאַס,
— אַרונטער אין ביטערן שטרייט!
מיר שניידער, מיר שניידער, מיר ווערן געשאָסן:
ס׳האָט שניידערשע בלוט זיך אויף גאַסן געגאָסן —
און הילכיג נאָך ראַכע עס שרייט:
מיר שניידער, מיר שניידער!

פאַרוואָס אַזוי גיך?

(מוזיק פון מענדעלסאָן)

פאַרוואָס אַזוי גיך האָט די יוגנט פאַרבליט,
די יאָרן פאַרביי אַזוי שנעל?
פאַרוואָס, אָ פאַרוואָס, ווי אַ פויגל וואָס פליט —
אַוועק איז די רו פון מיין זעל?

די רו וואָס האָט מוט געפלעגט אין מיין ברוסט —
מיט ווילן מיין האַרצן באַפלאַנצט;
באַגייסטערט מיין זעל מיט לעבן און לוסט
און מיט זונען־ליכט מיין וועג העל באַגלאַנצט...

פאַרוואָס טונקלען די אויגן, וואָס האָבן געגליט
דער גלאַט־קלאָרער שטערן צעאָקערט?
די באַקן וואָס בלייכן, וואָס האָבן געבליט
און מיט פלאַמענדע פאַרבן געפלאַקערט?

פאַרוואָס אַזוי גיך איז דער חלום צערונען —
פאַרשוואונדן אין ערגעץ, ווי קיינמאָל געווען...
וואָס האָט זיך מיט גאָלדענע פעדים געשפונען
און ווי אויפ׳ן וואַר אין ליכט־קרענץ געזען?...

אין גליקלעכע סעקונדן

(מוזיק פון אָפּענבאַך — לויט באַרקאַראָלאָ)

שווימט לאַנגזאַם ווי אין חלום, איר גליקלעכע סעקונדן
און ווי אַ כשוף־שיפל זיך שטיל און רואיג וויגט;
אַן אונזעבאַרע האַנט האָט שטערן אָנגעצונדן:
אַ, לעשט נישט אויס די שטערן פון הערצער פול מיט גליק.
זאָל וועבן זיך באַרוישונג, וועבן, אָן אַן עק...
און זאָל אַ ציטער פיבערן געמישט פון פרייד און שרעק...
און זאָלן ליפּן טוליען זיך, ווי וואַסער אָן דעם ברעג...

שווימט לאַנזאַם ווי אין חלום, איר גליקלעכע סעקונדן,
נישט איילט און ווערט פאַרגליווערט אַזוי ווי אונדזער קוש...
עס האָבן זעלן צוויי אין ליבע זיך פאַרבונדן;
עס האָבן נערוון פיל פאַרקניפּט זיך אין איין חוש...
זאָל־זשע די אידיליע א י צ ט פאַרשטערט נישט ווערן,
מאָרגן וועלן מיר ווידער זיך ציען צו די שטערן;
און אַ קאַמף אויף טויט און לעבן דעם ט ו י ט אַליין דערקלערן!

אין טרויער

1.

די ליפּן זיי שעפּשען נאָר איצטער א תפילה,
שלאָף רואיג נשמה דו ריינע און שטילע . . .
שלאָף רואיג און ס׳זאָל דיר נישט שווער זיין די ערד —
און ס׳זאָל דיר דיין רו דאָ נישט ווערן געשטערט.

די ליפּן זיי שעפּטשען . . . — דאָך ספקות אין האַרצן
זיך קלויבן, ווי וואָלקן און וויקלען אין שוואַרצן,
אין חושך, ווי ס׳זיינען, די פערד פון עגלה —
און ס׳שליסן די ליפּן זיך צו אין בהלה . . .

און שמערצהאַפט און פיינלעך די קנעכלעך עס שוואַנקען,
און טיפער עס עגבערט אין מוח, דעם קראַנקן;
מיין מורמלען די תפילה, פאַרנעמט עס גאָר ווער?
צו זעט דען אַן אויג וואו מיין גליענדע טרער?

דען פון צווישן די צענדליגע קברים אַרום
דער טויט קוקט אַרויס אַזוי קאַלט, אַזוי שטום,
אַז ס׳דוכט זיך דער זאַמער, וואָס שטייגט אַזוי הויך
ווערט ערגעץ פאַרשלונגען, צעשוואומען ווי רויך...

און ס׳ווערט פון אים גאַרנישט, פון אַלעס ווערט גאַרנישט...
לית דין ולית דין — עס קרימט זיך קיין האָר נישט . . .
פאַרהילכט ווערט דער קדיש, פאַרשטיקט דאָס געוויין —
און ס׳דוכט זיך ס׳האָט קיין זאַך, קיין זין נישט, קיין מיין...

דאָס לעבן דאָס שטאַרבן, דאָס זיין, דאָס נישט ווערן:
אַ חלום אַ פוסטער — אַ שאָד גאָר די טרערן!
צו נעכטן, צו מאָרגן, צו פריער, צו שפּעטער,
פאַרוויאַניען עס מוזן דאָך ענדלעך די בלעטער!

אָועקגיין מוז יעדער וואָס איז נאָר געקומען.
אַ בוים צי אַ גראָז, די דערנער, ווי בלומען;
פאַרבלייכן עס מוזן די בונטעסטע פאַרבן:
ווער ס'איז נאָר געבאָרן — דער מוז דאָך ווען שטאַרבן?!

2.

און נאָך אַמאָל ווענד איך די אויגן אַרום
מצבות עס שטייען פאַרזונקען און שטום.
עס בלאָנדזשען אַרום נאָר די אותיות אַליין,
וואָס שוואַרצן אַרויס זיך פון קאַלט־גרויען שטיין.

און שפרינגען און טאַנצן און שווימען פאַרביי
פה נקבר . . . תנצבה . . . דער נוסח נישט ניי —
איך צייל נאָר פאַרהאַלט זיך — דאָס אויג עסט זיך איין;
און נפטר — אַכציג און ניין!

די ליפּן שוין שוימען מיט גיפט פון נקמה;
נישט שלאָף און נישט רו דאָרט פאַרפּיינטע נשמה
נישט רו און נישט ראַסט דאָרט, און ראַבע באַגער
און רייס איין די הימלען און וועלטן צעקער!

דער פּאָעט

פייגל, וועלדער, הימלען שיינע,
בלומען, פעלדער, אַראַנזשעריען;
ימען, זעען, טייכלעך ריינע
זיך פאַר זיין פאַנטאַזיע ציען.

גלייך ער צויבערט מיט זיין לירע,
פאַרבן, טענער, זונען־שטראַלן,
אין דעם ריטמוס פון זיין שירה
רעגנבויגנס גלאַנצן, פאַלן...

גלייך ער רייט אין הימלען בלאָע
און אין גאָטעס סוד באַוואוסט;
און פון די געטלעכע השפּעה —
בליען רויזן אין זיין ברוסט!

בוידימס, קעלערס, גאַסן ענגע,
טוכלע הייזקעס, לאָם און קרום
ימים צרות ווי אַ סטענגע,
אָן אַ גרעניץ, אָן אַ תהום.

גלייך ער שוידערט מיט זיין פּינזל
פאַכט מיט שוואַרצע שאָטנס שטום
זעט: אַ וויסטע שדים־אינדזל
איז אונזער „שיינע" וועלט אַרום:

ווי ער וואַלט אין תהום געוועזן
אין טיפסטן תהום פון לייד און פּיין,
און מיט זיין שאַרפן אויג דערזען
דאָס שוואַרצסטע פּינטל פון דעם „זיין!"

יוגנט

(מיט ליבע געווידמעט דער סאָציאַליסטישער יוגנט)

ווען דער טוי פון די ליפּן איז נאָך נישט פאַרווישט
און גלאַט זיך נאָך שפּיגלט דער רואיגער שטערן...
ווען דער פּנים מיט פּורפּור און מילך זיך נאָך מישט —
דאַן איז די צייט פון שטילע באַגערן...

ווען דער קערפּער איז שלאַנק און עלאַסטיש זיך ציט —
און קרעפּטיק די ריפּן, ווי שטאָלענע שטאַנגען...
ווען מאַי איז אַרום און אין האַרצן עס בליט —
דאָס איז נאָך די צייט פון די שטומע פאַרלאַנגען...

ווען כוואַליעס פון כח אין ברוסט זיך נאָך קלייבן.
און שטייף איז דער נאקן, ווי אַ צייטיגער זאַנג..
און זודיגע בלוטן אין די אָד׳רען טרייבן —
דאָס איז שוין די צייט פון שטורעם און דראַנג!

פון שטורעם און דראנג, פון פולבלוטיג לעבן,
„אַלץ אָדער גאָרנישט!"... מיט האַלבס נישט באַנוגנט!
פון הייליגן קעמפן און נאָבעלן שטרעבן —
געבענטשט זיי, דו זיסע, דו הייליגע יוגנט!

ברוך הבא

(משה אַלגינ׳ען צו זיין קומען אין שיקאַגאָ)

מיט אָרעמס ברייט צעשפּרייטע און הערצלעכן ווילקאָמען
מיט פּנימ׳ער דערפרייטע און באַגייסטערונגס־געשריי
באַגעגענען מיר דיר, חבר, און דונערן הוררי!

און ווען דער טאָג פון פרייד וועט קומען,
דער טאָג פון קומענדן נצחון —
שפּרייטן וועלן מיר דיר בלומען
און מיט זיגערס־פענער פאָכען!

ער וועט קומען, ער מוז קומען
דער טאָג פון פרייהייט און פון רעכט!
און וועט ברענגען גליק און שלום
דעם גאַנצן מענטשלעכן געשלעכט.

פון די חורבות

(ל. גאָרעליק׳ן אַ טרייסטוואָרט, אומבאַקאַנטערהייט)

איך זע ווי די חורבות
פון הערצער און געמיטער,
פון דערפער, שטעט און לענדער —
אַ פיינלעך שרעקנס־בילד!
מיין רוקן־ביין גייט דורך
אַ שוידערלעכער ציטער
איך זע די פרוי וואָס שילט . . .
און זוכט וואָס אַזוי ווילד . . .

איך זע, ווי די געשפענסטער
ווילד פון בלוט און האָס
זיך וואַרפן אויף די שאָטנס
מיט שווערדן אין די הענט . . .
און שפייען אויס דאָס לעצטע
ביסל גאַל פון כעס
און פון גיפט און צאָרן
ווערן זעלבסט פאַרברענט . . .

איך זע אויך אָבער בילדער,
פריער אָדער שפעטער
וועלן מוזן קומען
ווי פרילינג נאָך דער קעלט . . .
נישט אַזוי דער טייוול . . .
אליין די שטאַרקסטע געטער . . .
קענען נישט אָפּהאַלטן
דער שווינג־ראָד פון דער וועלט!

פון די וויסטע חורבות,
אין רויך און שטויב פאַרשלונגען
אַרויסזעצן וועט נאָך
אַ פלאַם, אַ פייער־פלאַם . . .
און ס׳וועלן קייטן פּלאַצן
און ווערן דאַן צעשפּרונגען
ווי שוים פון שטורעם כוואַליעס
אין ברויזענדיגן ים!

פון די וויסטע חורבות
דורך לעכער און דורך שפּאַלטן
מיין פריינט, ס׳וועט נעמען שפּראָצן
אַ לעבן פון דאָס ניי . . .
און יוגנט־פרישע כחות
ערגעץ־וואו באַהאַלטן
קרעפטיג זיך צעשפּילן
וועלן פראַנק און פריי . . .

(„די אידישע אַרבעטער וועלט״, 1917)

די פאָן

(רעוואָלוציאָנערער מאַרש)

מוזיק פון גונאָד (לויט סאָלדאַטן מאַרש פון פאוסט)

צו הערט איר נישט דעם שאַל פון טרומפּייט,
דעם קריגס־רוף צו דער פרייהייטס־גרויסער שלאַכט?
שוין איז די שטאָלצע פאָן צעשפּרייט!
דער שונא גייט! דער שונא גייט!
שטייט אויף, דערוואַכט!

שוין איז די פאָן אין פעלד —
זי גליט ווי פייער רויט...
די טרייע פריינט אַרום
צו באַשיצן גרייט;
די פאָן, וואָס נישט איין העלד
מיט זיין האַרץ פאַרשטעלט;
וואָס, ווי אַ שיינע קווייט,
אַן ערשט געבוירן בלום —
זיך צעשפּרייט!

ווער הערט עס נישט, א. א. ווייטער

די פאָן וואָס נישט איין ברוסט
האָט פלאַטערן געמאַכט
מיט זעלן־פרייד און לוסט!
נישט איין טיראַנען־מאַכט
גערוט האָט נישט ביינאַכט
און ציטערן געמוזט!
און ווידער שוועבט זי דרייסט
אין ביטערן שטורם־שטרייט
און איבער קעפּ זיך קרייזט...
עס קומט דער טאָג...
עס קומט דער טאָג דאָך אָן,
ווען זיך דער מענטש באַפרייט
און אייזן־קייטן רייסט
פון קערפּער און פון גייסט!
עס ציט די פאָן
דער טאָג קומט אָן!

ווער הערט עס נישט, א. א. ווייטער

זעסט מיין פריינט

זעסט מיין פריינט, דאָרט, יענעם בנין,
ווי ער טיילט זיך קענטיג אויס:
העכער, גרעסער, ברייטער, שענער,
ווי אין געגנט וועלכע הויז...

זע די ריילן, טיר און טויערן,
ווי אויסגעגאָסן פון צעמענט;
ווי סטאַטועז, שטאָלץ און קרעפטיג,
מאַסיוו עס שטייען זיינע ווענט...

זיכער זיינע פונדאַמענטן —
וואונדער שיין זיין טורעם אויבן;
אייביג שיינט די זון און שפיגלט
זיך אין זיינע קלאָרע שויבן!

זעסט דעם בנין און דו וואונדערסט:
„צי איז עס איינער אין דער וועלט?
וועלכע אויפגאַבן און צילן,
האָט זיין בויער זיך געשטעלט?"

— מיין פריינט, דער בנין איז געמויערט
פון געטרייע אַרבעטס־הענט —
צו געפינען שוץ אין שטורעם
אין דעם שאָטן פון זיינע ווענט.

און דער בנין וועט נאָך העכער
הויבן זיך און שטאָלצער טורמען,
ביז עס וועלן שוין ניט זיין מער
קיין געוויטער, קיינע שטורמען!...

(„דער פריינד", 1915)

די נייע פרוי

מיט מוט זי שפּאַנט, מיט שטאָלץ אין בליק,
די נייע פרוי, פון אונזער צייט,
ווי יעל׳ס טריט מיט יאָרן צוריק
איר וואָרט קלינגט דרייסט, מיט זיכערקייט...

איר וואָרט קלינגט דרייסט, איר האַנדלונג שטייף,
ווי איר נאַקן און איר צייטיג ברוסט;
איר ציל איז קלאָר, איר דענקען רייף
ווי איר שטאַרקער לעבנסלוסט...

זי ווייס איר וועג, איר איינציג וועג —
און דרייסט זי טרייבט איר שיף מיט מאַכט,
און זעגלט שנעל אַהין, צום ברעג,
וואו ס׳שטייגט דאָרט אויף די זון אין פּראַכט.

און שטייגט זי אויף צום באַרג גאַנץ הויך —
איז עס העט צו די סאַמע שפּיצן!
דאָרט קודלען זיך די וואָלקנס־רויך
און עס צינדן זיך די בליצן!

און וואו זי גייט נאָר, איבעראַל —
אין ים, יבשה, באַרג און טאָל —
עס איז מיט דונער־שטורעם־קנאַל,
ווי מרים׳ס נבואה־פּויק אַמאָל!

מיט מוט זי שפּאַנט, מיט שטאָלץ אין גאַנג,
איר טריט עס הילכט, אָן קרעכץ און אוי,
ווי דבורה׳ס מוטיגער געזאַנג —
די נייע פרוי, די פרייע פרוי!...

(„דער פריינד״, 1918)

מיר קומען אין רייען

(מאָדערנער פרויען מאַרטש)

מיר קומען אין רייען געדיכטע, אין מאַסן,
מיט אייערע פריינדינס און כלות געליבטע;
מיר פרויען פון שעפער, פון הייזער און גאַסן,
אייערע שוועסטער און מוטערס פאַרטריבטע...

מיר קומען נאָך טויזענטער יאָרן פון שקלאַפן
און דולדן און ליידן יסורים און שאַנד,
צו העלפן אייך בויען און ווירקן און שאַפן
און אַרבעטן אייניג מיט אייך האַנט אין האַנט...

מיר קומען אין מאַסן, פעסט און אַנטשלאָסן —
גענוג שוין געווען אַזוי שטיל און געדולדיג!
מיר ציען אין רייען, געדיכט און געשלאָסן;
זאָלן ציטערן די, וואָס פילן זיך שולדיק!

מיר ציען ווי כוואַליעס אין צאָרן זיך מישן
און וואַרפן זיך ברויזענד אין שטורמישע ים׳ען,
מיר קומען אייך העלפן טרערן אָפּווישן
און שאַנדע זאָל מער שוין קיין פנים פאַרפלאַמען!

מיר קומען אין רייען געדיכטע און שטרענגע,
מיט פאָנען געפאַרבטע פון בלוטיקן רויט;
מיר פרויען פון שעפער, פון גאַסן די ענגע,
קינדער פון עלנד און טעכטער פון נויט!...

(„דער פריינד״, 1918)

נאָך דער אַטאַקע...

(מאַי־ליד 1918)

דו קוקסט מיין פריינט פאַרצווייפלט.
דיין אויג זוכט און רעוואָלטירט...
דו האָסט דערוואַרט די פלעכע
מיט גרינס זאָל זיין באַצירט...

דו האָסט דערוואַרט די בוימער
אין בליאונג און אין פראַכט,
אַ טיפן בלאָען הימל,
פאַר׳חלומ׳ט און פאַרטראַכט...

דו האָסט דערוואַרט די מענטשן
מיט פרילינגס־פרייד אין ברוסט —
און אויגן פול מיט ליבע,
און הערצער פול מיט לוסט...

דו קוקסט, מיין פריינט, פאַרוואונדערט,
דו גלויבסט די אויגן נישט —
די שיינע מאַי־קאָלירן
זיי זיינען גאָר פאַרמישט...

די ערד אין רויט געטונקען,
דער הימל, ווי צונטער גליט;
ווי שוואַרצע גלאַוונעס שטייען
די בוימער, וואָס האָבן געבליט.

רויך און שטויב אין דער לופטן,
אַש און בלוט אויף דער ערד:
עס ליגן צוזאַמען פאַרקנוילט
מענטשן, און רייטער, און פערד...

צוזאַמען זיי צוקן אין גסיסה,
און ס׳מישן זיך פאַרבן פון גרויל;
אַ האַנט שטרעקט זיך דאָרט צום הימל,
דאָ קרימט זיך פון קללות אַ מויל...

עס בליצט דאָרטן אויף אַ צלם,
דאָ דריגעט אַ פוס פון אַ פערד...
אַ שרעקלעכער „שמע ישראל!״
פאַרציטערט די הימלען און ערד...

דו קוקסט, מיין פריינט פאַרווילדעט,
דאָס האַרץ איז דיך שווער, ווי בליי —
און הילפלאָז דו זוכסט מיט דיין אויג,
דעם פרילינג, דעם שיינעם, דעם מאַי...

(„דער פריינד״)

די לעצטע צו גיין

גוטער ברודער, נישט פאַרליר דיין מוט,
פאַרגלעט די קנייטשן פון זאָרגן
און פאַרשטיק אין ברוסט דיינע קרעכצן...
עס וואַרט, אין ערגעץ, שטיל, פאַרבאָרגן —
דאָס, אין וואָס מיר אַלע גלויבן,
דאָס, צו וואָס מיר אַלע לעכצן...

אָ, ליבע שוועסטער, פליק נישט אויס
אין גרויען יאוש דיין האָפנונגס־בלום
און פאַרוואַלקן נישט דיין שטערן!
עס ליגט באַהאַלטן אומעטום,
דורך אַלע דורות, אַלע צייטן,
אין יעדן שפּאַלט פון „זיין" און „ווערן".

גייט פרייהייט ווען אַוועק פון ערגעץ —
גייט זי קיינמאָל נישט די ערשטע,
נישט די צווייטע אויך און דריטע!
פריער גייען די באַהערשטע,
די פאַריאָכטע, די פאַרקנעכטע
אויף וועמען טויט עס האָט די שליטה...

אָבער פרייהייט... בלייבט נאָך אַלעס —
ביז אַלע זיינען שוין אַוועק,
ביז דער „טויט" איז טויט אַליין!
ווען צו אַלעס קומט אַ סוף, אַן עק —
ערשט דאַן נעמט זי אין האַנט איר שטעקן —
זי איז די לעצטע צו גיין!

(„דער פריינד", אָקטאָבער, 1918)

בשעת מגיפה

(צייט ליד)

עס וואַרפט זיך געשליפן אין אַלערליי זייטן
דער שווערד פונ׳ם טויט, וואָס הענגט איבער׳ן קאָפּ;
און ווי מיט אַ פינגער עמיץ וואַלט טייטן —
אַ גרויער, אַ גרויסער, פון אויב׳ן אַראָפּ...

און בעטן נאָך בעטן זיך ליידיגן אויס
און שפּיגלען נאָך שפּיגלען אין טרויער פאַרהאַנגען;
און שיטערער ס׳ווערט אַלץ אין הויז נאָך הויז,
ווי שפּעט אינ׳ם זומער אויף פעלדער די זאַנגען...

און קוים וואָס מ׳הערט נאָך די טריט פון וואָס לעבן
און שטילער דעם אָטעם פאַרהאַלטן אין שרעקן:
עס זיינען גאָר שאָטנס, נישט מענטשען, וואָס שוועבן
אַדורך אין די גאַסן, ווי זינדיגע פלעקן...

און פּחד עס לויערט אין יעטווידן ווינקל —
עס שוואַרצט זיך אַרויס פון איטלעכן שפּאַלט:
פאַרלאָשן דאָס ליכטל, פאַרטונקלט דער פינקל
פון אויגן, וואָס האָבן מיט לעבן געשטראַלט...

דאָך צווישן די וואָלקנס באַוויזט זיך דער בויגן
און פאַרבן פון האָפנונג צעקרייזן זיך שנעל;
עס ווערט די מגיפה, ווי נעפּל צעפלויגן —
און לעבן נעמט ווידער צעשטראַלן זיך העל...

(נאָוועמבער, 1918, „דער פריינד")

שניי־לידער

.1

עס פאַלט דער שניי ווייס, אויסגעשפרייט,
זויבער־ליכטיג, און דורכזיכטיג,
ווי אַ כלה אין חופה־קלייד...

און ער, ווי זי, אין קורצן ווערט
צעטראָטן גיך פון גראָבע שיך
און פון קאָפּיטעס פון פערד...

.2

אַ ווייסע לבנה שווימט איבער׳ן קאָפּ
און שטראַלן עס פאַלן פון אויבן אַראָפּ.
אויך אונטן איז ווייס, אַזוי קלאָר, אַזוי ריין;
איך גיי אויפ׳ן שניי דאָ אום איינער אליין.
עס ציט זיך די ווייסקייט אָן סוף, אָן אַן עק,
ציכטיג און ליכטיג, אָן יעטווידן פלעק...
עס בלענדעט די ווייסקייט אַרום אָן אַן ענד —
איך איינער, איך פיל זיך דאָ, ווי אין דער פרעמד.
און קלער זיך: אָי גאָט, דו האָסט מיר באַשערט
צו בלייבן דער איינציגער פלעק אויף דער ערד...

(„דער פריינט״, יאַנואַר, 1919)

לאָמיר זינגען אַ געזאַנג

לאָמיר זינגען אַ געזאַנג
פון נייע לידער, ברידער
פון מי און פּרוכט, פון בוים און זאַנג,
פון אַרבעטס־יאָרן מידע...

פון פּרוכט און פלאַנצן אַ געזאַנג,
פון עפּל און מאַראַנצן,
אַנשטאָט צו גיין אַ פּראָסטן גאַנג
איז לאָמיר, שוועסטער, טאַנצן.

מיט לײדן האָבן מיר געאַקערט,
געריסן ערד מיט ציין...
וויסטע דערנער אויסגעפלאַקערט,
געזייט מיט שטיל געוויין.

געוואָרט מיט האַרץ־קלאַפּ: טאָמער, טאָמער...
ערשט עס זוניקט אונדזער זאַנג...
איז לאָמיר זינגען, טאַנצן לאָמיר
און זינגען אַ געזאַנג.

זאַנג צו זאַנג און פלאַנץ צו פלאַנץ
קלייבן מיר אין פריידן;
מיר וועלן נאָך אין זונען־גלאַנץ
דאָ בויען אַ גן־עדן...

מיר בענטשן...

(צו קאַרל מאַרקס׳ הונדערט יעריקן געבורטסטאָג)

מיר בענטשן דעם טאָג, דעם פינפטן אין מאַי...
פון בליענדן בעז און זוניקן ליכט,
ווען אויסער דער זון האָט אויך זיין געזיכט,
געלויכטן, געשמייכלט געטריי...

מיר בענטשן דעם טאָג פון ווינטלעך געוואויט
פון פויגל־געזאַנג און גרינלעכן גראָז,
ווען אויסער דער פרעכטיקער, זאַפטיקער ראָז
געעפנט האָט ער אויך די ברעמען ברייט...

געעפנט די אויגן, געקוקט און געבליקט —
קיין פינצטערער חושך זאָל זיי שוין ניט בלענדן!
דערזען דעם מענטש אין געבויגענע לענדן —
דעם קרוין פון דער וועלט אין שמאַטעס צעפליקט!

געזען און פאַרטראַכט זיך, דער פאָרשער אין אים —
הויבט אויף דעם פאַרהאַנג פון דורות צוריק...
און ברענגט אויך פאַראויס אין צוקונפט זיין בליק
ביז דער סוד פון דעם היינט אַנטפּלעקט זיך צו אים...

ס׳אַנטפּלעקט זיך דער קאַמפּס־פעלד, און דער מוטיקער העלד
הויבט אויף אַ פאָן און בלאָזט אין טרומפּייט:
אַ פאָן אַ רויטע, פון בלוט אויסגעגנייט —
אַ שופר, וואָס שאַלט איבער דער גאַנצער וועלט!

„פראָלעטאַריער אַלע לענדער, פאַראייניקט איך!״
נאָר די קייטן קענט איר פאַרלירן דערביי...
און זיך און די וועלט מאַכן גליקלעך און פריי —
פאַראייניקט איך! פאַראייניקט איך! פאַראייניקט איך!

קיין שטאַרקערער וואָפן האָט נאָך קיינמאָל געשמידט זיך,
קיין שאַרפערער שווערד האָט נאָך קיינמאָל געבליצט!
קיין קלאָרערע ליכט האָט נאָך קיינמאָל געשפריצט:
אָ, היט זיך, טיראַנען, אָ, היט זיך, אָ, היט זיך!

מיר בענטשן, קאַרל מאַרקס, דעם טאָג פון דיין געבורט!
מיר בענטשן די וואָפן, וואָס דו האָסט אונז געשאַרפט!
אָ, ווי וואָלטן מיר דיר יעצט נויטיק געדאַרפט,
דו העלד מיט די שאַרפסטע כלי־זין געגורט!

(1918)

ד ע ב ס

זי א װאולקאַן, װעמענס שפּיץ פון קראַטער
איז מיט קילן, גראָען אַש באַשפּריצט,
דאָך טיף אין בוזעם דונערט עס און בליצט
און לאַװע שמעלצט זיך אין אַ פלאַמען־פלאַטער. —

װי אַ טויבן־שלאַק, פול מיט טויבן מילדע,
פול מיט ליבע איז זײַן גרויסע האַרץ,
און מעג עס זײַן אַרום װי חושך־שװאַרץ,
און מעגן ברויזן שטורמען װילדע... —

ס'ביילט זיך אין אַ פויסט זײַן האַנט, װאָס ליבלעך דריקט;
ס'בליצט מיט צאָרן אויף דאָס אויג, װאָס גלעט און קװיקט;

ס'בליט פון זעלבן מויל, װאָס אומדערבאַרעמדיג שעלט!
און די זעלבע אָרעמס, װאָס שװינגען אין לופטן
און דראָען די הערשאַפט פון שטאַרקע און שופטן —
זײַנען גרייט צו אומאָרמען די װעלט!

(„דער פרײַנד", יוני־יולי, 1918)

שפּילן מיר אין שניי

(קינדער ליד)

שפּילן מיר אין קוילען שניי,
אין קוילען שניי, אין קוילען שניי.
אַ געליאַרעם, אַ געשריי,
אַ געשריי — גוואַלד!

הייבט אָן פרירן אין די פיס,
אין די פיס, אין די פיס.
ס׳גיט דער פראָסט אַ ריס, אַ ביס,
אַ ריס, אַ ביס, — ס׳קאַלט!

וואַרפן מיר די קוילען שניי,
די קוילען שניי, די קוילען שניי.
ווי די פייגל פליען זיי,
פליען זיי, — ס׳פליט!

ווערט אונז קאַלט אויך אין די הענט,
אין די הענט, אין די הענט.
אַי, ס׳איז קאַלט, אַזש עס ברענט,
אַזש עס ברענט, — ס׳בריט!

טרעפט אַ קויל אַ הויכן יונג,
אַ הויכן יונג, אַ הויכן יונג.
און ער גיט צו אונז אַ שפּרונג,
צו אונדז אַ שפּרונג, — אַ לאָף!

וואַרפן מיר די שניי אַוועק,
די שניי אַוועק, די שניי אוועק.
און צום שפּיל שוין נעמט אַן עק,
נעמט אַן עק, אַ סוף!

(קינדערלאַנד זשורנאַל)

דייטשלאנד — 1923

דו ליגסט אויפ׳ן קראַנקן־בעט מיט בעטנדיגע אויגן;
פאַר׳חלש׳ט און פאַרשמאַכט די ליפּן דיינע זיינען.
דיין שוועסטער האָט שוין לאַנג פון דיר זיך צוריקגעצויגן,
און ניטאָ מיט וועמען זיך אַ ווײלע אויסצו׳טענה׳ן.

דיין האַלדז פאַרצויגן איז פון שטאָלצן פאַן, דעם פוסטן,
די פרעכע זונה טרעט פאַרשייט דיר אויף דיין בויך;
די קאַלטע וואַסער־מלכה מיט די אייזן־ברוסטן
ביי דיין צופוסנס שווימט אין זיילן שוים און רויך...

דער דאָקטאָר וואָס דו רופסט איז קיינמאָל נישט געקומען
און דער וואָס קלאַפּט אין טיר ביי דיר איז דיר ווידערווייליג.
די שכנים גרייטן שוין צו דיין לויה בלומען —
און ווייט — איז דיין טויט און לעבן ניט קיין חילוק.

וועסט עפענען דעם דאָקטאָר אין אַ שעת־הכושר
און בלייבן האַלב ניט וועלענדיג אויף זיין דיעטע,
און ליגסט דערווייל און וואַרטסט אויף חסד און אויף יושר,
דו שטאָלצע, קלוגע מאַמע פון שילער, קאַנט און געטע!

(„פריינד" — סעפט. 1923)

שלאָף רואיק

(אויפן פרישן קבר פון מאריס ווינטשעווסקי)

די ליפּן זיי שעפּטשן נאָר איצטער אַ תפילה:
שלאָף רואיק, נשמה, דו ריינע און שטילע...
שלאָף רואיק און שלומער דיין אייביקן שלאָף,
וואָס האָט נאָר אַן אָנהויב און האָט ניט קיין סוף...

צו פריש איז די וואונד, דאָס בלוט נאָך עס שפּריצט,
פון אויג נאָך דער יאוש משוגע עס בליצט;
עס קלעמט נאָך די ברוסט פון דעם שרעקלעכן שמאַרץ
און ס'צוקט מיט קאָנוואולסן די קראַמפּהאַפּטע האַרץ—...

שלאָף רואיק, נשמה... נאָר אונדז וועט עס וואַרפן
אין שלאָפלאָזע נעכט — דער מוח וועט שאַרפן;
אין גרוי־קאַלטע טעג — די נשמה וועט פירן —
אַן עמוד־האש אין מדבר פאַרפירן...

שלאָף רואיק, נשמה — אַ פונק דאָך נאָך גליט,
אין האַרץ די פאַרשמאַכטע אַ האָפנונג בליט:
דער מדבר ער איז שוין ביים סוף באַלד, ביים ברעג —
און ס'וועט זיך באַלד נעמען דער ליכטיקער וועג...

די ליפּן זיי שעפּטשן נאָר איצט אַ געבעט:
שלאָף רואיק, דו טרוימער, שלאָף רואיק, פּאָעט!
שלאָף רואיק און ס'זאָל די ערד לייכט דיר זיין —
שלאָף רואיק, נשמה — פאַרלייכטער מיין פּיין!

קאָאָפּעראַציע

אַ זעמדל פון דאָ, אַ זעמדל פון דאָרט
צוזאַמען — אַ שטיק נישט צו רירן פון אָרט.
און זעסטו דעם ים אָן גרענעץ צעפלאָסן —
פון טראָפּנס, פון קליינע, צוזאַמענגעגאָסן.
אַזוי זיינען בערג און אַזוי איז די וועלט
פון אַטאָמעלעך קליינע צוזאַמענגעשטעלט.
און אַטאָם צו אַטאָם עס ציט און עס קלעפּט:
באַזונדער געבוירן — צוזאַמען עס לעבט.
אַ זעמדל, אַן אַטאָם, אַ שטויבעלע בלויז;
באַזונדער, ווי נישטיק, צוזאַמען — ווי גרויס!

אַ פּינטעלע דאָ, אַ שטרייכעלע דאָרט,
אַן אות און אַן אות — צוזאַמען אַ וואָרט.
אַ וואָרט צו אַ וואָרט און שורות זיך וועבן,
באַהויכט מיט נשמה, עס אָטעמט מיט לעבן.
און שורות מיט שורות אין רייען צעשטעלטע
אָט זיינען שוין ביכער און בענדער צעהעלטע.
אַ פּינטעלע, דוכט זיך, אַזוי קליין, אַזוי שוואַך,
דאָך פּיל־פּיל צוזאַמען — די מעכטיקסטע זאַך.

אַ רעדל פון דאַנען, פון דאָרטן אַ שרויף,
ס'איז אַ מאַשין שוין געוואָקסן צונויף.
אַ לעדערנער פּאַס, אַן אייזערנע שטריק —
עס ראָלט שוין און ס'דונערט אַ גאַנצע פאַבריק.
אַזוי זיינען הענט אויך, אַזוי איז אויך מאַכט —
פון איינעם און איינעם צוזאַמענגעבראַכט.
און זעסטו דעם כשוף פון פרייהייטס־אַרמייען
צוזאַמענגעשלאָסן אין שטאָלענע רייען,
זיי וויסן: באַזונדער איז יעדער קליין,
דאָך אַלע צוזאַמען — די שטאַרקייט אַליין!

נאַכט־ליד

שפּעט בין איך געקומען, האַלב צווײ בײנאַכט,
געווען איז איר פּנים פאַרוואָלקנט, פאַרטראַכט.
וואו ביזט דאָס געווען אין ערגעץ ‎׳זוי לאַנג
עס איז מיר געווען דאָ אומעטיק און באַנג,
האָט זי געפּליסטערט צו מיר אין דער שטיל
און האָט מיר אומאַרעמט מיט ליבעס געפיל.

וואָס קען איך איר זאָגן, די פון אומגליק באַטריבטע,
דו ביסט שוין נישט מער, נישט מער מיין געליבטע?
איך וועל דאָך איר טויטן מיט אייגענע הענט?
אָ, ווען עס וועט נאָר אָן מיר זיין געווענדט,
וואָלט איך יענע פאַרהאַסט, פון האַרצן פאַרטריבן,
און איך וואָלט אייביק דיינער, יאָ דיינער געבליבן.

אָ, קען איך אָבער פון האַרצן פאַרטרייבן
דאָס סאַמע ליבסטע, וואָס וועט ביי מיר בלייבן?
ווי קען איך אליין טויטן מיין איך,
ווי קען איך אַנטלויפן, אַנטלויפן פון זיך?

ערגעץ האָט אַ שטראַל מיך אדורכגענומען
און אַ זיסע בענקשאַפט האָט דאָס האַרץ פאַרנומען,
הויך איז די לבנה אין הימל׳ס שטראַנד געשוואומען
אַקעגן מיר אין ווייסן, איז זי זיך צאַרט געקומען,
און איך האָב דערזען: אין האַנט, אַ בינטל בלומען.

חנוכה ליכטלעך

ברענען זיך חנוכה־ליכטעלעך אַכט,
פינקלען און שפרינקלען מיט ליכט אין דער נאַכט.
ליכטעלעך, ליכטעלעך, וואַרפט שוין אַ שיין
פון האָפענונג און גלויבן צו אונדז אויך אַריין.

ברענען זיך חנוכה־ליכטעלעך שטיל;
הוידען זיך, סוד׳ען זיך, ווי אין אַ שפּיל.
ליכטעלעך, ליכטעלעך, זאָגט מיר דעם סוד,
וואָס דרעמלט, און פלעמלט אין ליכט־קאַראַהאָד.

ברענען זיך חנוכה־ליכטעלעך העל;
טרוימען זיך רוימען זיך, שמעלצן זיך שנעל.
ליכטעלעך, ליכטעלעך, איידער ס׳ווערט שפּעט,
זאָגט מיר דעם סוד אויס, איך בעט אייך, איך בעט.

טוליען זיך חנוכה־ליכטלעך איין;
וואַרפן שוין מער ניט קיין שטראַלנדיקן שיין.
נייגן זיך, בייגן זיך, זאָגן אונדז אויס:
ס׳גייען „מאַקאַבייער" נאָך איצט אונדז פאַראויס.

לעניג׳ס פעדעסטאל

װען טײגעס שמעלצן זיך פון הײסע קלעפּ פון העק —
און דניעפּער שטראָמט דורך שליוזן, װי אַ װאַסער־פאַל —
הילכן טײגע־עכאָס מיט לעניג׳ס רוף און װעק;
װערט די פײער־דאַמבע — לעניג׳ס פעדעסטאַל.

װען יענקי־לאַנד, די הײם פון לינטש און דזשעז און „פלאַפּער״
ברעכט זיך שוין דורך פּריזמע פון לעניג׳ס רױטן שטראַל
און ס׳הױבט שוין אױף זײן ביקס, דער מײנער און דער „קראָפּער״,
אין הונגער־מאַרש פון פױסטן — לעניג׳ס פעדעסטאַל.

װען דײטשע פּראָלעטן שטײגן אױף שאַפּאָטן,
און שלײדערן צום שונא בליצן האַס און גאַל;
װען פון בערלין ביז האַמבורג בונטעװען זעלאָטן, —
נעמען טרעפּ זיך הױבן צו לעניג׳ס פעדעסטאַל...

װען ס׳הױבט זיך אױף פון שטױב, כינעזער און קאַרײער
און הינדו קערט זיך אָפּ פון אַלטן, װעדעם * קװאַל,
װען ס׳שטורעמען ערד און הימל, בראַװע רױט־אַרמײער -
װאַקסט נאָך העכער, לעניג׳ס הױכער פעדעסטאַל!

* דער אַלטער הינדזשער חומש.

די נײַע מתן־תורה

(למנצח . . . מיט צען יאָר צוריק)

האָסט צעשניטן ווי אַ מעטעאָר
אַ טינט־שוואַרצן הימל
מיט דײַן שאַרפֿן און ליכטיקן חלף.
ווען ווי בײַם סיני, מיט דונערן, בליצן,
געשאָלט האָט דײַן מעכטיקער „אלף".
„אָנוכי" — אַרבעט;
איך — דער שאָפּער און דער בויער;
איך — דער וועבער און דער בעקער;
איך — דער פֿישער און דער פֿויער;
איך — דער טישלער און דער העקער.
איך — דער שנײַדער און דער שוסטער;
איך — דער אײַזן־שמיד און בלעכער;
איך — פֿאַרבריטשנער און דער קוסטאַר;
איך — דער גערטנער און דער קעכער.

„אָנוכי" . . .
— איך בין פֿון לעבן באַלאַבאָס,
איך בין דער שליסל פֿון דעם שלאָס,
איך בין דער ווײַן פֿון כּוס . . .
אַרבעט.

איך בין מחותן מיט דער וועלט,
און מיטן „זײַן" און „ווערן";
איך בין אַ שותּף צו דער זון,
און צו דעם גאַנג פֿון שטערן.
איך בין אַ ברודער צו דעם ים,
און רויש, ווי ער, אין צאָרן,
איך בין אַ שוועסטער צו דער בלום
אין מילדע, גוטע יאָרן.

האָסט אַן איביקן באַרג מיט'ן וואָרצל געריסן
און הויך איבער פוילע געהויבן:
„נעמט אָן, ווען ניט וועט דאָ זיין אייער מיתה,
אַוועק איז די צייט שוין פון רויבן!"

צען יאָר! און דיין וואָרט ווערט געקרעפטיקט,
צעפאַנצערט מיט שטאָלענער טאַט.
און ווי פייער און פלאַם איבער ערד צעשפרייט זיך
די תורה פון פראָלעטאַריאַט!

(געשריבן אין 1927, צום 10־טן געבורטסטאָג פון סאָוועטן־פאַרבאַנד)
(נאָך קיינמאָל ערגעץ נישט געדרוקט)

י ז כ ר

(מיט'ן מאָטיוו פון „מי זשערטוואָיו פּאַלי")

אין זיגרייכן פייער און שיכור'ן גליק
און פאָנען באַדעקטע מיט רום און מיט גלאַנץ
פאַרגעסט נישט די העלדן פון יאָרן צוריק —
אויף זייערע קברים צו לייגן אַ קראַנץ...

די העלדן, וואָס האָבן־זיך אויף תליות געוויגט
דערנידעריגט, געשענדעט, פאַרשמיסן ביז בלוט...
וואָס האָבן דעם טויט אין די אויגן געבליקט
מיט דרייסטקייט און שטאָלץ און מיט העלדישן מוט —

די וואָס זיינען געפאַלן אין ביטערן שלאַכט
אין די בעסטע און בליענדסטע יאָרן;
וואָס האָבן אין פינסטערע טורמעס געשמאַכט
און טיראַניש געפייניגט געוואָרן...

יזכר — איר ריינע און טייערע נשמות —
מיר וויקלען די פאָנען, די רויטע אין שוואַרץ;
מיר וועלן אייך, הייליגע קרבנות
פאַרשליסן טיף ביי אונדז אין האַרץ!

(ביאַליסטאָקער חודש'לעכער בולעטין פאַר פּאָליטישע געפאַנגענע
אָקטאָבער, 1923)

צו מיין באַליבטן פּאָעט

איך קום צו דיר שטענדיק מיט ליידיקע הענט,
כאָטש דאָס האַרץ איז מיר אָפט פול ווי אַ ברונעם;
ברענג איך דיר יעצט אַ פלעשל פּערפום,
כאָטש דו אַליין ביזט פּערפום פון פּערפומען.

דער דופט פון דיין ליד פאַרשעמט יעדע רויז,
און ס׳טונקלען געגן אים די ליכטיגסטע בלומען;
עס טויכט פון דיין טיפסטער זעל אַרויס,
און ווי אַ פּלייט עס זינגט פון אונטער דיין גומען.

דיין ליד האָט דעם כישוף פון אַלע קאָלירן
און דעם מנ׳יגן טעם פון אַלערליי ווייַנען.
איך הער אין אים אַ קוואַרטעט פון קלאַווירן,
מיצקעוויטש און פּושקין, שעלי׳ן און היינע׳ן.

ניי־יאָר, 1956

פסח אין וואַרשעווער געטאָ

(געווידמעט יאַנקעלע׳ס אָנדענק)

ווער דאַרף דען אַ לוח צו געדענקען די דאַטעס
פון מיליאָנפאַכן יאָרצייט פון אונדזערע קדושים,
עס קומען מיר אַ גאַנץ יאָר צו חלום די טאַטעס,
די מאַמעס, די שוועסטער, די ברידער פון גושן.

אין די אַפּרילישע ווינטן פון ווייטן, וואָס בלאָזן,
איך זע נאָר די פּרעה׳ס, די המנ׳ס, די היטלערס;
אין שפּיץ פון דיביימער, אינם שושק פון די גראָזן
דערקען איך די דתנ׳ס די ראַטלער־פּאַרמיטלערס.

אין די וואָלקנס, וואָס לויפן ווי צעשראָקענע האָזן,
זע איך, מיין פאָלק, ווי מ׳האָט דיך צעטראָטן;
געמאַכט פון דיר בלאָטע, נידריגער פון גראָזן,
אַז ציטערן זאָלסטו פאַרן אייגענעם שאָטן . . .

נאָר איין אויפשטראַל אין מוח — און זע: אַ פּאַנאָראַמע —
אין די אויסגעשטרעקטע צווייגן פלוצלונג דערקען איך:
דאָס זיינען גאָר אָרעמס, וואָס שטורמען, באַראַבאַנען,
און שאַלן צום קאַמף געגן שונא גאָר הער איך.

די זין און טעכטער פון מאַידאַנעק, אָשוויענטשים —
איך זע זיי אין פייער, איך זע זיי אין מאַרשן:
דאָס זיינען גאָר אַנדערע אידן און מענטשן,
וואָס האָבן געשטורעמט די געטאָ אין וואַרשע!

איך זע זיי ווי גייסטער דורך בראַנדיקע שויבן,
מיט דרייסטקייט צעצונדן, באַפּאַנצערט מיט גבורה,
דאָס אינגל מיט דער פאָן אויפן דאַך דאָרטן אויבן,
צעפלאַטערט זי רויט מיט שטורעם און פוריע.

די נאַכט איז פון פסח . . . די נאַכט פון שימורים,
די כוסות פון בלוט און פון טרערן דאָרט פינקלען;
נאָר נישטאָ דאָרט קיין זויפער, נישטאָ קיין שיכורים,
דאָרט זיינען בלויז העלדן, וואָס פאַלן אין ווינקלען.

הייליגע העלדן, דערהויבן אין פאַלן,
פאַרזייען די דורות מיט אַ נייעם מין מענטש,
און ווי די העלע זון מיט אַפּריִלישע שטראַלן,
די ערד און אירע קינדער טוט קושן און בענטשט.

יאָ, הייליגע גיבורים, וואָס זיינען געפאַלן,
נישט וויניגער דערהויבן די, וואָס ראַנגלען זיך נאָך היינט
צו שיקן אַלע גזלנים אין אלדי כף הקל'ן, —
מאַכן אַלע מענטשן ברידער, און אַלע ברידער — פריינט!

(„מ. פ.", 1957)

אבות - עלטער-זיידעס; forefathers

אבוואל (טריט און אבוואל) - טריט און שריט; at every step

אביסקעס - זוכונגען, נאכ-פארשונגען; searches

אבר - א טייל פון קערפער

אוטשאסטקעס - פאליציאישע אפטיילן

אויסגעיעט - אויסגעריסן

אולוסן (פון קאלמיקן) - הייזער פון קאלמיקן

"אויל תמ" - Uncle Tom's Cabin

אומגעבונג - ארומיקע געגנטן; neighborhoods

אזארטנע - ליידנשאפטלעכע; passionate

אחד-העמיסטן - א פארטיי

אחדות - איינקייט, יוניאן

אחדות'ניק - יוניאן-מאן

"אט ויארו" - עפן די טירן

אטענטאט - מערדערלעכער איבערפאל; murder

איבערגע'חזר'ט - פאסירט נאך אמאל; repeated

איבערדריסיק - had one's fill, sick and tired

איזבארשטשיק - א שמייסער אין א מקווה

אימפאנירט - impressed

אינטענדאטור - commissary

אליהו הנביא - the Prophet Elijah

אמונה - גלויבן; belief

אמעראצים - אומוויסנדער; ניט קיין געלערנטער

אנונג - באגריף, פארשטענ-דעניש; understanding;

אסיפה - קאנפערענץ; בא-ראטונג

אסעקוראנץ - פארזיכערונג; insurance

אפיקורות - non-believer

אפיקורסות - פריי-דענקען; atheism

אפפערן - to sacrifice

אפי - א געוויסע מעדיצין

אריינגעשלייכט - אריינגע-קראכן

ב.א. (באיעוואיא ארגאניזא-ציע) - strong-arm squad

באלוט - געגנט אין לאדז

באלקעס (פון אייזן) - iron staunchions

באשיבוזוקן - א ווילדער שבט a wild tribe

בבל - Babylonia

"בבא מציע א" - די מיטלסטע מסכתא - אין קאדעקס פון געזעץ וועגן האנדל

בהלה - confusion, turmoil

בוטער-בראדט - sandwich

בויד - פארמאכטער וואגן

בחור (בחורים) א יונג; (יונגען)

ביאת המשיח - the coming of the Messiah

ביושים - פארשעמען; shame

ביטול - contempt,sscorn

בימה - פלאטפארמע; pulpit

בית עולם - סעמעטערי

בכיוון - אומיסטן, ספעציעל

"בלאען בילעט"-באפרייט פון דינסט פון דער ארמיי (4-F)

בעטרוג - אפנארונג; deceit fraud

בעל בטוח - אן אפטימיסט

בעת מעשה - אין יענער צייט

בפועל ממש - אין דער ווירק-לעכקייט

ברוך הבא - ווילקאמען; welcome

בריטשקעס - פעיטאן; horse and buggy; phaeton

ברית חדשה - New Testament

בר כוזיבא – דער זון פון א ליגנער
בר כוכבא – פירער פון די אידן אין דעם אויפ־שטאנד קעגן די רוימער
בר מנן – א טויטער קערפער
בשורה– נייעס ; news
בשורה (סאָציאַליסטישע) – די אידייע פון סאָציאַ־ליזם ; Socialist ideals;
בשמים־גערוך –אָנרייצנדן גערוך ; spicy odours
בתולה – הייליקע מאמע
בתי־מדרשים – די הייזער וואו מען האָט געלערנט תלמוד
גאוה׳דיק – conceited, haughty, arrogant
גאולה – אויסלייזונג
גאון – א געני, א גרויסער געלערנטער
גאָלובטשיק – טייערער
גבורה – כוח, קראַפט; strength
גוזמאות׳דיקע – איבערגע־טריבענע; exaggerated
גופא – זיך אליין; אליין
גזלן – מערדערער
גזלנ׳ישע – מערדערלעכע
גיהנום – hell, inferno
גילדן – א פעקל ציגאַרעטן
גירוש,–ים – expulsion
גלאוונעס – main
גלח – פריסטער; priest
גמרא – אראמישער טייל פון תלמוד
גנב (גנבים)– thief
גנבה (גנבות) – theft
גן עדן – heaven, paradise
געדיכט – פּאָעזיע; poetry
געמאַניעט – lured
גע׳ממת׳ט – געפערלעך גע־שלאָגן; terribly beaten
גענאָרעט – } searched;
געשנאָרעט –} burrowed

ד׳אמות – באָדן; the grounds
דאפראָס – אויספרעגונג; questioning;
דופט – געשמאַקער גערוך; fragrance, pleasant scent
דיין (דיינים)–געהילף צו א רב
דין וחשבון – אָפּגעבן א פולן באריכט
דמיונות – געדאנקען; temptations, thoughts
דערוויסט – באגעגנט ; met
דראָשקע – פערד און וואָגן פעיטאָן
דרדקי מלמד – דער וואָס לערנט מיט קינדער דעם אלף־בית
דרשה–געשאנק – wedding-gift
דרשות – sermons
הבטחות –צוזאָגעכצן; promises
הוטע – glass works
הוספה – צוגאב; increase supplement, addition
הילוך – ווי זיי גייען
הלוואה – loan
המפקיד״– קאָדעקס פון געזעץ וועגן האלטן אָדער בא־האלטן עפעס פאר אן אנדערן.
הנאה (האָבן) – באפרידיקט; enjoyed
הנחה – allowance; discount
הפקר–בילדער – צעלאָזענע געדאנקען; wanton thoughts
הפקר׳דיק – ניט פאראנט־וואָרטלעך; lawless; wanton
העק – פארוואָרפן ווינקל
התפעלות – גייסטיק דערהויבן ענטוזיאסטיש

וואָראָנע – קראָ; crow, raven
וויביסקע – צעטל; list
ווײרוך-געררוך – incense
-burning
וויכוח (-ים) דיסקוסיע;
dispute; polemicize
וויפיסקע – אײנקויפן צום
עסן; "a big spread"
ווירבל-ווינטן – whirlwinds
ווערן (איך פרואוו זיך ____)
אנטקעגנשטעלן
ווערענד – ווערן

זאָגאר – אָבער, אפילו
זאָלאָג – הנאטגעלט; אן
אדעראויף; payment
on account
זאפאסנע – אין דער רעזערוו
זכר – particle
זלזולים – זידלערייען
curses
זמן – סעזאָן; season
זעע – אָזערע; lake
זשאנדארמסקער פאָלקאָווניק-
פאָליצײ לײטענאנט
זשוליקעס – אויסוואורפן;
rascals
זשידעק – איד (פויליש –
פארגרעבט)
an insulting word for
Jew

חד גדיה – one little kid
חדר – רעליגיעזע אָנפאנגער
שולע; cheder
חוב (חובות) – debt
חודש (חדשים) –month
חוזק – שפאָט; ridicule
חוצפה – nerve
חושך – איבערקערן וועלטן
חזיר – pig
חזקה – א רעכט, פריווילעגיע
חזר איבער – repeat
חכם – זײער א קלוגער מאן
חכמה – קלוגשאפט; wisdom
חלה – ווײסע ברויט אויף שבת
אָדער יום טוב

חלשות׳דיקן – פארלאָרן דעם
באוואוסטזײן
חסיד –אָנהענגער פון חסידי-
שער סעקטע
חסידיטע – פון א רעליגיעזע
פרומע סעקטע
חפצים – אלערלײ זאכן
חרטה – פארדראָס ; regret
חרם – ex-communicate
חרפה – שאנדע; shame
חרפות – פארשעמען ; to shame
חשבון – total
חשבונות – figures
חשיבות – ווירדע, דערהויבנ-
קײט; worthiness

טהיער – skunk
טובה – צוליב טאָן; favor
טעם – (פארזוכט דעם טעם)
taste; had a taste of
טענה׳ט – argued
טרפות – ניט כשר׳ע אָדער
ניט גע׳כשר׳טע עסנס.
טשאָסאָוואָי – טורמע וועכטער
prison guard

יאוש – צווײפלונג; despair
despondency
יאוועט – איז געקומען
ידיעה – נײעס, געלאָזט
וויסן
יהוה (יאווע) – Jehovah
ימח שמו (ימח שמם) זאָלן
זײ אויף שטענדיק פאר-
שאָלטן ווערן
ימים נוראים – די הײליקע
טעג – ראש השנה און
יום כיפור
יסודות – פונדאמענטן; גרונט
פרינציפן
יצר הרה – the evil spirit
ישוב׳ט – באטראכט
ישיבה – העברײאישער אוני-
ווערזיטעט פאר רע-
ליגיעזן שטודיום

כוח (כוחות) – קראפט;
strength

כיתה - צווי סטודענטן וואָס
לערנען דעם זעלבן
געגנשטאַנד
כלב (כלבים) - הונט (הינט)
כל זמן - while
כראָמשקעט - chews noisily;
gnaws
לאַבוזעס - ווילדע אינגלעך
אָדער יונגען
להכעיס - spite
ליווערט - ברענגט
למדן - געלערנטער
לעסטיג - א שווערע מאַסע,
א שווערע וואָג;
a heavy load
לשון קודש - די הייליקע
שפּראַך; די שפּראַך פון
דער ביבל; העברייאיש
מאַליאַרש - הויז פאַרבער;
house-painter
מאַנטיעס - רעליגיעזע,אויס-
געניייטע און באַדעקטע
איבערמאַנטלען
מאַסקאָליעס - סאָלדאַטן,
soldiers
מאַרטער - יסורים, ליידן
מאַשינאַל - מעכאַניש;
mechanical
מבין - אַן עקספּערט ; expert
מגושמ'דיקע האַנט - א
מיאוסע,גראָבע האַנט
מגזם - איבערגעטריבן
exaggerated
מגיד (מגידים)- א פּריידיגער
מגפה - עפּידעמיע; epidemic
מדינה - לאַנד; country
מהרש"א - א באַוואוסטער קאָ-
מענטאַטאָר אויף תלמוד
מודה - גיב צו; admit
מונדערלעך - פון מויל צו
מויל; from mouth to mouth
מוסמכים - רבנים אָדער רע-
ליגיעזע פירער,וואָס
האָבן פאַרענדיקט זייער
לערנען.

מוסר (זאָגן)- לערנען מאָראַל;
מאָראַליזירן moralize;
מחבר (מחברים) -א שרייבער
מחויב - פאַרפליכטעט;obliged
מחותנים - די פּאָטערס און
מוטערס פון חתן-כלה
מטבע - זילבערנע געלט
מטבעות - coins
מיישב זיין (מעיאַשעוו זיין)-
זיך באַראַטן; consult
מכה - קראַנקהייט, געשוויר
מכוון (זיין) -to hit at
מלכים - קעניגן; kings
מלמד - לערער; teacher;
מלשין - באַרעדער, ליגנער
ממשות'דיקן - זייער וויכטיק
וואָגיקן, קאָנקרעטן
מנהל - (פון דער ישיבה)
דער דירעקטאָר
מסכתא - קאָדעקס פון פאַר-
שיידענע געזעצן
מסכתא יומא - "
מסכתות - איבערצו'חזר'ן
טיילן פון תלמוד
מענגע - גרויסער עולם;
gigantic crowd
מערכה (מאַראָכע) - גליק
מעשים - אַקטיוויטעטן,
האַנדלונגען; deeds
מעשי-שטן - עס האָט געטראָפן
פונקט פאַרקערט
מפרשים - קאָמענטאַטאָרן
מצווה - א גוטער טאַט
a good deed
מקיים צו זיין - דורכפירן
מקנא - ניט פאַרגינען
envious
משאות (מערצאַל פון משא)
שווערע וואָג; a load
משגיח - אָפּהיטער פון גע-
זעצן וועגן רעליגיעזע
זאַכן, ספּעציעל וועגן
כשר'ע עסנס
משוגע - נישט ביים ריכטיקן
זינען; insane

משולח (משולחים) - אגענט,
קאָמיסיאָנער; agent
משיג (זיין)- באַגרייפן
משיח - to conceive
משכילים - אינטעליגענטע
מענטשן
משמח - צו פרייען זיך
משנה - Mishna; beg. of Talmud
משרתים- אַרויסהעלפער
מת (מתים) - טויטע מענטשן
מתמיד - אן ארבעטזאמער
מענטש
מתן-תורה - די נייע לערע
נאטשאלניק - officer
of police or prison
נאכריכטן - באריכטן
נאָלאָגן -שטייערן; taxes
נביא - א זעער; prophet
ניגון (ניגונים) מעלאָדיע
"ניע גאדיעץ" - סע טויג
נישט; it's no good
נמאס ונמאוס -לאנגווייליק;
boring
נס - א וואונדער; miracle
נסיון (נסיונות) tempta-
tion
נפטר - געשטאָרבן ; died
נצחון - victory, triumph,
conquest
נקמה - revenge
נשמה (נשמות)- spirit
נתפעל ווערן - באגייסטערט,
ענטוזיאסטיש
"סאָבראניעס"-געהיימע צוזא-
מענקונפטן;
secret meetings
סאזשעלקעס - ponds
סאָיוז-סאָיוזאָוו" - א גרופע
סברא - אפשר (איז עס אזוי)
סופר (סופרים) - א שרייבער;
a writer
"סווידאניעס" - visiting hours
סחורה (סחורות) מאטעריאלן,
טעקסטילן; textiles
סטראזשניק - וועכטער; guard
gate-keeper

סטרוזש - וועכטער; guard
סכאָדקע - געהיימער מיטינג
סלונה - saliva
סנאָפּעס - sheaves
ספק (ספקות) פראגע,צווייפל
ספר - בוך; book, tome
"ספר חסידים" - דער בוך
פון די חסידים
עבירה (עבירות) - זינד; sin
עגונה - א פרוי וועמעס מאן
האָט איר פארלאָזט
עגלה - וואָגן; wagon, hearse
עגמת נפש - צער, צרות,
צעבראָכן; aggravation
עד היום - ביז היינטיקן טאָג
עדות - witness
עולה (אוולע) - אן אומרעכט
a wrong
עונש - שטראָף; punishment
עזות'דיק - חוצפה'דיק;
arrogant impudent
עילוי -געני; genius
עיקר (עיקרים) הויפט זאך
עם הארץ - אומוויסנדיק,
ניט קיין געלערנטער
עם הארצים - מערצאָל "
עמוד - pulpit
עמוד-האש - column of fire
ענין (ענינים) זאכן,
טעמעס, געשעפטן
עסק (עסקים) - געשעפטן;
עצם - the main thing
עקשן - אן איינגעשפארטער
מענטש; stubborn
פאוואָליע - slowly
"פאווערקעס" - roll-call
פאכוועס - armpits
פאַלטאָ - ווינטער-מאנטל
פאָמעשאָף - slop-pail;
liquid waste barrel
פאנטאָפל - שטעק-שיך;
slippers
פאסמע - א לאנגע ריי
פאָקאָיאָווע - פוילישע דינסט
פה נקבר - here lies
buried

פועל'ן - prevail, persuade
פחד - מורא, שרעק; fear
פטור - פארטיק ; finished
פטור צו ווערן - פארלירן, אָפּוואַרפן
פסול'ע - עפעס וואָס איז נישט כשר
פסול'ער עדות - א מענטש וואָס מען קען ניט גע- טרויען
פסוקים - ריכטער; judges
פסתא - Easter
פעולה - effect, progress
פענסנע - אויגן-גלעזער; pince-nez
פערסאָדקעס - leaping as in Cossack dancing
פראָגולקעס - exercise period
פראָוואָל - trench to keep prisoners from escaping
פרוכת - Curtain of the Holy Ark
פרושים - קאָמענטאטאָרן
פריסוסטטוואָ - Draft Boards

פריסטאָוועס - אינספעקטאָרס; sheriffs
פריקאזטשיקעס - sales clerks
פרעציישע - Prussian
פרצוף - פנים; face
פאָניע - א גרויס-רוס
פאראכפערט - געהויבן, געשעצט
פארבריטשנער - פאבריק- ארבעטער
פארדראָטעוואָטער (חסידיש אידל) a fanatic Chassidic Jew
פארטושט געוואָרן - covered up
פארטיקן - פארענדיקן
פארטריבטע - troubled; disagreeable
פארלעסלעכע - neglected
פאר'עקשנ'טע - stubborn, difficult
פאָרצוג - preference, advantage
פארצעגער - procrastinate
פארשטארט - פארגליווערט; petrified, paralyzed
פארשייט געלעכטער - wanton laughter
פולפאסיק - suitable
פורכט - מורא, שרעק
פלעגע - אכטונג געבן
פלעג זיך (בעסער) - גיב אכטונג אויף זיך
צדיק - א הייליקער מענטש
צדקה - charity, philanthropy
צוואלנדיקן (קעסל) - א גאָר גרויסער טאָפּ
צוועקמעסיק - פאר א געוויסן צוועק; purposeful
צו להכעיס - to spite
צונטער - צום צינדן; tinder
"צוסימיאיס" - attacks
"צוראספּאלשעטער" סטאדע - איבערגעשראָקענע סטאדע
ציצית - religious, fringed shawl
ציציליסטן - סאָציאליסטן
צניעות'דיקע - modest, chaste pietous
צעבער - bowl
צעבער (אייזערנער) iron bowl for human waste
צע'מזיק'ן - צעשלאָגן
צעפלאָשעטע (שאָף) - איבער- געשראָקענע (שאָף)
קאוויר - גאראנטיר ; guarantee
קאָזאצקע - קאָזאקישע
קאזעמאטן - solitary confinement
"קאָל סלאווען נאש" (רוסיש) געזונגען אין קלויסטער פסתא ("איסטער")
קאמער - צימער; prison-cell
קאנטאָרן - offices

קאָנסטאַטירט - asserted, stated
קאַנצילאַריע - office
קאַרצער - טורמע; prison
"קב הישר" - נאָמען פון א רעליגיעזן בוך
קובערס - פאַרגלאָצטע אויגן; staring eyes
קודלען - קרייזלען; to curl
קויקע - prison cot
"קטאָ טאַם?" - ווער איז דאָרט?
קול - שטימע; voice
קוסטאַר - bushes
קינזשאַלן - מעסערס; daggers
קיסר - קעניג; רוסישער צאַר; king, czar
קיפּיאַטאָק - קאָכעדיקע וואַסער boiling water
קלויטשניק - וועכטער; guard
קליפּה - באָל; ball
קללות - ווי-געשרייען; curses
קעל - האַלדז throat;
קעשענע גנבים - pocket thieves- pickpockets
קצב (קצבים) - butcher
קרבן (קרבנות) - מאַרטירער; martyr, victim
קרוב - מיטגליד פון משפחה
קרובים - משפּחה; relatives
קריאת-שמע (לייענען) א תפילה וואָס מען זאָגט ביים אויפשטיין אָדער שלאָפן-גיין.
קריזאָטע - tension
קשיא (קשיות) - פראַגע

ראַבונעק - מאַסן רויבעריי
ראש ישיבה - דירעקטאָר פון דער ישיבה
ראשי הישיבה - די הויפט פירער פון דער ישיבה
ראַטע - גרויסע
רגע - סעקונדע; second
רופא - דאָקטאָר; doctor
רושם - טומל; noise

רחמנות - סימפּאַטיע; pity sympathy
ריח (ריחות) - odor, smell, fragrance
ריטשען - שרייען אויף א גאַר הויכן קול; scream
רייף - א רינג; tire, ring
רכילות - באַרעדן; gossip
רלב"ג - רב לוי בען גרשון, גרויסער פילאָזאָף פון 14-טן יאָרהונדערט
רמב"ם (ראַמבאַם) - ר' משה בן מאַימון; Maimonides
רעווירנאָווע - parole officer
רפואה - remedy, cure
רציחה - מערדערלעך
רשות - אונטער דעם אויפזיכט פון
שאַנצן - entrenchments, bulwarks
שבחים - לויב געזאַנגען
שבט - tribe
שד (שדים) - טייוול; devil
שהיות - dilly-dallying
שוטה - נאַר; fool
שורה (שורות) ריי; line,row
שותף (שותפים) - partner
שותפות - partnership
שטוקעריי - knocking
שטירצן - to overthrow,fall
שטן - Satan
שטריימלעך - פוטערנע רבנישע היטלעך
שייטל - פערוק געטראָגן פון רעליגיעזע פרויען
שימף-ווערטער - insulting words
שינעס - railroad tracks
שיעור - almost, limit
שיצן - shuttle used in the weaving and textile indus.
שכור (שכורים) - drunk
שכירות - wages, salary
שכן (שכנים) - neighbor
שכר - לוין, באַלוינונג

שלויען - sly, cunning
שליחותן - errands
שליטה - grip, power
שלים מזל - אומגליק, אום-
גליקלעכער
שמד-שטיק - ווילדע שטיק;
wild oats
שמירה - a guard watch
שמש (שאמעס) - sexton
שעטקעווען - צעשניידן אויף
שטיק-שטיקלעך
שעלמישן (בליק) - brazen,
arrogant
שעניק (שעניקעס) mattress,
straw pallet
שעת-הכושר - the right time
"שפוך חמתך" - גיס אויס דיין
גרימצאָרן
שרפה - פייער; fire
תהילים - Psalms

תוספות - קאָמענטארן צום
תלמוד
תורת משה - די גאנצע ביבל
תחית המתים - פון טויט לעבע-
דיק געוואָרן
תלמוד - Talmud
תלמוד תורה - Talmud Torah
תלמיד (-ים)-סטודענט
תמ׳עוואטע - stupid
תנאים - די וואָס האָבן געשריבן
דעם תלמוד
תנ"ך - די ביבל
תנצבה - May the soul ascend
to heaven
תענוג - פארגעניגן
תענית - פאסטן; נישט עסן
תפילה (-ות) - prayer
תרפות - נישט כשר׳ע עסנס
תשעה באָב - טרויער-טאָג וועג
מען פאסט

ביכער

"דברי ימי עולם" - א בוך וועגן וועלט גע-
שיכטע, אין העברעאיש, פון קלמן שולמאן

"עמק הארזים" - א בוך מיטן נאָמען "דער טאָל
פון דעם לינדענבוים", וועגן דער שפאני-
שער אינקוויזיציע

"חיי המלכה איזבל" - א שפיל וועגן שפאניע און
די מלכה איזאבעלא.

"ואני ברוך חסדק" - א תפילה וואָס ווערט געזונ-
גען אין אָנהויב פון דעם דאווענען.

פראזן

"ונחתי מופתים בשמים ובארץ - דם, אש ותמרות" -
"איך האָב געצייגט וואונדער אויפן הימל און אויף
דער ערד - בלוט און פייער, און א רויך וואָס איז
געגאנגען גלייך אזוי ווי א טייטלבוים."

"חינם נמכרתם ולא בכסף תגאלו" - "איר זייט פאר-
קויפט געוואָרן פאר אומזיסט, און איר קענט פאר
קיין שום געלט נישט אויסגעלייזט ווערן."

"נעך זשיע פיערשי מאי!"- דאָס וועט פאָרקומען דעם
ערשטן מאי.

"ווסטאן פאָדנימייסיא ראבאָטשי נאראָד!"- שטייט אויף,
ארבעטער! דערוואכט!

"נעך זשיא ספראווא ראבאָטשניטשע" - די ארבעטער
וועלן טרין וויסן וואָס צו טאָן.

דער י. ב. ביילין בוך קאָמיטעט באַדאַנקט האַרציק די פאָלגענדע פריינט וועלכע האָבן זיך פאַרשריבן אַלס ספּאָנסאָרס, און מיט זייערע בייטראָגן דערמעגלעכט, אַז דער בוך זאָל קענען דערשיינען.

אָ ר ג א נ י ז אַ צ י ע ס

דער י. ב. ביילין איקוף קלוב, ברוקלין

דער י. ב. ביילין שטודיר גרופּע, נ. י.

וואַרשעווער אסתר באַלטיק סאָסייעטי, נ. י.

זאַמאָשטשער פּרץ סאָסייעטי, נ. י.

מידל בראנקס קולטור קלוב, בראנקס

שרה בארקאן לייען קרייז, איסט אָרענדזש, נ. דזש.

פּאַרקסייד פראַטערנאַלע סאָסייעטי, בראַנקס

פּרץ גראַדזיסקער עיד סאָסייעטי, בראנקס

ראַשדעיל ווילעדזש קולטור קלוב, דזשאמעיקא

אידישער קולטור קלוב, לעיקוואוד, נ. דזש.

א. ראבאַי איקוף קלוב, ברוקלין

י ח י ד י ם — נ י ו י אָ ר ק

אַדלער, יאַנקל, אין אנדענק פון פייגל אדלער

אוערבאך, לעאַ און גאָלדע

אורליכט, ראוז

איצקאָוויץ, סאָניע און בען

אנטאָנאָף, דיינע און בען

אראנאָף, חנה

ארטשעס, סעמיועל

אָרענשטיין, אברהם און סילוויע

באומעל, מרים

באָרון, פעני און סעם

בודיש, רבקה

ביילין, מאָרי און בעס,

ביילין, משה און פייגל

בערנשטיין, ראָוז

גאָלדבערג, הייזעל

גאָלדשטיין, מאָריס און מאלי אין אָנדענק פון

שרה גאָלדשטיין

גודמאַן, בלענטש

גלוקאָפּט, ב.

דאָראָשקין, יאנקל און ציטל

דזשענאָפּסקי, אברהם און פרידא

דזשענקינס, מאקס און לינע אין אָנדענק פון אונדזערע עלטערן, בנימין און בתיה דזשענקינס און יצחק און יוכבד דיפּאָלאָוואַן

דייווידסאָן, עטל

דעמבינסקי, לעמל (דעמבין, לואיס) געזעסן צוזאַמען מיט י. ב. ביילין אין לאָדזשער טורמע

הובער, סאָפי

העיבאָוויץ, פאול

הערמאַן, ב. פ.

וואסערמאַן, ראָוז און קאָדל

וואסערמאַן, רבקה און שלמה

ווארשאווסקי, מאיר

טשארנאָווער, יוסף

טענענבאום, בעלא און דזשעק
יוקלסאָן, ראובן און פייגל
לאנגערט, סיליע
לאנדיס, בעלא און אסקאַר
לאָסעוו, הינדע
לייזעראָוויטש, רחל
לייזעראָוויטש, יאנקל
ליפּצין, סעם
לעווין, ראוז און סיימאָן
לעווין, ס. ד. און מאלי
לעכאָוויצקי, אברהם
לערמאן, פּיליפּ אין אָנדענק
פון מיינע עלטערן לערמאן און
שוועסטער וואָס זיינען צוזאַמען מיט
י. ב. ביילין געווען פאַרשיקט אין
טשארני־יאַר, אסטראכאנער גובער־
ניע אין די יאָרן 1908 — 1909.
מייראָן, יהושע
מוראָוויץ, ב.
מענדעלסאָן, ה. ב.
מענספילד, מרס.
נעלסאָן, לאה און סעם
נעלסאָן, איווא
נודעלמאן, יוסף און סאָניע
סוסמאן, סעם
סיימאָן, סעם
סילווערמאן, מרס און מרס.
סטוירן, סעם
עלמאן, בוירניס
עפּשטיין, מר. און מרס. דזשוליוס
עקהייזער, ראובן
פּאסיקאָף, אלטע
פערל, קאַטיע

פּרעס, הערי
פּאָגעל, פּאולין
פינקלשטיין, י.
פישמאן, יעקב
פריד, י.
פרידמאן, געניע
קאָהען, דזשעני
קאָהען, דזשאנעט און יודל
קאָהען, ברוך און הלל
קאָהען, שערל און סקאט
קאָהען, סיליע
קאָהען, ראָוז
קאָלטער, מר. און מרס. א.
קוואט, יעטע און דזשעק
אין אָנדענק פון אונדזער
באַליבטע טאָכטער, מעי קוואט
קופער, פייגל
קיימען, אידיט סיגל
קיימען, סעם
ראָלער, בען
ראָמאנאָפסקי, א.
ראפּאפּאָרט, נח
רובינסקי, סעם
ריבאק, פעני
רייזוואסער, הילדא
רייכמאן, דזשעק
ריטשלין, יצחק
שאפּעס, מאָריס
שווארץ, חיים
שיינהאוס, בעסי
שניצער, לואיס
שקאָלניק, אברהם און שרה
שעפּער, דר. י.

קאנאדע

מאָנטרעאָל

בעקער, י., מאָנטרעאָל
בראון, מ., מאָנטרעאָל
מענדעלע־שלום עליכם לייען קרייז, טאמארקין, שרה, מאָנטרעאָל

פלארידא

בענאָוויץ, איווא און בען, מיאַמי
בלאט, סעם און פעני, מיאמי
ווײַנטראוב, טשארלס און שרה, מיאמי
טוראָף, מיוריעל, קאַרל געיבלס
כאווער פאווער לייען קרייז, מיאמי
מילער, שאול און ראוז, מיאמי
מעלצער, לואי און יעטא
סאפּאָלסקי, ווילי און שרה, מיאמי
סילווער, סילוויע און דזשוליוס, מיאמי
פעסקאָף, אייב און ען, מיאמי

שיקאגאָ

חפץ ז. און מרים
פּאָמעראנץ, איזידאָר

ניו דזשוירזי

אפּעל, מר., אזבורי פּארק
פּעלצמאַן, יצחק און פּעני, אזבורי פּאַרק

קאליפאָרניע

קאָהען, נייטן, סאנטא מאניקא
קאפּלאן, קעי פּראַנט, וואודלאנד

מאסאטשוסעטס

קראסנער, ראובן און מרס.

באַך ספּאנסאָרס פון ניו יאָרק

בינגער, נעדי און נייטן
גראָספעלד, הדסה
האָבאר, פרידא
נעלסאָן, וואָלטער און מערי
קאָן, ראוז

אנדערע ווערק פון י. ב. ביילין

קארל מארקס (ביאָגראפיע) ניו יאָרק, 1925
בראָשור

פערדינאנד לאסאל (ביאָגראפיע)
(בראָשור) ניו יאָרק, 1926

שפאניע אין ברען פון בירגער קריג
(בראָשור) ניו יאָרק, 1936

די מלחמה אין דעם פאסיפיק (בראָשור)
ניו יאָרק, 1942

עמא לאזארוס (א ביאָגראפיע) (בראָשור)
ניו יאָרק, 1946

ביכער

יעקב שיפער, זיין לעבן און שאפן,
ניו יאָרק, 1938

פערזענלעכקייטן אין דער געשיכטע פון אידן
אין אמעריקע – באנד איינס, ניו יאָרק
ניו יאָרק, 1955

פערזענלעכקייטן אין דער געשיכטע פון אידן
אין אמעריקע – באנד צוויי,
ניו יאָרק, 1965

Faculty Press, Inc., Brooklyn, N. Y.